STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 16172

# VOLINER YIDN

L. Olitsky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

# ל. אליצקי

# וואלינער יידן

0-657-16172-1
unscanned
5598

Digitized by the Internet Archive
in 2012 with funding from
National Yiddish Book Center

http://archive.org/details/nybc216172

וואָלינער ייִדן

✶

ל. אָליצקי

L. OLITSKY

**Woliner Jden**

©

ל. אָליצקי / וואָלינער ייִדן

פאַרלאַג „על המפתן"

נדפס בישראל תשל"ג

דפוס „חבצלת", הרצליה

ל. אָליצקי

# וואָלינער ייִדן

ראָמאַן

פאַרלאַג „על המפתן"
תל־אביב, תשל"ג — 1973

כ׳דאַנק האַרציק די פריינד אין לאַנד און אויסלאַנד,
וועלכע האָבן בייגעהאָלפן דאָס בוך זאָל דערשיינען,
און די חברים: אורי אַלפערט, אריה ארז, רות ברע-
נער, ח. חזנוולד, נחמיה גוטשטיין, אליהו מאַנדל, און,
בעיקר, שמחה לביא, וואָס האָט דערפירט צום גמר.

וחי אלהים, אם יאבד אחד מעפעפיכם
ואם יפּל ארצה הקטן בזעזועי נשמתכם!
כשירת הכוכבים כן יעמדו ירעדו לנצח בחלל העולם.

ח. נ. ביאַליק (יהי חלקי עמכם ענוי עולם)

און כ׳שווער ביי גאָט, ס׳וועט נישט פאַרלוירן גיין פון אייער ברעם
קיין צוק קיין איינער,
און ס׳וועט נישט גיין לאיבוד פונעם נפש אייערן דער מינדסטער
צאַפּל!
ווי דאָס געזאַנג פון שטערן זיי געווערן, ציטערן אין וועלטרוים
אייביק.

געהייליקט
מיין ברודער שׂמחה און זיין פרוי בתיה
— פון די אייביקע ענוים —
און זייערע קינדערלעך,
אסתרל און מאירל, הי״ד

*

איך זיץ מיט דער פען אין האַנט. פאַר מיר אויפן שרייבטיש — וואַרטנדיקע ווייסע בויגנס פּאַפּיר, ווי אָפּגעשניטענע פון תכריכים־שטאָף. אַקעגן מיר — דער געפּלעקטער זכרון־שפּיגל פון דער פאַרגאַנגענהייט. אויך ער וואַרט נישט מיט ווייניקער אומגעדולד. איך זע אין אים ייִדיש לעבן אין די קליינע וואָלינער שטעטלעך, ווי לוהיסק און אַנדערע, צווישן דעם לוג און דער טוריע.

די שטעטלעך עקזיסטירן שוין נישט מער אויסער אין די זכרון־שפּיגלען פון די לעצטע, דורך נסים געראַטעוועטע. די נאַציס, ימח שמם, האָבן זיי פאַרטיליקט, פאַרברענט, פאַרקוילט און פאַראַשט.

וואָס איך זע אין מיין שפּיגל, טראָג איך אַריבער מיט טינט און פען אויף די ווייסע בויגנס פּאַפּיר, ווי אָפּגעשניטע פון דעם תכריכים־שטאָף, צו וועלכן ס׳האָבן נישט זוכה געווען די אומגעבראַכטע —

פאַר די ווייטערע דורות.

*

דאָס בוך האָט געזאָלט האָבן, און וואָלט אפשר אויך געהאַט אַ המשך אין נאָך צוויי ביכער, צו דערפירן דעם ראָמאַן ביז צו דער שואה. אָבער — ס׳דינט מיר נישט די צייט, וועלכע איך פאַרוועגד לעצטנס אויף איבערזעצן און איבער־דיכטן מיינע פּאָעטישע שאַפונגען אויף עברית, וואָס אויף איר האָב איך אין מיינע פריִע יוגנטיאָרן אָנגעהויבן שרייבן מיינע ערשטע אומרייפע שירים.

# ערשטער טייל

# א

לייב „שרייבער" *, אַ ייִד אין די דרייסיקער יאָרן, מיט אַ פּאַרגלעטיקט, אַרונטערגעבערשטלט געל בערדל, אַ האַרטס, ווי פון קופּערבלעך, איז נישט קיין היגער, קיין לוהיסקער.

לויטן שכל־הישר איז אַזאַ ייִד שוין אַוודאַי אַ באַווייבטער. אָבער געקומען אַהער איז ער איינער אַליין. וואָלט מען געקאָנט זיך משער זיין, אַז ער איז אַ גרוש, אָדער אפשר אַן אַלמן, קומט ער אָבער שבת אין בית־מדרש־שטיבל דאַווענען מיטן ערשטן באַלמעלאָכישן מנין אָן אַ טלית־זאַק. אין מיטן דער וואָך קוקט דער בית־מדרש אין גאַנצן זיין פּנים נישט אָן.

גיי ווייס! אַז זעליק פישער, וואָס איז אויך אַ שדכן, האָט איין מאָל די העזה (וואָס טוט נישט אַ ייִד צוליב פּרנסה!) אים איבערצופרעגן וועגן דעם, שטעלט ער אָן אויפן פרעגער די געלבלעך־גאָלדענע, אָפענע און תמימותדיקע אויגן וואָס פּרוּווּן נישט צו באַהאַלטן עפּעס־וואָס, און ענטפערט אים גאַנץ גלייכגילטיק:

— ניין. כ׳בין אַן אַלטער בחור. טראַכט אַפילו נישט צו ווערן אַ באַווייבטער.

נאָר אַז זעליק שטייט צו צו אים, ווי אַ זלידנע פליג, מיט ווייטערע שאלות, לאָזט ער שוין אויס אַ ביסל בייזלעך, אָבער אויך אָן כעס:

— איז וואָס נעמט איר זיך עס אַזוי צום האַרצן, רב ייִד? זענט איר אַ שדכן אפשר? אַז כ׳וועל אייך דאַרפן, וועל איך אייך שוין מודיע זיין.

— ווי דאָס האַרץ זאָגט אייך. — ענטפערט אים זעליק מיטן ערנסטן פּנים און שטייענדיקע פישענע אויגן. — בינען בין איך אַ פישער, מע רופט מיך זעליק פישער, אָבער כ׳בין אויך אַ שדכן. און נישט איין העכטל איז שוין אין מיין נעץ אַריינגעפאַלן. אַ גוטן טאָג.

---

* אַזוי פלעגט מען רופן אַ לערער.

זיין לשון, לייב "שרייבערס", איז אַ פּרעמדלעכס. מע זאָגט אַז אַזוי רעדן בעסאַראַבער ייִדן. ער זאָל זיין אַ קעשענעווער.

דער איינציקער אין שטעטל מיט אַ האַרטן קאַפּעליאַש, מיט אַ דריי־פּערטלדיקן אַלפּאַגענעם כאַלאַטל אין דער וואָכן און אין אַ שוואַרצן טוכענעם מאַנטל אום שבת, מיט אַ גומענעם קאָלנער און "הערצל" מיט אַ קאָלירט שניפּסל, און מיט גומענע מאַנזשעטן מיט פּערלמוטערנע ספּינקעס, — דערלאָזט עס נישט מע זאָל אים אַפילו מיט דער צייט אָנהייבן פילן ווי אַ היימישן. ער איז עפּעס ווי אַן אויסטערלישער פּאַרשוין פון אַן אומבאַקאַנטער ווייטער מדינה. דער ערשטער בעסאַראַבער ייִד, וואָס מע זעט דאָ אין שטעטל. בלויז אין טריסק, אין רבינס הויף זעט מען אונטער אַ יום־טוב אַזעלכע ייִדן.

אָבער ס'איז דאָ אַ הוא־אַמינא אַז געקומען אַהער איז ער טאַקע פון טריסק. אַזוי ווי דער ווינן אין טריסקער הויף ווערט באַצויגן פון קעשענעוו, האָט מען אויך אים פון דאָרטן געבראַכט פאַרן הויף. ער איז דאָרט געווען בסוד־סודות דער "שרייבער" וואָס האָט געלערנט מיט די הויפישע "קינדער", מיט די מיידלעך: תנ"ך, שרייבן אַ ייִדיש בריוול, אַ רוסישן אַדרעס און חשבונען. פאָר וואָס זשע איז ער אַוועק פון אַזאַ הייליק־כשרן "סיר הבשר"* אַהער, קיין לוהיסק? איז אַ סברא, אַז ער איז טריף געוואָרן פאַרן הייליק־כשרן "סיר הבשר" צוליב אַ מיאוסע מעשה: נעבעך נכשל געוואָרן דער אַלטער בחור דווקא מיט אַ יונגער בתולה, אַ חסידס אַ טאָכטער. חתונה האָבן מיט איר, פאַרשלייערן איר שאַנד, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. נו, האָט מען אים אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע און משלח געווען שאַ־שטיל, אַז קיין האָן זאָל נישט קרייען. כדי ער זאָל זיך וואָס גיכער אָפּטראָגן, האָט מען אים באַשטאַט אַהערצו דורך מרדכי שוחט, דעם טריסקער חסיד. דער חסיד וועט דאָך אַוודאי נישט קרייען... ס'איז אויך אַ סברא, אַז ער איז פון דאָרט אַוועק נישט מיט ליידיקן — טאַקע אָן אַ ווייב, אָבער מיט אַ נדן.

מרדכי שוחט קנייטשט מיט די ברייטע פלייצעס אויף די דאָזיקע רייד, און זיינע אַ ביסל אַרויסגעשטאַרצטע אויגן ווערן בייזלעכער און

* פלייששטאָפּ.

רויטלעכער: ער ווייסט נישט אַוועלכן לעקיש ס׳האָט זיך אַזאַ וויסטער חלום געקאָנט חלומען!

— סיי ווי, — טוט אַ זאָג אַ באַלעבאַטישער ייִד, סראָליק חיה לאהקעס, הינטערן שוחטס פּלייצעס, — קאָן מען זיך שוין אָנשטויסן וועגן זיין ייִדישקייט, דעם "שרייבערס". ווייל אַפילו אין אַ וויסטן חלום איז דאָך אויך מסתם פאַראַן אַ שמץ אמת.

אַזעלכן וואָלט מען נישט באַדאַרפן לאָזן אַריבערטרעטן אַ ייִדישע שוועל. איז ער אָבער שבת דער בעל־קורא, כאָטש אין אַ פרעמדן טלית, אינעם ערשטן באַלמעלאָכישן מנין. האָבן באַלעבאַטישע מענטשן מורא מיט אים זיך אָנצוהייבן: מע וועט דאָך האָבן צו טאָן מיטן "נאַראָד" — עמך־שער־און־אייזן.

מע דערציילט־נאָך, אַז דער גבאי פון זייער מנין, פּנחס שמוקלער, אָדער פּנחס מתנגד, אַן איידעלער באַלמעלאָכע, וואָס לערנט שבת ביי טאָג אין בית־מדרש פאַר זיך דעם מדרש צו דער פּרשה פון דער וואָך, טענהט אַזוי ביי זיי אין שטיבל:

— די מעשה איז טאַקע אַן אמתע מעשה, נאָר נישט מער ווי אויף אַ העלפט. מיט אַ חסידישער בתולה איז טאַקע דאָרט, אין טריסקער הויף, געשען אַ מכשול...

— ווי שיקט זיך עס אַזאַ מין זאַך? — פאַלט אים אַריין אין די רייד דער טאַנדעטניק, מאָטיש "מיט די שוואַרצע יאַגעדע־לעפצן", בעת זיין פּנים לייכט פון שמייכל, און די אויגן פינקלען ממזריש.

— סע שיקט זיך. — קומט אים דאָ, פּנחסן, צו הילף שימענקע שטאָט־לץ. — מסתם איז דאָס אַ בתולה אַ כאַכיימע, איז זי געפאַלן אויפן "שכל" פון אַ "בת איש כוהן"...* אָבער ווער ס׳האָט געמאַכט אויף דעם שבת־קויליטש די "המוציא", דאָס בלייבט שוין אַ הויפישער סוד, ווי אין פּסוק שטייט: "אַל תגידו בגאַס" ** — די גאַס זאָל דערפון נישט וויסן. האָט מען דאָך געמוזט געפינען אַ שעיר־לעזאזל, נו, איז דער גורל געפאַלן אויף

---

* אַ וואָרטשפּיל לויטן פּסוק (ויקרא כא, ט): "ובת איש כהן כי תחל לזנות" — און די טאָכטער פון אַ מאַן אַ כוהן, אַז זי וועט זיך פאַרשוועכן מזנה צו זיין...

** איר זאָלט נישט זאָגן אין גת — אַ וואָרטשפּיל: די שטאָט גת — גאַס.

אונדזער לייב "שרייבער", און מ'האָט אים פאַרשיקט פונעם "בית־המקדש" אין טריסק אין דער מדבר פון לוהינסק. ווער ווייסט, צי ס'איז נישט אמת, אַז טאַקע אונדזער שוחט איז עס געווען דער "איש־עתי"? *

— רב פנחס, — קנייטשט מאָטיש דעם שטערן, שטאַרצט אַרויס מרה־שחורהדיק די יאַגעדע־לעפצן און זאָגט פאַרזאָרגט און מיט דרך־ארץ, — אייערע פירשפּרעכערישע רבנישע רייד זענען פאַר מיין באַלמעלאָ־כישן קאָפּ אַ צו שווערע עברי. נישט פאַר מיינע ציין, נישט פאַר אייך גע־דאַכט. נאָר וואָס דער פסוק מיינט, דאָס פאַרשטיי איך גוט: אונדזער בעל־קורא, אַ נאַש בראַט, איז דאָס כפרה־הינדל פאַר אַ הויפּישן קינדער־באַל־מעלאָכע.

און ווינען ווינט ער, לייב "שרייבער", ווי אַ קאָמינעק, אין דער בוינעגאַס, אין אַן אַלקער ביי וואָלף "שיקסע"־שניידער. זיין ווייב, וואָלפּעכע "מיטן פראַנצעוואַטן נעזל", קאָכט פאַר אים, פאַרן קאָמינעק, באַקט פאַר אים, וואַשט זיין וועש און פאַרצערוועט אַ זאָק.

— נישטאָ וואָס צו רעדן. פאַר אַזעלכער איז דאָס אַפילו אַ כבוד, — זאָגט פעלטע לאה די שניטקרעמערין ביי זיך אין קלייט, ווען ס'ווערט וועגן דעם אַ רייד, — נאָר פון באַלעבאַטישע קינדער זאָל ער זיין אויסגעמיטן.

## ב

עטלעכע יונגע איידעמלעך, ערשט נישט לאַנג נאָך דער חתונה, פריש־געבאַקענע קרעמערלעך, לאָזן זיצן זייערע ווייבלעך מיט די אויס־געקיילעכיקטע בייכלעך אויף די קעסטלעך פאַר די שוועלן פון זייערע קלייטן. זיי זאַמלען זיך אין אַ רעדל און פאַרפירן אַ שמועס, מחמת נישט האָבן וואָס צו טאָן, וועגן "שטאָטישע ענינים".

— אַ פאַרפאַלק, וואָס האָט קיין קינדער נישט, זאָל אַריינלאָזן צו זיך

* אַן אומיסטנער מענטש — דער וואָס האָט אָפּגעפירט דעם שעיר לעזאזל.

אין שטוב אַ ז אַ קאַמינעק ?! — ווונדערט זיך נאָטל שעיהס, בעת זיינע פינגערשפּיצן פון דער רעכטער האַנט שפּילן זיך מיט זיינע דריבנע לעקעלעך איבערן נאַקן אונטערן היטלראַנד. — וואָלף שניידער גייט דאָך יעדן טאָג, צוויי מאָל אין טאָג דאַווענען, אין דער פרי מיטן ערשטן מנין און פאַר נאַכט צו מנחה־מעריב, און וואָלפעכע בלייבט אין שטוב אַליין מיטן קאַמינעק... אויף יחוד הייסט עס, און אַ שפּריכוואָרט זאָגט: ״אַז מען לאָזט אַ נקבה מיט אַ זכר אַליין אין הויז, קומט קיין גוטס נישט אַרויס״.

— אַז מע וויל, קאָן מען עס פאַרענטפערן. — רופט זיך אָפּ שמעון פּיניע קאַפּטשעקס מיטן ערנסטן ווייסראָזלעכן פּנים, אויף וועלכן עס שימערט אַ פּוכענער, שיטערלעכער באָרדשפּראָץ. — דאָס ערשטע מנין האָט אַ טבע אָפּצוכאַפּן דאָס דאַווענען, ווי הייסע לאַקשן. סע וואָרט אויף זיי די ארבעט אין דער היים. נישט לאַנג זאָמט ער זיך, וואָלף, אין בית־מדרש.

אָבער דאָ טוט פון זיינע העלע אויגן, ווי גלעזערנע, אַ פינקל אַרויס אַ ציניש שמייכעלע, און ער לאָזט אויס:

— אָבער... אָפּצוכאַפּן ״עפּעס״ פאַר דער דאָזיקער צייט אין דער היים קאָן מען אויך ״אוספּייען״.

העלפט אים אונטער גרשון ציפּעס, אַ שוואַרץ יונגערמאַנטשיקל, אַ דאַרס, ווי אַ באַרנשטעקל, מיט אַ פּסוק:

— ״אָכלה ומחתה פיה ואָמרה: לא פעלתי און״. *

— אַ משל! — טוט אַ זאָג מיט ביטול פּיניע יעקב הערשס, אַ דיקלעכער מיט פּוכלע באַקן, ווי פּאַמפּעשקעס, וועלכער פאַרגעסט נישט קיין מאָל זיך צו גרייסן דערמיט וואָס ער האָט געלערנט ביי שמעלקען, דעם איינציקן מלמד אין שטעטל וואָס לערנט מיט די תלמידים תנ״ך. — ווי קומט אַ פּסוק צו וואָלף ״שיקסע״־שניידער? ער האָט דען געלערנט ביי שמעלקען?

— חכם בלילה! — פינקלען ווידער מיט שמייכל שמעון פּיניע קאַפּטשעקס העלע אויגן. — אַדרבה, ווייל ער ווייסט נישט דעם פּסוק, קאָן דאָס ווייב שפּילן מיט אים אין בלענדזשעניש: ״כאַפּ מיך!״ זי פאַרשטייט

* זי האָט אָפּגעגעסן און אָפּגעווישט דאָס מויל און געזאָגט: איך האָב נישט געטאָן קיין בייז.

עס צו טאָן, דו שמעלקע איינער, אָנעם פּסוק.

דאָ דערנענטערט זיך צום רעדל מיט פּאַמעלעכע, שטילע טריט, כאָטש ער גייט אין שטיוול מיט פּאָדקעוועס, יואל לייבס, זעליק פישערס איידעם, אַ פּאַרפּרומטער יונגערמאַנטשיק, וואָס האָט אַ טבע רויט צו ווערן אויפן גאַנצן פּנים, ווי אַ צניעותדיק מיידל, ווי נאָר ער עפנט דאָס מויל אַ וואָרט צו זאָגן. ער בלייבט שטיין זייטיק, כלומרשט גלאָט אַזוי

זיך, זיך איינהאָרכנדיק מיט איין אויער צו די רייד. איין אויג האַלט ער פאַרזשמורעט און דאָס צווייטע אָפן. ער לאָזט עס נישט אַראָפּ פון זיין שטאַלטנע ווייבל, וואָס זיצט אויף אַ שטול ביי זייער קלייט, און איר בייכל בערגלט זיך אַרויס פונעם פאַרטעך נאָך אָנזעעוודיקער פון איר היפּשן בוזעם. ווי ער וואָלט דאָ געשטאַנען בלויז, כדי זי בעסער צו באַטראַכטן מיט אַ מבינותדיק אויג.

— הייסט עס, — פלאָנטערט ווידער נאָטל שעיהס מיט די פינגערשפּיצן די לעקעלעך אונטערן היטלראַנד, — אַז נישט אומזיסט איז מען אויף איר "מוציא לעז" *, אַז זי איז מוידוויז געווען אין לודמיר, נישט קיין דינסט אין אַ באַלעבאַטישער שטוב, נאָר אין אַ קהלש הייזל מיט רויטע פירהאַנג־לעך אין די פענצטער.

— אָוואַ! — לאַכן פיניע יעקב הערשס פּאָמפּעשקעס מיט חוזק, — ביסט, נאָטל, ממש אַ קאָלומבוס! פון יענעם עסק איז דאָך איר פאַרבליבן דער "זכר ליציאת מצריים" — דאָס פּאָנפּעוואַטע נעזל... ווי איך האָב געלערנט ביי שמעלקען אין ישעיה: "ואדושם פּתהן יערה". ** און איר וואָלף הייסט ביי איר: וואָנדף... וואָנדף...

— איז ווידער דאָס אייגענע, — פינקלען־שמייכלען ציניש פון שמעון פיניע קאַפּטשעקס ערנסט פּנים זיינע העלע גלעזערנע אויגן, — וואָנדף האָט דאָך זיכער געוווסט אין אַ וואָסער "אַכסניה" זי שטייט דאָרט איין. מ'עז זאָגט: ער פלעגט אָפּט אַראָפּכאַפּן זיך צו איר קיין לודמיר, ווי אַ חתן צו זיין כלה, זיך זעען מיט איר און שפּילן אין ליבע. איז אויב ס'איז פאַר אים ד ע מ ל ט רעכט געווען, איז פאַר וואָס זאָל עס אים אויך ה י י נ ט נישט

---

* באַרעדט מען.

** און גאָט וועט זייער שאַנד אַנטפּלעקן.

ניחא זיין ?

פאַרקרימט זיך ביי יואל לייבס די באַק מיטן איינגעהאָרכטן אויער, כ׳צינדט זיך אים אָן דאָס גאַנצע פּנים, אַזש אַרויף איבערן שטערן אונטערן דאַשעק און אַראָפּ דעם גאַנצן האַלדז, און ער טוט בייז אַ וואָרטשע:

— אָנהייבן הייבט מען אָן פון דברים־בטלים, און קאָנטשען קאָנטשעט מען מיט רכילות און ניבול־פּה... אַ ז ו י זאָלן רעדן יונגעלייט נאָר וואָס פון דער בית־מדרש־באַנק אַראָפּ... פו־פע! שעמען זאָלט איר זיך ביזן וייטן האַלדז אַריין!

און ער לאָזט זיך, איצט שוין מיט שנעלערע טריט, ביידע אויגן אָפּן, צוריק צו זיין כשר ווייבל. ווען ער וואָלט זיך נישט שעמען, וואָלט ער זיך פאַר איר פאַרענטפערן וואָס ער איז גאָר צו זיי צוגעגאַנגען. ער טוט בלויז אַ זאָג, ווי צו זיך אַליין:

— וואָס פאַר אַן אומריינע מיילער זיי האָבן עס! נאָכן הערן אַזעלעכע רייד דאַרפן די אויערן טבילה, כ׳על היינט פאַר נאַכט גיין זיך באָדן.

— ווי איר זעט, — ברומט אים נאָך שמעון פיניע קאָפּטשעקס מיט וואָרן פאַרדראָס און געמאַכטן שמייכעלע, — האָט זעליק שדכן זיך אַליין אויסגעשדכנט אַ לייטישן איידעם. תמיד גייט ער זיך, דער איידעם, מיט דריבנע פרומיטשקע טריטעלעך, ווי ס׳וואָלט ביי אים תמיד שבת געווען. און תמיד איז ער צניעותדיק און שעמעוודיק, ווי זיין ווייבל, ווען זי איז נאָך אַ בתולה געווען און געהאָלפן איר טאַטן וועגן די גליטשיקע פיש.

טוט זיך דער שמועס אַ פאַרקערווע וועגן יואלס שווער.

— דערפאַר, — נעמט ערשט אַ וואָרט מאַטעס נעכעס, ווי מע רופט אים לויט זיין מאַמען, אָדער — נוחס, לויט זיין שווער — אַ הויכער, מאָגערער יונגערמאַן מיט אַן אומרויִקן גאָרגלקנאָפּ און אומרויִק פּנים, מיט גרויסע, פייכטע, ברוינע אויגן, וואָס זעען שטענדיק אויס פאַרחידושט, — דערפאַר איז דאָס דער איינציקער שידוך וואָס זיין שווער האָט אויסגעפירט און קיין שדכנות נישט נאָר נישט באַקומען, נאָר אַפילו נישט געמאָנט.

— און ו ו אָ ס ער האָט נאָך איינגעהאַנדלט! — שפּאָט גרשון ציפּעס, דער דאַרער און שוואַרצער, — אַזאַ "בלינדע"־צאַצקע! אַ פאַרפרומטן יונגנמאַן, וואָס פאַרגינט זיך נישט הנאה צו האָבן פון עולם־הזה מיט ביידע אָפענע אויגן.

— אַפּילו אויפֿן אייגענעם ווייב, — שפּאָטן ווידער שמעון פּינטשע קאַפּעטשעקס העלע אויגן, — קוקט ער בלויז מיט איין אויג. סיידן... אין דער דריטער אַשמורה אין דער פֿינצטער.

דאָ דערזעען זיי אַרויסקומען אויף דער שוועל פֿון זיין מעלקרעמל מאיר מעלשענקער, און דער שמועס גייט אַריבער אויף אים מיט יואלן:

— איר האָט געהערט, — נעמט ווידער דאָס וואָרט גרשון ציפּעס, — וואָס זיין ייִדעלע, אונדזער עילוי, האָט היינטיקן שבת געזאָגט צו אים, צו מאירן, צוקוקנדיק זיך ווי יואל לייבס דאַוונט אין זיין סידור, ווי זיין שטייגער איז, מיט איין אויג? ״טאַטע, — האָט ער געזאָגט, — יואל לייבס איז אַ הירש פֿון הירשנלאַנד״. ״וואָס פֿאַלט דיר עפּעס איין אַזוי צו זאָגן, ייִדעלע?״ ״ווייל די גמרא זאָגט: ״צבי כשהוא ישן, עין אחת קמוצה ואחת פּתוחה״ — אַ הירש, ווען ער שלאָפֿט, איז איין אויג ביי אים פֿאַרזשמורעט, און איינס אָפֿן. אָבער ביים הירש איז עס נאָר בעת ער שלאָפֿט, און ביי יואל לייבס — אָט זע — אַפּילו ווען ער דאַוונט. נו, איז ער נישט קיין הירש פֿון הירשנלאַנד?״ דערווייל האָט יואל לייבס, מיטן סידור אין האַנט, גענומען שפּאַצירן זיך איבערן בית־מדרש מיט זיינע פּוילע טריט, האָט דער קליינער זיך אַ כאַפּ געטאָן: ״נאָר איין זאַך פֿעלט אים, יואלן — ער איז נישט קיין ״רץ כצבי״.* קריכט, ווי אַ טשערפּאַכע״.

— אַז מע שמועסט — אַן עילוי ווי אַ פֿינגערהוט די גרייס... — לאָזט שמעון פּינטשע קאַפּעטשעקס אויס דעם שמועס מיטן חוזק־פֿינקעלע אין די אויגן און טוט זיך אַ קער אַוועקצוגיין.

די אַרומיקע שמייכלען ערנסט־הנאהדיק, צי פֿונעם עילויס איינפֿאַלן, צי פֿון שמעון פּינטשע קאַפּעטשעקס שפּאָט פֿון אים, און דאָס רעדל גייט זיך פֿאַנאַנדער.

דער טאַנדייטניק, מאָטיש ״מיט די שוואַרצע־יאַגעדע־לעפּצן״, שטייט ביי זיין לאַנגן טיש און צייכנט מיט אַ קריידל, וועדליק טאָוולענע פּאָרעמס, אויף אַן אויסגעשפּרייטן גראָבן שטאָף — אַ כלאַמידע. ער ברומט דערביי אונטער ניגונדיק, וואָס דאָס הייסט ביי אים, אַז כאָטש

---

* לויפֿט ווי אַ הירש.

ער איז פאַרטאָן מיט די הענט און די אויגן אין דער אַרבעט, טראַכט נאָך דערביי זיין קאָפּ וועגן עפּעס אַנדערש.

ווען דער שטאָף איז שוין אויסגעקריידלט, און ער נעמט די גרויסע שער אויסצושניידן, טוט ער צוויי מלאָכות פאַר אַ מאָל — שניידט מיט דער שער און רעדט מיטן מויל, אָנבינדנדיק צו זיינע רייד, וואָס ער האָט איבערגעריסן צום נעמען צייכענען:

— אפשר וויל ער אויספּרוּוון, וואָלף, צי דאָס וואָס ער האָט נישט קיין קינדער מיט איר, מיט זיין וואָלפּעכען, איז טאַקע צוליב איר, ווייל זי איז פון "דאָרטן" אַרויס שוין בלויז אַ נקבה? אָדער אפשר איז ער אַליין גאָר נישט קיין בריה דערצו?... אויסצופּרוּוון זיך אויף די שיקסעס, וואָס נייען זיך ביי אים, ציטערט ער. אוי, ציטערט ער, זיין וואָלפּעכע היט אים, ווי אַ פּאַסטעכהונט אַ שעפּס אין טשערעדע... טראַכט ער זיך, וואָלף: ביינבריירע ווערט ער אפשר דורכן אַלטן בחור מיטן מעשענעם בערדל געהאָלפן ווערן מיט אַ "קדיש".

אויפן אויסגעשאָסענעם געלעכטער פון זיינע אייגענע געזעלן, די טעכטערלעך מיט די גרינע, מאָגערע פּנימער און גרויסע העלגרויע אויגן, באַווייזט זיך אין דער רעם פון דער קיכטיר זיין ווייב, מאַטישעכע. איר פאַרוועלקט און פאַרמאַטערט פּנים איז פאַרשוויצט פונעם קאָכן אין אַ גרויסן טשוהון "קאַטשענעס"* פאַרן אייגענעם געזינדל און אויף אַרויסצוטראָגן אויפן מאַרק צו פאַרקויפן. אירע אויגן צאָרענען, און זי טוט בייז אַ געשריי:

— מאָטיש מיטן שוואַרצן יאַגעדע־וואַרעניק, דו האָסט אַ פאַרקראַכענעם פּיסק, ער זאָל דיר נאָר פאַרשטאָפּט ווערן! די מיידלעך וואָלטן געמעגט נישט הערן דיינע פאַרדאָסטע רייד.

נאָר אַזוי ווי דער מאַן ענטפערט איר נישט, כלומרשט איז ער טויב מחמת פאַרטועניקייט, ברומט בלויז אונטער ניגונדיק אונטער דער נאָז און טוט ווייטער זיין אַרבעט, וועפּט אויס איר צאָרן, און זי רעדט שוין ווייטער רויִק, מעשהדיק:

---

* קוקורידזעס.

— יענע וואָך האָבן די ווייבער פון דעם בוינעגעסל געשמועסט אין דער יאַטקע ביים געלן קצב, אַז זיי לעבן דווקא ווי די טויבן, דאָס עלנטע פּאָרפּאָלק, וואָלף מיט וואָלפּעכען. זי היט אים אָפּ, איר וואָלפן, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, און ער האָרכט זיך צו צו אַלץ וואָס קומט אַרויס פון איר פּיסקל.

— פון איר נעזל מיינסטו אַוודאי. — וואָרפט צו דער מאַן און באַגיסט די מיידלעך מיט דער שמייכלדיקער שיין פון זיינע גרויסע העלגרויע אויגן.

נאָר איצט מאַכט זיך דאָס ווייב נישט הערנדיק אים און רעדט ווייטער:

— זי אים רופט נישט אַנדערש ווי: מיין וואָלף, מיין מאַן, און ער זי — מיין גאָלדע, מיין ווייב...

— אַקוראַט, — קאָן זיך דער מאַן נישט איינהאַלטן און זאָגט מיט אַ צעשמוכעט פּנים, — ווי אָט די גאָלדע, דאָס גאָלד, וואָלט זיך נישט געוואַלגערט אין אַ רינשטאָק. גלייך ווי נישט פון אַ לודמירער רינשטאָק וואָלט זי אַרויס, נאָר פונעם טריסקער רבינס ערב־יום־כיפּורדיקער מקווה. המם, און דו, מיין טייער ווייב און טייערע מאַמע פון די טעכטער, לויף צוריק אין קיך: דער ריח פון די קאַטשענעס טשיפּעט שוין אין דער נאָז. זיי קאָנען נאָך דאָרט ווערן איבערגעקאָכט, און וועסט נישט האָבן וואָס צום טיש צו דער־לאַנגען און מיט וואָס אויפן מאַרק אַרויסצוגיין.

— אוי־ווי! — טוט זי זיך אַ כאַפּ, אַ דריי אויס און בלייבט נישט.

— האָסט שוין דאָרט אַוודאי גענוג לעבעדיקע קוילן, — שרייט מאָטיש אַריין אין קיך, — וועסטו אַריינברענגען. איך דאַרף אָנהיצן דאָס פּרעסל.

## ג

ווי אַזוי לייב "שרייבער" האָט אַריינגעטראָפן צו וואָלף "שיקסע"־שניידער, ווייסט מען נישט. לשון־הרעניקעס שמועסן, אַז דאָס האָט אים טאַקע מרדכי שוחט געוויזן אַהין דעם וועג דורך זעליק שדכן. דאָס איז אויך אַ מין שדכנות. אָבער די לשון־הערניצעס שכנות שמועסן אַנדערש:

— ער איז גאָרנישט קיין קעשעניעווער, נאָר אַ לודמירער. — זאָגט אין יאַטקע זאַלמעסאַניעכע, אַ בלינדלעכע ייִדענע מיט תמיד פאַרזשמורעטע אויגן, דאָס קאָפּטיכל פאַרבונדן הינטער די אויערן, לאָזנדיק זיי אין דרויסן, כדי כאַטש בעסער צו הערן. און זי הערט טאַקע אַפילו דעם מינדסטן געשאָרך פון גערייד; אויף איר מאַן, שמחהלע זאַלמעסאַניע דעם קליטן־שומר, געזאָגט געוואָרן. — ער האָט זי פאַרגעדענקט, וואָלפעכען, נאָך פון "דאָרטן", פון אירע "ריינע" יאָרן, ווען ער פלעגט פאַרבלאָנדזשען ווי אַן אורח צו איר אין "כשרן" הייזל און מיט איר פירהאָבן... איר קאָנט זיך אויף מיר פאַרלאָזן — איך האָב עס גוט געהערט.

מאַלע וואָס די וויבער אין יאַטקע זאָגן אויף איר, נאָך איר אַוועקגיין, אַז זי הערט שוין צו גוט... אַפילו וואָס זי הערט נישט. זי הערט, נישט נאָר פון דרויסן, נאָר אויך פון זיך אינעווייניק...

אָבער וואָלפעכע אַליין, אַן אויסגערונדיקט, יאָדערדיק וויבל, מיט ראָזע פולבלעכע באַקן, גלאַנציקע העלברוינע קיילעכיקע אויגן און אַ שטייף נעזל, וואָס ס'איז דעם גאָרנישט חושד צו זיין אין אַ וועלכן ס'איז פעלער, בעת זי זיצט מיט אירע שכנות אויף אַ פריזבע אין אַ זומער־דיקן שבת־ביינאַג, גיט דערויף אַן אַנדער פירוש:

— ווי נאָר מיר האָבן געהערט וועגן זיין קומען, איז מיין וואָלף תיכף געגאַנגען צון אים אויף סאָרציעס אַכסניה און אים פירגעלייגט צו דינגען ביי אונדז דעם אַלקער.

— וואָס זשע, — פאַלט איר אַריין זאַלמעסאַניעכע אין די רייד מיט אַ געמאַכטן מילדן טאָן, — סע פעלט אייך, חלילה, אויס צו דער פרנסה? איר קאָנט זיך שוין נישט באַדרייען אָן דעם דירה־געלט?

— נו, זעט איר, — איז וואָלפעכעס קול דורכגעזאָפּט מיט תרעומת, — משטיינס געזאָגט, מיין מאַנס פאַרדינסטן. ער אַרבעט דאָך אַליין, אָן איין

געזעל אַפילו. בלויז וואָס איך העלף אים צו אַ ביסל. וועט דאָס דירה־געלט פונעם קאַמינעק זיין אַ צושלאָג צו דער פרנסה. און מיר האָבן אויך אַ מצווה — העלפן אַן עלנטן מענטשן. וואָס ס׳הייסט עלנט זיין, ווער ווייסט עס נאָך בעסער פון אונדז, פון מיר מיט מיין מאַן, כאָטש מיר זענען אין צווייען. אַז נישט קיין קינד, נישט קיין רינד, ווי מע זאָגט, זאָל זיין כאָטש נאָך אַ מענטשלעך געמיט אין שטוב.

די שכנות שאָקלען מיט די באַפּאַטשיילעטע קעפּ און ברומען־אונטער, ווי זיי וואָלטן מסכים זיין צו אירע שיינע, ערלעכע רייד און פילן זי מיט. אָבער ווען זי הייבט זיך אויף און גייט אַריין צו זיך אין שטוב, טוט יאַנטעוועכע די קברנטע, אַ ייִדענע מיט אַ טונקל, קלייענדיק פּנים, אויסגעבליאַקעוועטע פינצטערע אויגן, אַ וואָרטשע מיט אַן אויסגעהוילט־דומפּ קול:

— דאָס אַלץ וואָס זי האָט דאָ אָנגעפּאָנפּעט איז טאָקע נישט מער ווי געפּאָנפּעט. אָט פּאָנפּעט זי, אַז זיי האָבן נישט קיין רינד, און מיר זעען דאָך אַלע טאָג מיט וואָס פאַר אַן אויפגעפּוישטן הייטער זייער קו קערט זיך אום פאַר נאַכט פון דער פּאַשע צו זייער שטאַל. סע דאַכט זיך: די דיקעס ביי איר ווייגען פאַר פרייד מיט טראָפּנס פעטע מילך. פאַר אַלע ייִדישע ווייבלעך אַזוי פיל מילך אין די בריסט. נישט אַזוי, דוואָסיעניו? פאַר דיר געזאָגט געוואָרן...

— מאָלט אייך... — האַלט איר אונטער אַהרונקעכע, אַהרונקע באַלעגאָלעס, אָדער אַהרונקע גנבס ווייב, אַ דיקע צעיוירענע ייִדענע, ווי אַ פּערינע אָנגעפילט מיט ווייכע פליישן, מיט אַ רויט פּנים, קליינע, גליִענדיקע, חוצפּהדיקע אויגן, ווי ביי אַ קוואָקע, און שאַרפן, בייזן בליק, — מאָלט אייך, מיינע טייערע, אַז פון דער קו האָבן זיי אַ גרעסערן צושלאָג צו דער פרנסה, איידער פונעם אַלטן בחור דעם קאַמינעק. נישט מער...

זי טוט זיך מיטן רוקנדל פון דער רעכטער פויסט אַ וויש אָפּ די דיקע ליפּן ווי פון פעטס:

— מסתם ד אַ ר ף זי אים, דעם קעשעניעווער בוהיי, אויף עפּעס אַנדערש. איר אייגענער באָק האָט איר שוין דערעסן. אַ לאַקעטקע גלוסט זיך איר, כל־זמן דער גומען דינט איר...

— און צו שרעקן זיך האָט זי דאָך נישט וואָס... — איז ממשיך אירע רייד דוואָסיע, איר טאָכטער, לויטן אָנבליק אַ קאָפּיע פון איר, נאָר וויניקער פלייִשיק און צעוירן.

זי זיצט לעם דער מאַמען מיט אַ צעכראַסטעטער בלוזקע, פון וועלכער סע גיסט זיך אַריבער דעם העמד, ווי אויפגייענדיקע ראַשטשינע איבער אַ דייזשעראַנד, אַ פולער "הייטער" מיט אַן איינציקער "דיקע", פאַרשטעקט אינעם מיילכל פון איר זייגקינד, און זי מאַכט קלאָרער, וואָס זי מיינט:

— פון איר פראַנצעוואַטע בייכל וועט דאָך נישט אַרויסקריכן אַזאַ ממזריוקל, ווי דאָס־אָ מיינס...

די ווייבער צעכאַכען זיך אין כאָר אויף אַ קול, ביז טרערן, און ווישן זיי אויס מיט די שפּיצן פון זייערע פאַטשיילעס.

— בסך־הכּל אַ יאָר נאָך דער חתונה, דוואָסעניו, און דו האָסט שוין אַזאַ פּיסקל! — באַוווּנדערט זי די קברנטע מיט אַ טאָן פון געמאַכטער חניפה, צו מילדערן דעם פּירהאַלט.

— נישקשה, — קוועלט אָן אַהרונקעכע אין איר געראָטענער טאָכטער, — זי האָט נאָך מיידלווייז נישט געהאַט וואָס זיך צו שעמען מיט איר פּיסקעניו.

דער שמועס ציט זיך ווייטער. און דוואָסיע שטייט נישט אָפּ, איבערטווישנדיק די ברוסט:

— זי מאַכט נישט קיין שלעכטן בייט, וואָלפעכע: וואָס פאַר אַ מאַנצבלשן כוח האָט איר וואָלף! ער איז נישט מער ווי אַ שעפּס, קעגן דעם אָ לייב, לייב "שרייבער". אונדזער אַוראָמטשיק זאָגט, ער לייגט דעם בעסטן קלאַפּ־טער אין טייך, דער "שרייבער"!

דאָ קומען אַרויס פון זייער שטוב וואָלף מיט וואָלפעכען, אויסגעסטר־ויעטע שבתדיק.

— ווּהין לאָזט זיך עס ערשט דאָס פּאָרפאָלק, וואָס "לעבן בײדע, ווי די טויבן"? — טוט זיי אַ פרעג זאַלמעסאַניעכע אַזוי צוגעלאָזן, ווען זיי גלייכן זיך אויס מיט די זיצנדיקע.

— מיר לאָזן זיך שפּאַצירן אַ ביסל אויף לודמירער וועג, זיצן אונטער די ביימער דאָרטן — פּאָנפעט וואָלפעכע מיט אַ צעקוואָלן פּנים, צוליבן "קאָמפּלאַמענט", וואָס ס'האָט איר געמאַכט די גוטע שכנה. און וואָלף.

אָנשטעלנדיק די פאַרשלאָפענע אויגן אויף זאַלמעסאַניעכעס פאַרזשמורעטע, העלפט צו דעם ווייב מיט אַ צופרידענעם מרוטשען.

— נו, און דעם לייטישן קאָמינעק נעמט איר גאָרנישט מיט? — טוט איר דוואָסיע אַ שטאָך, שוין אַריינלאָזנדיק די ברוסט אין העמד אַריין, — ער וועט דאָך בענקען נאָך זיין שיינער באַלעבאָסטעטשקע...

בלייבט איר וואָלפעכע נישט שולדיק קיין שטאָך אויף צוריק, מיט אַן אָנצוהערעניש אויף איר טאַטנס און מאַנס פאַרבאָרגענער פרנסה:

— וואָס זשע אונדזער נאַדוואָקאַט האָט דען, חלילה, לאַנגע הענט, מע זאָל מורא האָבן אים איבערצולאָזן אַליין אין שטוב? ער ט'אונדז, חלילה, באַגנבענען?

מאַכן זיך אַהרונקעכע און די טאָכטער נישט פאַרשטייענדיק איר מיין, און דוואָסיע שטעכט ווייטער:

— גאָלדע לעבן, איך אויף דיין אָרט וואָלט דעם "מאַן־שמאַן" איבערגעלאָזט אין שטוב — זאָל ער זאָגן סליחות, אָדער קינות, און וואָלט בעסער גענומען "פּאָד־רוקי" * "אונדזער נאַדוואָקאַט"... צו ליגן מיט אים אונטער דיביימער, אויף דער פרישער לופט איז נאָך בעסער ווי אין בעט...

זידט עס אויף אין גאָלדען אינעווייניק, נישט אַזוי צוליב איר און איר מאַנס האָנער, ווי צוליבן נאַדוואָקאַטס. אירע באַקן ווערן רויטער, פולער, די אויגן — קיילעכיקער, גלאַנציקער. אָבער זי ענטפערט איר מילד, ווי סע פּאַסט פאַר אַ נאַדוואָקאַטס אַ באַלעבאָסטע, אַפילו מיט אַ שמייכל:

— דוואָסיע לעבן, זאָלסט מיר געזונט און שטאַרק זיין, אָט גייען מיר אַוועק, קאָנסטו זיך אַ ר יי נ ג נ ב ע נ ע ן צו אונדז אין שטוב און אים אַ ר ו י־ס ג נ ב ע נ ע ן, אונדזער נאַדוואָקאַט... אויב ער וועט זיך נאָר לאָזן פון אַזאַ צעיוירענער שאָנקייט. נאָר זע, דוואָסיעניו, לעמאַנעשעם, אַז חוץ אים זאָל אונדז דערנאָך אין שטוב גאָרנישט פעלן. קיין ערדן טעפּל אַפילו... און...

---

* אונטערן אָרעם.

— איך גיי, איך גיי, וואָלף. — לאָזט זי זיך אַוועקציִען פון וואָלפן, און זיי גייען ביידע אָפּ מיט גיכע טריט.

באַגלייט זיי אַהרונקעכע שטום מיט איר שאַרפן, שניידנדיקן בליק, און דוואָסיע מיט אַ הייס־אַטעמדיקער קללה:

— אַז די פּראַנצויזן, וואָס האָבן זיך זאַנאַדיעט אין איר פּוילן נעזל, זאָלן עס שוין אין גאַנצן צעפּרעסן, פון אינעווייניק און פון דרויסן, אַז קיין "סאָרעפּאָלעט" * זאָל דערפון נישט בלייבן, חוץ צוויי לעכלעך... "זייער נאַדוואָקאַט"! גלייבט מיר, אַז ווי נאָר זי וואָלט געפּרוּווט דאָס ערשטע מאָל זיך אונטערקעצלען צון אים, וואָלט ער איר אַריינגעשפּיגן אינעם פּוילן נעזל, ווי אין די גרויסשטאָטישע רייכע הייזער אין אַ שפּיי־קעסטל... טפו! טפו!... זיין פאַרפירטע בתולה אינעם טריסקער רבינס הויף דאָרטן איז מסתמא געווען ווי אַן אתרוגל אינעם רבינס זילבערנע פּושקע, און פון איר נעזל האָט געשמעקט מיט פאַרפום...

— אַ שאָד, דוואָסיעניו, — באַדויערט איר מאַמע, — וואָס זי הערט עס נישט פון דיין מויל, די פאַנפעוואַטע עקרה. זי האַלט זיך נאָך משה־גרויס!

## ד

לייב "שרייבער" הייסט אויך לייב "אַדוואָקאַט" נישט נאָר ביי זיין באַלעבאָסטע, ביי וואָלפעכען. שוין אויפן דריטן טאָג נאָך זיין אַריינ־קלייבן זיך צו זיי, ווען ער דערציילט זיינע באַלעבאַטים, אַז אין פּרילוקי, פון וואַנען ער איז אַ געבוירענער, פלעגט ער זיך פאַרנעמען אויך מיט שרייבן "פּראָשעניעס" אין "סוד" אַריין, טוט זיך וואָלפעכע אַ כאַפּ:

— אוי, זענען זי דאָך אַ נאַדוואָקאַט!

— קיין געענדיקטער אַדוואָקאַט מיט אַ דיפּלאָם בין איך נישט, — פירט ער זי אַרויס ערלעך און באַשיידן פון טעות, לאָזט אָבער אויס אומ־

---

* שריד ופליט.

באַמערקט פאַר זיך אַליין, אַ ביסעלע באַרימעריש, — אָבער דעם "סוואָד זאַקאָנאָוו" * קאָן איך בעסער פון אַנדערע צען דיפּלאָמירטע אַדוואָקאַטן.

— וויסטו, וואָלף, וואָס מיר איז איינגעפאַלן? — רעדט זי שפּעטער הינטער דעם קאָמינעקס אויגן, קוקנדיק מיט גרויס אָפּשיי צו זיין צוגע־מאַכטער טיר, — פון היינט אָן, יעדע שיקסע וואָס קומט צון אונדז זיך עפּעס אויפצונייען, דאַרף מען צו וויסן טאָן, אַז אונדזער קאָמינעק איז אַ גרויסער נאַדוואָקאַט. שרייבט "פּראָשעניעס" אין "סוד" אַריין. אוך מע דאַרף זיי אָנזאָגן, זיי זאָלן עס איבערגעבן אין זייער דאָרף. ׳עסטו זעען, וואָלף, אַז מע וועט זיך נעמען יאַוועט צון אים. מיט דער צייט וועלן זיך צוליב אים גאָר נעמען יאַוועט באַשטעלערקעס צו אונדז.

איפן צווייטן טאָג, ווען זי דערציילט עס דעם קאָמינעק, זאָגט ער צו איר מיט אַ צופרידן פּנים, און ס׳דאַכט זיך, אַז זיין האַרט, ווי פון קופּערבלעך, געל בערדל איז ווייכער געוואָרן:

— כ׳וועל אייך זייער דאַנקבאַר זיין, באַלעבאָסטע. האָב געטראַכט גיין אין וואָלאָסט אַריין און דאָרט צוקלעפּן אויף אַ טיר אַן "אָביאַוולעניע" ** וועגן דעם. נאָר איך מיין, אַז אייער עצה איז בעסער. אַ פּאַפּירל אונטערגעשריבן פון איינעם אַ קאָפּעלזאָן, אַ ייִדן, האָבן זיי דאָרט, די נאַ־טשאַלניקעס, אַוודאי נישט ליב אָנצוקוקן אויף זייער אַ טיר. נישט אַנדערש ווי ביי אונדז אין פּרילוקי. סע וועט אַראָפּגעריסן ווערן, נאָך איידער עמעצער וועט באַוויזן עס איבערצולייענען. חוץ דעם איז אַן „אָביאַוולעניע" פאַר אַ פויער, וואָס דער "בני־אָדם" — ערב־יום־כיפּור פאַר אַ ייִדישן האָן.

— איר וועט טאַקע זעען! — באַרימט זיך די באַלעבאָסטע מיט אַ צעקוואָלן פּנים.

אין דריי וואָכן אַרום, אַ טאָג פאַרן יאַריד, וואָס קומט פאַר יעדן חודש, פאַרזאָגט לייב "שרייבער" דער כיתה באַלמעלאָכישע מיידלעך, וואָס קומען צון אים אין אַלקער אויף אַן "אוראָק", מאָרגן נישט צו קומען —

---

* געזעצבוך.

** אַ מעלדונג.

אין אַ יאָרידטאָג לערנט ער נישט. די אָנגעווירענע צייט פון דעם "אוראָק" וועט ער זיי אָפּגעבן, פאַרלענגערנדיק די מאָרגנדיקע און איבערמאָרגנדיקע "אוראָקן". ער וועט זיי נישט באַעוולען, חלילה.

אין אָוונט גרייט ער זיך צו אויפצונעמען מאָרגן די פאַרהאַפּטע קליִענטן. ווירעט אויס מיט אַ פיין פאַרשפּיצטן בלייפעדער אַ צענטליק ווייסע בויגנס פּאַפּיר. שרייבט אָן דעם אַדרעס אין "סוד" אַריין אויף אַ צענטליק בלויע קאָנווערטן און לייגט זיי אַנידער אויף די הערבאָווע מאַרקעס, מיט וועלכע ער האָט זיך היינט פאַרזאָרגט אויף דער פּאָסט. אויף מאָרגן גאַנץ פרי לייגט ער אַנידער אויף אַ ווינקל טיש דעם דיקן "סוואָד זאַקאָנאָוו", מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. שטעלט אַנידער אַ ברייטן בייכיקן טינטער מיט שוואַרצן טינט, וואָס שימערט־אויף גאָלדיק אויפן פּאַפּיר, בעתן שרייבן. שפּאַרט־אָן אויפן טינטער אַ רויטגעפאַרבט, דיק הילצערן הענטל־פען מיט אַ נייער שטאָלענער פעדער און שטעלט לעם אים אַנידער אַ קופערן געדיכטט זיפּעלע מיט זאַמד, צו לעשן דעם טינט.

נאָכן איבערבייס, וואָס ער עסט אָפּ אָן אַפּעטיט, דענערווירט אַ ביסל פון דערוואַרטונג, שטעלט ער זיך געבויגן איבערן "סוואָד זאַקאָנאָוו", מישט אין אים, איז מעיין דאָ און דאָרט, אָפּצופרישן אין זכרון זיינע ידיעות. פון צייט צו צייט לאָזט ער דעם בוך אָפן און שפּאַצירט איבערן אַלקער הין און צוריק אומגעדולדיק: ווען וועט זיך שוין באַווייזן דער ערשטער קליִענט. שווער, שווער, ווי פון פעך, ציט זיך די צייט.

ערשט אין אַ צוויי שעה אַרום עפנט זיך שטיל די טיר, און ער דערהערט דער באַלעבאָסטעס פאַנפעוואַטע קול אויף גויִיש" דורכן ראַשיקן קלאַפּן פונעם באַלעבאָס ניימאַשין:

— נו, גיי אַריין. דער־אָ פריץ איז דער נאַדוואָקאַט.

עס שפּאַנט אַריבער די שוועל אַ פּויער אין פּאָסטעלעס, אַ סיערמענגע און שמויסענער קוטשמע. די טיר פאַרמאַכט זיך הינטער אים און מאַכט שטילער דעם מאַשינגערויש. דער פּויער ציט אַראָפּ צעמישט, מיט קנעכטישן רעספּעקט, די קוטשמע:

— דיען דאָברי, באַרין! *

* גוט מאָרגן, פריץ.

זיין געדיכט־באַהאָריקט פּנים און שמאָלער שטערן, אונטער צע־קאָשמעטע האַרטע שטרויענע האָר, גלאַנצן מיט שווייס פון דער שוין היציקער תמוזדיקער זון אין דרויסן. ער פינטלט מיט די אַגרעסגרינע אויגן און רירט זיך נישט פון אָרט.

— קום נענטער, טשאַלאָוויטשע.* — דערמוטיקט אים דער אַדוואָקאַט.

— און לייג אויס פאַר מיר דיין ספּראַווע.

דער פויער, פאָלגנדיק מעכאַניש זיין באַפעל, דערנענטערט זיך געהיט, ווי די פאָדלאָגע וואָלט זיין פון גלאָז. האַלט פעסט די קוטשמע מיט ביידע דלאָניעס, ווי טראָגנדיק אין איר זיין קאָפּ. קוקט אויפן אַדוואָקאַט מיט אַ שרעקעוודיקן בליק פון אַ ווילדער קאַץ אויף אַ מענטשן. בלייבט שטיין לעם אים, און דאָס לשון איז אים אָפּגענומען.

— רעד! — באַפעלט אים דער אַדוואָקאַט.

אַז ס׳איז אַ באַפעל, פאָלגט זיך מעכאַניש. ער לאָזט אַרויס די קוטש־מע פון דער רעכטער דלאָניע און נעמט מיט אירע האַרטע פינגער און שוואַרצע נעגל־ראַנדן קראַצן זיך הינטערן רעכטן אויער. און נאָך אַ לענגערער פויזע:

— גאָספּאָדין נאַטשאַלניק,** וויפל וועט קאָסטן די „פּראָשעניע״?

— אין איינעם מיט דער הערבאָווע מאַרקע — פופציק קאָפּיקעס.

— אַ האַלב רובל!? — איז ער באַזאָרגט־דערשטוינט, טוט זיך נאָך אַ מאָל אַ שטאַרקן קראַץ, אָנגעמענדיק באַשלוס, און לאָזט אויס, — המם... רעכט... נאָר ס׳זאָל זיין אַ „פּראָשעניע״, וואָס זאָל העלפן אויף פּעוונע.

— אויף פּעוונע. מיינע אַ „פּראָשעניע״ העלפט תמיד אַ־זיף פּעוונע. — פאַרזיכערט אים שטאָלץ דער אַדוואָקאַט, ווי ער וואָלט זיין דער „סו־דיאַ״ *** אַליין. — לייג אַנידער אויפן טיש די פופציק קאָפּיקעס, וועט מען נעמען אויסהערן דיין ספּראַווע.

דער פויער פאַרשטעקט די קוטשמע אין פאַזוכע. פאַרהייבט מיט דער

* מענטש.

** הער נאַטשאַלניק.

*** ריכטער.

האַנט און מיטן פוס אַ פּאַלע פון דער סיערמענגגע און ציט אַרויס פון אַ קעשענע אין די גראָבע לייוונטענע הויזן אַ פאַרשנורעוועט יערכן בייטעלע. שנורעוועט עס אויף, קראַצט דערפון אַרויס מיט די שאַרסטקע פינגער און פאַרגרעבטע שוואַרצע נעגל־ראַנדן אַ רויטלעכן קופּערנעם צענער נאָך צענער און לייגט זיי אויפן טיש. ערשט ציילט ער זיי נאָך אַ מאָל איבער: איינס... צוויי... דריי... פאַרשנורעוועט און פאַרשטעקט צוריק דאָס יער־כענע בייטעלע אין דער קעשענע.

דער אַדוואָקאַט לאָזט אַראָפּ דעם האָנאָראַר אין אַ וועסטל־קעשענע און טוט אַ זאָג:

— און איצט, טשאַלאָוויטשע, לייג אויס דיין ספּראַווע, נאָר מיט טאָלק ווייזט זיך באַלד אַרויס, אַז אויסלייגן די ספּראַווע, אַפילו נישט מיט גאָרן טאָלק, איז נאָך שווערער ווי דאָס אויסקראַצן און אָפּציילן פינף צענערס. די ספּראַווע איז ביי אים אין צעטומלטן קאָפּ, ווי אַ פאַרפּלאָנטערטע קנוילביינוול. אָ, ס׳איז גאָרנישט קיין לייכטע פּראַצע זי אויפצופּלאָנטערן. אָבער דער אַדוואָקאַט העלפט אים דערין מיט אַ שטילן און גוטן שמייכל אויפן פּנים, מיט אַריינשטעלן פון צייט צו צייט אַ פראַגע, מיט אונטערזאָגן אים אויף טראַף... עהע! ער האָט נישט א י י ן קאָפּ אויף די פּלייצעס, דער אַדוואָקאַט. מע קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן. ביז לסוף, ווען דער אַדוואָקאַט דערזעט שוין אויף זיין קליִענטס שמאָלן שטערן אַ פרישן געדיכטן שווייס אין טראָפּנס, ווי נאָכן פאַראַקערן אַ שטיק האַרט פעלד, טוט ער אַ באַפעל:

— סטאָפּ! איך ווייס שוין אַלץ.

ער שטרעקט אויס די האַנט, נעמט דעם „סוואָד זאַקאָנאָוו", מישט אויף, געפינט דעם נייטיקן „סטאַטיאַ" * און נעמט שרייבן די "פּראָשעניע" גיך־גיך, פון צייט צו צייט בלויז אָפּשטעלנדיק זיך אויף אַ וויילע, טראַכטנדיק. דער פויער לאָזט נישט אַראָפּ זיין גרין־גלעזערנעם בליק פון דער האַנט מיטן הענטלפען, וואָס... "אַקערט דעם ווייסן באָדן און לאָזט איבער אויף אים שוואַרצע, גלאַנציקע באָראָזדעס...

---

* פּאַראַגראַף.

נאָך אַזאַ פאַראַקערן מוז אַרויסשפּראָצן גוטע תבואה..." ער האָט מורא, דער פּויער, צו אָטעמען.

— נאַ, — וועקט אים אַרויס פון דרימל דער אַדוואָקאַט. — אָט דאָ חתמע זיך אונטער.

— גאָספּאָדין נאַטשאַלניק, — קראַצט זיך ווידער דער פּויער, איצט שוין מיט די פינגער פוןביידע פּרייע הענט, — איך בין נישט קיין שרייביקער. זאָל דער נאַטשאַלניק פאַר מיר אונטערשרייבן. ביים נאַטשאַלניק גייט עס אַזוי פון דער האַנט, ווי... ביי מיר דאָס פאַרזייען.

— ניין, — שמייכלט דער נאַטשאַלניק, — דאָס טאָר איך נישט "פּאָזאַקאָנו".* דאָס מוזסטו טאָן אַליין. ווי אַ צלם זעט אויס ווייסטו?

— אַ יאָק זשע!** — טוט דער פּויער אַ זאָג שיר מיט אַ טאָן פון באַליידיקונג און באַווייזט אים זיין קענטעניש גלייך אויפן אָרט: צלמט זיך איבער.

— נו, וואָט! — איז דער אַדוואָקאַט צופרידן פון זיין קענטעניש, טוט אָ פּיר מיט אַ נאָגל אויפן פּאַפּיר און שטופּט אים דאָס הענטלפּען אין דער האַנט. — נעם שרייב אָן דריי אַזעלעכע צלמלעך אָט־אָ דאָ־אָ.

דער פּויער נעמט־אָן דאָס הענטלפּען מיט אַ בינטל קנאָכיק־סענקוואַטע פינגער, בייגט זיך שווער איבערן טיש, סאָפּעט איבער דער "פּראָשעניע", קראַצט אָן אויף איר פּאַמעלעך־פּאַמעלעך דריי צלמים, ווי די בערן, און ציילט זיי איבער מיט אַ פינגער: איינס, צוויי, דריי.

— נו, זעסטו שוין! — באַוווּנדערט דער נאַטשאַלניק, טריומפירנדיק, זיין גבורה. נעמט דאָס קופּערנע זיפּעלע, צעשאָקלט עס איבער די דריי גלאַנציקע צלמים, וואָס ווערן באַלד גרוילעך פון דעם זאַמדשטויב. צעפּאָכעט דעם בויגן פּאַפּיר, קלעפּט אַרויף די הערבאָווע מאַרקע, לייגט אים צוזאַמען אין פירן, שטעקט אַריין אין איינעם פון די בלויע קאָנווערטן, פאַרקלעפּט אים און דערלאַנגט דעם פּויער:

— נאַ, און זאָל זיין מיט גליק!

---

* לויטן געזעץ.

** פאַרשטענדלעך.

— ווען איך געווינען די ספּראַווע, באַרין? — פרעגט איבער דער פויער און סאַלאַפּעט אויף אים מיט די גרינע אויגן.

— אַ יאַק זשע! כ׳האָב דאָך דיר שוין געזאָגט. האָסט שוין פאַרגע־סן?... אויב נאָר דער "סודיאַ" וועט נישט זיין אָפּגעכאַבאַרעוועט... פאַרגעס זשע נישט נאָך צוויי זאַכן: איידער דו וואַרפסט אַריין דעם קאָנווערט אין פּאָסטקעסטל, דאַרפסטו אויף אים אַרויפקלעפּן אַ מאַרקע און...

— ס׳איז דאָך שוין אויפגעקלעפּט? — שלאָגט אים דער פויער איבער מיט תרעומת.

— די מאַרקע איז אַ הערבאָווע פאַרן "סוד", און אויפן קאָנווערט דאַרף מען אַרויפקלעבן אַ פּאָסטמאַרקע. און... נאָכן געווינען די ספּראַווע דאַרפסטו קומען אַהער מיט אַ „האָסטינעץ״.*

— אַ יאַק זשע! אַ פּאָסטמאַרקע מיט אַ "האָסטינעץ". — פאַרשטעקט ענדלעך דער פויער דעם קאָנווערט אין פּאַזוכע, נעמט פון איר אַרויס די קוטשמע, טוט זי אָן אויפן צעטומלטן קאָפּ און בוקט זיך קנעכטיש, לאָזנדיק זיך אַרויסגיין. פאַרגעסט צו זאָגן אַ גוטן טאָג, גייט אַרויס און פאַרגעסט צו פאַרמאַכן די טיר הינטער זיך.

— זאָל זיין אין אַ מזלדיקער שעה אַ גליקלעכער אָנהייב! — פּאָנפּעט אַריין די באַלעבאָסטע, אַריינשטעקנדיק אומדרייסט דאָס נעזל. — סע וואַרט שוין דאָ ביי אונדז אַ צווייטער. נו וואָס האָב איך געזאָגט?

— אַ שיינעם דאַנק, באַלעבאָסטע, שיקט אים מיר אַריין. — ענטפערט ער איר, און פאַר זיינע אויגן אין צעשמייכלטן פנים בלייבט שטיין דער צווייטער קליִענט.

אויפן צווייטן טאָג באַקומט לייב "שרייבער" דעם צווייטן נאָמען אין שטעטל: לייב "אַדוואָקאַט". און ביי זיין באַלעבאָסטע פאַרבלייבט ער שוין אויף שטענדיק: "אונדזער נאַדוואָקאַט". ס׳איז איר זייער אָנגענומען אַזוי אים צו רופן, מחמת ס׳איז דאָך אַ גרויסער כבוד צו האָבן אַ זעלכן פּאַר אַ קאָמינעק, און חוץ דעם קומט איר אויס, אַז אינעם קאָמינעקס נאַדוואָקאַטעריי האָט זי נישט קיין קליינעם חלק.

* מתנה.

## ה

אויך צו פּעלטע לאה דער שניטקרעמערין דערגייט, פאַרשטייט זיך, דער קלאַנג וועגן לייב „שרייבערס" המנס מפּלה אין טריסק. דערפאַר ווען איר גרשון פאַרפירט אַ שמועס וועגן דעם אַז מע וואָלט באַדאַרפט די קינדער זאָלן נעמען ביי אים אַן „אוראָק", * וואָלט זי אַוודאי מוחל געווען אויף זייער בליומקעס און אַפילו יאָנטלס קענטענישן, אַבי נישט צו לאָזן אַזאַ פאַרשוין אַריבערטרעטן זייער שוועל. וואָס קאָן זי זיך אָבער העלפן? אַז איר גרשון נעמט זיך אַריין אַ גרויסהאַלטעריש משוגעת אין קאָפּ, איז עס ווי אַ דיבוק, רחמנא־לצלן. ער לאָזט זי שוין מער נישט צו רו, כאָטש נעם און פיר אים אָפּ קיין טריסק צום רבין, ער זאָל מיט אַ שופר און אַ חרם אַרויסטרייבן פון אים דעם דיבוק.

— פון יאָנטלען איז דאָך שוין אָפּגערעדט, — טענהט גרשון, — אַז ער מוז היינטיקע צייטן זיך אויסלערנען חשבונען מיט דער פען, לערנען אַ שייטל רוסישע עברי מיט גראַמאַטיקע, קאָנען כאָטש איבערלייענען אַ רוסיש בריוול און שרייבן אַן אַדרעס אָן גרייזן. נאָר אַפילו בליומקע, אַ מיידל, ווע ט עס אי ראויך נישט שאָטן. ס'וועט אויכעט זיין פאַר איר אַ מעלה צון אַ שידוך. די גרויסע יפה־פיה וואָס זי איז. אויב איר חתן וועט זיין נישט קיין היגער, וועט זי דאָך דאַרפן קאָנען כאָטש אַ יִדיש בריוול צון אים שרייבן.

— איך האָב זיך אויך נישט געלערנט מיידלוויז קיין יִדיש שרייבן, — טענהט זיך אויף צוריק, — און פון דעסטוועגן האָב איך דיר נישט קיין אי י ן בריוול, מיט גאָטס הילף, געשריבן.

---

* לעקציע.

— געשריבן האָט זי טאַקע געשריבן, די כלה, — שמייכלט דער מאַן, — נאָר אַז אָך און ווײ איז געוועזן צום חתן, בעת ער האָט דאָס געשריפטס געלייענט: ער האָט זיך געזעגן מיט נוחס זיבן בוגרותן...

— נו, זעסטו, — באַליידיקט זי זיך מיט אַ פאַרשעמט פנים, — אָט די דאָזיקע חכמה דיינע פאַרשטיי איך שוין אין גאַנצן נישט. אין "צענערענע" האָט נוח געהאַט נאָר דריי זין און נישט קיין טעכטער.

— פעלטע לאה, — פאַרגיטיקט ער זי מיט אַ גוטמוטיק לאַכן, — דאָס איז טאַקע דערפאַר וואָס דו האָסט נישט געהאַט קיין "אוראָקן" ביי אַ "שרייבער", דערפאַר האָסטו מיך ערשט נישט פאַרשטאַנען. כ'האָב גע־מיינט: נוח מיט די זיבן גרייזן... זאָל שוין בליומקע נישט געראָטן זיין אין דיר.

דערזעען אויף איר פנים, אַז מיט די איצטיקע רייד און מיט זיין לאַכן האָט ער נאָך מער קאַליע געמאַכט, כאַפּט ער זיך באַלד זי איבערצובעטן מיט אַ חניפהלע:

— און וואָס פאַרגלייכסטו בליומקען צו זיך? אַז כ'פלעג אַ קוק טאָן אויף דיין שיין פנים, פלעגט עס מיר פאַרבלענדן אַלע גרייזן. בלויז די אויגן האָט זי דיינע — תכלת. אין מיינע אויגן ביסטו נאָך היינט אויפן פנים און דעם גאַנצן גוף זיבן מאָל שענער פון איר.

— פאַרשוואַרץ מיר נישט דאָס פנים פריִער, — זאָגט זי כלומרשט ביזלעך, אָבער ער דערקענט אַז אין תוך שוין איבערגעבעטן, — וועסטו עס פאַרשפּאָרן מיר אויסצוּווייסן דערנאָך.

— זאָל ד ע ר האָבן אַ שוואַרצן סוף, ווער ס'וויל דיר דאָס שיינע פנים פאַרשוואַרצן! — קויפט ער זי שוין איבער אין גאַנצן און לאַכט ווידער.

האָט זי אַ ברירה, פעלטע לאה? מיט רייד איז ער שטענדיק פון אויבן. די דעה אין שטוב, און שוין אָפּגערעדט אין קלייט, איז ביי אים. ווי אַחשורוש האָט באַפוילן אין דער מגילה אין טייטש־חומש. צי מיט בייזן, צי מיט גוטן — תמיד בלייבט עס ווי ער וויל. פון דעסטוועגן, כדי זי מפצה צו זיין, איז ער מוסיף, ווי ער וואָלט אויך איר עפּעס נאָכגעגעבן:

— ער וועט אויך לערנען מיט זיי אַ קאַפּיטל תנ"ך. נישקשה, דאָס

וועט אַפּילו דיין בן־יחיד צו נוץ קומען. אין די חדרים האָט ער דאָך קיין תנ״ך נישט געלערנט. אַ סברא, אַז חוץ שמעלקע מלמד קאָנען עס די מלמדים אַליין נישט... כ׳וועל דאָך אים איצט נישט שיקן, אַ חתן־בחור, צו שמעלקע מלמד. אַז אַ ביסל מער יִדישקייט וועט די קינדער נישט פאַרשאָטן, וועסטו דאָך אַליין מודה זיין... וואָס? דעם ״שרייבערס״ יִדישקייט געפעלט דיר נישט? מע רעדט נישט וועגן אים קיין גוטס?... הער, פעלטע לאה, ס׳איז נאָך דאָרט, אין טריסק, פון וואַנען ער זאָל האָבן געקומען, קיינער ביי זיין צוקאָפּנס נישט געשטאַנען און זיינע עבירות נישט פאַרשריבן. מאַלע וואָס אַ רכילותניצע פון דער בוינעגאַס ווערט וועגן אים אויסברייען. צווייטנס, דערויף האָבן דאָך די קינדער אַ מאַמע, זי זאָל זיי אויסהיטן פון אַל דאָס בייז. ביסט אַ מאַמע, וועסטו האָבן אַן אויג אויף אים. וועסטו יעדן טאָג, נאָכן אָנבייסן, בלייבן אין דער היים אויף די אַנדערטהאַלבן שעה פונעם ״אוראָק״ און אַכטונג געבן. כ׳על זיך באַגיין אין קלייט אָן דיר.

— און אין דעם יאַרידטאָג?

— איז פונקט אין דעם איינעם טאָג אין חודש וועט ער, חלילה, עמצען מאַנע־שונאים זיין?! בלומקע וועט דאָך נישט זיין מיט אים אַליין...

— פּו. וואָס ד י ר פאַלט איין! איך מיין — ער זאָל זיי ביידע נישט אַראָפּפירן פון פרומער יִדישקייט. לייט שמועסן, אַז די גאַנצע וואָך קוקט מען אים נישט אָן אין בית־מדרש ביי אַ מנין, דיין ״שרייבער״, אַז ביי זיך אין אַלקער, ביי דער פאָנפעוואַטער וואָלפעכע דאָרט, זיצט ער אָן דעם קאַפּעליאָש...

— די וואָס גייען אונטערקוקן אין פרעמדע פענצטער, גלייב איך ווי די הינט גלייך. אפשר זיצט ער אָנעם קאַפּעליאָש, נאָר אין אַ יאַרמלקע. ביי אונדז אין שטוב וועט ער בגילוי־ראָש נישט זיצן, זאָרג זיך נישט.

— מילא, — גיט זי זיך סוף־כל־סוף אונטער, — איך זע דאָך אַז דער ״אַדוואָקאַט״ האָט אין דיר נאָך אַ בעסערן אַדוואָקאַט ווי ער אַליין איז. און אויספירן פ י ר ס ט ו דאָך שטענדיק אויס. אָבער איין בקשה האָב איך צו דיר. וועסט מיר נישט אָפּזאָגן?

שמייכלט ער צום איר צופרידן, וואָס ער האָט ביי איר זיינס אויסגעפּועלט און ענטפערט:

— געדענקסט דאָך די מגילה, פעלטע לאה. אַחשורוש איז טאַקע געווען אַ מלך־טיפּש. אָבער אַפילו אַז אַ טיפּש זאָגט אַ מאָל נישט־ווילנדיק אַ חכמה, דאַרף זיך אַ קלוגער נישט שעמען, פון אים זיך צו לערנען. און ווייסט דאָך וואָס ער האָט געזאָגט צו זיין ייִדישער קראַסאַוויצע, צו אסתר המלכה: "עד חצי המלכות" — ביז אַ האַלב קעניגרייך וועט דיר געגעבן ווערן... וואָס זשע ביטסטו זיך אויס ביי מיר, מיין מלכה פעלטע לאה? לאָמיך הערן.

— איך וויל, גרשון, אַז צוזאַמען מיט אונדזערע קינדער זאָלן אויך זיצן אויפן "אוראָק" אונדזער בליומקעס חברטאָרינס: קיילע חיהניו מרדכי שוחטס און פערעלע לוי סופרס.

— וואָס רעדסטו? דו ווייסט וואָס דו רעדסט?! ד י ר געפעלט ער נישט, דער "שרייבער", און זיי, די כלי־קודש, וועט ער יאָ געפעלן?! אַן איינפאַל!

— אַ דאַנק דעם אייבערשטן בין איך נאָך ביים קלאָרן זינען. כ׳האָב שוין אַפילו מיטביידע מיידלעך איבערגעשמועסט וועגן דעם. קיילע חיהניו די כאַכימע און היציקע האָט זיך ממש אָנגעכאַפּט דעריך, און, אויף איר קוקנדיק, שטייט נישט אָפּ אויך די שטילע און געלאַסענע פערעלע. "מיר וועלן וועגן דעם אין דער היים אַפילו קיין פּיפּס נישט געבן, — האָט זיך געהיצט קיילע חיהניו, — "כאַטאַ פּאָקרישקאַ"* און "פון חדר זאָגט מען נישט אויס". איז זי נישט קיין כאַכימע? נאָר וואָס דען? זיי ביידע האָבן דאָך נישט קיין געלט צו באַצאָלן פאַרן "אוראָק". וואָלט עס געמוזט גיין אויף אונדזער חשבון... וואָס זאָגסטו, גרשון?

דער "קרעמער" אינעם מאַן פאַרטראַכט זיך אַ וויילע, באַחשבונט וויפל "דאָס געשעפט" קאָן אים קאָסטן און מאַכט אַן אויספיר:

— ביסט דאָך, גרשונעכע, גאָרנישט קיין נאַרישע סוחרטע. גוט. אַז איך האָב ביי ד י ר געפּועלט דעם עיקר, וועסטו ביי מ י ר פּועלן דעם צולאָג. איכל שוין מיטן "שרייבער" ווי סע איז דורכקומען.

---

* די שטוב איז אַ שטערצל...

— אָבער ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער? — איז פּעלטע לאה באַזאָרגט. — איכל דאָך נישט שיקן אונדזערס אַ קינד צו וואָלפּעכע די פּאָנפּעוואַטע אין שטוב אַריין.

— פּאַרשטייט זיך. נאָר וואָס? דער „שרייבער" האָט דען קיין פּיס נישט? ער וועט ברענגען זיין תורה צו אונדז אין שטוב אַריין.

— דאָס האָב איך אַליין נישט אַנדערש געטראַכט. נאָר ווער וועט אים צו וויסן טאָן, אַז דו ווילסט רעדן מיט אים?

— דאָס לאָז שוין איבער פאַר מיר. ער דאַוונט, דאַכט זיך מיר, שבת מיטן ערשטן מנין. וועל איך אים שוין אָפּטשאַטעווען אויף זיין צוריקוועגס פון בית־מדרש. ער זאָל מיר נאָר נישט גיין האַנט־ביי־האַנט מיט זיין שיינעם באַלעבאָס, מיט וואָלף „שיקסע"־שניידער.

שבת אין דער פרי, אָפּוואַרטנדיק לייב „שרייבער" גיין פון ערשטן מנין, דערזעט ער אים, גרשון שניטקרעמער. צו זיין מזל און צופרידנקייט גייט לייב „שרייבער" אַליין, אָן זיין באַלעבאָס. לאָזט ער זיך, גרשון, אים אַנטקעגן, בלייבט שטיין קעגן אים פּנים־אל־פּנים און טוט אַ זאָג:

— גוט שבת.

— גו־וט יאָ־אָר? — קווינקלט זיך לייב „שרייבער", צי דאָס מיינט מען אים, בלייבט שטיין און קוקט מיט חידוש: ווער איז דער אומבאַ־קאַנטער גוט־שבת־ביטער?

— איר וווּנדערט זיך. — שמייכלט גרשון. — ס'איז טאַקע אַ חידוש. ס'איז שבת, און איך קום צו אייך מיט אַ וואָכעדיקן ענין. וויל איך אייך בעטן: זייט אַזוי גוט און קומט אַריין צו מיר אין מאַנופאַקטור־קראָם מאָרגן אין דער פרי, אַרום אַכט־ניין אַזייגער. פרעגט זיך אויף גרשון וויטמאַנס קראָם... גוט?

— גוט, הער וויטמאַן. אַ גוטן...

אויף מאָרגן קומט לייב „שרייבער", ווי אָפּגערעדט, צו גרשונען אין קלייט. זיי פאַרשטענדיקן זיך וועגן דעם „אוראָק". מע דינגט זיך אַ ביסל וועגן דעם שכר־לימוד:

— וואָס איז אייך דער חילוק, — טענהט דער קרעמער, — צי איר

לערנט מיט צוויי תּלמידים, צי מיט פיר ? איך פאַרלאַנג דאָך נישט פון אייך, איר זאָלט זיי געבן מער צייט ?

— ס׳איז אַ גרויסער חילוק, — שפּאַרט אים איבער דער ״שרייבער״. — איז דען נישט קיין חילוק דעם פויער צי ער זעגט איבער אין דער זעלבער צייט איין, אָדער צוויי דעמבעלעך ? אַ ייִדיש שפּריכוואָרט זאָגט טאַקע : ״ביי שוואַרצע פּינטעלעך וואָס מער גויִים איז שווערער״... נישט ריכטיק, הער וויטמאַן ?

דעם קרעמער שמייכלט זייער דעם ״שרייבערס״ טיטולירן אים מיט ״הער״ און רופן ביים פאַמיליע־נאָמען, גיט ער אים נאָך און איז מוסיף אויפן שכר־לימוד.

— אָבער... — און דאָ שלאָגט ער זיך אַליין איבער. — ווי איז אייער פאַמיליע־נאָמען ?... קאָפּעלזאָן ?... אָבער, הער קאָפּעלזאָן, מיט אַ בפירושן תּנאַי : איר זאָלט וועגן אייער ״אוראָק״ ביי אונדז נישט מגלה זיין אין שטעטל, כאָטש דאָס וואָלט אייך זייער צו נוץ געקומען...

— און דער עיקר, — איילט זיך פּעלטע לאה צוצוגעבן, — נישט ביי אייך דאָרט, ווו איר זענט אויף קוואַרטיר.

— איר טוט דען מיט מיר אַ שידוך, — שמייכלט דער ״שרייבער״ העפלעך, נאָר באַהאַלט נישט אויס אַ דינעם טאָן פון פאַריבל, — וואָס סע שטייט אייך נישט אָן, מאַדאַם וויטמאַן ?

— חס־וחלילה ! — קומט גרשון גלייך צו הילף זיין ווייב, — נאָר איר דאַרפט דאָך פאַרשטיין, הער קאָפּעלזאָן : אויב דאָס וואָלט אָנגעקומען צו די טאַטעס פון אונדזער טעכטערלס חברטאָרינס, מרדכי שוחט און לוי סופר, וואָלטן אויך מיר זיך געמוזט אָפּזאָגן פונעם ״אוראָק״. מיר, ביידע צדדים, וואָלטן געהאַט אַן עוולה.

— המם... כ׳פאַרשטיי. גוט.

— זאָגט איר עס אונדז צו אויף נאמנות ? — פרעגט די קרעמערקע.

— הער וויטמאַן, — מיידט ער אויס צו ענטפערן דער מאַדאַם, — איך בין נישט קיין קרעמער און פאַרקויף נישט מיין סחורה אויף נאמנות. ביי מיר איז מיין וואָרט — נאמנות... אָבער אויך איך האָב אַ תּנאַי.

— למשל ?

— איין טאָג אין חודש, אינעם יאָרידטאָג, קום איך נישט אויפן „אוראָק". איך בין דעמלט פאַרנומען מיט שרייבן פאַר פויערן „פּראָשעניעס" אין „סוד". דער דאָזיקער טאָג, — שמייכלט ער, — איז מיין גוייִשער שבת, און כ'וויל אים נישט פאַרשטערן.

דער קרעמער מיט דער קרעמערקע טוען זיך צופרידן אַ קוק איבער מיט אַ לייכטן שמייכל, וואָס באַטייט, אַז, ערשטנס, האָט ער זיי דערמיט גראָד צוגעטראָפן, און צווייטנס: איז דאָך טאַקע אמת, אַז ער איז אַן אַדוואָקאַט.

— געפועלט, הער קאָפּעלזאָן, בנאמנות, — איז גרשון מסכים, — כ'וועל אייך אַפילו פאַר דעם פאַרפעלטן „אוראָק" נישט מנכה זיין.

— מאָרגן האָבן מיר טאַקע דעם יאָרידטאָג, — רופט זיך אָפּ די קרעמערקע, — הייסט עס, אַז אם ירצה השם, איבערמאָרגן, דינסטיק — פונקט אַ גוטער טאָג — קומט איר צו אונדז, הער קאָפּעלזאָן, אויפן ערשטן „אוראָק". יאָ... וואָס נאָך האָב איך געוואָלט זאָגן? איר וועט זיין אַזוי גוט אַריינקומען צו אונדז אין שטוב נישט דורכן פראָנטאָוון גאַניק...

דער קרעמער, באַמערקט אַן אומצופרידן שאָטנדל אין די אויגן פונעם גאַסט, פאַלט אַריין דעם ווייב אין מיטן די רייד:

— איר דאַרפט פאַרשטיין, הער קאָפּעלזאָן, אַז ס'איז נישט, חלילה, מחמתן מינדסטן אומכבוד צו אייך, אַדרבה... נאָר אין אַ קליין שטעטל, אַ פאַרגרעבטס, מוז מען זיך אויסהיטן פאַר אַן עין־הרע...

— און פאַר לשון־הרע. — איז מוסיף דער גאַסט. — איך פאַרשטיי.

— איז וועט איר אַריינקומען דורכן פאָדערהייזל פון דער קיך. — רויטלט זיך די קרעמערקע פון פאַרלעגנהייט און קוקט פרעגנדיק אויפן מאַן. — איך מיין...

— סע מאַכט נישט אויס, סע מאַכט נישט אויס, מאַדאַם וויטמאַן, — באַמיט זיך דער גאַסט אַרויסצופירן זי פון פאַרלעגנהייט, קוקנדיק אויפן הער, — סאַ סברא, אַז אַ פאַראַדנע טיר פירט אין גיהנום אַריין, און אין גן־עדן אַריין גייט מען דווקא דורך אַ הינטערשט טירל...

— איז איבערמאָרגן, אם ירצה השם, — איז די מאַדאַם דערמוטיקט ווייטער צו רעדן, — וועט אייך אונדזער יאָנטל, אייער תלמיד, שוין אָפּוואַרטן אין דרויסן און אַריינפירן.

לייב „שרייבער״ טוט זיך אַ ווענד שוין אַוועקצוגיין. אָבער דער קרעמער פאַרהאַלט אים נאָך:

— איר וועט מיר מוחל זיין, הער קאַפּעלזאָן, — קווינקלט ער זיך. — איצטער זענען מיר דאָך שוין, קאָן מען זאָגן, אייגענע מענטשן, וואָלט איך וועלן שטעלן אייך עפּעס אַ פראַגע... המם, נאָר כ׳ווייס?... סע זאָל אייך נאָר נישט פאַרדריסן.

— פאַרדריסן? פאַר וואָס? פרעגן מעג מען שטענדיק. דער געפרעגטער האָט דאָך די ברירה נישט צו ענטפערן.

— וועל איך אייך טאַקע פרעגן: פאַר וואָס האָט איר, הער קאַפּעלזאָן, אַ ״שרייבער״, אַ פראָשעניע״שרייבער, כמעט אַן אַדוואָקאַט, אויסגעזוכט פאַר זיך גראָד אַזאַ נישט פאַסיקע קוואַרטיר? דאָס איז דאָך גאָרנישט קיין מעלה פאַר אייער פרנסה?

— איך מיין, הער וויטמאַן, — ענטפערט ער באַדענקט, אָן שום פאַרלעגנהייט, — אַז מיין דירה־באַלעבאָס, וואָלף שניידער, איז אַן ערלעכער יגיע־כפּיימניק, איז פאַר וואָס זאָל זיין דירה זיין אַ נישט־פאַסיקע? און וואָס שייך פרנסה, איז דאָך ״לא על הלחם לבדו יחיה האָדם״.

און, זיך ווענדנדיק צו דער מאַדאַם, פאַרטייטשט ער:

— נישט פון ברויט אַליין לעבט דער מענטש. ער דאַרף לעבן פון מענטשלעכקייט. זיין אַ מענטש צו איטלעכן מין מענטשן...

— צו וואָלפן האָב איך טאַקע קיין טענה נישט, — לאָזט פון דעסטוועגן דער קרעמער נישט נאָך און וויל באַוויזן פאַרן גאַסט און פאַרן ווייב, אַז ער איז אויך אַ שטיקל ווילקענעוודיקער, — אָבער וואָס איז מיט זיין ״ריפ״, ווי אין פסוק שטייט?... מאַ, איר זענט נישט קיין היגער, האָט איר אַוודאי נישט געוווּסט... דאָס שטעטל שמועסט, אַז אין אירע דינסטמויד־יאָרן האָט זי געלעבט נישט פון יגיע־כ פּ י י ם, נאָר... המם...

ער בלייבט שטיין, דערזעענדיק אַ גרימאַסע פון פאַרשעמטקייט אויפן ווייבס פּנים. אָבער דער גאַסט ציט אים פאַר דער צונג:

— נאָר פון וואָס?

— נאָר... בקיצור, פון יגיע־רגליים... כע־כעכע... און דו, פּעלטע לאה, מעגסט עס נישט פאַרשטיין.

דעם גאַסטס פּנים בלײַבט אַלץ ערנסט:

— דאָס צו פאַרשטײן דאַרף מען נישט האָבן קײן לאַנגן שׂכל... כ'וועל אײַך ענטפערן, הער וויטמאַן, „על רגל אחת״ *: אַפילו ווען דאָס וואָס מע רעדט אויף איר זאָל נישט זײַן לשון־הרע, איז אויך נישט קײן עבירה בײַ אַזעלכער אונטער אײן דאַך. ס'איז פאַראַן אַ גמרא, אָדער אַ מדרש: „ירמיה וברוך בן נריה מבנותיה של רחב היו״...

און ווידער ווענדט ער דאָס פּנים צו דער מאַדאַם און פאַרטײַטשט איר:

— ירמיה הנביא און זײַן „שרײַבער״, ברוך בן נריה, האָבן געשטאַמט פון רחב הזונהס טעכטער. און רחב, דאַרפט איר וויסן, איז גאַנצע פערציק יאָר געווען אַ זוינע און אַזעלעכע.

— גרשון, — טוט אַ זאָג פעלטע לאה, זײַער קלײן געוואָרן בײַ זיך אין די אויגן, — אַז זײ זאָגן וואָס סע שטײט אין די הײליקע ספרים, איז וואָס ווערסטו זיך דאָ שפּאַרן?

— זענט איר גערעכט... אפשר... — גיט זיך שוין גרשון אונטער מיט דרך־ארץ.

— נישט אפשר, הער וויטמאַן... נו, אַ גוטן טאָג.

— דו זעסט, — זאָגט נאָך זײַן אַרויסגײן דער מאַן צום ווײַב גרויסהאַלטעריש, — איך האָב דיר נאַראַיעט נישט קײן ליאַדע מלמד, נאָר טאַקע אַ „שרײַבער״ און אַ שטיקל אַדוואָקאַט. זעט אויס — ער איז נישט נאָר אַ שטיקל אַדוואָקאַט, נאָר אַ גאַנצער בן־תורה. אײן גאָט ווײסט, פאַר וואָס, אַזאַ האָט זיך פאַרוואַלגערט אַזש צו אונדז קײן לוהיסקעוויטש.

ו

דער „אוראַק״ קומט פאָר, נישט אין דער פראָנטאָוער שטוב, וואָס די טיר פון איר גאַניק איז „אָפן אין דער וועלט אַרײַן״, נאָר אין יאָנטלס אַלקער, וואָס זײַן פענצטער, פאַרהאָנגען מיט אַ האַלב פירהאַנגל, גײט אַרויס אין אַ בלינד געסל. דער טיש אין מיטן חדר איז אַרומגעשטעלט מיט

---

* אויף אײן פוס.

זעקס שטולן. אויבן אָן, קעגן איבער דעם פּענצטער, זיצט דער "שרייבער" אינעם האַרטן קאַפּעליאַש, מיט די פּלייצעס צום וואַנטשפּיגל איבער דער קאַשעטע, יאַנטלס געלעגער ביי נאַכט; אין זיין רעכטער זייט — יאַנטל מיט בליומקען, און קעגן זיי — קיילע חיהניו דעם שוחטס, פּנים־אל־פּנים צו יאַנטלען, און פּערעלע לוי סופרס פּנים־אל־פּנים צו בליומקען; אַוועקגערוקט פונעם טיש, מיט דער פּלייצע צום פּענצטער און מיטן פּנים קעגן איבער דעם וואַנטשפּיגל, וואָס גלאַנצט איבערן שרייבערס האַרטן קאַפּעליאַש — פּעלטע לאה.

אַזוי האָט איינגעשטעלט דעם סדר גרשון אַליין, און מע טאָר אים נישט ענדערן.

זי זיצט דאָ, פּעלטע לאה, הייסט עס, צופּעליק. אויף דעם זאָגט עדות איר פּאַרטוענקייט אין שטריקן, אָדער צערעוועוען. ווי די באַלעבאָסטע, פילט זי זיך גאַנץ פריי, כאָטש זי פאַרשטייט גוט, אַז דער "שרייבער", און אַוודאי יאַנטל, פון קיילע חיהניון די כאַכיימע איז דאָך שוין אָפּגערעדט, שטויסן זיך אָן דעם טעם פון איר זיצן דאָ. איר אַראָפּגעלאָזטער בליק גנבעט זיך אָפּט אַוועק פון איר אַרבעט און בלאָנדזשעט איבער די פינף פּנימער קעגן איר. דאָס זאָל הייסן, אַז זי כאַפּט אַ בליק אין שפּיגל... כאָטש זי איז שוין נישט קיין צו־יונג ווייבל זיך צו שפּיגלען גלאַט אין דער וועלט אַריין, בלייבט אָבער אַ פרוי — אַ פרוי. און אירע אויערן מיט די אוירינגלעך האָרכן זיך איין דורך אַנאַנד אין דעם וואָס ביים טיש ווערט געלערנט און גערעדט, כאָטש זי באַנעמט דערפון וויייניק.

אַזוי טאָג נאָך טאָג און וואָך נאָך וואָך. חוץ, פאַרשטייט זיך, שבת און אינעם יאַרידטאָג, ווען דער "אוראָק" קומט נישט פאָר. זי אַרבעט כלומרשט פלייסיק און שטריקט אירע מחשבות:

... ניין, זי האָט נישט גאָרנישט וואָס פאַרצוואַרפן דעם "שרייבער". די קינדער רופן אים מיט דרך־ארץ — הער לערער. ער זיי — אויך נישט ביי די נעמען, נאָר ביי די פאַמיליעס; יאַנטלען — וויטמאַן, בליומקען — שוועסטער וויטמאַן, קיילע היהניון — ווערנער, און פּערעלען — פּערגאַמענט. אָדער, זעלטן, אין גוטן מוט — ביי אַ שיינעם צוגעטראַכטן צונאָמען. ער טוט ערלעך זיין אַרבעט. פאַררעדט זיך קיין מאָל נישט און לאָזט נישט די תלמידים זיך פאַררעדן.

— קינדערלעך, — אײַלט ער זײַ אונטער, — די צײַט שטײט נישט, און מײַן זײגערס װײַזערס שטעלן פּיס.

...און ער איז אױך נישט מדקדק פּינקטלעך אויף דער צײַט, װען זײַנס גײט איבער. ס׳איז מיר נאָך קײן מאָל נישט אױסגעקומען צו באַמערקן, ער זאָל זיך כאָטש אַ װײַל לענגער פֿאַרקוקן אױף עמעצן פֿון די מײדלעך גלאַט אַזױ... סע לײגט זיך מיר זײער גוט אױפֿן שכל, אַז די גאַנצע מיאוסע געשיכטע װעגן אים אין טריסק איז בלױז אַ געמײן אױסטראַכטעניש. המם, נאָר צוריק געטראַכט... אפשר װען איך זיך נישט דאָ כּסדר, װי זאַלמעסאַניע בײַ די קלײטן, װאָלט עס אַנדערש אױסגעזען?...

— זאָל זײַן פֿונעם קאָזאַק, — פּירש זי אױס, װען זי רעדט שפּעטער װעגן דעם מיטן מאַן, — אַבי צום געזונט.

איז דער מאַן צופֿרידן, װאָס דאָס װײַב איז צופֿרידן, און טרײַבט שפּאַס מיט זײַן "ייִדענע":

— ביסטו גאָר בײַ מיר, פֿעלטע לאה, הײסט עס, אַ קאָזאַק! װאָס אַשטײגער װאָלט דאָס שטעטל געזאָגט, װען ס׳װאָלט זיך פּלוצעם דערװוּסט, אַז מײַן ייִדענע איז אַ קאָזאַק? נאָר איך װאָרן דיר: געדענק! איך פֿאַרלײד נישט קײן ייִדענע װאָס גײט אין די הױזן, און דערצו נאָך אין קאָזאַצקע שאַראָװאַרעס. איך װאָלט זײ פֿון איר בכּבֿוד־גדול אַראָפּ־געצױגן און...

— מוחל, גרשון ,דעם כּבֿוד. — שלאָגט זי אים איבער מיט פֿאַרדרוס. — מוחל סײַ די שאַראָװאָרעס, סײַ דײַנע קאָזאַצקע הלצהלעך. מעגסט זיך אײַנהאַלטן, מיט אַזעלכע פֿאַר לײַט זיך נישט אַרױסצוכאַפּן. סע פּאַסט פֿאַר מאָטישן מיט די שװאַרצע־יאַגעדע־לעפּצן... נאָר הער, איך װיל איצט רעדן מיט דיר װעגן עפּעס ערנסט...

— הנני, איך בין אָנגעברײט צו הערן דײַנע קלוגע רײד.

— לעצטנס דאַכט זיך מיר, אַז אונדזער יאָנטעװל קוקט שױן בעתן "אוראָק" צו אָפּט אַרױס פֿונעם ספֿר, װאָס ער לערנט, אָדער, להבדיל, פֿונעם ביכל, צי דעם "טעטראַד",* און קוקט אַרײַן אין קײלע חיהניוס

* העפט.

אַרויסגעשטאַרצטע ברוין־גאָלדענע אויגן. קיילע חיהניו ווידער איז נישט פון די שעמעוודיקע — לאָזט נישט אַראָפּ אירע פּאָר זיינע. זאָל ער זיך, הייסט עס, שפּיגלען אין זיי. צייטנווייז קומט מיר אַפילו אויס, אַז זייערע אויגן שמועסן צווישן זיך אויף שטום־לשון. וואָס זאָגסטו נישט דערויף?

— דאָס איז נאָך נישט אַזאַ גרויסע עבירה, — מאַכט עס צו רעכט דער מאַן, — ס׳זענען היינט אַנדערע צייטן... ס׳אַזאַ קינדערשפּיל. זאָלן זיך די קינדער שפּילן.

— יאָ, — בינדט זי צוריק צוזאַמען איר איבערגעריסענעם ריידפאָדעם מיט אַ שטילן טאָן פון תרעומת, — וואָס איז דאָס קינד שולדיק, אַז דער טאַטע אַליין פירט עס צוזאַמען ביי איין טיש מיט אַ מיידל פון כמעט זיינע יאָרן?...

— פּעלטע לאה! — רייסט ער זי איבער בייז, — ווייבער האָבן טאַקע, ווי מען זאָגט, לאַנגע האָר און... קורצן זכרון. — צוגענומען דעם "שרייבער" האָב איך טאַקע, אָבער די מיידלעך צום טיש האָסטו צוגעזעצט. טאָ שוויג זשע בעסער!

אָבער פּעלטע לאה, ווי זי וואָלט עס נישט דערהערט, ציט ווייטער:

— ס׳איז ביי אים אַ קינדערשפּיל! פון אַזאַ שפּיל קאָן אַרויסקומען אַ מיל, אַ ווינטמיל... פריִער רעדט מען מיט די אויגן אויף שטום־לשון, און דערנאָך הייבן אָן די יונגע געבליטן צו יוירן... יאָנטל איז דאָך שוין אַ אַ בחורל פון אַ יאָר זיבעצן, און קיילע חיהניו, כאָטש מיט צוויי יאָר יונגער פון אים, איז שוין אַ פאָלנע פרוי. מע זעט עס שוין אָן אויף איר אַפילו פון דרויסן. זי פלעקט שוין אַוודאי איר שטילער מאַמעס זויבערע ליילעכער...

— און אפשר, פּעלטע לאה, — ווערט דער מאַן אַ ביסל ערנסטער און וייכער, — איז דאָס וואָס דו דערציילסט וועגן די קינדער בלויז אַן אָפּדאַכטעניש? האָסט דאָך אַליין פריִער געזאָגט: לעצטנס ד אַ כ ט ז י ך מ י ר.

— פאַר וואָס זשע דאַכט זיך מיר נישט, ער זאָל קוקן אויף פּערעלען? דאָס וואָלט מיך גראָד ווייניקער געאַרט. פּערעלע, כאָטש אין די זעלבע יאָרן וואָס קיילע חיהניו, איז נאָך אַ קינד. איר גופל איז אַ רוחני, דאָס פּנימל — בלאַסלעך. אָטאַפּנים, אַז איר בלוט איז נאָך בלוי און קיל. זי האָט איר

פרומען טאַטנס, לוי סופרס, שטילע, בלויע אויגן. און ווי איר טאַטע, ווען ער רעדט מיט אַ ייִדענע, ווען זי ברענגט צון אים אַ מזוזה איבערצוקוקן, אַפילו מיטן אייגענעם ווייב, האַלט זי זיי תמיד אַראָפּגעלאָזט.

— ווייסט ער דאָך, אונדזער יאַנטל, אויף וואָס ס׳איז כדאי צו קוקן. — קאָן זיך גרשון נישט אָפּהאַלטן פון אַ שפּאַס צו טאָן און זיך צופרידן צעשמייכלען.

— דו הייבסט שוין ווידער אָן מיט דיינע שטיקעלעך פון אַ ווייסן חברהניק ? — פאַרלירט פעלטע לאה דאָס געדולד. — איך רעד מיט האַרץ, און ער... מיטן ווייסן לעבערל... וואָס אַן אמת, גרשון, מיר איז גראָד פּערעלע צום האַרצן... אַ האַרציק קינד... איז אפשר, גרשון ?...

— וואָס גרשונסטו ? און וואָס אפשרסטו, פעלטע לאה ? — פאַרלירט אויך גרשון דאָס געדולד. — האָסט וואָס צו זאָגן ? רעד !

— איך מיין... אפשר וואָלסטו גאָר געשיקט זעליק שדכן צו לוי סופר איבערצושמועסן ?...

— וואָ־אָס ? — ווערט זיין פנים ערנסט־בייזלעך. — ווילסט אים שוין באַצייטנס פאַרשלייערן, אונדזער יאַנטלען ? אַבי פאַר וועמען ? אַקוראַט ווי ער וואָלט אַריין צום פריץ אין פעלד אין שאָדן... ער איז דאָך נישט קיין בתולה... דאָס איז איינס. צווייטנס — נישט נאָר יאַנטל קוקט נישט אויף איר, אויף פּערעלען, אויך מיר גלוסט זיך נישט קוקן אויף איר... פון זיינעטוועגן. זי איז טאַקע, ווי דו זאָגסט, אַ ווילינקע, אַ שטילענקע — אַ הדסל... איז זי אפשר גוט און ווויל אויף נאָך הבדלה, אויף אַ שמעק צו טאָן... אָבער אונדזער יאַנטל — אַ יונג מיט ביינער און פליישׁ, ברוך־השם — דאַרף האָבן אַ ווייב אַן אויסגעבעטע מיט וואַרעם לייב און הייס בלוט... המם... זי זאָל אונדז געבוירן אייניקלעך, נישט אויף די פינגער צו ציילן. נישט, ווי דו, אַ בן־יחידל מיט אַ בת־יחידהלע...

— ער האָט אין וועמען געראָטן צו זיין, יאַנטל. — צאָלט זי אים אָפּ. — דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון ביימעלע... און איך האָב צום אייבערשטן קיין טענות נישט. וויפל ער באַשערט, באַשערט ער. און מע דאַרף אים דאַנקען. זאָל ער נאָר העלפן, מיר זאָלן האָבן נחת פון אונדזערע צוויי. נאָר פאַר דיר איז אַלץ וויניק... ביים ווייב האָט זיך צו אירע פינף און דרייסיק יאָר, צוואָנציק יאָר נאָך דער חתונה, דאָס

בלוט אָפּגעקילט... גאָט זאָל דיך נישט שטראָפן פאַר דיינע רייד און דיינע תרעומתן.

— און דריטנס, — רייסט ער איבער איר "מענה־לשון", — לוי סופר איז דאָך אַן אויסגעוויייקטער קבצן, כאָטש ער איז דער סופר פונעם טריסקער "הויף". דער "הויף" האָט ליב צו נעמען, אָבער נישט, חלילה, צו געבן. און די סופרטע מוז צוהעלפן אין דער פרנסה — טראָגט פאַנאַנדער אין אַ קאַן מילך איבער די הייזער... איז וואָס? זאָל איך אפשר נעמען אויף קעסט נישט נאָר אַ שנור נאָר אַן נדן, נאָר אויך איר טאַטע־מאַמע, דעם סופר מיט דער סופרעכע?... פּעלטע לאה! דאָס־אָ, איידער דו נעמסט זיך עס גאָר אַריין אין קאָפּ, שלאָג זיך עס אַרויס פון אונטערן טשיפּיק!

— נו, גוט, — גיט זי זיך אונטער זיינע גערעכטע טענות, — האָב איך גאָרנישט נישט געזאָגט. אָבער... איז אפשר... טאַקע צו מרדכי שוחט? אַ?

גרשון שניטקרעמער פאַרטראַכט זיך אַ ווייל, "מעסט אָפּ מיט אַ האַרטן אַרשין דאָס פאַרגעלייגטע שטיקל סחורה" און זאָגט געלאַסן, ערנסט און זיך איבערבעטנדיק:

— זעסטו, פּעלטע לאה, וועגן דעם לאָזט זיך שוין רעדן. כאָטש אויך דער שוחט האָט נישט צו סילוקן קיין נדן, האָט כאָטש דער קרן אַ לייטיש פּנים, און ער וועט די כלה פיין אויסשטייערן. מרדכי שוחט האָט אויך אַ נחלה, איבער הונדערט און צוואַנציק... קיין זון איז דאָך דאָרט נישטאָ, און די טאָכטער איז אַ בת־יחידה. ער וועט אויך געבן עטלעכע שיינע יאָר קעסט. און דער עיקר — די כלה איז אַ פאַרשוין, אַ שיין פּנים, אַ פעסט געביי און אַ שטאַלטנע געשטעל. ס'איז דאָ מיט וואָס...

זיין צעלאַכט, גלוסטיק־צעיאַכמעט פּנים זאָגט איר אויס, דעם ווייב, וואָס ער וויל דערזאָגן, שלאָגט זי אים איבער מיט אַ מוחלדיקן שמייכל, אָבער בייזלעכן טאָן:

— בייס זיך אָפּ די מיאוסע צונג, איידער דו רעדסט וועגן די קינדער מיאוסע רייד...

— וואָסערע מיאוסע רייד?! נו, ס'איז דאָ מיט וואָס... די אויגן צו דערקוויקן.

— דערפאַר מיין איך טאַקע, גרשון, — איז זי שוין אויך צוגעלאָזן און מילד אין טאָן, — צי וואָלט נישט גלייכער זיין וואָס פריִער?

— גוט. איך הייב שוין אָן טראַכטן וועגן דעם. און דו פאַררעד זיך נישט און גיי שלאָפן. פאַרגעס נישט, אַז מאָרגן האָבן מיר דעם יאַרידטאָג.

— דער אייבערשטער זאָל אונדז באַשערן אַ גוט לייזעכץ. אליהו הנביא זאָל מזכה זיין אונזער קלייט מיט אַ וויזיט... ווי פסח צום סדר.

ז

— גרשון, — טוט אַ זאָג פעלטע לאה פון איר שטול פאַר דער שוועל צום מאַן אין קלייט אַריין, — זעליק שדכן איז נאָר וואָס פאַרבייגע־גאַנגען צו זיין טאָכטער אין קלייט.

— גוט, — קומט ער באַלד אַרויס צו איר, — גיי דו אַריין אין קלייט, און איך וועל וואַרטן אויף אים דאָ.

ווען זעליק פישער גייט אין אַ צען מינוט אַרום אַרויס פון זיין טאָכטערס קלייט און גלייכט זיך אויס מיט אים, באַגריסנדיק אים מיט זיין פייכטלעך־כריפּלע קול:

— אַ גוט מאָרגן אייך, גרשון! — ענטפערט ער:

— אַ גוט יאָר דיר. וואָס הערט זיך עפּעס, זעליק, אין טייך? כאַפּן זיך פיש?

בלייבט זעליק שטיין און שטעלט אָן אויף זיין פּנים די פאַרגליווערטע פישענע, העלבורשטינענע אויגן:

— שוין באַצייטנס זאָרגט איר וועגן פיש אויף שבת? דער טייך ברענט נישט. איר וועט, אם ירצה השם, האָבן שיינע פיש אויף שבת, ווי יעדן פרייטיק.

צעכעכעט זיך גרשון אַ צעשמייכלטער:

— סע געוואונדט זיך, זעליק, וועגן וואָסערע פיש דער פסוק רעדט. צי פון פיש אין טייך, צי פון פיש אויף דער יבשה... ווי שטייט עס דאָרט, אין דער סדרה "ויחי"? "וידגו" — און זיי זאָלן זיך פישלען־...

— איר רעדט עפּעס, גרשון, אויף זוהר־לשון. איר ווייסט דאָך: איך בין אַ ייִד אַן עם־האָרץ... וואָס אי' די טייטש?

— די טייטש איז... אָט קום אַריין אויף אַ װײַל צו מיר אינעווייניק, וועל איך דיר מפרש זיין דעם זוהר.

זיי גייען אַריין, און פעלטע לאה גייט אַרויס צו איר שטול.

— זעץ זיך אָט דאָ־אָ. — ווייזט אים אָן גרשון אויף אַ קעסטל לעם דער סטויקע, גייט אַליין אַרונטער הינטער איר, און ביידע זיצן שוין פנים־אל־פנים.

— די טייטש איז. — ווערט גרשונס פנים ערנסט. — וואָס זענען פאַר דיר די ייִנגלעך און מיידלעך אין שטעטל? נישט קיין פיש אויף דער יבשה? און דו ביסט זייער פישער. ביסט אַ שדכן, צי נישט?

— איך בין. איך בין. — באַשטעטיקט זעליק מיט צופרידנקייט אין זיך, און אַ מטושטש שמייכעלע אויף אַ ווייל שימערט בלאָס אויף זיין בלאָנד־גרויער האָריקייט פון די ברעמען, פאות, באָרד־און־וואָנצעס און די פוכהערלעך אויף דער נאָז. אָבער די אויגן שטייען אַלץ פאַרגליווערט, ווי פאַרגליווערטע פישויך. — נאָר פאַר דער לעצטער צייט פיקן זיי עפּעס נישט די פיש...

— איז אָט! — מאַכט גרשון הרחבהדיק. — וויל איך דיר צוהעלפן דערין. האָסט דאָך מיר נאָר וואָס צוגעזאָגט שיינע פיש אויף שבת.

— אַדרבה. לאָמיך הערן. בלויז פון די פיש אין טייך וועל איך שוין פאַרבלייבן אַ קבצן אין זיבן פאָלעס, ווי מיין טאַטע, עליו השלום... רב פנחס שמוקלער האָט מיר דערציילט וועגן אַ בריליאַנט אינעם אינ־געווייד פון אַ פיש... אַזאַ מדרש פאַראַן, האָט ער געזאָגט... איר ווייסט דאָך: איך בין אַן עם־הארץ... נישט נאָר איך אַליין האָב נישט געפונען קיין מאָל קיין בריליאַנט אין מיינעם אַ פיש, נאָר אַפילו נישט קיין איינער פון מיינע קונים... אָבער פון די פיש וואָס אויף דער יבשה קאָן מען אַ מאָל געהאָלפן ווערן... אָט האָב איך זיך אַליין אויסגעשדכנט אַן איידעם, יואל לייבס — אַ בריליאַנט! און דאַנקען דעם אייבערשטן, איך ווער אין גיכן אַ זיידע, וועט זיין אַ צווייטער בריליאַנט... אויף אייך געזאָגט געוואָרן...

— האָב איך טאַקע, זעליק, פון דיינעטוועגן אַ לייטיש געשעפט. איכל דיר זאָגן קורץ, צוגעשניטן אָן הקדמות: אַז ביי מיר אין דאָ אַ בן־יחיד, ווייסטו דאָך...

— צי איך ווייס? אַ בן־יחיד און אַ בת־יחידה, זאָלן אייך געזונט און שטאַרק זיין. און וואָס גיכער זאָלט איר זיי אונטער דער חופּה פירן. זיי זענען פאַרשריבן ביי מיר אין קאָפּ, ווי אויף דער צווייטער זייט פון אַ טאָוול פון אַ סידור. המם, דער בן־יחיד אייערער הייסט יאָנטל — אַ שיין, לייטיש ווויל יינגל. ס׳איז דאָ מיט וועמען צום טיש צו גיין... פאַר אַן אייגענעם טאַטן איז דאָך נישט שייך אויסצוליובן זיין בכור... און די בת־יחידהקע אייערע הייסט בליומקע — אַ קווייט אין אַ שיינעם גאָרטן, און שוין... איז וואָס זשע ווילט זייער טאַטע זאָגן?

— ער וויל זאָגן, זעליק, אַז ער וויל דו זאָלסט זיין בן־יחיד מאַכן פאַר אַ חתן.

— דאָס איז זייער שיין, און ס׳אי׳ שוין טאַקע צייט אויך. אייער יאָנטל ווערט דאָך אין אַ יאָר אַרום אַלט אַכצן יאָר. איז גוט וואָס איר האָט ביי מיר אַ מאָן געטאָן, נאָך איידער איך בין צו אייך געקומען... ווען איך אַ טראַכט טאָן מיט קאָפּ... אויף איין פוס קאָן מען אַפילו קיין פלאָטיטשקע נישט כאַפּן. מע מוז שטיין מיטביידע פיס אויפן ברעג און אויסקוקן מיט געדולד, צי די פענקע טוט נישט קיין ציטער...

— אמת, אַזוי איז עס. וויל איך דיר טאַקע דערין צוהעלפן. כ׳האָב שוין וועגן דעם געטראַכט און זיך צו עפּעס רעכטס דערטראַכט...

פעלטע לאה, זעט גרשון, שטייט שוין איצטער אין דער טיר, אָנגעשפּאַרט אויף דער וואַנט. טאַקע מיטן פּראָנט צום דרויסן, אָבער איר געהער איז אַוודאי אַהערצו. לאָזט ער אויס:

— ראשית־חכמה ווילן מיר, איך און מיין פעלטע לאה, דו זאָלסט אָפּשטאָטן אַ וויזיט ביי אונדזער שוחט...

— אַהאַ! איר האָט עס מיר פון מויל אַרויסגעכאַפּט. — טוט דער שדכן אַ צאַפּל, ווי אַ שווערער פיש אין אַ נעץ, — איר מיינט זיין כלה־מיידל, קיילע חיהניו די כאַכיימע... ניין, איר מיינט סיי די הגדה, סיי דאָס קניידל... ס׳איז מיר נאָר וואָס, נאָך איידער איר האָט עס אַרויסגערעדט, אַרויף אויפן זינען. וואָס האָב איך אייך וועגן דער כלה צו זאָגן? ס׳איז אַזאַ סאַמעטן שטיקל סחורה, וואָס איך בין אין ספק, צי אַפילו ביי אייך

אין קלייט איז אַזעלעכס בנמצא. כאָטש אייער קלייט האָט דאָך אַ שם פאַר אַ "כל־בו". *

זיך אַרומגעקוקט אַרום די ווענט, ווי געזוכט אויף די פּאָליצעס אַזאַ סאָמעטן שטיקל סחורה, דערזעט ער פּעלטע לאהס פּלייצעס, און ציט ווייטער:

— איר האָט עס, טאַטע־מאַמע, צוגעמאָסטן אַקוראַט, ווי מיטן אַרשין. איך בין פּעוונע, אַז ווען דעם זיווג איז שוין אין הימל אויסגערופן געוואָרן. נישט מער... המם, צי קאָנט איר גוט אונדזער שוחט? ער איז, דער לוהיסקער שוחט, פון יענע מיני פיש, וואָס קערן זיך אָן מיטן לויתן. די דאָזיקע פיש, דאַרפט איר וויסן, האָבן האַרטע שופּן, וואָס לאָזן זיך נישט גרינג אַראָפּשאָבן. און ווען שוין מיט גאָטס הילף אָפּגעשאָבן, זענען זיי גליטשיק און לאָזן זיך נישט "מאַכן"... מיט אַזעלכן מוז מען אַריינקנעלן... אַ מאָל — דאָס האַרץ ביי אים אַוועקלייגן... איר וועט פאַרלאַנגען נדן?

— לאָוו דווקא, זעליק, און לאָז שוין מיך רעדן פאַר דיר: קיין זון האָט ער דאָך נישט, און די כלה איז אַ בת־יחידה. איבער הונדערט און צוואָנציק... פאַרשטייען מיר דאָך... נו, און וואָס שייך, זעליק, דיין שדכנות־געלט — זאָרג נישט. מע וועט עס רעכענען לויט דער ווערט פון זיין נחלה... מיר וועלן דיך, חלילה, נישט קריוודען.

— אַנישט קאָן מיר גאָר דען אַנדערש איינפאַלן, כאָטש ווי איר ווייסט בין איך אַ ייִד אַן עם־האָרץ.

ערשט דרייט אויס פּעלטע לאה צו זיי דאָס פּנים, אַ צעשיינטס.

— נו, — שטעלט זיך גרשון אויף, און דער שדכן טוט אים נאָך, — האָבן מיר זיך דערערעדט. איז גייט און טוט, כל־זמן איר זענט דערוואַרעמט פון אונדזער שמועס.

— און אַ גוטער מלאך זאָל אייך באַלייטן אין אייער שליחות. — מאַכט פּעלטע לאה עטלעכע טריט אין קלייט אַריין, — און דאָס מזל פון אונדזערע קינדער זאָל אויפשיינען, ווי די זון.

---

* וואָס ס'איז פאַראַן אין איר אַלצדינג.

— אָמן! — זאָגט זעליק כריפּלע, בעת זיינע אויגן בלייבן פאַרגלי־ווערט. — און אַ גוטן טאָג אייך. איך... ווי נאָר איכל זיין בכוח...

אַרויסגעקומען פון קלייט, בלייבט זעליק שדכן שטיין אַ ווייל פאַר־טראַכט: אין אָנהייב האָב איך זיך אַ כאַפּ געטאָן ווי פאַר הייסער יויך מיט קניידלעך... און דערנאָך... און לסוף... נו, מילא... מע דאַרף אַ מאָל פּרווון אָנמעסטן אַ שטריימל אויף אַ פּראָסטן קאָפּ אויך.

אין איינעם אַ מיטוואָך, ווען זעליק פּישער האָנדלט אין אומגע־ריכט ביי "זיין ערל" אַ סיטקע פיש און פאַרקויפט זיי אויס גיך מיט נישט קיין שלעכטן פאַרדינסט, כאָטש ס'איז היינט נישט ערב־שבת, קומט אים אַרויף אויפן זינען, ביים אָפּוועגן אַ פונטל פיש פאַר גיטל לאה דער שוחטקע, אַזאַ רייצנדיקער געדאַנק: אַז דער פרימאָרגן גייט מיר אַזוי מזלדיק צו די פיש פון טייך, דאַרף מען אפשר אַ פּרווו טאָן דאָס מזל אויך צו "די פיש אויף דער יבשה", ווי גרשון שניטקרעמער האָט עס דעמלט געזאָגט?...אַ?... יאָ, ס'אַ מזלדיקער געדאַנק.

און נאָכן פאַרענדיקן מיט די פיש לאָזט ער זיך צו מרדכי שוחט.

אַריינגעקומען, טרעפט ער דעם שוחט שטיין קעגן פענצטער, די בולטע אויגן פאַרקוקט אויף דער שאַרף פון אַ חלף, זוכנדיק פעסט צו שטעלן, אַז ס'איז נישטאָ אין אים קיין פּגם. ער איז אַזוי פאַרטאָן, דער שוחט, אַז ער הערט גאָרנישט זיין "גוטמאָרגן". חזרט ער איבער שוין העכער אַ ביסל:

— אַ גוט מאָרגן, רב מרדכי.

— אַ גוט יאָר, זעליק. — וואַרפט אים צו דער שוחט צוזאַמען מיט אַ פאַרחידושטן בליק, שטעקט אַריין דעם חלף אין זיין שוואַרצן טוכענעם שיידל, הענגט אים אויף אויפן ביישטידל פון פענצטער און קערט זיך צו אים מיט זיין גאַנצער הויכער און ברייטפּלייציקער פיגור און הדרת־פּנים. — וואָסער גוטער יאָר האָט דיך געבראַכט צו מיר און מיטן אַ מיטוואָך?... זעץ זיך, אַז דו ביסט שוין דאָ. האָסט אפשר געכאַפּט אַ לויתן און ווילסט מיך מזכה זיין מיט אַ לייטישן חלק?

ער זעצט זיך ביים טיש אויבן אָן און וואַרט אויף אַ תשובה.

— מיט אַ חלק פונעם לויתנס אָן אור־אור־אייניקל האָב איך שוין

באַזאָרגט דער שוחטקע טאָקע ערשט נישט לאַנג צוריק. — ענטפערט זעליק פישער און זעצט זיך צום טיש ביי דער זייט.

— גיטל לאה! — רופט דער שוחט, געווענדט צו דער טיר, וואָס פירט אין קיך אַריין, — דאַכט זיך, אַז קיילע חיהניו איז דאָרט ביי דיר. זיי מוחל און שיק אַריין אַ גלאָז טיי מיט מילך פאַר אַ גאַסט וועגן.

— א יישר־כוח, רב מרדכי. צו וואָס זיך באַמיִען? — ברומט זעליק, אָנשטעלנדיק די פישענע אויגן אויפן שוחטס. ער וויל אין זיי איבער־לייענען אין וואָס פאַר אַ מצב־רוח דער שוחט איז, צי האָט ער אים געטראָפן אין אַ שעת־הכושר?... דאַכט זיך, אַז יאָ.

— מע דאַרף זיך באַמיִען, זעליק, מע דאַרף, — לערנט אים דער שוחט פרום, — צוליב דער מצווה פון הכנסת־אורחים.

— איר ווייסט דאָך, רב מרדכי, — ברומט זעליק מיט פרומער הכנעה, — איך בין אַ ייִד אַן עם־הארץ.

דעם שוחטס בולטע אויגן זאָגן אים גאָרנישט. דערווייל ברענגט קיילע חיהניו אַריין די גלאָז טיי מיט מילך מיט אַ צוקער־פּושקע און שטעלט אַנידער פאַרן גאַסט. זי גייט גלייך צוריק, אָבער נישט אין קיך אַריין, ווו זי האָט פאַרענדיקט העלפן דער מאַמען מאַכן די פיש, נייערט אין דער־בייַיקן מיידלשן אַלקער אירן, פון וואַנען זי וועט קאָנען אונטערהערן... זי ווייסט: זעליק פישער איז אויך אַ שדכן... אַ שדכן, — טוט זי אַ טראַכט און אַ שמייכל — איז אויך אַ פישער: ער כאַפּט פיש... אין מוטנער וואַסער?... פאַר וואָס אין מוטנער?... ס'טרעפט זיך דאָך אַ מאָל אויך אַ גלייכער שידוך?...

— טרינק די טיי, זעליק, — איז דעם שוחטס טאָן אַ צוגעלאָזענער, — אַז דו וועסט זיך ווייכער מאַכן די קעל וועט דיר גרינגער זיין צו רעדן. איך זע, דו שווייגסט.

פאָלגט ער, זעליק, נעמט אַ ציגעלע צוקער פון דער פּושקע, טוט דערויף אַ קוק, און זיין פרומער נשמה פאַלט איין אַ ספק...

— רב מרדכי, — זאָגט ער, — איר ווייסט דאָך אז איך בין אַ ייִד אַן עם־הארץ... דעם "שהכול" דאַרף מען מאַכן איידער מע בייסט אָפּ פונעם צוקער, אָדער נאָך דעם?

— איידער...

מאַכט ער דעם "שהכול", בייסט אָפּ אַ שפּיץ פונעם ציגעלע, נעמט די גלאָז, טוט פון איר זופּ און נאָך אַ מאָל אַ זופּ, שטעלט זי צוריק אַנידער און נעמט רעדן איינגעהאַלטן:

— די לעצטע צייט, רב מרדכי, כאַפּט זיך ביי "מיין ערל" וויניק פיש. אַז סע כאַפּט זיך אַ מאָל יאָ, ווי היינט פאַר טאָג, למשל, איז עס ווי דער נס אום פורים. אָך, איז די פּרנסה דערשלאָגן, פאַר קיין ייִדן געדאַכט. טראַכט מען אַלץ ווי עפּעס צו פאַרדינען מן הצד...

— ווי, למשל, פון צונויפפירן אַ שידוך.

— טאַקע אַקוראַט ווי איר זאָגט. איז מיר דאָ, פאַרבייגייענדיק אייער שטוב, אַרויפגעקומען אויפן זינען אַ מחשבה: פאַר וואָס נישט אַריינגיין צו רב מרדכין און פאָרלייגן עפּעס. ניין, ניט עפּעס, נאָר טאַקע אַ לייטישע זאך, פאַר דער געראָטענער בת־יחידה?

קיילע חיהניו שטייט אין דער רגע פאַר איר שפּיגל. דעם שדכנס קאָמפּלימענט צעשמייכלט איר העל־ראָזלעך פּנים, גלאַנצט־אויף אירע אַ ביסל אַרויסגעשטאַרצטע ברוין־גאָלדיקע אויגן און מאַכט טיאָכקען איר האַרץ: אפשר מיינט ער א י ם?... זי טוט אַ שוועב נעענטער צו דער אָפּגעלענטער טיר.

— וואָס זשע ביסטו שטיין געבליבן? — מינטערט אים דער טאַטע.

— אַבי מע זאָגט: אַ שדכן איז ווי אַ מיל...

נאָר דער שדכן געפינט נישט גלייך קיין ווערטער. נעמט ער ווידער די גלאָז טיי און זופּט פון איר פּאַמעלעך־פּאַמעלעכן, פאַרגעסנדיק גאָר אָנצובייסן פונעם צוקער.

— יאָ, יאָ, — גיט אים צו חשק רב מרדכי, — טרינק. טיי, אַז זי ווערט קאַלט, פאַרלירט זי דעם טעם.

אָפּגעזופּט ביז דער העלפט, שטעלט דער שדכן אַנידער די גלאָז און נעמט זיך קלאָרער מאַכן זיינע פריִערדיקע רייד:

— יאָ רב מרדכי, איך וויל אייך פאָרלייגן... אמת, נישט קיין שטיק לויתן, ווי איר האָט פריִער געזאָגט, אָבער אַ באַלעבאַטיש־נגידישן שידוך. המם. ביי גרשון שניטקרעמער איז דאָ אַ ייִנגל...

קיילע חיהניוס פּנים הינטער דער טיר טוט זיך אַ צינד אָן און ווערט ווי איין גאָס מיט איר רויטן קאָפּ האָר. זי הערט אַזוי הויך קלאַפּן איר

האָרץ, אַז זי דערשרעקט זיך: מע זאָל עס נישט דערהערן אויף דער צוווייטער זייט טיר!... זי טוט עס אַ פּאַרדעק מיטביידע הענט, אַ האַנטפּלאַך אויף אַ האַנטפּלאַך.

— איך קאָן דעם תכשיט פון בית־מדרש, — שלאָגט אים איבער רב מרדכי, און אין זיינע אַ ביסל אַרויסגעשטאַרצטע אויגן גייט אויף אַ רויטלעכע בייזקייט, — ווי איך קאָן זיין טאַטן, דעם בעל־התכשיטין... איכל דיר זאָגן, זעליק, נאָך איידער דו צערעדסט זיך מעשה־שדכן, הגם די וועלט זאָגט: אַ שידוך און אַ שמעקטאַבאַק טאָר מען נישט אויסשלאָגן: דיין גאַנג צו מיר איז געווען אַן אומזיסטער, ווייל...

— ווייל איר האַלט נאָך גאָר אין גאַנצן נישט ביי קיין שידוך טאָן?

— וויל דער שדכן געווינען צייט, איידער ער וועט דערהערן, וואָס ער וויל נישט הערן.

— אַז דו ביסט מיר אַריין אין מיטן די רייד, וועל איך דיר שוין דעם ווייל נישט דערזאָגן באַריכות... ס'איז איבעריק... אַליין פאַרשטייסטו עס נישט?... "לא עם־הארץ חסיד" — דעם עם־האָרץ שטייט נישט אָן קיין חסיד צו זיין... און דערצו האָב איך נישט ליב קיין בעל־גאווה נאָך מיט אַן אומגעוואַשן מויל...

ביידע בלייבן זיצן שווייגנדיק און פאַרטראַכט: דער שוחט: "דער שידוך זעט אויס ווי דער שדכן..."; דער שדכן: "מיטן "עם־הארץ" האָט ער געשאָסן און געטראָפן צוויי האָזן פאַר אַ מאָל: גרשונען און מיך...". קיילע חיהניו הינטער דער טיר פילט זיך ווי דער טאַטע וואָלט זי אויסגעפּאַטשט. פון אַ גליִענדיקן זייל ווערט זי אַ רייכערדיקע האָלאָוועשקע... אַ פייכטקייט קיצלט איר די ברעמען... פאַר וואָס? פאַר וואָס? און אין איר געמיט גייט אויף דאָס אַלץ געלייענטע אינעם ביכל "אַהבת ציון", וואָס דער לערער האָט זיי אויסגעבאָרגט צום לייענען... דורך דער פייכטקייט שווינדלט יאָנטלס פּנים. כאָטש זיי האָבן נאָך קיין וואָרט נישט פאַרביטן צווישן זיך... זיין מאַמע לאָזט פון זיי קיין אויג נישט אַראָפּ... אָבער זיי רעדן פאָרט — מיט די אויגן...

מרדכי שוחט שטעלט זיך אויף, און זעליק שדכן טוט אים נאָך.

— המם... הער, זעליק, — זאָגט דער שוחט, — כדי אַ ייִדנס טרחא זאָל פונדעסטוועגן נישט זיין אין גאַנצן אַרויסגעוואָרפן, וועל איך ביי

דיר באַשטעלן אַ שליחות טאַקע באותו־ענין. מיר האָבן געוואָרפן אַן אויג, איך און מיין פלוניתטע, אויף מאיר מעלשענקערס בןיחידל, דעם עילוי. ער איז טאַקע נאָך, ווי ער הייסט, אַ יִדעלע, אָבער אויסוואַקסן וועט פון אים אַ גרויסער יִיד... אַ? ווי מיינסטו?... מאיר איז טאַקע אויך נישט קיין חסיד, אָבער נישט דערפאַר ווייל ער איז, חלילה, אַן עם־הארץ. אַדרבה — אַ יִיד אַ למדן...

— איך ווייס? — פאַרקוקט זיך דער שדכן דורכן פענצטער אין דרויסן, — מאיר מעלשענקער איז טאַקע, ווי מיר ווייסן, נישט פון די פאַרמעגלעכע אין שטעטל, אָבער ער ווייסט, אַז ער פאַרמאָגט אַן אוצר — דעם עילוי זיינעם... קאָן זיין, ער קוקט אויס מע זאָל אים פאַרן אוצר אָפגילטן. המם... צי וואָלט איך געמעגט אַריינגעבן אים אין נדן אַריין אייער נחלה?... אַ?... און מיך וועט איר אַוודאי אויך נישט קריוודען, רב מרדכי, אויפן שדכנות־געלט...

— אָ, זעליק, — שמייכלט דער שוחט און רעדט צוגעלאָזן, — אַז ביסט נישט קיין געראָטנער פישכאַפּער, זע איך שוין: פאַרכאַפּסט די פיש פאַר דער נעץ... צי ביסטו אַ געראָטענער שדכן, וועלן מיר ערשט זען. צוליב דיין שדכנות־געלט וועלן מיר צום רב נישט גיין. דאַרפסט נאָר נישט פאַרגעסן, אַז דעם שידוך האָט נישט דו מיר פאָרגעלייגט, נאָר איך דיר. נו, און ווי דו זאָלסט מיט אים רעדן, דאַרף מען דאָך דיר נישט פיקן אונטערן צונג. — לאָזט ער אויס מיטן ביסל חניפה, ווי אַן אויפגאָב אויפן שדכנות־געלט.

— נעם איך אָן, רב מרדכי, אייער שליחות בכבוד גדול, — שטעלט ער אָן אויף אים דעם בליק. — אַפילו "מיין ערל" ווייסט, אַז ער פאַרלייגט נישט קיין סיטקע, וועט ער קיין פיש נישט כאַפּן. און הלוואי דער אייבערשטער זאָל מיר קומען צו הילף. אַ גוטן טאָג אייך, רב מרדכי.

קיילע חיהניו הינטער דער טיר הערט ווי זעליק שדכן גייט אַרויס דורך דער דרויסנטיר, און זי ווייסט נישט וואָס זיך צו ווינטשעווען: ער זאָל נאָך אַ מאָל קומען אַהער, אָדער נישט?...

זי מאַכט צו פעסט די אָפּגעלענטע טיר, גייט צו צו איר טישקעסטל, שליסט עס אויף, נעמט אַרויס דאָס ביכל "אהבת ציון" און זעצט זיך לייענען. אָבער סע לייענט זיך נישט... זי קוקט פאַר זיך אין פענצטער אַ

פאַרטראַכטע... וועגן יאַנטלען האָט זי שוין נישט וואָס צו טראַכטן... דאָס ביכל וועט זי נישט דערלייענען... נאָך היינט, אויפן, "אוראָק", בעת בליומקעס מאַמע וועט זיך אויף אַ רגע פאַרקוקן, וועט זי עס אומקערן דעם לערער... נו, און וועגן דעם עילוי?...

## ח

פרייטיק גאַנץ פרי.

זעליק פישער שטעלט אַנידער פאַר דער טיר פון זיין טאָכטערס קלייט אַ טישל מיט אַ ברייט פירפיסיק בענקל. אין איין זייט פונעם טישל — אַ דייזשע, איבערגעדעקט מיט אַ רעדנע.

— שפרה, — טוט ער כריפּלע אַ זאָג צו דער טאָכטער, וואָס וועט אים צוהעלפן ביים פאַרקויפן, — פון אונטערן טישל זאָלסטו די פיש קיינעם נישט ווייזן. ווען פעלטע לאה די שניטקרעמערין וועט צוקומען, זאָג מיר. איך וועל זיך שוין מיט איר פאַרנעמען.

דאָס זאָגנדיק, נעמט ער אַרויס עטלעכע גרעסערע פלאָטיצעס פונעם קאַד, וואַרפט זיי אַריין אין דער דייזשע און גיט צו:

— אויך אַז פריידע מאיר מעלשענקערס וועט צוקומען, זאָג מיר. דו הערסט?

— איך הער, איך הער, טאַטע. — ענטפערט זי מיט דרך־ארץ, שפּירנדיק פון קלייט אַרויס דעם מאַנס, יואל לייבס, פרומע און גלוסטיקע אויגן אויף זיך... זיין פנים איז אַוודאי רויט פון פאַרשעמטקייט פאַר זיך אַליין.

וועגן פעלטע לאהן פאַרשפּאַרט שפרה דעם טאַטן צו זאָגן, ווייל זי באַווייזט זיך גלייך.

— אַ גוט מאָרגן, אַ גוט יאָר. — ענטפערט זעליק אויף איר "גוט מאָרגן", — גוט טאַקע, באַלעבאָסטע. וואָס איר האָט זיך פאַרפריט, געקומען די ערשטע. ווער ס׳קומט ערשט, דער איז פערשט. וועל איך פאַרשפּאָרן אויסצובאַהאַלטן די סחורה, וואָס כ׳האָב פאַרגרייט פון אייער־טוועגן, פאַר אַן עין הרע. אָט זעט...

— דאָ האָט איר אַ העכטל, אַ שלייען, אַ יוז און אַ קאָרעסל.

— און קיין לעשטש האָט איר נישט ? — איז די באַלעבאָסטע באַזאָרגט.

— איר דאַרפט מיר פרעגן ? איך ווייס דען נישט אייער מאַנס באַליבטע פיש ? נאָר קיין לעשטש האָט זיך דאָס מאָל נישט געכאַפּט. וואָס זשע זאָל איך פאַר אייך אָפּוועגן ?

— מילא. וועגט שוין אָפּ די פיר פישלעך, וואָס איך זע. אויב נאָר זיי זענען לעבעדיקע.

— פרישע און לעבעדיקע, — נעמט ער זיי אָפּוועגן. — ערשט היינט פאַר טאָג האָט זיי „מיין ערל" געבראַכט פון טייך אין דער סיטקע נאָך. פאַרלאָזט זיך שוין אויף מיר. זיי זענען נאָרוואָס אין דער דייזשע אַרומגע־שווומען.

— אָט אָטעמען זיי דאָך נאָך. — העלפט די טאָכטער צו דעם טאַטן כאָטש מיט אַ וואָרט.

אָפּגעוואוויגן, פאַרוויקלט די פיש אין איר מיטגעבראַכטער רעדנע און אַריינגעלייגט אין איר ראָגאָזשע־קאָשיק, טוט זעליק א זאָג צו דער חשובער קונהטע :

— מאָרגן ביי נאַכט, אם ירצה השם, נאָך הבדלה, וועל איך זיך אַריינכאַפּן צו אייך... נאָכן געלט פאַר די פיש וואָלט איך געקומען דינסטיק, ווי תמיד.

— גוט. — טוט זי אים פאָרשעריש אַ קוק און פנים אַריין. אָבער זיינע אויגן זענען אַראָפּגעלאָזט אויף דער וואָגשאָל... און זי לאָזט אויס, — האָט זשע מיר דערווייל אַ גוטן שבת.

— אַ גוטן שבת, אַ גוט יאָר אייך. — זאָגט ער איר נאָך און טראַכט שוין וועגן אַ צווייטער : אויף פריידע מאיר מעלשענקערס וועט מסתם אויסקומען לאַנג צו וואַרטן, ווי תמיד.

פעלטע לאה, טראָגנדיק אַהיים די פיש, כאַפּט זיך אַריין אויף אַ רגע אין קלייט איבערצוגעבן גרשונען וואָס זעליק האָט איר געזאָגט.

— און מער קיין וואָרט נישט ? — שטעלט ער אָן דעם בליק אויף אירע אויגן, וועלנדיק עפּעס אַראָפּלייענען פון זיי.

— נאָר וואָס ? — איז דאָס ווייב צוליב איר ערב־שבתדיקער צעיאַכ־מעטקייט טראָציק קעגן דעם מאַן. — ער וועט זיך אָוועקשטעלן ביי דעם

קאַד פּיש פּאַרפּירן מיט מיר אַ שמועס וועגן דעם שידוך ?... ער האָט מיר דערביי אַפילו נישט גלייך אין די אויגן אַריין געקוקט.

— האָב איך אַ חשד, — ווערט ער אויפגערעגט אויך צוליב איר טראַציקן טאָן, — אַז דער שוחט האָט געפונען אַ סירכא אויף מיין לונג־און־לעבער...

— אפשר וואָלסטו גערעדט אָן רעטענישן, כ׳זאָל פאַרשפּאָרן זיך אָנצושטויסן ?

— שטויס זיך יאָ אָן, שטויס זיך נישט אָן — בהמה בלייבט בהמה !
— טוט ער איר אַ שנייד אָפּ דענערווירט־צעקאָכט.
— וואָס פאַר אַ בייז איז דיר, גרשון, געשען ? — קוקט זי אים אָן אַ וויַיל דערשטוינט־אָנגעצונדן. — אַ פאַרבלאָנדזשעטע בין פון מאיר נחום נחמנס האָניקפּאַס האָט דיר אין דער פאַרריסענער נאָז אַ שטאָך געטאָן ?... מיט וואָס האָב איך דאָ דיין האָנער גערירט ?

און, שרעקנדיק זיך פאַר זיין ענטפער, טוט זי איילִיק אַ גיי אַרויס.
— נישט אַ בין האָט מיך אַ שטאָך געטאָן, — וואָרטשעט ער באין־ברירה צו זיך אַליין, — אַ יאַטקעהונט האָט מיך אַ ביס געטאָן...
און ער דערטראַכט אין צאָרן : איכל עס נאָך היינט, אין בית־מדרש, דערקענען אויפן שוחטס נאָז... אַ שאָד וואָס זעליק דאַוונט ביים רב אין שבתדיקן מנין...

פריידע דער מעלשענקערינס מנהג איז צו קומען פון די לעצטע, אַ פאַרטוענע כלומרשט, אָן צייט. זעליק ווייסט פאַר וואָס : כדי די טייערע פיש זאָלן שוין זיין אויספאַרקויפט .. . באין־ברירה, זאָל עס הייסן, מוז זי שוין קויפן בלויז די פאַרבליבענע פלאָטישטעקעס... אַ פונטל... נישט מער... ווער האָט עס צייט צו פאָרען זיך אַזוי פיל מיט דעם דרויב ?...
ענדלעך, נאָכן גאַנצן "ווייבערישן יאַריד" קומט זי צו מיט איר שטילן "גוט העלף, רב זעליק".

— אוי, פאַר וואָס האָט איר זיך, פריידע, היינט אַזוי פאַרשפּעטיקט ?
— מאַכט זיך זעליק תמעוואַטע, גלייך ווי תמיד קומט זי נישט קיין פאַרשפּעטיקטע.

— וואָס זשע?! — איז זי כלומרשט דערשראָקן, — ס׳איז שוין גאָרנישט פאַרבליבן פון אונדזערט וועגן?

— ווי פאַלט אייך גאָר איין אַזעלעכס, פריידע? איך זאָל לאָזן אייער מאירן און אייער עילוי אָן פיש אויף שבת? אין די לעצטע מינוטן פונעם ״יאַריד״ האָב איך פאַרגעדענקט ״אַראָפּצוגנבענען״ עטלעכע פון אייערט וועגן.

ער בייגט זיך אַרונטערן טישל און לייגט אַרויס פון דער דייזשע די עטלעכע צוגעגרייטע פלאָטיצעס:

— וויפל זאָל איך פאַר איך אָפּוועגן, פריידע? דאַכט זיך מיר אַז מער ווי אַ פונטל וועט דאָ נישט זיין... יאָ, ווי צוגעטראָפן... ס׳וועגט קוים־קוים עפּעס אַריבער... אַ קלייניקייט.

און בעת זי ציילט אים אָפּ דעם באַטרעף פון די פישלעך, זאָגט ער איר שטיל:

— זאָגט אייער מאַן, זייט אַזוי גוט, אַז מאָרגן אין אָוונט וועל איך זיך, בלי נדר, אַריינכאַפּן. כ׳האָב עפּעס אַ געשעפט צו אייך.

— גוט. — הייבט זי נישט אַרויף צו אים די אויגן. — מירן וואַרטן אויף אייך. אַ גוטן שבת.

גרשון וואַרט אויף פעלטע לאהס קומען רופן אים אויפן ראָסלפלייש, ווי איר שטייגער איז. אָבער זי קומט נישט. שיקט אַפילו נישט בליומקען... נו, איז נישט! ער וועט זיך באַגיין אָן איר ראָסלפלייש. דערפאַר וועז זי וועט קומען מיטן וועש, ער זאָל גיין גלייך פון קלייט אין באָד אַריין, אָדער צום טייך, וועט ער איר שוין מאַכן די אמתע באָד! פאַר דעם ראָסלפלייש וועט ער זי מכבד זיין מיט אַ פאָרציע איבערגעפעפערטע פיש!... די מעשה מיטן שידוך האָט זי דאָך פאַרטראַכט...

פעלטע לאה ווידער אין שטוב, ביים פאַרגרייטן אַלץ אויף שבת, קאָן זיך אויך נישט קילן דאָס האַרץ: פאַר וואָס איז ער זי אַזוי אומזיסט־אומנישט באַפאַלן, ווי... אַ בוהיי? ווי זי וואָלט זיין זיינע אַ דינסטמויד, נישט קיין ווייב... האָט זיך צעבריקעוועט... נישקשה, נאָך היינט וועט עס אים אויספאַלן באָקעם. ביי טאָג און ביי נאַכט... און דווקא וועט זי זיך היינט אויספוצן לכבוד שבת שענער ווי תמיד, זאָל אים די סלינע איבערגיין...

בהמה רופט ער זי!... וועט מען שוין זעען ווער סע מעלה־גרהט... ניין, זי וועט אים היינט קיין וועש נישט אונטערטראָגן...

געקומען אַן אויפגעזאָטענער אַהיים, נישט וויסנדיק אויף וועמען מער — אויפן יאַטקעהונט צי אויף דער בהמה, טרעפט גרשון די בענטש־ליכט שוין איינגעשמאָלצן אין די זילבערנע לייכטער אויפן פאַרפרי געדעקטן שבתדיקן טיש. פעלטע לאה — שוין אַן אויסגעסטראָצלטע. ס'איז קלאָר — אויף צו להכעיס: ווייל ביי דיר איז אַ נישט־אויסגעבאָדענע וואָך, איז ביי מיר שוין דווקא שבת־הגדול!...

נו, ער וועט דאָך נישט פאַרפירן קיין געקריג איצטער קעגן די קינדער און קעגן די שבת־ליכט — נעמט ער זיין וועש פון שלאָפצימער, גייט מיט דעם אין קאַמער אַריין, גיסט אַריין דריי־פיר עמער לעבלעכע וואַסער פון דער פאַס אינעם הילצערנעם ביטל, און וואַשט זיך, און זייפט זיך אַרום. אָנגעטאָן דאָס פרישע וועש, טוט ער זיך אָן שוין שבתדיק און לאָזט זיך מיט יאָנטלען פאַר פרי אין בית־מדרש אַריין.

ער פילט, אַז זיין צאָרן איז, נאָכן אויסבאָדן זיך אין דער קילבלעכער וואַסער, אַ ביסל געלאָשענער... שיין וועט זיין, — טוט ער אַ טראַכט, — אויב ס'וועט זיך אַרויסווייזן, אַז ס'האָט זיך איר בלויז אויסגעדאַכט: זעליק קוקט איר נישט גלייך אין די אויגן אַריין... איז וואָס האָב איך זיך טאַקע אַזוי צעלאָזט אויף איר, ווי אַ צערייצטער... בוהיי?

אין בית־מדרש פרוווט ער עטלעכע מאָל זיך פאַרביידרייען קעגן מרדכי שוחט און פאַרקוקן אים אין די אַרויסגעבולטע אויגן. אָבער... צי דאַכט זיך עס אים בלויז? ניין, סע דאַכט זיך אים נ י ש ט. ווי אין דער פרי האָט זיך מסתמא נישט געדאַכט פעלטע לאהן. בפירוש: דער שוחט דרייט אָוועק דעם קאָפּ אין אַ זייט, ווי נאָר ער פאַלט אים אין די אויגן אַריין.

אַליין דאָס אין זיך נישט באַמערקנדיק, גייט זיין גאַנצע פאַרביטערונג אַריבער אויפן שוחט און אַפילו אויפן שוחטס מ ו י ד: וואָס בלאָזט ער אַזוי פון זיך, דער שו... דער קצב?! ער מיינט אַפנים אַז איטלעכער איז פאַר אים אַ לונג־און־לעבער... אויף איטלעכן קאָן ער אָפּפסקענען: כשר... טרייף... צי מאַכט ער עס פון זיך אַזאַ וואַזשנעם צימעס, ווייל ער איז אַ טריסקער חסיד?... הערצעלע דער שטאָט־משוגענער פאַרט

אויך אויף יעדן יום־טוב קיין טריסק צום... רבינס פערד, ווייל איינס פון זיי, טענהט ער, איז אַ פאַרשטעלט אייזעלע משיחס, איז אפשר וועט ער, הערצעלע, ווערן אַ האָבער, און דאָס אייזעלע וועט אים אויפעסן... און שימענקע שטאָט־לץ פאָרט אויך פון צייט צו צייט קיין טריסק, צוליב זיין שווער דעם חסיד, און קומט פון דאָרטן צוריק מיט מתנגדישע לצנות־מעשיות... מסתם איז ער נישט דער איינציקער לץ דאָרטן... צי נעמט ער זיך אַזוי איבער, דער שוחט, מיט זיין בת־יחידה? ס'איז שוין גאָר קיין לייטישערס, קיין שענערס נישטאָ?... אַז מע וויל, קאָן מען זאָגן: זי זעט אויס ווי... ווי... אַן אויסגעסטרויעטע פאַראַסקע אום זונטיק... מיטן טאַטנס אַרויסגעבולבעטע אויגן און מיטן רויטן, ממזרישן צאָפּ... אַז ווי קומט זי גאָר צו דער איידלקייט און פיינקייט פון פערעלע לוי סופרס!... צי איז נישט צו מאָל מיין פעלטע לאה געערעכט געווען?... מען דאַרף גאָך וועגן דעם זיך גוט איבערלייגן... טאַקע מיט פעלטע לאהן... טאַקע, צוליב וואָס בין איך זי היינט אין דער פרי באַפאַלן, ווי א בייזער...?

דערפאַר, ווען ער קומט צוריק פון בית־מדרש, זאָגט ער נישט, ווי זיין שטייגער איז, דעם "גוט־שבת" גלייך פון דער שוועל, נאָר פאַרהאַלט אים אין זיך, וואַרעמט אים אויס און טראָגט אים צו האַרט צום ווייב:

— גוט שבת דיר, פעלטע לאה, — און טוט מיט אַ כמעט פאַרשולדיקטן און בפירוש איבערבעטנדיקן בליק אַ גלעט איר ערנסט־אָנגעברוגזט פנים, — דו זעסט היינט אויס, ווי... די מלכה שבת אַליין.

— גוט שבת. — טוט פעלטע לאה נישט ווילנדיק אַ שמייכל, כאַפּט אויף יאָנטלס אַ פרעגנדיקן איבערפליִענדיקן בליק פון אים אויף איר, און איר שטים ווערט זאַפּטיק־מילד, — שעמסט זיך גאָר נישט אַזוי צו רעדן פאַר די קינדער אין די אויגן?

— וואָס איז דאָ פאַראַן זיך צו שעמען? — שמייכלט גרשון צוריק פאַרשעמט־פאַררויטלט, — די קינדער האָבן דען קיין אויגן נישט? יאָנטל, בליומקע, אַיאָ, די מאַמע זעט ערשט אויס ווי די מלכה שבת?

בליומקעס פנים ווערט רויט, ווי אַן אָנגעצונדענער לאָמטערן מיט

רויטע שייבלעך. זי שווייגט. אויך יאָנטלס פּנים פאַררויטלט זיך, אָבער ער נעמט זיך אָן מיט מוט, „ווי דער טאַטע״, און ענטפערט מיט אַ שמייכל:

— די מלכה שבת האָב איך נאָך קיין מאָל נישט געזען... ווען כ׳וואָלט זי געזען, און זי איז טאַקע אַזאַ שיינע, וואָלט איך איר געזאָגט: „מלכה שבת, איר זענט שיין, ווי מיין מאַמע״.

פּעלטע לאַהן, אַ געריירטע פון דעם אַלץ, נאָכן גאַנצן ביטערן, יסורימדיקן טאָג, קייקלען זיך אַרויס פון די אויגן צוויי גרויסע טרערן. זיי בלישטשען קעגן די פיר פלעמלעך פון די שבת־ליכט אויפן טיש.

— מיין זון, — טוט זי אַ זאָג מיט אַ פייכטער שטים, — ווען דו וואָלסט נישט זיין שוין, אָן עין־הרע, אַ חתן־בחור, וואָלט איך דיך אַ קוש געטאָן...

בלומקע זעט ווי דער מאַמעס ליפּן צוקן, און זי טוט אַ קוק אויפן ברודער מיט קנאה און רעספּעקט.

גרשון נעמט אויפגעהייטערט אונטערניגונען „אשת חיל מי ימצא״.

## ט

אויף מאָרגן, נאָכן שבת ביייטאָגעדיקן שלאָף, טוט גרשון אַ רוף יאָנטלען אין שלאָפצימער אַריין:

— וואָלסט אפשר אַ בעלן זיין, יאָנטל, מאַכן ערשט אַ שפּאַציר מיטן טאַטן?

— אַ שפּאַציר מיט דיר? — איז יאָנטל שטאַרק פאַרחידושט, פירט איבער דעם בליק פונעם טאַטנס פּנים אויף דער מאַמעס אויפן בעט קעגן איבער, זעט איר בעטנדיק צווינקען מיט די אויגן אויף יאָ, און לאָזט אויס שנעל, — אַז דו ווילסט, פאַר וואָס נישט?

אַרויסגעקומען אין דרויסן און דורכגעגאַנגען שווייגנדיק די ערשטע גאַס, טוט יאָנטל שטיל אַ פרעג, ווי געוועדט צו זיך אַליין:

— וווהין גייען מיר? אויף לודמירער וועג?

— אָ, ניין. — ענטפערט דער טאַטע, — איצט איז דער וועג דאָרטן

אַדוואי פול מיטן עולם, וואָס לישטשעט דיניע־קערלעך און שפּייט מיט די לושפּייקעס. זיי וואָלטן אונדז אָנגעקוקט, ווי פּויערים אויף אַ יאַריד אַן אויסגעפּוצטן פּריץ, נאָכגעקוקט די טריט און געגומען אויף די צינגער... מירן זיך בעסער לאָזן מיט די הינטערגעסלעך צום שמוקלערס טייך, ווו מע גייט ראָש־השנה צו תשליך. נעכטן האָבן זיך דאָרט אַוודאי געבאָדן די ווייבער. אָבער ערשט איז קיינער נישטאָ.

גייען זיי אַזוי און פירן אַ צעשטיקלטן שמועס וועגן זאַכן וואָס אינטערעסירן זיי איצטביידן נישט. אַבי נישט צו שווייגן, וואָס מאַכט שווער די פיס אין גאַנג. שוין פון וייטן דערזעען זיי — ס׳איז טאַקע דאָרט קיינער נישטאָ. דער טייך גלאַנצט קעגן דער זון און הימל, אַ נאַקעטער און עלנטער... ער וואַרט אויף זיי. צוגעקומען צו זיין זאַמדיקן ברעג, זעצן זיי זיך אויפן באַגראָזטן שטיקל פּלאַץ אין שאָטן פונעם עלנטן דיקן און ברייטצווייגיקן ווערבעבוים. זיי פאַרקוקן זיך אויף דער אייבערפלאַך פונעם וואַסער, וואָס איז אַזוי רויִק און גלאַטיק, אַז ס׳איז נישט צו באַמערקן סע זאָל שטראָמען. און אַלץ אַרום רוט שבתדיק מיטן טייך.

נאָך אַ ביסל זיצן אין פאַרקלערטן שווייגן, דורכגענומען מיט דער שטילקייט אַרום, טוט דער טאַטע אַ זאָג:

— ווייסט וואָס, יאָנטל? כ׳האָב נעכטן נישט אוספּייעט גיין זיך אויסבאָדן לכבוד שבת, האָב איך חשק, איצטער אַריינצוכאַפּן אַ באָד. איך מיין, קיינער וועט ערשט אַהער נישט קיין שמעק טאָן. פּנחס שמוקלערס הייזל דאָרט, דו זעסט? שטייט שטיל, מיט צוגעמאַכטע לאָדנס, ווי אַ סוכה אַ גאַנץ יאָר. פּינחס אַליין זיצט ערשט אַוודאי אין באַלמעלאַ־כישן שטיבל איבער אַן אָפענעם מדרש... מע זאָגט, אַז אייער "שרייבער" שעמט זיך גאָר נישט צו זיצן דאָרט מיט אים און אים פאַרטייטשן אַ שטיקל מדרש... נו, פּנחס איז דאָרט דער גבאי, און ער דער בעל־קורא, איז מען דאָך שותפים אין אַ הייליק געשעפט... און פּינחסעס איידעם, שעפּטל זאַגאָטאָווטשיק, איז מסתם מיטן ווייבל אויפן לודמירער וועג...

אַזוי רעדנדיק, נעמט ער זיך פאַמעלעך אויסטאָן.

— און איך מעג אויך, טאַטע? — כאַפּט זיך אויף אין זון דער חשק, און זיין קול איז בעטנדיק.

— אַז איך יאָ, פֿאַר װאָס דו נישט? — איז דער טאַטע ערשט צוגעלאָזן, כמעט װי די מאַמע.

גרשון מאַטערט זיך אַלץ מיטן געדאַנק: װי הייבט מען עס אָן מיט אים, מיטן בנאָק, דעם געזעצטן שמועס?... געװען אפשר באַדאַרפט דאָס מאָל איבערלאָזן דעם שמועס פֿאַר דער מאַמען?... אפשר ערשט אָנהייבן?

אָבער יאָנטל איז שױן דערװײַל אין טײַך און לײגט שױן אַ קלאַפּטער.

— יאָנטל! — שרײַט צו אים דער טאַטע. — קלאַפּטער נישט אַװעק צו װײַט!

גיכער שױן פֿאַרענדיקט דאָס אױסטאָן זיך, גײט אױך ער אַרײַן אין װאַסער. אונטערגעטונקען זיך עטלעכע מאָל און אױסגעגלײַכט מיט אַ נחת־רוחדיקן "אַ־אַ־אַ!", דערשפּירט זיך אָפּגעפֿרישט און דערמינטערט, טוט ער אַ רוף:

— יאָנטל! שװים צוריק! קום אַהער צו מיר!

יאָנטל טוט זיך אַ דרײ איבער נאַזנדיק און טרײַבט זיך מיט די גאַרע כוחות צוריק. צוגעקומען, טוט ער זיך אַ דרײ איבער און אַ שטעל אױף מיט אַ פֿרײלעך־צעשײַנט פּנים און אױפֿגעגלאַנצטע אױגן:

— נו, אָט האָסטו מיך, טאַטע.

— זע נאָר, — פֿאַרחידושט זיך דער טאַטע, — האָסט נאָך אַפֿילו דעם קאָפּ נישט אײַנגענעצט! די האָר פֿון פֿאָרנט זענען נאָך בײַ דיר אין גאַנצן טרוקן.

— װי די ייִדן זענען טרוקן אַריבער דעם ים־סוף! — טוט יאָנטל באַרימעריש אַ לאַך, אַ זעץ זיך אַראָפּ און אַ טוק אונטער. און צוריק זיך אױפֿגעשטעלט, צעלאַכט ער זיך אױף אַ קול, װי פֿאַרגעסן אױף אַ װײַל דעם דרך־ארץ פֿאַרן טאַטן, — אָט זענען מיר שױן די האָר נאַס, װי בײַ אַן אָפּגעצװאָגענעם האָן!

— ביסט אַ כװאַט, יאָנטל. — קװעלט דער טאַטע מיט חניפֿה. — נאָר קום שױן אַרױס. װי אױף צו להכעיס קאָן עס עמעצן פֿאָרט אָנטראָגן. און מיר דאַרפֿן נאָך אױך זיך אָפּטריקענען. מיר האָבן דאָך נישט מיט װאָס זיך אַרומצװױשן.

יאָנטל פֿאָלגט מיט אומװילן. אַרױסגעקומען אױפֿן דורכגעװאַרעמטן

זאַמד, זעצן זיי זיך אין דער זייט בוים, פון וואַנען די זון האָט שוין פאַרטריבן דעם שאָטן, און דאָס שיטערלעכע גראָז איז פון איר שיין דורכגעלויכטן. און ווי זיי טריקענען זיך אַזוי, נאַקעטע, אין די היטלען בלויז אויף די נאַסע קעפּ, טוט דער טאַטע אַ זאָג:

— הער יאָנטל... נעכטן, פאַר דער סעודה, ווען דו האָסט אַזוי קלוג אַ זאָג געטאָן וועגן דער מאַמען, האָבן מיר פאַרשטאַנען, איך און די מאַמע, אַז מיר זענען באַגאַנגען אַן עוולה קעגן דיר...

יאָנטל זיצט מיטן באַהיטלטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט צום גראָז. דאָס פּנים — ערנסט, פאַרחידושט, נייגעריק. אָבער זיין בליק פאָלגט נאָך אַ "משה רבנוס קיעלע", וואָס שפּאַצירט איבער די זיך איינבייגנדיקע רוקנדלעך פון די דורכגעלויכטענע גרעזלעך... זיין בליק גנבעט זיך זייטיק צום טאַטנס פּנים, בעת דער טאַטע ציט פּאַמעלעך ווייטער:

— מיט אַ זון אַ בר־דעת האָט מען באַדאַרפט זיך פריִער מיישב זיין...

— וועגן וואָס? — קאָן שוין יאָנטל מער נישט גובר זיין אין זיך דעם נייגער, אָבער ער דרייט נישט אויס דאָס פּנים צום טאַטן, ווי ער וואָלט עס גלייכגילטיק געפרעגט ביי "משה רבנוס קיעלע".

— אָט וועגן וואָס. — ציט דער טאַטע שווער. — דו ווערסט שוין, יאָנטל, אין גיכן, זיבעצן יאָר. האָט זיך טאַטע־מאַמע פאַרגלוסט צו דערלעבן אינעם זון אַ ביסל נחת... המם... מאַכן אים פאַר אַ חתן...

דעם זונט פּנים אין שאָטן פונעם דאַשיק פאַררויטלט זיך. אין זיין געמיט גייט אויף די מעשה פונעם ביכל "אהבת ציון", וואָס ער האָט געלייענט דער ערשטער, און תמר — קיילע חיהניו, טוט זיך אים אַ שטעל אַוועק פאַרן בליק... אַן אָנגעטאָנענע... און ער מיטן טאַטן זיצן דאָ נאַקעטע... שוויגט ער, שפּירנדיק ווי דאָס פּנים נעמט זיך אים אָנהיצן. נאָר זיין שוויגן מאָנט האַרטנעקיק ביים טאַטן, ער זאָל ממשיך זיין.

— נו, האָבן מיר, איך און די מאַמע, געשיקט זעליק שדכן צו מרדכי שוחט...

דעם זונס באַקן נעמען פלאַמען. ס'דאַכט זיך אים, אַז זיין שוויגן רעדט. און כדי צו דערשטיקן זיין צעמישטקייט, טוט ער אַ שטעל־צו דעם ווייזפינגער פון דער רעכטער האַנט צום גראָבן פינגער, צילט אים אָן קעגן "משה רבנוס קיעלע" אויף די גראָזן און אַ שנעל עס אַוועק.

— יאָנטל, דו הערסט וואָס איך רעד?

— וואָס דען, איך הער נישט? איך הער.

— איך זע דאָך אָבער, אַז דו האָסט גאָר אין זינען פֿליגן. — וואָרטשעט דער טאַטע מיט תרעומות.

— איך הער, איך הער, טאַטע. — שטאַרקט ער זיך איבער און שטעלט אָן דאָס גלײַענדיקע פּנים קעגן טאַטנס אויגן, ווי כדי דער טאַטע זאָל דערפֿון אַראָפּלייענען, אַז ער הערט אים. אָבער די אויגן זענען אים אַלץ אַראָפּגעלאָזט, און די אויערן אָנגעשפּאַנט צו הערן דעם טאַטנס ווייטערע רייד.

— נו, פֿאַרשטייען מיר איצטער, איך און די מאַמע, אַז מיר זענען זיך באַגאַנגען קעגן דיר נישט ווי ס׳קער צו זיין. מיר וואָלטן געוועזן באַדאַרפֿט פֿריִער דיך פֿרעגן, צי קיילע חיה־גיו געפֿעלט דיר... דו זעסט זי דאָך יעדן טאָג... איצטער — וואָס זאָגסטו דערויף? אַ?

באַנומען, אַז ער איז אין טאַטע־מאַמעס אויגן שוין אַ דערוואַק־סענער, ווערט ער ביי זיך פֿעסטער און דרייסטער און טוט אַ פֿרעג:

— און מיט וואָס איז ער צוריק געקומען? דער שדכן, מיין איך.

— ער דאַרף ערשט קומען. היינט אין אָוונט וועט ער קומען צו אונדז... נאָר... איך האָב שוין באַצייטנס סימנים, אַז... ער וועט קומען מיט ליידיקן...

אויפֿן טאַטן און זון לאָזט זיך אַראָפּ אַ שווער שטילשווייגן. דער זון שטעלט אָן די אויגן אויפֿן טאַטנס פּנים און זעט: סע קוקט אויס פֿאַרשוולדיקט, פֿאַרזאָרגט, און גלייכצייטיק שפּילט דערויף פֿאַרבאָרגענער כעס... אויף וועמען? טאָקע נאָר אויף זיך אַליין מיט דער מאַמען?

דער טאַטע קוקט אין זונס פּנים און פֿאַרשט עס שטום: צי ער פֿילט זיך, יאָנטל, פֿאַרשעמט צוליב דעם וואָס ער האָט אים נאָר וואָס אַנטפּלעקט?... ער האָט דעם ווילן, דער טאַטע, זיך אַליין עס נאָך נישט באַוווּסט געמאַכט, אַז זיין אייגענער צאָרן אויפֿן שוחט מיט דער מ ו י ד זאָל זיך איבערגיסן צום זון אין האַרצן. און גיט צו קווינקלענדיק:

— און אפֿשר... אפֿשר האָט אויך קיילע חיה אַ חלק דערין... פֿאַרשטייסט? איך מיין אין זעליקס קומען פֿון זיי מיט ליידיקן...

ערשט דערזעט ער בפֿירוש אין יאָנטלס בליק אַ פֿינקעלע צאָרן.

— טאַטע, — נעמט זיך דער זון אָן מיט מוט און זאָגט אויפגערעגט מיט ציטערנדיקע ליפּן, — ווען ער וואָלט געקומען מיט פולן, זעליק, וואָלט ער מיך אויך נישט גליקלעך געמאַכט...

דעם טאַטנס אויגן גיסן זיך אָן מיט צופרידענער פאַרווונדערונג:

— וואָרן וואָס? זי געפעלט דיר נישט, קיילע חיה?... רעד מיטן טאַטן אָפן. ביסט דאָך שוין נישט קיין חדר־ייִנגל. לאָמיר זיך דורכרעדן.

— איך האָב נישט געזאָגט, אַז... אַז זי געפעלט מיר נישט. נאָר... אפשר וואָלט עמעץ אַנדערש מיר מער געפעלן.

— אַבי די מאַמע האָט מיר געזאָגט, אַז דו רעדסט מיט איר, מיט קיילע חיהן, אויף שטום־לשון, מיט די אויגן...

— כ'רעד מיט איר?... אַז אָפּענע אויגן קוקן אויף דיר, קוקט מען צוריק... מע קאָן דאָך קיין חזיר נישט זיין... דאָס... דאָס איז עס אין גאַנצן.

— איז אפשר קאָן מען וויסן ווער ס'איז דער "עמעץ אַנדערש"?, וואָס וואָלט דיר "אפשר מער געפעלן"? — ציט שוין דער טאַטע אָן די סטרונע שטאַרקער... זי זאָל נאָר נישט פּלאַצן.

דער זון וואַקלט זיך אַ וויַיל, טוט שעמעוודיק, נישט וויסנדיק דערפון, אַ שמייכל און זאָגט שטיל:

— אפשר... דווקא אַזעלכע, וואָס אירע אויגן זענען אַראָפּגעלאָזט.

— פּערעלע לוי סופרס? — שטעלט זיך דער טאַטע איין צו טרעפן.

— המם... — ברומט דאָס ייִנגל און שפּירט ווי אַ וואַרעמקייט צעגייט זיך אים איבער די גלידער, בעת די מחשבה זאָגט אים אונטער: זי איז תמר פונעם "אהבת ציון"... פּערעלע...

— נו, — איז דער טאַטע איינגעהאַלטן אין זיך דערפרייט, — שוין צייט. מע דאַרף זיך אָנטאָן.

און בעתן אָנטאָן זיך רעדט ער וויַיטער:

— דו ווייסט, יאַנטל, וואָס איכל דיר זאָגן? דו האָסט נישט נאָר אַ שיינע מאַמע, ווי דו האָסט נעכטן געזאָגט, נאָר אויך אַ חכמה. כאָטש ווענן דיר מיט קיילע חיהן האָט זי אַ טעות געהאַט... איר געפעלט אויך בעסער פאַר אַ שנור דעם סופרס טעכטערל, פּערעלע. נו, מירן זען...

אָנגעטאָן זיך, לאָזן זיי זיך צופרידענע אַהיים. זיי שווייגן ווידער. אָבער ס'איז אַ שווייגן וואָס דריקט נישט אויפן געמיט. יעדער איז פאַרנומען מיט מחשבות וועגן צווייטן. ערשט פאַרן אַריינגיין אין שטוב, טוט דער טאַטע אַ זאָג:

— ווען זעליק וועט היינט אין אָוונט קומען, פּאַסט נישט דו זאָלסט זיין אין שטוב. קאָנסט זיך שוין אויף טאַטע־מאַמע פאַרלאָזן, ווען זיי גייען ביידע מיט איין דעה.

— גוט. — איז מסכים דער זון, און זיין האַרץ שמייכלט ביים געדאַנק: כ'וועל אַרויסגיין פון שטוב דורך דער טיר און זיך אַריינכאַפּן דורכן אָפן־געלאָזענעם פענצטער צו זיך אין אַלקער. — אָבער, טאַטע, בליומקע זאָל נישט זיין דערביי.

— פאַרשטייט זיך. ווי דען אַנדערש? זי איז דאָך נאָך אַ ציגעלע.

— מע־ע־ע! — צעלאַכט זיך יאַנטל.

דערזעענדיק אין אָפּוואַרטונג זייערע אויפגעלעבטע פּנימער, טראָגט זיי פעלטע לאה אַקעגן איר פריילעך פּנים.

י

— גוט וואָך! — קומט זעליק שדכן אַריין צו גרשון שניטקרעמער, מאַכנדיק אַ תמעוואַטע אָנשטעל, גלייך זיין שליחות צו מרדכי שוחט וואָלט נישט געווען אַדורכגעפאַלן.

— גוט וואָך. — ענטפערט אים דער באַלעבאָס מיט פאַריבל אין טאָן. — האָסט זיך פאַרשפּעטיקט אַ ביסל. כ'האָב שוין באַלד פאַרגעסן אין מיין הבדלה־מאַכן.

— דאָס האָט זיך היינט דער שלוש־סעודות ביים רב פאַרצויגן אַ ביסל. — פאַרענטפערט זיך זעליק, ווי אַ שולדיקער.

— אַ גוטע וואָך און געזונטע וואָך, זעליק. — פאַרגלעטיקט פעלטע לאה. — מיין מאַן האָט נעכטן און היינט זייער געלויבט אייערע פיש.

— מיינע פיש? — דינט איר זעליק גלייך אָפּ מיט אַ שבח. — אייערע פיש. פיש געווענדט זיך אין וואָסער באַלעבאָסטעס הענט זיי פאַלן אַריין.

— זיצט, זעליק. — פאַרבעט אים די באַלעבאָסטע, אַן אונטערגעקויפטע.
— וועט מען טרינקען אַ גלעזל טיי מיט איינגעמאַכטס.

און זי לאָזט זיך אין קיך אַריין, ווו סע קאָכט דער סאַמאָוואַר.

— מיט איינגעמאַכטס ? — פאַרקרימט זיך כמעט דער פאַרבעטענער, גלייך ער וואָלט דערפילט אַ ווידער־טעם אין מויל. — וואָס עפּעס פּלוצעם אין אַ פּראָסטן שפּייסצונאַכטס ? אַז מע וועט, אם ירצה השם, שרייבן תנאים...

— זעסטו ! — מאַכט אַוועק דער באַלעבאָס און גרייסט זיך מיט אַ טאָן פון עמעצן צו להכעיס, — ביי גרשונען אין שטוב קאָן מען זיך, ברוך השם, פאַרגינען איינגעמאַכטס אַפילו אין דער וואָכן.

און שוין קומט אַריין צוריק די באַלעבאָסטע מיט אַ מעשענער טאַץ. און אויף איר — דריי גלעזער פינקלענדיקע טיי מיט זילבערנע לעפעלעך, מיט אַ גלעזערנער געשליפענער צוקערפושקע און דריי שעלעכלעך איינגעמאַכטס פון וויינשל, און שטעלט אַלץ אַנידער אויפן טיש פאַר יעדן באַזונדער.

דאָ קומט אַריין פון זיין אַלקער „דער חתן", זאָגט דעם שדכן : „גוט וואָך, רב זעליק", גייט אַרויס דורך דער פאָדערשטער טיר און דרייט זיך גלייך אַריין אין בלינדן געסעלע, אַריינצוקריכן דורכן אָפן־געלאָזענעם פענצטער צו זיך אין אַלקער...

— סע רוט נישט איין, דאָס היינטיקע יונגוואַרג, — זאָגט דער באַלעבאָס, קוקנדיק צו דער דרויסנטיר, מיט אַ פאַרגעבלעכן טאָן, — קיין איבעריקע מינוט קאָן עס נישט איינזיצן אין שטוב.

— דאָס טעכטערל איז נאָך פריִער אַוועק. — גיט צו די באַלעבאָסטע, זיך זעצנדיק אַקעגן זעליקן. — צו איר חברטע, פּערעלע לוי סופרס, מסתם. גאַנץ גוט. וועט מען קאָנען שמועסן אומגעשטערט.

און אַזוי רעדנדיק, צוקערט זי אָפּ זעליקס גלאָז טיי מיט דריי ציגעלעך צוקער :

— טרינקט, זעליק, און פאַרגעסט נישט דעם איינגעמאַכטס.

טאַפּט זעליק אָן מיט די שאַרסטקע פינגער די גלאָז. זי בריט. גיסט ער אַריין די טיי אין דער שאָל און נעמט אָן אומגעלומפּערט אַ לעפעלע איינגעמאַכטס, גרייטנדיק זיך צו מאַכן דעם „שהכול". נאָר דאָ פאַלט

איין זיין פרומער נשמה אַ פירכטערלעכער ספק, און ער לייגט אים אַרויס פאַרן באַלעבאָס:

— איר ווייסט דאָך, גרשון, איך בין אַ ייִד אַן עם־הארץ... צי דאַרף איך מאַכן אויך אַ "בורא פרי העץ" אויפן איינגעמאַכטס?

— ניין. — ענטפערט ער צופרידן פון קאָנען באַווייזן אויך פאַרן ווייב זיין ווילקענעוודיקייט, כאָטש ער איז נישט אין גאַנצן זיכער מיט זיין ענטפער. — מ'איז יוצא מיטן "שהכול".

מאַכט זעליק שטיל דעם "שהכול", שטעקט אין מויל אַריין דאָס לעפעלע איינגעמאַכטס, ווי מע נעמט איין אַ רפואה, טוט עטלעכע זופּ טיי און שטעלט צוריק אַוועק די אויסגעלײדיקטע שאָל.

— נו, איז מיט וואָס ביסטו געקומען, זעליק, אויף דער פולער וואָך? — טרעט דער באַלעבאָס ענדלעך צו צום תכלית.

— צו זאָגן אייך דעם אמת, — מאַכט זיך זעליק האַרץ און שטעלט אַן אויף זיין פּנים די פאַרגליווערטע אויגן, — האָב איך זיך אויף דער שאָל טיי און דער באַלעבאָסטעס איינגעמאַכטס נ׳שט פאַרדינט... ווי זאָל איך עס אייך זאָגן?... כ'האָב ביי מרדכי שוחט אַרויסגעצויגן, ווי זאָגט "מיין ערל", להבדיל, אַ סיטקע אָן עיש...

— דער לויתן האָט זיך נישט געלאָזט כאַפּן, הייסט עס. — רוקט אָפּ פון זיך דער באַלעבאָס די גלאָז טיי מיט רוגזא. — המם... סע שטייט אים נישט אָן, דעם שוחט... ער שטייט ביי זיך, אין דער פאַראָווערטער בוינע, אין גרויסן.

— אַזוי שיקט זיך נישט צו רעדן. — ווענדט זיך זעליק צערודערט צו דער באַלעבאָסטע, וואָס זעט אויס צו זיין רויִק. ער נעמט די גלאָז טיי אין האַנט, כדי צו געווינען צייט און צוטראַכטן ווי צו רעדן צום באַלײדיקטן באַלעבאָס. ער טוט אַ זופּ און נאָך אַ זופּ און שטעלט די גלאָז צוריק. — וואָס איז דאָ שייך, סע שטייט דעם שוחט נישט אָן? גרשון שניטקרעמער איז עפּעס אַ פאַרלאָפענער ייִד? נישט מער, ער האָט, נאָך פאַר מיין פאָרלייגן אים דעם שידוך, פאַרטראַכט אַן אַנדער חתן פאַר זיין קיילע חיהניון... נו, יענער חתן איז פון אַן אַנדער מין... כאָטש צוריק גערעדט...

דער באַלעבאָס, וואָס האָט בעת זעליקס רעדן גענומען אין מויל אַריין אַ לעפעלע איינגעמאַכטס, און פאַרזופּט מיט אַ שלוק טיי, ווי צו פאַרזיסן און אַראָפּשלינגען זיין ביטערניש, שלאָגט אים איבער:

— סע וואָלט כדאי זיין צו וויסן, ווער איז עס יענער מין חתן? פון דער פרעמד?

— זעליק, — גיט אים די באַלעבאָסטע אַ געגאַרטע מעגלעכקייט נישט צו דאַרפן גלייך ענטפערן דעם מאַן, — פאַר וואָס זענט איר נישט טועם נאָך אַ ביסל פון מיין איינגעמאַכטס? איר ווילט באַליידיקן מיין מי? איך האָב דאָך אים מיט מיינע אייגענע הענט אויסגעפּרעגלט.

— חס־וחלילה! — כאַפּט ער זיך אָן אין אירע רייד און נעמט נאָך אַ לעפעלע "רפואה" אין מויל אַריין. — מלא־טעם!... טאַקע נאָר אויף שמחות אָפּטע ביי אייך אין שטוב... און אייך, גרשון, וועל איך ענטפערן: ניין. גראָד אַ חתן פון הי. וואָס אַן אמת, נישט פון דער גילדערנער פּאַן, אָבער דער חתן איז אַ כלי אויף חידושים... אַ גאָלדן פישעלע... ייִדעלע מאיר מעלשענקערס.

— אמת. — איז גרשון נישט ווילנדיק, מסכים. — ייִדעלע מאיר מעלשענקערס איז אַן אויסגעקלויבענער עילוי... יאָ... אָבער...

ס'טוט אים אַ פאַרפלייץ אַ כוואַליע כעס:

— אָבער וואַרפן זיך מיט אונדזער יאַנטלען איז אויך נישט קיין דרך! ער איז טאַקע נישט, אונדזער יאַנטל, קיין תלמיד־חכם, אָבער אַ חכם, זאָג איך דיר, זעליק, א י ז ער. און דער שוחט האָט נישט געטאָרט אַזוי גראָביאַנסקי זיך וואַרפן מיט אים.

— זאָל דער אייבערשטער אויסהיטן! ווער האָט עס אייך געזאָגט? — וויל אים זעליק, אַ פאַרוווּנדערטער, איינשטילן. אָבער ער לאָזט זיך נישט:

— ס'איז אומזיסט, זעליק, דיין פאַרלייקענען. אַנישט קאָן איך אים נישט, דעם שוחט אונדזערן? פאַר אים זענען אַלע לייטערס צו נידעריק. כאָטש שטעל אים צו יעקב אָבינוס לייטער צום הימל, וועט ער אַרויפקריכן און אַראָפּנעמען דאָס טעלערעל פון הימל פאַר זיין בת־יחידה... מאַ! ווער ס'וועט גרייכן העכער, וועלן מיר נאָך זען!

ער נעמט די קאַלט געוואָרענע גלאָז טיי און טרינקט זי אויס מיט איין אָטעם. ווי צו לעשן אין זיך דעם צאָרן. פּעלטע לאה, אַ באַזאָרגטע און

געקרענקטע, וואַרט דערויף. זעליקס אויגן גליווערן אויף איר פּנים: אַז זי שווייגט, דאַרף ער אויך שווייגן. שטייט עטלעכע ווייל אַן אַפּוואַרטנדיק שטילשווייגן.

— הער, זעליק, — ווישט גרשון אָפּ דעם שווייס פון שטערן און שטעלט אַן די אויגן אויף פּעלטע לאהס, ווי זיך אַ באַרים צו טאָן נישט נאָר פאַרן שדכן, נאָר אויך פאַר איר, — ווערסט זעען, אַז שדכנות וועסטו פאַרדינען נישט ביי אים, נאָר ביי אונדז. איך וועל דיר איצט פאַרלייגן דורכצופירן צוויי געשעפטן... שדכנות־געשעפטן... קוק מיך נישט אַן אַזוי פאַרוווּנדערט, פּעלטע לאה... אַזוי שמועסנדיק, איז מיר איינגעפאַלן נאָך עפּעס, וועגן וועלכן מיר האָבן פריִער נישט גערעדט... איז אַזוי... ערשטנס, וועגן וואָס מיר האָבן יאָ גערעדט. ווערסט אַריינגיין זעליק, צו לוי סופר... איצט קוקסטו מיך אָן פאַרוווּנדערט... יאָ, יאָ, צו לוי סופר, און אים פאַרלייגן דעם שידוך מיט אונדזער זון. אַ סופר איז ביי מיר זיבן מאָל כיישעווער פון אַ שוחט. אַ סופר האָט צו טאָן נאָר מיט ריינקייטן. און לוי סופר איז דאָך נישט סתם אַ סופר, כאָטש ער שרייבט זיך אונטער: סופר סת״ם...

— וואָס איך הער פון אייך, גרשון! — שלאָגט אים זעליק איבער איבערראַשט, — ער האָט דאָך נישט פאַר זיך מיידל קיין צעבראָכענעם זעקסער נדן צו געבן!?

— איך ווייס, איך ווייס. און זאָל דאָס נישט זיין דיין זאָרג. און שרעק זיך נאָר נישט פאַר דיין שדכנות־געלט. מיר וועלן געבן נדן. פינף הונדערט קאַרבן באַרעס געלט. מיר וועלן געבן אויסשטייער, ווי פאַר דער אייגענער טאָכטער. און קעסט וועלן די קינדער האָבן ביי אונדז.

— און איר פונעם סופר וואָס וועט פאַרלאַנגען? — פאַרגינט זיך שוין דער שדכן אַ שפּאַס צו טאָן מיט אַ בלאָסן שמייכל, וואָס שימערט איבער זיין בלאָנדגרויער האָריקייט.

— מיר? מיר פאַרלאַנגען איינס — די כּלה פאַר אַ שנור און... נאָך אַ קלייניקייט. וועגן דעם וועסטו דאַרפן איינטענהן מיט זיי. אפשר נישט אַזוי מיט רב לוי סופר, ווי מיט דער סופרטע. זי מוז גלייך ווערן אויס מילכעקערין, אויב זי וויל אונדז האָבן פאַר מחותנים... וואָס? פּרנסה?... איז הער, זעליק: ווי נאָר זי הערט אויף מיט דער מילך, קריגן זיי פון

אונדז אויפן קומענדיקן יאַריד אַ מתנה — אַ מעלקעדיק בהמהלע און...
בכלל וועלן מיר האָבן אַן אויג אויף זיי, גלייב מיר, מער ווי דער טריסקער
״הויף״, כאַטש ער איז דער ״הויפישער״ סופר... המם, יאָ, וואָס פאַר אַ
פיש קויפט זי ביי דיר, די סופרטע?

— פיש? — זאָגט זעליק מיט אַ נעבעך־ביטול, — אין דער וואָכן —
קיין מאָל נישט, אויף שבת — אַקוראַט דריי פלאָטיטשקעס, איטלעכס אַ
פינגער די גרייס.

ערשט דערזעעט גרשון ווי פעלטע לאה קוקט אויף אים מיט גוטע,
נחת־רוחדיקע אויגן, גיט ער צו:

— איז אָט וואָס נאָך, זעליק, איך פאַרלאַנג פון דיר: נאָר זי אָפּ אויף
דער וואָג, די סופרטע, אויף מיר די עבירה — גיב איר גרעסערע פישלעך,
און דער באַטרעף פונעם איבערגעוויגענעם וועט גיין אויף אונדזער חשבון.
המם, אויב ס׳וואָלט מעגלעך געווען, וואָלט איך פאַרלאַנגט פון דיר נאָך מער.

— דהיינו?

— די סופרטע זאָל יעדן דאָנערשטיק, אָדער פרייטיק געפינען ביי
זיך אין קיך אַ מציאה — אַ לייטיש פישל. זי זאָל זיך אַפילו נישט
אָנשטויסן פון וואַנען ס׳האָט זיך צו איר דערנומען.

— מתן־בסתר, הייסט עס? — זאָגט זעליק, אַ צעוואַרעמטער, צו זיך
אַליין און לאָזט אויס, — דאָס איז אַ גאָר־גאָר גרויסע מצווה. טאָקע היינט
צו שלוש סעודות האָט עס אונדז דער רב געלערנט.

— דער פרומער סופר, — שמייכלט גרשון צו פעלטע לאהן, — וועט
איר אַוודאי אויסטייטשן, דער פלוניתטע, אַז אַ גוטער מלאך האָט עס
איבערגעלאָזט פאַר זיי פאַר זיין גיין אין מקווה אַריין פאַר יעדן אויסכתיבהן
אַ ״ייִד־קיי־וואָו־קיי״.

— מתן־בסתר איז אַ גאָר גאָר גרויסע מצווה, — חזרט זעליק איבער
דעם רבס ווערטער, און זיינע אויגן הייבן זיך פאַרגלייווערטערהייט פון
פעלטע לאהס פנים צו דער סטעליע, — און מע וועט די מצווה מקיים זיין!

דאָ לאָזט ער די אויגן אַראָפּ צוריק אויפן באַלעבאָס פנים און רעדט
ווייטער:

— ער האָט געזאָגט, דער רב... איר ווייסט דאָך, איך בין אַ ייִד אַן
עם־האָרץ, ווי קאָן איך אים נאָכזאָגן די לשון־קודשדיקע ווערטער פון

דער גמרא? נאָר ווי ער האָט פאַרטייטשט: "ווער סע טוט צדקה בסתר, דער איז גרעסער פון משה רבנו". געהערט אַ מעשה!... די דאָזיקע מצווה וועט נעמען אויף זיך מיין פרומער איידעם, יואל לייבס. ער וועט אייך נאָך זאָגן אַ יישר־כוח פאַרן מזכה זיין אים מיט דער מצווה. מיין איידעם... וואָס איז דאָ צו רעדן? פון אַלע שידוכים וואָס איך האָב אויסגעפירט, אַליין אָדער מיט עמעצן אַ שותף, איז דאָס דער בעסטער שידוך — מיין שפּרהס. כאָטש דאָס מאָל איז מיין שדכנות־געלט אָוועק אויפן נדן, און כ׳האָב נאָך געמוזט עפּעס דערלייגן אַ צוגעטשעפּעטן שותף... מאַ, כ׳האָב זיך פאַררעדט... יאָ, אייער שידוך מיט רב לוי סופר איז פּעוונע. ווי זאָגט "מיין ערל": די פיש זענען שוין אין דער סיטקע.

זיין בלאָנדגרויע האָריקייט איז איצט שטאַרקער באַלויכטן פון אַ העלערן שמייכל. נאָר דער באַלעבאָס לעשט אים אויס מיט ווייטערדיקע רייד:

— דאָס איז געווען ערשטנס, און איצט צווייטנס. דאָס וועט זיין אַ נייעס אויך פאַר דיר, פעלטע לאה. ווייל... ערשט דער שוחט האָט מיך אַרויפגעפירט אויפן געדאַנק... ווי שטייט עס ערגעץ? פונעם לייבס פגירה האָט שמשון אַרויסגענומען האָניק... קומט אים, דעם שוחט, כאָטש ד ע ר פ אַ ר אַ דאַנק... הער מיך אויס, זעליק, ביי מאיר מעלשענקער מצדן שוחט ביסטו נאָך נישט געווען?... ניין? איז פאַרלאַנג איך פון דיר — קודם זאָלסטו זיין ביי אים פון אונדזער צד...

פעלטע לאה קוקט אים אָן דערשטוינט־צעמישט. אָבער דער שדכן איז גלייך תופס די זאַך.

— אַז־וי? — פאַרטראַכט ער זיך אַ ווייל — דאָ וועט אויך זיין אַ שווער פאַרלייגן די סיטקע... סיי וועגן אייך, סיי וועגן שוחט... מאיר מעל־שענקער איז טאַקע אַ ייִד אַ קבצן, נאָר מיט האָנער האָט אים דער אייבער־שטער געבענטשט מער ווי אַ גביר. ער איז טאַקע אַן אביון אין זיין מעל־שענקל, אָבער ווייסט, אַז ביי אים אין שטוב איז דאָ אַן אוצר — אַן עילוי... ער וועט זיך הייסן פאַר אים אָפּגילטן.

— טאַקע אָט דעם אוצר וויל איך אַריבערפירן צו זיך אין שטוב אַריין!... וואָס קוקסטו מיך אָן אַזוי דערשטוינט, פעלטע לאה?

— משוגע מײַנע שונאים, צי מטורף?! — קוקט זי אים אָן מיט צעמישטע אויגן, — אָט האָסטו געוואָלט פאַר יאָנטלען פּערעלע לוי סופרס, און אָט ווילסטו אים צונויפפּאָרן מיט יידעלע מאיר מעלשענקערס! אַ שידוך צווישן צוויי ייִנגלעך... און איר, זעליק, זענט אויף אַלץ גרייט, אַבי שדכנות צו פאַרדינען...

צעלאַכט זיך גרשון אויף אַ קול. זעליק דרייט אַוועק דעם קאָפּ, אויסבאַהאַלטנדיק אַ שמייכל, און, אויסגעלאַכט זיך, זאָגט גרשון, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ:

— אוי, פּעלטע לאה. ווייזט אויס, אַז אַפילו פאַר אַ חכמה טאָר מען קיין האַלבע אַרבעט נישט ווייזן. און קיין בת־יחידה האָסטו נישט?... גיי זשע אַריבער, זעליק, צו מאירן און זאָג אים: גרשון שניטקרעמער וויל זײַן בן־יחיד פאַר זײַן בת־יחידה... וויפל איכל סילוקן נדן? פינף הונדערט רובל... פולן אויסשטייער פאַרן חתן מיט דער כלה און אייביקע קעסט... נו, זאָל זיך דער שוחט פּרווון פאַרמעסטן מיט גרשון וויטמאַן!

— גרשון! — צעשיינט זיך פּעלטע לאהס פּנים פון גליק, ווי זי וואָלט שוין געהאַלטן נאָך די תנאימס פון ביידע קינדער, און פון אירע ברעמען הענגען אַראָפּ צוויי טרערן, ווי נעכטן קעגן די בענטשליכט, און זי פרעגט שטיל גלאַט אַזוי, — צי ווײסטו קאָנען, מײַן מאַן, דערטראָגן אַזאַ עול? אַזאַ שווערן עול, ווי דו נעמסט אויף זיך?

רופט זיך אָפּ זעליק:

— דערויף זאָגט אַ ייִדיש ווערטל: אַ מענטש קאָן אויף זיך מער דערטראָגן, איידער צען אָקסן קאָנען דערשלעפּן.

אָבער פּעלטע לאה וויל הערן אַ וואָרט פון אייגענעם מאַן, און חזרט איבער די פראַגע אין אַן אַנדער נוסח:

— מאַן מײַנער, צי האָסטו זיך נישט פאַרמאָסטן צו הויך?

ענטפערט ער איר ייִדישלעך, קוקנדיק צום פרומען זעליקן:

— ווי מע נעמט זיך אונטער, אַזוי העלפט גאָט... נישט אמת, זעליק?

— אמת ויציב.

## יא

פאַר נאַכט. וואָלפעכע לאָזט אַריין די קו אין שטאַל און קומט צוריק אין שטוב צו פאַרענדיקן דאָס אויפראַמען. וואָלף לאָזט זיך שוין גיין, אַ מידער נאָכן לאַנגן טאָג אַרבעט, אין בית־מדרש צו מנחה־מעריב. דאָ קומט אים אָן אַנטקעגן ביי דער סאַמע טיר זייער קאָמינעק.

— נו, באַלעבאָס, — טוט דער קאָמינעק אַ זאָג צו אים מיט אַ מידן שמייכל אויפן געזויבערט־בלאַסלעכן פנים, — מע לאָזט זיך שוין דינען גאָט ? האָט זשע אויך אין זינען אייער קאָמינעק.

וואָלף שטעלט־אָן אויף זיין פנים מיטן קופּערבלעכענעם בערדל די תמיד ווי פאַרשלאָפענע, שאָפענע אויגן. נאָר זיין מיד־פאַרחושכטער אָנבליק ענדערט נישט דעם אויסדרוק. ער טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ הסכמהדיק און אַ מרוטשע. דאָס מיינט צו זאָגן: ער וועט אים גערן טאָן די טובה, אין זינען האָבן בעתן דאַווענען.

דער קאָמינעק גייט אַריין אין שטוב. טרעפט די באַלעבאָסטע אויסווישן דאָס גלעזל פונעם אַכטער לאָמפּ. זי טוט אויף אים אַ קוק און אַ פאָנפע:

— עפּעס זענט איר היינט געקומען פונעם באָדן־זיך פריִער ווי שטענדיק. עפּעס זעט איר אויס...

— יאָ, — זעצט ער זיך אויפן בענקל ביים אויפגערוימטן טיש, — כ'האָב געהאַט היינט אַ שווער... באָדן־זיך.

— וואָס אי' ? ס'אי', חלילה, עפּעס געשען דאָרט ביים טייך ? — רייבט זי אָן אַ שוועבעלע, צינדט אָן דעם קנויט און זעצט אַרויף דאָס פּעכלדיקע גלעזל.

— כ'בין מיד. — ענטפערט ער איר, נישט צו דער פראַגע. — אפשר קאָנט איר מיר, באַלעבאָסטע, געבן עפּעס וואָס לייכטס אָפּצועסן ? כ'האָב חשק צו גיין זיך לייגן.

— שוין־שוין! — טוט זי זיך אַ לאָז רירעוודיק אין קיך אַריין, קומט באַלד צוריק מיט אַ טישטעך, חלה און מעסער, גרייט צום טיש און לויפט צוריק אין קיך. — נאָך איין ווײַלעכקע.

אַריינגעקומען שטעלט זי אַוועק אויפן טישטעך אַ זאַלצמעסטל, אַ טעלער מיט דריי שטיקעלעך הערינג און גיט צו:

— באַלד וועט זיין אַן איי, פאַרקאָכט אויף לויז, ווי איר האָט ליב. איר קאָנט שוין גיין זיך וואַשן.

— מיינע הענט זענען ריין. כ׳קום דאָך נאָר וואָס פון טייך. — און ער נעמט אָפשניידן אַ מוציא חלה.

— און וואָס מאַכן פאַר אייך צום טרינקען?

— גאָרנישט. איר׳ט מיר געבן אַ פרישע גלאָז זויערמילך.

— שוין. די רגע. — און זי טוט ווידער אַ לויף אין קיך און קומט צוריק מיט אַן איי און אַ לעפעלע אויף אַ שאָל און מיט אַ גלאָז זויערמילך.

— נו, האָט איר שוין דאָ אַלץ. אַ גוטן אַפעטיט.

ער נעמט עסן, און זי בלייבט שטיין קעגן אים, די הענט פאַרלייגט אויף דער פולער בלוזקע.

— וואָס זשע האָט דאָרט פאַסירט מיט אייך ביים טייך? — חזרט זי איבער איר נישט פאַרענטפערטע פראַגע. — חלילה, עפּעס שלעכטס?

— אַדרבה, — שמייכלט ער לייכט, דער בליק פאַרקוקט פאַרביי איר העט צום טייך, — עפּעס גוטס. כ׳האָב גערעטעוועט אַ בחורל פון דערטרונקען ווערן. גרשון שניטקרעמערס. ס׳איז מיר גאָרנישט לייכט אָנגעקומען. דער שטראָם איז דאָרט ביי אַ פאַרדריי אַ צו שטאַרקער. און ער איז שוין אַ היפּש שווערער בחורעץ.

— אוי־ווײ איז מיר נישט! — טוט זי אַ כאַפּ אַוועק די הענט פון דער פולער בלוזקע און מיט די פינגער אַ צווענגל זיך די באַקן. — האָט דאָך, חלילה, געקאָנט פאַסירן מיט אייך אַן אומגליק!

— איז דאָך גוט, וואָס מיט מיר האָט, פאַרקערט, פאַסירט אַ גליק: כ׳האָב גערעטעוועט פון אַ זיכערן טויט אַן אייגענעם תלמיד און...

ער רייסט אָפּ מיט אַ מאָל, נישט קאָנענדיק שוין כאַפּן צוריק דאָס זיך־אַרויסגעכאַפּטע.

— וואָס הייסט, אַן אייגענעם תּלמיד ? — טוען זיך אירע אויגן אַ צעפן, ווערן גרויס און גלאַנצן פון פאַרוווּנדערונג, — איר האָט דאָך געזאָגט : גרשון שניטקרעמערס...?

ער קייעט, טראַכט און ענטפערט אין אַ ווייל אַרום :

— הערט, באַלעבאָסטע. כ׳האָב זיך ערשט אומגערן אַרויסגעכאַפּט פאַר אייך מיט עפּעס, וואָס... פאַרפאַלן. שוין דריי חדשים ווי איך גיב אָפּ אַן ״אוראָק״ ביי גרשון שניטקרעמער. זיי האָבן אויסגענומען מיט מיר אַ תנאַי, אַז קיין פויגל טאָר דערפון נישט וויסן. און איך האָב זיי דאָס ערלעך צוגעזאָגט. איז בעט איך אייך, באַלעבאָסטע : זאָל עס אויך ווייטער פאַרבלייבן אַ סוד צווישן אונדזביידע. אַפילו אייער אייגענעם מאַן טאָרט איר עס נישט פאַרטרויען. פאַרגעדענקט זיך עס — איך קאָן צוליב דעם אָנווערן מיין בעסטן, אינטערעסאַנטסטן ״אוראָק״.

— איכל שווייגן ! איכל שטומען ! — פאַרזיכערט זי פּייערלעך, צוריק פאַרלייגנדיק די הענט אויף דער פולקייט פון דער בלוזקע, און קווענקלט אין זיך, וואָס עפּעס וועט ״פאַרבלייבן אַ סוד״ צווישן זיי.

— נו, וועט מען גיין זיך אויסרוען, נאָך דער פאַרנאַכטיקער האָרעוואַניע. — טוט ער אַ זאָג און שטעלט זיך אויף.

די באַלעבאָסטע טוט זיך אַ קער אין דער ריכטונג פון זיין אַלקער, צו מאַכן אים דאָס געלעגער, בלייבט שטיין אויף אַן אויגנבליק, טוט שאַרף אַ בליק אים אין פּנים, ווערט רויט און מאַכט אַ טראָט.

— מע דאַרף נישט. — פאַרשפּאָרט ער איר די טרחא. — אַ דאַנק. איר ווייסט דאָך, אַז איך בין גערנער אַליין זיך אויסצובעטן.

און ער גייט אַריין צו זיך אין אַלקער, פאַרמאַכנדיק הינטער זיך די טיר.

אין אַ האַלבער שעה אַרום זיצן וואָלף און וואָלפעכע ביי דער וועטשערע. הייסע, לאַנגע און שמאָלע לאָקשן מיט מילך. זיי עסן זשעדנע. דאָס ווייב איז אַלץ פאַרטראַכט וועגן דעם סוד, וואָס דער ״נאַדוואָקאַט״ האָט איר אויסגעזאָגט און וואָס זי טאָר עס אים, וואָלפן, נישט ״פאַרטרויען״. און פאַר וואָס איז ער נישט געגרן זי זאָל אים אויסבעטן דאָס געלעגער ? דאַכט זיך, אַז זי איז רויט געוואָרן, ווען זי איז געגאַנגען עס טאָן... זי האָט, חלילה, עפּעס געמיינט ? און ער האָט עס

באַמערקט ?... קייענדיק, ראַנגלט זי זיך, מיטן יצר־הרע, צוצונעמען כאַטש דעם אייגענעם מאַן פאַר אַ שותף צו דעם סוד און וואָרנט זיך כסדר: געדענק, מע טאָר נישט! ער האָט "ערלעך צוגעזאָגט" די באַלעבאטים, און זי — אי ם... אָבער ביסלעכווייז נעמט דער יצר־הרע די אייבערהאַנט איבער איר מיט אַ פאָרטל. זי טוט זיך אַ טראַכט: אָבער וועגן דעם, אַז דער „נאַדוואָקאַט" האָט געראַטעוועט אַ יינגל, וואָס האָט זיך געטרונקען, מעג איך דאָך דערציילן. מאָרגן וועט שוין דאָס גאַנצע שטעטל רעדן וועגן דעם... ס'אַ חידוש אַפילו, וואָס וואָלף האָט שוין באַצייטנס נישט געבראַכט דאָס נייעס פון בית־מדרש.

— הער אַ מעשה! אַזאַ מעשה! — טוט זי אַ פּאָנפע ווי צו דער שיסל.

וואָלף, פאַרטאָן מיט דער רעכטער האַנט, מיטן גאָרן מויל און דער שלעפעריקער מחשבה אין די אַזוי באַטעמטע הייסע לאָקשן מיט מילך, הייבט געלאַסן אויף דעם געקרייזלטן קאָפּ אין דער שוואַרצער, אָפּגע־שאָסן־פאַרגרויטער יאַרמלקע, שטעלט אָן אויף איר די פאַרשלאָפענע שאָפענע אויגן און לאָזט אַרויס פון דער קעל־און־נאָז אַ מין מרוטש, וואָס באַדייט: וואָס פאַר אַ זאַ מעשה איז עס?

— הער, וואָלף, — ענטפערט זי אים אויף דעם פאַרשטאַנענעם מרוטש, — אונדזער "נאַדוואָקאַט" איז דאָך היינט פאַר נאַכט שיר נישט דערטרונקען געוואָרן!

וואָלפס אויסגעלײדיקטער בלעכענער לעפל בלייבט הענגען אין דער לופט, גלייך ער וואָלט זיך פאַרטראַכט, דער לעפל טאַקע, צי האָט ער שוין זיינס נישט אָפּגעטאָן? ... ווי פל איז דער שיר?... און וואָלף פרעגט שוין מיט מטושטשע ווערטער, ווי זיך וועקנדיק פון שלאָף:

— וואָס פלוידערסטו, גאָלדע? ער לייגט דאָך, זאָגט מען, דעם בעסטן קלאַפּטער אין שטעטל?

— ס'הייסט, וואָס דו הערסט. — בלייבט איר לעפל שטעקן אינעם געדיכטעניש פון די לאָקשן, ווי ער וואָלט נישט קאָנען פון דאָרט אַרויס־בראָדיען, — ער האָט זיך געבאָדן. פלוצעם ווערט אַ געוואַלד: "עמעצער טרינקט זיך! אַ מענטש טרינקט זיך!". האָט ער גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז זיין תלמיד, וואָס איז מיט אים צוזאַמען געקומען צום טייך.

יענער האָט צופיל אַרומגעוואָיעוועט אין טייך. האָט ער, דער "נאַדוואָקאַט", געטאָן אַ פּאַטש אַוועק צון אים מיט אַ קלאַפּטער, צו געבן אים ראַטונעק. אים אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר דער טשאָפּרינגע. אַז יענער טוט זיך דאָ נישט אַ וואָרף אויף אים און אַ כאַפּ אַרום זיין האַלדז מיטביידע לאַפּעס! ווי מיט צוואַנגען. זענען זיי ביידע שיר נישט אַראָפּ צום גרונט... עעך... ער האָט זיך קוים מיט נסים אַרויסגעראַטשקעוועט.

— אַזוי—י?! — שאָקלט וואָלף מיטן שמאָלן שטערן אונטער די קרייזעלעך, פינטלט מיט די פאַרשלאָפענע אויגן און שיקט ווידער דעם לעפל אין שליחות צו דער שיסל, — איז דאָך טאַקע אַ דאַנק גאָט, וואָס ער האָט זיך אומגעקערט אַ נישט־דערטרונקענער. זעסט, און מיר האָט ער אַ וואָרט נישט געזאָגט וועגן דעם.

אָנגענומען אויף ס'ניי אַ מויל לאָקשן, קייעט ער באַטעמט זייער ווייכקייט און באַטראַכט וואָס נאָך צו פרעגן:

— נו, און יענעם, דעם וואָס האָט זיך דער ערשטער געטרונקען... האָסט געזאָגט — זיינער אַ תלמיד... האָט ער אַרויסגעראַטעוועט?

— פרעגסט נאָך?! — פאָנפעט זי גרויסהאַלטעריש, ציט אַרויס דעם לעפל מיט נאָכהענגענדיקע לאָקשן און דערטראָגט אים צום מויל. — אַז אַ "נאַדוואָקאַט" גיט ראַטונעק... אַ "נאַצלאָכע" פון גרשון שניטקרעמערס ייִנגל... האָט אים אַרויסגעראַטעוועט, פון טויט לעבעדיק.

— גאָלדע, — שטעלט דער מאַן ווידער אָן אויף איר די פאַרשלאָפענע אויגן, קוקט אויף איר אַ לענגערע וויילע און מרוטשעט, — פריִער זאָגסטו — זיינער אַ תלמיד. איצטער זאָגסטו — גרשון שניטקרעמערס ייִנגל... עפּעס האָט זיך דיר פאַרפּלאָנטערט די צונג מיט די לאַנגע לאָקשן... כע—כע...

— וואָס איז דאָ דאָ צו כעכען? — שמעקט גאָלדעס פאָנפען מיט תרעומת. — טאַקע גרשון שניטקרעמערס ייִנגל איז זיינער אַ תלמיד... המם... ווײ־איז־נישט צו מיר! אויך איך האָב זיך שוין אַרויסגעכאַפּט. ביי וואָלט איך זיך פריִער די צונג געוועזן אָפּגעביסן... פריִער האָט ע ר זיך אַרויסגעכאַפּט פאַר מ י ר, איצט האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט פאַר דיר. אַז פאַרכאַפּט זאָלן שוין ווערן אַלע אונדזערע בילערס! מיט אַהרונקע גנבס טאָכטערוניע אין איינעם! פאַרפאַלן. איצט וועל איך דיר שוין אויסזאָגן דעם

סוד. שוין דריי חדשים אַז אונדזער "נאַדוואָקאַט" גיט אָפּ אַ "נוראָק" ביי גרשון שניטקרעמער.

וואָלף שטעקט צוריק אַריין דעם לעפל אין דער שיסל, לאָזט אַראָפּ אין איר די אויגן, נאָר זיין קאָפּ איז געבויגן אַ ביסל אויף לינקס, שטאַרצט צום ווייב דעם רעכטן אויער, עסט און וויל האָרכן נאָך. אויך וואָלפּעכע נעמט ווידער עסן און, קוקנדיק אויף דער פאַרמאַכטער טיר פונעם קאָמינעקס אַלקער, וואָרנט זי אים:

— נאָר געדענק, וואָלף, לעמאַנעשעם, ד ו זאָלסט זיך מיט דעם, חלילה. פאַר קיינעם נישט אַרויסכאַפּן. פריִער זאָלסטו זיך בעסער די צונג אָפּבייסן!

— זע, פאַר וועמען קאָן איך זיך אַרויסכאַפּן? פאַר מיינע שיקסעס?
— באַרויִקט ער זי זייער פאַרשטאַנדיק. — מיט וועמען פאַרפיר איך עס דען שמועסן מיט קאַזאַלעס? סיידן נאָר מיט דיר, גאָלדע, און דו ווייסט דאָך שוין דעם סוד פ אַ ר מיר.

— ניין, וואָלף, אַפילו נישט פ אַ ר מ י ר. זאָג איך דיר אָן נאָך אַ מאָל, און נאָך אַ מאָל. דאָס מויל זאָל דיר זיין פאַרפּעטשאַטעוועט, ווי מיט אַ טריוואָקסענעם פּעטשאַט פון נאַטשאַלסטווע. איך האָב עס א י ם צוגעזאָגט, און דו זאָג עס מ י ר צו, וואָלף.

— כ׳זאָג עס דיר צו, גאָלדע. מיינע ליפּן — ווי מיט דער ניימאַשין פאַרשטעפּט. — רעדט ער אין דער שיסל אַריין און רייסט איבער סוף־כל־סוף זיין קייען, ווייל דער לעפל קראַצט שוין דער שיסלס דנאָ. — און וועמען "נוראָקעוועט" ער דאָרט, ביי גרשון שניטקרעמער?

— ס׳הייסט וועמען? — די קינדער, פאַרשטייט זיך. דאָס יינגל, וואָס ער האָט היינט געראַטעוועט, און זייער מיידל. דאָס ייִנגל קאָן איך נישט. אפשר קאָנסטו אים פון זעען אין בית־מדרש. דאָס מיידל קאָן איך פון זעען זי ביים באָדן זיך אין שמוקלערס טייך. בלומקע הייסט זי. זיי קומען אַהין אַלע מאָל דריי חברטאָרינס אין איינעם: זי, בלומקע גרשון שניטקרעמערס; מרדכי שוחטס מיידל, קיילע חיהניו; און לוי סופרס מיידל, פערעלע. נאָך גאָר ייִנגענקע זענען זיי. אפשר פופצן־זעכצן יאָר אַלט. ווייסינקע אַזעלכע אויפן לייב. פרישענקע. ווי ווערבעהעלץ, אַז מע שיילט דערפון אַראָפּ די קאָרע, צו מאַכן אַ פייפל, אָדער אַ שפריצער

אויף תשעה־באב. דריי כשרענקע בתולהלעך, ווי לוי סופרס מזוזהלעך...
כאַ... כאַ... כאַ...

מיט אַ מאָל האַקט זי אָפּ דאָס לאַכן און לאָזט אויס ערנסט־באַזאָרגט:

— נאָר צוויי פון זיי זענען אויסגעפּאַשעטע, ווי קעלבלעך — דעם שניטקרעמערס און דעם שוחטס, און די דריטע, דעם סופרס, איז נעבעך אַ דאַרע כראָנדיע, הויט־און־ביין. ער איז נעבעך אַן אָרעמער באַלמעלאָכע, דער סופר.

דערווייל שטייען שוין פּאָר דיר ביידע די שיסלען ליידיקע. פון דעם הייסן געקעכטס און דעם שמועס גלאַנצט ביי זיי אַ שווייס אונטער די אויגן. וואָלפּעכע טראָגט אַוועק די ליידיקע שיסלען אין קיך אַריין און ברענגט זיי צוריק אָנגעפּילטע מיט קורצע ברייטע לאָקשן, געמישט מיט צעקרישלטן קעז און באַשמאַלצן מיט פּוטער.

— כ׳האָב זיי אומיסטן געלאָזט שטיין אין קאַמער זיך אויסצוקילן, מיר זאָלן זיך מיט זיי קוויקן נאָך די הייסע לאַנגע לאָקשן. נעם. עס. איך האָב שוין פאַרזוכט אַ פּאָר לעפל — טעם־גן־עדן!

וואָלף שטעלט אָן זיין פאַרשלאָפן־גלוסטיקן בליק אויפן ווייבס פּנים, וואָס איז איצט פאַררויטלט און שיין אין זיינע אויגן, און בורטשעט צעקראָכן־מילד, בעת אַ נאַריש שמייכעלע שפּילט אויף זיינע באַקן, וואָס גלאַנצן פונעם שווייס, ווי די לאָקשן פון דער פּוטער:

— טעם־גן־עדן, אַזוי ווי דו, גאָלדעניו.

און ביידע נעמען צופרידן און פלייסיק זיך קוויקן מיטן קילן טעם־גן־עדן, שוין שווייגנדיקע.

ערשט זיך דערנעענטערנדיק צום דנאָ פון דער שיסל, פירט וואָלף אַריבער זיין בליק פון איר אויפן ווייב, מאַטערט זיך טראַכטנדיק עפּעס אומקלאָר, און נעמט שווער אַרויסברענגען אויף די ליפּן:

— האָסט געזאָגט פריִער... גאָלדע... וועגן די דריי מיידעלעך... ווי לוי סופרס מזוזהלעך... כע־כעכע... און דו ביסט מיין גרויסע מזוזה...

— ששש! — טייטלט זי, וואָרנענדיק, מיט די אויגן אויף דער פאַרמאַכטער טיר צום קאָמינעק און פּאָנפּעט שטיל־שטיל:

— אים זאָל זיך נאָר נישט פאַרגלוסטן דאָרט אויפן "בוראַק" צו קושן

די מזוזהלעך... מע באַרעדט דאָך אים, בייזע ציינגער, אַז אין טריסק האָט ער נישט נאָר געקושט אַ "מזוזה". זי אַפילו איבערגעקוקט, ווי לוי סופר... כאַ... כאַ... כאַ... צי איז זי כשר...

— כע... כע... כע... — ציקלט איר זיך נאָך דער מאַן. — צי זי איז כשר... צי מע דאַרף זי כשר מאַכן... דו, גאָלדעניו, ביי מיר ביסט אַ כשרע מזוזה...

— וואָרן דו ווייסט דען נישט דעם אמת, מאַן מיינער. דו ביסט ביי מיר געווען דער ערשטער דאָ הי. איידער כ'האָב געדינט קאַטאַרזשנע אין לודמיר. ביסט געווען מיין ערשטער און וועסט זיין ביי מיר דער לעצטער...

— זאָלסט מיר נאָר לעבן און איבערלעבן, גאָלדעניו. און נאָך מיר...

— נו, נעם שוין איין שטומעניש. רעדסט שוין נאַרישקייטן. וואָס עפּעס דאַרף איינער איבערלעבן דעם צווייטן? צוזאַמען געלעבט, ווי מאַן און ווייב, איז צוזאַמען געשטאָרבן... נו, כ'רוים שוין אַראָפּ פון טיש, און מיר מאַכן נאַכט. די געלעגערס זענען שוין גרייט. — שטעלט זי אָן אויף אים וואַרעמע ליבשאַפטלעכע אויגן.

וואָלף נעמט לייענען קריאת־שמע. און ווען ער קומט צו די מלאכים: מיכאל, גבריאל, אוריאל, רפאל, — פאָכען זייערע פליגל פאַר זיינע מידע, פאַרמאַכטע אויגן אין דעם טונקלעניש פון זיין דמיון צוזאַמען מיט זיין גאָלדיאלס...

## יב

יידעלע — אַזוי פאַרצויגן רופן אים טאַטע־מאַמע פון זינט ער געדענקט זיך. פאַרשטייט זיך — מחמת ליבשאַפט. לויט זיין אָנבליק, וווּקס און געשטעל איז ער אין גאַנצן געראָטן אין זיין טאַטן, מאיר מעלשענקער.

מאיר מעלשענקער איז אַ נידעריקער און שמאָלער, ווי אויף זיין געביין וואָלט דאָס לייב איינגעטריקנט. זיין קאָפּ — אַ קליינער, כאָטש מע זאָגט אַז אַ מאָל, יינגלווייז, איז ער גראָד געווען פון די „קאַרפּנקעפּ" אין בית־מדרש. זיין פנים — אַ לענגלעכס, אַ טונקלס מיט גרויסע

ברוינלעכע אויגן, די באַקן באַרעמט מיט פּאַסמעס שאַטענע האָר, וואָס פאַרענדיקן זיך אויפן גאָמבעלע ווי מיט אַ האַלב קניילכן. אָט דאָס בערדל איז אין דער וואָכן מיינסטן טייל באַפּראָשעט מיט מעלשטויב און גיט אים צו אַן עלטערער אויסזען. שבת, אַ געוואַשענער אין זויבערער, זעט ער אויס יינגער.

זיין ווייב, יידעלעס מאַמע, איז מיט אַ קאָפּ העכער פון אים, און לייביקער, מיט פּולבלעכע, ראָזלעכע באַקן, מיט העלערע אויגן, וואָס האָבן אויך אַ לעבעדיקן גלאַנץ. ס׳קליידט איר דעריבער איר נאָמען — פריידע, כאָטש איר גאַנג און איר רעדן איז אַ שטילס און אזמעסיקלעכס.

יידעלע איז ביי זיי אַ בן־יחיד. איז ווי זאָלן זיי אים אַנדערש רופן ווי נישט אַזוי פאַרצויגן — יידעלע? ס׳איז אים זייער איינגענומען, יידעלען, ווען ער הערט אַזוי זיין נאָמען פון זייער מויל. אָבער אַזוי גייט אַן זיין נאָמען אין שטעטל אויך ביי פרעמדע — יידעלע מאיר מעלשענקערס, מחמת זיין נידעריקער וווקס און שמאָלקייט פון גוף. און אַז ער הערט אַזוי זיין נאָמען פון פרעמדע, איז עס אים שוין גראָד נישט איינגענומען. דערווידער אַפילו. ווי מע וואָלט באַצייכנט זיינעם אַ מום — קליינגע־וויקסעקייט.

וואָס עלטער מיט אַ זמן ער ווערט, אַלץ מער ווערט אים די פאַר־צייגנקייט פון זיין נאָמען פאַרדריסלעכער. אויב טאַטע־מאַמע רופן אים נאָך אַלץ אַזוי, איז מילא. כאָטש גיי זאָג זיי: האָט מיך וויניקער ליב. אַדרבה! אָבער פרעמדע — וואָס פאַר אַ מחותנים זענען זיי, צי מעגן זיי גאָר כסדר אָפּמעסטן זיין וווקס? אַ הייסגעבאָדענער, ווי זיין טאַטע, קאָכט עס אַפילו אויף אַ מאָל אין אים. נאָר ער וועט דאָך קיינעם נישט רופן צוליב דעם צום רב אויף אַ דין־תורה.

ווען ס׳קומט אים אַ מאָל אויס צו שפּאַרן זיך איבער עפּעס מיט די חברים, פריִער אין חדר, שפּעטער אין בית מדרש, ברענגט אים אָט דער פאַרצויגענער נאָמען אַריין אין צאָרן. ער שרייט און קאָכט זיך, בעת די אַרומיקע פאַרשטייען נישט: פאַר וואָס? וואָס גייט אים דאָ אַזוי אין לעבן אַריין? זיי פאַררעכענען עס אויפן חשבון פון דעם, וואָס ער איז נישט קיין געוויינלעך יינגל. נאָך ווען ער איז געגאַנגען אין חדר,

האָט מען שוין געשמועסט, אַז ער וואַקסט אַן עילוי. איז ער עס אַזוי צוליב זיין עילוייִשקייט.

איין מאָל, ווען ער לערנט אין בית־מדרש אין דער גמרא בבא קמא: ״חרש, שוטה וקטן פגיעתן רעה״ — אַ טויבער, אַ שוטה און אַ קליינער, דאָס באַגעגעניש מיט זיי איז שלעכט, און אַ ייִנגל אויף דער צווייטער זייט טיש, אים קעגן איבער, וואָס וויל אים עפּעס איבערפרעגן אין לערנען, טוט אים אַ רוף: ״ייִדעלע״, — טוט דאָס בלוט אין אים אַזוי אַ זיד אויף, און ער טוט אַ שטעל אָן אויף יענעם אַזעלכע צעצאָר־נטע אויגן, אַז יענער טוט זיך אַזש אַ צעלאַך:

— זע נאָר, וואָס האָסטו אָנגעשטעלט עס אויף מיר די אויגן, ווי אַ פּאָר גזלנים אין וואַלד? מע טאָר דיר שוין נישט איבערשלאָגן, אַפילו ווען מע וויל דיר עפּעס אַ פרעג טאָן אין לערנען? צי ווען מען דען זיך ווענדן דאָ, אויב נישט צו דיר?

זעט ער דאָך, ייִדעלע, אַז יענער האָט קיין שום בייזן מיין נישט געהאַט. וואָס אים איז דאָ איינגעפאַלן! אַדרבה, יענער חנפעט אים גאָר. נעמט ער שטאַמלען:

— המם... יאָ... האָסט... האָסט... מיר איבערגעשלאָגן. איז וואָס ווילסטו פרעגן? נו, פרעג.

נאָך שטאַרקער הייבט אים אָן דער פאַרצויגענער נאָמען צוצו־נעמען דאָס געזונט, ווען מע נעמט אים שוין רעדן שידוכים. ער איז דאָך שוין אַ בחורל פון אַ יאָר פופצן. זיין שטאָלצער טאַטע, דער אביון, גרייסט זיך מיט אים. ווי אָט וועט ער אים אַריינברענגען אין שטוב קורחס אוצר — דעם לייטישן נדן. אָבער ער טרייסט זיך, ייִדעלע: איכל חתונה האָבן אין אַ פרעמדער שטאָט אַריין, וועל איך דאָרט שוין הייסן יהודה. אָדער, לכל־הפּחות, ייִדל. אָבער נישט, גאָט באַהיט — ייִדעלע.

איז אָט איין מאָל אין אַ שבת־צו־נאַכטס, שוין היפּש נאָך הבדלה, קומט אַריין צו זיי, אין זייער ביי לאה חיהקען געדונגענער האַלבער שטוב, זעליק שדכן. דאַרף מען דען האָבן צו לעמעשקע ציין? ער שטויסט זיך גלייך אָן, ייִדלע, ווענן וואָס ס׳וועט דאָ באַלד זיין אַ רייד. און ווי נאָר די מאַמע איז מכבד דעם גאַסט מיט אַ בלאָסער גלאָז טיי,

מיט קליינע שטיקעלעך צוקער אין אַ שאָל, טוט ער איר אַ זאָג, ווי בעטנדיק דערלויבעניש:

— מאַמע, איכל אפשר גיין אין בית־מדרש אַריין?

— גיי, גיי, ייִדעלע, — ענטפערט דער טאַטע פאַר דער מאַמען, — און לאָז זיך ווילגיין אין דער גמרא אויף דער פּולער וואָך.

זעליק שדכן קוקט מיט די גרויע פּאַרגליווערטע אויגן אויף דער טיר, וואָס האָט זיך פאַרמאַכט הינטער ייִדעלען, ווי אויף דער וואַסערפלאַך נאָך דעם ווי "זיין ערל" האָט פאַרשטעקט אַ סיטקע: ס׳וועט זיך כאַפּן פיש, אָדער נישט? אוי, העלף, ריבונו־של־עולם!

— נו, פאַר וואָס טרינקט איר נישט די טיי, רב זעליק? — דערמאָנט אים פריידע.

— יאָ, — נעמט ער אַ פּיצעלע צוקער מיט די שאַרסטקע פינגער, מאַכט אַ "שהכול" און טוט אַ זופּ טיי.

דערגרייכט מעשה־נס, מיטן איינעם פּיצעלע צוקער, ביז דער העלפט גלאָז, שטעלט ער זי צוריק, גליווערט־אָן די אויגן אויף מאירן און לאָזט הערן פייכט־הייזעריקלעך:

— יאָ. כ׳בין געקומען צו אייך וועגן אַ וואַזשנעם ענין. טאַקע וועגן אייער ייִדעלען.

— אַ פּשיטא. — זאָגט מאיר, — וועלן מיר הערן, ווי דו ווילסט צוהעלפן דעם "וידגו לרוב".

— דו ווייסט דאָך, מאיר, — לאָזט אים זעליק צו הערן, ווי זיין שטייגער איז, — אַז איך בין אַ ייִד אַן עם־הארץ. כאָטש, וואָס אַן אמת, האָב איך שוין געהאַט געהערט דעם טייטש פון "וידגו" — זיי זאָלן זיך פישלען...

— נו, — שלאָגט אים מאיר איבער מיט אַ שמייכעלע, — דאָס האָט דיר אַזוי פאַרטייטשט נישט קיין גרויסער למדן און נישט קיין קליינער עם־הארץ. "וידגו לרוב" איז די טייטש: זיי זאָלן זיך מערן אַ סך. ס׳איז דאָך אַ גערייד וועגן מענטשן. נאָר רש״י מאַכט דערויף: אָט ווי די פיש וואָס מערן זיך.

— בעט איך אייך טאַקע: רעדט צו מיר פשוטע ווערטער. וואָס זשע האָט איר געמיינט צו זאָגן?

— איך האָב געמיינט צו זאָגן: פיש, אַז דו כאַפּסט, ווערן זיי ווייניקער, און חתן־כלה אַז דו כאַפּסט, ווערן זיי מער...

— די תורה פאַרשטיי איך. מאַ. נאָר אויך פיש, געלויבט דער אייבער־שטער, ווערן נישט ווייניקער. סע מערן זיך יענע וואָס בלייבן אין טייך... בין איך געקומען צו איך כאַפּן אייער גאָלדן פישעלע — אייער ייִדעלען. ס׳איז אַ פּעטער שידוך: פינף הונדערט קאַרבן נדן; פולער אויסשטייער פאַרן חתן, ווי פאַר דער כלה, און אייביקע קעסט.

— זעליק, — רופט זיך אָפּ מאיר, ווען ער בלייבט שטיין, — זייער פיין און זייער גוט, אָבער... עפּעס האָסטו אָנגעהויבן אין מיטן, נישט ביים פאָרנט. קודם דאַרף מען דאָך וויסן ווער ס׳איז דער בעל־דבר. כאָטש אַז ער איז גרייט אַזוי פיל צו געבן, איז ער, משמעות, נישט קיין דבר־אחר. ווער איז דער מחותן? און ווער איז די "מדוברת", די כלה הייסט עס? ווי זאָגט מען דאָס? ביסט זעליק געבליבן שטעקן ביים „עיקר שכחתי״.

— דער מחותן? — קוקט איצט דער שדכן אין דער אָפּגעקילטער האַלבער גלאָז טיי, — איז אַ ייִד אַן עושר, אייערער אַ שכן צווישן די קלייטן — גרשון שניטקרעמער... איך שדכן־אויס איצטער פאַר זיין ייִנגל לוי סופרס מיידל... אַ פיינער מחותן, דאַכט זיך, לוי סופר... און ס׳האָלט נישט ווייט פון אַ גמר...

מאיר קוקט זיך איבער מיטן ווייב. זייערע אויגן רעדן צווישן זיך. נאָר זעליק, וואָס איצטער קוקט ער זיך שוין צו צו זייער באַרעדעוודיקן אויגן־שמועס, קאָן זיך פון אים גאָרנישט אָנשטויסן. ער וואַרט. נעמט די האַלבע גלאָז טיי און זופּט זי אויס אָן צוקער.

— דו ווייסט, זעליק, וואָס איכל דיר זאָגן? ס׳וואָלט געווען אַפילו אַ סך צו זאָגן, סיי וועגן דעם מחותן, סיי וועגן דער כלה. נאָר — "מרבה דברים, מרבה שטות״... וואַרט, וואַרט, איכל דיר פאַרטייטשן: אַז מע רעדט צו פיל, רעדט מען נאַרישקייטן. צו וואָס טויגן דאָ איבעריקע רייד? איכל דיר זאָגן בקיצור: ס׳איז אפשר אַ גוטער שידוך, נאָר — פאַר לוי סופר, פאַר זיין מיידל, אָבער נישט פאַר אונדז, פאַר אונדזער ייִדעלען. וואָס פאַר אַ תכלית איז עס פאַר אים? ער זאָל ווערן סוף־כל־סוף

אַ שניטקרעמער? דערצו דאַרף ער זיין אַן עילוי? ניין, ס'איז נישט פאַר אים. מיר קאָנען נישט מער ווי דאַנקען דיר פאַר דיין אומזיסטער טרחא.

— ס'איז נאָך, מאיר, צו פרי מיר צו דאַנקען. איך האָב אייך נאָך נישט געוויזן אַלע פיש אין מיין קאַד. דאָס בעסערע לאָזט מען איבער אויף לעצט. און ערשט וועל איך אָנהייבן טאַקע פון פאָרנט. מיך האָט געשיקט צו אייך מרדכי שוחט: ער וויל זיך מיט אייך משדך זיין. זיין טעכטערל, קיילע חיהניו הייסט זי, איז פאַרשמט פאַר אַ כאַכיימע. זי איז אַ געזונטע, אַ געוויקסיקע און יאָדערדיקע. אין איר טאַטן געראָטן. אויף איר צורהקעלע איז נישט קיין שפּעטנע. מיין שפרה, די טאָכטער מיינע, זאָגט: זי איז אַפילו אַ יפת־תואר, כאָטש זי האָט רויטע האָר... וואָס הייסט רויטע? רויטלעכע, אַזוי ווי גאָלד... אמת, קיין נדן במזומנים אין גילדענע פינפערלעך צו געבן האָט ער נישט, דער שוחט. אָבער נעמען אַן איידעס אויף אייביקע קעסט קאָן ער זיך פאַרגינען. חוץ דעם, האָט ער דאָך, ברוך השם, אַ פיינע נחלה — די שטוב מיטן גאָרטן. און דאָס טעכטערל איז דאָך ביי זיי אַ בת־יחידה. איין און איינציק קינד. איבער הונדערט און צוואָנציק גייט אַלץ איבער בירושה צום איידעם אין איינעם מיט דער חזקה אויף שחיטות...

דער שווער־רעדעוודיקער זעליק פישער, וואָס האָט זיך אַפּנים אויסגעלערנט ביי זיינע פיש די חכמה פון שוויגן, באַווייזט, אַז ווען ער גייט אַריבער רעדן וועגן דער צווייטער פרנסה, שדכנות, איז ער ווערט דעם שוחטס שבח: "און ווי צו רעדן דאַרף מען דאָך דיר נישט פיקן אונטער דער צונג". ער רעדט און רעדט, און מאיר לאָזט זיך אים אויסרעדן. דרינגט ער דערפון, זעליק, אז "דאָס פישל פיקט", און, אַ דערמוטיקטער, רעדט ער ווייטער, ביז „יעדע קנויל האָט אַן עק".

איצט טוט מאיר אַ הויפּן־איין זיין טונקל האַלבקניילכן פון בערדל, אַרונטערציִענדיק עס אונטער דער גאָמבע, דאָס בערדל דאָס מאָגערע, ווי ער איז עס אין גאַנצן, וואָס אין אַ וואָכנדיקן טאָג איז נישט צו וויסן, צי ס'הייבט שוין אָן צו גרויען מחמת עלטער, קראַנקהייט און פרנסה־דחקות, אָדער ס'איז מיט מעלשטויב באַפּראָשעט, און ענטפערט, ווי געצוווּנגען:

— אַוודאי איז גרשון שניטקרעמער נישט מרדכי שוחט, און

גרשונס יעדניאַטשקע נישט דעם שוחטס בת־יחידקע, נאָר וואָס דען? צווישן דעם תכלית פון ווערן אַ שניטקרעמער און דעם תכלית פון ווערן אַ שוחט זע איך נישט קיין גרויסן חילוק... ניין, האָסט מיר נישט וואָס צוצורעדן, זעליק... מיין תשובה איז: מירן זיך מיישב זיין, איך מיט מיין ווייב. אַז ס׳וועט זיין וואָס דיר מודיע צו זיין, איז ווי ווייט איז עס פון מיין קלייט צו דיין איידעמס?

און ווען זעליק איז שוין אויף דער צווייטער זייט טיר, נעמט ער רעדן צו פריידען פאַמעלעך־באַדאַכט, ווי ער באַטראַכט אַ מאָל אַ לעק מעל אויף די פינגער:

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, פריידע? כ׳בין גאָרנישט אַזוי מלא־גדולה פון דעם שידוך. מרדכי שוחט איז טאַקע אַ שיינער ייִד, כאָטש נישט פון די גרויסע למדנים, אַ פיינער ייִד, אַן אָנגעזעענער חסיד ביים טריסקער רבין, וואָס ביי מיר איז עס גראָד נישט פון די געהויבענע מעלות, אָבער נישט אַלץ איז דאָך דער מחותן.

— דאָס מיידל קומט דאָך אַ מאָל אַריין צו אונדז אין קלייטל, — רופט זיך אָפּ פריידע, אַ געניינטע צו דעם שידוך, — נישטאָ וואָס צו רעדן — גאָרנישט קיין מיאוס מיידל, אַ שיינע טאַקע. לייט שמועסן: זי איז אויך אַ כאַכיימע. און וואָס איז ווערט די מאַמע אירע, די שוחטקע? אַ שטילע טויב. אַזאַ מחותנתטע!

— אָבער דאָס, פריידע, איז נאָך אויך נישט אַלץ. אַז קיין נדן נישט, בלויז קעסט, איז וואָס איז דאָס פאַר אַ תכלית פאַרן קינד? צו וואָס וועט ער זיך דאָ, אין קליינעם שטעטל, דערלעבן? ער לייגט מיר אַריין אין נדן, דער שוחט, די חזקה און די נחלה...איז ווי האָט נעמי געזאָגט צו אירע שנורן: "הלהן תשברנה"? — וועט איר דען אויף זיי אויסקוקן?... וואָס פאַר אַ טעם האָט עס, פרעג איך דיך, פריידע, צו זיצן אויף קעסט און אויסקוקן דער שווער־זאָל־לעבן זאָל שטאַרבן?

— כע־כע־כע, — צעלאַכט זיך פריידע איינגעהאַלטן־שטיל, און אירע אויגן טוען בלאַס אַ שימער, — ווי אויסטערליש ס׳איז ביי דיר אַרויסגעקומען, מאיר. זאָלסט מיר געזונט און שטאַרק זיין און אויפהערן ביי נאַכט צו קאַכיקען... "דער שווער־זאָל־לעבן זאָל שטאַרבן"... זאָל ער זיך לעבן, דער שוחט, ביז הונדערט און צוואַנציק...

— זאָל ער... און ווידער דאָס אייגענע: אויף צו ווערן אַ שוחט אויף דער עלטער דאַרף מען זיין אַן עילוי אין די יונגע יאָרן? מע רעדט דאָך אים, אונדזער יידעלען, ברוך השם, שידוכים פון גרעסערע שטעט מיט ייִדן נגידים, וואָס וועלן געבן אי דעם שיינעם נדן און אי לייטישע קעסט. און דערנאָכדעם — 'עט מען זען. געלויבט דער אייבערשטער, וואָס ער האָט אונדז געשענקט אַ קינד, וואָס איז הוילע סולת — זעמלמעל. זאָלן מיר גיין אים פאַרהאַנדלען צום שוחט פאַר צווייניליקער מעל מיט קלייען געמישט?... דערפאַר האָב איך אים געזאָגט, זעליקן: "מירן זיך באַטראַכטן". די וואָסערמיל ברענט נישט, חלילה.

אָבער ביי מרדכי שוחט, נאָכן אויסהערן דורך זעליק שדכן מאירס קאַלטע תשובה, ברענט עס גראָד יאָ: אַ פּרת־הבשן, אַ שור־הבר, וועלכער קצב סע כאַפּט זיי אויס דער ערשטער, ביי דעם בלייבן זיי. קומט ער צו די קצבים אום מיטוואָך מיט אַ בקשה, זיי זאָלן דאָס מאָל צוגרייטן אַלץ צו דער שחיטה אויף שבת שוין מאָרגן באַגין: ער מוז, אָן קיין שום תירוץ, פאָרן קיין טריסק צום רבין אויף שבת. איין מאָל אין אַ שמיטה דאַרפן זיי עס אים צוליב טאָן.

שטעלט זיך איין פאַר אים דער געלער קצב מיטן געבראָכענעם, דער תלמיד־חכם צווישן די קאַצעליינקעס, וואָס לערנט יעדן שבת אין בית־מדרש־שטיבל אַ פּרק "עין־יעקב" אַליין פאַר זיך, אָדער אַ מאָל דעם מדרש צו דער פּרשה פון דער וואָך בשותפות מיט פּנחס שמוקלער:

— הערט מיין חות־דעת, חברה טבחים. — טוט ער אַ זאָג, איינזאַמלענדיק זיין געלגאָלדענע, שוין אַ ביסל דורכגעזילבערטע, היפּשע באָרד אין זיין רעכטער האַנטפלאַך, בעת מיט דער לינקער האַלט ער זיך אונטער דעם "לונג־און־לעבער" אין די הויזן. — רב מרדכי פאַרדינט זיך עס ביי אונדז: ראשית, פאַר זיין גאָטגעבענטשטער האַנט, וואָס האָט נאָך קיין איין מאָל נישט „געכיבנעט" מיטן חלף, חלילה, טרייף צו מאַכן אַ שטיקל; אַז ער איז תמיד חס אויף ייִדיש האָב־און־גוטס בעתן בדקענען, זעען מיר דאָך אַלע. שנית, וויפל איז ווערט זיין דאַווענען אַ מאָל ביי אונדז אין שטיבל פאַרן עמוד אין אַ שבת־שמברכים! שלישית, ער זאָגט דאָך, אַז ער מוז פאָרן, אָן אַ שום תירוץ. וועלן מיר אים נישט צוליב טאָן? איז לאָמיר אים נישט פרעגן

קיין קשיות, און זאָל ער פאַרן געזונטערהייט און אויספועלן ביים רבין פאַר זיך און פאַר אונדז אַלע כל־דאָס־גוטס.

ער באַטראַכט מיט אַ פרעגנדיקן בליק די פנימער פון די קצבים, וואָס האָרכן אים אויס און שאָקלען צו הסכמהדיק צו זיינע רייד, און לאָזט אויס אין נאָמען פון אַלע:

— רב מרדכי, "סלחתי כדבריך" * — מירן טאָן ווי איר פאַרלאַנגט. מאָרגן באַגינען טרעפט איר אונדז שוין, אם ירצה השם, אין דער בוינע.

פאַר נאַכט, פאַר מנחה, קלעפּט אויף מרדכי שוחט אַ מודעה, געשריבן מיט געכתיבהטע אותיות, אויף דער בית־מדרש־טיר, אין דער זייט ווו סע הענגט אויף דער וואַנט דער כיור מיטן האַנטעך:

"בעזרת השם יתברך די נשים באַלעבאָסטעס וואָס האָבן בדעה כשר צו מאַכן עופות אויפן שבת־קודש וואָס קומט צו אונדז צום גוטן זאָלן זיך צואיילן ברענגען די עופות צום שוחט מאָרגן דאָנערשטיק ביז איינס אַזייגער נישט שפּעטער ווייל נאָך דער דאָזיקער שעה וועט דער שוחט זיין שוין אַרויסגעפאָרן מיט דעם אייבערשטיינס הילף פון לוהיסק קיין טריסק ביז איבער שבת

מרדכי ברב פנחס עה"ש ווערנער

שו"ב דפה ק"ק לוהיסק"

און טאַקע מאָרגן, איינס אַזייגער, פאָרט ער אַרויס מיט מאַטישל באַנטשע באַלעגאָלעס קיין לודמיר, ווו ער וועט איבערנעכטיקן אין אַן אַכסניה, און פון דאָרטן, פרייטיק אין דער פרי — קיין טריסק.

*

מיט זיינע חזנישע שטיקלעך, וואָס ער זינגט אויס ביים רבינס פראַווען דעם שבתדיקן טיש, איז מרדכי שוחט תמיד אַן אָנגעלייגטער אורח. און שבת צו נאַכטס, צום געזעגענען זיך, ביילייגנדיק דאָס קוויטל, לייגט ער אויך אויס פאַרן רבין בעל־פה דעם ענין פונעם שידוך. זיין בקשה פונעם רבין איז: דער רבי זאָל ווייכער מאַכן דאָס האַרץ פון מאיר מעלשענקער,

* כ'פאַרגיב, ווי דו פאַרלאַנגסט.

כאָטש ער איז נישט קיין חסיד. מילא, מאיר מעלשענקער, ווי אַ מעלשענ־קער, אָבער זיין חתן־בחורל איז אַ כלי־שלמה. ער זאָגט, דער מעלשענקער: ער וועט זיך באַטראַכטן... פאַרשטייט זיך: ביי אים איז דאָס ווי איינ־האַנדלען אַ זעקל מעל, דאַרף ער זיך באַיִשובן, צי ס'לוינט זיך דאָס געשעפט... דעם רבינס אַ וואָרט...

— האָסט מיך היינטיקן שבת, מרדכי, — זאָגט דער רבי מיט אַ לויטער אויפגעלויכטן פּנים און ווייך קול, ווי באַזאַלבט מיט שמן־זית־זך, — שטאַרק מהנה געווען מיט דיינע ניגונים. נעם איך דאָס אָן פאַר דיין "פּדיון". פאַרדינסט זיך דערמיט נאָך אויף דער וועלט אַ שטיק עולם־הזה... יאָ, דער שידוך איז אַ גאָר גלייכער. אַז דו וועסט, אם ירצה השם, קומען אַהיים, זאָג אים דאָרט, מאיר מעלשענקער, אין מיין נאָמען בזה הלשון, ממש מיט די ווערטער: „מאיר, וועסט טאָן אַ גלייכע זאַך, אַז דו וועסט זיך משדך זיין מיט רב מרדכי שוחט... "עניי עירך ועניי עיר אחרת, עניי עירך קודמין"*... איך הייס דיר... המם, און ווי נאָר סע וועט זיך מאַכן אַ פריי כסא־הרבנות אין מיינעם אַ שטעטל, אַזוי וועט רב מרדכי שוחטס איידעם זיין בר־מצרא. און דערווייל זאָל זיך דער חתן־בחור נעמען שטאַרקער צום „יורה־דעה" און דעם "חושן משפט", וועט ער באַקומען סמיכה אויף רבנות פון מיינעם אַ מרא־דאַתרא".

## יג

דעם קומענדיקן פרייטיק־צו־נאַכטס, נאָכן ענדיקן דאָס דאַוונען אין בית־מדרש, בלייבט מרדכי שוחט שטיין אַזוי זייטיק ביי מאיר מעלשענקערס שטענדער און טוט אים אַ זאָג ווי אויפן אויער:

— בלייב דאָ איבער, מאיר, לענגער אַ ביסל. ביז דער עולם וועט זיך צעגיין. כ'האָב מיט דיר עפּעס צו רעדן אונטער פיר אויגן.

---

* די אָרעמע לייט פון דיין שטאָט און די אָרעמע לייט פון אַן אַנדער שטאָט — זענען די אָרעמע לייט פון דיין שטאָט קודמער.

ער גייט צוריק צום אייגענעם שטענדער און קוקט נאָך ווי דער עולם ווערט אַלץ שיטערער. מאיר שטייט אַ געפּלעפּטער: געוויס וויל דער שוחט רעדן מיט מיר וועגן דעם שידוך. וויל הערן פון מיר אַ תשובה. פּנים־אל־פּנים וועט עס מיר גאָרנישט אַזוי לייכט זיין צו זאָגן אים קורץ און שאַרף: „לא מיט אַן אַלף"... כאָטש נעם מאַך זיך, דו האָסט אים נישט דערהערט און כאַפּ זיך אַרויס... וואָס פאַר אַ פּנים וועט עס האָבן?... נאַר, צוריק גערעדט, וואָס האָב איך דאָ פאַר אים צו אַנטלויפן? וואָס? כ'בין אים שולדיק אַ חוב? ער האָט פון מיר אַן אויסגעשטעלט וועקסעלע אויף מיין בן־יחיד דעם עילוי?...

— ייִדעלע, — טוט ער אַ זאָג, זעענדיק אַרויסגיין די לעצטע מתפללים, — גיי אַהיים זאָגן דער מאַמען "גוט שבת". איכל שפּעטער אַ ביסל אונטערקומען.

ווי נאָר ייִדעלע פאָלגט אים, שטייט שוין דער שוחט ווידער דאָ.

— גוט שבת, מאיר.

— גוט שבת, גוט יאָר. — ענטפערט ער, אויפהייבנדיק צו אים דעם קאָפּ — טשעקאַווע, רב מרדכי, וואָס איר האָט מיר צו לאָזן הערן.

— ס'איז כ'לעבן טאַקע טשעקאַווע. נאָך ווי אַזוי טשעקאַווע! — קוקט ער צו אים אַראָפּ. — פאַראַכטאָגן בין איך געוועזן אויף שבת ביים רבין אין טריסק. ביים געזעגענען זיך האָט מיר דער רבי באַפוילן: „אַז דו וועסט, אם ירצה השם, אַהיים קומען, זאָג אים, מאיר מעלשענקער, כאָטש ער איז נישט קיין חסיד, איך מיין נאָמען, בזה הלשון, ממש מיט די ווערטער: מאיר, וועסט טאָן אַ גלייכע זאַך, ווען דו וועסט זיך משדך זיין מיט רב מרדכי שוחט... עניי עירך ועניי עיר אחרת, עניי עירך קודמין'... איך הייס דיר... המם, און ווי נאָר סע וועט זיך מאַכן אַ פרייע כסא־רבנות אין מיינעם אַ שטעטל, אַזוי וועט רב מרדכי שוחטס איידעם זיין בר־מצרא. און זאָל זיך דערווייל דער חתן־בחור נעמען שטאַרקער צום "יורה דעה" און דעם "חושן משפּט", וועט ער באַקומען סמיכות אויף רבנות פון מיינעם אַ מרא־דאתרא". אַזוי האָט ער מיך באַפוילן, דער רבי זאָל לעבן. איך בין, חלילה, נישט

מוסיף און נישט גורע * קיין אײנאײנציק וואָרט, ווי פון דער תורה. דו, מאיר, ביסט נישט קיין טריסקער חסיד. דערוואַרט איך נישט, דו זאָלסט מיר שוין אויפן אָרט אַ זאָג טאָן: "נעשה ונשמע". המם, נאָר מאָרגן, אם ירצה השם, נאָכן דאַווענען, פאַרלאַנג איך צו הערן פון דיר דײן תשובה אויפן רבינס באַפעל. אַ גוטן שבת, מאיר.

ווי אַ פּריטשמעליעטער, קוקט נאָך מאיר דעם אָפּגײיענדיקן און אַרויסגײיענדיקן צוקינפטיקן מחותן: איצט איז עס דאָך גאָר פּינפּנוליקע מעל! דער מחותן גיט דאָך "סולת בלולה בשמן זית זך"** — אַ כסא־רבנות פאַר אונדזער ייִדעלען!

זײן גאָרער שטאָלץ, וואָס איז פון אים איבערגעגאַנגען צום בן־יחיד, און זײן גרײסן זיך מיטן בן־יחידס עילויִשקײט, מיט זײן זון, וואָס וועט אין עטלעכע יאָר אַרום זיצן אויף אַ כסא־רבנות, — צינדט זיך אין אים אָן, ווי אַ שטורקאַץ, און ברענט מיט לײכטנדיקער פרײד.

אָט די פרײד טראָגט ער באַלד פון בית־מדרש צו זיך אַהײם און קומט אַרײן אין שטוב מיט אַ דערהויבן־פרײלעכן "גוט שבת"! מיט איר זינגט ער דעם "אשת חיל מי ימצא", כאַפּנדיק אַלע ווײל אַ בליק, דאָ אויפן פאַרטראַכטן ייִדעלען, דאָ אויף דער שבתדיק שײנענדיקער פרײדען. מיט אָט דער פרײד מאַכט ער קידוש און פראַוועט די סעודה מיט די זמירות, נישט אַרויסברענגענדיק זי מיט קײן ווערטער.

...גלײך די גוטע מלאָכים די ווײסע, — פרײט זיך פרײדע אין האַרצן, — וואָס האָבן אים פון בית־מדרש געפירט און אין שטוב אַרײנ־באַגלײט, וואָלטן דאָ איבערגעבליבן, צו פראַוועט צוזאַמען מיט אונדז די סעודה... אין וועמעס זכות? געוויס אין ייִדעלעס, וואָס האָרעוועט די גאַנצע וואָך אין דער תורה...

אויך אין איר צינדט זיך אָן די פרײד און גײט אויף מיט אַ ראָז־קײט אויף אירע באַקן און גלאַנץ אין די אויגן. אַזש מאירס האַרץ קוועלט־אָן אין איר און קוויקט זיך מיט איר שײנקײט... איז ער מקנא ייִדעלען, וואָס די מאַמע לאָזט פון אים קײן אויג נישט אַראָפּ?... אַז

---

* מינער נישט.

** זעמלמעל געמישט מיט לויטערן בוימל.

מע האָט אַזאַ בן־יחיד — „סולת״ — וואָס פּאַר אַ באַטרעף קאָן שוין האָבן פאַר איר דער מאַן, דער ווישקראַב ?...

— יִדעלע, — טוט ער אים אַ פרעג, — ווו שטייט עס געשריבן וועגן קנאה פון אַ טאַטן צו אַ זון ?

— אין דער מסכתא סנהדרין, דף קה, עמוד א, — פליט גליך דער ענטפער, — „בכול אָדם מתקנא חוץ מבנו ותלמידו״. *

— הייסט עס, האָב איך אַ טעות, — שעפּטשעט מאיר צופרידן צו זיך אַליין, — דאָס שיקט זיך גאָרנישט. אַז די גמרא אַליין זאָגט...יאָ...

פריידע ווידער, כאָטש זי קוקט נאָך אַנאַנד אויפן בן־יחיד, הערט זי אָבער נישט אויף צו טראַכטן וועגן דעם מאַן. זי שטויסט זיך אָן, אַז זיין געהויבנקייט נעמט זיך פונעם שמועס, וואָס ער האָט געהאַט מיט מרדכי שוחט, לויט יִדעלע האָט איר דערציילט. אָבער — וואָס קאָן דאָ זיין די גדולה אויף אים ? וואָס ער האָט געהאַט דעם כוח און די העזה אָפּצוזאָגן מרדכי שוחט אין די אויגן ?... ווען זי וואָלט אַשטייגער דאַרפן רעדן וועגן דעם מיט דער שוחטקע ?...

נאָר זי וועט דאָך נישט גיין פאַרפירן אַ שמועס מכוח דעם שידוך, ווען יִדעלע זיצט ביים טיש. ערשט נאָכן בענטשן, ווען ״דאָס חיות״ גייט אַריין צו זיך אין אַלקערעל, ווו זיין געלעגער איז שוין צוגעגרייט נאָך פון פאַרן ליכטבענטשן, און זי האָרכט ווי ער האָט זיך שוין געלייגט שלאָפן, טוט זי שטיל־שעפּטשענדיק אַ פרעג דעם מאַן, קוקנדיק צו דער עפענונג אָן אַ טיר אין יִדעלעס אַלקערל אַריין :

— מאיר, וואָס האָסטו דאָרט גערעדט מיטן שוחט ?

— אָט ! מ'האָט גערעדט. — מאַכט ער אַוועק, צוריק שעפּטשענדיק, דאָס חשיבות פון די רייד, ווי פון קליינגעלט. — נישטאָ וואָס איבערצו־דערציילן... אַן אַנדערס מאָל אפשר.

פריידען איז קלאָר, אַז דאָס איז נאָר אַן אָנשטעל אַזעלכער. אַנישט האָט זי קיין אויגן נישט און נישט געזען, קיין האַרץ נישט און נישט געפילט, אַז ער איז היינט שבת־יום־טובדיקער ווי אַלע מאָל ? איז עס צוליב וואָס דען עפּעס אַנדערש, אויב נישט צוליב דעם שמועס מיטן

---

* אין יעדן איז זיך אַ מענטש מתקנא, חוץ אין זיין זון און תלמיד.

שוחט? נאָר ער האָט דאָך ליב אַ מאָל, ווען ער איז אין אַ גוטן אומער, אַ פּראַווע צו טאָן אַזאַ מין שטיפעריי. ווי ער וואָלט נאָך זיין אַ יונגער־מאַנטשיק אַ חודש נאָך דער חתונה... נו, גוט, זאָל עס אים וויל באַקומען. וועט זי אויך מאַכן אַן אָנשטעל, אַז די זאַך גייט איר נישט אָן אַזוי שטאַרק. דעמלט וועט ער זיך שוין ביי איר בעטן, זי זאָל אים אויסהערן... אַ סוד קוועטשט דאָס האַרץ מער ווי אַן ענגער שוך אַ נאַגניאָטקע... האָסט אַ סוד פאַר מיר, מאיר? האַלט זיך מיט אים!

...אָבער מיין האַרץ איז אַזוי טשעקאַווע, — איז זי זיך מודה אין האַרצן, — כ׳בין דאָך נישט מער ווי אַן אישה. נאָר כ׳על ביישטיין דעם נסיון.

אויסגעמאַטערטע פון דער וואָך קרעמערן און דאַגהנען, און ווי פאַרשיכורט פון דער פריידיקער און זאַטער שבתדיקער סעודה, גייען זיי באַלד שווייגנדיקע צו זיך אין שלאָפאַלקער אַריין זיך לייגן. פריידע בעט אויס די געלעגערס, און מאיר לייענט קריאת־שמע. מאיר שלאָפט איין דער ערשטער. פריידען אָבער לאָזט נישט דאָס טעשקאַוועקייט תיכף איינשלאָפן: וואָס פאַרט איז אויף אים געוועזן די שמחה? די שבת־ליכט אין שטוב נעמען צאַנקען און פאַכען, דאָ מיט ליכט, און דאָ מיט שאָטן. ווען זיי גייען דאָרט אויס און ס׳ווערט אין גאַנצן פינצטער, דרייט זי זיך אויס מיטן פנים צו דער וואַנט און ווערט אויך אַנטשלאָפן.

ערשט... ס׳מוז שוין זיין ווייט נאָך האַלבער נאַכט, דערפילט פריידע איר מאַן ביי זיך אין בעט. אַ פאַרשלאָפן, אָבער ניצחונדיק שמייכעלע טוט אַ שימער אויף איר פנים אין דער פינצטערניש, און זי מאַכט זיך נישט ווויסנדיק... סע גייט מיר נישט אָן, הייסט עס, מאיר לעבן...

— פריידע, — שעפּטשעט ער שטיל, ווי ער וואָלט זיך שרעקן זי אויפצוועקן, — דו שלאָפסט?

— איך שלאָף, איך שלאָף, — ענטפערט זי שטיל דער וואַנט מיט אַ געמאַכטן טאָן פון תרעומות, — פאַר וואָס עפּעס זאָל איך נישט שלאָפן?

— נו, אַז די שלאָפסט אַזוי וואַכעדיקערהייט, צדיקת מיינע, — שעפּטשעט ער מיט אַ ווייך, צוגעלאָזן קול, — וועל איך דיר דערציילן וואָס ס׳האָט מיר היינט געזאָגט מרדכי שוחט.

— האָסט דאָך, דאַכט מיר, בפירוש געזאָגט, — שעפּטשעט פריידע

ווייטער צו דער וואַנט, — "אַט! מ'האָט גערעדט. נישטאָ וואָס איבערצודערציילן".

— ע, פריידעניו, אַז דו האָסט שוין יאָ אַזאַ גוטן זכרון, פּאַר וואָס זשע געדענקסטו נישט וואָס איך האָב אויסגעלאָזט: "אַן אַנדערס מאָל אפשר"? — שעפּטשעט ער מיט אַ שטיל לאַכן, — נו, איז איצטער דאָס "אַן אַנדערס מאָל". און מיין "אַט! מ'האָט גערעדט" איז אויך נישט געווען קיין ליגן. נישט מיר האָבן גערעדט, נאָר ער האָט גערעדט, מרדכי שוחט. הער זשע, פריידע...

פריידע דרייט זיך איבער מיטן פּנים צו דער סטעליע:

— אַז דו רעדסט, זאָל איך נישט הערן? כ'הער.

און מאיר גיט איר איבער וואָרט אין וואָרט דעם שוחטס רייד אין נאָמען פונעם רבין.

— נו? — טוט זי אַ פרעג שטיל, באַזאָרגט און ווי דערשראָקן, זיך אויסדרייענדיק מיטן פּנים צו אים, — און וואָס טראַכסטו, מאָרגן אים צו ענטפערן?

זיי וויסן, כאָטש זיי זעען זיך נישט אין דער פינצטער הינטער די צוגעמאַכטע לאָדנס, אַז זיי קוקן זיך קעגנזייטיק אָן.

— דו פרעגסט נאָך, פריידע?! איצט איז דאָך גאָר עפּעס אַנדערש. אויב מיר טוען דעם שידוך, איז דאָך גלייך ווי אונדזער יידעלע איז שוין באַצייטנס אַ רב! אַוודאי וועל איך אים מאָרגן ענטפערן: "נעשה ונשמע!".

פריידען טוט עס ווי אַ טראָג אונטער פונעם געלעגער. זי דערפילט זיך זיצן אין אַ ווייכן פּאָטעל אין גן־עדן אַקעגן איר מאַן.

— מאיר, — איז איר שטים וואַרעם־ציטעריק, — אונדזער יידעלע האָט מיר אַ מאָל פּאַרטייטשט דיין נאָמען: "מאיר — באַלייכט". אַזוי האָט אַ מאָל געהייסן, האָט ער געזאָגט, אַ גרויסער תנא פון דער גמרא... האָסט מיר איצטער, מאיר, טאַקע ליכטיק געמאַכט אין אַלע ווינקעלעך פון דער נשמה... זאָלן אַזוי די מזלות פון אונדזער בן־יחיד און זיין פון גאָט באַשערטערס לייכטן און לייכטן פאַר זייער גאַנץ לעבן... מאיר, מאיר — מיין דערלייכטער און דערפרייער...

און פון אירע אויגן טריפן אַרויס טרערן, וואָס ער זעט זיי נישט, פילט אָבער זייער פייכטקייט אין איר וואַרעם־ציטעריק קול. זוכט ער אויס מיט

די פינגער אירע אויגן, ווישט זיי אַרום און מאַכט איר נאָך מיט אַ גראַם:

— פריידע, פריידע — מיר זאָלן טאַנצןביידע אויף זייער חתונה...

ער פאַרהוסט זיך, ווי ס'טרעפט זיך ביי אים אָפט, ווען זיין געמיט ווערט פון עפּעס אויפגערודערט, און לאָזט אויס:

— און שפּעטער — אויף בריתן און בריתיצעס!

— אָמן ואָמן! ווי ס'איז ליכטיק דיין נאָמען! — — —

אויף מאָרגן נאָכן דאַוונען אין בית־מדרש, דערנענטערט זיך מאיר מעלשענקער צו מרדכי שוחט, טוט צו אים אַ שאָקל מיטן קאָפּ, נאָך איידער ער זאָגט אַרויס גאַנץ היימישלעך:

— גוט שבת, רב מרדכי.

— גוט שבת, מאיר. — ענטפערט אים מרדכי שוחט, זיך אויפשטער־עקנדיק, ווי זיך ברייטער צו מאַכן אין די פּלייצעס, צוליב וועלכן מאיר זעט איצט אויס סיי נידעריקער, סיי שמאָלער. — איך מיין אַז דו האָסט מיר געבראַכט דיין תשובה. המם, און אַ גוטע תשובה, אויב דו ביסט צו מיר דער ערשטער צוגעקומען.

מאיר טוט אַ דריי אַהינטער דאָס פּנים: ער האָט אַ שפּירונג — עפּעס ווי עמעצנס בליקן שטעקן אים אין דער פּאַטיליצע... ריכטיק: זיין ייִדעלעס נייגעריקער בליק פון דאָרט ביי זיין שטענדער; נאָר אויך — זיין ווייבס פון פרייד אויפגעלויכטענער בליק פון דער ווייבערשול אַראָפּ, וואָס ער זעט אים נישט; אויך — גרשון שניטקרעמערס שנאהדיקער בליק, וואָס ער כאַפּט אים אויף... שנאה צו אים, פאַר וואָס ער האָט נישט געוואָלט זיך משדך זיין מיט אים?... ניין... גרשונס בליק איז גאָר געשטאָכן צום שוחט... פאַר וואָס?...

—— נו? — טוט אים דער שוחט אַ מאָן אַרויס פון זיין פאַרטראַכטקייט, — וואָס זשע שווייגסטו, מאיר?

טוט ער אַ דריי אויס צוריק דאָס פּנים צו אים און ענטפערט:

— וואָס איז דאָ שייך צו רעדן וועגן וואָס פאַר אַ תשובה, רב מרדכי? אויב דער רבי האָט צוגעזאָגט אַ כסא־רבנות פאַרן חתן (...איך בין טאַקע נישט קיין חסיד, אָבער דער "מוצא שפתיך תשמור"* איז דאָך געזאָגט

* וואָס גייט אַרויס פון דיין מויל, זאָלסטו אָפּהיטן.

געוואָרן נישט נאָר פאַר אַ חסידישן רבין), איז עס דער בעסטער און דער שענסטער נדן, וואָס מע קאָן זיך נאָר ווינטשן. זאָגן איך דעם אמת, רב מרדכי ? נאָך נעכטן, ווען כ׳האָב אויסגעהערט דעם רבינס צוזאָג דורך אייער מויל, האָט זיך ביי מיר שיר נישט אַרויסגעכאַפּט דער ״נעשה ונשמע״, ווי ביים מעמד־הר־סיני. נאָר אַז איר אַליין האָט אָפּגעלייגט מיין תשובה אויף היינט, בין איך בדיעבד געווען צופרידן. ס׳איז על־פּי־דין. וועל איך פריִער איבערשמועסן מיט מיין פלוניתטע. ווי זאָגט די גמרא: ״לעולם יהא אָדם זהיר בכבוד אשתו״,* בפרט נאָך אין אַזאַ ענין ווי אַ שידוך. זאָגט דאָך די גמרא: ״שלושה שותפים באָדם״,** מוז מען דאָך האָבן איר הסכמה.

מאיר באַווייזט מיט זיינע רייד, אַז ער איז ווערט צו זיין דער טאַטע פון אַן עילוי, און גיט נאָך צו:

— יאָ, און נאָך אַ גמרא איז פאַראַן: „יכבד אשתו יותר ממה שיש לו״.***

קאָן מרדכי שוחט נישט אָפּשטיין אין אַרויסווייזן אויך זיין ווילגע־לערנטקייט נישט נאָר אין הלכות־שחיטה, און איז מיט אים מסכים מיט אַ צולאָג:

— —אמת, אמת, מאיר. די גמרא זאָגט נאָך מער: ״אתתך גוצא — גחין ולחש לה״...**** מע דאַרף זיך פאַר אַ ווייב אַפילו מכניע זיין.

— רב מרדכי, — צעשמייכלט זיך מאיר מעלקרעמער און פאַרגינט זיך היימישלעך אַ ווערטל צו טאָן, — אָט די דאָזיקע מצוות־עשה קאָנט איר תמיד מקיים זיין, נישט איך: ביי מיר איז קאַפּויער — מיינע איז אַ ביסל העכער פון מיר. זי דאַרף זיך אַראָפּבייגן צו מיר. און כאָטש אַן אישה איז פּטור פון מצוות, בייגט זי זיך...

צעכעכעט זיך מרדכי שוחט, ציקלט זיך מיט הנאה און זאָגט מיט אַ צעשיינט פּנים און אַ טאָן פון אַ שטויבעלע חניפה:

— אָט אַזוי ווערטלט זיך אַ טאַטע פון אַן עילוי. נו, און איז אַליין

---

* תמיד דאַרף דער מענטש געהיט זיין אָפּצוגעבן כבוד זיין ווייב.

** דריי האָבן שותפות אינעם מענטשן: גאָט און טאַטע־מאַמע.

*** מע דאַרף ערלעך האַלטן דאָס ווייב מיט מער ווי מע פאַרמאָגט.

**** אַז דיין ווייב איז אַ נידעריקע, בייג זיך איין און רום איר איין אין אויער.

אויך נישט קיין ״קטלי קני״...* המם, און אַז אונדזערע קינדער וועלן, אם ירצה השם, זיין אַ פּאַרפּאַלק, וועט עס זיין ווי ביי דיר: דיין זון וועט זיין פון דיין הייך, אין דיר געראָטן, און מיין טאָכטער להיפּוך — אַ הויכע, אין איר טאַטן געראָטן. אַזוי, אַז אויך מיין איידעם וועט נישט קאָנען מקיים זיין די מצוות־עשה, ווי דו. און וואָס איז שייך מיר, מוז איך דיר זאָגן דעם אמת: מיין אַלטע דערלאָזט מיך נישט מקיים צו זיין די מצווה — זי הייבט תמיד אַרויף דעם קאָפּ צו מיר און פאַרשטייט מיך אויפן ווונק... ודי לחכימא...**

— נו, — פּירט אויס מאיר געשמייכלט, — האָב איך, פאַרשטייט זיך, איבערגעשמועסט מיט מיין אשת־חיל. און זי איז, מעגט איר ווייסן, אַ ייִדענע מיט פאַרשטאַנד. האָט זי מיט מיר מסכים געוועזן כהרף־עין.

דערווייל איז שוין דער בית־מדרש אויסגעליידיקט. אויך ייִדעלע איז אויפן טאַטנס ווונק שוין אַהיים געגאַנגען. קאָנען זיי שוין שמועסן אויף אַ קול. ס׳פאַלט זיי דאָך נישט איין, אַז ביי אַ פענצטערל פון דער וויבערשול שטייט נאָך פריידע, אַ צעקוואַלענע, און לייגט צו אַן אויער צו זייער הויכן שמועס.

— איז אויב אַזוי, מאיר, — טוט ווידער אַ לייכט אויף מרדכי שוחטס פּנים, — איז ווען זשע ברענגסטו דיין זון צו מיר אין שטוב אַריין? די קינדער דאַרפן דאָך זיך באַשויען, ווי סע פירט זיך ביי ייִדן.

דאָ זאָגט אונטער מאירן זיין גדלות און דער חוש פון פּראַקטישקייט, אַז ער דאַרף פון דעסטוועגן זיין אַ ביסל איינגעהאַלטענער. זאָל מרדכי שוחט נישט פאַרגעסן, וואָס ע ר גיט א י ם. און נאָך אַ ווייל נאָכטראַכטן ענטפערט ער מיט אַ טאָן פון תקיפות:

— זעט איר, רב מרדכי, אין דעם פאַל, וועל איך שוין זיין אַ קשה־עורף. מ׳איז דאָך, ברוך השם, אַ ייִד... אמת, דער מנהג ביי ייִדן איז אַפילו, אַז דער חתן פאָרט באַשויען די כלה. ווי זאָגט די גמרא: ״איש מחזר על אישה, ואין אישה מחזרת על איש״.*** אָבער אַז מיין קינד זאָל

---

* אַן אומגעלערנטער, אַ פּראָסטאַק.

** פאַר דעם קלוגן איז גענוג אַ ווונק.

*** דער מאַנצבל זוכט די פרוי, און נישט די פרוי דעם מאַנצבל.

צוליב דער באַשוויונג זיך מבטל זיין פון לערנען כי־הוא־זה, ווייל איך נישט.

— מילא, — ווערט מרדכי שוחטס פנים אַ ביסל אַנגעכמורעט, און ער ציט די ווערטער נאָכטראַכטנדיק, — וואָס טוט מען נישט צו ליב אַ טאַטן פון אַן עילוי. אפשר בי ס ט ו גערעכט. צוליב דעם וועלן מיר נישט גיין צום רב און אַוודאי נישט פאָרן צום רבין. וועל א י ך ד י ר ברענגען די כלה אין שטוב אַריין. המם... זאָל זיין היינטיקן דינסטיק אם ירצה השם, דעם טאָג, ביי וועלכן סע שטייט צוויי מאָל "כי טוב". *

ווערט דעם חתנס טאַטע געשטאַרקטער ביי זיך און איז מוסיף:

— און נאָך עפּעס, רב מרדכי. נאָך אַ תנאַי האָב איך מיט אייך אויסצונעמען. אַ תנאי, וואָס אין די תנאים וועט ער דאָך נישט איינגעשריבן ווערן. אַ תנאַי בעל־פּה. און איכל זיך פאַרלאָזן אויף אייער פרומען "מוצא שפתיך".

— מאַ, לאָמיך הערן. למשל?

— איר ווייסט מסתם, רב מרדכי, אַז איך בין נישט פון די מתנגדים. אַנישט וואָלט איר דאָך נישט וועלן מיט מיר זיך משדך זיין. בין איך אָבער אויך נישט פון די חסידים, וואָס פאָרן צון אַ רבין מיט אַ פּדיון. ווייל איך, אַז אויך מיין זון זאָל זיך נישט אַריינלאָזן אין חסידות. ער דאַרף רק זיצן און לערנען און מקיים זיין דעם „והגית בו יומם ולילה". ** איז דאָס מיין בפירושער תנאי, איר זאָלט מיר אים נישט מאַכן פאַר קיין חסיד. און . . . איך זאָג אייך פאָרויס: ביי מיין זון וועל איך נעמען דערויף אַ תקיעת־כף.

צעציקלט זיך מרדכי שוחט חזניש, מיט אַ ווייך געלעכטערל:

— האָסט אויך דאָס ביי מיר געפּועלט. דו מאַכסט וועגן מיר דעם אייגענעם טעות, וואָס דאָס גאַנצע שטעטל. וואָס מיינסטו איך בין אַ חסיד־שוטה... איך פאָר צום רבין, יאָ... די פּרנסה פאַרלאַנגט עס. איך דאַרף עס דיר אויסטייטשן? און אָט זעסטו — האָט מיין חסידות אויסגעפּועלט אַ כסא־רבנות... אַוודאי וועט עס מיר נישט לייכט אָנקומען צו געפינען אַ תירוץ דערויף פאַרן רבין . . . אָבער . . . גאָט איז אַ פאָטער . . .

---

* אַז ס׳איז גוט.

** דו זאָלסט טראַכטן דערין טאָג און נאַכט.

נו, איז קום איך צו דיר, לאָמיר באַשטימען, אם ירצה השם, דינסטיק ביי טאָג. זאָלן די קינדער זיך באַשויען, און זאָלן זיי נושא־חן זיין איינער אינעם אַנדערנס אויגן. און ביידע צוזאַמען — אין די אויגן פונעם אייבערשטן מזווג־זיווּגים.

— אָמן, — צעהוסט זיך מאיר מעלשענקער, אָבער זיין פּנים שיינט־אויף אַקעגן מרדכי שוחטס אויפגעלויכטענע אַרויסגעשטאַרצטע אויגן.

— אָמן! — חזרט שטיל איבער פריידע אויף דער ווייבערשול און לאָזט אויס מיט אַ זיפץ, — אוי, דער הוסט זיינער, דער הוסט...

## יד

דינסטיק אין דער פרי. לויט זיין מנהג אויפצושטיין ותיקין אינעם טאָג פון צוויי מאָל „כי טוב", קערט זיך לוי סופר אום פונעם דאַווענען פאַר פרי. ער קומט אַריין אין שטוב מיטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם און הענגט אים אויף אויפן טשוואָק אונטערן פון בליטשקע אויסגעהאָפטענעם "מזרח" — פּערעלעס האַנטאַרבעט. איר בעט דאָ איז שוין ליידיק. דאָס האָט איר די מאַמע באַצייטנס אַריבערגעפירט אין שלאָפאַלקער צו זיך אין בעט אַריין,זי זאָל נישט זיין, חלילה, קיין שטער פאַר אים, פאַרן טאַטן, אין זיין הייליקער עבודה... זי איז אַ געטרייע אישה, מיין חיה שרה, אַן אמתע אשת־חיל.

מיט שטילע טריט גייט ער אין שלאָפאַלקער, אַ קוק טאָן אויפן "איידעלען פנימל פונעם זיסן קינד". זי ליגט מיט פאַרמאַכטע אויגן. דאָס פנימל בלאָסט זיך אַרויס פון דער טונקעלער קישן. ער קוקט אויף איר, אַ גערירטער פון ליבשאַפט... אַ שטיל קינד, אַ וואויל קינד. סע דאַכט זיך: די שכינה רוט אויף דעם... אַוודאי פאַרדינט זי זיך אויף אַ לייטישערן חתן איידער יאָנטל גרשון שניטקרעמערס. און אַוודאי אויף אַ לייטישערן מחותן. נאָר מסתם איז אַזוי דעם אייבערשטנס ווילן. קעגן זיין רצון איז דאָך נישט שייך צו גיין...

פּערעלע, אַן אויפגעוואַכטע פון זיין שטילן אַריינקום, מאַכט זיך ווייטער שלאָפנדיק. האַלט אָפן בלויז אַ דין שפּעלטיקל פון לינקן

אויג. איר אָנגעשפּאַנטער בליק זאַפּט איין דורכן נעצל פון די ווימפּערן דאָס מילדע בלוי פון זיינע אויגן. ווי סע וואָלט אַרויסשימערן פון זיי אַ געטלעכע שיין... ווי זי האָט אים ליב, דעם טאַטן! אפשר נאָך מער פון דער מאַמען... ער איז אַ הייליקער מאַן. תמיד פאַרטאָן אינעם כתיבהן מיט דער ווייסער גענדזענער פעדער, געטונקען אינעם שוואַרצן, גלאַנציקן טינט, די הייליקע פּאַרמעטן... ס׳איז אַ גרויסער זכות פאַר איר, — האָט ער איר אַ מאָל געזאָגט, — דאָס ברענגען אים די פעדערן פונעם שוחט. קיילע חיהניו האָט זיי תמיד גרייט פאַר אירעטוועגן... בעת דער טאַטע "טוט די הייליקע עבודה", ווי די מאַמע זאָגט, איז זיין אָנבליק ערנסט, אָבער נישט פאַרזאָרגט. פאַרקערט, סע לייכט פון אים אַרויס אַ פאַרבאָרגענע הייליקע פרייד... ער פרייט זיך מיט דער מצווה וואָס ער טוט. און אַז ער הייבט אַרויס אויף אַ ווייל די אויגן פון די גלאַנציקע שורות אויפן פּאַרמעט, קוועלט אַרויס פון זיי אַזאַ ליכטיקע פרייד, ווי דאָס וואַסערל פון דער קרעניצע הינטערן שטעטל קעגן דער זון... איצטער אָבער, ווי ער קוקט אַזוי אויף איר פנים, איז זיין מאָגערע, מאַטעווע, בלאַסלעכע הויט איבערגעצויגן מיט אַ דין הייטעלע זאָרג. אין זיין טונקל־בלאָנדער, ווי זייד ווייכער, באָרד איז ערשט דאָס זילבערווייס אין איר אָנזעעוודיקער — גאָלד געמישט מיט זילבער...

אין איר ראיה אָן די אויגן טוט זיך אַ שטעל אַוועק איר אייגן פנים, וואָס זי באַטראַכט פון צייט צו צייט אינעם טייך בעתן באָדן זיך, אָדער אינעם פינפגראָשענעם קיילעכיקן שפּיגעלע, וואָס די מאַמע האָט איר אַ מאָל געבראַכט אַ מתנה פונעם יאַרידמאַרק. זי טוט אַ טראַכט: ווען איך וואָלט זיך פאַרשטעלן אינעם טאַטנס באָרד־און־פּאות און זיין היטל, וואָלט איך אויסגעזען אין גאַנצן — דער טאַטע... זי טוט בלאָס אַ שמייכל.

לוי סופר פירט איבער זיין בלויען בליק פון דער בת־יחידהס שמייכל אויפן פנימל אַראָפּ, לענגויס איר שמאָל, מאָגער גופל, וואָס צייכנט זיך אַרויס פון אונטערן ליילעך. ער דערזעט — די פינגער־לעך פון אירן אַ פיסל אָפּגעדעקטע. דערנענטערט ער זיך צום בעט און ציט אַריבער דאָס ליילעך איבער זיי מיט אַזאַ אָפּגעהיטקייט, ווי

ער דעקט צו אַן אויסגעכתיבהטן פּאַרמעט, ווען ער לאָזט אים איבער אַ רגע אויפן טיש אין מיטן דער עבודה.

ווידער אַ קוק געטאָן אויף איר פּנימל, גייט ער אַרויס אין קיכל אַריין: אפשר איז שוין די אישה צוריק געקומען פונעם פּאַנאַנדער־טראָגן די מילך איבער די הייזער. ניין. זי איז נאָך נישטאָ. אויפן פּריפּעטשאָק שטייט אַן ערדערן טעפּל, אַרומגעשאַרט מיט טליִענדיקע פּאַראַשטע קוילן — מסתם, די ציקאָריע פון זייִנעטוועגן. אָבער... אַליין זי נעמען וועט ער נישט: פּאַר וואָס צוגזלענען ביי איר די מצווה פון זי דערלאַנגען אים? גייט ער צוריק אַריין אין שטוב.

— גוטמאָרגן, רב לוי! — קומט זי טאַקע פּונקט אַריין פון גאַס, זיין אישה, מיטן אויסגעליידיקטן בלעכענעם קאַן. — שוין, שוין. איין רגעלע נאָר, דערלאַנג איך דיר די ציקאָריע.

— אַ גוט יאָר. — ענטפערט ער שטיל אין זיך אַריין, אַזוי שטיל, אַז ער איז אין ספק צי ס'איז דערגאַנגען צו איר געהער, און הייבט אויף אַ ביסעלע דאָס קול. — אונדזער פּערעלע שלאָפט נאָך. אַ דאַנק דעם אייבערשטן. אַ שלאָף פון אַ צדיקת.

— הייליקע חלומות זאָלן זיך איר חלומען, בעת זי שלאָפט, — שעפּטשעט די סופרטע מיט אַ פרום פּנים און אַ טאָן פון תּפילה, — און קיין עין־הרע זאָל אויף איר נישט שולט זיין, בעת זי וואַכט. אין דיין זכות, רב לוי. מיר האָבן, אַ דאַנק דעם אייבערשטן, נישט קיין פּערעלע, נייערט אַ בריליאַנט. אַן אמתן גרויסן בריליאַנט!

— זענען מיר, אַ לויב דעם אייבערשטן, היפּשע גבירים. — שמייכלען זיינע אויגן אַ מילדן, בלויען שמייכל.

ווי שטיל זיי רעדן נישט, דערגייען זייערע רייד צו פּערעלעס וואַכע אויערן. אַ שמייכל צעשפּילט זיך אין אירע שוין אָפענע אויגן, ווי אין שטוב ביי איר טאַטן. ער שוועבט אויף דער בלאַסקייט פון איר מיט שלאָף פאַרוועבטן פּנימל.

די סופרטע גייט אַריין אין קיכל און קומט באַלד צוריק. זי האַלט פאַר אַן אויער אַ ווייס, פאַרגלעטל טעפּעלע. סע פאַרעט אַרויס דערפון פאַרווייסטע ציקאָריע. און אין דער צווייטער האַנט — אַ בלאַס,

נישט־פֿאַרגעלעכט בוימל־קיכל, באַשאָטן שיטערלעך מיט דיקלעכן "מעלעץ", וואָס מאַכט איבעריק צוקער צום געטראַנק. זי שטעלט עס אויפֿן טיש.

לוי סופֿר טוט אויס דאָס חצי־שבתל, זעצט זיך, אין דער יאַרמלקע בלויז, צום טיש, נעמט אין האַנט דאָס קיכל און טונקט אײַן אַ ראַנד דערפֿון אין דער ציקאָריע. צוגעמאַכט די אויגן, פֿאַרקנייטשט דעם ווייסלייכטנדיקן, הויכן שטערן, מאַכט ער שטיל און פֿרום די ברכה. דערהערט דער אישהס "אָמן", עפֿנט ער צוריק די אויגן, טוט אַ קוק אויפֿן קיכל און בײַסט אָפּ דערפֿון דאָס דורכגעווייקטע שטיקל. עסט אַ פֿאַרטראַכטער, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

די סופֿרטע גייט נישט אַוועק. זי פֿאָרשט אויף זײַן פּנים אַן ענטפֿער, צי מעג זי איצט רעדן צון אים. ביז ער טוט אַ פֿרעג, נאָך אַלץ קוקנדיק אין דער ציקאָריע:

— נו?

דאָס מיינט צו זאָגן: האָסט וואָס צו דערציילן, אישה? דערצייל, אַבי נישט קיין לשון־הרע, חלילה.

פֿאַרריכט זי זיך דאָס טיכל איבערן טשיפּעק און נעמט רעדן געלאַסן, מיט דרך־ארץ:

— אַז מע קומט צווישן לײַטן, הערט מען וואָס לײַט שמועסן. האָב איך הײַנט געהערט, אַז גרשון שניטקרעמער האָט געשיקט זעליק שדכן, צו מרדכי שוחט...

— סע שיקט זיך צו זאָגן אַז ס'איז אמת. — רײַסט לוי סופֿר איבער דאָס עסן, נאָר ווײַטער קוקנדיק באַזאָרגט אינעם טעפּעלע אומעטיקע ציקאָריע. — אַז ד אָ האָט מען זיך אײַנגעעקשנט: נאָר מע מוז גיין איבער די הײַזער, רחמנא־ליצלן, האָט ער געשיקט דעם שדכן אַהין... די שוחטקע איז אַ שטוב־זיצערקע... "כל כבודה בת־מלך פנימה" — לויטער פּראַכט איז די בת־מלכה אינעווייניק, אין פּאַלאַץ.

לויכען טוט אַ שטאָך דעם מאַנס פּירהאַלט. אויף דער טונקעלער הויט פֿון איר אָפּגעצויגן פּנים גייט אויף אַ היציק פּיבערל. אָבער, חלילה, זי זאָל זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ סטערדיש וואָרט. זי באַרויִקט אים נאָר:

— רב לוי האָט נישט וואָס זיך צו שרעקן... אַדרבה, די מעשה איז

גאָר קאַפּויער, פֿריִער האָט ער געשיקט צום שוחט. נאָר דער שוחט האָט פֿאַרדרייט מיט דער נאָז: סע שמעקט אים נישט פֿעלטע לאה דער שניט־קרעמערינס געקעכטס.

דאָס דערהערט אין אַלקער, טוט פֿערעלע אַ צעעפֿן די אויגן, ווי זי וואָלט מיט אַ מאָל דערזען אויף אַ פֿאַרכמאַרעטן הימל אַ לויטער שטיקל בלוי: איצט פֿאַרשטייט זי שוין פֿאַר וואָס קיילע היהניו האָט זיך לעצטנס אַזוי איינגעשפּאַרט און זי אַזוי געבעטן צו טוישן זיך מיט די ערטער אויף דעם „אוראָק" — זי שעמט זיך צו קוקן יאָנטלען גלייך אין די אויגן אַריין, ווייל איר טאַטע האָט פֿאַרדרייט מיט דער נאָז — „סע שמעקט אים נישט פֿעלטע לאה דער שניטקרעמערינס געקעכטס"...

און די מאַמע דאָרט רעדט ווייטער:

— האָט ער דערנאָך ערשט געשיקט דעם שדכן אַהער... אַוודאי קאָן דער שוחט זיך וואַרפֿן מיט מחותנים, ווי... די שוחטקע קאָן זיין אַ שטובזיצערקע... ער האָט אַ נחלה, נדן צו געבן, און זי האָט גענוג אויף חיונה פֿון זיין שחיטה... איך האָב, חלילה, ניט קיין טענות צו דעם וואָס לעבט אייביק און אויך נישט קיין פֿאַריבל אויף רב לוין... אָבער ווי קאָן איך עס נעמען און אויסגיסן דאָס אומריינע פֿאַרן ריינעם?... דער פּדיון פֿון דער מילך טראָגט דאָך עפּעס אײן... און פֿאַר דער צוגעזאָגטער קו... „אַ קו איז איבערן דאַך געפֿלויגן..." האָב איך נאָך דערווייל קיין אָרט נישט. אין אונדזער שטעלכל איז קוים די ציג אַליין דרייט זיך דאָרט אויס. און קיין שום שכן איילט זיך נישט אָפּצוטיילן אַן אָרט ביי זיך אין שטאַל פֿאַר אַ פֿרעמדער קו. מוז דערווייל די צוגעזאָגטע קו טאַקע פֿליִען איבערן דאַך... מחשבותן, לייט שמועסן, אַז דער שוחט גייט זיך משדך זיין מיט מאיר מעלשענקער.

— אַוודאי, — שלאָגט איר איבער דער מאַן, ווי רעדנדיק צו זיך אַליין, — איז עס אַ גרויסע זכיה צו האָבן אַזאַ ייִדעלע פֿאַר אַן איידעם. „לא כל אדם זוכה", נישט איטלעכער פֿאַרדינט זיך אויף אַזעלכן ביי דעם וואָס לעבט אייביק.

ער רוקט אָפּ פֿון זיך דאָס אויסגעליידיקטע טעפּעלע און ווישט אַראָפּ מיט די איידעלע, ווייסע פֿינגער די ברעקלעך פֿון דער באָרד:

— נו, די הייליקע עבודה וואַרט אויף מיר. מאַך ריין דעם טיש פון אַ ליאַדע ברעקל.

...זע נאָר, וווּנדערט זיך פּערעלע אין בעט, — פאַר וואָס האָט מיר קיילע חיהניו גאָר נישט דערציילט וועגן דעם? זי האָט סודות פאַר מיר? זי איז דאָך נישט פון די שמעוודיקע, ווי איך... פונעם ביכל "אַהבת ציון" האָט זי געקאָנט מיר אַלץ אויסדערציילן. האָט איין מאָל אַפילו אַ זאָג געטאָן: "ער געפעלט מיר אַזוי, אַמנון!". און אַ צווייט מאָל: "יאָנטל איז אין אַמנונען געראָטן... איז אויך זיין האָרץ אין אַמנונס געראָטן?"... מיר געפעלט ער אין גאַנצן נישט, יאָנטל. דער עיקר, ווען ער צעקריגט זיך מיט בליומקען און רופט זי "מאָגערע מאַלפּע", און זי אים צוריק — "גראָבער העלפאַנט"... נאָר ביי מיר וועט מען דען פרעגן?... דער מאַמען געפעלט ער אפשר אויך נישט, דער שידוך מיט גרשון שניטקרעמער. איר נישט וועלן אויפהערן אַרומצוטראָגן די קאַן מילך קאָן זיין איז אפשר נאָר אַן אויסרייד. זי וואָלט בעסער וועלן האָבן מאיר מעלשענקער פאַר אַ מחותן... אָבער אַן עילוי, שמועסט מען, מוז מען געבן אַ גרויסן נדן, עלהיי די גבירים אין די גרויסע שטעט געבן אַ דאָקטאָר... וואָס קאָן אים מיין טאַטע געבן, יידעלען, אין נדן אַריין? אַ פּאָר תפילין מיט אַ מזוזה. און די מאַמע — איר מילכקאַן... ווי זעט ער אויס. יידעלע? ווי מיין טאַטע אָן אַ באָרד אפשר... נאָר אפשר...

זי קאָרטשעט זיך צוזאַמען אין דרייען פון געררירטקייט, פון מתיקות. נעמט, ווי פון שלאָפגעטראַנק, איינדרימלען: אפשר אין זכות פון די ספר־תורות... וואָס דער טאַטע כתיבהט... יידעלע... דער עילוי... מיין חתן...

און אין איר דרימל מאָלט פאַר איר דער חלום:

— — — נאָך מיטאָג. זי זיצט אין יאָנטלס אַלקער אויפן "אוראָק"... דער טאַטע לערנט מיט זיי פון אַ פאַרמעטענער יריעה... זיינע בלויע אויגן שפּיגלען זיך אין די גלאַנציקע שוואַרצע אותיות... די אותיות ווערן בלוי... בלויע שורות... און זע נאָר! כאָטש די אויגן זענען ביי איר אַראָפּגעלאָזט — קעגן איר זיצט, נישט יאָנטל... נאָר איר חתן... יידעלע... דער עלוי... יי־דע־לע...

— ווי דו ביסט זיך עס היינט פאַרשלאָפן, בריליאַנט אונדזערער.
— וועקט איר פון חלום אַרויס די גוטע מאַמע. — אָט האָסטו די שיסל מיט דער קוואָרט וואַסער. גיס זיך אָפּ, פּערעלע, די נעגל, זאָג „מודה אני״ און מאַך אַ ברכה איבער אַ הייסע גלאָז מילך. ריינע אָן וואַסער. מחיה נפשות...

## טו

דינסטיק, נאָך מיטאָג. פעלטע לאה זיצט, ווי תמיד, ביים „אוראָק״ פון די קינדער. זי שטריקט אַ וואָלענעם זאָק פון אַ שוואַרצער קנויל פּאָדעם און אַ גרויער קנויל עגמת־נפש:

...גרשון פילט זיך זייער גראָב אָנגעטראָטן. אויף אַ נאַגניאָטקע פון זיין גרויס־האַלטן זיך האָט מען אים אָנגעטראָטן. פריִער האָט דער שוחט און דערנאָך מאיר מעלשענקער מדחה געווען זעליק שדכן. כּע טוט אים שטאַרק־שטאַרק ווייִ. אויך דער שידוך מיט לוי סופר קלייעט זיך שווער צונויף. די סופרטע טענהט:

— ס'איז אַ בזיון צו גיין איבער די הייזער בעטלען. אָבער וואָס איז דאָ די חרפה אַרומצוטראָגן איבער די הייזער אַ קאָן מילך צו פאַרקויפן? וואָס קאָן דער מענטש טאָן, אַז דער אייבערשטער האָט נאָך אָדם הראשונען פאַרשאָלטן, ווי אין טייטש־חומש שטייט, „מיטן שווייס פון דיין פּנים זאָלסטו עסן ברויט״? און מיר זענען דען ווייני־קער זינדיק פון אדם הראשונען?... פאַר רב לוי סופרס אישה האָט עס ביז היינט געפּאַסט, און היינט, כּדי צו ווערן גרשון שניטקרעמערס מחותנתטע, דאַרף עס איר נישט אָנשטיין? וואָס? ער איז לייטישער אין די אויגן פון גאָט און לייט פון רב לוי סופר, וואָס מידט זיך כּסדר מיט דער געגנדזענער פעדער איבער די הייליקע פּאַרמעטן?

גרשון ווידער איז, ווי זיין שטייגער, פאַרעקשנט:

— גיי טענה איין מיט אַ נאַרישער ייִדענע! איכל זיך נישט לאָזן פון דער סופרטע טאָג־טעגלעך פאַרשוואַרצן דאָס פּנים פאַרן גאַנצן שטעטל! נישקשה, זי וועט ווייכער ווערן, די פאַרשייטע אָב־

יונטע... דריי קינדער פאַרמאָגן זיי, און וואָס איז דער סכהכל? דעם בכור, אַברהמלען, האָט מען שוין צו זיינע צוועלף יאָר געשיקט אין דער ראָוונער ישיבה. האָט ער דאָרט געלערנט, איז פאַרשוואַרצט געוואָרן און דאָרט שוין חתונה געהאַט. טאַטע־מאַמע האָבן יוצא געווען מיט שיקן אַהין אַן אויסגעכתיבהטן מזל־טוב... מיט וואָס דער זון פאַרנעמט זיך ה י י נ ט דאָרטן — ווער ווייסט אים? און אַז ער האָט זיי מזכה געווען מיטן ערשטן אייניקל, האָט מען ווידער יוצא געווען מיט אַן אויסגעכתיבהטן מזל־טוב און אויך אַזאַ "שיר־המעלות"... דאָס צווייטע יינגל, הערשקען, האָט מען נאָכן אָנהייבן לייגן תפילין געשיקט קיין טריסק. ער סטאָלעוועט זיך דאָרט אין רבינס קיך, לערנט אין רבינס בית־מדרש, און אַ סברא, אַז ער איז אין אים דער אונטער־שמש... וואָס פאַר אַ תכלית סע וועט דערפון אַרויסקומען, ווייסט אפשר סיידן דער רבי אַליין... אונדזער שוחטס רבי... אַז לוי סופר קלייבט זיך אַ מאָל אויס צו פאָרן קיין טריסק אויף אַ יום־טוב, שרייבט ער צום זון קיין ראָוונע, ער זאָל אויך קומען אַהין. ערשט דעמלט טרעפט זיך דער טאַטע מיט ביידע זין. ער גיט זיי איבער אַ לעבע־דיקן גרוס, משטיינס געזאָגט, פון דער מאַמען מיטן שוועסטערל. די מאַמע האָט אַפילו די־אָ זכיה, זיך צו זען אַ מאָל כאָטש מיט די קינ־דער, אויך נישט. זי מוז זיך באַגניגענען מיט דער בת־יחידה אין דער היים... דער מילכקאַן טראָגט איר נישט איין אויף הוצאות. און דעם שכר, וואָס דער סופר וועט דאָרט קריגן פונעם רבין פאַרן איבער־קוקן אין "הויף" אַלע תפילין און מזוזות, דאַרף מען אויף בילכערע זאַכן... און קעגן אונדז און אונדזער יאָנטלען איז זי משה־גרויס ביי זיך!... אָט זאָגט דאָך לוי סופר אַליין, אַז גערעכט בין א י ך. "די נשים, — זאָגט ער, — זענען...

(אוי, — וויל זיך פעלטע לאה דערמאָנען, — ווי האָט ער דאָס געזאָגט אויף לשון־קודש? נאָר ס׳דערמאָנט זיך נישט... סיי ווי...) — זענען ווייסע געגנדז, וואָס האָבן קיין שכל נישט. דאָס אַרומטראָגן דעם קאָן איבער די הייזער איז ביי איר אַ געוויינשאַפט און...

(ווי האָט ער דאָס געזאָגט אויף לשון־קודש? — פרעגט זיך פעלטע לאה ווידער... סיי ווי)

— און אַ געוווינשאַפט ווערט אַ צווייטע נאַטור. אַרויסצוגיין פון דעם דרך־הטבע איז ווי אַרויסצוקריכן פון דער אייגענער הויט. איר דאַכט זיך, אויב זי וועט נישט אַרומטראָגן די מילך איבער די הייזער, איז איר לעבן קיין לעבן נישט.

פעלטע לאה הייבט אַרויס דעם קאָפּ פון דער שוואַרצער וואָל און גרויע זאָרגן, טוט אַ קוק מיט אַן אומעטיקן בליק אויפן "שרייבער" און די קינדער, און אירע מחשבות גייען אַריבער וועגן זיי:

...ווי אַזוי און פאַר וואָס איז דאָס געשען, אַז קיילע חיהניו האָט אָנגעהויבן זיצן קעגן בליומקען, און פערעלע — קעגן יאָנטלען? דאָס וואָס יאָנטל האָט אויפגעהערט צו קוקן קיילע חיהניון אין די אויגן איז טאַקע זייער גוט. איצטער קוקט ער צו פערעלען און פאַרהאַלט דעם בליק אויף אירע אויגן. ווי ער וואָלט וועלן זי צווינגען, אַז אויך זי זאָל אויף אים אַ קוק טאָן. אָבער זי האָט, דאַכט זיך, אָנגעהויבן האַלטן די אויגן נאָך טיפער אַראָפּגעלאָזט... ווייסט זי שוין, אַז מע רעדט איר יאָנטלען פאַר אַ חתן, און שעמט זיך צו טרעפן מיט זיינעם אַ בליק? פאַראַ כשר קינד זי איז...! יאָ, און וואָס איז היינט געשען מיט קיילע חיהניון, וואָס זי איז נישט געקומען אויפן "אוראָק"? אַ? ...דער "שרייבער" וואַרפט אַלע מאָל אַ בליק צו קיילע חיהניוס ליידיקער שטול. גלייך זי פעלט אים שטאַרק אויס... וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ ביכל, וואָס זי האָט אים נעכטן אונטערגערוקט, זיך היטנדיק און מיינענדיק אַוודאי אַז איך זע עס נישט? ...זאָל האָבן עפּעס פאַרגעקומען צווישן אים מיט איר?... איך זיץ דאָך דאָ און וואַך, ווי אַ וועכטערין ביים בעט פון אַ קימפּעטאָרין... איז אפשר וואָלט גאָר גלייכער געווען, סע זאָל שוין גאָר אַ סוף נעמען צום "אוראָק"? ווען גרשון וואָלט וועלן מיך פאָלגן. נאָר ער לאָזט זיך דען רעדן? בפרט איצטער...

נישט ווילנדיק טוט זיך איר אַ כאַפּ אַרויס אַ טיפער זיפץ. הייבט אויף דער "שרייבער" די אויגן פון קיילע חיהניוס ליידיקער שטול צו איר פּנים, פּירט זיי איבער אויף יאָנטלס און טוט צו אים אַ זאָג:

— האָסט געהערט, וויטמאַן, ווי דיין מאַמע האָט אָפּגעזיפצט אַזוי טיף? האָט זי, הייסט עס, דאַגות... אפשר וואָלסטו זיך דערמאָנט

פונעם לערנען, וואָס פאַר אַ רפואה מע דאַרף איר פאַרשרייבן דערצו?

יאָנטל פאַרטראַכט זיך, דערטראַכט זיך נישט. און שווייגט.

— איז אפשר, — פרעגט ער ווידער, — וועט די שוועסטער וויטמאַן ענטפערן?

טוט בלומקע אומבאַהאָלפן און פאַרשעמט אַ קוק צו דער מאַמען און שווייגט אויך.

ווענדן זיך איצט דעם לערערס אויגן צוריק צו דער ליידיקער שטול:

— ווען "דער סמבטיון" וואָלט דאָ געזעסן, מיין איך, אַז ער וואָלט געענטפערט... נו, אפשר דו, "שטיל וואַסערל"? — טוט ער זיך אַ ווענד צו פערעלען.

פערעלעס מאַטאָווע בעקלעך ווערן קוים־קוים ראָזלעך. זי שטעלט אָן אירע לויטערבלויע אויגן אויף בלומקעס פּנים און ענטפערט שטיל:

— דער הער לערער האָט מיט אונדז געלערנט אין "משלי": "דאָגה בלב איש — ישחנה" — די רפואה צו מענטשנס דאגות איז: אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן.

— מאָלאָדטשינע! — רופט אויס דער לערער מיט אַ דערפרייט, ליכטיק פּנים. — "שטיל וואַסערל" גראָבט טיף.

דערמוטיקט פונעם לערערס לויב, פירט זי אויס פאַרדאַגהט:

— אָבער נישט איטלעכער קאָן עס. און נישט איטלעכער האָט פאַר וועמען...

פעלטע לאה זעט, ווי יאָנטלס אויגן זוכן פערעלעס. ווי זיי וואָלטן געזאָגט, זיינע אויגן: "האָב מיך, פערעלע, "שטיל וואַסערל"... און ער טוט זיך אַ ווענד צום "שרייבער":

— און אַ מאָל מאַכט זיך, אַז מע האָט יאָ פאַר וועמען, נאָר מע ווייסט נישט דערפון...

דער לערער און בלומקע שטעלן אָן אויף אים די אויגן: וואָס מיינט ער דערמיט צו זאָגן? אויך פערעלע פרעגט זיך עס מיט אַראָפּ־געלאָזטע אויגן און פרוווט זיך אָנשטויסן. אָבער פאַרשטיין אים פאַרשטייט נאָר די מאַמע: זיך אַליין מיינט ער עס. ווי זי האָט עס געמיינט זיך אַליין.

## טז

ייִדעלע זיצט איינער אַליין אין זיין אַלקערל מיטן איינציקן פענצטער אין אַ טונקל געסעלע אַרויס. דאָס ליכט פון פענצטער באַלייכט שוואַך זיין פאַרבעט געלעגער אין אַ ווינקל און דאָס קליינע פירקאַנטיקע הילצערנע טישל אין מיטן אַלקער, הינטער וועלכן ער זיצט אויף אַ טאַבורעטקע. דאָס טישל איז פאַרשפּרייט מיט אַ קאָלירטן סערוועט, ווי ס׳וואָלט היינט זיין, נישט אַ וואָכעדיקער דינסטיק, נאָר שבת.

דער טאַטע, וואָס איז היינט נאָכן אָנבייסן נישט געגאַנגען אין קלייט אַריין, האָט אים דאָ אַנידערגעזעצט לערנען און וואַרטן אויף דער באַשוויונג. פאַר אים אויפן סערוועט ליגט אָפן דער בייכיקער ״אורים ותומים״, וואָס דער טאַטע האָט פאַר אים אויסגעבאָרגט ביים רב. זיינע אויגן בלאָנדזשען איבער און צווישן זיינע שורות רש״י־כתב. בלאָנדזשען — ווייל אין זיין מחשבה איז ער פאַרנומען מיט דעם וואָס דאַרף דאָ באַלד געשעען. ווי ער וואָלט זיך באַראָטן מיטן ״אורים ותומים״ מכוח ״איך להתנהג״ — ווי זיך אויפצופירן.

מרדכי שוחט האָט ער שוין געהערט אַריינקומען אין שטוב. שמועסט דאָרט שטיל מיטן טאַטן. זיי וואַרטן, ווי ער דאָ, אויף דער כלהס קומען.

פאַר זיין לעבן האָט ער נאָך מיט קיין אישה נישט גערעדט. די מאַמע — איז דאָך אַ מאַמע, נישט קיין אישה. אמת, ער האָט שוין גאָר אַ סך געלערנט וועגן הלכות־אישות.* קיין שום פאַרבאָרגענע סודות זענען פאַר אים נישטאָ. אָבער דווקא צוליב דעם פיבערט, יוירט זיין בלוט אין אַלע אָדערן און אָדערלעך. ווי פון ערגעץ אַ תהום אין אים וואָלט זיך אויפגעהויבן אַ מין טונקעלער הייוון און צעפלאָסן איבער אַלע גלידער. בושה רויטלט זיינע בעקלעך, מחמת בילדער וואָס ער האָט אין דער ווירקלעכקייט נישט געזען,

* מאַן־און־ווייב־ענינים.

אָבער אויפגעגאַנגענע אין זיין דמיון, בעת ער האָט וועגן דעם געלערנט. ער שפּירט די היציקע רויטקייט און ס׳דאַכט זיך אים: די גאַנצע הויט אויף זיין קליינעם גוף איז אָנגעהיצט און רויט פון שעמען זיך... ער האָט אַ מאָל, אויף אַ יאַריד, געזען אַ גוי עסן ראַקעס פון אַ טעפּל, — ווי אַזאַ דאַרף אויך ער אויסזען אונטערן העמד. עטלעכע מאָל טוט ער אַפילו אַ הייב אויף די האַנטפלעכן צו די אויגן און באַטראַכט זיי: דאַכט זיך טאַקע, אַז זיי זענען רויט...

וואָס ׳עט ער רעדן מיט איר? וועגן דעם ״אורים ותומים״ פונעם כוהן־גדול? סע וואָלט זיך גיכער געשיקט ערשט סע זאָל דאָ ליגן אָפן פאַר אים דער מאַמעס טייטש־חומש... נאָר ווו שטייט עס געש־ריבן, אַז דווקא ע ר דאַרף רעדן מיט א י ר? אין חומש שטייט נישט אַז יצחק זאָל בכלל האָבן גערעדט כאָטש אַ וואָרט מיט רבקהן, בעת זייער באַשויונג... דער טאַטע האָט אים בפירוש געזאָגט אויפן אויער: ״דו ווייסט דאָך, יידעלע, ״אַל תרבה שיחה עם אישה״ שטייט. * דאַרפסט נאָר איין מאָל, צוויי מאָל אַ קוק טאָן אין איר פּנים, און שוין — ס׳איז נאָך דער באַ־שויונג״... ווי אַזוי וועט זי אַריינקומען? ווי רבקה, מיט אַ שלייער אויפן פּנים? וואָס זשע פאַר אַ באַשויונג איז עס? יצחק מיט רבקהן זענען נישט געווען אַליין — אליעזר דער קנעכט איז געווען מיט זיי... המם, אַז דער אַלקער האָט נישט קיין טיר, נאָר אַן עפענונג, און דער טאַטע מיט איר טאַטן זיצן דאָרט אין שטוב, הייסט עס אויך נישט — אַליין... און אויב ז י וועט טאַקע נעמען רעדן צון א י ם?

ער הערט ווי סע קלאַפּט אים דאָס האַרץ. דאַכט זיך — אַפילו דאָס שלאָגן פונעם דופק אין די שלייפן... אַך, ווען ס׳איז שוין נאָך אַלעמען!

פון ווייל צו ווייל כאַפּט זיך אים אַרויס דער בליק פון די ברוינע אויגן פון צווישן די שורות פונעם ״אורים ותומים״ און טוט אַ שטאָך אַרייַן, ווי אַ נאָדלשפּיצל, אינעם חלל פון דער טיר־עפענונג... וואָלט כאָטש געווען אַ פאַרמאַכטע טיר. קיינער זאָל נישט קאָנען אַריינקוקן

---

* זאָלסט נישט צו פיל שמועסן מיט אַן אישה.

אַהער, בעת זי וועט דאָ זיין... הערסט! דעמלט וואָלט דאָך עס געהייסן — יִחוד...*

איין מאָל פאַרהאַלט זיך זיין בליק אין דער טיר־עפענונג אַ ביסל לענגער: ער דערזעט אין איר אַ האַלבע שורה פון דער גמרא: "פתח פתוח מצאתי" און פאַרטייטשט זיך עס אין געדאַנק — אַן אָפענע טיר האָב איך געפונען... און סע מחשבהט זיך ווייטער: "זי צו מיר וועט דאָ געפינען אַן אָפענע טיר, אָבער איך צו איר — אַ פאַרמאַכטע"... און באַלד ווערט די האַלבע שורה פון דער גמרא אַרויסגעווישט פון אַ שורה אין שיר השירים: "גן נעול אחותי כלה", און ער פאַרטייטשט זי, אונטערברומענדיק, ווי ער וואָלט געלערנט אינעם "אורים ותומים" — אַ פאַרשלאָסענער גאָרטן איז מיין שוועסטער; "גל נעול, מעין חתום" — אַ פאַרשלאָסענער ברונעם, אַ פאַרחתמעטער קוואַל... און דאָ טוען זיך אַ שיט אויס עטלעכע שורותלעך רש"י־כתב: "על שם צניעות בנות ישראל שאין פורצות בעריות" — פון וועגן דער צניעות פון די ייִדישע טעכטער, וואָס זענען נישט אויסגעלאָזן אין עריות.**

דאָ טוט זיך אַ שאָרך־אַריין דורך זיינע מחשבות אין געהער אַ קלאַנג פון טריט אין שטוב... זאָל עס זיין זי?

זיין געהער ווערט אָנגעשאַרפט. ער נעמט אויף עטלעכע ווער־טער פון הינטער דער וואַנט סאַמע ביי טיר־עפענונג: "קיילע חיהניו, זאָלסט נישט אַרויסווייזן דיין שגץ... געדענק — האָסט צו טאָן מיט אַן עילוי... בלויז געציילטע ווערטער — יאָ און ניין... אַ קוק — און אַרויס".

...הייסט עס, אַז טאַקע איך דאַרף רעדן צו איר און אויסנאַרן ביי איר אַ יאָ מיט אַ ניין, מיט אַ נישט.

ייִדעלעס קאָפּ לאָזט זיך אַראָפּ נידעריקער צום טיש. ווי ער וואָלט וועלן זיך פאַרשלייערן מיט דער נעץ פון די שורות אינעם "אורים ותומים". און אין גאַנצן — האָט ער אַ שפּירונג — שרומפּט ער זיך

---

* זיין אַליין מיט אַ פרויענצימער.

** סעקסועלע זינד.

איין און ווערט קלײן־קלײן... זי וועט אים דערזעען ווי אַ ... אַ "טל־ומטרל" אויף רש"י־כתב.

ער איז אַזוי מבולבל, אַז ער דערהערט נישט איר דרייסטן, כאַטש שטילן, "גוט העלף". ס׳ווערט אים טונקעלער פאַר די אויגן. זי פאַרשטעלט מיט זיך דאָס פענצטער. און פאַרט בלענדט אים עפּעס ווייס. אַ שאַרפע ווייסקייט. ווי שניי. איר בלוזקע? זע נאַר! ווי האָט זיך עס דערנומען אין „אורים ותומים" אַ שטיקל פּסוק פון שיר־השירים? "זאת קומתך דמתה לתמר ושדיך לאשכולות"...* אויף הענגלעך ווײנטרויבן מאַכט מען ראָש־השנה אַ "שהחיינו"...

קעגן זיין רצון טוען זיך אים די אויגן אַ הייב אַרויף. ער דערזעט רויטע, ווי גלײַענדיקע, האָר אויף איר אַנטבלויזטן קאָפּ. איר פּנים — אָן אַ שלייער, אָן אָנגעגליטס. אַ ביסל אַרויסגעשטאַרצטע געלגאָלדענע אויגן קוקן אויף אים שאַרף, ווי זיי וואָלטן אים דורכגענומען. זייער גלאַנץ איז... ער ווייסט נישט — וואָס, נאָר עפּעס נישט גוט...

"זי איז אַוודאי מיט אַנדערטהאַלבן קעפּ העכער פון מיר. — לויפט אים דורך אַ נישט־ניתאָדיקע מחשבה. — וואָלט זי זיך כאָטש אַנידערגעזעצט. אָבער... די מאַמע האָט פאַרגעסן אַנידערצושטעלן אַ צווייטע טאַבורעטקע... אויף מיין בעט זאָל זי זיך זעצן?... אוי!... וואָס? איך, דער עילוי, זאָל זיך אויפשטעלן און איר אָפּטרעטן דאָס אָרט?".

קיילע חיהניו, דאָס פופצניעריקע כלה־מיידל, אַ פאַרשמטע אין שטעטל פאַר אַ כאַכיימע, שטייט אויך אַ ביסל נאַרישעוואַטע, מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט. איר בליק גליט אויפן חתנס פּנים. איר האַרץ חלשט צו דערהערן פון אים אַ וואָרט. אָבער — אומזיסט. זיין מויל, מיט אַ פּוכעלע שימער אויף דער אייבערשטער ליפּ, איז ווי צוגע־קלעמט. די אונטערשטע ליפּ — ווי אַ צוק וואָלט זי אָן אויפהער פאַרבייגעלאָפן. נאָר אין אַ לענגערער ווייל אַרום כאַפּט זי זיך מיט הנאה: דער עילוי שרעקט זיך גאָר פאַר מיר. נעמט זי זיך אָן מיט מוט:

— פאַר וואָס עפּעס רופט מען אייך ייִדעלע?

---

* דער דאָזיקער ווקס דײנער איז געגליכן צו אַ טייטלבוים, און דיינע בריסט צו הענגלעך ווײנטרויבן.

...אַז אַ מענטש פרעגט אַ קשיה, מעג עס זיין אַ נקבה, דאַרף מען ענטפערן אַ תירוץ. ענטפערט ער, גראָבנדיק די צוריק אַראָפּגעלאָזטע אויגן און אַריינרעדנדיק אינעם „אורים ותומים״:

— דערפאַר... הייסן הייס איך יהודה. מיינע טאַטע־מאַמע האָבן מיך זייער ליב... האָבן זיי מיר אַזוי פאַרצויגן — ייִדעלע... ווער סע האָט מיך ליב, מעג מיך אַזוי רופן... המם...

— און מיר... מיר איז איינגעפאַלן: ס'איז דערפאַר... וואָס איר זענט אַזוי קליינגעוויקסיק.

ווי געביסן פון אַ שלאַנג, טוט עס אים אַ טראָג אונטער פון דער טאַבורעטקע. ער טוט זיך האַסטיק אַ שטעל אויף. ס'צינדט זיך אין אים אַ מחשבה צוזאַמען מיט אַ שנאהדיק געפיל צו איר: ווו אַ חוה, דאָרט אַ נחש־הקדמוני...

קיילע חיהניו זעט אין זיינע אויגן, ווי דאָס בלוט קאָכט אין אים פון צאָרן. זי טוט זיך אַ רוק הינטערוויילעכטס עטלעכע טריט צום פענצטער. קוקט אויף אים דערשראָקן. די ראָזע פאַרב פון איר פנים איז אָפּגעלאָפן.

דער אויסדרוק פון איר שרעק לעשט אין ייִדעלעס צאָרן און מילדערט זיין געפיל פון שנאה. זיין בליק גליטשט זיך אַראָפּ פון איר בלאַסן פנים לענגויס איר בלאַנקווייסער בלוזקע און טונקעלן קליידל ביז אַראָפּ צו די שפּיצן פון אירע טופלעס. מיט אַ מאָל טוט ער זיי אַ פרעג, די טופלעס:

— שיר השירים האָט זי געלערנט?

— כ'האָב אים געלייענט אין דער מאַמעס אַ ספר. — ענטפערט זי, קומענדיק צו זיך, זייער שטיל, וואָרפנדיק אַן אומרויִקן בליק צו דער טיר־עפענונג... דער טאַטע האָט דאָך פאַרזאָגט: „יאָ און ניין, אַ קוק — און אַרויס...״ אָבער ס'הערט זיך פון דאָרט ווי די טאַטעס רעדן אויף אַ קול און ווינטשן זיך: „לחיים״... „לחיים״... זיי זענען פאַר־טאָן. פרעגט זי, — נו איז וואָס?

— שטייט דאָרט, דאַרף זי געדענקען, אַזוי: „שחורה אני ונאוה״ — שוואַרץ בין איך, אָבער שיין...

און מיט אַ מאָל ווערט זיין אָנבליק ווייכער, און ס'באַווייזט זיך אויפן פּוכלע פון זיין אייבערשטער ליפּ אַ שימערל, ווי אַ שמייכעלע.

...זיין פנימל, — טוט זי אַ טראַכט, — איז גאַנץ שיין, און פרעגט איבער:

— איז וואָס מיינט מען דערמיט צו זאָגן?

— וואָס איך מיין צו זאָגן? — חזרט ער איבער פאַרריסן, ווי ער וואָלט רעדן מיט אַ חבר אין בית־מדרש אין לערנען. — איך מיין צו זאָגן אויף לשון־קודש און אויף עברי־טייטש, כדי זי זאָל פאַרשטיין: „קטן אני בגופי — איך בין קליין אין מיין גוף, וגדול אני בתורה — אָבער איך בין גרויס אין תורה. איך בין אַן עילוי! זי ווייסט וואָס דאָס הייסט?

— כ׳שטויס זיך אָן. — ענטפערט זי גאָר שטיל, ממש ווי אַ סוד.

— מיין טאַטע האָט עס מיר געזאָגט.

— איז שוין! — טוט ער אַ זאָג פעסט, מיט נצחנות, — האָבן מיר מער נישט וואָס צו רעדן.

קיילע חיהניו, פאַרשטאַנען זיינע ווערטער פשוט, פילט: ער טרייבט זי אַרויס. טוט עס איר אַ צינד אונטער. זי דרייט זיך אויס. ער דערזעט ערשט איר דיקן רויטן צאָפּ ביז די לענדן... אַ שלאַנג... חוהס שלאַנג... זי לאָזט זיך אַרויסגיין אָן אַ וואָרט צו זאָגן. ער קוקט נאָך דעם שלאַנג, ווי פאַרכישופט, צעמישט און דערשטוינט: פאַר וואָס אַנטלויפט זי?

אין דער טיר־עפענונג, דורך וואָנען זי איז נאָר וואָס אַרויס, דערזעט ער אַ מאמר חז״ל: „כמה נאות פסיעותיה של ריבה זו״.* דעם מאמר שלעפּט זיך נאָך אַ פסוק פון שיר־השירים: „מה יפו פעמיך בנעלים״.** אָבער טראַכטן טראַכט ער גאָר עפּעס אַנדערש מיט צאָרן: איך — אַ קליין יידעלע, זי — אַ חיה גדולה!... ער דערהערט מרדכי שוחטס שטים פון שטוב:

— נו, טאָכטערוניע, גיי אַהיים. די מאַמע זיצט דאָרט אַליין און קוקט זיך אויס די אויגן אויף דער געראָטענער בת־יחידה. איך וועל נאָך בלייבן דאָ אַ ביסל מיטן מ ח ו ת ן און מירן אַרומשמועסן דאָס נייטיקע.

* ווי פיין זענען די טריט פון דאָזיקן מיידל.

** ווי שיין זענען דיינע טריטלעך אין די סאַנדאַלן.

— אַ גוטן טאָג. — דערהערט זיך איר שטים און דעם טאַטנס ווייכער ענטפער:

— אַ גוטן טאָג, כלה־לעבן, גיי געזונט.

און באַלד — זיין רוף:

— ייִדעלע, דו קאָנסט שוין גיין איצטער אין בית־מדרש אַריין. קומט ער גלייך אַריין אין שטוב, ייִדעלע, מיטן בייכיקן "אורים ותומים" אונטערן שוואַכן אָרעם. נישט אומקוקנדיק זיך, ווי קיינער וואָלט דאָ נישט געווען, לאָזט ער זיך צו דער דרויסנטיר.

— וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן, ייִדעלע? — פאַרהאַלט אים דער טאַטע מיט אַ שמייכל. — פאַרגעסט גאָר צו זאָגן דער כלהס טאַטן "אַ גוטן טאָג"?

— אַ גוטן טאָג, רב מרדכי. — טוט ער אַ זאָג און אַ יאָג זיך, ווי ער וואָלט וועלן אָניאָגן די אַנטלאָפענע כלה, און דערהערט אַפילו נישט דעם שוחטס ענטפער.

— אַקעגן דעם ספר אונטער זיין אָרעם, — שמייכלט דער שוחט, — זעט ער אויס, אַייער ייִדעלע, ווי אַ שרעטעלע. ווי האַלט זיך עס דערין אַזוי פיל תורה? פלא־פלאים!

— יאָ, ער איז אַ רוחני. — שמייכלט מיט מאיר מעלשענקער. — וועט עס, מיט גאָטס הילף, טאַקע זיין אַ גלייכער זיווג. אייער טעכטערל זעט אויס שוין באַצייטנס אַ פאַרשוין. וועט עס זיין רוחניות מיט גשמיות. בפרט אין צוויי יאָר אַרום...

— און דו, מאיר, האַלסט זיך טאַקע אַלץ ביי דיין עקשנות? גאַנצע צוויי יאָר?! — איז דער שוחט אומצופרידן, וואָס ער קאָן נישט דעם פאַרביסענעם עקשן איינבייסן.

— אַזוי זאָגט דאָך די גמרא, — ענטפערט אים מאיר און פאַר־קוועטשט דאָס האַלבקניילכן, דאָס בערדל, אין דער דלאָניע, — "בן שמונה עשרה לחופה"... און אַזוי גרינג איז עס עפּעס אַרויסצולאָזן אַן אבן־טוב פון אייגענעם רשות? אייך איז עס גרינג, ווייל איר דאַרפט אים אַריינבאַקומען.

•

— נו, קיילע חיהניו? — פרעגט איר די מאַמע, גיטל לאה די שוחטקע. — מיט וואָס קומסטו פונעם וויזיט?

— איך ווייס? אַזוי... — דערוועגט זי זיך נישט מער צו זאָגן.

— דער טאַטע וועט קומען, וועסטו שוין וויסן אַלץ. ער איז נאָך דאָרט פאַרבליבן מיטן...

זי פאַרענדיקט נישט און גייט אַריין צו זיך אין אַלקער. די שוחטקע טוט אַ מילדן, צופרידענעם שמייכל און רעדט שטיל צו זיך:

— אַזוי איז עס, דאַכט זיך, אַ קאַזאַק, און ווי נאָר סע שמעקט שוין אָפּנים מיט... מיט אַ כלה ווערן, קאָן עס שוין נישט העכער דאָס קול אויפהייבן. סע שעמט זיך. אַ קינד בלייבט אַ קינד.

ווען אויך מרדכי קומט אין אַ האַלבער שעה אַרום מיט אַ צעשיינ־טער באָרד, אַ פאַנאַנדערגעקעמטע מיט די פינגער, גייענדיק אַהער, בייגט ער זיך אַראָפּ צו דער פלוניתטע און זאָגט מיט זיסער הנאה אין קול:

— ווערט, הייסט עס, אונדזער קיילע חיהניו אין אַ חודש אַרום, אין אַ דינסטיק, אַ כלה פאַר דעם עילוי. דו הערסט, גיטל לאה?

— זאָל אונדז זיין מיט אונדזער קינד אין אַ מזלדיקער שעה.

— שיינט איר פּנים אָפּ אויף צוריק. — נאָר די כלה אונדזערע האָט פון שעמעוודיקייט וועגן פאַרלוירן דאָס לשון. אַ קינד בלייבט אַ קינד.

*

אין אָוונט, ווען מע זיצט ביי מאיר מעלשענקער ביי דער מאָגע־רער וועטשערע, קוקן זיך טאַטע־מאַמע איבער, איבערן זונס קעפּל, מיט צעשמייכלטע פּנימער און פריילעכע בליקן.

— נו, בן־יחידל אונדזערס, — איז אים דער טאַטע מודיע, — אין אַ חודש אַרום, אם ירצה השם, אין אַ דינסטיק, ווערסטו אַ חתן. ס'אַ כלה — אַ פאַרשוין, אָן עין־הרע. נישט אמת, פריידע? ס'איז דאָ מיט וועמען צום טיש צו גיין.

יידעלע, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט צום שיסעלע יויך מיט קאָשע מיט בעבלעך, שווייגט. ס'איז פאַר טאַטע־מאַמע פאַרשטענדלעך: דאָס קינד שעמט זיך.

## יז

ביי מרדכי שוחט אין שטוב, כאָטש ס'איז אַ וואָכעדיקער אָוונט פון מאָנטיק אויף דינסטיק, ברענען אין אַלע חדרים יום־טובדיק אַלע לאָמפּן, שטאַרק אַרויסגעדרייט. די דראָטן, אויף וועלכע די לאָמפּן הענגען, זענען אַרומגעוויקלט מיט דינע פּרענדזלעך פון פאַרשידנקאָליריק פּאַפּיראָס־פּאַפּיר. דאָס האָבן באַוויזן אָפּצוטאָן נאָך נעכטן קיילע חיהניו צוזאַמען מיט איר חברטאָרן פּערעלע לוי סופרס. די געטרייע חברטאָרן איז צוליב דעם אַפילו נישט געגאַנגען, נעכטן און היינט, צו גרשון שניטקרעמער אויפן "אוראָק".

מע פּראַוועט דאָ ערשט קיילע חיהניוס תּנאים מיט ייִדעלע מאיר מעלשענקערס. דער עולם פאַרבעטענע געסט איז זיך שוין צונויפגעקומען. מע זיצט שוין אַרום די געדעקטע טישן מיט לייקעך און בראָנפן.

די מאַנצבלען, בראָש מיטן רב, דער חתן און די מחותנים — אין דער פאָדערשטער שטוב, ווו אויפן ביישטידל פונעם פענצטער הענגען אין שוואַרצע טוכענע טעשלעך דעם שוחטס חלפים. די נשים בראָש מיט דער כלה און די מחותנתטעס — אין דער כלהס אַלקער, ווו ס'איז היפּש ענגלעך.

מע ברעכט שוין טעלער. גיטל לאה די שוחטקע, אַ קליינע מאָגערע ייִדענע, מיט אַ טונקל שטיל פּנים און שטילע באַוועגונגען, טוט דאָס מאָל, נישט ווי איר טבע, אַ פאַל צו צו דער אָרעמער מחותנתטע מיט אימפּעט. אָבער איר שטים בלייבט אַ שטילע, ווי זי וואָלט איר איינגערוימט אַ סוד:

— מזל־טוב אונדז, פריידע, מחותנתטע. דער אייבערשטער זאָל אונדז שענקען בשותפות אַ סך נחת פון אונדזערע קינדער.

מחמת טיפער געריריטקייט און דעם פריילעכן טומל אַרום, דער־הערט זי נישט, גיטל לאה, די שוחטקע, וואָס די מחותנתטע, פריידע, ווינטשעוועט איר צוריק. כאָטש פריידעס קול איז אַ העכערס פון אירן. פריידע טוט זיך אַ דריי אויס פון איר און אַ כאַפּ אַרום די כלה, באַנעמצנדיק אירע אָנגעצונדענע, הייסע באַקן מיט טרערן פון פרייד:

— מזל־טוב דיר, קיילע חיהניו, טאָכטערוניע זיסע. ביז היינט האָט מיין מאַמעהאַרץ געציטערט נאָר איבער מיין בן־יחידל. איבער דיין יידעלען. פון היינט אָן וועט עס שוין ציטערן אויך איבער מיין בת־יחידהקע קיילע חיהניו. נישט קיין שנור — אַ בת־יחידהקע וועסטו מיר זיין. און אַזוי אויך — מיין מאַן...

זי טוט זיך אַ דריי אויס צוריק צו דער מחותנתטע און לאָזט אויס:

— און אַזוי, טייערע מחותנתטע, זאָל אונדזער זונעלע זיין אַ בן־יחיד אייך און אייער מאַן.

— אַוודאי, אַוודאי, — קוועלט שטיל און שמייכלט שטיל גיטל לאה, — איך וועל, יידעלען, נישט זיין, חלילה, קיין בייזע שוויגער. אַ מאַמע וועל איך אים זיין.

אין האַרצן איז זי ערשט מקנא, די שוחטקע, דעם חתנס מאַמע, וואָס זי מעג און קאָן קושן קיילע חיהניון שוין איצט, כלהווייז, ווי אַן אייגענע טאָכטער, אָבער זי, דער כלהס מאַמע, טאָר עס נישט איצט און וועט עס נאָך שטרענגער נישט טאָרן שפּעטער, ווען דער חתן וועט שוין זיין איר איידעם.

די פּופּצניעריקע כלה, באַשאָטן מיט ווינטשעוואַניעס און קושן, טרוקענע און פייכטע, פון אַלע זייטן, איז צערודערט. אַלע ווייל נעמט זי אַרום און דריקט צו זיך די חברטאָרן, פּערעלע לוי סופרס, גראַד ווי היינט וואָלט פּערעלע זיין די שטאַרקע, און זי נייטיקט זיך אין איר שוץ...

"...אָבער, — טראַכט זי, נעמענדיק זיך אין די הענט אַריין, — איך בין דאָך נישט קיין קינד... מע האָלט מיך פאַר אַ כאַכיימע און מע רופט מיך אַזוי". באַהערשט זי זיך און שמייכלט דורכן גלי פון די באַקן, און ענטפערט באַרעדעוודיק אויף די ווינטשעוואַניעס און קושן. ווען זי וואָלט זיין איצט מיט זיך אַליין, אָדער אַפילו מיט פּערעלען זאַלבעצווייט, וואָלט זי לאַכן און וויינען: דער חתן, כאָטש זי זעט אים נישט, פאַרשטעלט פון דער וואַנט, שטייט ער איר דאָ פאַר די אויגן, ווי זי האָט אים געזען מיט אַ חודש צוריק. ווי ער האָט עס זי פאַרשעמט: "האָבן מיר מער נישט וואָס צו רעדן"!... דורכן פריילעכן רויש הערט זי זיי ערשט, די ווערטער. ווי גיפטן פון בינען זענען זיי איינגעשטאָכן אין איר האַרצן... "נו, און אַזאַ קליינ־

געוויקסיקער איז ער, ייִדעלע... ווי האָט ער געזאָגט דעמלט? "אָבער איך בין גרויס אין תורה!"... מיין טאַטע — ווי ער וואָלט פּאַר אים דרך־ארץ האָבן... אַן עילוי!... קעגן טאַטן זעט ער דאָך אויס, ייִדעלע, ווי... ווי אויפן געמעל פון קרילאָווס "באַסניעס" * — מאַסקע קעגן דעם העלפאַנט... ניין, מע טאָר נישט אַזוי... ווי... ווי ביי אונדז אין גאָרטן, אַ בין קעגן דער זונרויז, אויף וועלכער זי שטייט... ,איך וויל נישט דיין האָניק און וויל נישט דיין שטאָך'... און די מאַמע מיינע — איר גליק איז גרעסער פון איר אין גאַנצן...".

זי דריקט צו זיך פּערעלען. ווי זי וואָלט וועלן אַריינדריקן אין איר שוואַכן פיגורל אַ מחשבה: "ביסט מיך, פּערעלע, מקנא?". און פּערעלע, ווי זי וואָלט נעפּלדיק דעראַנט קיילע חיהניוס מחשבה, נעמט זי אויך אַרום, דריקט זי צו זיך און שעפּטשעט איר אין אויער אַריין:

— דו ווייסט, קיילע חיהניו? אַלע כלה־מיידלעך אין שטעטל זענען דיך היינט מקנא... שטאַרק מקנא... אפשר צווישן צען טויזנט חתנים טרעפט זיך אַן עילוי...

זי צעשמייכלט זיך און קוקט דורכן שמייכל דער כלה אין די אויגן אַריין:

— ווייסט וואָס זעליק שדכן זאָגט? "צוויי גאָלדענע פישעלעך האָב איך, זעליק פישער, געכאַפּט מיט די אייגענע הענט, נישט ביי "מיין ערל" געקויפט: איינס — פאַר מיין בת־יחידה, מיין פרומען איידעם, דאָס צווייטע — פאַרן שוחטס בת־יחידהקע, מאיר מעלשענקערס עילוי".

און זי לאָזט אויס גאָר שטיל:

— קיילע חיהניו... איך... פונעם גאַנצן האַרצן פאַרגין איך דיר דאָס גאָלדענע פישעלע... אָבער, אמת — אָן דיין שאָדן — מקנא בין איך דיר... ווי אַלע...

די חברטאָרנס צעקושן זיך, קוקנדיק זיך איינע דער אַנדערער אין די אויגן. אָבער זיי זעען זיך נישט: די אויגן זענען זיי פאַרהייטלט מיט שטראַלנדיקע טרערן...

---

* משלים.

— און מיר... דאַכט זיך... — שטאַמלט די כּלה און איז נישט זיכער, צי זי דאַרף עס זאָגן, צי ס׳איז קלוג אַזוי צו רעדן, אָבער סע רעדט זיך פון זיך אַליין, — אַז איך... איך האָב דיך אַזוי ליב, פּערעלע... וואָלט דיך אַפילו נישט מקנא געווען...

און אין דער גרויסער שטוב קומט עס פּאָר אַזוי:

— מזל־טוב מחותן! — דריקט מרדכי שוחט מיט זיין פעסטער האַנט דעם מחותנס שוואַכע, און זיינע אויגן שטאַרצן אים שטאַרקער אַרויס פון פרייד.

— מזל־טוב, מזל־טוב! — דריקט אים מאיר מעלשענקער צוריק, אויף וויפל ס׳קלעקט אים נאָך כּוח, און פאַרהאַלט אין זיך קוים אַ שטיקנדיקן הוסט. — און אייער טעכטערל... אונדזער טאָכטער... ווען די צייט וועט קומען... צוויי יאָר פליִען שנעל אַריבער... "כיום אתמול כי יעבור"...* אונדזער טאָכטער זאָל זיין אונדזער יִדעלען אַ געטרייע אשת־חיל... קיין מאָל נישט, חלילה, קיין "כנגדו", רק תמיד אַן "עזר"** לעולם ועד.

— אָמן! — לאָזט אויס אומגעריכט דער חתן, בעת זיינע אויגן, וואָס ווערן אָן אויפהער געצויגן צו די אומהיימלעכע, שוואַרצע טוכענע טעשלעך פון די חלפים אויפן ביישטידל פונעם פענצטער, בלאָנדזשען פון דאָרט צוריק.

ביידע מחותנים טוען אַ שטעל אָן אויף אים פאַרוווּנדערטע אויגן, קוקן זיך איבער צווישן זיך און צעלאַכן זיך. דער עולם אַרום שטייגט זיי איבער מיט אַ פריילעך געלעכטער און פריילעכע אָמנס.

אָבער דער חתן אַליין באַמערקט עס אַפילו נישט. ביי אים אין קאָפּ מישן זיך די געדאַנקען: ...זי איז אַ הויכע, די כלה... אפשר מיט דריי קעפּ העכער פון מיר... כאַפּט דעם אָנבליק... (אָנבליק — אומגליק?...) פון איר טאַטן... דעם שוחט מיט די בייזע אויגן... איז ווי שיקט זיך דאָ דער "והוא ימשול בך" — און ער וועט געוועלטיקן

---

* ווי דער נעכטיקער טאָג, ווען ער איז אַריבער.

** לויטן מאמר חז״ל: "זכה עוזרתו, לא זכה — כנגדו" — האָט עד זוכה געווען, איז זי אים אַ העלפערין, האָט ער נישט זוכה געווען, איז זי אים אַ קעגנערין.

איבער דיר ?... געוועלטיקן געוועלטיקט מען פון דער הייך אַראָפּ, און נישט פאַרקערט... און זי וועט דאָך שטענדיק שטיין איבער מיר... קיילע חיהניו הייסט זי... קיילע — כלי אויף לשון־קודש... אָבער אין דער אמתן איז אַ בתולה, לויט דער גמרא, נישט קיין כלי... אַ כלי ווערט זי ערשט אין דער ערשטער נאַכט נאָך דער חופּה... ווי זאָגט די גמרא ? "למי שעשאה כלי* — דאָס איז דער ערשטער מאַן... און דערויף דאַרף זי נאָך וואַרטן גאַנצע צוויי יאָר !... אָבער אויף מיר זאָגט מען שוין איצט, אַז איך בין אַ "כלי־שלמה" !... און איר צווייטער נאָמען, אויב מע פאַרציט אים נישט. איז חיה... "חיה רעה אַכלתהו" — אַ בייזע חיה האָט אים אויסגעפרעסן... אַז איכל וועלן זיין על־פּי־תורה אַ "והוא ימשול", וועט זי מיך פאַרצוקן... מיך דאָס קליינע ייִדעלע...

נאָר גאָר אומגעריכט טוט זיך זיין שטימונג אַ טויש איבער פון דערשלאָגנקייט אויף דערהייבונג :

...ערשט, אַז איך בין שוין אַן אמתער חתן, וועט מען מיך שוין מער נישט רופן ייִדעלע. לכל־הפּחות — ייִדל. אויב שוין נישט ווי מע רופט מיך אויף צו דער תורה : יהודה אַריה... אַריה איז אַ לייב... אַ לייב איז אַ חיה... איז דאָך עס טאַקע דער גלייכסטער שידוך : אַ חיה מיט אַ חיה !... נאָר אַז מע פאַרציט איר נאָמען, ווערט זי אויס חיה — חיהניו... זע נאָר, מיך אַז מע פאַרציט, טויג נישט, און זי אַז מע פאַרציט, איז דווקא בעסער... אויב זי וועט זיין אַ חיהניו, וועל איך געוועלטיקן, ווי אין דער תורה שטייט — — —

## יח

אַן איינציקן מענטשן איז שווער פון אַ געוווינהייט צו אַנטוויינען, אַ כל־שכן — אַ גאַנץ שטעטל. בפרט, אַז קיינער באַמיט זיך אַפילו נישט עס צו טאָן. ווען האָט עס צו אַרן, אויב ייִדעלע מאיר מעלשענקערס רופט מען נאָך אַלץ ייִדעלע מאיר מעלשענקערס ? בלויז אים אַליין אַרט עס. ס'אַרט אים אין דער זיבעטער ריפּ אַריין. אָבער קיינער ווייסט נישט דערפון.

---

* צו דעם וואָס האָט זי געמאַכט פאַר אַ כלי.

זיין האָפענונג, יידעלעס, אַז נאָכן חתן־ווערן וועט מען אים שוין רופן יידל, רינט אויס מיט דער צייט, ווי וואַסער פון אַ צעלעכצט פעסל. זיינע גאַנצע צוויי יאָר חתן־זיין האָבן נישט געענדערט די זאַך. אַזוי הערט ער זיין נאָמען פונעם מחותן, פאַר וועלכן ער האָט מורא. פון דער מחותנתטע, וואָס בעת די משפחות קומען פון צייט צו צייט צו אײנאַנדער אין וויזיט. נאָכן שבתדיקן בייטאָגעדיקן שלאָף, איז זי אַזוי ליב און צוגעלאָזן צו אים, שיר נישט ווי די מאַמע. אַז די מחותנטע רופט אים אַזוי, אַרט אים טאַקע נישט — עלהיי די מאַמע. אָבער אַזוי רופט אים דאָך אויך די כלה, קיילע חיהניו, ווען זיי פאַרבייטן זעלטן עטלעכע ווערטער; זי — קוק־נדיק פון דער הייך אַראָפּ אויף זיינע אַראָפּגעלאָזטע ברעמען, ער — מיט אַן אַראָפּגענייגטן קאָפּ און פאַררויטלטע באַקן, הן מחמת שעמעוודי־קייט און הן מחמת פאַריבל: אָ, זייט ער וועט לעבן, וועט ער נישט פאַר־געסן, ווי זי האָט אים דעמלט, בעת דער באַשויונג, אַ פרעג געטאָן: "פאַר וואָס עפּעס רופט מען אייך יידעלע?" און דערנאָך אויסגעלאָזט: "און איך האָב געמיינט, אַז ס'איז דערפאַר וואָס איר זענט אַזוי קליינגע־וויקסיק"... ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן... ווו אַ חוה, דאָרט דער נחש הקדמוני... און ער שלעפּט זיך איר טאַקע נאָך פון הינטן... אין געשטאַלט פון אַ רויטן צאָפּ...

נאָר באַלד טוט זיך אַ בייט דער רעיון:

...אַז נישט פאַרצויגן הייסט זי — חיה... חיה איז דאָס אייגענע וואָס חוה: "כי היא היתה אם כל־חי"...* און חוה ליגט דאָך מיט די אימהות אין דער מערת המכפלה... המם, מעג ער אַזוי שלעכט טראַכטן וועגן זיין אייגענער כלה, וואָס הייסט חוה?...

און באַלד טוט זיך ווידער אַ בייט דער רעיון און דער געפיל:

...יידעלע רופט זי מיך... איך בין טאַקע קליינגעוויקסיק... זי איז מיט צוויי קעפּ העכער פון מיר, אָבער — ס'איז דאָך אַ שאלה... כע־כע־כע, צי איז דער קאָפּ — אַ קאָפּ? אָדער גלאַט אַ "קנקן"?...**

---

* ווייל זי איז געווען די מוטער פון אַלעם לעבעדיקן.

** אַ קרוג.

וואָס איז אינעם "קנקן" — ייִן, אָדער חומץ?...* צי איז איר דעמלט גאָרנישט אַריין אין דעם "קנקן" וואָס איך האָב איר געזאָגט: "איך בין גרויס אין תורה"? איז ער דאָך טאַקע נישט קיין קאָפּ!

אויב אַזוי רופן אים די נאָענטסטע, איז דאָך שוין אָפּגערעדט, אַז ביים גאַנצן שטעטל הייסט ער ווייטער ייִדעלע. ייִדעלע — אָט דאָס קליינע ווערטעלע, ווי טיטוסעס פליגעלע, פּיקט עס אים אין שאַרבן, ניין, טאַקע אין האַרצן. קוקט ער דערפאַר אויס יעדן שבת אין בית־מדרש מיט לעכצעניש, דער גבאי, שויל קאָוואַל, זאָל זיך דערמאָנען אין אים, דעם עילוי, און מכבד זיין מיט אַ לייטישער עליה: "יעמוד החתן יהודה אַריה ברב מאיר שלישי!", אָדער: "מפטיר!". אָבער יעדער גבאי טיילט אויס מסתם די עליות לויט זיין אייגענעם לוח. און קיין "תובע בפה:** טאָר מען דאָך נישט זיין, "הרודף אחר הכבוד..."***

...ווען כ'אָלט שוין אַפילו פאַרבייגיין מיין כבוד און ביי אים אַ מאָן טאָן, — טראַכט ייִדעלע ווייטער, — איז נאָך אויך אַ שאַלה און אַ גרויסער ספק, צי ס'אָלט געהאָלפן: וואָרן שויל קאָוואַל איז דאָך — שויל קאָוואַל! ס'הייסט — ווער געדענקט שוין גאָר אַז ער איז אַ מאָל באמת געווען אַ געזעל ביי אַ קאָוואַל. וואָלט מען עס געדענקט, וואָלט מען דאָך אים פאַר קיין גבאי נישט געמאַכט. ער וואָלט אפשר אַפילו נישט געדאַווענט דאָ, נייערט אינעם שטיבל, מיט די אַנדערע באַלמעלאָכעס. ביי זיי וואָלט ער אפשר אויך געקאָנט קאָנקורירן מיט פּנחס שמוקלער אין גבאישאַפט... נישט נאָר ער איז נישט קיין באַלמעלאָכע, נאָר — איינער פון די חשובע קרעמער אין שטעטל, אַ לעדערוואַרגער. מע האָט פאַר אים דרך־ארץ. עפּעס ווי בנוגע אים איז דאָס וואָרט "קאָוואַל" די טייטש — "תלמיד־חכם". דערפאַר טאַקע האָט מען אים דאָך געמאַכט פאַר גבאי, ווייל ער איז פון דער גינגאָלדענער פאָן — דער בן־יחיד פונעם געוועזענעם רב, רב יעקב סראָל, זכרונו לברכה, און ווען נישט

---

* ווייִן אָדער עסיק. מאָנען מיטן מויל.

** מאָנען מיטן מויל.

*** ווער ס'יאָגט זיך נאָכן כבוד, אַנטלויפט דער כבוד פון אים.

דער "דיבוק", וואָס איז אַריין אין אים בחורוויז, וואָלט ער דאָך היינט געווען, לויט דער חזקה, דער מרא־דאַתרא...

...וואָס אין דעם לוהיסק האָט זיך אַ מאָל געקאָנט פאַרלויפן! דאָס איז דאָך וואָר־און־אמת, ווי דער טאַטע האָט עס מיר דערציילט מיט אַלע פּישטשעווקעס. אָט אַזוי, ווי דער טאַטע קאָן דערציילן, ווען ער האָט נאָר חשק דערצו. אין שוויליק דעם רבס איז אַריין אַ "דיבוק", רחמנא־ליצלן. "השכלה" האָט מען אים גערופן, דעם „דיבוק". קיינער האָט נישט געוווּסט, פון וואַנען האָט ער זיך דערנומען אַהער, קיין לוהיסק... אפשר פונעם דאָרף ציציליוווקע. פונעם אַלטן גראַפס, דעם שונא־ישראל און שיכור, חרובן "זאַמעק".* דאָרטן, אין די ווינקעלערן, האַלטן זיך אויף נאָך ביזן היינטיקן טאָג לצים, שדים און דיבוקים, וואָס קוקן רק אויס אויף אַ שעת־הכושר זיך אַריינצוכאַפּן אין אַ יידישן גוף און פייניקן זיין נשמה... שוויליק דעם רבס האָט איין מאָל פּלוצעם צו וויסן געטאָן זיין אַלטן טאַטן: ער האָט נישט מער בדעה צו זיצן און לערנען, קוועטשן די באַנק, כדי איבער "מאה־ועשרים" צו ווערן דער יורש פונעם לוהיסקער כסא־רבנות. ער וויל נישט, — האָט ער זיך גאָר פאַרפרומט, — די תורה זאָל אים זיין אַ "קרדום לחפור בה".** נייערט ער מוז זיך אויסלערנען אַן אומנות און לעבן פון "יגיע כפיו".*** דעמלט וועט זיין גוט צון אים און ווויל צון אים, ווי אין פסוק שטייט: יגיע כפיך כי תאכל, אַשריך וטוב לך" — די מי פון דיינע הענט, אַז דו וועסט עסן, ווויל איז צו דיר און גוט איז צו דיר... וואָס פאַר אַן אומנות אַשטייגער? דאָס לאָזט ער שוין איבער, מחמת כיבוד־אָב, אויפן טאַטנס שיקול־הדעת... אַ "דיבוק" — אַ תלמיד־חכם... דער רב האָט זיך מיט אים געאַמפּערט און געאַמפּערט. אָבער דער שפּיץ איז געווען: ער האָט זיך אים אונטער־געגעבן.

"וואָס קאָן איך זיך העלפן, — האָט דער אַלטער רב צענומען זיינע שוואַכע הענט מיט די אויפגעלאָפענע בלויע אָדערלעך פאַר די חשובע

---

* שלאָס.

** אַ גראָבאייזן צו גראָבן מיט אים.

*** אייגענער מי.

באַלעבאַטים אין שטעטל, — אַז די גמרא אַליין שטייט אויף זיין צד. זאָגט דאָך די גמרא: „כשם שחייב אָדם ללמד את בנו תורה, כך חייב ללמדו אומנות".* און אויף אַ צווייט אָרט: "גדול הנהנה מיגיעו יותר מיראת שמים".** און אויף אַ דריט אָרט: "האומר: אין לו אלא תורה, אַפילו תורה אין לו".*** און ער אַליין, דער אַלטער רב, האָט אים אָפּגעפּירט, דעם בן־יחיד זיינעם, ווי אַברהם אָבינו יצחקן צו דער עקידה, צו קהת קאָוואַל, אָדער ווי מע האָט אים אויך גערופן קהת קוירעכזיידע... קהת קאָוואַל איז באַוווּסט געווען ווי איינער וואָס האָט פאַר קיינעם קיין אָפּשיי נישט, אַפילו יענעם אין די אויגן. סיידן פאַרן רב, וואָס הינטער די אויגן האָט ער אַפילו פאַר אים קיין דרך־ארץ נישט. ער איז נישט אַנדערש געווויינט געווען ווי נאָר פּאַטשן יעדן מיט זיין גראָבן מויל איבערן פּנים, ווי קלאַפּן מיטן האַמער איבער דער קאָוואַדלע. איז גראָד צון אים געקומען דער רב אַנצושטעלן דעם זון אויף דער לער. ווי נאָר זיי האָבן זיך באַוויזן פאַרן אָפענעם טויער פון דער קוזניע, האָט זיך די אַרבעט גלייך אָפּגעשטעלט. ווען זעט מען דאָ אַזעלכע חשובע לייט? און וואָס קאָנען זיי דאָ דאַרפן? אין דער קוזניע איז איצט געווען שטילער ווי פינצטער. אַלץ האָט זיך צוגעהערט פאַר־גאַפט צום רבס רייד אין דרויסן.

— קהת, — האָט דער רב געזאָגט מיטן אָנצייניקן מויל, און דער טאָן — האַלב באַפעלנדיק און האַלב בכובד־ראָש און האַלב אין הלצה, — דו זאָלסט אים נאָר נישט פאַנקעווען אין מיין זכות. אַדרבה, אַרבעט מיט אים עבודת־פרך. דיין קוזניע זאָל זיין פאַר אים — מצריים... טיטוסעס פליגעלע איז אים, רחמנא־ליצלן, אין קאָפּ אַריין, איז אפשר וועט עס אים דיין שווערער האַמער פון דאָרט אַרויסשלאָגן...

— רב, — האָט קהת, אויסהערנדיק דעם רב די גאַנצע צייט מיט אַ בייזלעך שווייגן, אַ וואָרטשע געטאָן, — דעם עיקר פונעם רבס רייד האָט מיין גראָבער קאָפּ באַנומען. דער רב קאָן זיך אויף קהת קאָוואַל

---

* אַזוי ווי אַ מענטש איז מחוייב צו לערנען זיין זון תורה, אַזוי איז ער אויך מחוייב צו לערנען אים אַ פאַך.

** ס'איז גרעסער ווער סע געניסט פון זיין מי, מער ווי פון אַ ירא־שמים.

*** ווער סע זאָגט: ער פאַרמאָגט נאָר תורה, פאַרמאָגט קיין תורה אויך נישט.

פאַרלאָזן. ער וועט אים, דעם רבס זינדל, לייטיש אונטערקאָוועט אויף אַלע פיר, ווי דעם ציציליוזקער יונגן גראַפס אָגער...

— נו, — האָט דער רב זיך געוואָנדן צום זון, וועלנדיק פאַרגלעטן דעם קאָוואַלס מגושמדיקע רייד, — דער מדרש זאָגט: די יידישע אומה איז געגליכן צו אַ שושנה — אַ רויז. נמצא, איז יעדער ייִד — אַ שושן... נאָר דו, שואל, וועסט איצט אַ שושן גאָר אויף אַן אַנדער שטייגער...

— טאַטע, — האָט אים דער זון אָנגעקוקט מיט אַ נישט־פאַר־שטייענדיקן בליק און דערשטוינט פּנים. נישט ווייניקער ווי קהת קאָוואַל מיט זיינע דריי געזעלן, — נישט נאָר די קאָוואַליעס פאַרש־טייען דיך נישט, איך שוין אויך נישט... ס'הייסט עס?

— נו, זעסטו שוין, — האָט אים דער טאַטע געענטפערט מיט אַ טאָן פון פירהאַלט, — ווען דו וואָלסט געשאַרפט דיין שכל אויפן שלייפ־שטיין פון דער תורה, וואָלסטו זיך אַליין געכאַפּט — וואָס דאָס הייסט. נאָר דיין שכל איז שטומפּיקלעך געוואָרן פון דיין „השכלה" מיט אַ „סמך"... ווי אין פּסוק שטייט: „בנים סכלים המה" — קינדער נאַרן זענען זיי. מוזסטו אָנקומען צום אַלטן טאַטן, ער זאָל דיר עס אויסטייטשן: „שושן" מאַכט לויט די ראשי־תיבות — „שוליה של נפח"... — אַ געזעל ביי אַ קאָוואַל.

...ווען דער רב איז ענדלעך אַוועקגעגאַנגען און איבערגעלאָזט דעם זון, האָט קהת קאָוואַל, אים נאָכקוקנדיק, אַ וואָרטשע געטאָן שטיל, „דעם רבס אָגער" זאָל נישט דערהערן:

— איך טראַכט, אַז אינעם אַלטן האָט זיך שוין באַזעצט דער עובר־בטל...

און באַלד אויף אַ קול:

— חברה, גענוג געשטאַנען בטל! די צייט שטייט נישט. גענומען זיך צו דער אַרבעט... און דו, שוליק דעם רבס, יונג לאָשעקל, קום, וועל איך דיך אַ ביסל אונטערקאָוועז...

...אין שטעטל האָט מען גערעדט, — ציִען זיך ווייטער אין ייִדלס וואַכן זכרון דעם טאַטנס רייד, — דער רב איז אַ ייִד אַ חכם. ווו תורה, דאָרט חכמה. „בישישים חכמה" — ביי אַלטע לייט איז די חכמה... אין יעדער הלצה פון אַ תלמיד־חכם איז דאָ אַ קערעלע פון קלוגער

כוונה. ער האָט זיך געטראַכט, דער אַלטער: אַז די עבודת־פּרק ביי אַזאַ נוגש פון מצריים, ווי קהת קאָוואַל, וועט פאַלן אויף אים שווער, אויפן בן־סורר, דעם נאַטערעוואַטע אייזל, וועט ער זיך איבערלייגן, צום שכל קומען און שוין פון אייגענעם רצון זיך אומקערן צום טאַטנס טיש מיט דער גמרא, און דעם שטעטל וועט באַשערט זיין צו האָבן אים פאַר אַ רב.

...סיי ווי, שוילּיק דעם רבס האָט געהאַט פון זיין באַלעבאָס קאַלטס און וואַרעמס. נישט מער,ס׳האָט טאַקע נישט לאַנג אָנגעהאַלטן, — ביז ער האָט חתונה געהאַט. זיין צווייטער "פלג־גוף", * שוילס, זיין שוילעכע האָט אים מיט איר צינגל, אַ שאַרפס, ווי דאָס מעסער מיט וועלכן זי שניידט דאָס לעדער, אַזוי לאַנג גע"פלגט" און געפּלאָגט, ביז ער האָט פאַרלוירן די הענט אין קוזניע, און קהת קאָוואַל האָט אים פון דאָרט אויסגעקערט מיט אַן אייזערנעם בעזעם. אָבער דעם אַלטן רב איז דער נחת נישט באַשערט געווען — ער האָט שוין דעמלט גערוט אויפן אַלטן בית־עלמין, זכרונו לברכה... און אויף זיין כסא־רבנות איז שוין געזעסן דער היינטיקער רב, רב ירמיה, אים צו לענגערע יאָר. און אפשר האָט ער זיך טאַקע דאָרטן וועגן דעם באַמיט?... און ווער ווייסט — צי איז ער טאַקע נישט צוליבן זונס קאָוועליעריי פאַר דער צייט פון דער וועלט געגאַנגען? ער איז דאָך אַפילו צו די שמונים נישט דערגאַנגען.

...שימענקע שטאָט־לץ איז דעמלט נאָך אַ ייִנגל געווען און נישט געקריינט נאָך מיטן צונאָמען. איז נאָך נישט געווען קיין "מושב לצים" — מושב תרתי משמע"...** אָבער דער לץ האָט זיך שוין, משמעות, געפּיקט אין אים. ער האָט דעמלט אין בית־מדרש איינגערוימט די ייִנג־לעך שטילערהייט (איך בין דערביי געשטאַנען און געמאַכט זיך נישט־הערנדיק): "שויל קאָוואַל האָט שוילעכן געמאַכט פאַר אויס בתולה, האָט שוילעכע שויל קאָוואַלס אים געמאַכט פאַר אויס קאָוואַל... ווער פון אייך, ווייסע חברהניקעס, וועט זיין אַ בריה און זאָגן — ווער פון זיי ביידע האָט אַ גרעסערע בריהשקייט באַוויזן?"... מאַ, ער איז שוין

---

* אַ האַלבער גוף; שפּאַסיקער אויסדרוק וועגן אַ חתונה־געהאַטעד פרוי.

** ויצונג פון שפּעטער... מושב באַדייט צוויי זאַכן — אַ זיצונג אין אַ שמוציק אָרט.

דעמלט געווען אַ "מנבל פּיו"...* ביי אַ שעת־הכושר דאַרף מען אים זאָגן, אַז די גמרא זאָגט אין מסכתא שבת: "בעוון נבלות פּה צרות רבות וגזרות קשות מתחדשות".** און, אַז ער אַליין וועט אוודאי שלעכט אָפּשנײַדן אויף יענער וועלט, וואָרן דאָרט, אין דער מסכתא שבת, ווערט אויך געזאָגט: "כל המנבל את פּיו, מעמיקין לו גיהנום"...***

...און אַזוי ווי זי, שוילעכע שויל קאָוואַלס, איז געווען אַ טאָכטער פון אַ לעדערוואַרגער און האָט מיידלוויז געהאָלפן דעם טאַטן אין קלייט, האָט זי נאָך דער חתונה און נאָך דעם ווי דער טאַטע איז איר געשטאָרבן, געמאַכט שוילן פאַר אַ לעדערוואַרגער. סע רעדט זיך נאָר אַזוי. די לע־דערוואַרגערקע איז זי. זי פירט דאָס געשעפט, ווי נאָך פאַר איר טאַ־טנס לעבן, נישט ער. איז אים, שוילן, בייגעשטאַנען זיין טאַטנס זכות און שוין אויך זיין אייגענער מעמד ווי אַ לעדערוואַרגער, מע זאָל אים אויסקלייבן פאַר אַ גבאי אין בית־מדרש. מ'איז נאָר נישט געווען זיכער — וואָס 'עט דערויף שוילעכע זאָגן? צי וועט זי געבן דערויף איר הסכמה. וואָרן אויב נישט, קאָן זי איר שוילן דערפירן אין שאול־תחתיה אַריין... אויך דערויף האָט שימענקע, שוין שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען דער געקריינטער שטאָט־לץ, געהאַט וואָס צו לצעווען: "שטאָט האָט דאָך נישט געקאָנט דערלאָזן, אַז איר געוועזענעם רבס זון זאָל אויף אייביק פאַרבלייבן נישט מער ווי ביי זיין "פּלג־גוף" אַ שמש, האָט זי אים דערפאַר אויפגענומען פאַר אַ גבאי...„און דאָס האָט געראַטעוועט זיין לעבן: דער בית־מדרש איז זיין עיר־מקלט פאַר זיין פלוניתטעס שאַרף פּיסקל. אַ סברא, אַז אונדזער שוחטס חלפים זענען מקנא שוילע־כעס פּיסקל... אַז קיין קינדער האָט זיי דער אייבערשטער נישט געשענקט, און צייט איז דאָ געענוג, איז ווי פרעסט נישט אַ ייִדענע אבר־מן־החי פונעם אייגענעם מאַן? אַנטלויפט ער אין בית־מדרש אַריין. אין קלייט העלפט ער איר צו נאָר אין אַ יאַרידטאָג. דער דאָזיקער טאָג איז טאַקע פאַר אים די גרעסטע אָפּקומעניש. ווי ער האָט אַליין אַ מאָל אַ זאָג

---

* רעדט ניבול־פּה.

** צוליב דעם חטא פון ניבול־פּה באַנייען זיך אַ סך צרות און גזירות.

*** ווער ס'רעדט ניבול־פּה, פאַרטיפערט מען פאַר אים דעם גיהנום.

געטאָן ביי אַ גלעזל ספּירט פּאָר עמעצנס עלית־נשמה: „יאָ, יאָ, געזאָלט האָב איך זיין אַ רב. געוואָלט האָב איך ווערן אַ קאָוואַל, געוואָרן בין איך אַ לעדערוואַרגער און... וואַרג זיך מיטן לעדער"...

דאָ גייט אויף אין ייִדעלעס זכרון אַ לעבעדיק בילד פון דער צייט, ווען ער, ייִדעלע, איז נאָך געווען אַ חדר־ייִנגל:

שבת אין דער פרי. טאַקע דאָ אין בית־מדרש. נאָכן דאַווענען, נאָכן גערודער פון אויסטאָן די טליתים און יאַרמלקעס און אָנטאָן די היטלען. נאָכן טומל פון צערוקטע שטענדערס און הויכע „גוטשבתן". דער גרעסטער טייל מתפללים איז שוין, מיט די טלית־זעק אונטער די אָרעמס, אַרויס אין דרויסן. דער טאַטע, אַ פּאַרטראַכטער, האָט שוין אויך פּאַמעלעכן צונויפגעלייגט דעם טלית, אים אַריינגעלייגט מיטן חומש אין טלית־זאַק אַריין. איז שוין גרייט צו גיין. פּלוצעם הייבט זיך אויף אַ גערודער צווישן די נאָך ווייניק פאַרבליבענע. אַ גיך געגיי צו דער מזרח־וואַנט. צו דער זייט, וווּ ס'איז די „שטאָט" פון שויל גבאי. דער גאַנצער בית־מדרש, ווי גרויס ער איז, איז שוין ליידיק. ס'דערהערן זיך פון דאָרט טענות אויף הויכע קולות. די קולות גייען איבער אין געש־רייען. דער טאַטע לאָזט ליגן דעם טלית־זאַק, אַ נאָך נישט פאַרשפּיליעטן, אויפן שטענדער און לאָזט זיך אַהין געלאָסן. טו איך אים בגנבה אַ יאָג אַריבער, און אָט בין איך שוין דאָ, ווו מע קריגט זיך. ס'איז אין ווינקל לעבן אָרון־קודש. אַלע נאָך נישט אַוועקגעגאַנגענע שטייען דאָ. אַ געדיי־כט געזעמל. אַ וואַנט פון מענטשן. מיטן געזעמל זענען אַרומגערינגלט יענע וואָס קריגן זיך. ס'איז מיר אַזאַ חשק צו זען וואָס אינעווייניק טוט זיך! נאָר כ'קאָן זיך נישט דורכשטופּן... „ס... ס... ס!" — דערהער איך הינטער זיך. ווער סיקעט עס? כ'קוק זיך אום. אַקעגן אויף אַ טיש שטייט מאָטישל באַנטשעס. דאָס האָט ער אַוודאי צו מיר אַ סיקע געטאָן. נאָר איצטער — גלייך ווי גאָרנישט. ער קוקט אַריבער צום געזעמל. כאַפּ איך זיך אַרויף אויף דער באַנק און פון איר אויפן טיש. מיר שטייען שוין אין צווייען. אָבער מיר רעדן נישט. מיר זענען פאַרטאָן. איך זע שוין אַלץ. אין סאַמע מיטן דעם געזעמל, מיט דער פּלייצע צום אָרון־קודש, שטייט שויל גבאי. אין דער יאַרמלקע נאָך. עטלעכע ייִדן קעגן אים טענהען צו אים אויף קולי־קולות. ווען זיי וואָלטן נישט אַזוי שרייען,

וואָלט איך דווקא בעסער געהערט די רייד. ער, דער גבאי, ענטפערט זיי שטיל. אַזוי שטיל, אַז איך הער נישט וואָס ער זאָגט. כ׳פאַרשטיי — ער פאַרענטפערט זיך פאַר זיי. גיט זיך אָפּ גערעכט. זיין שמאָל פּנים איז צערודערט, און די באַקן אונטער די אויגן — רויטלעך־צעפלאַמט. סע ווערט מיר קלאָר: מע האָט צון אים טענות, הלמאַי ער האָט עמעצן געק־ריוודעט מיט נישט אויפרופן צו דער תורה.

— אַן אורח איז תמיד קודם! — שרייט איינער.

— מע דאַרף אויך וויסן, ביי ווער דער אורח שטייט איין!...

— שרייט אַ צווייטער.

— אָט דרייט ער זיך דאָרט אַרום בבושת־פּנים! — שרייט אַ דריטער.

איך דריי זיך אויס אַ קוק צו טאָן. אין סאַמע עק ליידיקן בית־מדרש, פון דעם הינטערשטן טיש ביי דער הרובע ביז צו דער ספרים־שאַפע אין ווינקל, גייט עמעצ אַהין און צוריק. אַהאַ! ס׳איז דער בחור, וואָס איז זונטיק געקומען צו פאָרן פון טריסק צו זיינע היגע קרובים פון דער גילדערנער פאָן — די בערעקעס, אָפּגעקומענע לייט. אַ מאָגערער און הויכער בחור, אויסגעפּוצט מיט אַ ווייסן געפּרעסטן קאָלנער און קאָ־לירטן שניפּס. איבער דער ווייסקייט פונעם קאָלנער שוואַרצט זיך אַ פּאַסיקל שוואַרץ בערדל... אפשר איז ער שוין אַ יונגערמאַן?... כ׳האָב אים נישט געזען בעתן דאַווענען, צי ער איז אין אַ טלית, אָדער נישט... צי איז עס ער נישט טאַקע דער, פאַר וועלכן ס׳גייט דאָ דאָס קריגעריי?... מיט אַ מאָל בלייבט ער דאָרט שטיין. ווי ער וואָלט אַ טראַכט געטאָן, וואָס צו טאָן. באַלד לאָזט ער זיך אַהער מיט אַזעלכע הינטערטענצלדיקע טריטעלעך. ווי זיינע אָפּצאַסן וואָלטן זיין אויף שפּרענזינעס... ווי דער ציציליוועקער גראַפיניעס קאָליאַסקע... ווי ער וואָלט גאָר פריילעך גע־ווען פון דעם וואָס דאָ קומט פאָר... צוגעקומען — מיט אַ קאָפּ העכער פון אַלע — טוט ער אַ שטרעק אַריבער אַ האַנט איבער די קעפּ פונעם געזעמל. זי טוט אַ פּעטשל שויל גבאי אין שטערן... פון שויל גבאיס מויל טוט זיך אַ רייס אַרויס אַ דערשטיקטער, אָפּגעהאַקטער „אוי״! די געש־רייען ווערן גלייך פאַרשטומט... איבערן גבאיס רעכט אויג קריכט אַרויס אַ... אַ... אַ... רויטלעכבלויע זשאַבע... ס׳טוט פון איר אַ שפּריץ אַ צעשפּריצט רעגנדל בלוט... דער גבאי טוט זיך אַ וואַקל אומצופאַלן...

צוויי ייִדן פונעם געזעמל טוען אים אַ כאַפּ אונטער די אָרעמס... אויף זיין פאַרשפּיצטן בערדל טוט אַ קאַפּע און אַ גליטש זיך אַראָפּ, ווי אַ רעגן־טראָפּן אויף אַ שויב, אַ רויטע טרער... און נאָך אַ רויטע טרער... ער וויינט מיט בלוט . . .

— מיט אַן אייזערנער הענטשקע... — דערהער איך מאָטישלס קול און פאַרשטיי נישט וואָס ער מיינט. נאָר מאָטישל, אַז ער זאָגט, ווייסט ער וואָס ער זאָגט. כאָטש אין חומש ווייסט ער גאָרנישט...

דאָס געזעמל טוט זיך אַ צעשיט און צעגייט איבערן ליידיקן בית־מדרש.

— געוואַלד! — טוט אַ געשריי איינער פון די ייִדן, וואָס האַלטן אונטער דעם גבאי, און העלפן אים זיך זעצן אויף דער באַנק.

— שפיכת־דמים אין אַ מקום־קדוש! — דערהערט זיך פון ווייטנס אַ שטים ביי דער טיר, און, ווי אַ ווידערקול, פון לעבן אָרון־קודש, — ס'איז דאַכט זיך, ווי דעם טאַטנס קול.

— וואַסער! וואַסער! — שרייט דער צווייטער ייִד, וואָס האַלט אונטער דעם גבאי. — דערלאַנגט אַהער אַ נאַסן האַנטעך מיט וואַסער פונעם כיור!

פון דער ווייבערשיל שניידט דורך דעם חלל פון בית־מדרש אַ ווייבערישער קוויטש, ווי אַ תקיעה־גדולה . . . אפשר איז עס שוילעכעס קוויטש?... יעקב יצחק שמש קומט צו נישט געאיילט מיטן שוואַרצן, נאַסן האַנטעך פונעם כיור...

— קום אַהיים, ייִדעלע! — טוט מיך דער טאַטע ממש אַ נעם אַראָפּ פונעם טיש מיט צאָרן, צי אויף דעם שפיכת־דמים, צי אויף מיר. — אַזעלכעס קאָן מען זען אין מאַרק אויף אַ יאַריד, ווען שיכורים צעיו־שען זיך.

... שפּעטער, מיר זיצן ביי דער שבתדיקער סעודה, דערהערט זיך אַ טומל פון דרויסן. כ'לויף צו צום פענצטער. כ'זע: שוילעכע פירט שוילן אונטערן אָרעם. זיין קאָפּ איז אַרומגעבונדן מיט אַ רויטער פאַטשיילע . . . איז זי עס רויט פון זיין בלוט? און וווהין פירט זי אים? . . . הינטער זיי שלייכט זיך נאָך שוילס אַלטער "רבי", קהת קאָוואַל, וואָס "סע שמעקט שוין פון אים מיט בית־הקברות־בלעטלעך"... איך הער הינטער זיך דעם

טאַטנס קול, ווי ער וואָלט געענטפערט אויף מיין שאלה אין דער מחשבה: "זיי פירן אים מסתם צום פעלדשער. און דערנאָך וועלן זיי אים פירן צום אוריאַדניק, צו שרייבן אַ פּראָטאָקאָל". "וואָס איז דאָס חידוש, מאיר, — רופט זיך אָפּ די מאַמע פונעם טיש, — מע זאָגט דאָך, אַז דער מיוחסדיקער בחור האָט אים דערלאַנגט מיט אַן אייזערנער הענטשקע". "ווייסט טאַקע מאָטישל אַלצדינג"! — באַוווּנדער איך אים. "ווייס איך! — מאַכט עס אָוועק דער טאַטע, — מיט אַ ביינערדיקן קולעק קאָן מען אויך באַווייזן אַזאַ קונץ... פון וואַנען האָט דער בחור געזאָלט וויסן, אַז מע וועט אים קיין תורה נישט געבן, אַז ער דאַרף מיטנעמען מיט זיך צום דאַוונען אַן אייזערנע הענטשקע? און ווי קומט גלאַט אַן אייזערנע הענטשקע צו אַ ייִדישן באַלעבאַטישן בחור"?. "איז ווער גערעכט, — טו איך אַ טראַכט, — דער טאַטע, צי מאָטישל באַנטשעס?" — און פאַרשעם זיך און דערשרעק זיך, טאָמער דערהערט מיין מחשבה דער טאַטע...

— ייִדעלע, — טוט אים דער טאַטע אַ צי פאַר אַן אַרבל און וועקט אים אַרויס פון זיין פאַרזינקעניש אין די זכרונות פון דער קינדהייט, ווי פון הינערפּלעט, — וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרדימיונט, אַז סע דאַכט זיך דו דאַוונסט גאָרנישט?

— אַ?! — טוט ער אַ מרוטשע מיט צעפּאָרענע אויגן, בעת אין זיין זכרון שלעפּן זיך נאָך נאָך, ווי צויטן, די שורות פון דעם קינדער־לידל, וואָס איז נאָך יענעם פאַרלויפעניש געזונגען געוואָרן פון די חדר־ייִנגלעך, אָנהייבנדיק פון די דרדקי־חדרים און ביז דעם חדר פון שמעל־קע מלמד:

פאַר נישט געבן תורה
אַ יונגנמאַן אַ "סחורה"
איז אַרויס דעם גבאי
לעבן אויג אַ מכה —
אַזאַמי* בלאָווע זשאַבע
מיט אַ הוילער סראַקע.**

---

* אַזאַ מין.

** הינטן.

האָט זי אָנגעמאַכט,
אוי, אָנגעמאַכט,
אַ רויטע, רויטע קאַקע...

ווען ער גייט שוין נאָכן דאַווענען מיטן טאַטן אַהיים, טוט ער אַ דריי אויס צו אים דאָס פּנים און פֿון דער העלער הויט אַ פֿרעג:

— זאָג מיר, טאַטע, ביי אונדז אין לוהיסק, און אפשר אין אַלע ייִדישע שטעטלעך, איז דער שטייגער מצרף צו זיין צו יעדנס נאָמען: אָדער דעם נאָמען פֿון זיין טאַטן, למשל, גרשון ירוחמס, אָדער דעם נאָמען פֿון זיין מאַמען, למשל, שיקל חיה ביילעס; אַ מאָל — אַפילו דעם זיידנס, אָדער דער באָבעס, למשל, הערש בער פּלטיאלס, צי פּלטיאל פּעלטעס; אָפּטער איז מען מצרף דעם מענטשנס טועכץ, למשל, זעליק פֿישער, אָדער זעליק שדכן, טרייטעלעכע די מלמדקע; אַ מאָל — דעם נאָמען פֿון דעם אָרט פֿון וואַנען יענער איז געקומען: ידידיה קלעוואַנער, יצחק מאַציעווער, הערשל לאָקאַטשער, מאיר סיקיליער, פּעשע חוה די פּוילישע. אַ מאָל — אַ צונאָמען, ווי: וואָלף „שיקסע״־שניידער. מאיר קרעפּל, יאַנקעלע לאָקש, פּיניע קאַטשקע, — אָבער קיין מאָל רופֿט מען נישט קיין מענטשן מיט זיין פֿאַמיליע־נאָמען. סיידן דער ״ראָזנאָסטשיק״,* ווען ער ברענגט עמעצן אין שטוב אַריין אַ קאַרטל...

— האָסט שוין, דאַכט זיך, פֿאַרגעסן וואָס דו ווילסט מיך פֿרעגן, — איז דער טאַטע ווי אומגעדולדיק.

— איז פֿרעג איך דיך: מיט וואָס האָט אַ מאָל קהת קאָוואַל, ער איינער אין שטעטל, זוכה געווען, מע זאָל אים רופֿן מיטן פֿאַמיליע־נאָמען — עס אַזאַ טשודנע פֿאַמיליע־נאָמען — קוירעכזיידע?

— אין ווען דו האָסט זיך עס פּלוצעם דערמאָנט — שמייכלט צו אים דער טאַטע מיט חידוש אין די אויגן. — דווקא אין אַ ייִדן אַן עם־הארץ, עליו השלום, די ערד זאָל אים דאָרט גרינג זיין. ווי קהת קאָוואַלס פֿאַמיליע־נאָמען איז געווען — פֿרעג מיר אַ גרינגערע זאַך. איך בין קיין מאָל נישט געווען קיין ״ראָזנאָסטשיק״... און קוירעכזיידע איז געווען טאַקע נישט מער ווי זיינס אַ צונעמעניש... וואָס דאָס צונעמעניש האָט

---

* בריוונטרעגער.

באַדייט? ס'אַ שיינע מעשה דערביי. קהת קאָוואַל פּלעגט שבת אין דער פרי דאַווענען ותיקין * אינעם בית־מדרש־שטיבל מיט די אַנדערע באַלמע־לאָכעס. מאַכט זיך איין מאָל, נאָך קריאת־התורה — ס'איז דעמלט גע־גאַנגען די סדרה שלח — טוט זיך קהת אַ לאָז צעבייזערט אויף פּנחס שמוקלער, דעם גבאי זייערן, פאַר וואָס ער האָט אים שוין אַזאַ לאַנגע צייט נישט אויפגערופן צו דער תורה.

„וואָס ווילסטו, — טענהט ער שרייענדיק צום גבאי, און די הענט שטייען אים שוין נישט איין אויף איין אָרט, — איך זאָל פאַרגעסן, רחמנא־ליצלן, ווי מע מאַכט די ברכות אויף גאָטס תורה? אַפילו איין ווערט פאַרזשאַווערט!".

— דערביי שיטן זיינע אויגן פונקען ווי פון אונטערן בלאָזאַק אין קוזניע... סע שמעקט שוין, נישט נאָר מיט סמאַלינעס — מיט זלזולים און קללות, נאָר פשוט, ער זאָל דעם גבאי „אונטערקאָוועון די אויגן מיט אַ מתנת־יד", ווי דאָס הייסט אויף זיין קאָוואַלסקי לשון. ווערט פּנחס בלאַס און ווייס, ווי לייוונט, און שטאַמלט:

„קהת, אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי דו ביסט כשר גערעכט. כ'האָב דיר טאַקע געטאָן אַ גרויסע עוולה. איך אַליין האָב שוין היינט בעת קריאת־התורה געטראַכט די עוולה צו פאַרריכטן... נישט היינטיקן שבת, רק דעם קומענדיקן, אם ירצה השם... פאַר וואָס כ'האָב אָפּגעלייגט, פרעג־סטו?... בייזער זיך נישט... המם... אָט וועסטו הערן, נאָר לייג צו קאָפּ, און ד ו וועסט מ י ר אָפּגעבן גערעכט... הער. אַז היינט האָט מען געלייענט די סדרה שלח, גייט דאָך די קומענדיקע וואָך די סדרה קורח. אמת? און דאָרט שטייט גלייך פון פאָרנט, אין ערשטן פסוק, אויסגערעכנט זיין יִחוס, קורחס: „קרח בן יצהר, בן קהת", בכן — קורחס זיידע איז געווען קהת. האַלט זשע קאָפּ. האָב איך אויסגעמיאַרקירט, אַז די־אָ פרשה קומט דיר. אויב קורח איז דיינס אַן אייניקל, קומט דיר צו דערלעבן אין אים אַ ביסל נחת... פאַרשטייסט? אַז דער אייבערשטער וועט, אם ירצה השם, שענקען אונדז ביידן דאָט לעבן, איבער אַכט טאָג אין דער צייט רוף איך דיך אויף דעם ערשטן צו דער תורה. בין איך נישט גערעכט, קהת?"

---

* דאַווענען פאַרפרי.

ייִדעלעס פּנים הענגט צעליכטיקט קעגן טאַטנס, און דער טאַטע ציט ווייטער:

— און קהת, דער עם־האָרץ נעבעך, נעמט אָן די דאָזיקע תשובה פאַר אַ כשרער מטבע און לאָזט אַראָפּ די הענט אַן איבערגעבעטענער:

"אויב אַזוי, פּנחס, נאַ דיר מיין שוואַרצע לאַפּע אויף שלום. מילא, נאָך אַ וואָך וועל איך אויסהאַלטן. וואַרט איך. און קהת קאָוואַל זאָגט דיר צו, אָט הערן ייִדן און זענען עדות, אַז דו וועסט פון אים באַקומען אַ "באַוורשנאַדער",* נישט קיין באַלמעלאָכעשן, נאָר אַ באַלעבאַטישן, אַ לייטישן, ווי סע פּאַסט פאַר קורחס זיידן"!

— נו, פאַרשטייסטו דאָך שוין, ייִדעלע, אַז אָט דעם שבת איז צו אים צוגעשטאַנען, ווי אַ קלישטש, דאָס דאָזיקע צונעמעניש אויף זיין גאַנצן לעבן: "קורחס זיידע".

ייִדעלע צעציקלט זיך מיט אַ געלעכטערל נחת־רוחדיק:

— באמת, אַ שיינע מעשה. אַזוי. קורחס זיידע. שיקט זיך נאָך אַ לייטישערער יחוס פון אונטן אַרויף. משמעות, אַז קהת קוירעכזיידע האָט געהאַט, ער זאָל מיר מוחל זיין, דעם זכרון פון די חיות, וואָס ער האָט אונטערגעקוואָעט אַלע זיינע יאָרן, אויב ער האָט פאַרגעסן דעם סוף פון קורחן און זיין עדה. אָבער אויף פּנחס גבאי האָב איך צו פרעגן אַ שטאַרקע קשיה: פאַר וואָס האָט ער אים נישט אויסגעשטעלט דעם וואָזשנערן ייחוס פון אויבן אַראָפּ קהת איז דאָך געווען יעקב אָבינוס אַן אייניקל? המם...

נאָך אַ רגע טראַכטן פאַרענטפערט ער זיך אַליין די קשיה:

— אַפּנים, אַז פּנחס גבאי איז באַהאַוונט אַפילו אין די קליינע אותיעלעך פון רש"י־כתב: מאַכט דאָך דאָרט רש"י: "ולא הזכיר בן־יעקב" — און דער פּסוק האָט נישט דערמאָנט "בן־יעקב", "שביקש רחמים על עצמו" — ווייל ער האָט געבעטן רחמים אויף זיך...

לאָזט שוין אויס דער טאַטע:

— "שלא יזכר שמו על מחלקתם" — אַז זיין נאָמען זאָל נישט דערמאָנט ווערן ביי זייער מחלוקת... האָט אויך פּנחס נישט געוואָלט

---

* בעבור שנדר.

דערביי דערמאָנען יעקב אָבינוס נאָמען. ער איז באמת נישט פון די עמי־האַרצים, דער גבאי ביי די באַלמעלאָכעס.

— און שויל קאָוואַל, דער גבאי ביי די באַלעבאַטים איז אַ גרעסע־רערער למדן פון אים? — טוט אים ייִדעלע אַ פרעג מיט פאַרבאָרגענעם תרעומת און איז גערן צו הערן וועגן אים אַ שלעכטן אַרויסזאָג. אָבער גראָד שטעלט אים דער טאַטע נישט צופרידן:

— אויף יעדן אופן, — זאָגט ער, — איז ער דאָך אַ גרויסער יחסן — דעם אַלטן רבס, זכרונו לברכה, אַ זון... נו, די מאַמע איז שוין אין שטוב און גייט אונדז אַרויס אַקעגן... גוט שבת דיר, פריידע!

## יט

מיטן דערנענטערן זיך פון זיין חתונה, שפּראָצט אויס אויף ס׳ניי אין ייִדעלעס האַרץ די האָפענונג: נו, אַז כ׳על שוין זיין אַ באַוויבטער, וועלן זיי שוין אַלע נישט האָבן קיין ברירה!... "והיו לבשר אחד" — און זיי וועלן ווערן צו איין לייב... נו, און קיילע חיהניו איז דאָך אַ הויכע. וועל איך אין אי ר זכות, זיי אויף צו להכעיס, זיין אַ גרויסער...

אָבער אויך די איצטיקע האָפענונג פּלאַצט. נישט מער, די חתונה ברע־נגט אים ערגערע צרות, וואָס מאַכן אים פאַרגעסן אין דער דאָזיקער צרה. ער פילט זיך דאָ נישט, ביים שווער אין שטוב, אַפילו אין זייער אייגענעם אַלקער, וואָס איז פריִער געווען קיילע חיהניוס, ווי אין אַ צווייטער היים. נייערט, ווי אַן אורח. ווי זאָגט די גמרא? "אישה עיניה צרה באורחים" — אַן אישה קוקט מיט אַ בייז אויג אויף אַן אורח... מעג ער זיין דער אייגענער מאַן. ווען נישט די גוטע שוויגער, וואָלט ער דאָ דאַכט זיך, נישט לאַנג אויסגעהאַלטן און אַנטלאָפן צוריק צו טאַטע־מאַמע. ווייל... ווייל, — טוט עס אין אים אינעווייניק אַ שיס אויס, — דער גאַנצער ענין איז פאַר אים אַ צרה! מילא, ווי ווייט ער קאָן, איז ער אין בית־מדרש. דאַוונט, קוקט אַריין אין אַ ספר, לערנט. אָבער מע מוז דאָך קומען "אויף דער אַכסניה" אָפּצועסן און איבערשלאָפן די נאַכט. און דאָ — וואָס האָט ער מיט איר צו רעדן? פון דעם וואָס ער לערנט? ער וועט רעדן צון אַ טאָטער טערקיש?... וואָלט ער פון זיין זייט יוצא געווען

אין גאַנצן נישט צו רעדן. מקיים זיין דעם "אל תרבה שיחה עם אישה" *
נאָך מיט מער חומרא. אָבער זי — לאָ. דווקא קאַפּויער. פּונקט ווי זי
וואָלט נישט קיין מאָל אויסגעלייִדיקט אירע ניין מאָס רייד ביזן דנאָ.
ווי נאָר ער בלייבט אַ ביסל אין שטוב, אַזוי הייבט זי אָן אין אים אַריינצו־
רעדן. וואָס זי דערציילט עס אים אַלץ נישט אויס! גלאַט נייעס פון
שטעטל; וועגן אירע חברטאָרינס — די וואָס זיצן נאָך און וואַרטן אויף
חתנים, און די וואָס האָבן שוין חתונה געהאַט, ווי, למשל, פּערעלע דעם
סופרס מיט איר מאַן, יאָנטל גרשון שניטקרעמערס; און וועגן וואָס און
וועמען נישט?... פּאַר אים איז דאָס לשון־הרע, און רכילות, און גלאַט
פּוסטע רייד: וואָס גייען אים אָן די נייעסן פון שטעטל און פרעמדע
געשעפטן? נאָר ד אָ ס וועט ער איר דאָך נישט זאָגן. הערט ער זי קלאָמ־
פּערשט אויס, נאָר פאַרטראַכט אי זער אין גאָר אַנדערע זאַכן. ביז זי
טוט אים אַ שטעל די פראַגע:

— נו, וואָס זאָגסטו דערויף, יידעלע?

אַז וואָס קאָן ער איר ד ע ר ו י ף זאָגן, ווען ער האָט לחלוטין נישט
פאַרנומען איר געפּלוידער? איר מיילעכל, "דאָס מילעכל", האָט דאָך דאָ
אָנגעמאָלן שטיינדלעך און ביינדלעך, און זאַמד און שטויב... אַפילו זיין
טאַטע, דער מעלשענקער, וואָלט אויף אַזאַ מעל קיין מבין נישט געווען.
שווייגט ער, אַ צעטומלטער, און שמייכלט, אַ פאַרשעמטער.

— האָב איך, הייסט עס, יידעלע, מאַנצפּישוין מיינער... — צינדט
זי זיך אָן, און די אַרויסגעשטאַרצטע אויגן אירע קוקן ווי איר טאַטנס,
און די באַקן זשאַריען, — האָב איך ביז איצט, הייסט עס, גערעדט צו
אַ טויבער וואַנט?

— צו אַ טויבער וואַנט? — חזרט ער איבער איר פראַגע, ווי ער
וואָלט וועלן זי צעקייען, און ווערט בלאַס, — המם... המם...

— המם... המם... — שפּעט זי אים איבער, — אַז סע מוקעט, ווי
אַ בהמה, איז צו וועמען רעד איך עס?

טוט זיך שוין אין אים אויף אַ צינד אָן דער דם־התצמית, און סע
פּלאַצט פון אים אַרויס:

---

* זאָלסט נישט רעדן צו פיל מיט קיין אשה.

— כ׳בין נישט מחוייב!... כ׳בין נישט מחוייב אויסצוהערן רק לשון־הרע און רכילות. כ׳בין נישט קיין ייִדענע...

— וואָס דען ביסטו? אַ מאַנצפּישוין? ס׳אי׳ דאָך נישטאָ, ייִדעלע, מיט וועמען צום טיש צו גיין... גלאָמפּ איינער!

דערהערט ווי די מאַמע שלייכט שוין פון דער קיך אַהערצו, כדי מיט שטילע, מילדע רייד זיך איינצושטעלן פאַרן "גאַנידעם" אירן, טוט זי אַ לויף אַרויס פונעם אַלקער.

ייִדעלע פאַרשטייט זייער גוט איר אָנצוהערעניש, דער מרשעת, און וואָס פאַר אַן אַנדער מעבלשטיק אָט דער ט י ש ביי איר אין מויל באַטייט... די רויטקייט מחמת צאָרן אויף זיין פּנים טוט אַן אַנטלויף, די הויט ווערט אַשיקבלייך, אָבער גלייך ווידער רויט, איצט — שוין מחמת בושה. ער שפּירט ווי די אויגן היצן אים.

— אַ... זזז־אַ!... — טוט ער אַ ברום, און דערזאָגט נישט. זעצט זיך אויף דער שטול לעבן זיין בעט, און זיינע אויגן, ווי פון אַ זייגעדיק קעלבל פאַר דער מוטערס הייטער, בלייבן שטיין אויפן ווייבס בעט קעגן איבער... אָט דאָס איז עס ביי איר, בלשון־נקיה,* דער ט י ש... נאָר זע! אין דער גמרא, אין נדרים, מיינט אויך "שולחן",** בלשון־נקיה, דאָס אָ־אָ...

גיטל לאה די שוחטקע, ווי נאָר די טאָכטער טוט איר אַ לויף פאַרביי, ווי אַ פלאַם, בלייבט זי שטיין, קוקט איר נאָך און טוט אַ טראַכט: "זאָל איך אַריינגיין אין אַלקער צו ייִדעלען אים איבערפרעגן, פאַר וואָס זי האָט זיך אַזוי געבייזערט אויף אים?... ניין, פרומער און גלייכער — נישט". זי פאַרקערעוועט צוריק אין קיך אַריין. קיילע חיהניו שטייט דאָ ביים טיש קעגן פענצטער און קוקט אַרויס פאַרטראַכט אויפן גאָרטן. זי דערנענטערט זיך צו דער טאָכטער און פרעגט שטיל ביי אירע פּלייצעס:

— קיילע חיהניו, זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס פאַר אַזאַ טומל איז עס דאָרט געווען ביי אייך אין אַלקער?... ייִדעלע האָט זיך, חלילה, געבייזערט אויף דיר?

— ע ר זאָל זיך נאָך בייזערן אויף מיר?! — טוט זיך קיילע חיהניו

---

* זוויבער לשון.

** אַ טיש.

אַ קער צו איר מיטן פּנים. — כ׳אָלט אים געהאַרכט ווי דעם קאָטער! די אויגן אויסגעדראַפּעט!

— טאָכטער, — הייבט זי אָרויף צו איר דעם קאָפּ אינעם טשיפּעק, — אָסור אויב מע מעג אַזוי רעדן וועגן אַן אייגענעם מאַן. אַ ייִדישע טאָכטער דאַרף דעם מאַן ערלעך האַלטן... ה אָ ס ט ו, זאָל עס הייסן, גאָר אויף א י ם געשריגן? אויפן אייגענעם מאַן דעם תּלמיד־חכם?... אוי, ווען דער טאַטע וואָלט עס, חלילה, דערהערן. אָדער, ס׳אָל דערגיין צון אים... זיך בייזערן אויף אַן אייגענעם מאַן?!

— מאַן, מאַן! די גרייס אַ שפּאַן! — טוט קיילע חיהניו אַ קער זיך צוריק מיטן פּנים אין גאָרטן אַריין. — פאַר דער מאַמען איז ער אפשר, דער תּלמיד־חכם, אַ זיסער "מן" פונעם הימל... פאַר מיר איז ער ביטערניש... כ׳בין, חלילה, נישט קראַנק אויף קיין פיבער און דאַרף נישט קיין כינין... יאָ, מיין תּלמיד־חכם איז ער, אָבער אַ מאַן? ער איז אַזוי אַ מאַן, ווי אַ דיניע פון אונדזער גאָרטן איז אַ קאַווענע אויף אַ "שהחיינו" אום ראָש־השנה.

— מע טאָר נישט, טאָכטער, קיין שום פּרי פאַרשעמען, — רעדט די מאַמע שטיל און געדולדיק צו דער טאָכטערס פּלייצעס, — אַלע פּרות האָט איין באַשעפער באַשאַפן, דער אייבערשטער.

— אָבער, מאַמע, — דרייט די טאָכטער ווידער אויס צון איר דאָס פּנים און שוין מיט אַ געמאַכטן שמייכל, — אויף אַ קאַווענע מאַכט מען ראָש־השנה אַ "שהחיינו", און אויף אַ דיניע, האָב איך נאָך זינט איך לעב נישט געהערט מע זאָל מאַכן אַ "שהחיינו"...

זי וויל איר פאַררעדן די ציין, זי זאָל איר שוין צו רו לאָזן מיט דעם "אַזאַ טומל" ביי זיי אין אַלקער. די מאַמע פאַרשטייט איר כוונה, לאָזט זיך נישט און איז ממשיך:

— דאָס רעדסטו טאַקע ווי אַ כאַכימע. אָבער פאַר וואָס איז מיין איינאונאיינציקער איידעם אַ דיניע פון אונדזער גאָרטן, און נישט קיין קאַווענע פון באַסראַביע? ער האָט, חלילה, אַ שלעכטן שם ביי גאָט און ביי לייט? פאַר וואָס איז ער דיר נישט קיין מאַן?

קיילע חיהניו טוט זיך האַסטיק, מיט צאָרן, אַ קער מיטן פּנים אין

גאָרטן אַריין און רעדט אַהין, ווי די מאַמע וואָלט דאָרט געשטאַנען צווישן די טיטשקעס מיט דעם בעבלעך־געפּלאַנץ:

— ווילסט, מאַמע, טאַקע דווקא וויסן, פֿאַר וואָס ער איז מיר נישט קיין מאַן? וועל איך עס דיר זאָגן. פֿאַר אַ מאַמען דאַרף מען זיך נישט שעמען. ווייל ער איז נישט קיין מאַנצפּאַרשוין. ווען באַווייזט ער זיך, דער תּלמיד־חכם, דער מלאך, צו מיר, אַחוץ פֿרייטיק־צו־נאַכטס?... פּערעלע, למשל, האָט מיר דערציילט, אַז...

דאָ טוט די מאַמע אַ רוק אַראָפּ נידעריקער דעם טשיפּעק, ווי צו פֿאַרשטעלן זיך מיט זיין שליאַרע די אויגן, און שטערט איר צו פֿאַר־ענדיקן וואָס פּערעלע האָט איר דערציילט:

— אַזוי, מיין קינד, זענען זיך נוהג פֿרומע, אָפּגעהיטע ייִדן.

לאָזט די טאָכטער אויס עפּעס אַנדערש, נאָר מיט נאָך מער צאָרן:

— און אַ מאָל אַפֿילו פֿרייטיק־צו־נאַכטס אויך נישט... כאָטש גיי בעט זיך ביי אים...

— חלילה! — זאָגט די מאַמע מילד. — דאָס איז אָסור... כ׳פֿאַרשטיי, כ׳פֿאַרשטיי דיך שוין... אָבער ס׳איז דאָך נישט מחמת אומגעטריישאַפֿט, חלילה, אָדער אומליבשאַפֿט... ער איז אַ שוואַכינקער נעבעך. ער לערנט כסדר. דאָס לערנען, קינד, מוטשעט אויס די אברים און טריקנט אויס דעם מאַרך פֿון די ביינער... מע דאַרף אים צופֿילנעווען אַ ביסל. המם... און אפשר, טאָכטער, ביסטו אַליין אויך אַ ביסל שולדיק?... אויב דו האָסט אַ האַרץ אַזוי־אָ זיך אַ בייזער צו טאָן אויף אים, ווי כ׳האָב פֿריִער געהערט, ביסטו אפשר ווייניק צוגעלאָזן צו אים, ווען איר זייט ביי זאַמען...

— אַז ס׳איז נישטאָ צו וועמען און צו וואָס זיין צוגעלאָזן! — צינדן איר אונטער דער מאַמעס רייד. — און גענוג גערעדט וועגן דעם, מאַמע!

זיך אָפּגעריסן פֿונעם אָרט, טראָגט זי זיך אַרויס, ווי אַ רייכערנדיקע האָלאָוועשקע, דורך דער הינטערשטער טיר אין גאָרטן אַריין.

גיטל לאה שאָקלט אויף איר אומעטיק־באַדויערנדיק מיטן קאָפּ, גייט צו צום פּריפּעשטאָק און נעמט זיך פֿאָרען ביי דעם פֿייער.

— אוי, קינדער, קינדער! — רעדט זי צו די טעפּלעך. — אפשר

ווען דער אייבערשטער העלפֿט, זיי ברענגען אַ קינד אויף דער וועלט, וואָלטן טאַטע־מאַמע אויס קינדער געוואָרן...

און זי דערטראַכט אין זיך: איך פון מיין זייט וועל טאָן אַלץ. אים צופּילנעווען. אַריינטאָן קנאָבל און אינגבער אין זיינע פּאַטראַוועס. דאָס וועקט דעם אַפּעטיט צו אַלץ... און אונטערטראָגן אים מיט אַ הייסער גלאָז מילך מער. נאָר מ׳עט אויך דאַרפֿן, אָן אָפּלייגעניש, איבערשמועסן מיט פריידען. זי איז דאָך אַ מאַמע. זאָל זי רעדן מיט איר קינד...

און בעת קיילע־חיהניוס ווייבערשער צאָרן קילט זיך אָפּ אין גאָרטן אין שאָטן פון די זונרויזן, קילט זיך אויך ביסלעכווייז אָפּ ייִדעלעס מאַנצבלשער צאָרן אין אַלקער. ער נעמט זוכן אַ פאַרענטפערונג פאַרן ווייב:

...זאָגט דאָך די גמרא אין כתובות: ״הבטלה מביאה לידי שיעמום״ — דאָס ליידיק אַרומגיין דערפירט צו נודנאָטע. אַז קיין קינד, מיט דעם זיך צו פאַרנעמען, האָט איר דער אייבערשטער נישט געשענקט, קיין סך וואָס צו טאָן אין שטוב האָט זי אויך נישט, איז איר נעבעך נודנע אויפן האַרצן. מוז זי זיך צו עמעצן טשעפּען... צו וועמען זאָל זי זיך טשעפּען? פאַרן שווער האָט זי מורא... דער שוחט קוקט אים אַרויס פון די אויגן... צו דער שוויגער? זי איז דאָך אַ מאַמע און אַ שטילע טויב. לאָזט זי אויס באין־ברירה צו מיר. המם... און אפשר איז זי אַזוי שלעכט צו מיר, טאַקע ווייל זי מיינט, אַז איך בין דער שולדיקער... אַ שוואַך ייִדעלע, אָן כוח גברא...

— אוי, צרות מיינע! — קרעכצט ער אָפּ אויף אַ קול און טראַכט ווייטער:

...צרות זענען אפֿנים געגליכן צו עבירות: איין צרה שלעפּט מיט אַ צווייטע. איז מיר דער טאַטע קראַנק געוואָרן. פון די געזונטע איז ער קיין מאָל נישט געווען. פלעגט תמיד אונטערהוסטן אָסיענצייט. ער ווערט, דאַכט זיך, פון טאָג צו טאָג בלאַסער און מאָגערער. ווי זאָגט די מאַמע? ״ער גייט איין, דער טאַטע, ער גייט איין. איך שפּאָר פון אייגענעם לייב און גיב אים פּילנעס, אָבער וואָס קומט אַרויס? אַז ער עסט אָן אַפּעטיט, איז ווי געקייעט שטרוי״...

— יאָ, — טוט ער אַ זאָג צו זיך אַליין, — מע דאַרף טאַקע גיין אַהיים, זעען ווי דער טאַטע פילט זיך היינט.

## כ

יידעלע לאָזט זיך אַרויסגיין פון שטוב. קומען אים אַנטקעגן, פון איין זייט קיילע חיהניו פון אַלקער, און פון דער צווייטער זייט, דורך דער דרויסנטיר — פערעלע, גרשון שניטקערעמערס שנור. ער דערפילט זיך ווי ער וואָלט דורכגעגאַנגען דורך אַ "קאָסטראַ".

— גוט העלף. — זאָגט שטיל פערעלע, צי צו יידעלען, וואָס גייט איר פאַרביי אָן אַן ענטפער, צי צו קיילע חיהניון וואָס דערפרייט זיך מיט איר:

— סקאָצל קומט, פערעלע. ווי לאַנג דו לאָזט אויף זיך אויסקוקן, גבירישע שנור. דאָ איז דאָך נישטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. כאָטש זיך כסדר און שטום. ווי אַ געטש... קום אַריין צו מיר אין אַלקער.

אַריינגעקומען, ווייזט זי אָן אויף אַ שטול ביים טישל לעבן פענצטער:

— זעץ זיך, פערעלע.

און אַז פערעלע זעצט זיך, און זי איר אַנטקעגן:

— ווייסט מיט וואָס איכל דיר באַלד מכבד זיין? מיט נאָר וואָס אָפּגעקאָכטע קאַטשענעס פון אונדזער גאָרטן. טשוהונעכעס קאַטשענעס, וואָס זי פאַרקויפט אויפן מאַרק, פון אונטער אַ שמוציקער רעדנע, קומען נישט צו אונדזערע. נאָר... עפּעס זעסטו מיר אויס היינט בלאַסלעך, פערעלע. האָסט, חלילה, שלעכטע קעסט ביי דיין שוויגער? ווי מע זאָגט עס: "אַ שוויגער מיט אַ שנור פאָרן נישט אויף איין פור"...

— חס־וחלילה! — וואַרפט פערעלע אָפּ מיט אַ לייכטער באַוועגונג און געשעפּטש אַזאַ אויסטייטש.

— איז אפשר... דער שווער? "אַ גוטן שווער איז שווער צו האָבן"...

— ניין־ניין! — דערלאָזט איר נישט פערעלע אויסלאָזן די צווייטע העלפט פונעם שפּריכוואָרט * — צו שווער־און שוויגער האָב איך גאָרנישט... נאָר...

* אַ שלעכטן שווער איז שווער צו באַגראָבן.

— נאַר... וואָס ביסטו שטיין געבליבן, פּערעלע? — הייבט זי זיך אויף פון אָרט, שטעלט זיך לעבן איר און גלעט איר איבערן פיין פאַר־קעמטן פּאַרוק.

איצטער, ווען קיילע חיהנו שטייט איבער איר, איז איר לייכטער, פּערעלען, איידער פריִער, ווען זי איז געזעסן קעגן איר פּנים־אל־פּנים און געקוקט גלײַך אין די אויגן. ענטפערט זי איר, ווי געגערעדט צו דער וואַנט קעגן איבער:

— נאַר... איך ווייס נישט... פאַר וואָס איז דאָס אַזוי... איך קאָן נישט רעדן וועגן דעם, נישט נאָר מיט מיין שוויגער, נאָר אַפילו נישט מיט מיין אייגענער מאַמען... צייטנווייז ווערט מיר פּלוצעם עפּעס טונקל פאַר די אויגן... ווי אַ כמאַרע וואָלט אַרויף אויפן הימל קעגן די פענצטער... אין דעם טונקלעניש שווימען אָן גרינגעלבלעכע פלעקן אַזעלכע... מיאוסע... סע שווינדלט אין קאָפּ... אַ נישטגוטקייט קומט אונטער אונטערן האַרצלעפּעלע...

— אוי! — טוט קיילע חיהניו אַ כאַפּ אַוועק די גלעטנדיקע האַנט פון איר פּאַרוק און פריידיק אַ פּאַטש מיט ביידע הענט. — אויף מיר שוין געזאָגט געוואָרן... ביסטו דאָך, פּערעלע, טייערינקע, פאַרגאַן אין טראָגן... געדענקסט וואָס דו האָסט מיר אַ מאָל געזאָגט? דעמלט ביי מיינע תנאים? „מקנא בין איך דיר"... איצט... בין א י ך ד י ר מקנא...

פּערעלע הייבט אַרויף צו איר דעם קאָפּ. דאָס בלאַסקייט פון איר פּנים רויזלט זיך. אירע לויטערבלויע אויגן ווערן גרעסער, פייכטער. מיט אַ מאָל טריפן אַראָפּ פון זיי צוויי טרערן. קיילע חיהניון דאַכט זיך — בלויע טרערן... פּערעלעס דינע ליפּן טוען אַ צוק, און ס׳פאַלן אַראָפּ פון זיי באַצערטע ווערטער:

— אָן ד ע ם האָב איך שוין אויך קיין כוח נישט... איז עס ביי אַלעמען אַזוי?... ביי... דיר אויך אַזוי?

— וואָס אַזוי? וואָס דערערעדסטו עפּעס נישט? — גלעט זי איר ווידער די האָר פונעם פּאַרוק.

פּערעלע שווייגט אַ היפּשע ווייל.

...צי ווייל ס׳איז איר, — טראַכט קיילע חיהניו, — איינגענומען מיין צערטלען, צו וועלכן זי האָרכט זיך איין מיט דער איידלער הויט

און שטילן געמיט? צי ווייל ס׳איז איר, דער שטענדיקער שוויגערין, שווער אַזוי אַרויסצוקריגן דאָס וואָס איז איר שטעקן געבליבן אין דער קעל?

לסוף שטעלט פּערעלע אַרויף ביידע עלנבויגנס אויפן טישל, לענט אָן דעם קאָפּ אויף ביידע אויפגעשטעלטע הענט, פאַרבאַרגנדיק דאָס פּנים אין די האַנטפלאַכן, ווי פאַר זיך אַליין, און פון אירע צוקנדיקע ליפּן פאַלן אַראָפּ צאַפּלדיקע ווערטער:

— אַזוי... נאַכט נאָך נאַכט... ער לאָזט נישט צו רו... דער מאַן...

קיילע חיהניו טוט אַ פאַל צו מיטן מויל צו אירע דינע ליפּן, אַ סמאָטשעקע און אַ רייס זיך אַוועק כדי אַרויסצוברענגען אירע קעלבע־רנע התפעלות.

— דיין מויל איז אַזוי הייס. — שעפּטשעט פּערעלע מיט ווידערגעפיל.

— ווי . . . אַ מאַנצבלס . . .

קיילע חיהניו דערשפּירט אָבער נישט דעם ווידערגעפיל פּערעלעס, און זאָגט וואָס סע רייסט זיך איר פון געמיט אַרויס:

— פּערעלע! נאַרעלע! דערויף קלאָגסטו זיך? האָט דאָך דיר גאָט באַשערט אַ מאַנצבל, אַן אמתן מאַנצבל!... דערפאַר ביסטו דאָך פאַרגאַנגען שוין אין טראָגן. כאָטש האָסט שפּעטער פון מיר חתונה געהאַט. וועסטו פ אַ ר מיר ווערן אַ מאַמע. אויב . . . איך וועל בכלל אַ מאַמע ווערן. אוי, ווען מיין מאַמע וואָלט דיך געהערט אַזוי רעדן, וואָל זי זיך אויף דיר גוטהאַרציק אָנגעבייזערט: ״דו זינדיקסט, רב לוי סופרס טאָכטער, מיט אַזעלכע רייד. נישט נאָר קעגן דיין מאַן, נאָר אויך קעגן דעם באַשעפער״ . . . וואָס האָב איך דאָ אַ סך צו רעדן: כ׳בין דיך מקנא... נו, כ׳לאָז דיך דאָ אַ רגע אַליין. באַלד ברענג איך אַריין די קאָטשענעס. כל־זמן זיי זענען הייס, האָבן זיי דעם גאָרן טעם.

אין קיך גיט זי איבער דער מאַמען גיך און בקיצור פּערעלס רייד. זאָל זי זען וואָס פאַר אַ מאַן, משטיינס געזאָגט, א י ר האָט גאָט באַשערט. אָבער די מאַמע מאַכט זיך דאָס נישט הערנדיק. האַלט איר גאָר פיר:

— זע, וואָס האָסטו נישט פאַרהאַלטן ייִדעלען? נעכיי זאָל ער אויך הנאה האָבן פון אַ פרישן קאָטשען... נו, גוט שוין. פאַרן טאַטן און פאַר אים וועל איך עטלעכע קאָטשענעס איינוויקלען אין ריינעם האַנטעך און באַ־

האַלטן אונטער אַ קישן. ווי דעם אַפּיקומן. זיי זאָלן פֿאַרהאַלטן די וואַרעמ־קייט. און פֿאַר פּערעלען. אַזאַ זעלטענעם גאַסט, וועל איך פֿאַרפּאַרען פּרישן עסענץ. מירן זי מכבד זיין מיט פֿרישער טיי מיט אתרוג־איינגעמאַכטס.

קיילע חוהגיו קומט צוריק אין אַלקער מיט אַ ווייסן לענגלעכן פּאָלו־מיסעק פֿאַרענדיקע קאַטשענעס און שטעלט אים אויפֿן טיש.

— זעסט, — זאָגט זי, — נאָר וואָס פֿונעם זאָט. כאַפּ, פּערעלע, וועסטו הנאה האָבן. דאָס איז מיין כּיבוד, און די מאַמע וועט דיד מכבד זיין באַזונדער.

פּערעלע, אַ באַרויִקטע אַ ביסל, אַלץ נאָך פֿאַרטראַכט וועגן דעם וואָס די כאַכיימע קיילע חיהגיו האָט איר פֿריִער געזאָגט, קוקט גלייכ־גילטיק אויף די פֿיר קאַטשענעס: דריי — דיקע, מיט גרויסע, געלע, קענטיק האַרטע אַרבעס. ווי קנעפּעלעך צון אַ בלוזקע. און איינער — אַ מאַגערער, אַ לענגלעכער, מיט בלאַסלעכע, קענטיק ווייכע אַרבעס. שטרעקט זי אויס די האַנט און נעמט אָט דעם. אָבער ער טוט איר פּייכט אַ ברי די שפּיץ פֿינגער. וואַרפֿט זי אים שנעל צוריק:

— זאָל ער זיך אָפּקילן אַ ביסל. כ׳פֿאַרטראָג נישט קיין היציקע זאַכן... חוץ דיך, קיילע חיהגיו.

זי פֿירט געלאַסן איבער די אויגן אויף קיילע חיהגיון, און איר פּנים טוט לייכט אַ שפּיל מיט אַ בלאַס שמייכעלע. קיילע חיהגיו אָבער קאָן זיך נישט אָפּהאַלטן. זי נעמט דעם ערשטן קאַטשען וואָס איז איר צו דער האַנט, בלאָזט אויף אים און אירע זיך בריִענדיקע פֿינגערשפּיצן און טוט זשעדנע אַ בייס אַריין אין אים די ווייסע קלאַמערן פֿון אירע געזונטע ציין. אַרויסגעכאַפּט אים פֿון מויל, באַטראַכט זי, קייענדיק, דאָס אַנטבלויזטע שטיקל סטויפּ און באַסמאַקעוועט זיך:

— ס׳האָט דעם טעם פֿון מן... כ׳מיין — דעם מן, וואָס די ייִדן האָבן געגעסן אין דער מדבר.

און גרייטנדיק זיך צו געבן דעם צווייטן ביס, לאָזט זי אויס מיט אַ ציניש שמייכעלע:

— נישט דעם מאַן אין בעט.

פּערעלע שמייכלט נישט צו איר צוריק, ווי זי, קיילע חיהגיו, האָט עס דערוואַרט. פּערעלעס בליק באַוועגט זיך ערנסט אויף דער חברטאָרנס

באַקן, וואָס באַוועגן זיך קייענדיק, ווי... "ביי אַ קו, בעת זי מעלה־גרהט"...

אַוועקגעלייגט אין פּאַלומיסעק דעם אַרומגעגריזשעטן נאַקעטן סטויפּ און גענומען אַ צווייטן קאַטשען, טוט קיילע חיהניו אַ מינטער פּערעלען:

— גו, ווי זאָגט מען עס? "אַז מע בריט זיך אָפּ אויפן הייסן, בלאָזט מען אויפן קאַלטן"... מעגסט שוין פון דעסטוועגן נעמען עסן דיין קאַטשען.

נעמט פּערעלע דעם בלאַסלעכן קאַטשען. דליבעט פון אים מיט אַ פינגער אַן אַרבעס נאָך אַן אַרבעס, לייגנדיק אין מויל אַריין אָן חשק. אַזוי אַ קיילעכיק אַרבעס־שורהלע נאָך אַן אַרבעס־שורהלע.

— פּערעלע, — רייסט שווער איבער קיילע חיהניו דאָס גריזשען דעם קאַטשען און טוט זיך קלוגטשקע אַ וויצל, צעשמייכלט, — איך זע, אַז דו טראַכסט: משיח קומט נאָך נישט אַזוי גיך. ביז דעמלט וועל איך אויספּייען פּאַרטיק צו ווערן מיטן קאַטשען.

אויך איצט ענטפערט איר נישט פּערעלע מיט קיין שמייכל. דליבעט ווייטער, קוקנדיק אויף איר פּנים, אָבער ווי זי וואָלט איר נישט געהאָרכט, אָדער דעם שפּאַס נישט באַנומען. טוישט זיך אויך ביי קיילע חיהניון דער גוטער אומער און, אַוועקלייגנדיק שוין דעם צווייטן סטויפּ אויפן פּאַלומי־סעק, זאָגט זי ערנסט:

— ווייסט, טייערינקע, וואָס איך טראַכט?

— אַ מענטש קאָן דען לייענען דעם צווייטנס מחשבות אויף זיין שטערן? — לייגט פּערעלע אַוועק דעם נישט דערעסענעם קאַטשען. — מיין טאַטע זאָגט: "דעם מענטשנס מחשבה, אַפילו אויב זי איז איינגעריכט, איז זי אָנגעטאָן אין אַ מענטעלע. ווי להבדיל אלף הבדלות, אַ רייניקייט... וואַרט, וואַרט... יענע וואָך איז צום טאַטן אַריינגעקומען פּנחס גבאי, דער טאַטע זאָל אים איבערקוקן די תּפילין. האָבן זיי דערווייל גענומען שמועסן וועגן תּוכיקע זאַכן. "היינטיקן שבת, — האָט פּנחס געזאָגט, — האָבן מיר געלערנט, ליב "שרייבער" און איך, אַ גאָר שיינעם מדרש: פאַר וואָס זענען די ייִדן געגליכן געוואָרן צון אַ נוס? אַזוי ווי אַ נוס, אויב ער פאַלט אַראָפּ און ריכט זיך איין, וואַשט מען אים אָפּ און מען עסט אים, אַזוי זענען אויך די ייִדן". האָט זיך דער טאַטע אָנגערופן: "אַזוי, פּנחס, איז אויך די מחשבה פון אַ ייִדן: אַפילו אַז זי איז איינגעריכט, איז זי אָנגעטאָן

אַ מענטעלע, להבדיל אלף אלפי הבדלות, ווי אַ ריינקייט. אויך אַ מחשבה קאָן מען אַפּוואַשן".

...זי גיט מיר מיט די דאָזיקע רייד עפּעס אַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש ? מיך אַ שטאָך צו טאָן ? — איז קיילע חיהניו פאַרוווּנדערט.

...ניין, — ענטפערט זי זיך אַליין, — דאָס איז גאָרנישט אין איר טבע.

און, כאַטש זיך קווינקלענדיק, בינדט זי אָן צו איר פריִערדיקער פראַגע :

— איך טראַכט.. געדענקסט דאָך די מעשה ווי אַזוי לבן הארמי האָט אָפּגענאַרט יעקב אָבינו. פאַרביטן אים רחלען אויף לאהן. און אַז לאה איז געווען פאַרשלייערט, איז שוין געווען פאַר־פאַ־לן...

פערעלעס אויגן טוען איר אַ פרעג : איז וואָס ווילסטו אויסברייען ?

— איך מיין... — ענטפערט זי די אויגן. — איך ווייס נישט ווער ס'איז געווען דער לבן ביי אונדז... ביי דיר און ביי מיר... ווער האָט אונדז פאַרביטן די חתנים ?... און ערשט ליידט יעדע איינע פון איר מאַן... פאַר—פאַ—לן...

טוען זיך אַ באַוועג פערעלעס ליפּן, בעת די אויגן שטייען אַלץ אומבאַוועגלעך־פרעגנדיק, ווי פריִער. פון די ליפּן טוט אַ פאַל אַראָפּ, ווי אַן אַרבעס, אויפן טישל :

— האָסט חרטה אויף דיין עילוי ?

— און דו ?... אויף דיין הויכן, שיינעם און געזונטן מאַן ?...

דאָ ווערט זייער שמועס אָפּגעהאַקט. גיטל לאה די שוחטקע קומט אַריין מיט פינקלדיקע גלעזער טיי און פלאַכע שעלעכלעך מיט איינגעמאַכטס אויף אַ פראַזשעטן טעצל :

— קינדערלעך, מאַכט אַ ברכה און טרינקט. נאָך קאַשטענעס איז געזונט פאַרן מאָגן צו פאַרטרינקען מיט הייסן. זאָל אייך זיין צום געזונט. זאָל אייך דער זיסער און לויטערער איינגעמאַכטס פאַרזיסן און לויטער מאַכן אייערע רייד.

## כא

ייִדעלע זיצט שבעה נאָכן טאַטן ביי זיי אין דער היים, כסדר צוזאַמען

מיט דער מאַמען. נאָר ווען ס׳קלייבט זיך צוזאַמען, צוויי מאָל אין טאָג, דאָס מנין צום דאַווענען, גייט זי אַריין אין דעם חדר, ווו ער פלעגט יינגלווייז לערנען און שלאָפן. ער איז די גאַנצע צייט מעיין מיט אַ פאַראָבלט פנים און ווי נישט־אויסגעשלאָפענע אויגן אינעם ספר ״איוב״ מיט די פרושים. די מאַמע לאָזט נישט אַראָפּ פון אים — איר איינציקע טרייסט — די אויגן. ווען איר בליק טרעפט אָן אויפן קריעה־ריס אין זיין לאַץ, זיפצט זי שווער אָפּ. דערוועגט זיך אָבער נישט אים איבערצושלאָגן. ערשט ווען ער נעמט אַרויס די אויגן פונעם ספר, רוט אָפּ אַ ביסל פון די שווערע מחשבות, און זיין שטערן, זיין ווינקלדיקער, הויכער, ליכטיקער שטערן, אונטער דער שוואַרצער סאַמעטענער יאַרמלקע, גלעט זיך אויס אַ ביסל, — נעמט זי רעדן. ער האָרכט זיך איין אינעם אָבלדיקן טאָן פון אירע רייד ערגעץ אין דער וועלט אַריין.

— מאיר... מאיר... — ער לייכט, האָט מיר אונדזער זון פאַרשטיי־טשט. טאַקע אַ ליכטיק לעבן האָב איך פאַר דיר געהאַט. כאָטש אין אביונישקייט. איצט איז מיר דאָס זיסע ליכט צוגענומען געוואָרן פון פאַר די אויגן... מאיר מיינער, האָסט עס פאַרנומען מיט זיך אין פינצטערן קבר אַריין. און ווי האָט נעמי געזאָגט...

— ווי האָט זי געזאָגט, יידעלע, איינציקע טרייסט מיינע? — שטעלט זי אָן די אויגן אויף זיין פנים.

— זי האָט געזאָגט, — שטעלט ער אָן דעם בליק אויף דער וואַנט אין דעם אומגעזעענעם־געזעגנטעם ספר ״רות״ און לייענט און פאַרטייטשט, — ״אַל תקראנה לי נעמי״ — איר זאָלט מיך נישט רופן נעמי, וואָס איז די טייטש — זיסע, נייערט: ״קראן לי מרה״ — רופט מיך מרה, וואָס איז די טייטש — ביטערע, ״כי המר שדי לי מאד״ — וואָרום דער אַלמעכטיקער האָט מיך זייער פאַרביטערט...

צעיאָמערט זיך פריידע, דין־שאַרף, נאָר שטיל־איינגעהאַלטן:

— אַזוי, אַזוי, יידעלע. איר זאָלט מיך נישט רופן פריידע, נייערט רופט מיך קומער, ווייל דער אַלמעכטיקער האָט מיך זייער באַקימערט... אפשר הערט מיינע רייד דעם טאַטנס נשמה? זי שוועבט דאָך דאָ אַרום זיין נשמה־ליכטל מיטן צייכן פון זיינע תכריכים... וואָס מיינסטו, יידעלע, זי האָרכט, דעם טאַטנס נשמה?

— זי האָרכט, זי האָרכט. — שאָקלט ייִדעלע מיטן קאָפּ און שפּירט טרערן לויפן אים אָן גלייך פון האַרצן אין די אויגן אַריין. זיינע ברעמען נעמען פינטלען און טרייסלען אָפּ די טרערן אויף די בלעטלעך פונעם ספר „איוב". ער לאָזט אַראָפּ דעם בליק אויפן ספר און לייענט דורך דער טרערן־פאַרטונקלעניש די שווינדלענדיקע שורות: „כלה ענן וילך" — פאַרלענדט ווערט אַ וואָלקן און פאַרגייט, „כן יורד שאול לא יעלה" — אַזוי דער וואָס נידערט אין אונטערערד, „לא יעלה" — וועט נישט אַרויפקומען, „לא ישוב עוד לביתו" — ער וועט זיך מער נישט אומקערן אין זיין הויז, „ולא יכירנו עוד מקומו" — און זיין אָרט וועט אים מער נישט קענען...

ער הייבט אויף דעם בליק צו דער מאַמעס פנים און טראַכט: אַזאַן אײדעלע און געטרייע ביסטו, מאַמע, צום טאַטן... אַ ז אַ איז א י ם באַשערט געווען, דעם טאַטן... ווען מ י ר וואָלט אַ ז אַ באַשערט זיין... איך דאַרף איר טרייסטן, דער מאַמען...

— מאַמע, — זאָגט ער שטיל, און זיינע ווערטער זענען פייכט פון די נאָך נישט פאַרטריקנטע טרערן, — אַוודאי האָרכט זי דיך, דעם טאַטנס נשמה. פון הימל אַפילו. זי וועט דיר תמיד לייכטן. און דיין נאָמען פריידע... דאַרף אַזוי בלייבן... ווייל...

— ייִדעלע, — שלאָגט זי אים איבער, — מילא, מיין נאָמען ווי מיין נאָמען. דער עיקר — דעם טאַטנס נאָמען זאָל בלייבן. דאַרפסטו איצטער מתפלל זיין צום אייבערשטן, און איך וועל נישט אויפהערן אים צו בעטן, ער זאָל דיר העלפן, אַז דו מיט דיין כשר ווייב זאָלן אויפשטעלן זיין כשרן נאָמען, עליו השלום... אַ פּיצל מאירל וואָלט מיך, די באָבע די אַלמנה, געטרייסט אין מיין גרויסן בראָך... ייִדעלע, ס'איז דאָך שוין צווי יאָר נאָך אייער חתונה. ביסט שוין, ברוך השם, אַ יונגערמאַנטשיק מיט אַ היפּש בערדל. ווי ביי דיין זיידן, מיין טאַטן, עליו השלום. וועסט דאָך שוין אין גיכן דאַרפן שטיין צום פּריזיוו. דער אייבערשטער זאָל דיך באַפרייען פון פאָניעס קייטן... אוי!... אפשר וועט דיין שווער אויספועלן ביי זיין רבין אַ ווייסן ביליעט פאַר דיר. און פאַר וואָס טאַקע נישט קיין אייניקל?...

— אוי־אוי! — זיפצט אָפּ ייִדעלע טיף. — אַ מאירל וואָלט אפשר אויך

ליכטיקער געמאַכט מיין צוזאַמען־לעבן מיט קיילע חיהן... מע קאָן דען, מאַמע, אַלץ פונעם האַרצן אַראָפּקייקלען, אַפילו פאַר אַ מאַמען... ווי יעקב אָבינו דעם שטיין פונעם ברונעם...

— זון מיינער, אַ מאַמעס האַרץ פילט, און אַ מאַמעס פאַרשטאַנד פאַרשטייט איר קינד, אַפילו ווען דאָס קינד שווייגט. אַפילו ווען ס׳איז פון דער ווייטנס... דערפאַר טאָקע דאַרף אייך דער אייבערשטער צושיקן אַ קינד... מיטן קינד שטעלט זיך איין שלום־בית... דערפאַר איז דאָך מיין בראָך איצטער פיל גרעסער... איך אַליין, יידעלע, בין שוין אויך נישט לעצטנס ביי די גאָרע כוחות...

— יאָ, מאַמע. כ׳האָב ביי נאַכט געהערט דיך הוסטן... שרעק איך זיך פון דיינעט וועגן...

— מילא, איך. איך וועל דאָך דאָרטן שוין נישט זיין אַליין: דער טאַטע וואַרט אויף מיר... נאָר כ׳וואָלט וועלן דערלעבן דעם זכות, אים צו ברענגען דעם ליכטיקן גרוס פון דיר, אַז דו ביסט שוין, אַ דאַנק דעם אייבערשטן, אַ טאַטע... פאַרשטייסט מיך, יידעלע? אַז זיין נאָמען לייכט שוין ווידער...

— רעד נישט אַזוי, מאַמע. מע טאָר נישט. שטאַרק זיך. פילנעווע זיך. ווי דו האָסט געפילנעוועט דעם טאַטן. וועסט מיט גאָטס הילף קומען צו די כוחות און זיין אַ געזונטע באָבע.

— איכל זיך שטאַרקן, זונעניו, איכל זיך שטאַרקן. איך זאָל כאָטש דאָס דערלעבן...

## כב

די ווילנערנער אין בית־מדרש, יונגעלייט און בחורים, איז שוין מער נישט קיין ספק, אַז זינט זיין שבעה־זיצן נאָכן טאַטן איז אין יידעלע מרדכי שוחטס פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג: ער האָט אין גאַנצן אויפגעהערט צו לערנען דעם „יורה דעה" און דעם „חושן משפט". עפּעס ווי ער זאָל האָבן פאַרלוירן אין זיין אַבלות די האָפענונג צו ווערן אַ מאָל אַ מורה־הוראה. אַפילו גמרא מיט די מפרשים לערנט ער אויך גאַנץ ווייניק... אויב דער עילוי און אים האָט זיך שוין נישט אויסגעוועפּט. אייביק איז מען דאָך נישט קיין עילוי — אָדער מע ווערט אַ גאון, אָדער פונעם עילוי לאָזט זיך

אויס אַ בוידעם... וואָס ער איז פאַרקאָכט אינעם ספר "איוב" איז נאָך צו באַנעמען. כל־זמן ער איז אַן אָבל און זאָגט קדיש. ס'איז אַ ספר פאַר אַן אָבל. אָבער ער זיצט דאָך אָפּ שעהען אויך איבער "משלי".

דערויף טוט אַ זאָג מיט זיין שטענדיק ערנסט פּנים שימענקע שטאָט־לץ, וואָס האָט זיך אַהער, ווי זיין שטייגער איז, אַריינגעכאַפּט אויף אַ ווייל, צו "זאָגן אַן ערנסט וואָרט פאַר מענטשן מיט קעפּ":

— וואָס איז דאָ פאַראַן זיך צו וווּנדערן? ייִדעלע איז טאַקע נעבעך אַ בהמהלע, אָבער אַז זיין קיילע חיהניו איז אַ כאַכיימע, פאַר וואָס זאָל ער נישט מעלה־גרהן מיט שלמה המלכס חכמה?

און ווי נאָר די צוהערער צעלאַכן זיך, גייט ער זיך, אַן ערנסטער, אַרויס, גלייך ער וואָלט דאָ גאָרנישט נישט געזאָגט.

אין אַ ווייל אַרום הייבט פּינטשע משה יאָסלס אַרויס דעם קאָפּ פון דער גמרא, מיט צעהיצטע אויגן, אָבער מיט אַ שמייכעלע אויפן פּנים און טוט זיך אַ וויצל:

— דאָס איז אַוודאי צוליבן סוף פונעם ספר "משלי", צוליבן "אשת חיל מי ימצא" — אַן אשת חיל ווער קאָן געפינען? מע רימט דאָך טאַקע דעם שוחטס טאָכטער פאַר אַזעלכע.

— יאָ. — האַלט אים אונטער זייער שטיל הערשל ברכה יאָסל משהס, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ און אַריינשמייכלענדיק צווישן די שורהלעך רש"י־אותיות. — מיין שוויגער זאָגט: מרדכי שוחטס איידעם טראָגט נאָך אַלץ די קינדערישע מייטקעס, און זיין טאָכטער גייט אין די הויזן.

טוט אים זיין באַנק־שכן, איציק דער דולער, אַ שטעל אַריין אַ קשיה:

— און מיטן זינגען דעם "אשת חיל" אום פרייטיק־צו־נאַכטס איז ער נישט יוצא?

— חכם בלילה! — דרייט אויס צון אים דאָס פּנים הערשל ברכה יאָסל משהס, — אום פרייטיק־צו־נאַכטס זינגט דאָך דעם "אשת חיל" אַפילו דער אַלטער טרייטל מלמד פאַר זיין יאָכוועד אָקס. כאָטש זי שטויסט אים מיט די הערנער די גאַנצע וואָך... די ציין, זאָגט מען, זענען איר שוין אַרויס־געפאַלן, די הערנער — נישט.

— שוווילערנערס, סיי ווי, געננג גערעדט לשון־הרע אויף בנות־

ישראל. — דערהערן זיי דאָס קול פון יעקב יצחק שמש, דעם האַרנטנע־קיקן שוויַיגער און כמעט שטענדיקן שיכור.

זיי טוען אַ ווענד די פּנימער צום קול. יעקב יצחק! ווי פון אונטער דער ערד פּלוצעם אַרויסגעוואַקסן. ער איז אַפּנים געשטאַנען הינטערן אויוון. ער דערנענטערט זיך. זיין גאַנג — אַ שטילער, ווי געגאַנגען אין די זאָקן, כאָטש ער טראָגט אַ גאַנץ יאָר שטיוול.

זיינע אויגן שפּילן מיטן בייזן אויגנבליאַסק פון אַ קוואָקעדיקער הון איבער אירע הינדעלעך, ווען עמעץ דערנענטערט זיך צו איר. זיינע בעקלעך — ראָז מיט דינענקע בלויע אָדערלעך. דאָס טונקלבלויע נעזל צוקט מיט די פליגעלעך איבערן גלאַנץ פון דער פּייכטער וואָנסע. זיין אויסזען זאָגט אויס, אַז ער האָט נאָר וואָס הינטערן אויוון אַריינגעבולבעט אין גאָרגל אַ קריטשיקל נײַנציקער. אין אַזאַ צושטאַנד פילט ער זיך, יעקב יצחק, נישט ווי דער שמש, נאָר ווי אַ מין ראָש־ישיבה, וואָס דאַרף לערנען מיטן "בית־מדרש־געמויזעכץ" דרך־ארץ. ערשט קאָן ער נעמען אַריינזאָגן יעדן איינעם פון זיי אַזוינס, וואָס זאָל יענעם אונטערצינדן די האָרוואָרצלען פאַר בושה.

— סיי ווי . . . די בנות־ישראל. — חזרט ער איבער און וואַרט.

טוען זיי אַ לאָז אַראָפּ די קעפּ צו די אָפענע גמרות און נעמען לער־נען הויך אויף אַ קול, זיינע רייד זאָלן פאַרשריגן ווערן.

ער טוט אַ מאַך אוועק אויף זיי ביטולדיק מיט דער האַנט: "סיי ווי..." און גייט צוריק.

— מע מעג גומל בענטשן. — ניגונט איינער, כלומרשט ער לערנט. אָבער אַלע פאַרשטייען זיין מיין, און אַ צווייטער פאַרענדיקט מיטן זעלבן לערן־ניגון:

— ווען די שרפה וואָלט פון זיין מויל אויסגעבראָכן, וואָלט מען זי שוין מיטן וואַסער פונעם כיור נישט איינגלאָשן.

טייל ווייסן, אַז גראָד איצט, ווען ער האָט זיך גענומען איינשטעלן פאַרן כבוד פון די "בנות־ישראל", וואָלט די "שרפה" געקאָנט זיין "עד לב השמים" *... יעקב יצחק איז נישט פון דער הוילער הויט אַ שיכור

* ביזן הימל אַריין.

געוואָרן. ער איז, חלילה, אַן איוואַנציע? דאָס איז ער אַזאַ געוואָרן נאָכן טויט פון זיין ווייב, וואָס האָט אים איבערגעלאָזט מיט צוויי יתומים: אַ מיידעלע, חנהלע, און מיט אַ צוויי יאָר ייִנגערן יאָסעלע. און... אַז דער טאַטע טרינקט, זענען די קינדער הונגעריק. ווען מע טרעפט אים אין אַ זעלטענער ניכטערער מינוט, און מע פרוּווט אים מוסרן: „ס'טייטש, צוליבן טרינקען הונגערן דאָך די קינדער?", ענטפערט ער שטיל און פאַרביסן: „איך ווייס עס דען אַליין נישט?... איך ווייס עס אַליין, אַפילו ווען איך בין באַזויפן, ווי אַן עשו... ס'איז דען ספירט וואָס איך טרינק? בלוט איז עס. דאָס בלוט פון אונדזער חנהלען און יאָסעלען... מיין פּועה, עליה השלום, די מאַמע זייערע, דערמאָנט עס מיר, סיי ווען איך בין ניכטער, סיי ווען איך בין באַטרונקען, סיי אויף דער וואָר, סי אין חלום... נו, טרינק איך דערפאַר נאָך מער...".

לעצטנס זעט מען אים אָפט צוגיין צו ייִדעלע מרדכי שוחטס בעטן „אַ זעקסערל אויף אַ קעלישאָקל — אויסצוטרינקען פאַר דער עלית־נשמה פון דיין טאַטן, עליו השלום". און ייִדעלע זאָגט אים נישט אָפּ. צי מחמת זיין שוואַכן כאַראַקטער, צי טאַקע צוליב דער עלית־נשמה פון זיין טאַטן... אַ שיינע עלית־נשמה קאָן עס אַרויסקומען אויף די פליגל פון אַ שיכורס אַ טרונק ייִן־שרף!

פרעגט מען עס אים איין מאָל, ייִדעלען. פאַלט ער נישט אַראָפּ ביי זיך און ענטפערט:

— ער איז דאָך אַ „קשה־יום" *, יעקב יצחק. ס'קאָן גראָד געמאָלט זיין, אַז איבער אַ טרונק בראָנפן האָט מער כּוח פון אַ ניכטערנס אַ קדיש, אָדער אַ פּרק משניות.

— וואָס איז דאָ דאָ צו רעדן, — באַשליסן צוויי ווילערנערס צווישן זיך, — ער איז עפּעס נישט מיט אַלעמען, ייִדעלע. די צייט וועט עס נאָך באַווייזן.

און די צייט באַווייזט עס: ייִדעלע קאָן אָפּשטיין שעהען מיטן קאָפּ אין דעם רויטגעפאַרבטן ספרים־אַלמער, אַ פאַרטיפטער אינעם

* אַ שווער געדריקטער.

"קרבן העולה" פונעם רמ"א, אינעם "מורה נבוכים" פונעם רמב"ם, אינעם "ספר העיקרים" פון רבי יוסף אַלבו, און דעסטגלייכן.

די ווייללערנער וואָלטן זיך געוויצלט אויף זיין חשבון און אפשר אים אַליין אַ פרעג געטאָן:

— זאָג נאָר, ייִדעלע, וואָס עפּעס ביסטו געוואָרן אַ "פּירושניק"*?

— וואָס עפּעס האָסטו זיך גענומען צום "שטונדירן" פילאָזאָפיע?

— שטאָט אַ רב, קלײבסטו זיך גאָר ווערן אַ פילאָזאָף?

— און וואָס וועט דערויף זאָגן דיין שווער, דער טריסקער חסיד?... וואָלסט בעסער שוין אַריינגעקוקט אינעם טריסקער מגידס "מגן אברהם".

אָבער גיי טשעפּע זיך צו אַן אָבל. און דאָס וואָס ער איז ייִנגלווייז געווען אַן עילוי איז אַ קלײניקייט? און ווער וויל עס אָנהייבן מיט זיין שווער, מיט מרדכי שוחט? אין דער היים וועט ער אים אַוודאי זייער שיין מכבד זיין, אָבער אויך די וואָס טשעפּען זיך צו זיין איידעם קאָנען פון אים קריגן אַ פּאָרציע מרור. און זיין אשת־חיל, ייִדעלעס, שמועסט מען דאָך אַז זי האָט אַ מײלעכל אויף שרייפלעך און אַ צינגעלע אַ חלפל. לאָזט מען אים צו רו.

אים אַליין, ייִדעלען, קומט אויס, אַז אָט די גריבלענישן זיינע און די חקירות העלפן אים, ווי פריִער דאָס לערנען גמרא און פוסקים, צו פאַרגעסן סיי דעם שווערס שווערן גוף און בייזע אַרויסגעשטאַרצטע אויגן, סיי קיילע חיהס שאַרף צינגל, וואָס געפינט אין אים וואָס ווייטער אַלץ מער פגמען, פאַר איר טאַטנס חלפים נישט געדאַכט... אויף איר, אויף קיילע חיהן, ווען זי זידלט אים, בעת קיינער איז נישטאָ אין שטוב, און שרייט: "מנוול!" שיקט זיך צו זאָגן וואָס איום האָט געזאָגט צו זיין ווייב: "כאחת הנבלות תדברי" — אַזוי ווי סע רעדט איינע פון די נידערטרעכטיקסטע רעדסטו. נאָר ער וועט זיך עס פאַר איר נישט אַרויסכאַפּן, גאָט זאָל אויסהיטן! טאָמער נעמט זי און דערציילט עס איר טאַטן, איז כאַטש שטרעק פאַר אים דעם גרגרת, ער זאָל דיך שעכטן...

פאַר זיינע אויגן, ייִדעלעס, טוען אַ גלאַנץ דעם שווערס בייזע אויגן מיט בליקעלעך, ווי הלפימלעך. פאַרמאַכט ער זיינע — "עד יעבור

---

* פירושניק — אַ לערנער, וואָס האָט געוואָרפן דאָס לערנען.

זעם״ — ביז דער צאָרן וועט אַריבער. נאָר ווען ער עפנט זיי צוריק, לויפט איבער אומגעריכט אַ שמייכעלע איבער זיין פּנים: דאַכט זיך, אַז לעצטנס. זינט זי ווייסט שוין ״ברור כשמש״, אַז זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן (...ווען נישט די טייערע שוויגער, וואָלט איך עס נישט געוווּסט), איז זי אַ ביסל איינגעהאַלטענער געוואָרן. טשעפּעט זיך זעלטענער. דאָס שפּאָטוואָרט מאַנצפּישוין איז איר ווי אַרויס פון זכרון... כע־כע־כע... ס׳הייסט, זי האָט שוין יאָ מיט וועמען צום טיש צו גיין... נאָר איכל זיך ווייטער נישט מאַכן ווויסנדיק. דו זאָגסט נישט, ווייס איך נישט. ביי דיר אויפן שטערן אונטערן טשיפּעק איז עס דאָך נישט אָנגעשריבן. נאָר אַז סע וועט שוין זיין ״כריסה בין שיניה,* המם... ׳על איך איר קוקן אין די ציין אַריין און לאַכן: אַ מצווה אויף דיר!

## כג

דאָנערשטיק איז פאַר מרדכי שוחט דער שווערסטער טאָג אין דער וואָך: חוץ דער שחיטה פון גסות און דקות פאַר די קצבים, קומט נאָך צו דאָס שעכטן עופות אויף שבת פאַר באַלעבאָסטעס, אמת, נישט קיין סך. אַ פאַרמאַטערטער, איז ווי נאָר ער לייענט אָפּ קריאת־שמע, לייגט ער זיך אין בעט און פאַלט גלייך אַריין אין אַ פעסטן שלאָף אויף לאַנגע שעהען. היינט אָבער איז עס אים נישט באַשערט.

— מרדכי, מרדכי! — רייסט אים דאָס ווייב אַרויס פון פאַרזינ־קעניש מיט אַלע אירע שוואַכע כוחות און מיט אַ הויך צערודערט קול, וואָס זעלטן מע זאָל הערן פון איר אַזאַ, — שטיי שוין אויף, טו זיך גיך אָן. ביי קיילע חיהניון האָבן זיך אָנגעהויבן די ווייען. גאָט זאָל איר געבן כוח. זי איז אַליין. ייִדעלע איז נעבעך געלאָפן רופן זיין מאַמען. און איך לויף רופן די באָבע. ** גיי אַריין צו דער טאָכטער. ביז מיר קומען באַלד צוריק.

---

* דער בויך צווישן די ציין — אָנגעזען די שוואַנגערשאַפט.

** הייבן, אַקושערקע.

סע דויערט טאַקע נישט לאַנג, און אַלע זענען שוין, פּאַרסאַפּעטע, דאַ. די פיר ווייבער — אין אַלקער הינטער דער פאַרמאַכטער טיר, די צווייַ מאַנצלייט — אין שטוב.

ביידע ווייזערס אויפן ציפערבלאַט פונעם וואַנטזייגער מיט די אויף קייטלעך אַראָפּגעהאַנגענע וואַגעס שטייען איינער אונטערן אַנדערן אויף צוועלף. ייִדעלע שפּאַנט איבער דער שטוב הין און צוריק מיט אַ פאַרשעמט פּנים און מבולבלע אויגן. דער שווער זיצט ביים טיש מיטן רוקן צו דער טיר פון אַלקער, דער קאָפּ אין דער יאַרמלקע אונטערגע־שפּאַרט מיט די אויפגעהויבענע הענט, פאַרשטעקט אין די דלאָניעס. זיינע פּלייצעס — ווי אַ שטיק מויערוואַנט. זיך ווענדן צון אים, צו אָט דער וואַנט, מיט אַ וואָרט, איז נישטאָ וואָס — זי איז טויב און שטום. פּאַר־קערט, ס׳איז אַ פּחד, אויב דו זאָלסט זיך ווענדן צון איר אַפילו בלויז מיט אַ ברום, סע זאָל פון איר נישט טאָן אַ שפּרונג אַרויס אַ ציגל און דיר פּלעטן דעם קאָפּ. גלייך ווי ער, דער איידעם, וואָלט שולדיק זיין דערין וואָס ער, דער שווער, האָט געמוזט אַרויס פון בעט...

ביידע טוען זיי איין און די זעלבע זאַך — האָרכן זיך איין אין קיילע חיהניוס ווייגעוואַלדן דורך דער פאַרמאַכטער אַלקערטיר. די געוואַלדן בויערן זיך אַריין אין ייִדעלעס געהירן און אין האַרצן, נישט איבערצו־טראָגן, כאָטש נעם און אַנטלויף אין דער וועלט אַריין!... אָט דאָס איז עס דער ״בעצב תלדי בנים״ — מיט יסורים וועסט געבערן קינדער...

פון צייט צו צייט, דער שווער זאָל נישט דערזעען און נישט דער־הערן, שלייכט ער זיך בגנבה אַרויס אין דרויסן. ער כאַפּט אַ פאַרוווּנ־דערטן בליק אויפן אויסגעשטערנטן הימל, וואָס בליקט מיט זיינע אָן אַ שיעור אויגן און מאַכט זיך גאָרנישט ווויסנדיק וועגן דעם מענטשנס צרות און יסורים אויף דער זינדיקער ערד. באַלד נעמט ער זיך דרייען ״הקפות״ אַרום דער שטוב מיטן גאָרטן. צוגעקומען קעגן איבער די פאַרמאַכטע לאָדנס פון זייער אַלקער, בלייבט ער אַ ווייל שטיין און האָרכט זיך איין. חוץ קיילע חיהגיוס ווילדע געשרייען הערט זיך אויף די איינשטילנדיקע, באַרויִקנדיקע רייד פון דער באָבע רחל לאה צו איר און די באַפעלן צו די מאַמעס. אָפּגעריסן זיך פון אָרט, מאַכט ער וויי־טער די ״הקפות״ און כאַפּט זיך אַריין צוריק אין שטוב מיט אַ צע־

שראָקענעם, פרעגנדיקן בליק צום שווערס פּלייצעס... זײַ זענען ווי פריִער — אַ שטיק טויבע און שטומע וואַנט. ער שפּאַנט ווידער הינטער זײַ. הין און צוריק, הין און צוריק.

...המם, צי האָט זיך עס אים בלויז אויסגעדאַכט? קיילע חיהניו האָט אַ קוויטש געטאָן און אויסגעלאָזט מיט אַ געשריי: „אַ קללה אויף זיין קאָפּ!“? איצט, ווען זי זיצט „על האָבנים“ — אויפן בראָכשטול? ווען האָט זי עס געקאָנט מכוון זיין, אויב נישט אים, דעם מאַן, וואָס איז שולדיק אין אירע איצטיקע ווייען?... דעם שווערס פּלייצעס האָבן זיך דערביי אַ וואַראַשע געטאָן... אים האָט זי דאָך אַוודאי נישט געשאָלטן... אוי ווײ איז מיר!... בין איך דען שולדיק אין אירע יסורים? שולדיק איז זי דאָך אַליין... זי, חוה, פאַר וואָס זי האָט זיך געלאָזט איבעררעדן פונעם שלאַנג.

— דערלאַנג מיר פון דער פּאָליטשקע דעם סידור! — טוט אים פּלוצעם, אַרויסהייבנדיק דעם קאָפּ פון די דלאָניעס, דער שווער אַ באַפעל מיט געוואָרטש, — און הער זיך אויף אַרומצוטעלעבענדען איבער דער שטוב און לויפן אַלע ווייל קוקן אויף די שטערן, ווי אַ שטערנזעער. נעם זאָג אַ קאַפּיטל תהלים, און דער אייבערשטער וועט העלפן. ווען ס'איז נישט אין מיטן נאַכט, וואָלט איך געגעבן אַ דעפּעש קיין טריסק צום רבין.

דערלאַנגט ער דעם שווער דעם סידור, עפנט אַ תהלימל פאַר זיך און זאָגט שטיל און פאַמעלעך מיט אַ ניגון אויפן אָרט ווו ער האָט דאָס ספרל געעפנט. זאָגט אַ שטיקל פּסוק נאָך אַ שטיקל פּסוק און פאַרטייטשט זיך עס אין געדאַנק:

— „חלצני יהוה מאָדם רע“ — דערלייז מיך, גאָט, פונעם שלעכטן מענטשן, „מאיש חמסים תנצרני“ — פון דעם רויבמענטשן זאָלסטו מיך באַהיטן, „אשר חשבו רעות בלב“ — די וואָס טראַכטן בייז אין האַרצן, „כל יום יגורו מלחמות“ — אַלע טאָג העצן זיי מלחמות, „שננו לשונם כמו נחש“ — זיי שאַרפן זייער צונג, ווי אַ שלאַנג, „חמת עכשוב תחת שפתימו, סלה“ — גיפט פון אַן אָטערשלאַנג איז אונטער זייערע ליפּן. סלה.

און צווישן איין שטיקל פּסוק און אַ צווייטן, בעת ער פאַרטייטשט זיך אין געדאַנק דאָס ערשטע, כאַפּט ער אַ שרעקעוודיקן בליק צום

שווערס אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ: ער קאָן זיך נאָך אויסטייטשן, אַז דאָס מיין איך אים און זיין טאָכטער... חס־וחלילה! איצטער?... מיר טוט דאָך אַזוי ווײ אויף איר דאָס האַרץ. די נשמה. מיין צער איז דאָך אַזוי גרויס. זי איז דאָך מיר אַזוי טייער, קיילע חיהניו! כ׳בין איר אַלץ מוחל, אַלץ, אַפילו די איצטיקע קללה... ״אין אָדם נתפס בשעת צערו״.* און איר צער ערשט איז דאָך אַזוי גרויס, אַזוי טיף... כ׳בין איר מוחל פון גאַנצן האַרצן, אַבי סע זאָל אַריבער וואָס גיכער און בשלום. דער אייבערשטער, דער אָב רחום וחנון, זאָל לינדערן אירע ווייען. זי זאָל וואָס שנעלער ווערן אַ מאַמע, און איך

— אַ טאַטע... אַ טאַטע — וועל איך שוין נישט זיין קיין ליאַדע יידעלע. זי וועט גוט זיין צום קינד, קיילע חיהניו, ווי נאָר מאַמע קאָן עס זיין. ווי מיין מאַמע איז צו מיר, ווי איר מאַמע איז צו איר... וועט זי אויך ממילא גוט זיין צום קינדס טאַטן... אוי! העלף איר, פאָטער אין הימל...

ער נעמט מיט היציקן פלייס ווייטער זאָגן דעם תהילים, פאַרטייטשנדיק זיך די ווערטער אין געדאַנק: ״יהוה קראתיך, חושה לי״ — גאָט, איך רוף דיך, אייל צו מיר, ״האַזינה קולי בקראי לך״ — פאַרנעם מיין קול, אַז איך רוף צו דיר. ״תכון תפילתי קטרת לפניך״ — זאָל באַשטיין מיין תפילה, ווי ווייררויך, פאַר דיר, ״משאת כפי מנחת־ערב״ — די אויפהייבונג פון מיינע הענט, ווי דער אָוונט־קרבן.

ער פילט נישט ווי וואַרעמע טרערן טריפן פון זיינע אויגן און צעריי־נען זיך צווישן די האָר פון זיין בערדל; שפּירט נישט, אַז דער שווער קוקט אויף זיין פּנים, דאָס מאָל שוין גראָד מיט מילדע, מיטפילנדיקע אויגן... — — —

ערשט מיטן טאָג גלייך שניידט זיך אַריין פון אַלקער אַ דינער און שאַרפער פאַריבלדיקער קוויטש, וואָס איז אויף געוויס נישט קיילע חיהניוס. דאָס איז עס! דאָס קינד, זיין קינד, איז אַרויס אויף דער שיין פון דער וועלט!... אַ יינגעלע, צי אַ מיידעלע?

דער שווער טוט זיך אַ שטעל אויף, אַ קוק אויף אים מיט די אַרויס־

---

* מע דאַרף נישט פאַריבל האָבן אויף אַ מענטשן ווען ער ליידט.

געשטאַרצטע, ערשט אויסגעמאַטערטע אויגן, און אַ שמייכל שפּילט אויף זיין פּנים:

— דאָס איז עס דער כּוח, ייִדל, פון אַ קאַפּיטל תהילים. דער כּוח פון ווערטער, וואָס צעשמעלצן זיך אין טרערן.

דער פּריש־געבאַקענער טאַטע קוקט אויפן שוער מיט פאַרוווּנ־דערונג: פון זיינע אויגן איז פאַרשוווּנדן דער שוחט... און ביידע שטעלן אָן די אויגן אויף דער פאַרמאַכטער טיר אין אַלקער אַריין.

זי עפנט זיך אויף, ווי פאַר דעם מאַנען פון זייערע בליקן, און אין איר האַלבער רעם בלייבט שטיין רחל לאה, די דיקע, פולע באַבע, איר קיילעכיק צעהיצט־רויט פּנים גלאַנצט מיט שווייס און פרייד, און אירע אויגן טוען אַ בליץ:

— רב מרדכי שוחט, מזל־טוב אייך מיטן ערשטן אייניקל — אַ ייִנגל!

— מזל־טוב אייך, רב ייִדל, מיט אַ בן־זכר... די יולדת — ווער נאָר מיר גוטס גינט. — — —

★

אין דער פרי צעטראָגט זיך דאָס נייעס, ווי אַ בשורה־דעפּעש, איבערן גאַנצן שטעטל.

צווישן די קלייטן־רייען, קעגן איבער פריידע מאיר מעלשענקערס נישט־געעפנטן קרעמל, ווו סע שטייט אַ רעדל בטלנדיקע קרעמערלעך און שמועסן וועגן דעם נייעס, פאַרענדיקט מאָטישל באַנטשע באַלעגאָלעס דאָס אַראָפּטראָגן געבראַכטע סחורה אין אַ קלייט אַריין. ער ווישט זיך אָפּ מיט דער דלאָניע דעם שווייס פונעם צעהיצטן שקאַצעוואַטן פּנים און נעמט די בייטש אין האַנט צו לאָזן זיך אַהיים מיט פערד־און־וואָגן. דאָ טוט אים אַ קרעמערל אַ פאַרטשעפּע:

— נו, מאָטישל, ביסט היינט אַריינגעפאָרן אין שטעטל מיט דער רעכטער ראָד — צו אַ מזל־טוב דעם גאַנצן שטעטל. האָסט שוין געהערט?

— נאָך ווי געהערט! — ווערט זיין פּנים צעלאַכט פון פרייד, ער דרייט זיך אויס מיט דער בייטש אין האַנט צו זיי און דערנענטערט זיך,

— דעם אַפּטייקערס טויבן האָבן מיר נאָך אויפן וועג, אַריינפאָרנדיק אין שטעטל, אָנגעזאָגט די בשורה.

— איז וואָס זשע זאָגסטו דערויף?

— איז וואָס זאָל איך זאָגן, — נעמט ער ״דרשענען״ מיט זיין ווייבעריש־שאַרף שטימעלע, — ס׳איי, דאַכט זיך, נאָך קיין יאָר נישט אַריבער, ווי פאָניע־פאָניע־חזיר האָט אויף ייִדעלע דעם שוחטס אַ ריטשע געטאָן: ״ניע גאָדיען!״ — ער טויג נישט, הייסט עס, צו גאָרנישט. סיידן זיין יונג ווייבל אויף כפּרות־שלאָגן. זי מוטשעט זיך און מוטשעט זיך און קאָן נישט טראָגעדיק ווערן. ס׳אי׳ דאָך שוין ביי זיי דריי יאָר נאָך דער חתונה. נו, האָט ער זיך אַ נעם געטאָן, ייִדעלע, מיט אַלע כוחות, צו דערווייזן, אַז חוץ דערויף, כ׳מיין אויף כפּרות־שלאָגן, טויג ער פאַר זיין ווייבל צו נאָך עפּעס... איצטער ׳עט זי שוין נישט שלאָגן מיט אים כפּרות — ער איז, ייִדעלע, אַ מאַנצבל צו מאַנצבל גלייך!

הערשל ריוועס, אַ קרעמערל נאַר־וואָס פון דער בית־מדרש־באַנק געקומען, צוליב וועלכן ער פילט זיך, ווי מע וואָלט אים די צונג אויפגעבונדן, שטעקט זיך אָן פון מאָטישלס ליצנות־טרייבן און פרעגט אים אַ קשיה, דעם האַרבאָטש:

— מאָטישל, און אפשר שטעקט גאָר דערין דער כוח פון זיין שווערס רבין?

— אַ משל־פּעטרושקע! — צעלאַכט זיך מאָטישל, און זיין הערביקל, וואָס האָט אים אויסגעלייזט פון פאָניע גנבס הענט, טאַנצט אונטער פריילעך. — אַזעלכעס קאָן אַפילו אַ רבי נישט אויפטאָן פון דער ווייטנס.

— מאָטישל, — לאַכט מיט הערשל ריוועס, רויט פון פאַרשעמטקייט און פאַרדרוס, וואָס ער האָט זיך דאָ אַליין געשטעלט אויף איין שוועל מיט דעם פאַרשוינדל, וואָס פירט פאַרשוינען. אָבער סע בייסט אים און קיצלט אים, ווייטער ״מיט אים זיך צו פאַרהערן״, — דו רעדסט אַזוי, זאָלסט מיר מוחל זיין, ווייל האָסט אין חדר נישט געוואָלט לערנען. מיינסט, כ׳האָב פאַרגעסן? וואָלסטו געווען געלערנט אַ מ אָ ל, וואָלסטו געוווסט ה י י נ ט, וואָס די גמרא זאָגט (איכל עס דיר זאָגן אויף עבריטייטש): ״צדיקים — זייער מלאָכה ווערט געטאָן דורך אַנ׳ערע״... נו, איז ייִדעלע דאָס געווען דער אַנדערער... מיטן רבינס כוח.

מאָטישל, זיך דערמאָנט ווי ער פלעגט זיך אַרויסגנבענען פון חדר אַהיים און אַריינכאַפּן פּעטש מיט סטוסאַקעס פונעם טאַטן, עליו־השלום, שטייט איצט אַ ביסל אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי פאַרשעמט צוליב זיין עם־הארצות... אויב אַ צדיק קאָן עס אויך פון דער ווייטנס, איז גאָרנישט שלעכט אַ צדיק צו זיין!... אָבער באַלד קומט ער צו זיך, טוט אַ הייב אויף די אויגן, אַ גלאַנץ מיט זייער שאַרפקייט און באַקומט צוריק דאָס לשון:

— אַזעלכע באָבע־מעשיות דערציילט דער באָבען. אַט וועלן מיר טאַקע זען. אויב ס'איז ווי איר זאָגט — מיטן רבינס כוח, 'על איך אים אייך ברענגען, דעם רבין, אויף איבער אַכט טאָג שבת, ער זאָל אום פרייטיק זיין אויפן ברית־מילה דער סנדק. אויפן וועג וועל איך אים אויסטאַפּן דעם ד'פק... מאָטישל איז אַ שגץ. ער שרעקט זיך נישט פאַר קיינעם. אַפילו נישט פאַר קיין רבין. פאַר אַהרונקע דעם "רבין" פון די גנבים שרעקט ער זיך עפּעס?!

דאָ דערזעט ער זיך דערנענטערן זעליק פישער מיט זיין פרומען איידעם, יואל לייבס, טראַגנדיק פאַר די אויערן אַ קאַד וואַסער מיט פיש. טוט ער אַ האַק אָפּ:

— נו, האָט מיר אַ גוטן פרומען שבת, ייִדן, און קוויקט זיך מיט זעליק שדכנס פיש.

ער טוט אַ שפרונג אַרויף אויפן ליידיקן וואָגן, אַ צי די לייצעס, אַ פאָכע מיט דער בייטש און אַ טראָג זיך אָפּ.

— מאָטישל! — לאָזט אויס הערשל ריוועס מיט אַ טאָן, וואָס מיינט צו זאָגן, אַז ער האָט פון דעסטוועגן נישט פאַרגעסן ווער ס'איז דאָס פאַרשווינדל וואָס פירט פאַרשוינען, צו וועלכן ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, מיט אים אַ וואָרט צו פאַרבייטן, — ער זאָגט אַליין: "איך בין אַ שגץ". נאָר דאָס איז נישט אין גאַנצן אַזוי — ער איז שוין אַ פאָלנער גוי. ווען באָנטשע באַלעגאָלע וואָלט געלעבט, וואָלט ער אים שוין געמעגט חתונה מאַכן. שוין די העכסטע צייט. פון די כוחות וואָס ער גיט אַוועק איבער די דערפער די שיקסעס, וועט קיין ייִדישער ברית נישט געמאַכט ווערן.

— אַוודאי, — טוט זיך אַ רוף אָן פיניע יעקב הערש מיט שטאָלץ אין בליק, בעת זיינע ראָזלעכע בעקלעך, ווי פאָמפּעשקעס, שמעלצן זיך פון נחת־רות, — ווען ער וואָלט געוועזן לערנען, ווי איך, ביי שמעלקע

מלמד, וואָלט ער זיך לייטישער אויפגעפירט. שמעלקע האָט מיט אונדז גאָר שטאַרק אַריינגעקנעלט דעם פסוק אין משלי: "אַל תתן" — דו זאָלסט נישט אַוועקגעבן, "חילך" — דיין כוח, "לנשים" — אויף ווייבער. בפרט נאָך — אויף שיקסעס!

— מאַ, — טוט אַ זאָג יאָנטל גרשון שניטקרעמערס, דערזעענדיק אַ קונה צוגיין צו דער טיר פון זייער קלייט, — לאָמיר שוין די דאָזיקע זאָרג איבערלאָזן פאַר די כלי־קודש און יידעלע דעם שוחטס.

און זיי צעגיין זיך, יעדער צו דער שוועל פון זיין לײדיקער קלייט.

# צווייטער טייל

# כד

אין איינעם אַ פֿאַרמיטאָג ברענגט אַריין דער ״ראָזנאָסטשיק״ * צו וואָלף שניידער אַ בריוו פֿאַרן ״גאָספּאָדין ** לייב קאָפּעלזאָן. אָבער ער לאָזט אים נישט איבער. ווי ס׳טרעפֿט אַ מאָל, ווען דער קאָמינעק איז נישטאָ ביי זיך אין אַלקער.

— דער בריוו איז אַ ״זאַקאַזנאָיע״, *** און דער ״גאָספּאָדין״ לייב קאָפּעלזאָן דאַרף אייגנהענטיק זיך חתמענען, אַז ער האָט אים דער־האַלטן, — זאָגט ער, דער בריווטרעגער, אַריינלייגנדיק דעם בריוו צו זיך אין דער לעדערנער, מאָגערער ״סומקע״ ****— איז אָדער איך וועל אים מאָרגן נאָך אַ מאָל ברענגען, אָדער, אויב דער ״גאָספּאָדין״ קאָפּעלזאָן וויל, קאָן ער קומען אויף פּאָסט אים אָפּנעמען נאָך היינט. ביז זעקס אַזייגער.

דער בריווטרעגער לאָזט נישט דורך און אַקצענטירט תמיד דאָס וואָרט ״גאָספּאָדין״, כאָטש דער ״גאָספּאָדין״ איז נישט מער ווי אַ ״פֿאַרשיווי יעווריי״,***** ווייל אָט דאָס וואָרט גיט צו חשיבות זיין אַמט אין זיינע אויגן: ער האָט צו טאָן, הייסט עס, באַדינט לויטן באַפֿעל פֿון דער צאַרישער ״וולאַסט״ ****** דעם צאַרס ערלעכע אונטערטאַנען, מעגן זיי זיין ווער זיי זענען...

— ״גאָספּאָדין פּישעטסיאַ״,******* — פֿאַרהאַלט אים אַ ווייל וואָל־פֿעכע, קוקנדיק מיט רעספּעקט אויפֿן צווייאָדלערדיקן בלעכל, וואָס שיינט

---

* בריווטרעגער.

** הער.

*** פֿאַרסטראַכירטער.

**** בריוונטאַש.

***** פֿאַרכאַטע ייִד.

****** מאַכט.

******* סע שרייבט זיך.

שטאָלץ אַראָפּ פונעם דענעק פון זיין אַמטלעכן קאַרטוז, — און פאַר אונדז, פאַר "גאָספּאָדין" וואָלף פינגערהוט, האָט איר גאָרנישט אין דער "סומקע"?

דאָס איז אַ פראַגע גלאַט אין דער וועלט אַריין, וואָרן זיי האָבן דען — צוויי עלנטע שטיינער — עמעצן אין דער וועלט וואָס זאָל צו זיי שרייבן. זי וויל נאָר מיטן וואָרט "גאָספּאָדין" צוטיילן כבוד איר וואָלפן פאַרן גוי אין די אויגן.

— "פּישעטסיאַ, גאָספּאָזשאַ" * פינגערכוט. — ענטפערט ער מיט אַ שמייכל, לויט זיין שטייגער, צוליב וועלכן דאָס שטעטל האָט אים באַטיטלט מיטן צונאָמען "פּישעטסיאַ". — און גייט אַרויס פאַמעלעך — וואָס האָט ער זיך צו איילן?

געקומען נאָך מיטאָגצייט אויף דער קוואַרטיר און דערהערט מיט חידוש וועגן דעם "זאַקאַזאָניע" בריוו, עסט לייב "שרייבער" אָפּ געאיילט דעם אָנבייסן, שפּאַצירט אַוועק אין דער גוייִשער גאַס, ווו סע געפינט זיך, כמעט אויפן ראַנד פון שטעטל, די פּאָסט, און נעמט אָפּ דעם בריוו. ער קערט זיך אָבער נישט אום מיט אים אַהיים, נאָר לאָזט זיך אַרויף העכער אויפן לודמירער וועג: ער וועט אים דאָרט לייענען אין פעלד, אין שאָטן פון אַ בוים. ער באַטראַכט גייענדיק די פּאָסטזיגלען אויפן קאָנווערט און דעם אַדרעס. ס׳איז פון דער היים, פון פרילוקי. די האַנטשריפט — דעם טאַטנס. וואַקסט אָן אין אים דער חידוש און דער נייגיר: פאַר וואָס איז עפּעס דער טאַטע דאָס מאָל אַרויס פון זיין גדר און געשיקט אַ "זאַקאַזנאַיע". איילט ער זיך צו. זעצט זיך אונטער אַ בוים, רייסט אויף דעם קאָנווערט און נעמט לייענען. דער טאַטע "נעמט גלייך דעם אָקס פאַר די הערנער". ער שרייבט:

"מיין טייערער זון, מיין ליבער לייבל, איך קאָן דיר שרייבן "בקיצור נמרץ" ** — דיין שלאַק, פייגע יענטע, איז שוין אַנדערש געשלייערט. זי איז שוין אַרויף אויפן דרך־הישר. און דער דרך־הישר האָט איר געפירט צו אונדז אין שטוב. זי האָט גערעדט און געטענהט, גערעדט און געוויינט. אָבער דאָס איז נישט וויכטיק: ווייבערישע רייד און ווייבערישע טרערן

---

* מאַדאַם.

** שטאַרק בקיצור.

זענען ווי אָפּגעריבענע קופּערנע מטבעות. אַ יוצא מן הכלל איז, פֿאַרשטייט זיך, מיין פּלוניתטע, דיין מאַמע זאָל לעבן און מאַריך־ימים זיין און דערלעבן אין דיר נחת. שרייב איך דיר בלויז דעם עסענץ: זי האָט דער־קלערט, אַזוי ווי זי זעט, אַז צו דיין עקשנות נעמט נישט קיין עק, וועסט זיך שוין קיין מאָל נישט אומקערן צון איר, כדי צוזאַמען צו לעבן, ווי מאַן־און־ווייב, איז כדי נישט צו בלייבן אויף אייביק אַ לעבעדיקע עגונה, ברעכט זי איר עקשנות און איז גרייט צו נעמען פון דיר אַ גט, ווי דו פאַרלאַנגסט עס. אָבער — זי איז דאָך אַ שלאַק, ווי קאָן מען אמונה האָבן אין אירע רייד? אפשר שטעקט דאָ דערין אַ כיטרע פּאָרטל, געוואָר צו ווערן וווּ דו געפינסט זיך? האָב איך איר געזאָגט, אַז אירע רייד ווען נאָר דעמלט האָבן אַ האַפט אין מיינע אויגן, ווען זי וועט גיין מיט מיר צו אונדזער יונגן, געלערנטן און קלוגן רב, רב יהודה לייב צירלסאָן, און די דערקלערונג אָפּגעבן פאַר אים. איז זי מיט מיר געגאַנגען צום רב. דער רב האָט אויס־געהערט פריִער מיך, דערנאָך זי און געזאָגט:

— גוט. איכל זיך מיט דעם ענין פאַרנעמען. אָט שרייב איך אָן דאָס וואָס די פרוי האָט דערקלערט פאַר מיר, אויף צוויי לשונות, אויף לשון־קודש און לשון־רוסיש.

— נו, — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו דיין שלאַק; ער אירצט איטלעכן,

— און איר וועט זיך דערויף אונטערחתמענען?

— אונטערחתמענען. — האָט זי אַ וואָרטש געטאָן.

און ס׳האָט ביי אונדזער רב לאַנג נישט געדויערט. באַלד זענען די צוויי געשריפטסן געלעגן אויפן טיש פאַרטיקע. און זי האָט אונטערגעחתמעט. אַ דאַנק דעם אייבערשטן.

— איר קאָנט שוין גיין. — טוט ער, דער רב, אַ זאָג צון איר. — אין אַ צוויי וואָכן אַרום קומט צו מיר נאָך אַ תשובה.

— און איר, רב רפאל, בלייבט נאָך דאָ אַ ווייל. — לאָזט ער אויס צו מיר. — פון דעם אַלץ וואָס כ׳האָב דאָ געהערט פון אייך, ווי אויך פון איר, איז מיר קלאָר, אַז וואָס ס׳איז אַזוי צעריסן, לאָזט זיך שוין נישט גאַנץ מאַכן. פריִער, אָדער שפּעטער — סע מוז זיך ענדיקן מיט אַ גט,

און דער מזבח וועט וויינען...* איז זאָל עס געשען וואָס פריִער, כּל־זמן זי האָט נאָך אַ האָפענונג אויפצושטעלן אַ דור מיט אַ צווייטן מאַן. גיט מיר דעם אַדרעס פונעם רב פון דער שטאָט ווּ אייער זון באַהאַלט זיך אויס, וועל איך צו אים אָנשרייבן. און דורך אונדז ביידע וועלן זיי מיט גאָטס הילף געהאָלפן ווערן ביידע, אייער זון און די לעבעדיקע עגונה.

נו, האָב איך אים געגעבן. איך מיין, אַז אייער רב דאָרט וועט דיך אין גיכן אַרויסרופן צו זיך. איך ווייס, מיין זון, אַז אייער רב קאָן צוגרייטן דאָרט ביי אייך דעם גט און אים איבערשיקן צו אונדזער רב פאַר דיין שלאָק וועגן. אָבער די אַלטע מאַמע דיינע און איך בעטן ביי דיר: גענוג האָט זיך שוין די מאַמע אויסגעוויינט די אַלטע אויגן פון בענקשאַפט צו איר אומגליקלעכן זון אין גרויס לעכצונג אים צו זעען לעבן זיך. וויפל איז דער שיעור אַרומצוואָלגערן זיך, ווי אַן אָפּגעהאַקטער און פאַרטריקנטער צווייג, צווישן פרעמדע? פריִער אין קישענעוו, דערנאָך אין טריסק און איצט אין לוהיסק? קער זיך אום אַהיים. וועסט זי אָפּגטן, ווערן אַ פרייער מענטש און זיין מיט טאַטע־מאַמע צוזאַמען. און אפשר וועט אונדז נאָך באַשערט זיין פאַר אַלע צרות ביז היינט, אַז אונדזער פאַרטריקנטער צווייג זאָל אָנהייבן צוריק צו בליִען, ווי אהרון הכּוהנס שטעקן, און סע זאָל אונדז באַצאָלט ווערן מיט נחת כּפל־כּפליים.

דיין טאַטע, וואָס קוקט דיך אויס מיט אַ לעכצנדיק האַרץ און פאַרוואָלקנטע אויגן.

רפאל ברב יאָסיע הערש קאַפּלזאָן".

איבערגעלייענט און איבערגעטראַכט, און נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט און איבערגעטראַכט, לייגט ער אַריין דעם בריוו אין בוזעם־קעשענע און בלייבט זיצן אַ געררירטער. ס'איז אים אַ וווּנדער אויף זיך אַליין, פאַר וואָס ער פרייט זיך נישט אויף דער דאָזיקער בשורה פון ישועה און גאולה. צי זיינע אייגענע און טאַטע־מאַמעס ליידן אין די אַלע גלות־יאָרן האָבן זיך שוין אַזוי איינגעפרעסן אין זיין געמיט, אַז סע נעמט דעם שוין קיין פרייד? צי די יאָרן קילן אַזוי אָפּ דעם

---

* "כּל המגרש את אשתו ראשונה, אַפילו מזבח מוריד עליו דמעות" (סנהדרין, כ"ב, א') — ווער סע גט זיין ערשטע פרוי וויינט אויף אים אַפילו דער מזבח.

מענטשנס בלוט, אַז סע איז שוין נישט אין שטאַנד אויפצובורויזן פון דער פריידיקסטער בשורה? יאָ, ס'איז פאַר אים אַוודאי אַ גרויס גליק, וואָס ענדלעך וועט ער זיך פילן באַפרייט פון דער שווערער לאַסט פון אַ בר־מינן... יאָ, ווייל פאַר אים איז זי דאָך, זיין עגונה, אַ שוין לאַנג געשטאָרבענע, נישט קיין "חי נושא את עצמו", * און ער וועט מחיה זיין די עלטערן אויף זייער עלטער... און אפשר טאַקע, ווי דער טאַטע שרייבט?... כ'בין דאָך נישט אַלט מער ווי פינף און דרייסיק יאָר. כ'שטיי אין מיטן צווישן כוח און בינה...**

דאָס מרוקען פון אַ קו וועקט אים אַרויס פון זיינע מחשבות. די טשערעדע קערט זיך שוין אום פון פעלד, נאָענט צו דער שקיעה. ער שטעלט זיך אויף, שוין אין אַ גוטער שטימונג, און לאָזט זיך גיין אַהיים. ווי דאָ דערהערט ער פון הינטער זיך עפּעס ווי אַ קענטלעך קול:

— שלום עליכם, הער לערער!

אַ ווענד געטאָן אַהינטער דעם קאָפּ, דערזעט ער, נישט ווייט פון זיך, אָנקומען דריי פאַרפוצטע זייער יונגע פרויען: איינע מיט אַ קינד פאַרן הענטל, אַ צווייטע מיט אַ קינד אויף דער האַנט, און צווישן זיי ביידע אַ דריטע אַליין. זיי דערנענטערן זיך מיט שמייכלענדיקע פנימער, און אָט זענען זיי פאַר אים.

— נו, דערקענט איר, הער לערער, אייערע אַמאָליקע שילערינס?

— טוט אים אַ פרעג איינע מיטן זעלבן קול וואָס האָט אים פריִער באַגריסט.

— אַוודאי. — איז ער שמייכלענדיק דערפרייט. — עליכם שלום אייך. איר זייט "דער סמבטיון", וואָס איז אַוועק פון מיין "אוראָק" אָן אַ "זייט געזונט"...

— און זי, — ווייזט אָן קיילע חיהניו אויף פערעלען, — "דאָס שטילע וואַסערל".

---

* אַ לעבעדיקע זאַך טראָגט זיך אַליין.

** "בן שלושים לכוח, בן ארבעים לבינה" — צו דרייסיק יאָר איז מען ביים בעסטן כוח, צו פערציק יאָר — ביים בעסטן פאַרשטאַנד.

— איז שוין קלאָר, — פּירט ער אויס צעשמייכלט, — אַז די מיטל־סטע איז בליומקע... פאַר וואָס עפּעס אָן אַ באַגלייטערל ?...

— בליומקע איז נאָך אַ פּריי פייגעלע. — ענטפערט קיילע חיהניו.

— זי לאָזט זיך נישט כאַפּן פון אַ ליאַדע וועמען. אַן אויסקלייבערקע.

— קיילע חיהניו... — טוט בליומקע אַ שעפּטשע מיט פּירהאַלט, ווערנדיק רויט.

קומט איר צו הילף די שוועגערין, פּערעלע :

— אמתער איז, אַז נישט בליומקע איז די אויסקלייבערקע, נאָר מיין שווער זאָל געזונט זיין. איר ווייסט מסתמא ווער מיין שווער איז ? גרשון וויטמאַן. און אים צו הילף דערין שטייט דער זון, יאָנטל וויטמאַן, אייער אַמאָליקער שילער... מיין מאַן. זיי קלייבן דאָס פאַר איר אַזוי לאַנג דעם חתן.

— און מען דאַרף טאַקע קלייבן. — פאַלט איר אַריין אין די רייד, אָפּפּסקנדיק, קיילע חיהניו, — אַ חתן ווערט דאָך אַ מאַן, און אַ מאַן דאַרף מען קלייבן, ווי מיין פרומע מאַמע קלייבט ווערעמדיקן אַרבעס...

זייערע בליקן ווערן צוגעצויגן צו דער טשערעדע, וואָס גלייכט זיך אויס מיט זיי אויף דער צווייטער זייט פונעם ראָוו, וואָס טיילט פאַנאַנדער דעם ערדוועג פונעם פעלדראַנד. די ערשטע שורה קי וואַרפט זיך אין די אויגן מיט זייער מעלה־גרהן. גרה־שנירלעך ציִען זיך פון זייערע מאָרדעס, טוען זיך אַ גלאַנץ און אַ רויטל קעגן דער רויטקייט פונעם מערבדיקן האָריזאָנט פאַר שקיעה. די טשערעדע גייט שורותווייז באַלעמטשן, מיט אַ באַלעבאַטישן, שווערן טראָט, שאָקלענדיק צופרידן מיט די קעפּ. ווי באַדאַנקענדיק, צי פאַר דער זאַפטיקער שפּייז דער גרינער אין פעלד, צי פאַרן אומקערן זיך אויף רו אין די היימשטאַלן, ווו די באַלעבאָסטעס וועלן זיי באַפרייען פון דער מילכלאַסט אין די הייטערס. דאָ איין קו, דאָ אַ צווייטע לאָזט הערן מיט אַן אויסגעבענקטן מרוק צום שטעטל : מיר קומען אָן און טראָגן פאַר אייך, מענטשן, די ברכה פון פעלד אין אונדזערע שווער אָנגעלאָדענע הייטערס. ס׳פאַרשמעקט די לופט מיט געשמאַקן, וואַרעמען און פעטן ריח פון נאָך נישט אויסגעמאָלקענער מילך. צו די פולע בייכער פון די קי און נאָך העכער הייבט זיך אויף פון אונטער זייערע טלאָען אַ שיטערער און דינער שטויב, וואָס ווערט דורכגעשיינט

פון דער רויטקייט אויפן מערבדיקן הימל. זיי ווערן געטריבן, די קי, ביי די זייטן און פון הינטן, מיט לאַנגע פּאַכנדיקע בייטשן, דורך שקצימ־לעך־פּאַסטעכער, אין גרוי־פאַרשוואַרצטע לייוונטענע העמדלעך איבער לייוונטענע הייזלעך. זיי העלפן זיך צו מיט אַ געשריי און מיט אַ פייף, אַנרופנדיק די, אָדער יענע קו פאַר איר נאָמען.

ווען די לעצטע שורה קי איז שוין פאַריבער, פירט איבער לייב „שרייבער” זיין בליק אויף קיילע חיהניון מיטן קינד ביי דער פולער ברוסט, דאָס רויטהאָריקע קעפּעלע איינגעדרימלט אויפן אַקסל, און רייסט איבער דאָס פאַרקוקט־זיין אויף דער טשערעדע און דאָס שווייגן מיט אַ שמייכל:

— נו, איז פון אייך ביידע, קיילע חיהניו און פּערעלע, זייער שיין, וואָס איר האָדעוועט שוין צוקינפטיקע שילער פאַר אַ לערערס ווענן.

— וואָס הייסט — פאַר אַ לערערס ווענן? — באַמערקט גלייך קיילע חיהניו, — טאַקע פון אייערט וועגן, הער לערער.

און דער לערער ציט ווייטער:

— בליומקע מעג זיך אַראָפּנעמען אַ ביישפּיל פון אייך... און וואָס זאָל איך זאָגן, אַז "דאָס שטילע וואַסערל" האָט איבערגעיאָגט דעם "סמ־בטיון"? פירט שוין אַ קינד פאַרן הענטל... אַ מיידעלע? אַ ייִנגעלע?

— אַ מיידעלע. — שמייכלט בליומקע, קוקנדיק מיט אַ ליבשאַפּ־טלעכן בליק אויפן קינד.

— און ווי הייסט עס?

— צביהלע, — ענטפערט פּערעלע מיט שטילן שטאָלץ, — נאָך מיין טאַטנס טאַטע, רב צבי סופר, זכרונו לברכה.

— און איר, קיילע חיהניו, — לאָזט אויס דער לערער מיט אַ שמייכל, — טראָגט נאָך דאָס קינד אויף די הענט, זאָל עס זיין שוין אַ צוויטס?... ניין? אַז, "דער סמבטיון" זאָל בלייבן הינטערשטעליק קעגן דעם "שטילן וואַסערל", דאָס וואָלט מיר קיין מאָל נישט איינגעפאַלן... און וואָס איז עס ביי אייך? אויך אַ מיידעלע? און אַזאַ פייערדיק קעפּעלע. מען זעט גלייך, אַז ס'איז פון „סמבטיון” אַרויס. ווי הייסט עס?

— מאירל הייסט עס. נאָך מיין שווער עליו השלום. — ענטפערט קיילע חיהניו מיט מאַמע־שטאָלץ, אויסצוגלייכן דערמיט איר הינטערש־

טעליקייט קעגן פּערעלען... און רעדט ווייטער מיט שמייכל, — צו האָבן מיידלעך קאָנען זיך פֿאַרגינען נאָר גבירישע שנורן, ווי פּערעלע: סע וועט זיי נישט אויספעלן קיין נדנס פון זייערטוועגן. קבצנישע טעכטער אָבער, ווי מרדכי שוחטס, טאָרן זיך דאָס נישט פֿאַרגינען: ווו וועלן זיי נעמען נדנס ?... יאָ... מיין טאַטע האָט עס איין מאָל, ביי דער שבתדיקער סעודה, ביים טשאָלנט, אַנדערש אויסגעטייטשט דער מאַמען וועגן אונדזביידן — פאַר וואָס ביי פּערעלען אַ מיידל און ביי מיר אַ ייִנגל; "אין דער היינטיקער סדרה ויגש זאָגט רש"י... נאָר פאַר אַ מיידל אין די אויגן קאָן איך עס נישט איבערחזרן..." און מיין מענדל האָט זיך צעהיצט: "וואָס עפּעס רש"י ? ס'איז אַ בפירושע גמרא אין מסכתא..." כ'געדענק שוין נישט ווי ער האָט זי אָנגערופן, צי ברכה, צי דינה...*

— אָ, — שלאָגט איר איבער דער לערער כדי איר נחת צו פֿאַרשאַפֿן, כאָטש דער אויסדרוק "מענדל" האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַ ספק...

— מע שמועסט דאָך אין שטעטל, אַז אויף אייער מאַן וואַרט ערגעץ אַ כסא־רבנות...

— דערווייל ווייס איך נאָר, אַז ער וואַרט אויפן כסא־הרבנות...

— ערנסט־זיך איר פּנים.

— סיי ווי, ס'וואָלט כדאַי זיין צו זעען ווי אַ "סמבטיון" פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַ שטילער, צניעותדיקער רביצן.

— "יעשטשע דאַליעקאָ דאָ שמחת־תורה,** — מאַכט זי אַוועק מיט ביטול און קערט זיך אום צו אירע פריִערדיקע רייד, ווייל סע קאָרטעט איר אַרויסצוזאָגן עס. — ער האָט געזאָגט, מיין טאַטע... אַזוי: אויב דער פויער פֿאַרזייט דער ערשטער דאָס פעלד ווערט געבוירן אַ מיידל, און אויב... דאָס פעלד פֿאַרזייט צום ערשטן, ווערט געבוירן אַ ייִנגל... אונדזער פּערעלע האָט אַ געזונטן און פלייסיקן פויער...

— הער שוין אויף, קיילע חיהניו, מיט דיינע... ציניִשע שטיקלעך!

— דערהערט דער לערער פּערעלעס פאַרדריסלעכן געשעפּטש, באַמערקט

---

* פאַרגרייזט פון: "ברכות" און "נידה". איש מזריע תחילה, יולדת נקבה, אשה מזרעת תחילה, יולדת זכר" (ברכות, ס; נידה, כ"ה).

** ס'איז נאָך ווייט צו שמחת־תורה.

בליומקעס אָנגעצונדן פּנים, און שטעלט זיך איין פאַר קיילע חיהניון:

— אדרבה. זי האָט זיך דאָך אויסגעדריקט כמעט פּאָעטיש. און וואָס זי האָט געזאָגט וועגן אייער מאַן, פּערעלע, איז עס אויך נישט, חלילה, צום שלעכטן: לויבט דאָך שלמה המלך דעם "עובד אדמתו". * נישט יעדער "עובד אדמה" איז אַ קין, חלילה. און פאַר וואָס זענט איר עפּעס, דאַכט מיר, אַזוי בלאַסלעך?

פּערעלע הייבט אָן צו גיין, מיטציִענדיק צביהלען. אַלע גייען מיט, און קיילע חיהניו ענטפערט פאַר איר:

— ווי איר קוקט זי אָן, איז זי שוין איצטער גאָלד. איר וואָלט זי באַדאַרפט זען מיט אַ זעקס וואָכן צוריק... זי ליידט, פאַר קיינעם געדאַכט, אויף די לונגען. שוין זינט זי איז פאַרגאַן מיטן קינד אין טראָגן. ס'אַ שרעק געוועזן זיך אָנצושטעקן פון איר. אָבער אונדזער חברשאַפט האָט זיך נישט איבערגעריסן צוליב דעם... ערשט די טעג איז זי געקומען צו פאָרן פון אָטוואָצק... נו, פאַרב אין פּנים איז איר טאַקע ווייניק וואָס צוגעקומען. בלויז לייב. אָבער זי האָט דאָך שוין אויסגעזען ווי אַ שטעקל. די באַקן — אָפּגעצערט. און איצט — קוקט נאָר אָן איר פולקייט, אָן עין־הרע. די באָקן — פּאָמפּעשקעס. איך וואָלט זיי איר אויסגעקושט. נאָר זי לאָזט זיך נישט: "דו וועסט זיך נאָך פון מיר אָנשטעקן, חלילה, און פון דיר — דיין מאירל, חלילה", — זאָגט זי... נו, אמת, מיינע עלטערן פאַרמאָגן דאָך נישט צו שיקן אונדז קיין אָטוואָצק...

זיי דערנענטערן זיך צום שטעטל. אָט איז שוין די פּאָטשטגאַס.

— נו, — בלייבט שטיין דער לערער, — דאָ מוזן מיר זיך שיידן: זעליק שדכן, אָדער זיין פרומער איידעם, יואל לייבס, קאָנען אונדז נאָך אָנטקעגן קומען, און דער שידוך זאָל זיי נישט געפעלן. בפרט איז עס אַ סכנה פאַר בליומקען... איך בין אייך זייער דאַנקבאַר פאַר וואָס איר האָט זיך לעבן מיר פאַרהאַלטן. אַ דאַנק. און... וואָרשיינלעך וועלן מיר זיך שוין אַפילו צופעליק מער נישט טרעפן.

— פאַר וואָס? — קוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין קיילע חיהניו מיט דער גאָלדענער חוצפה אין די אויגן. — מיר קומען אַהער, חוץ אום

---

* ערדאַרבעטער.

שבת, כמעט אַלע טאָג נאָכן אָנבייסן אויף עטלעכע שעה. צו אָטעמען אַ ביסל מיט דער פרישער, פרייער לופט...

— אָבער... — אַנטפּלעקט זיי דער לערער, — איך פאַרלאָז אין גיכן אייער לוהיסק. פאָר צוריק אַהיים צו מיינע עלטערן.

— צו די עלטערן? — צווייפלט־חנדלט זיך קיילע חיהניו, — נישט צום ווייב?... איצט מעגט איר דאָך שוין, לערער, אויסזאָגן — איר זענט טאָקע אַן אַלטער בחור? און אפשר פאָרט איר גאָר כאַפּן ערגעץ אַ כלה אַליין, אויב אונדזער זעליק שדכן האָט אייך ביי אונדז נישט געקאָנט העלפן?... זאָגט — וועלן מיר אייך צווינטשעווען.

— צווינטשעווען מיר קענט איר, — שמייכלט ער צוריק, — פאַר וואָס נישט?.. איך זאָל וואָס שנעלער אָפּגטן דאָס ווייב...

— א י ר? — הייבט אָן פּערעלע און קווינקלט זיך אַ ווייל, — א י ר זענט געווען אַ שלעכטער מאַן?

— פאַרקערט, פּערעלע, — קוקט ער איר אַריין אין די בלויע אויגן, ווי אין אַ לויטערן הימל, און לאָזט אויס שטיל און ערנסט. — גלייבט מיר, אַז זי איז געווען אַ שלעכט ווייב.

— שלעכט צו אַזאַ מאַן? — שעפּטשעט פּערעלע פאַרוואונדערט צו זיך אַליין.

— ווי איר הערט. אַפּנים פאַר איר בין איך נישט געווען אַזאַ מאַן.

— אָ שאָד וואָס איר פאָרט אַוועק, לערער. — זאָגט זי שטיל. — כאָטש מיר האָבן זיך סיי ווי קיין מאָל נישט געטראָפן.

— איך מיין, פּערעלע, — קוקט ער איר אַריין אין "די בלויע הימ־לעלעך" מיט אַ דאַנקבאַרן און אומעטיקן בליק, — אַז אויסער פון אייך, אויב קיילע חיהניו האָט עס נישט געזאָגט, וועל איך עס אין שטעטל פון קיינעם נישט הערן. סיידן אפשר... מיינע באַלעבאַטים וועלן באַדויע־רן פאַר וואָס סע פאַרלאָזט זיי זייער קאָמינעק דער "נאַדוואָקאַט". — ער טוט אַ שמייכל. — פּראָסטע לייט, אָבער ערלעכע און מיט וואַרעמע הערצער... ווער נאָך וועט אפשר באַדויערן? אפשר די דאָרפּפויערים, וואָס כ'האָב פאַר זיי פּראָשעניעס געשריבן... נו, די זון זעצט זיך שוין, פּערעלע, אין אייערע אויגן... זייט מיר אַלע, מיט אייערע קינדערלעך, געזונט און שטאַרק...

ער ציט פאַר זיי דעם איינציקן האַרטן קאָפּעליאָש אין שטעטל, דער־לאַנגט זיי אָבער נישט די האַנט און ציט ווייטער:

— און זייט גוטע, געטרייע ווייבער צו אייערע מאַנען...

— און זיי, די מאַנען? — מאָנט קיילע חיהניו מיט חוצפּה.

— פאַרשטענדלעך, און זיי זאָלן זיין גוטע געטרייע מאַנען צו אייך... כל טוב!

ער פאַרנייגט זיך און לאָזט זיך גיין מיט דער גאַס וואָס פירט צום בוינעגעסל. די פרויען קוקן אים נאָך אַ רגע, און קיילע חיהניו טוט אַ זאָג מיט תרעומת:

— און איך בין גאָרנישט מחויב צו גלייבן, אַז ער איז גערעכט קעגן זיין ווייב.

„...איך צווייפל, — טראַכט אין דער זעלבער צייט לייב „שרייבער", גייענדיק ווייטער — צי דער געוועזענער עילוי וועט נאָך אַרויס מיט אַ גאַנצן קאָפּ, אויב דער „סמבטיון" וואַרפט אויף אים מיט קאָכעדיקע שטיינער... סיידן דער ים־התלמוד וועט אים ראַטעווען און דער שבת־דיקער רוטאָג".

## כה

לייב „שרייבער", אַן אויסגעבאָדענער און פאַרמאַטערט פון אַ סך שווימען אין טייך, קערט זיך אום פאַר נאַכט אויף זיין קוואַרטיר. אויפגע־עפנט די טיר אין שטוב אַריין, שטייט אים אַנטקעגן, אַרויס צו גיין, יעקב יצחק שמש. זיינע אויגן פיבערן פון איבערגעטרונקנקייט. אין זיין נאָע־נטקייט שפּירט זיך זיין מיט ספּירט דורכגעברענטער אָטעם.

— סיי ווי, — ברעקלט זיך אים אַראָפּ פון מויל, יעקב יצחקן. — קיינעם נישט געטראָפן. כאָטש טראָג אַרויס דעם ניימאַשין און פאַרטויש אים אויף אַ קריטשיקל... וואָלף איז שוין אַפּנים אַוועק דאַווענען מנחה. וואָל־פּעכע מעלקט מסתמא די קו. סיי ווי. און דער קאַמינעק ווו איז? סיי ווי. איז אָט זענט איר דאָ. אַ רעכטער מענטש קומט צו דער רעכטער צייט. סיי ווי. איר האָט מיר פאַרשפּאָרט, רב לייב, צו קומען אַ צווייט מאָל... און...

— און צו וואָס זענט איר געקומען דאָס ערשטע מאָל? — שטעלט ער אים אָפּ און שטויסט זיך אָן: דאָס האָט אַוודאי אַ שייכות צום טאַטנס אייערנעכטיקן בריוו.

— איך בין געקומען?... סיי ווי. דער רב האָט מיך געשיקט אײַך זאָגן, ער דאַרף אײַך געניטיק האָבן. עפּעס אַ זייער געניטיקער ענין. סיי ווי. איר קאָנט קומען באַלד נאָך מנחה־מעריב. אָדער — מאָרגן אין דער פרי, אם ירצה השם. ביז ניין אַזייגער. איידער ער גייט דאַווענען שחרית... סיי ווי. איז וואָס זאָל איך אים געבן פאַר אַ תשובה אין אייער נאָמען?

זיינע שטיינגעבליבענע, ווי פאַרגלעזערטע, אויגן וואַרטן אויף דער תשובה. נאָר לייב „שרייבער" שפּירט און שטויסט זיך אָן, אַז — אויף נאָך עפּעס...

— זאָגט דעם רב, אַז כ'וועל קומען היינט. ווי נאָר מיין באַלעבאָס וועט צוריק קומען פון בית־מדרש. און...

ער שטעקט אַריין די האַנט אין אַ זשילעט־קעשענע, טוט אַ קוק וואָס ער האָט פון איר אַרויסגענומען — אַ זילבערנער „גילדן" — און דערלאַנגט אים:

— און דאָ האָט איר, רב יעקב יצחק, שכר־טרחא פאַר אייערע קינדערס וועגן.

אָבער זיין בליק כאַפּט אויף אין יעקב יצחקס גלעזערנע אויגן דעם גלאַנץ פון אַ קעלישאָקל ספּירט.

— סיי ווי. אַ גוטע נאַכט, — טוט יעקב יצחק אַ מרוטשע צופרידן.

ער גייט אַרויס נישט אַריינלייגנדיק די מטבע אין קעשענע. מיט דער מטבע, פאַרקוועטשט אין דער האַנט, לאָזט ער זיך נישט צום „מאָנאָ־פּאָל", וועלכער איז שוין איצט געשלאָסן, נאָר צו לוי שעיה יידלס טראַק־טיר, וווהין ער גייט תמיד נישט גערן, סיידן ער האָט שוין נישט קיין ברירה, ווי איצטער: ער קאָן נאָך דאָרט טרעפן שימענקע שטאָט־לץ מאַכן אַ „מושב־לצים"...* סיי ווי. אָן אים איז אויך דאָרט אַ מושב... אַ גויי־שער חזיר־שטאַל...

* זיצונג פון שפּעטער.

אין אַ שעה אַרום איז שוין לייב "שרייבער" ביים רב אין פֿאָדערשטן חדר. פֿיר ווענט, באַפֿאַנצערטע מיט פֿאָליצעס ספרים. הויכע און נידע־ריקע, דינע און ברייטפּלייציקע.

— גוטן אָוונט, רב. — באַגריסט ער דעם רבס שוואַרצן, צעקנייטשטן, ווייכן קאַפּעליאַש, ווייל דעם רבס פּנים איז אַראָפּגעלאָזט צום אָפֿענעם ספר, וואָס פֿאַר אים אויפֿן טיש. — איר האָט געשיקט מיך רופֿן, בין איך גע־קומען.

טוט דער רב, דערהערט זיין קול, אַ הייב אַרויף בלויז די אויגן, אַ מעסט אים אָפּ מיט אַ שנעלן שאַרפֿן בליק:

— אַ ? דער "שרייבער" ?... לייב רב רפֿאלס ? אַ גוט יאָר. זיץ.

פֿאָלגט ער דעם באַפֿעל. זעצט זיך אַוועק אויף דער טאַבורעטקע קעגן איבער אים. דער רב לאָזט צוריק אַראָפּ די אויגן און רעדט ווייטער אין ספר אַריין, מיינענדיק אים. אין זיין קול איז פֿאַראַן תרעומת, אָבער נישט קיין צאָרן:

— כ'האָב געשיקט דיך רופֿן, כדי דיך צו פֿרעגן: ווי נעמט עס אַ ייִד און נאַרט אָפּ אַ גאַנצע קהילה קדישא ?

קוקט לייב רב רפֿאלס פֿאַרוווּנדערט אויפֿן רבס קאַפּעליאַש און דעם ברעג פֿון זיין סיוולעכער באָרד. קנייטשט דעם שטערן, כאַפּט זיך נישט זיין מיין, און ענטפֿערט געלאַסן:

— גלייבט מיר, רב, איך האָב דאָ אין שטעטל קיין איינציקן ייִד נישט אָפּגענאַרט.

— קיין איינציקן ייִד, קאָן זיין, טאַקע נישט. — שפּאַרט זיך דער רב אַלץ מיטן ספר, — נישט קיין פּרט, נייערט אַ כלל. אָבער — "אין בכלל אלא מה שבפּרט".* נו, מאַ, פֿון אַ בריוו פֿונעם מרא דאתרא פֿון דיין שטאָט, פּרילוקי, איז מיר באַוווּסט געוואָרן, אַז דו האָסט דאָרט איבערגעלאָזט אַ ווייב... פֿאַרלייקנסט עס נישט ?

— כ'האָב עס נישט בדעה צו טאָן. נאָר . . . איך וויל זי נישט האָבן פֿאַר אַזעלכע.

— ביסטו דאָך אַליין מודה, — טריומפֿירט דער רב איבערן ספר, —

---

* אין דעם כלל איז נישטאָ מער ווי אין דעם פּרט.

אַז דו האָסט אָפּגעגאַרט די גאַנצע קהילה מײַנע!... האָסטו אפשר אויסגע־קוקט אַז זעליק שדכן, אַן ערלעכער ייִד, זאָל דורך דיר נכשל ווערן און אומגליקלעך מאַכן אַ ייִדישע בתולה?

— חס־וחלילה, רב! — שמייכלט לייב צו די האַרבע ווערטער, פֿאַר וועלכע דער טאָן איז אַ געניוג ווייכער, און ציט מיטן געדאַנק און ווילן דעם רב פֿאַר דער באָרד, ער זאָל ענדלעך אויפהייבן צו אים דאָס פּנים, אָבער — אומזיסט! — נישט איך האָב אויסגעקוקט דעם שדכן, נישט איך קוק אים אויס און נישט איך וועל אים אויסקוקן. סיידן...

— אַהאַ! סיידן, וואָס סיידן?

— סיידן זײַנע פּיש אויף שבת. וואָס פֿאַלט עס גאָר איין דעם רב אַזאַ חשד אויף אַ ייִדן?

— מילא, קיין חושד בכשרים בין איך נישט, חלילה... וואָס מיר פֿאַלט איין? פֿאַר וואָס זשע האָסטו די גאַנצע צייט וואָס דו ביסט הי נישט געפּרוּווט כאָטש איין מאָל אָנמעסטן דעם טלית? אַפֿילו נישט אין יום־הדין!... איך האָב זיך נאָכגעפֿרעגט ביי יעקב יצחקן, דעם שמש, הגם ער איז אַ שטיקל סובא, אָבער תמיד בלייבט ער ניכטער... האָט ער עס מיר געזאָגט... מאַ. נאָר נישט דאָס בין איך איצטער אויסן. צי ביסטו גרייט צו שיקן דיין ווייב אַ גט און זי אויפֿבינדן? אויב יאָ, בין איך מצדי גרייט זיך מיט דעם מטפּל צו זיין. נאָר מיט איין תנאי: „מהיום והלאה"*, הייבסטו אָן אָנצוטאָן דעם טלית. ווי ס'איז דער חוב פֿון אַ באַווייבטן ייִדן. ווי אַ באַווייבטער ייִד איז באַפֿוילן. ווילסטו מיר געבן דערויף תקיעת־כּף?

— קיין שום תקיעת־כּף, רב! — טוט ער אַ זאָג, נישט־ווילנדיק, שטרענג־בייזלעך. — און פֿאַר וואָס קוקט מיר נישט דער רב אין פּנים? גלייך איך וואָלט זיין אַ בר־מינן! צי ווייל די גמרא זאָגט: „רשעים בחייהם קרויין מתים?** צי ווייל: „אסור לאדם להסתכל בצלם דמות אדם רשע"? ***

— אָבער פֿאַר וואָס? — הייבט דער רב אויף צון אים דאָס פּנים פּונעם

* פֿון היינט אָן.

** רשעים ווערן פֿאַר זייער לעבן גערופֿן טויטע.

*** אַ מענטש טאָר נישט קוקן אין דעם געשטאַלט פֿון אַ מענטשן אַ רשע.

ספר און טוט דערביי אַ טראַכט: "דעם דאָזיקן ייִדן קומט צו אירצן". — מען דאַרף זיך, חלילה, שעמען מיטן טלית? אַדרבה, זאָגט מיר דעם טעם דערפון.

— דער טעם דערפון איז ד ע ר, ווייל דער טלית וואָלט מיר דערמאָנט אין ד ע ר, אין וועלכער איך וויל נישט געדענקען... דער טלית וואָלט געווען פאַר מיר אַ "שויתי אשמדאי לנגדי תמיד"* דער עיקר, רב — כ'העל פאָרן אַהיים צו מיינע עלטערן און דאָרטן איר געבן דעם גט. דאָרט וועט שוין מיין פרומער טאַטע אַכטונג געבן, כ'זאָל טראָגן דעם טלית.

— יאָ. — זאָגט דער רב שוין מילדער און קוקט אים אין פנים אַריין מיט פאַרוווּנדערטע און גוטע אויגן, — אייער רב שרייבט מיר זייער גוט וועגן אייער אַלטן, פרומען טאַטן, רב רפאלן.

— און אפשר... — נעמט דער רב צונויף אין אַ זשמעניע זיין סיווע באָרד, ווי זיך מיישב מיט איר, זיין פנים ווערט דערשראָקן און בלאַס, און ער נעמט אים דורך מיט אַ שאַרפן פאָרשנדיקן בליק, — אפשר מיינסטו בלויז אָפּצוטראָגן זיך פון דאַנען?...

— רב, — ענטפערט ער אים מיט אַ שמייכל, — ווען ס'וואָלט אַפילו זיין אַזוי, וואָלט אויך געווען פאַרפאַלן. קיין "קונע" אין בית־מדרש איז היינט נישטאָ. מיטן שיטן זאָלץ אַ פויגל אויפן עק וועט מען אים נישט אָפּהאַלטן פון אַוועקפליִען. נאָר... צי דען האָט אייך דער פרילוקער רב, הרב צירלסאָן, נישט געשריבן, אַז די מניעה איז געווען נאָר פון איר זייט? דאָס האָב א י ך דאָך געפאָדערט צו געבן איר גט...

— אמת, אמת, — באַרויִקט זיך דער רב, — נו, איז ווויל און גוט. שרייב איך מאָרגן, אם ירצה השם, אַ תשובה צו אייער רב, רב יהודה לייב. וויאָס איר האָט מיר נאָר־וואָס מבטיח געווען.

— גוט. — שטעלט זיך לייב "שרייבער" אויף פון אָרט. — שרייבט אים, זייט אַזוי גוט: ס'איז אַ פראַגע בלויז פון אַ וואָך, צוויי. אַ גוטע נאַכט, רב.

— אַ גוט יאָר. נאָר איך האָב פון דעסטוועגן אַ בקשה צו אייך... טוט עס מיר צוליבן טאַטן אייערן: אין דעם שטיקל צייט וואָס איר פאַר־

* איך שטעל תמיד דעם אַשמדאי פאַר מיינע אויגן.

בלייבט נאָך הי, טוט פּאָרט אָן דעם טלית... און זאָל ער זיין פאַר איך דאָס וואָס ער דאַרף זיין און איז פאַר אַ ייִדן: אַ „שיוויתי אַדושם לנגדי תמיד”... נו, אַ גוט יאָר אייך.

*

לייב קאָפּלזאָן, אַרויסגעקומען פון רבס שטוב, לאָזט זיך, אַ פּאַר־טראַכטער וועגן זיין נייער לאַגע, צוריק אויף זיין קוואַרטיר. רגעוויז האָט ער אַ שפּירונג ווי עפּעס אַ שאָטן וואָלט נישט ווייט פון אים נאָכ־געגאַנגען זיינע טריט. אָבער זיינע מחשבות האַלטן אים געשפּאַנט, און די שפּירונג איז אַזאַ בלאַסע, אַז זי באַוועגט אים נישט זיך אַרומצו־קוקן. ערשט ווען ער קומט צו זיין באַלעבאָס טיר און בלייבט שטיין אַ ווייל אַרויפצוקוקן צום אויסגעשטערנטן הימל פֿאַרן שלאָפן גיין, דערזעט ער — נישט ווייט שטייט דער שמש, מיטן פּנים געווענדט צו אים... איז ע ר דאָס אים די גאַנצע צייט נאָכגעגאַנגען?

— איר פאַרלאַנגט עפּעס פון מיר, רב יעקב יצחק? —— טוט ער שטיל אַ רוף צו אים פאַרוואונדערט.

יעקב יצחק מאַכט עטלעכע טריט נעענטער, בלייבט שטיין, קוקט אויף אים און שוויגט.

— וואָס זשע שטייט איר? קומט אַריין. — עפנט ער די טיר, לאָזט אים פאַרבייגיין און עפנט פאַר אים די טיר צו זיך אין אַלקער אַריין. דאָ דרייט ער אַרויס דעם לאָמפּ אויפן טיש און ווייזט אים אָן אויף אַ שטול. — זעצט זיך צו.

זעצט ער זיך, דער אויסטערלישער גאַסט. זעצט זיך אויך דער גאַסט־געבער אים אַנטקעגן און באַטראַכט זיין פּנים. ס׳גיט אָפּ קעגן דער שיין פון לאָמפּ מיט רויטקייט. די אויגן — געלבלעכע, גלעזערנע, נאָר אין זיי פיבערט אַ ווילד שימערל. דאָס קליינע נעזל — בלוי, ווי מילך, דורכ־געמישט מיט דין־דינענקע רויטע פעדעמלעך. די וואָנס אונטער דעם — גלאַנצט פון פייכקייט. דאָס צעקאָשמעטע הייענע בערדל — פריי־צייטיק סיוו...

טוט קאָפּלזאָן אַ טראַכט: „ער האָט שוין באַוויזן אויסצוטרינקען פאַר

דער מטבע וואָס איך האָב אים געגעבן פאַר די קינדער וועגן און וויל נאָך... אַ קראַנקער מענטש...״ און זאָגט ווייך:

— איז וואָס זשע וועט איר זאָגן גוטס, רב יעקב יצחק?... איך וואָלט אייך מכבד זיין מיט אַ גלעזל טיי, ווען די באַלעבאַטים וואָלטן נאָך נישט געשלאָפן.

— סיי ווי... — דערהערט ער זיינע ערשטע ווערטער. — קיין וואַסער טרינק איך נישט.

גייט דער גאַסטגעבער אַרויס אין שטוב אַריין, אָפּן לאָזנדיק די טיר, כדי סע זאָל פאַלן אַהין די שיין. גייט צו צום ווינקל־שאַפקעלע, אין וועלכן סע שטייט דעם באַלעבאָס שבתדיקע פלעשל בראָנפן, קומט צוריק מיטן פלעשל און אַ גלעזל און שטעלט אויפן טיש פאַרן גאַסט:

— נו, וועט איר דערפון טועם זיין. אַ שאָד נאָר, אַ שאָד נאָר וואָס איך האָב נישט גאָרנישט צו געבן אייך צום פאַרבייסן.

דער גאַסט טוט אַ שטעל אָן דעם בליק, ווי אַ פונק, אויפן עטיקעטל פונעם פלעשל און וואָרטשעט:

— סיי ווי... פינף און פערציקער איז וואַסער... המם, נישט דערויף בין איך געקומען... סיי ווי... איך...

— רעדט, רעדט, רב יעקב יצחק, — דערמונטערט אים קאָפּלזאָן, — איך הער אייך גערן.

ער דערוואַרט צו דערהערן פון אים: ״איך טרינק נאָר ספּירט״, נאָר דערהערט גאָר אומגעריכטס:

— איך... איר... איר האָט צרות פון אַ לעבעדיק ווייב. איך — פון אַ געשטאָרבנס... סיי ווי... אַז זי איז נישטאָ, האָב איך נישט פאַר וועמען זיך פון האַרץ אַראָפּצורעדן... סיי ווי... איר זענט אַ מענטש מיט האַרץ... אַ ייִדיש האַרץ... ייִדן בני־רחמנים... וויל איך זיך פאַר אייך אַראָפּרעדן... פון האַרצן... המם, המם... סיי...

— איך וועל זיך, רב יעקב יצחק, צוהערן צו אייערע רייד, ווי אַ ברודער.

שטעלט אָן דער גאַסט אַ פאַרשעריש־שאַרפן בליק אין זיינע אויגן אַריין, ווי אַ דימענט, גלאָז צו שניידן:

— ווי אַ ברודער, זאָגט איר?... סיי ווי... מיין ברודער שיִע עליו־

השלום איז געווען אַ ייִד אַ למדן, אַ פרומער... ספירט האָט ער געטרונ־קען נאָר צו רב שמעון בר יוחאיס יאָרצייט... סיי ווי... קיין סך וועל איך נישט ברייען... — רעדט ער שטיל, ברומענדיק, מאַכט אַ פויזע און איז ממשיך, — אַז כ׳וועל רעדן אַ סך... סיי ווי... וועט זיך מיר די צונג נעמען פּלאָנטערן.. "החיים והמות..." ווי גייט עס דאָרט ווייטער ?... אַ ?

—"ביד הלשון",* — זאָגט ער אים אונטער.

— יאָ, "ביד הלשון"... סיי ווי... איז זי מיר געשטאָרבן, מיין שפרה... צוויי קינדער האָט זי מיר געבוירן: חנהלע, נאָך אַן עלטערער שוועסטער, עליה השלום, און שיקעלע, נאָכן ברודער שיִע... סיי ווי... טייערע קינדער... נישט נאָר אַ ווייב איז זי מיר געווען... אַ שוועסטער...

וואָס ווייטער, אַלץ טרוקענער ווערט זיין קעל, הייזעריקלעך, און אַלץ פייכטער זיינע ווערטער:

— האָט זי געגומען, שפרה, עליה השלום... אין איין פינצטערן טאָג... ניין... טאַקע אין אַ פינצטערער נאַכט... אַ מקשה לילד... געבוירן אַ טויט קינד... און אַליין זיך מיט אונדז געזעגנט ...אויף אייביק... געלאָזט זיך אַוועקגעטראָגן און פאַרשיטן מיט שוואַרצער ערד... סיי ווי... כ׳בין געב־ליבן מיט די יתומימלעך ווי אויפן וואַסער אין אַ חושכדיקער נאַכט... דערנאָך... דער צער אויף איר פאַרשניטענעם יונגן לעבן... אויף די יתו־מימלעך... האָט געשוגדן די הויט פונעם האַרצן... סיי ווי... האָב איך געגו־מען אים אויסברענען מיט ספירט... יעדער טאָג — רב שמעון בר יוחאיס יאָרצייט... האָב אויסגעזשליאָקעט די אייגענע פרנסה... און מיין שפרהס יתומילעך ? ווער זאָל זיך אומקוקן אויף זיי ?... הונגערן נעבעך אונטער... איז דער צער מיינער נאָך גרעסער... סיי ווי... מוז מען נאָך מער טרינ־קען... פאַרגיסן די וווּנד אין האַרצן... איר זענט אַ האַרציקער מענטש... איר האָרכט מיך אויס... ווי אַ ברודער, האָט איר געזאָגט, אַ ?... ייִדן בני־רחמנים, שכנים, זעליק פישער, זיין איידעם, יואל לייבס, זאָרגן פאַר די יתומים... נשים צדקניות, לויכע די סופרטע, גיטל לאה די שוחטקע... סיי ווי... אַזוי גייען אַוועק מיינע יאָרן... אַלץ צוליב מיין שפרהן... איך... איך... טרינק נישט "לחיים", נאָר "למות". שפרה... כ׳בין שיכור...

---

* דאָס לעבן און דער טויט איז אין דער מאַכט פון דער צונג.

— פאַר צרות, רב יעקב יצחק, זענט איר שיכור. — טוט זיך קאַפּל־זאַן אַ רייב איבער דאָס פּנים מיטביידע האַנטפלאַכן, און ווען ער נעמט זיי אַראָפּ, זעט ער:

טרערן קאַפּען דעם גאַסט פון די אויגן. זיין הייען צעקאָשמעט בערדל ווערט נאַס און גלאַנצט קעגן דער שיין פונעם לאָמפּ. מיט אַ מאָל טוט ער זיך אַ שטעל אויף, דער גאַסט, און זאָגט:

— שוין. סיי ווי... אַראָפּגערעדט זיך... אַ יישר־כוח... וואָס?... ניין, ניין! ...גיט מיר נישט מער קיין געלט... אַ גאַנצן האַלבן קאַרב?!... איכל עס אויסזשליאָקען, ווי אַן עשו... סיי ווי... קויפט בעסער פאַר דעם מאָרגן אַ ביסל שפּייז... שיקט עס מיט זעליק שדכן צו מיינע יתומימלעך... מיין חנהלען און שיקעלען... אַ מתנה פון אַ פעטער מיט אַ ייִדיש האַרץ... וועט מיין שפרה אין קבר צופרידן זיין... סיי ווי... אַ גוטע נאַכט... סיי...

ער שלייכט אַרויס צו דער דרויסנטיר. קאַפּלזאַן עפנט זי פאַר אים און קוקט אים נאָך. ער פאַרגייט, ווי אַ שאָטן, אין דער נאַכט אַריין. איבער דער נאַכט הענגט דער הימל, און די שטערן אין אים ווינקען זיך איבער אויף שטום־לשון... און אפשר: ווען דער הימל וואָלט זיין נישט אַזוי הויך, וואָלט מען זייער שמועס דערהערט, כאָטש ווי אַ געשעפּטש. אַ סודותדיק געשעפּטש. יעדער שטערן איז אַ סוד. ווי ס'איז אַ סוד דער גורל פון יעדן מענטשן. דער גורל רעדט צו אונדז אויפן שטום־לשון פון די שטערן.

מיטן פאַרמאַכן פאַר זיך די טיר לעשט ער אויס די שטערן און גייט אַריין צו זיך אין אַלקער פאַרלעשן דעם לאָמפּ, כדי זיך אַליין אויסצולעשן אין אַן אומרויִקן שלאָף.

## כו

ייִדעלע מרדכי שוחטס קומט אַריין אין בית־מדרש־שטיבל, ווו ס'דאַווענען די באַלמעלאָכעס. חוץ פנחס גבאי איז דאָ, ווי שטענדיק אין דער צייט, קיינער נישטאָ. ס'איז אים אָפילו אַ חידוש: וואָס טוט דאָ פנחס איצטער? ווי צו ענטפערן אים אויף זיין שטומען חידושן זיך, וואָס קוקט אים אָבער אַרויס פון די אויגן, רופט זיך פנחס אָפּ:

— זייער גוט, ייִדעלע, וואָס ביסט אַריינגעקומען. כ׳האָב זיך נאָר וואָס געזעגנט ביי דיין שווער אין שטוב. דו ביסט שוין געווען אַוועקגעגאַנגען. וועלן מיר זיך געזעגענען דאָ.

— געזעגענען זיך? — איז ייִדעלעס חידושן זיך נאָך גרעסער געוואָרן. — ווּהין קלייבט איר זיך דען צו פאָרן, רב פנחס? קיין טריסק צום רבין אין מיטן דערינען? איר זענט, דאַכט זיך, נישט פון די הייסע חסידים. מע רופט דאָך אייך מתנגד?

— אַ מתנגד בין איך נאָר קעגן חסידים־באַלעבאַטים, וואָס בלאָזן זיך, ווי אינדיקעס ערב־פסח, מיט זייער זיידענעם ייִחוס. — ענטפערט ער אים מיט אַ צופרידן שמייכלענדיק פנים און גלעט זיך הנאהדיק איבער דער ווייסער באָרד, ווי ער וואָלט אין איר איינגעזאַמלט, אין דער גלעטנ־דיקער האַנטפלאַך, זיין גאַנצן נחת־רוח פון דעם וואָס ער קלייבט זיך ערשט צו זאָגן. — און פאָרן פאָר איך אויף מיין אייגענער נחלה.

— דאָס ערשטע מאָל הער איך דאָס, רב פנחס, אַז איר האָט ערגעץ אין דער פרעמד אַן אייגענע נחלה! — שוימט אויף ממש ייִדעלעס חידושן זיך. — ווּ איז עס ערגעץ?

— איך פאָר אויף קבר־אָבות...

— אויף קבר־אָבות? עפּעס רעדט איר מיר, רב פנחס, מיט רעטע־נישן! אייער טאַטע־מאַמע און זיידע־באָבע, עליהם השלום, ליגן דען נישט אויפן היגן לוהיסקער בית־עלמין? מיר דאַכט זיך, אַז גייענדיק צו מיין טאַטנס קבר, עליו השלום, האָב איך נישט איין מאָל געזען זייערע מצבות.

— אַ געוועזענער עילוי, און שטויסט זיך נישט אָן!? — איז איצ־טער שוין פנחס גבאי פאַרחידושט. — איך פאָר אויף קבר־אָבות פון אונדזערע אַלעמענס אָבות: אַברהם, יצחק און יעקב.

— איי, איי־איי! — איז ייִדעלע פריילעך דערשטוינט, און זיינע אויגן גלימען־אויף, ווי מע וואָלט אים אַ בשורה־טובה אָנגעזאָגט. — גאַנץ לוהיסק וועט דאָך אייך מקנא זיין!

— מקנא זיין? וואָס דאַרף מען מיך מקנא זיין? זאָל מען נעמען און טאָן דאָס נעמלעכע וואָס פנחס שמוקלער טוט. פנחס שמוקלער איז עס דען אַזאַ גיבור?

— ס'איז גרינג צו זאָגן!

— און אויך צו דערטראָגן, אַז אַ ייִד טוט מיט רצון דעם אייבער־שטנס רצון, גיט ער אים כוח.

— המם... און ווען, רב פּנחס, האָט איר אָנגענומען די דאָזיקע הייליקע החלטה?

— שוין פון גאַנץ לאַנג...

ער איז מפסיק, טוט אַ זוך מיט די אויגן צווישן די ספרים, צעשפּרייטע איבערן שטאָלנטיש, נעמט איינס, עפנט עס אויפן אָרט ווו די שפּיצן פון עטלעכע בלעטער זענען פאַרבויגן און פירט מיטן ווייזפינגער איבער די שורות. דער ווייזפינגער בלייבט שטיין מיט אַ קוועטש, און פּנחס לאָזט אויס מיט אַ צעלויכטן פּנים און דבקותדיקער פרייד אין די אויגן:

— דו זעסט, ייִדעלע? פון זינט איך האָב דאָ אינעם מדרש רבה געלערנט אָט דאָס אָ: "יש אָדם שהוא נאה ולבושו כעור, הוא כעור ולבושו נאה — וישראל הם נאים לאָרץ, והאָרץ נאה להם. לכך נאמר: "אַף נחלת שפרה עלי". לאָמיר עס, ייִדעלע, איידער איך פאָר אַוועק, צוזאַמען לערנען.

און זיי נעמען זאַלבענאַנד זיך עס פאַרטייטשן:

— "יש אָדם" — ס'איז דאָ אַ מענטש, "שהוא נאה" — וואָס ער איז שיין, "ולבושו כעור" — און זיין מלבוש איז מיאוס, "הוא כעור, ולבושו נאה" — ער איז מיאוס, און זיין מלבוש איז שיין — "וישראל הם נאים לאָרץ" — און די ייִדן, זיי זענען שיין פאַרן לאַנד, "והאָרץ נאה להם" — און דאָס לאַנד איז שיין פאַר זיי. "לכך נאמר" — דעריבער איז געזאָגט געוואָרן: "אף נחלת שפרה עלי" — יאָ, אַ שיינע נחלה איז מיר אָנגעקומען.

— פאַרשטייסטו שוין, — טריִומפירט פּנחס גבאי, — פאַר איך מיר אויף מיין אייגענער נחלה, ווי איך האָב עס דיר פריִער געזאָגט!

— אָוואַ! אָוואַ! — מאַכט ייִדעלע, אין גאַנצן אַ צעקאָכטער. — וואָס פאַר אַ גרויסע טובה איר טוט זיך דערמיט, רב פּנחס. וואָרן די גמרא זאָגט אין כתובות: "כל הדר בארץ ישראל" — ווער סע וווינט אין ארץ־ישראל, שרוי בלא עון" — וווינט אָן זינד, "שנאמר" — ווי ס'איז געזאָגט געוואָרן: "העם היושב בה נשוא עון" — דעם פאָלק, וואָס זיצט

דערין איז פֿאַרגעבן די זינד... המם, און וואָס האָט איר בדעה דאָרט צו טאָן, ר׳ פּנחס? פֿון וואָס ציִען חיונה?

— זעסטו, איכל זיך זוכן אַ קלויז, — ענטפֿערט פּנחס רויִק, מחמת בטחון, — ווו פּנחס גבאי זאָל ווערן כאָטש אָן אונטער־שמש... נו, ייִדעלע, פֿאַרבלייב געזונט און שטאַרק מיט דיינע בני־בית, — שטרעקט ער אים אויס די האַנט, — זאָל אונדז דער אייבערשטער העלפֿן, מיר זאָלן זיך נאָך זעען דאָרטן... ״בכל יום אחכה לו״.*משיח קאָן דאָך קומען יעדן טאָג. וועט זיך גאַנץ לוהיסק אַ לאָז טאָן אַהין און מיך אָניאָגן אין וועג. נאָר דערווייל...

ער לאָזט פֿריי ייִדעלעס צעשאָקלטע האַנט, גלייכט זיך אויס און זאָגט מיט אַ גליקלעכער און שטאָלצער מינע:

— דערווייל בין איך דער ערשטער לוהיסקער ייִד וואָס לאָזט זיך קיין ארץ־ישראל!

אין דעם אויגנבליק טוט דורך אָן אָפֿן פֿענצטער אַ שאָס אַריין עפּעס מיט אַ שאַרפֿן טשוויטשער צו דער סטעליע. זיי טוען אַ הייב אַרויף די קעפּ מיט נייגעריקע אויגן. אונטער די באַלקנס פֿון דער סטעליע שוועבט, דרייט זיך אין שווינדלענדיקע קרייזן אַ שוואַלב. די פֿליגעלעך — ווי אַ שנעל שערנדיק שערל, אַ רויט פֿלעקל אויפֿן העלדזל זעט אויס אינעם שווינדלענדיקן פֿלי ווי אַ קרייזנדיקער רויטער פֿאָדעם...

— וואָס קוקסטו אַזוי דערויף? — פֿרעגט פּנחס, כאָטש ער אַליין ווענדט נישט אָפּ דעם בליק פֿון דער שוואַלב, און אפֿשר פֿרעגט ער עס טאַקע זיך אַליין.

טוט אַ פֿאַל איין ייִדעלען, אים אַן ענטפֿער צו טאָן מיט אַ תורה־חידוש:

— איר זעט דאָרט דעם רויטן פֿאָדעם? דאָס איז אַ רמז פֿאַר אייך, רב פּנחס... המם, ווי אין ישעיה שטייט געשריבן: ״אם יהיו חטאיכם כשנים״ — אויב אייערע זינד וועלן ווי קאַרמין זיין, ״כשלג ילבינו״ — וועלן זיי ווייס ווי שניי ווערן, ״אם יאַדימו כתולע״ — אויב זיי וועלן רויט זיין ווי ווערמילפֿאַרב „כצמר יהיו״ — וועלן זיי ווי וואָל ווערן...

ווי שוין גאָר איבערגעשראָקן פֿון זיין קול, טוט די שוואַלב אַ שאָס

* יעדן טאָג דערוואַרט איך אים.

אַרויס צוריק דורכן פענצטער, און זי איז נעלם. זייערע אויגן בלייבן הענגען אין דער דרויסנדיקער ליידיקייט אונטערן בלויען הימל. אָבער באַלד פירט יידעלע איבער די אויגן אויף פנחסעס פנים און זאָגט נחת־רוחדיק מיט אַ צעלויכטן פּנים און קוועלנדיקע אויגן:

— ווען מיר האָבן אין חדר ביי טרייטל מלמד, עליו השלום, געלערנט "קמצא בר קמצא", פלעגן מיר קינדער שמועסן צווישן זיך:

"פאַר וואָס דאַרף מען אַ שפּין צעטרעטן?"

"ווייל די שפּינען האָבן אין זייער שפּייעכץ געבראַכט פייער אונ־טערצוציינדן דעם בית־המקדש".

"און פאַר וואָס טאָר מען נישט צעשטערן די נעסט פון אַ שוואַלב אונטערן דאַך?"

"ווייל די שוואַלבן האָבן געבראַכט וואַסער אין זייערע שנעבעלעך צו לעשן די שרפה פונעם בית־המקדש"...

— פאַלט מיר ערשט איין, רב פנחס, אַז די דאָזיקע שוואַלב, וואָס האָט נאָר וואָס דאָ אַרומגעפלאַטערט איבער אונדזערע קעפּ און געמאַכט הקפות, איז געווען אַ משל... המם, און דער נמשל זענט איר...

— וואָס מיינט דערמיט דער מדרש־יידעלע צו זאָגן? — קנייטשט פנחס דעם שטערן אונטערן היטל און קוקט אַריין יידעלען אין די אויגן מיט אַ דרך־ארצדיקן, פרעגנדיקן בליק.

— דער מדרש מיינט, — שמייכלט יידעלע, — די שוואַלב איז אַריינגעפלויגן אין אַ מקום־קדוש — דאָס איז דער משל. און איר, רב פנחס, וועט אַריינפליִען אין הייליקן לאַנד — דאָס איז דער נמשל... המם, נאָר צווישן דעם משל מיטן נמשל איז פון דעסטוועגן דאָ אַ גרויסער חילוק: די שוואַלב איז צוריק אַרויסגעפלויגן צו איר נעסט, דאָ אונטער דער סטריכע אַוודאי, איר אָבער וועט שוין דאָרט מיטן אייבערשטנס הילף פאַרבלייבן.

איצט שטרעקט ער שוין אויס צו פנחסן די האַנט, און די הענט צעשאָקלען זיך אַ צווייט מאָל:

— פאָרט זשע געזונט, רב פנחס, און זאָל דער אייבערשטער אייך העלפן, אייך — די ערשטע שוואַלב פון לוהיסק, זיך אויפצובויען דאָרט אַ נעסט לאורך־ימים. עד מאה ועשרים. אָמן!

— אָמן, רב ייִדעלע! איכל אייך דאָרט אין זינען האָבן, וועל מתפלל זיין ביי דער הייליקער וואַנט, איר זאָלט וואָס פריִער זוכה זיין עולה צו זיין אויף אַ כסא־רבנות, ווי איך האָב זוכה געווען עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל.

# כז

גאַנץ פרי נאָך. אויפן מאַרקפּלאַץ, קעגן איבער דעם שאָסיי, שטייט אַ געזעמל מענטשן, צווישן־זיך־רעדנדיקע און שווייגנדיקע. סיי די, סיי יענע קוקן אַרויף צום שאָסיי, ווו סע שטייט מאָטישל באַלעגאָלעס געשפּאַן, גרייט אין וועג אַריין.

די צווישן־זיך־רעדנדיקע זענען די יונגע קרעמער: נאָטל שאַיעס מיט די קרייזעלעך, וועלכע ער הערט נישט אויף צו קרייזלען מיט די פינגערשפּיצן, כאָטש דאָס איז אַן איבעריקע מלאָכה; שמעון פיניע קאָפּ־טשיקס, וואָס די עטלעכע יאָר נאָך זיין חתונה האָבן שוין אויסגעבלאָסט זיינע באַקן, אָבער די אויגן זענען נאָך אַלץ העלע. ווי גלאָז; דער נידעריי־טשקער פיניע יעקב הערש, וואָס האָט צוליב שוואַכער לייזונג אין קלייט פאַרלוירן פון זיין דיקייט, און זיינע אַ מאָל אויפגעפּווישטע בעקלעך זענען אָפּגעצערט; מאַטעס נוחס, דער געוועזענער ראָוונער ישיבה־בחור, וואָס זיין גאָרגלקנאָפּ איז נאָך אומרויִקער ווי געווען, ווי ער זאָל אונטערטאַנצן פון דורשט...

אָפּגעזונדערט פון זיי, ממש ביים ראָוו וואָס טיילט פאַנאַנדער דעם מאַרקפּלאַץ פונעם שאָסיי, שטייט איינער אַליין דער פרומער יואל לייבס, זעליק שדכנס איידעם. זיינע אָפּגעצויגענע, טונקעלע באַקן זענען פאַרלאָפן מיט רויטס, אָבער דאָס מאָל נישט מחמת זיין איינגעבוירענער שעמעוו־דיקייט, נייערט מחמת דעם וואָס קומט פאָר אויפן שאָסיי.

לעבן מאָטישל באַלעגאָלעס געשפּאַן, וואָס אויף זיין וואָגן זיצן שוין די פאַרשוינען, שטייט פּנחס גבאי אין זיינע שבתדיקע בגדים, כאָטש ס׳איז היינט אַ פּראָסטער וואָכעדיקער מיטוואָך. אויף זיין פּנים און באָרד

שמעלצט זיך געמיטלעכער נחת־רוח. זיינע אויגן, נישט איינשטייענדיק אויפן אָרט, גלעטן מיט ליבשאַפט די פּנימלעך פון זיינע פינף אייניקלעך, דריי ייִנגעלעך און צוויי מיידעלעך, וואָס רינגלען אַרום זיין טאָכטער, די בת־יחידה, חיה זעלדע, ווי הינדעלעך אַ קוואָקע. אויך זיי זענען שבתדיק אָנגעטאָן. חיה זעלדע, אַ הויכע און דאַרע, אין גאַנצן אין שוואַרצן, מיט אַ גאָלדיק טערקיש שאַלכל אויפן קאָפּ. זעט אויס ווי זי וואָלט זיך קלייבן פאָרן מיטן טאַטן און די קינדער אויף אַ חתונה. אָבער איר טונקל פּנים מיט די גרויסע, שוואַרצע, גלאַנציקע אויגן, זעט גראָד אויס אומעטיק־באַזאָרגט. די אויגן גלאַנצן מיט כמורנער פייכטקייט פון פאַר אַ רעגן.

אַרום זיי, אַ ביסל אָפּגעטרעטן, שטייט אַ געזעמל אין האַלבן קרייז: עטלעכע ייִדן, וואָס זענען דאָ, גייענדיק אין בית־מדרש אַריין צו שחרית, אויס נייגעריקייט שטיין געבליבן; נחמה ידידיה מלמדס, אָדער נחמה די עקרה, וואָס האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט מיטן סידור אונטערן אָרעם אין מיטן גיין אין שיל אַריין; און עטלעכע ייִדענעס, שטיינגעבליבענע אין מיטן גיין פאַר פרי אין יאַטקע אַריין אַריינצוכאַפּן אַ פאַרבליבנס פון נעכטן וואָלוול דרויבל.

קיין פרעמדע קינדער שטייען דאָ נישט — ס׳איז נאָך צו פרי.

— נחמה לעבן, אַ גוטער מאָרגן זאָל אונדז זיין! — שלייכט צו און בלייבט שטיין לויכע די סופּרטע אין מיטן איר גאַנג צו איר פערעלען, וואָס איז נעבעך ווידער פאַרקראַנקט געוואָרן, ווי סע מאַכט זיך ביי איר אָפּטער. — וואָס איז דאָ דאָס שטייעניש אַזוי?

— איר זעט נישט? — ענטפערט איר שטיל נחמה, מיט ביטערניש אין די אויגן אויפן פאַרזאָרגט־פרומען פּנים, פונעם קאָפּשאַלעכל אַפּער, — פּנחס גבאי געזעגנט זיך אויף דער עלטער מיט דער טאָכטער דער "אַמעריקאַנקע" און מיט די אייניקלעך... וווהין ער פאָרט? אויף אַלע ייִדן געזאָגט געוואָרן. ער פאָרט אומקערן גאָט זיין נשמה אין ארץ־ישראל. רוען אין דער הייליקער ערד.

— אַז ווייל ווערט דאָרטן זיין צון אים און גוט ווערט דאָרטן זיין צו אים, אין דער זיסער מחיהדיקער ערד, נישט נאָר צו זיין נשמה, נאָר אויך צו זיין גוף, — שאָקלט לויכע מיטן גרויען קאָפּטיכל, וואָס באַהאַלט אויס איר שטערן ביז די אויגן און אירע אויערן. — אין דער הייליקער ערד

האָבן די ווערעם קיין שליטה נישט אויפן לייב פונעם בר־מנן. אַזוי האָט מיר נישט איין מאָל געלערנט מיין לוי, עליו השלום. ער, נעבעך, כאָטש ער האָט זיך די אויגן אַרויסגעריסן איבער די הייליקע פּאַרמעטן, האָט די זכיה נישט דערלעבט. חוץ וואָס מ׳האָט צו זיין קבורה צוגעשיקט אַ ביסל ווייסע ארץ־ישראל ערד אין אַ פּושקעלע פון שמעקטאַבעקע פונעם רבין, ער זאָל מאַריך־ימים זיין; טאָקע נאָר אַ ביסעלע, ווי אויף אַ שמעק צו טאָן.

— דערפאַר, — טרייסט איר נחמה גלייך אויפן אָרט, — האָט רב לוין, עליו השלום, דער אייבערשטער צוגעטיילט צוויי קדיש־זאָגערס, און פּנחס האָט אַפילו קיין איינעם נישט. ווי איך מיט מיין מאַן, אוי־ווײ איז נעבעך אונדז...

— נו, פרעגט, וואָס זאַמט ער זיך אַזוי לאַנג, דער ניינטער פאַרשוין?

— טוט מאָטישל אומגעדולדיק אַ כוואָשטשע מיט דער בייטש אין דער לופט, ווי ער וואָלט יענעם אַ שמיץ געטאָן, מיט וואָס ער שלאָגט איבער דעם גלויביקן שמועס צווישן דער סופרטע און נחמה דער עקרה.

— אַז מע קלינגט אין קלויסטער, איז חגא...

דער מיין פונעם דאָזיקן זאָג, מאָטישלס, בלייבט פאַרהוילן פון די אַרומיקע. מע ווייסט דאָך נישט, ווער סע איז דאָס דער ניינטער פאַרשוין. און פּנחס גבאי טוט אַ ווענד דאָס פּנים צו מאָטישלען, ווי מיט פאַרדראָס:

— וואָס עפּעס, מאָטישל, פלוצעם, אויפן פרימאָרגן, זיך אומריין מאַכן דאָס מויל מיט דער תיפלה? האָסט דאָך שוין אַוודאי גְעהאַט היינט אַ ביסן דאַווענען אין מויל. ווי קומט "תיפלה", להבדיל אלף אלפי הבדלות, צו תפילה?...

— רב פּנחס, זייט מוחל, — זאָגט מאָטישל מיט דרך־ארץ. — איר הערט נישט ווי אין דער פּוילישער תיפלה קלינגט מען. נאָר ס׳איז היינט נישט לכבוד קיין חגא. ס׳איז צום פאַרשלעפּן אַ פגר. דער הערבאַטניקער גראַף, דער שונא־ישראל, האָט אַ מיתה־משונה איינגענומען. כ׳האָב קיין מאָל נישט ליב צוהערן דאָס קלינגעניש צו אַ פאַרשלעפּעניש.

דאָ טוט פלוצעם חיה זעלדע, פּנחסעס טאָכטער, אַ ברעך אויס מיט אַ יאָמער:

— אויף וועמען, טאַטע, לאָזטו איבער דיינע אייניקלעך און דיין טאָכטער?

די אויגן פון די געזעמלען, פון דעם וואָס שטייט דאָ און פון דעם וואָס אויף דער צווייטער זייט ראָוו, טוען זיך אַ ווענד צו איר, און די אויערן שטעלן זיך אָן שאַרפער. דער טאַטע דרייט אויס דאָס פּנים פון מאַטישלען צוריק צו דער טאָכטער. מיט אַ צעשמייכלט פּנים און כלומר־שט ביייזלעך קול רייסט ער איבער איר יאָמער:

— וואָס הייסט "אויף וועמען?" אויפן "אָבינו שבשמים", אויפן טאַטן אין הימל. איך נעם אים טאַקע מיט מיט זיך אין האַרצן, דעם אייבערשטן, אָבער ער בלייבט אויך מיט דיר און מיט די קינדער. ווי מיט אַלע לוהיסקער ייִדן. ער איז אומעטום. און דערווייל — שיקט דאָך דיר דיין מאַן, מיטן אייבערשטנס הילף, דאָלאַרן. מיט דער צייט — אָדער דיין שעפטל וועט קומען אַהער צון אייך, אָדער אייך אַרויסנעמען צו זיך... דעמלט וואָלט דאָך אויסגעקומען, אַז איך זאָל דאָ פאַרבלייבן אַליין... ניין־ניין! חלילה־וחס! נישט אַליין — מיט גאָט.

— אָבער טאַטע, מיר וועלן זיך דאָך שוין מער קיין מאָל נישט זען! — ברעכט זי ווידער אויס מיט צערונענעם יאָמער.

— פאַר וואָס עפּעס? — לאָזט זיך דער טאַטע נישט ווייך מאַכן דאָס האַרץ. — אַ פרומע ייִדישע טאָכטער, און דו, חיה זעלדע, דאַרפסט זיין אַזעלכע, וואַרט אויף משיחן איטלעכן טאָג... אויב כ'וועל דערהערן אין וועג דעם שאַל פונעם שופר־של־משיח, וועל איך זיך אָפּשטעלן און צווואַרטן אויף אייך.

— דו הערסט, נחמה־לעבן? ער רעדט דאָך ווי אַ צדיק, רב פּנחס.

— שעפּטשעט לויכע די סופּרטע זיס־פּרום און הערט זיך צו וואָס רב פּנחס רעדט ווייטער, סיי ערנסט, סיי מיט אַ שמייכל:

— נאָר אויב מיר איז נישט באַשערט, חלילה, איך האָב נישט דעם זכות צו דערלעבן משיחן. איז וואָס זשע וואָלסטו בעסער געוואָלט, געטרייע טאָכטער, אַז דער טאַטע זאָל האָבן גילגול־מחילות? דו ווייסט וואָס דאָס הייסט? קייקלען זיך מיט די אַלטעביינער אַזש פון לוהיסקער הייליקן אָרט אין הייליקן לאַנד אַריין. מע דאַרף שוין אויף אַן אַלטן טאַטן גאָר קיין רחמנות נישט האָבן? שעמען מעגסטו זיך, בת־יחידה מיינע!

און טאַקע ווי זי וואָלט זיך פאַרשעמט, האַקט זי אָפּ די שיטערע רעשטלעך יאָמער און טוט אַ פאַל צום טאַטנס האַרץ מיט טרוקענע און הייסע ווערטער:

— פאָר געזונט, טאַטע. און... בעט דאָרטן גאָט אויף משיחן. ס׳איז שווער אַ מאַמע מיט קינדער צו וואַרטן אויפן מאַן און טאַטן פון אַמע־ריקע, כאָטש ער שיקט דאָלאַרן. נאָך שווערער איז די ייִדן צו וואַרטן אויף משיחן פון הימל... דער הערבאַטקינער גראַף האָט אַ מיתה־משונה איינגענומען, אָבער וויפל זענען נאָך פאַרבליבן?... ס׳איז שוין מער קיין כוח נישטאָ...

— חיה זעלדע! — באַוווּנדערט די סופּרטע אירע רייד. — גינגאָל־דענע ווערטער! אויך זי רעדט ווי אַ צדיקת. דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון ביימעלע. די טאָכטער איז ווערט איר טאַטן. דו הערסט, נחמה־לעבן? כאָטש... זיי זענען פונעם פּראָסטן נאַראָד און אים רופט מען מתנגד...

— שאַט, הערצעלע קומט אַהער! — איז עמעץ פריילעך מבשר.

פּנחס גבאי קוקט זיך אַרום און דערזעט הערצעלען, דעם שטאָט־משוגענעם, זיך דערנענטערן מיטן שאַסיי. ווי תמיד: שטאָלץ־אויפגע־שטרעקט; דאָס חושכדיקע העמד צעכראַסטעט; די פיס באָרוועס אונטער די קורצע אָפּגעשאָסענע קאָרטענע הויזן; דאָס פּנים מיטן ווילדן קאָלטנ־בערדל פאַרטראַכט; די אויגן גלאָזיק פאַרקוקט פאָרויס צו דער נידער. פון צייט צו צייט טוט ער זיך אַ בייג אַראָפּ, אַ הייב עפּעס אויף, אַ וואָרף אָפּ עס אין דער זייט און ווייטער געשלייכט זיך.

ווען הערצעלע גלייכט זיך אויס מיטן וואָגן, טוט זיך אַ בייג אַראָפּ און אַ הייב אויף עפּעס, טוט אים פּנחס אַ רוף מיט דרך־ארץ, ווי ער וואָלט אים אויפרופן צו דער תורה:

— יעמוד, רב הערצל.

בלייבט ער שטיין, הערצעלע, מיט אַ שטיינדל אין האַנט, שטעלט אָן דעם אַשגרויען בליק אויף אים און טוט אַ וואָרטשע:

— וואָסי, רב פּנחס גבאי? טשאָלנט?...

— כ׳וויל זיך מיט דיר געזעגענען, רב הערצל, פאָרן אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל.

ווערט מיט אַ מאָל הערצעלעס פאַרגליווערט פּנים באַוועגלעך

פינקעלעך טוען אים אַ שימער פון אונטערן אַש פון די אויגן, און אַ ראָזלעכקייט גייט אויף אויף די אָפּגעצויגענע באַקן:

— קיין ארץ־ישראל?... רב פנחס בן אלעזר בן אהרון הכוהן פאָרט מיט פערד־און־קאַרעטע... "בקנאו את קנאתי" — מיט וואָס ער האָט זיך אָנגענומען פון מיינעטוועגן.. און הערצעלע איז מקנא רב פּינחסן בן אלעזר בן אַהרון הכוהן... הערצעלע הלוי... נאַ!... — טוט ער אים אַ שטופּ אַריין דאָס שטיינדל אין דער דלאָניע און וואַרטשעט ווייטער. — רב פּנחס בן אלעזר בן אַהרון הכוהן וועט אים באַגעגענען, רב משיחן.. אויפן לודמירער וועג... ער קומט אָן פון טריסקער רבין... זאָל אים רב פּנחס בן אלעזר בן אַהרון הכוהן לאמורן: "שלום עליכם, רב משיח... שלום עליכם, רב משיחס אייזעלע... הערצעלע לוהיסקער לאָזט אייך הערצלעך גריסן.. שוין די העכסטע צייט טאַקע.. דאָס שטיינדעלע ביי דיר אין האַנט... געוויקט אין ייִדיש בלוט... שיקט ער אייך אַ מתנה... אַ סימן... ער מידט זיך פאַר דער גאולה, הערצעלע, וואָס נאָר ער איז ביכולת...

דאָ טוט ער זיך האַסטיק אַ קער אַוועק, לאָזט זיך שלייכן פּאָרויס און רופט אין דער לופט אַריין:

— קאָשקאָשקאָש!... רב משיחס רב אייזעלע..

פון די געזעמלעך שיסט אויס אַ געלעכטער אין כאָר. אויך חיה זעלדע קאָן זיך נישט באַהערשן, און אויף איר פאַרטרויערט פּנים צעווינט זיך אַ שמייכל.

— מע טאָר נישט אָפּלאַכן, טאָכטער, — לערנט איר דער טאַטע, — די וועלט זאָגט אַ שפּריכוואָרט: "אַ חלום איז אַ האַלבער נביא". זי זאָגט אויך: "אַ גאַנצער נאַר איז אַ האַלבער נביא"... און וואָס איז דען אַ משוגענער? אַ נאַר און אַ בעל־חלומות.. אין זיינע רייד שטעקט אפשר נביאות... "איר וועט אים באַגעגענען אויפן לודמירער וועג", האָט ער געזאָגט... אָט לייג איך אַריין דאָס שטיינדעלע, וואָס ער האָט מיר געשענקט אָן אַדיזנע, אין וועסטל־קעשענע... כ'בין בטוח: איכל מיטן שטיינדל אָנקומען קיין ירושלים... הער, חיה זעלדע: אַז ער וועט קומען, הערצעלע, אם ירצה השם, שבת אויף טשאָלנט, טייל אים צו אויך מיין חלק. טאָמער

פאַרגעסט ער צו קומען, ווי סע מאַכט זיך אַ מאָל, גיי אים אויפזוכן, למען־השם...

— אַזוי ווי דו באַפעלסט מיר, טאַטע. זיך שוין אויף. טאַטע, שטייסט שוין צו לאַנג אויף די פיס.

ער דרייט זיך אויס צום וואָגן און שטעלט אַרויף דעם רעכטן פוס אויפן דרענגלשטיג.

— דער רב לאָזט זיך אַהער! — רופט אויס, איבערגעראַשט און איבערראַשנדיק אַלע אַרום, מאַטישל באַלעגאָלע און שטעלט אַראָפּ די פוזשעלע, ווי אַ שטעקן, אויף קבלת־פּנים.

פּנחס גבאי טוט אַ כאַפּ אַראָפּ דעם פוס פונעם דרענגלשטיג און דרייט זיך אויס צום אָנקומענדיקן רב. דער רב, מיטן טלית־זאַק אונ־טערן אָרעם, קומט צו פאַמעלעכן און שטרעקט אויס צו אים די האַנט.

— רב פּנחס, — קוקט ער אים אַריין מיט אַ געטרייען פרומען בליק אין די אויגן אַריין, — די השגחה וויל אַפּנים, מיר זאָלן זיך אַ צווייט מאָל געזעגענען. כ׳האָב אייך דערזען דאָ ביים וואָגן פון ווייטן. זאָלן אייך גוטע גאָטס שליחים באַגלייטן אין וועג, ווי יעקבן, און ברענגען בשלום אין ארץ הבחירה.* ווי נאָר איר וועט זיין דאָרטן און שטעלן די ערשטע עטלעכע שפּאַן, וועט איר זיכער זיין מיט עולם־הבא. ס׳איז אַ בפירושע גמרא: ״ווער סע גייט פיר איילן אין ארץ־ישראל, איז אים פאַרזיכערט עולם־הבא״... המם, יאָ. אַז ס׳איז שוין אַזוי געשען, איז עס מסתמא נישט אומזיסט. איך האָב צו אייך אַ בקשה, רב פּנחס. נעכטן, בעתן געזעגענען זיך, איז עס מיר אויפן זינען נישט אַרויף. אַז איר וועט שוין, בעזרת השם יתברך** קומען דאָרטן, אויב נישט ״אל הנחלה״,*** נאָר לכל הפּחות ״אל המנוחה.**** האָט מיר, למען השם, אין זינען בכלל און שיקט מיר אַ זעקעלע ארץ־ישראל־ערד בפרט. אויב נאָר מעגלעך — פון לעבן דעם אוהל־רחל־אמנו... און פאַר די

---

* אויסדערוויילט לאַנד.

** מיט גאָטס הילף, געלויבט זאָל ער זיין.

*** צו דער אַרבונג.

**** צו דער רו.

משלוח־הוצאות וועל איך אייך מיטן אייבערשטנס הילף אומקערן.

— דער אייבערשטער זאָל מיר נאָר שענקען דעם זכות, רב, וועל איך אייער שליחות אַוודאי מיט גרויס פרייד מקיים זיין. בלי נדר. ס'איז דאָך אַ גרויסע מצווה. און אייך, רב, זאָל דער וואָס לעבט אייביק געבן אַריכת־ימים, ווי איר פאַרדינט זיך. איר זאָלט פריִער דערלעבן משיחן און נישט דאַרפן אָנקומען צו מיין שליחות.

אַ לעצטער צעשאָקל מיט די צונויפגעקלעמטע דלאָניעס. אַ לעצטער צושאָקל מיט די קעפּ. דער רב גייט אָפּ. רב פּנחס שטייגט אַרויף אויפן וואָגן און זעצט זיך איין. מאָטישל טוט אַ הייב אַרויף די בייטש, אַ פּאָך מיט איר אין דער לופטן און רופט אויס פריילעך:

— אָט שפּאַנט ער שוין דאָרט, דער ניינטער פאַרשוין, און איכל זיין דער צענטער צום מנין!

— דערוואַרט זיך אויף משיחן מיט האַרטן קאַקעליאַש! — איז מוסיף אין זעלבן טאָן דער נאַר־וואָס צוגעקומענער שימקע שטאָט־לץ. — זעט־זעט, ער קומט דאָך נישט אַליין. מיט אַ לייטישער סוויטע. אַז מע קלינגט אין קלויסטער, איז חגא...

איצטער פאַרשטייט שוין נישט איינער דעם מיין פון אָט דעם זאָג. פריִער פון מאָטישלס מויל און איצטער פון שימקעס. עטלעכע פון די יונגע קרעמערלעך אויף יענער זייט ראָוו צעשמייכלען זיך.

מיט אייליקע טריט דערנענטערט זיך לייב "שרייבער" מיט אַ קליין רענצל אין האַנט. אים באַגלייטן פון ביידע זייטן וואָלף "שיקסע"־שניי־דער און וואָלפעכע "מיטן פראַנצעוואַטן נעזל".

— מאַכט אַ וואַרע! — רופט אויס מיט אַן אָטעמשטים שימקע שטאָט־לץ. — נאַפּעליאָן מיט די פּראַנצויזן אין די הויזן קומט אָן...

ס'ברעכט אויס אַ געלעכטער. נאָר לויכע די סופרטע פאַרשטייט נישט וואָס פאַר אַ ז אַ חכמה שימקע האָט עס געזאָגט און פאַר וואָס מע לאַכט אין מיטן דרינען.

— נחמה־לעבן, — שעפּטשעט זי דער עקרה דורכן קאָפּשאַלעכל אין אויער אַריין, — זאָלסט מיר לעבן און געזונט זיין, ווי קומט אַהער די שניידערקע? זי וועט פאָרן, חלילה, מיט די מאַנצבל?.. מע מומלט אויף איר תמיד אַזוי אויך... פּו, פּו, פּו...

— זי קומט אָוודאי געזעגענען זייער קוואַרטיראַנט, לייב "שרייבער",
— שושקעט איר צוריק די עקרה אין קאַפּיטיכל אַריין. — יאָ... זי איז אַן עקרה צוליב אירע אייגענע זינד... אַ טיר, וואָס איז אָפן־הפקר, זאָגט מיין ידידיה, ווערט פון דער השגחה פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער... אין דער היים זיך געזעגענען איז איר אַפּנים נאָך ווייניק געווען. ווי דאָס האָט נישט קיין בושה פאַרן אייגענעם מאַן!... און דער וואָלף גייט איר נאָך ווי אַ לאַם און שעמט זיך נישט פאַר אַ שטאָט מיט ייִדן!... מע שמועסט, דער רב האָט זיך דערוווּסט דעם גאַנצן אמת וועגן דעם "שרייבערוק", טרייבט ער אים אַרויס צו געבן אַ גט זיין ווייב, וואָס איז שוין אפשר צען יאָר אַ לעבעדיקע עגונה... און דאָ האָט ער זיך געוואַרעמט לעם אַ זונה... אַזוינעם — וואָלט מען שוין פון לאַנג געווען געבעדאַרפט אַרויסיאָגן ווי אַ הונט פון שטעטל. ער האָט זיך דאָך פאַרשטעלט פאַר אַן אַלטן בחור און געדאַוונט אָן אַ טלית.

— רחמנא־ליצלן! — פאַרגלאָצט די סופּרטע די אויגן צום דע־כעלע פון איר קאַפּיטיכל, מיינענדיק דעם הימל, און האָרכט זיך איין צו דעם וואָס די עקרה לאָזט אויס:

— אַז פאַרשטעלן זאָלן אים שוין שדים און רוחות דעם וועג, ווו נאָר ער וועט זיך קערן און ווענדן! צוליב אַזוינע ווערן יונגע מאַמעס, ווי אייער פּערעלע, זאָל געזונט זיין, קראַנק אויף אַ לונגפעלער. צוליב אַזוינע פאַרשליסט דער אייבערשטער די טראַכט פון כשרע ייִדישע טעכטער...

ווי נאָר מאָטישל דערטאַפּט אַן אָרט אין וואָגן צו פאַרשטופּן אַהין לייב "שרייבערס" רענצל, און לייב אַליין זעצט זיך איין ווי־עס־איז, ווי ער אַליין מאַכט זיך עס צו רעכט מיטן שפּריכוואָרט: "דעם לעצטן בייסן די הינט", טוט מאָטישל כוואַטסקע אַ פייף מיט דער בייטש:

— נו, אַז מיר זענען שוין, צוזאַמען מיטן באַלעגאָלטשיקל, אַ קיי־לעכיקער מנין, קאָן מען שוין מיט די פערדלעך אַ דאַוון טאָן פון פאַרנט. וויאָ!

חיה זעלדעס גוף, אין גאַנצן אין שוואַרצן, טוט זיך אַ בייג־אַ־ריס פאָרויס צום אָפּפאָרנדיקן טאָטנס פּלייצע, אויסשטרעקנדיק די הענט אין די ברייטע אַרבל, ווי פליגל. זי זעט אויס ווי אַן אויסטערלישער

שוואַרצער פויגל, פאַרגליווערט אין מיטן פלי. נאָר גלייך טוען די פליגל מאַכטלאָז אַ פאַל אַראָפּ און ווערן צוריק הענט. זי טוט מיט זיי אַ זאַמל אויף די קינדער אַרום זיך און לאָזט זיך אַוועק מיט שנעלע טריט, ווי אַנטלאָפן פון אַן אומגליק.

מאָטישל שרעקט די פערד מיט דער צעפּאָכט־צעשלענגלטער בייטש. דער וואָגן קייקלט זיך האַסטיק אויף זיינע מיט אייזן אַרומגערייפטע רעדער. זיי טראַסקען איבער די שטיינקעפּלעך פונעם שאָסיי. נאָר דאָס טראַסקעניש איז נישט אין שטאַנד גובר צו זיין דאָס קלינגעריי און גע־זשומעריי פון די קאַשטשאַל־גלעקער איבערן שטעטל. פנחס גבאי הערט זיך איין אַ ווייל אין די גלאָקנטענער וואָס גייען אויס דאָרט ביים הימל־ברעג, גוססן ערגעץ איבער די וואַסערן פונעם טייך. טוט ער שטיל אַ מורמל מיט פרומען פאַרדרוס הינטער לייב „שרייבערס” פּלייצע:

— „שקץ תשקצנו ותעב תתעבנו” און שפּייט אַריין דריי מאָל צו זיך אין בוזעם.

לייב „שרייבער”, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט לערנען מיט פנחסן אין באַלמעלאָכישן שטיבל אַ שטיקל מדרש, דרייט אויס צון אים אַ צעש־מייכלט פּנים און פאַרטייטשט:

— מיאוסן זאָלסטו זיך מיאוסן מיט דעם און פאַראומווערדיקן זאָל־סטו עס פאַראומווערדיקן, די טומאה...

אָבער פנחס גבאי מיינט איצטער מיטן פּסוק נישט נאָר דעם היגן פּראַוואָסלאַוונעם קלויסטער, קאַטוילישן קאַשטשאָל און דעם מאָנאַסטיר, נייערט דעם גאַנצן גלות, וואָס פון זיין גאָרער שנאה און טומאה ער רייסט זיך איצט אַרויס מיטן אייבערשטנס הילף... דער גלות איז איין ריזיקע תיפלה, ווי אַן עוג מלך הבשן... ווי זאָגט דער מדרש וועגן אים ?...

— לעבעדיקער ! — טוט מאָטישל אַ שמיצל די פערד. — לויטן קלינגעניש קומט שוין דאָרט פאַר דאָס פאַרשלעפּעניש. מע טראָגט אים שוין דאָרט אַרויס, דעם הערבאַטניקער פּגר... ייִדן, פאַרשטאָפּט די נעז. אַזש ד אָ פאַרגייט עס אין דער נאָז. סע שטינקט, ווי פון דער בוינע אַרויס, להבדיל.

✶

די יונגע קרעמער אויפן מאַרקפּלאַץ קעגן איבער דעם שאָסיי צע־גייען זיך פּאַמעלעך, יעדער צו זיין קלייט, ווו סע זיצט זיין ווייבל, גע־נעצט און וואַרט אויף דעם נייס וואָס ער וועט ברענגען. אויך דער פרו־מער יואל לייבס לאָזט זיך באַדאַכט צום ווייבל, וואָס זיצט אויפן קעסטל פאַר דער קלייט און זייגט זייער צווייט קינד, אַ לויב דעם אייבערשטן. די רויטע פאַרב אויף זיינע באַקן איז שוין אָפּגעגאַנגען. זיי קלייבן זיך ערשט, די באַקן זיינע, רויט צו ווערן ביים נעמען אויסדערציילן איר וואָס דאָרט אויפן שאָסיי "האָט זיך אַלץ נישט אָפּגעטאָן"... דער "שריי־בער"... די וואָלפּעכע...

אויך דאָס געזעמל אויפן שאָסיי גייט זיך פאַנאַנדער. שטיין בלייבן דאָ בלויז וואָלף שניידער מיט זיין גאָלדען. די קעפּ — טרויעריק אַראָפּ־געלאָזט. זייערע פאַרבענקטע אויגן קוקן נאָך אַלץ אַהין, וווהין מאַטישלס וואָגן מיט זייער קאָמינעק איז, זיך פאַרדרייענדיק אויפן לודמירער וועג, נעלם געוואָרן. מיט אַ מאָל טוען זיי ביידע גלייכצייטיק אַ הייב אַרויף די קעפּ מיט די פּנימער צו איינאַנדער און קוקן זיך שטום אַריין אין די אויגן. דאָס מאָל באַקומט גראָד דער ערשטער דאָס לשון וואָלף:

— גאָלדע, — מרוטשעט ער מיט הפסקות, — אונדזער קאָמינעק... נישט עפּעס קיין ליאַדע יינגעלע... אַ מענטש אַ גאַנצער... אַ "שרייבער"... אַ נאַדוואָקאַט... געוועזן ווי אַן אייגן קינד אין שטוב... ווי אַ קינד אַקוראַט...

גאָלדע פאַרשטייט וואָס ער זאָגט און וואָס ער דערזאָגט נישט. אירע ליפּן טוען אַ צוק, און זי פּאָנפּעט שטיל, וואַרעם, פייכט:

— וואָנפּ... אַז אונדז איז נישט באַשערט... איז אונדז אויך דאָס נישט באַשערט... קום שוין אַהיים... דאָס קעצעלע דאָרטן מיאַוקעט שוין אַוודאי... בענקט נאָך דער פאַרפאַלן געוואָרענער מאַמען... נאָך אַ ביסע־לע וואַרעמע, זיסע מילך... בין איך די מאַמע...

אויך זי יוערט פאַרשטאַנען פון וואָלפן. ביידע טוען איינצייטיק אַ לאָז אַראָפּ די אויגן אויף די אָפּגעליידיקטע שטיינער פונעם שאָסיי, ווו פערד־און־וואָגן זענען געשטאַנען און מענטשן אַרום. סע זעט אויס ביי זיי ווי אַ פּאָדלאָגע נאָכן אַרויסטראָגן פון שטוב דעם בר־מינן.

מיט פּאַמעלעכע שטילע טריט, ווי געגאַנגען אין די זאָקן, לאָזן זיי זיך אַהיים. זיי הערן נישט דאָס קלינגעריי פון די קאָשטשאָל־גלעקער,

נאָר דאָס יאָמערלעכע מיאַוקען פֿונעם קעצעלע אין דער היים. ווי אַ פּיצל הונגעריק עופעלע וואָלט געוויינט נאָך אַ מאַמעס ברוסט...

דאָ קומט זיי פּלוצעם אָן אַנטקעגן הערצעלע דער שטאָט־משוגענער, שלייכנדיק צוריק. ווען ער דערנענטערט זיך צו זיי, דערהערן זיי זיין פּלוידערן צו זיך אַליין:

— רב פּנחס בן אלעזר הכוהן בן אַהרון הכוהן... האָט עוקר געווען פֿון לוהיסק... פֿונעם גלות פּיסק... עוקר געווען... "רני עקרה לא ילדה"

— זינג, עקרה... בים־באַמבאַם... וואָס האָט נישט געבוירן... בים־באַמבאַם... זינג, עקרה... רב משיח קומט... זינג, עקרה...

— וואַנף, — שטעלט גאָלדע אָן אויפֿן מאַן פֿרעגנדיקע אויגן, ווען הערצעלע איז זיי שוין פֿאַרבייגעגאַנגען, און זיי דערווייטערן זיך פֿון אים אין גאַנג, — וואָס האָט ער עפּעס געפּלוידערט: "זינג, עקרה... זינג, עקרה..."? ווי ער וואָלט עס געמיינט מיך...

— מאַלע וואָס אַ משוגענעם... וואָס אַ משוגענעם... קומט אויף דער צונג. — מאַכט עס וואָלף אַוועק, אַליין צערודערט פֿונעם משוגענעמס רייד. — ביי אַ משוגענעם זענען דאָך אַלע אברים משוגע... נו, ז'די צונג אויך משוגע... באַלאַקעט זי גלאַט אין דער וועלט אַריין...

— און עפּעס מ ש י ח, מ ש י ח, האָט ער איבערגעחזרט.

— ער האָט געזאָגט... ער האָט געזאָגט... — בלאָנדזשעט וואָלף נאָך עפּעס אַ געדאַנק, — אַז ווען משיח וועט קומען... ווען משיח וועט קומען, וועלן די עקרות זינגען...

— וואָס וועט זיין די גדולה אויף זיי? — פֿאַרשטייט נישט גאָלדע.

— נאָך דעם וואָס זיי האָבן אַ לעבן אָפּגעפּינצטערט אָן אַ רינד און אָן אַ קינד?

— המם?... פֿאַרשטיי, גאָלדע... ווען משיח וועט קומען... יאָ, וועלן אויף דיביימער וואַקסן גאָמעלקעס און פּיטשעפּונטשיקע קינדערלעך... כע־כע־כע...וועט יעדע עקרה צוגיין צון אַ בוים... כע־כע־כע... אָפּרייסן פֿאַר זיך אַ קינדעלע און... שוין, זי איז שוין אַ מאַמע... כע־כע־כע... וועט יעדער עקר צוגיין צון אַ בוים... אָפּרייסן פֿאַר זיך אַ קינדעלע, און שוין, ער איז שוין אַ טאַטע... כע־כע־כע...

— אַזוי?! — בלייבט גאָלדע שטיין אַ ווייל, — וואָס דו רעדסט!

טאַקע אמת ?

— אמת. כ׳האָב אַ מאָל געהערט רעדן וועגן דעם פּנחסן... סע שטייט אין מדרש, האָט ער געזאָגט...

— אין בית־מדרש שטייט עס ? פאַר וואָס זשע האָסט דו עס נישט געזען ?

— ניין, גאָלדע. אין אַ זאַ גרויסער גמרא. פּנחס רופט זי מדרש. דער מדרש, האָט ער איין מאָל געזאָגט, הייסט אים פאָרן קיין ארץ־ישראל...

— וואָנהףף ! — טוט זיך עפּעס אַ צינד אָן אין וואָלפעכעס עקרהדיק געמיט, און זי טוט האַסטיק אַ פרעג, — ווי קלערסטו ? אין ארץ־ישראל זענען אויך דאָ עקרות ?... אפשר וואָלטן מיר אויך געבאַדאַרפט פאָרן אַהינצוצו ?...

## כח

... דאָס אַלץ איז אַ השגחה־זאַך. — טראַכט ייִדעלע, זיצנדיק אין זייער אַלקער און אַכטונג געבנדיק אויף דער צוויי־יעריקער פריידעלען, אַ פאַרשפּילטע מיט זיך אליין אַויף דער פּאָדלאָגע. — אַ השגחה־זאַך. נישט איך בין שולדיק געווען וואָס זי איז שוין צוויי מאָל געווען צו עטלעכע יאָר אָן ״עקרה״ — פאַרן געבוירן מאירלען און פאַרן געבוירן פריידעלען. נייערט, ווי אין פּסוק שטייט : ״כי סגר אַדושם בעד רחמה״

— ווייל גאָט האָט פאַרשלאָסן איר טראַכט... כדי וואָס ? כדי מיין בכור, מאירל, זאָל אויפשטעלן מיין טאַטנס נאָמען, עליו השלום, און כדי מיין בת־יחידהלע, פריידעלע, זאָל אויפשטעלן מיין מאַמעס נאָמען, עליה השלום... דאָס איז ״ברור כשמש״.* אַפילו אַ טיפּש קאָן עס פאַר־שטיין. כאָטש זי, די כאַכיימע, זאָגט אַנדערש... אַלץ כדי מיר די יאָרן צו דערגיין. דאָס לעבן מיר פאַרקירצן. פאַרסמען מיר דעם דם־התמצית. כדי וואָס ? כדי צו באַווייזן, אַז איך בין פאַרט אַ שוואַכער מאַנצפאַרשוין... מאַ, היינט לאַך איך זיך אויס פון איר דאַזיקער טענה.

---

* קלאָר ווי די זון.

איך טענה מיט איר אַפילו נישט איין וועגן דעם... ברוך השם! מאירל לערנט שוין אין חדר, און די קליינע פריידעלע וואַקסט.סע וועט פון איר, מיט גאָטס הילף, אויסוואַקסן אַ גרויסע פרייד; אַ גרויסע פריידע — מיין מאַמע, עליה השלום... סע קומט אויס עפּעס ווי מיין טאַטע־מאַמע, עליהם השלום, וואָלטן זיך פאַרשטעלט פאַר קינדער און געקומען צו מיר אין אַלקער אַריין... אַ דאַנק דעם אייבערשטן: מאירל איז אין גאַנצן אין מיין טאַטן אַריין געראָטן. חוץ די רויטע האָר אויפן קעפּל, ווי ביי זיין מאַמען מיידלוויז... קיין שמץ ענלעכקייט נישט צום שווער. נישטאָ אין זיינע אויגן דעם שווערס בייזקייט, חלילה. און פריידעלע — אַ קאָפּיע פון מיין מאַמען, עליה השלום, מיט נאָך עפּעס אַ מהשהו פון דער גוטער און שטילער שוויגער, איר צו לאַנגע יאָרן... ווי שיין און שטיל דאָס קינד שפּילט זיך! אַז זי איז פאַרעסקט אין קיך, קאָן איך פרייער אָפּעטעמען... יאָ, נאָר...

ער זיפצט אָפּ אויף אַ קול.

דאַרף עס פּונקט אויפן זיפץ אַנטראָגן קיילע חיהן. ווי דער זיפץ זאָל זיין אַן אָנגעריבן שוועבעלע, און זי — אַ קנויט פון אַ נאַפטלאָמפּ. טוט זי זיך אַ צינד אָן. ס'טוט פון איר אַ פּלאַץ אַרויס, ווי דער נאַפט אין דער ביינקע וואָלט זיך אָנגעכאַפּט:

— אַ זיפצעניש אויף אַלע מיינע שונאים!... דאָס קינד שפּילט זיך, ווי אַ גאָלד, און ער זיפצט! נישט אַנדערש, ער וויל דאָס קינד אַריינטרייבן אין אַ מרה־שחורה מיט זיין זיפצעניש, גאָט באַהיט!

דער מאַן לאָזט אַראָפּהענגען דעם קאָפּ, איבערקאָכן אין זיך דעם כעס און שווייגט.

דאָס ווייב טוט זיך אַ בייג אַראָפּ, אַ כאַפּ פריידעלען אויף די הענט און דריקט צו איר קעפּעלע צו איר פלאַך־געוואָרענער ברוסט:

— מ י ר זאָל זיין. פאַר דיין גאָלדן קעפּעלע. די מרה־שחורה זאָל אין גאַנצן פאַרבלייבן ביי דיין טאַטן. ווי ער האָט פאַרמרה־שחורהט דאָס גאַנצע לעבן דיין מאַמעס.

פריידעלע ברעכט אויס אין אַ געוויין... צי דערויף וואָס מע האָט זי אוועקגעריסן פונעם שפּילן זיך, צי דערויף וואָס די מאַמע שרייט אויפן טאַטן. זעצט זי די מאַמע צוריק אַראָפּ אויף דער פאָדלאָגע, גיט אַ פּירוש

אויפֿן קינדס געוויין: "פֿון זיין זיפּצעניש, מיינע שונאים, קומט עס אַרויס, דעם קינדס געוויין, נעבעך", און גייט אַרויס אַ צעצאַרנטע.

דער מאַן הייבט אַרויף דעם קאָפּ. קוקט ווי פֿריידעלע שפּילט זיך ווייטער, פֿאַרטאָן און רויִק. זיפּצט אָפּ מיט אַ זיפּץ פֿון פֿאַרלייכטערונג, וואָס זיין טייטש איז: "ברוך שפּטרני"!

...די השגחה, — טראַכט ער ווייטער, — מע זעט עס באַשיימפּער־לעך, קוקט אויף מיר "בעין יפה."* און זי, ווי דער השגחה להכעיס — "בעין רעה".** צוויי קינדערלעך האָט זי שוין מיט מיר געבראַכט אויף דער וועלט, און איך בין נאָך אַלץ ביי איר אַן אורח: "אשה צרה עיניה באורחים" — אַן אישה פֿאַרליידט נישט קיין אורחים... נאָר ווי זאָל זי גאָר קאָנען קוקן אויף מיר נישט "בעין רעה", אַז... זי איז דאָך אַ חיה רעה!... די קינדער פּיעשטשעט זי, בלאָזט פֿון זייערע טריט, און מיך — יאָגט און פּלאָגט: דאָ שטיי איך נישט גוט, דאָ גיי איך נישט גוט, דאָ ליג איך נישט גוט... אַז אַ נישט־גוטקייט, רחמנא־לצלן, באַפֿאַלט, און דאָס לעבן איז מער נישט ניחא... ס'איז מיר, הייסט עס, ווייניק דעם שווערס שטענדיק אָנגעבלאָזנקייט און זיין אָנקוקן מיך מיט די שוחטישע אויגן... שווייגט ער כאָטש. כ'קאָן זיך אויך אויסבאַהאַלטן פֿון אים. אָבער זי — דאָס איז דאָך אַ "קטב מרירי"!***

ער בייגט זיך אַראָפּ צו פֿריידעלען, טוט איר אַ קוש אין בעקעלע און רעדט צו איר, ווי צון אַ בר־דעת:

— פֿריידעניו מיינע, טרייסטעניו, זאָלסט מיר נאָר אין מיין מאַמע געראָטן זיין און אין דיין גוטער באָבע גיטל לאה.

פֿריידעלע קוקט אים אַריין אין דער ליבשאַפֿט פֿון די אויגן, ווי זי וואָלט פֿאַרשטאַנען זיינע רייד, און פֿאַרשפּילט זיך ווידער. ער זעצט זיך אויף דער שטול צווישן זיין בעט און דעם טישל און פֿאַרטראַכט זיך. פֿאַר זיין בליק הייבן אָן פֿאַרבייגיין פּסוקים און מימראס וועגן נשים, געמישט מיט אייגענע טראַכטענישן:

---

* מיט אַ מילד אויג.

** מיט אַ בייז אויג.

*** ביטערע פּעסט.

..."אשה רעה מר ממות" — אַ בייזע פרוי איז ביטערער פונעם טויט. דאָס פאַלט צוזאַמען מיטן זאָג פון דער גמרא אין סנהדרין דף עד, עמוד ב: "אשה קרקע עולם היא" — די אשה איז אַ קרקע... נאָכן טויט לייגט מען דעם בר־מנן אַריין אין דער קרקע, און ביי דער אשה ליגט מען כסדר, אַ לעבעדיקער דווקא, אין דער קרקע... און די ווערעם פרעסן... ערגער ווי דער טויט? איז עס נישט קיין גוזמא? ניין. פשוט: דער טויט קומט נאָר איין מאָל. ביי דער אשה רעה האַלט זיך עס אין איין איבער־חזרן... חזרן — חזיר... "נזם זהב באף חזיר — אשה יפה וסרת טעם" — אַ נאָזרינג אויף דעם שנויץ פון אַ חזיר איז אַ פרוי, וואָס איז שיין און אָפגעטאָן פון שכל... אָבער זי האַלט מען דאָך פאַר אַ כאַכיימע? אַ שלעכטס איז זי אָן ספק! אויף אַזעלכער זאָגט די גמרא אין סנהדרין ק"י, עמוד א: "כל ימי עני רעים — זה שיש לו אשה רעה" — דעם אָרעמאַנס אַלע טעג זענען שלעכט — דאָס מיינט מען דעם וואָס האָט אַ בייז ווייב...

אין דעם מאָמענט שלאָגט זיך אָן זיין בליק אינעם שפיגל אויפן טישל. דערזעט ער: עטלעכע האָר זילבערן זיך שוין אין זיין בערדל דאָ און דאָרט. זיפצט ער אָפּ: ס'איז ווידער דאָס אייגענע — זאָגט דאָך ער־געץ... אַ מדרש, דאַכט זיך: "מפני ארבעה דברים הזקנה קופצת על האדם" — צוליב פיר זאַכן באַפאַלט די זקנה דעם מענטשן, "מפני היראה, מפני כעס, מפני בנים ומפני אשה רעה ומלחמות" — צוליב שרעק... אַן אשה רעה האַלט אין איין שרעקן: צוליב כעס... אַן אשה רעה דער־פירט צו כעס און צאַרן; צוליב קינדער... כאָטש אַ דאַנק דעם אייבערשטן האָב איך פון די קינדער נחת... וועט מאירל וואָלט נאָר נישט געהאַט קיין רויטן קאָפּ האָר... אָבער די אשה רעה — אויך דעם נחת צעשטערט זי... און צוליב מלחמות — אַז די אישה איז אַ רעה, איז קיין מאָל קיין שלום־בית נישטאָ, נאָר מלחמה און מלחמה... דערפאַר זאָגט די גמרא אין יבמות... אַ? אויך אין עירובין: "אשה רעה מצווה לגרשה" — אַן אשה רעה איז אַ מצווה צו גטן...

אויף זיין פנים שפּראָצט אַרויס אַ שמייכעלע מחמת דעם געדאַנק: די אָ מצווה, אַז מען איז זי מקיים, האָט מען אויפן אָרט "שכרה

בצדה" * — אַ שטיק עולם־הזה. נאָר "דאָ עקא".** אויב זי איז אַ רעה, וועט זי דען אָנטאָן דעם מאַן דעם פאַרגעניגן און נעמען אַ גט? איז דערפאַר ריכטיקער דער מאמר חז"ל... אַ? אויך אין די זעלבע מסכתות: "אשה רעה צרעת לבעלה" — אַ בייז ווייב איז קרעץ פאַרן מאַן... קרעץ האָט נישט קיין קץ... זייער שיין איז, וואָס מע זאָגט נאָך דערויף, אַ גאונס אַ ווערטל: "דאָס ערשטע ביי קרעץ איז — נישט צורירן זיך צו איר. נישט קראַצן. וואָס מער דו קראַצט זי, אַלץ מער פאַרשפרייט זי זיך. אַזוי אויך אַן אשה רעה — לאָז זי צו רו, ענטפער איר נישט אָפּ, וועט דאָס פייער פון געקריג אַלץ קלענער ווערן". יאָ, אַ בייז ווייב איז קרעץ פאַרן לייב. מאַ... איך ביי זיך זע עס נישט סע זאָל זיין אַקוראַט אַזוי. אָטאַפּנים די גמרא האָט נישט מדייק געווען: אַן אשה רעה איז ע ר ג ע ר פון קרעץ. זי איז נישט קרעץ אויפן לייב, נייערט אויף דער נשמה... שננא — שאַרפער מוח איינער! דאָס האָט דאָך טאַקע די גמרא געמיינט!...

דערויף קומט ווידער אַ מאָל אַריין "די קרעץ" (אַ שאָד וואָס כ'האָ' נישט געטראַכט וועגן משיחן) מיט אַ שטרענג־בייזן באַפעל:

— גיי! גיי שוין פון דאַנען, זיפּצעניש. דער טאַטע דאַרף דיך האָבן.

..."ויחד",*** — טוט ער אַ טראַכט, — איך פריי זיך, וואָס כ'ווער פּטור פון "די קרעץ" און סע שטעכט מיך, וואָס כ'גיי צום שווער... וואָס פלוצעם דאַרף ער מיך עפּעס האָבן? ווי מאַכט רש"י: ווו "ויהי", דאָרט איז אַ צרה.

מיט אומוויליקע טריט אַריינגעקומען אין שטוב, דערזעט ער אויפן נאַקטען טיש דאָס טוכענע שוואַרצע שיידל פונעם חלף פאַר גסות. דער שווער שטייט מיטן רוקן צון אים, מיטן פּנים אַקעגן פענצטער, מיטן חלף אין דער האַנט, דער קאָפּ געבויגן צו זיין שאַרף, ווי איינגעהאָרכט זיך צו אַ סוד אָן ווערטער. ער פירט איבער אים, קוים־קוים באַרירנ־דיק, מיט אַ נאָגל פון דער צווייטער האַנט. איז בודק דעם חלף, צי איז ער גלאַט אָן אַ מינדסטן פּגם.

---

* באַלוינונג דערביי.

** דאָס איז די צרה.

*** ער האָט זיך געפרייט, אָדער: ס'האָט אים געשטאָכן.

דער איידעם דערנענטערט זיך צו אים און בלייבט שטיין אָפּ־וואַרטנדיק, פאַרקוקט אינעם טוכענעם שוואַרצן שיידל, וואָס שוואַרצט אים אין די אויגן. דער שווער טוט זיך ווייטער זיינס שווייגנדיק, שטיל אונטערברומענדיק אַ ניגונדל, גלייך קיינער איז דאָ נישט אַריינגעקומען און אויף קיינעם וואַרט ער נישט.

...וואָס ?! — בייזערט זיך דער איידעם אין געדאַנק. — ער האָט מיך גאָרנישט גערופן... זי מאַכט מיך צום געלעכטער, די אשה רעה ?

ער רייסט אָוועק דעם בליק פונעם שוואַרצן שיידל צו דער שיין פון פענצטער, וואָס טוט אים אַ בלענד. דער שווער, זעט ער , שטעלט ערשט אָן די שאַרף פונעם חלף קעגן דער שיין און קוקט אין אים אַריין מיט די אַרויסגעשטאַרצטע אויגן, ווי זיך שפּיגלענדיק אין אים. זיין פּנים קעגן דער שיין — ווי סע וואָלט שמייכלען מיט הנאה... פון וואָס ? פון זיין אומנות ? פון גרייטן זיך איבערשניידן אַ האַלדז ?

— שווער. — טוט דער איידעם אַ שעפּטשע מיט פאַרבאָרגענער מורא. — דער שווער האָט מיך גערופן, אָדער... ?

דער שווער דרייט אָפּילו נישט אויס דאָס פּנים צון אים און ענטפערט דעם שטומען חלף :

— יאָ. כ׳דאַרף דיך האָבן, יידעלע. לעצטנס איז צו מיר דערגאַנגען, מענטשן רעדן שוין דערפון, אַז... אַז אַפּנים דאָס געקעכטס פונעם ״יורה דעה״ און דעם ״חושן משפט״ האָבן דיר שוין לאַנג דערעסן... פאַרנעמסט זיך מיט אַנדערע מיני ספרים... געשמאַקערע מסתמא, אַ ?

דער הענגען־געבליבענער ״אַ ?״ מאָנט אַן ענטפער.

— המם... וואָס איז די נפקא־מינה ? — ענטפערט דער איידעם שטיל־שטיל. — אָבי מע בטלט נישט, חלילה.

טוט דער שווער ענדלעך אַ שטעל אָן אויף אים בייז די אויגן, וואָס אין יעדן פון זיי דערזעט ער מיט אימה אַ שוחט :

— צי דו בטלסט יאָ, צי דו בטלסט נישט — אַ בטלן ביסטו. טוסט נישט וואָס דו דאַרפסט טאָן !

און ער קערט זיי צוריק צום חלף.

...ווי ער וואָלט ערשט, — לויפט דורך דעם איידעם אַ מחשבה

מיט אַ שוידערל איבער זיין חוט־השדרה, — בודק זיין דעם חלף פון מיינעט וועגן... המם... אָבער איך בין דען אַ גסה?... ער רופט דאָך מיר ייִדעלע... אַ דקה...

— הער, ייִדעלע, — רעדט דער שוועך ווייטער צום דרויסן, ווי ער, ייִדעלע, וואָלט געשטאַנען דאָרט פ אַ ר אים, נישט דאָ, ה י נ ט ע ר אים, — דו פאַרגעסט אַפּנים, אַז ביסט שוין אַ טאַטע פון צוויי קינדער, אָן עין־הרע, און האָסט שוין אַ היפּש ציגנבערדל. איז נאָך נישט די העכסטע צייט אַ טראַכט צו טאָן וועגן תּכלית? אַ?...

— וואָס קאָן איך אויסטראַכטן? — הענגט דער איידעם אויף הייסע, פאַרוווּנדערטע און דערשראָקענע אויגן אויפן שווערס קאַלטע, ברייטע פּלייצעס. — המם... אַדרבה, זאָל מיר דער שווער אָנווייזן אויף אַ תּכלית און זאָגן: ״כזה ראה וקדש״.*

— דעם שווער, זעסטו, איז גאַרנישט שווער, דיר עס צו זאָגן. ס׳איז שוין וועגן דעם גערעדט געוואָרן מיט דיין טאַטן, עליו השלום, נאָך איידער דו האָסט מקדש געווען דיין כלה. דער תּכלית — באַקומען אַ כּסא־רבנות. אָבער ווי שיקט זיך באַקומען אַ כּסא־רבנות, אַפילו אויב מע האָט אַ ראָש פון אַן עילוי, אויב מע האָט נישט, פאַר קיין ייִדן געדאַכט, קיין אָחור אויסצוזיצן איבער דעם ״יורה דעה״ און דעם ״חושן משפט״? זאָל אַ קוואָקע נישט אויסזיצן אויף די אייער, וועלן זיי פאַרשטונקען ווערן.

אַ שווער שטילשווייגן. ביידע — בייז און פאַרטראַכט.

— הער! — טוט זיך דער שווער ענדלעך אַ דריי אויס מיטן פּנים צו אים, מיטן אויפגעהויבענעם חלף אין האַנט. — צי וואָלסטו געקאָנט שוין היינט זיך אויפהייבן און פאָרן צום מאַציעווער רב, דעם ״משמרת שלום״, ער זאָל דיך פאַרהערן און געבן אַ היתר־הוראה?... מע האָט שוין צון אים געשריבן וועגן דעם פון טריסק אין רבינס נאָמען... די מניעה קאָן זיין נאָר אין דיר.

דער איידעם קוקט אים אָן מיט דערשטוינט־צעמישטע אויגן, ווי פאַרבלאָנדזשעטע, און זעט די גאָרע בייזקייט אין דעם שווערס אָרויס־געשטאַרצטע, מיטן אָפּגלאַנץ פונעם חלף קעגן דער שיין פון פענצטער...

---

* אין זין: אַזוי און אַזוי טו.

— המם... המם... — נעמט ער שטאַמלען, און די געהירן ברענגען אים נישט אַרויף קיין געדאַנק און אַוודאי נישט קיין ווערטער אויף דער טרוקענער צונג.

— מעקע נישט, ווי אַ ציג! — טוט דער שווער בייז אַ געשריי און אַ גלאַנץ אויף אים מיט אויגן, וואָס זענען, דאַכט זיך, אין גאַנצן רויט פון רציחה. — רעד קלאָרע דיבורים! רעד מיט אַ לשון־אָדם, נישט ווי אַ שטומע צונג!

..ער גרייט זיך צו שעכטן די שטומע צונג! — שווידערט דורך דעם איידעם די אויסטערליש־ווילדע מחשבה, און פון זיין קעל גרייט זיך אַרויסצורייסן אַ געשריי: ״שוויגער, ראַטעוועץ!״

— מרדכי, זיי מוחל אויף אַ רגעלע. — דערהערט ער פון הינטער זיך דער שוויגערס מילדע שטים.

טוט ער אַ דריי אויס דעם קאָפּ אַהינצו, דער איידעם. ווי אַ קליינער שאָטן, שטייט זי אין דער האַלבער רעם פון דער טיר אין קיך אַריין. דער שווער איז ש ו י ן לעבן איר. זיי פאַרשווינדן ביידע, און די טיר, וואָס פאַרמאַכט זיך הינטער זיי, שטעלט זיך ווי אַ וואַנט צווישן זיי און אים... אין דעם אויגנבליק טוט אַ לייכט אויף אין זיין געדעכעניש אַ וויזיאָנעריש בילד נאָך פון טרייטל מלמדס חדר: — — — אַברהם אָבינו שטייט איבערן געבונדענעם יצחקן אויף דער עקדה מיטן אויסגעשטרעקטן חלף.. אַ מלאך מיט צעשפּרייטע ווייסע פליגל טוט אַ בלענד אַרויס פונעם הימלבלוי צום הר־המוריה... אַ ווייז מיט אַ פינגער, ווי אַ ווייסער שטראַל, פון אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און אַ באַפעל: ״אַל תשלח ידך אל הנער״ — זאָלסט נישט אויסשטרעקן דיין האַנט אויפן ייִנגל!

...די גוטע שוויגער איז ערשט געווען מיין גוטער מלאך.. זי שטעלט זיך דאָרט איין פאַר מיר...

און אָט קומט דער שווער אַריין צוריק אַ געענדערטער: דאָס רויט־קייט פון די אויגן — בלאַסער, דאָס פנים — ווייכער און שטילער. ער נעמט דעם חלף פון דער פענצטערשוועל און דאָס שוואַרצע טוכענע שיידל פונעם טיש, שטעקט דערין אַריין דעם חלף און הענגט אים אויף אויפן ביישטידל פונעם פענצטער.

— נו, — ווענדעט ער זיך צון אים געלאַסן, — האָב איך, ברוך השם, ד י ר צו דאַנקען, מקיים געווען אַ זעלטענע מצוות־עשה... ס'איז דיין טאַטנס, עליו השלום, אַ ווערטל... אַנו, אפשר וועסטו טרעפן, וואָס פאַר אַ מצווה דאָס איז, למדן זיינער?

דער איידעם אַ באַרויִקטער שוין, טוט אַ פאַרמאַך די אויגן, אַ רוק אַרויף דאָס היטל, אַ פאַלד־אָן דעם שטערן, און באַלד אַ וויש אים, ווי אויסצוגלייכן די פאַלדן, עפנט די אויגן און ענטפערט מיט נצחון־שיין אויפן פנים:

— איך מיין, שווער, ס'איז די מצוות־עשה מדרבנן פון "גחון ותלחש לה" *, אַ בפירושע גמרא אין בבא מציעא דף נט, עמוד א.

— נו, איידעם מיינער, — הערט זיך פון זייַן טאָן און זעט זיך אָן אויף זיין פנים, אַז ער איז קאָנטעט, דער שווער, — האָסטו נאָך די גאַנצע תורה נישט פאַרגעסן... איז וואָס האָסטו מיר צו ענטפערן אויף מיין פריִערדיקער שאַלה?

— איכל זאָגן דעם שווער דעם גאַנצן אמת, — איז דער איידעם שוין דרייסטער, קוקנדיק אויפן שווער און זעענדיק דורך די ווענט זיין באַשיצערין, די שוויגער אין קיך, — איך האָב שוין טאָקע אין די הוראה־ספרים אַ צייט נישט עוסק געווען כדבעי און... "אם יום תעזבנה, יומיים תעזבך".** דערפאַר קאָן איך נישט זאָגן, אַז איך קאָן ש ו י ן פאָרן צום "משמרת שלום". איך מוז אַלצדינג איבערחזרן.

— איז וויפל צייט, זיי זיך משער, באַדאַרף עס ביי דיר פאַרנעמען, דאָס איבערחזרן?

— איך מיין... איך האָף, ביז איבער די יום־טובים, אם ירצה השם.

— אַוודאי "אם ירצה השם", — זאָגט דער שווער כמעט מיט אַ שמייכל, — נאָר דו אַליין דאַרפסט אויך "ירצה"ן... נו, איז אָפּגערעדט און — שוין. גיי אין בית־מדרש אַריין.

יידעלע טוט זיך אַ באַוועג אַריינצוגיין צום טעכטערל פאָרן אַוועקגיין.

---

* (אַז דיין ווייב איז אַ נידעריקע) בייג זיך איין און רוים איר איין אויפן אויער.

** אַז דו פאַרלאָזט זי איין טאָג, וועט זי דיך צוויי טעג פאַרלאָזן.

אָבער דאָ עפנט זיך די טיר פון אַלקער, און ס׳בלייבט אין איר שטיין קיילע חיה מיט פריידעלען אויף דער האַנט, בעת די ליפּן גרייטן זיך צו עפּענען עפּעס צו זאָגן. נאָר דער טאַטע כאַפּט איר אויס:

— קיילע חיה, ביסט גוט אָנגעקומען. איך וויל דיר טאַקע זאָגן עפּעס פאַרן מאַן אין די אויגן: פון הייַנט אָן זאָלסטו אים נישט פאַרהאַלטן אין שטוב. דו הערסט? דאָס איז מיין באַפעל פאַר אייך ביידע: ער דאַרף זיצן און לערנען פון אַ תכלית וועגן.

— נו, זעסטו! — טוט די טאָכטער אַ מאַך מיט ביטול. — די גרויסע הילף אין שטוב וואָס איך האָב פון אים. ער קאָן טאַקע שוין גיין אין בית־מדרש אַריין, ווי דו האָסט אים באַפוילן. און מכוח זיין תכלית... דאָס ׳על׳ן מיר נאָך זעען.

— דאָס איז נישט דיין דאַגה, קיילע חיה! — האַקט איר שטרענג אָפּ דער טאַטע.

— טאַאַ־טע! — טוט זיך פריידעלע אַ צי פון דער מאַמען מיט אויס־געשטרעקטע הענטלעך צו איר טאַטן.

נאָר ווי ער מאַכט קוים אַ טראָט צו איר, אויסשטרעקנדיק די הענט, טוט זיך איר מאַמע רייסיק אַ דריי אויס מיט איר צוריק אין אַלקער אַריין, און די טיר פאַרמאַכט זיך הינטער זיי. סע דערהערט זיך פון דאָרט פריידעלעס פאַריבלדיק געוויין. ייִדעלעס הענט לאָזן זיך אַראָפּ.

ער גייט אַרויס דורך דער פאָדערשטער טיר אין דרויסן. לאָזט זיך „אויפן שווערס באַפעל״ גיין אין בית־מדרש אַריין. ער גייט פּאַמעלעך, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ווי ער וואָלט זוכן אויף דער ערד עפּעס וואָס ער האָט פאַרלוירן, אָדער ציילן די אייגענע טריט. ס׳איז אים שווער דער גאַנג. ער האָט דאָס געפיל: אַ שווערע משא דריקט אים אויף די שמאָלע פּליי־צעס... „ווי איך וואָלט נישט נאָר דעם שווערס באַפעל אויף זיך געטראָגן, נייערט אים אַליין... ער איז שווער, ווי אַ באַרג... ס׳איז ווי די גמרא זאָגט: „כפה הקדוש ברוך הוא עליהם את ההר כגיגית ואמר להם: אם אתם מקב־

לים את התורה, מוטב, ואם לא, שם תהא קבורתכם״...*יאָ, זיין טאָכטער, די חיה, מאַכט מיר דעם טויט, פאַרצוקט מיך, און ער, דער שווער, איז גרייט מיך צו באַגראָבן... ווען נישט די שוויגער...״

— זע נאָר, ייִדעלע, וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן? — רייסט אים איבער די געדאַנקען יאָנטל גרשון שגיטקרעמערס, אָנגעשלאָגן פון אים אויף דער שוועל פונעם פּאָליש.

## כט

געזען דורך דער שפּאַרונע פון דער אָפּגעלענטער טיר אין אַלקער אַריין, אַז דאָס פינפער נאָכטלעמפּל איז אַריינגעדרייט, און דער ״מזומן״ דאָרט שלאָפט שוין, מאַכט ייִדעלע שטיל, באַהיט, די טיר זאָל נישט קיין סקריפּע טאָן, די שפּאַרונע ברייטער און גייט אַריין מיט אַ זייט.

ער בלייבט שטיין און קוקט זיך אַרום. קיילע חיהס קאָפּ אינעם קאָלי־רטן שלאָפהייבל רוט אויף דער ווייסער קישן מיטן פּנים צו דער סטעליע. דאָס פּנים — בלאַסלעך־שאָטנדיק, מאָגערלעך־אָפּגעצויגן. שוין גאָרנישט ווי דעמלט, ווען ער האָט זי צום ערשטן מאָל, צו דער באַשויונג, דערזען ביי זיך אין אַלקערל... שוין גאָרנישט ווי דעמלט... איר גוף, פון האַלדז אָן ביז אירע פיספינגער, אויפגעשטעלטע אין דער הייך, צייכענען פון אונטער דער דעקע איר גאָרע לענג, וואָס רייצט זיך מיט זיין קליינוויקסיקייט... ער מיט איר — שוין פון ערשטן בליק נישט קיין גלייכע פּאָר... פון דעסט־וועגן...

ער פאַרענדיקט נישט דעם געדאַנק, ווייל ס׳יאָגט זיך אונטער אַ צוויי־טער. זיינע אויגן, צוגעווינטער צו דער טונקלעניש, בלייבן הענגען אי־בערן בעטעלע דערנעבן. זיין געהער פאַרנעמט דערפון פריידלעס שטיל און זיס אָטעמען. ער קוקט אויף איר קיילעכיק, ראָזלעך פּנימל — זיין מאַמע

---

* דער הייליקער, געלויבט איז זיין נאָמען, האָט איינגעבויגן איבער זיי דעם באַרג, ווי אַ קאַד, און צו זיי געזאָגט: זענט איר מקבל די תורה, איז גוט, און אויב נישט, וועט דאָרט זיין אייער באַגרעבעניש.

פריידעס זיס פּנים, און זיין האַרץ ווערט געריירט פון מתיקות: טרייסט מיינע! ס׳נעמט אים דורך אַ שטאַרקער חשק צוצוגיין צו איר און... מיטן געדאַנק בלויז זי אַ קוש טאָן. דאָס קאָלדערעלע איז איר אַראָפּגערוקט פון אַ פיסעלע — לייכט־לייכט צודעקן עס. אָבער... ער ווייסט דאָך פאַר וואָס דאָס בעטעלע שטייט נישט באַזונדער לעבן אַ וואַנט, נאָר נאָענט אַזוי צו איר בעט: פריידעלע איז דער "שומר חינם" * צווישן זייביידע. ווי זי, קיילע חיק, וואָלט זיין אַ פרעמדע אשה... זי האָט זייער אַ לייכטן שלאָף, קיילע חיה, ווי נאָר ער וועט צוגיין צום בעטעלע, וועט זי עס דערשפּירן, מיינען, אַז גאָט ווייסט וואָס... און טאָן בייז אַ מאַך אַוועק מיט דער האַנט, ווי מע טרייבט אָפּ אַ זלידנע פליג: "גיי, גיי!... ס׳טמיר נאָך דאָס קינד צעוועקן..."

שלייכט ער צו צום טישל און דרייט אַריין טיפער דעם קנויט אין לעמפּל. טוט זיך אויס, שעפּטשענדיק דערביי קריאת־שמע, און לייגט דאָס אָנטועכץ אויף דער שטול. ווען ער קומט צו "אשתך כגפן פוריה" — דיין ווייב ווי אַ פרוכטיקער ווײַנשטאָק, טוט ער אַ בליק צום ווייבס בעט, ווי וועלנדיק עס פעסטשטעלן, און זיפצט אָפּ. באַלד לויפן די ליפן ווייטער: "רגזו ואַל תחטאו" — שרעקט אייך און זינדיקט נישט, "אמרו בלבבכם על משכבכם ודומו סלה" — טראַכט ביי זיך אין האַרצן און זייט רויִק, סלה...

די לופט אין אַלקער איז דורכגעזאַפּט מיט שלאָף. ער אָטעמט ווי מיט שלאָפגעטראַנק. ער לייגט זיך שטיל און פויל אין בעט לעם מאירלען און טוט אַ קוק אויף אים. מאירל ליגט מיטן פּנימל צו דער וואַנט... מאירל, דער טאָטע זיינער, ליגט אויף מיטן רוקן צון אים... ווי זי... זיינע רויטע האָר שרפען די אויגן... ער איז, משמעות, נישט נאָר מיט די רויטע האָר אין איר געראָטן... וואָס ווייטער, אַלץ מער געראָטענער ווערט ער אינעם שווער...

ער מאָסטעט זיך איין און פאַרמאַכט די אויגן — מאַ, מע דאַרף שלאָפן. ער דערשפּירט מאירלס אויסגעוואָרעמט קערפּערל. ווי תמיד, בעת אָט דער שפּירונג, הייבט אָן זיין געדעכעניש אָפּערצוברענגען פאַר אים די פאַרפלויגענע צייט, ווען ער איז, ווי מאירל היינט, געווען אַ זעקסיעריק ייִנגעלע:

---

* אַן אומבאַצאָלטער וועכטער.

...ל״ג־בעומר. ניין־צען אַזייגער אין דער פרי. אין חדר ביי טרייטל מלמד. ס׳קומען זיך צונויף די קינדער. אין שבתדיקן אָנטועכץ. פּעקעלעך עסנוואַרג — אין איין האַנט, הילצערנע פיילנבויגנס, אָדער שווערדלעך — אין דער צווייטער. די פיילנבויגנס, אָדער די שווערדלעך זענען געפאַרבט מיט שוואַרצע שטריכן פון שוואַרצן יאַגעדע־סאָק און רויטע שטריכן פון געקאָכטער ציבעלע־שאָלעכץ. דער טיש איז היינט אַ ריינער — נישט קיין סידור, נישט קיין חומש. מ׳איז דאָך נישט געקומען לערנען. אַלע תלמידים זענען שוין דאָ. מע זיצט אויסגעזעצט אויף די צוויי לאַנגע, שמאָלע בענקלעך אין ביידע זייטן טיש. אויבן אָן — דער רבי, ווי שטענדיק, אויף זיין שטול, וואָס איר רוקן־אָנלען איז פאַרהאַנגען מיט געבלימלטן ציך. אויך ער איז שבתדיק אָנגעטאָן. אויפן טיש פאַר אים — אַ גרויגעלבלעך טישטעכל מיט רויטע קענטעלעך און מיט פרענ־זעלעך. דערויף — אַ האַלב ברויט, אַ מעסער, ברויטברעקעלעך; אַ זאַלצ־מעסטל מיט טונקעלער גראָבער זאַלץ; אַ נישט־געוואַשענע פינגערגלאָז מיט אַ שאָל; אויפן דנאָ פון דער גלאָז — אַ רעשטעל פון ציקאָריע, מיט מילך פאַרווייסט... הייסט עס — דער רבי האָט שוין אויך אָפּגעגעסן ״איבערבייס״ און וואַרט, ווי די תלמידים, אויף דער ל״ג־בעומר־סעודה. דערווייל קוקט ער אַריין שטאַרק פאַרטאָן אינעם אָפענעם חומש אויפן טישווינקל אין דער סדרה פון דער וואָך. דאָס הייסט, אַז זיי, די תלמי־דים, דאַרפן זיצן רויִק, שמועסן צווישן זיך שטיל, אָן קולות און אַרומ־רייסעניש.

פון קיך דערגייט דער טומל פון פאָרען זיך ביים פריפּעטשאָק: דאָס גרייט ערשט די רביצן, יאָכוועד אָקס, מיט דער טאָכטער, ביילטשע מיט די פאַרביסענע ליפּן, די ל״ג־בעומר־סעודה. נאָר פאַר וואָס געדויערט עס אַזוי לאַנג? די תלמידים זענען אויפגערודערט. וואַרטן אומגעדולדיק אויף דער סעודה. גלייך זיי וואָלטן נישט געהאַט שוין, ווי דער רבי, אָפּ־געגעסן אין דער היים דעם איבערבייס. ווייל מע מיינט דאָך גאָרנישט די סעודה. זאָל מען ביי זיי פרעגן, וואָלטן זיי מוחל געווען די סעודה. סיידן אפשר מאָטישל באָנטשע באַלעגאָלעס וואָלט זיך נישט אָפּגעזאָגט, ווייל ער איז תמיד הונגעריק. מע מיינט דאָך דאָס וואָס וועט קומען נאָך דער סעודה: דער רבי וועט פירן זיין חיל מיטן וואָפן הינטערן שטעטל...

ווּהין? אפשר אַזש אין וואַלד אַריין!... די האָזענע ניסלעך זענען דאָרטן טאַקע נאָך נישט פאַרטיק, אָבער אפשר ווערט מען זען פאַרביילויפן אַ האָז, אַ וועווריקל אַריבערשפרינגען פון בוים אויף בוים, פון צווייג אויף צווייג...

רעדט מען וועגן דעם שטיל. ווי געסודעט זיך. דער רבי, וואָס איז פאַר־טאָן אין חומש, זאָל נישט דערהערן. און מען קערט זיך צוריק אום צו רעדן וועגן דער סעודה. מען קאָן זיך אויף איר גאָרנישט דערוואַרטן... ווי אַזוי האָט דער רבי אייערנעכטן געזאָגט, וואָס מע דאַרף ברענגען? אויפגעלייגט אַזוי. מיט אַ מילד קול. ווי נישט צו פרעמדע תלמידים גערעדט, נאָר צו אייגענע קינדער:

„אַן איי (מיט אַ שמייכל: „צוויי ווערט די רביצן אויך צונעמען"); אַ שקאָרמיצל מיט ווייסער מעל (ווידער מיט אַ שמייכל: „אַ קלענערס, אָדער אַ גרעסערס... וואָס גרעסער, אַלץ בעסער"); און אַ קאָפּעקע במ־זומנים (ווידער מיט אַ שמייכל: „ווערמעס טאַטע ס׳ווערט ווערלן קאָן געבן דריי גראָשן, ביז אַ מיליאָן". און ער ווערט ערנסט), „אין אונס,* ווי איר האָט געלערנט אין?..."

— דער מגילה! — כאַפּן אונטער עטלעכע תלמידים.

ערשט טוט זיך אַ באַרים נאָטעלע שאַיעס מיט די קרייזעלעך:

—און איך האָב געבראַכט טאַקע צוויי אייער! און...

שלאָגט אים איבער שאַמקע דעם געלן קצבס:

— און איך האָ׳ געבראַכט!... כאָטש נאָר איין איי, אָבער... אַזאַ־גרויס (לויט ער ווייזט מיט ביידע הענט, דאַרף עס גרויס זיין ווי אַ דיניע)... אַזאַ־גרויס און אַ בלויס אַזאַ (אויב אַזוי דאַרף עס אויסזען ווי די לבנה) — אַ קאָטשנס!

טוט זיך אַ רוף אָפּ יאָנטעלע גרשון שניטקרעמעס, יאָנטל מיט די פלוסעס,** דער שטענדיקער נישט פאַרגינער:

— עהע! און איך האָב געבראַכט געלט, נאָך מער ווי דער רבי האָט באַפוילן!

---

* נישט געצוווּנגען.

** פּולע, אויפגעפּוישטע באַקן.

— נאָך מער פון אַ מיליאָן? — לאַך איך, יידעלע מאיר מעלקרע־מערס.

דאָס מאַכט זיך יאָנטעלע נישט הערנדיק און פירט אויס:

— אַ גאַנצן זעקסער האָט מיר די מאַמע מיטגעגעבן!

טו איך אים, יידעלע מאיר מעלקרעמערס, אַ מאַך אַוועק:

— גיי!... און פון וואַנען ווייסן מיר, אַז דו זאָגסט אמת?

ווערן יאָנטעלעס פּלוסעס רויט, ווי אַ צוויק, מחמת צאָרן:

— דו גלייבסט מיר נישט, ווייל... דו האָסט אַפילו קיין גראָשן נישט געבראַכט. דיין טאַטע איז אַ קבצן... אַ זשמעניע מעל אפשר האָסטו געב־ראַכט...

ווער איך, יידעלע מאיר מעלשענקערס, אויך רויט פון פאַרשעמונג און פון כעס:

— כ׳האָב געבראַכט אַ קאָפּעקע. ווי דער רבי האָט באַפוילן. אַז דו זאָגסט — אַ זעקסער, וועסטו אפשר שווערן אויף די ציצית?

— ציצית־שמיציס! — מאַכט מיר יאָנטעלע אַוועק און פירט אויס קלוגעטשקע. — שווערן דיר? וואָס דאַרף איך שווערן? אַפילו אויף אַן אמת טאָר מען נישט שווערן. און נאָך אויף די ציצית! ווייסטו וואָס? גיי פרעג איבער די רביצן, צי איך זאָג אמת...

ער ווייסט גאַנץ גוט, יאָנטעלע, און אַלע קינדער ווייסן, אַז קיינער וועט זיך דערויף נישט איינשטעלן: די רביצן, יאָכוועד אָקס, קאָן נאָך אַ נעם טאָן אויף די הערנער.

אָבער איך לאָז אים נישט זיך אַרויסדרייען:

— גוט. קום מיט מיר. דו גיי דער ערשטער. וועסט זי איבער־פרעגן פאַר מיר אין די אויגן. וועט דער גאַנצער חדר וויסן דיין אמת.

— טאַקע, טאַקע! — האַלט אונטער די חברה.

אָבער יאָנטעלע דרייט זיך ווידער אַרויס, ווי אַ קרוטשקע־גנב:

— איך? איך זאָל גיין? וואָס דאַרף איך גיין? איך ווייס דאָך דעם אמת אָן דער רביצן. זי׳ט דאָך לאַכן פון מיר. ד ו ווייסט נישט — גיי צו זי פרעגן, יידעלע שפּאַרניאַק!...

און דאָ טוט ער זיך אַ דריי אויס צו מאַטישל באַנטשע באַלעגאָלעס,

וואָס זיצט דער עקסטער אין דער לינקער זייט טיש (אַ קליינינקער, אַ דאַרינקער. מער ווי מע זעט אים אַליין מיט זיין הערביקל, זעט מען זיינע טונקלברוינע אייגעלעך. זיי גלאַנצן אַרויס פון אונטערן דאַשיקל פון אַ צו־גרויסער היטל — אפשר זיין טאַטנס):

— און דו, האָרבאַטשל, וואָס'טו געבראַכט? צוליב דער סעודה, ווערסטו זיך היינט נישט אָוועקגנבענען פון חדר...

דאָס מאָל טוט זיך נישט מאָטישל קיין רייס אָפּ אויף אים, ווי ער וואָלט עס געטאָן אַן אַנדערש מאָל. נאָר זיינע אייגעלעך טוען זיך שטאַר־קער אַ צעגלאַנץ. אָבער זיין שאַרף, מיידלש שטימעלע איז, מחמת איינ־געהאַלטנקייט, ווי הייזעריק, און ער שעפּטשעט:

— פּלוס־פּלוסאַק, דעם טאַטנס דוראַק. כ'האָ' געבראַכט פון דיינעט־וועגן אַ... אַ גאַנצע מאַקרעטע מיט ציגענע באָבקעס... פּאַרמישט מיט געוונדזנקויט... דאָס 'עט דיר די רביצן דערלאַנגען... 'עסט עסן און פרעסן און זיך קוויקן... און זאָלסט זיך דערשטיקן... נישט קאַרגן און דערוואַרגן...

אויף זיין געשעפּטש באַווייזט זיך טאַקע די רביצן אין דער עפענונג־אָן־אַ־טיר, וואָס פירט אין קיך אַריין. זי איז אין אַ טשיפּעק און אַ פאַרטעך. זי שטייט צעיאַכמעט, דאָס לאַנגע אָקסענע פּנים — צעפּלאָמט, די אויגן גלאָצן שטרענג. דאָס באַטראַכט זי אונדז, דאָס ייִדישע חיל, ווי אַ גע־נעראַל, צי מיר זיצן דאָ פאַרן רבין מיט דרך־ארץ, ווי ס'קער צו זיין.

די קינדער שווייגן, ווי שטום. אַלע זענען געוואָנדן צו איר מיט די פּנימלעך. מע באַטראַכט זי מיט פּחד: אפשר האָט זי אונטערגעהערט, וואָס מ'האָט דאָ צווישן זיך גערעדט. מער ווי אויף איר פּנים, קוקט מען אויף איר טשיפּעק: פון פאָרנט, איבערן שטערן, איז ער עפּעס שטאַרק אויפגעהויבן, — צי האָט זי טאַקע נישט אונטער אים קיין אָקסענע הערנער?...

— טרייטל! — טוט זי אַ דריי אויס דעם קאָפּ צום רבין און אַ זאָג באַפעלעריש, ווי זי וואָלט זיין אַ גענעראַל אויך איבער אים, — גיב אַכטונג. ס'אָל דאָ שטיל זיין ווי אין אַן אויער. כ'האָ' פיינט, אַז די עכברושים מאַכן אַ רויש. איך גיי אַריינדערלאַנגען.

...סע זאָל זיך איר, דעם רבינס גענעראַל, נאָר נישט פאַרגלוסטן, אונדז צו פירן, שטאָט דעם רבין, אין וואַלד אַריין...

זי דרייט זיך אויס און בלייבט נישט. אין עטלעכע מינוט אַרום איז זי ווידער דאָ, שוין ביים טיש. הינטער איר — ביילטשע מיט די פאַרבי־סענע ליפּן. זי — מיט אַ ווייס שיסעלע און גרויען צינערנעם לעפל אין די הענט, ביילטשע — מיט אַ טעלער און לעפל. זי שטעלט אַנידער דאָס שיסעלע פאַרן רבין, און מיר דערזעען דערין לאָקשן מיט מילך. דעם לעפל שפּאַרט זי אָן אויפן ראַנד פון שיסעלע, ווי אַ לייטער צום בוידעם. ביילטשע שטעלט אַנידער דעם טעלער לעבן ערשטן תלמיד ביים רבינס זייט און לייגט אַנידער דעם לעפל. זיי גייען אַרויס מיט ליידיקן און קומען באַלד צוריק מיט פולן. אין עטלעכע מינוט אַרום זענען שוין אַלע באַ־טיילט מיט זייערע פּאָרציִעס. די ווייסע מילך פאַרעט נאָך. פון איר געל־בלען זיך אַרויס די לאָקשן... פון דער מעל מיט די אייער, וואָס די תלמידים האָבן געבראַכט.

— די מילך, — טוט די רביצן אַ זאָג ווייך, איידער זי גייט אַרויס צום לעצטן מאָל, — די מילך איז פון מיין אייגענער קו. זאָל אייך זיין צום געזונט, קינדער.

איך און די קליגערע קינדער שטויסן זיך אָן די כוונה פון אירע רייד: זי האָט נאָך עפּעס צוגעלייגט צו דער סעודה...

ערשט, אַז זי איז שוין נישטאָ, שעפּט דער רבי אָן דעם ערשטן לעפל. האַלטנדיק אים אַזוי מיט די אַראָפּהענגענדיקע לאָקשן, טוט ער אַ באַפעל:

— איצט, קינדער, לאָמיר זיך לאָזן וווילגיין לכבוד ל״ג־בעומר. מאַכט אַ ברכה און עסט מיט אַפּעטיט דער רביצנס לאָקשן מיט מילך. זאָל זי זעען, אַז איר טערכע איז אָנגעלייגט.

... דער רביצנס מילך טאַקע, — טו איך אַ טראַכט, אָבער די לאָק־שן? ווו זענען אונדזערע אייער, מעל און קאָפּעקעס?

חברה טוט זיך אַ נעם פאַר דער אַכילה... שוין גאַרנישט ווי די מלאָכים, וואָס האָבן זיך באַוויזן צו אַברהם אָבינו אין אַלוני ממרא... ווי מאַכט דאָרט רש״י? ״ויאכלו — נראו כמו שאכלו״ — זיי האָבן זיך געמאַכט גלייך זיי עסן...

ווי נאָר דער רבי שפּאַרט אָן זיין ליידיקן לעפל אויפן ראַנד פונעם אויסגעליידיקטן שיסעלע, טונקט איין די שפּיץ פינגער אין דער גלאָז מיט מים־אַחרונים־וואַסער, וואָס ביילטשע האָט אַנידערגעשטעלט, און נעמט בענ־

טשן, — שפּאַרן אַלע אָן די לעפל אויף זייערע טעלערס, וואָס זענען פון נאָך פריִער שוין ליידיק! זיי ווינקען זיך פריילעך איבער, ס׳הייסט: מיר טוען נאָך דער רביצן מיטן רבין. אויב די רביצן וועט אַריינקומען נאָך אַ מאָל, זאָל זי זעען...

דער רבי הייבט זיך שווער אויף פון דער שטול, שאַרט אַראָפּ אַ דינעם לאָקש פון דער באָרד... ער האָט אים געקיצלט?... נעמט זיין גראָבן, סענקעוואַטן שטעקן פון ווינקל שטוב און זאָגט:

— נו, קינדער, גייען מיר... דער שטעקן, דאָס איז מיין געווער.

דער רבי גייט פאָרויס, מיר גייען אים נאָך. ער פירט אונדז אַרויס אויפן לודמירער וועג. מיר גייען פון דער צווייטער זייט ראָוו, און די פורן, וואָס פאָרן פאַרביי, שטערן אונדז נישט. מיר באַטראַכטן די שורותביימער פוןביידע זייטן וועג. זיי שטייען שוין אין יונגן צוויט. דער רבי גייט שוויגנדיק פאָרויס, און מיר, הינטן, פירן הויכע געשפּרעכן. ביז מיר קומען צו אַקעגן גראָזיקן טאָלכל, נישט ווייט פון וועג, אין שאָטן פונעם ליימבאַרג. אויף דער צווייטער זייט פון וועג, קעגן איבער, איז די ציגע־לניע. אַ מאָל האָט מען פון דעם באַרג געגראָבן ליים פאַר דער ציגעלניע איז דאָ געוואָרן אַ טאָלעכל, און ס׳איז פאַרוואָקסן געוואָרן מיט גראָז. פון נישט ווייט הינטערן באַרג זעט זיך שוין דער וואַלד, ווי אַ טונקלגרינע וואַנט... עך, ווען דער רבי וואָלט זיין אַ גוטער און אונדז פירן נאָך אַ ביסל!... אָבער דער רבי איז נישט קיין זאַ גוטער. ער בלייבט שטיין און טוט אַ וויז מיטן שטעקן:

— דאָ נעמען מיר זיך אַראָפּ צום טאָלעכל. איר קאָנט אַהין אַראָפּ־לויפן, ווער סע וויל.

אַלע ווילן. מיר טוען זיך פריילעך אַ יאָג. בלייבן שטיין פאַרסאָפּ־עטע. וואַרטן אויפן רבין.

אַראָפּגעקומען פּאַמעלעך צו אונדז, זאָגט דער רבי, לאָזנדיק פאַלן דעם שטעקן אויפן גראָז:

— איכל זיך דאָ, קינדער, צושפּאַרן אַ ביסל. זיך אָפּרוען פונעם גאַנג. און פאַר אייך בלייבט דאָס גאַנצע טאָלכל. איר קאָנט דאָ שפּילן אין סאָלדאַטן מיט אייער געווער. נאָר נישט פאַרגעסן: ס׳איז נישט מער ווי אַ שפּיל. שלאָגן זיך אויף דער אמתן — זאָל דער אייבערשטער

אויסהיטן! דאָס איז אַן עסק פאַר שקצים. עשוס איינִיקלעך. נו, און אַז איר וועט זיך אָפּרוען פון דער פאַרשטעלטער מלחמה, וועט איר באַקומען אַפּעטיט. למען־השם, איר זאָלט אויפעסן דעם גאַנצן כאַרטש, וואָס די מאַמעס האָבן אייך מיטגעגעבן. זאָלן זיי זעען, אַז איר זענט געוועזן מיטן רבין אויף דער פרישער לופט.

ער לייגט זיך אַנידער, דער רבי, אויפן גראָז, שפּאַרט אונטער מיט דער האַנט דעם קאָפּ, אַראָפּנעמענדיק דאָס היטל און בלייבנדיק אין דער יאַרמלקע, און לאָזט אויס:

— איכל כאַפּן אַ דרימל. מיין שטעקן זאָל זיך קיינער נישט דער־וועגן נעמען צו דער מלחמה. ווען די זון וועט זיך פון איבערן באַרג אַריבערבאַקומען אַהער צו מיין קאָפּ, ׳עלן מיר זיך, אם ירצה השם, לאָזן צוריק אַהיים. — — —

ייִדעלע שפּירט ווי ער ווערט אַלץ מערער דורכגעזאַפּט מיטן דרימל. באַלד ׳עט ער איינשלאָפן, ווי טרייטל מלמד דאָרט אין טאָלעכל... אָבער זיין געדעכניש טראָגט אים אונטער אין האַלבן שלאָף נאָך אַ שטיקל חלום פון יענעם ביינאַכט נאָך ל״ג־בעומר:

...די קינדער לויפן אַוועק אין סאַמע מיט פונעם טאָלעכל. שטעלן זיך אויס אין צוויי שורות סאָלדאַטן, אָנצוהייבן די מלחמה מיט די פיי־לנבויגנס און די שווערדלעך... מיך, ייִדעלען, גלוסט זיך עפּעס נישט מלחמה האַלטן. כ׳בין מיד פונעם גאַנג. כ׳שרעק זיך פאַר מלחמה. וואָס בין איך? עשוס אַן אייניקל? כ׳על זיך בעסער אָפּרוען דאָ לעבן רבין. דער רבי ליגט מיטן פּנים אַרויף צום הימל מיט אָפענע אויגן... די אויגן טוען אַ פינטל. דעם רבינס האַנט טוט צו מיר אַ ווונק מיט אַ פינגער. כ׳זאָל צון אים צוגיין. טו איך עס. שטעלט זיך דער רבי אויף און זאָגט צו מיר שטיל:

— קום, יצחקל, לאָמיר גיין.

ער לאָזט זיך גיין באַרג־אַרויף. איך גיי אים נאָך אַ דערשטוינטער: פאַר וואָס עפּעס האָט מיך דער רבי גערופן יצחקל? איך בין דאָך ייִדעלע מאיר מעלקרעמערס, נישט יצחק אַברהם אָבינוס?... נאָר אַז דער רבי זאָגט, ווייסט ער דאָך וואָס ער זאָגט. בין איך טאַקע יצחקל. איך הייב אויף צון אים די אויגן מיט צוטרוי... אַ פליאהדיקע זאַך! נאָר איך ווונדער זיך

גאָרנישט: דעם רבינס געלבלעכע באָרד, דורכגעשאָטן מיט סיװלעכקײט, װי מאיר מעלשענקערס בערדל מיט מעל, איז איצטער לענגער און ברײ־טער. זי איז װײס, װי די מעל װאָס כ׳האָב נעכטן געבראַכט דער רביצן אויף דער סעודה... אפשר האָט זי אים טאַקע, די רביצן, יאָכװעד אָקס, באַשאָטן די באָרד מיט דער מעל?... אָבער זע! דער רבי איז דאָך גאָרנישט יאָכװעד אָקס מאַן... ער איז גאָרנישט טרײטל מלמד... ער איז טאַקע אברהם אָבינו!... ער — אַברהם אָבינו, און איך — יצחקל... מיר שטײגן אַרויף צום שפּיץ פונעם הר־המוריה און — — —

ייִדעלע כאַפּט זיך אויף און שלאָפט װידער אײַן.

פאַרטאָגלעך װעבט זיך זײַן דעמלטיקער חלום װײטער:

...איך ליג — שוין נישט קײן ייִנגעלע פון אַ יאָר זעקס. אַ דער־װאַקסענער — אויפן שפּיץ פונעם הר־המוריה... איבער מיר געבויגן שטײט... נישט אַברהם אָבינו — דער שװער, מרדכי שוחט... ער נעמט אַרויס פון פאַזוכע זײַן גרויסע רויטע שנופּפאַטשײלע און בינדט מיר, ייִדעלען, די הענט... ציט אַרויס נאָך אַזאַ פאַטשײלע פון דער הינטערש־טער קאַפּאָטע־קעשענע און בינדט מיר די פיס... איצט טוט ער אַ הײב אויף פון דער ערד אַ ל״ג־בעומר־שװערדל... װי פון משה רבנוס שטעקן איז געװאָרן אַ שלאַנג, אַזוי װערט פון דעם שװערדל אַן אמתער גרויסער חלף פאַר גסות... ער טוט אַ גלאַנץ קעגן דער זון... אוי! אויב כהרף־עין באַװײַזט זיך נישט קײן מלאך, חלילה... טו איך אַ געשרײ:

— געװאַלד! ראַטעװע, מלאך! שװיגער...

ער עפנט די אויגן. אָבער אָנשטאָט צו דערזעען אין געשטאַלט פון אַ װײַסן מלאך די שװיגער, דערהערט ער פונעם בעט קעגן איבער דאָס באַקאַנטע בײזע קול קײלע חיהס:

— װאָס מיר האָט זיך געחלומט נעכטן און אײערנעכטן זאָל אויסגײן צו זײַן קאָפּ און צו זײַן לײב־און־לעבן! ער האָט דאָך מיך פון סאַמע טיפסטן שלאָף אַרויסגעריסן, דער גזלן!... קאָזאַקן זענען אים באַפאַלן... רופט ער צו הילף די שװיגער...

— ששש!... — שאַשעט ער שטיל־שטיל צו איר אויפגעזעצטער העלפט. — סט׳נאָך אויפװעקן די קינדער.

מאירל טוט זיך אַ דריי איבער מיטן פּנימל צו אים. פריידעלע רייסט זיך אויף פון שלאָף מיט אַ דערשראָקן געוויין.

## ל

די מיינסטע צייט פון טאָג זיצט ייִדעלע מרדכי שוחטס אין בית־מדרש און חזרט איבער די ספרים פון הוראה. דערפאַר איז אין דער ווייניקער צייט וואָס ער איז אין שטוב אויף עסן און טרינקען די באַציִונג צו אים אין גאַנצן אַ געענדערטע. ער הייסט נאָך ביי זיי טאַקע אַלץ ייִדעלע, אָבער... דער שווער האָט אויפגעהערט זיך בלאָזן און קוקן אויף אים מיט בייזע רויטלעכע אויגן; קיילע חיה האָט אָפּגעשטעלט איר טשעפּען זיך צון אים פאַר גאָרנישט־מיט־גאָרנישט. ביי נאַכט — זי האָט אים נישט געטשעפּעט דעם גאַנצן טאָג, טשעפּעט ער זי נישט איצט.

איין מאָל אום פרייטיק צו נאַכטס, צו דער דריטער אַשמורה, שטעלט ער זיך איין און שלייכט צו כלומרשט צו פריידעלעס בעטעלע. זי טוט נישט קיין הייב־אויף אים אַנטקעגן די אָפּוווערנדיקע האַנט פון אַ „מורדת",* נייערט אַ שטילן זיפץ און רוקט זיך נענטער צו דער וואַנט... ווי זאָגט אַ מאמר אין תלמוד ירושלמי: „ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים אתו, זו אשתו"... **

פון דער שטילער, גוטער שוויגער איז דאָך שוין אָפּגערעדט... „כשמה כן היא" *** גיטל לאה... מיט וואָס פאַר אַ דרך־ארץ, און מילדקייט, און געטריישאַפט זי שטעלט אַנידער פאַר אים דאָס עסן! „עס, עס, ייִדעלע, זאָלסט כוח האָבן צו דער תורה, קינד מיינס"... אַ מאָל דאַכט זיך אים: ווען זי זאָל מעגן און זיך נישט שעמען, וואָלט זי אים אַ גלעט געטאָן איבער דער באַבאָרדיקער באַק... ער אַליין וואָלט זי אַ מאָל, ווען ער זאָל

---

* ווידערשפּעניקע (סעקסועל).

** אַז גאָט באַוויליקט די וועגן פון אַ מענטשן, מאַכן אפילו זיינע פיינט שלום מיט אים, דאָס איז זיין ווייב.

*** ווי איר נאָמען, אַזוי איז זי.

מעגן און זיך נישט שעמען, אַ קוש געטאָן הינטערן טיכל אין שטערן. עלהיי פריידעלען...

"פריידעלע, פריידעלע", — זיפצט ער אָפּ. ער האָט דאָך שוין גאָר קיין צייט נישט פאַר איר. און זי, פריידעלע, ווען זי דערזעט אים, רופט אים: "טאַטע, טאַטע!"... "אוי!"... מאירל — מילא...

אַזוי אין דער היים. אַנדערש אָבער איז די באַציִונג צו אים פון די וויללערנער אין בית־מדרש:

— אונדזער יִדעלע! — איז תמיד דער ערשטער יאָנטל גרשין שניטקרעמערס, אָדער, ווי מע רופט אים אַ מאָל אויך, יאָנטל לוי סופרס, ווען ער כאַפּט זיך אַריין פון צייט צו צייט אין בית־מדרש אַ בטל צו טאָן. — פלוצעם, פון דער העלער הויט, איז ער אַ גרויסער מתמיד געוואָרן. קיין עין־הרע זאָל אים נישט שאַטן, כאָטש סע נישטאָ אויף וואָס צו קוקן...

יאָנטל האָט אַ האַרץ אויף יִדעלען. ביודעים — נאָך פון די חדר־יאָרן, ווען זיי האָבן געלערנט אין איין חדר, און יִדעלע, דער שפּאַרניאַק, פלעגט זיך נישט לאָזן פון אים שפּייען זיך אין דער קאָשע אַריין. בלא יודעים — פאַר וואָס ער האָט ביי אים אויסגעכאַפּט קיילע חיהניו דעם שוחטס, בעת ער האָט געהאַט בשותפות מיט איר דעם "אוראָק" ביי לייב "שרייבער", און זיי האָבן ביידע געלייענט דעם "אהבת ציון" פון אַברהם מאַפּו... אמת, היינט, ווי זי זעט שוין אויס, איז ער זי אים אין גאַנצן מוחל און וואָלט אים נאָך צוגעצאָלט פּראָצענט... אָבער... מיט זיין קראַנ־קער פערעלען איז דאָך נאָך ערגער...

— ער איז אַ מתמיד לשמו ולשמה, — איז יאָנטל ממשיך, — טאַקע בפקודת השווער והאשת־חיל. זי גייט דאָך ביי אים אין די קאָזאַצקע הויזן. וואָלט זי אים באַפוילן זיך אָנטאָן אַ קליידל מיט אַ פאַרטעך און אויף דער יאַרמלקע אַ טשיפּעק, וואָלט ער זי אויך געפאָלגט... ס׳איז נאָר נישט תופס צו זיין, ווי אַזוי "פּאָמיעשטשעט" זיך עס אַזאַ גרויסער מתמיד אין אַזאַ קליין יִדעלע?! פלאי־פּלאים!

— גראָד טרעפסטו נישט דאָס מאָל אין קאָרב אַריין, יאָנטל! — ווענדט אים אָפּ זיין שוואָגעריק, הערשל ברכה יאָסל משהס, וואָס לערנט בגנבה רוסיש מיט גראַמאַטיקע און לשון־קודש מיט דיקדוק און איז

איינער פון די היינטוועלטיקע, וואָס פּלאַנירן צו גרינדן אין שטעטל די ערשטע ביבליאָטעק, ווי נאָר דער שווער וועט נישט זיין קעגן דעם, — ער לערנט שוין דווקא פון אייגענעם ווילן. דו זעסט נישט? פון אין דער פרי ביזן ״אָנבייסן״ זיצט ער ר ק איבערן ״יורה־דעה״, פונעם ״אָנבייסן״ אָן קוועטשט ער נ אָ ר דעם ״חושן משפט״ ביז שפּעט ביי נאַכט, און אַ שטיקל גמרא — ער זאָל עס כאָטש אַ שמעק טאָן דערין! — ״שמע־מינה*: דער ק ל י י נ ע ר גרייט זיך צו ווערן בקרוב אַ ג ד ו ל, אָנצוטאָן אַ שטריימל־פּעכל מיט קעצענע ווידעלעך. המם, איז אויב אַזוי, יאָנטל, טייערער שוואָגעריק מיינער, האָסט טאַקע מיט אים אין איין חדר געלערנט, און אפשר נישט איין מאָל אין איין גריבל משתין געווען, — צי פּאַר אים דאָס פּראָסטע היטל דיינס, ווי דער סטראַזשניק פאַרן אוריאַדניק: דרך־ארץ פאַר אַ פריש־געבאַקענעם רב, וואָס אָט־אָט קריכט ער אַרויס פונעם שוחטס טשאָלנט־אויוון!

אים שלאָגט איבער איציק דער דולער מיטן גרויסן קיילעכדיקן קאָפּ. צו איציק דעם דולנס רייד הערט מען זיך תמיד צו מיט קאָפּ. ווען איציקס קאָפּ האָט אַ מאָל געזאָגט אַ פאַרבייפאָרנדיקער בעל־דרשר, מיט וועלכן ער האָט זיך אָן אַמפּער געטאָן מכוח יענעמס דרשה: ״דעם בחורס קאָפּ איז דרויסנדיק געראָטן אין דעם גאונישן קאָפּ פון רב חיימקע בריסקער, ער זאָל מאַריך ימים זיין. אפשר איז ער אַן עילוי. אָבער ווער ווייסט, וואָס אין דעם קאָפּ אינעווייניק טוט זיך? שטייט דאָך אין פּרק: ״אל תסתכל...״** ער, איציקי דער דולער, איז אויך פון די גע־כאַפּטע. אָבער צו די גרינדער פון דער ביבליאָטעק שטייט ער נישט צו. כאָטש ער אַליין זאָגט, אַז דאָס וועט זיין אַ גרויסער קולטור־אויפטו אין שטעטל. פאַר וואָס זשע טאַקע טרעט ער נישט צו? ווייל ער טראַכט, נישט צו פאַרבלייבן אין ״לוהיסקעוויטש״. ער טראָגט זיך שטילערהייט אַרום מיטן געדאַנק צו פאָרן קיין אַמעריקע. דאָ הי, ווי אַ זון פון אַ בע־קער, נאָך מיטן צונאָמען פאַרך, וועט ער זיך מיט זיין עילויִישן, אָדער דולן קאָפּ צו גאָרנישט נישט דערלעבן. אים צו נעמען פאַר אַן איידעם

---

* דערפון איז געדרונגען.

** קוק נישט... (אויפן קרוג, נאָר אויף דעם וואָס איז אין אים).

וועט אַזאַ גרשון שניטקרעמער נישט אָנשטיין. דאָרט, אין דער נייער וועלט, ווו אַלע מענטשן זענען אַלציינע מיוחסים, וועט ער שוין צו עפּעס דערגרייכן. אפשר גאָר וועט ער דאָרט ווערן אַ מאָלער... ווער נאָך אין שטעטל מאָלט אויס אַזוי שיין די "יעקלעך" צו די חנוכה־קוויטלעך, ווי ער ? !

— אַ רב, זאָגסטו ? ! — טוט ער אַ מאַך צו הערשל ברכה יאָסל משהס און טראָגט אונטער צו אים נעענטער זיין גרויסן שווערן קאָפּ. — אַ רבעלע זאָג ! ווי שטעלסטו זיך פאָר, אַז אַזאַ באַנומעניש וועט מען אַרויפזעצן אויף אַ כסא־רבנות פון אַ לייטישער שטאָט ? אפשר וואָלסטו אים איינגעפּאַקט אין אַ רענצל, ווי אַברהם אָבינו האָט געטאָן מיט שרהן, מע זאָל אים קיין גוט אויג נישט אָפּגעבן, און אים געשיקט מיט מיר קיין נעוויאָרק ?

— אָהאָ ! ווּהין דו ביסט פאַרפלויגן מיטן דולן קאָפּ ! — וואָרפט צו פינטשע בת־שבעס דורכן אַלגעמיינעם געלעכטער. — ער ׳עט מסכים זיין אויך אויף אַזאַ כרך ווי טראָכנבראָד, למשל. נאָר אַפילו אַז אַזוי, פאַרשטיי איך אויך נישט : מילא "יורה דעה" מוז ער לערנען — קיין שום ייִדענע וועט זיך נישט אָפּהאַלטן פון קומען צו אים פרעגן אַ שאלה אויף אַ געלעכערטן פופּיק פון אַ הון, למשל, אָדער אַ געפּלעקטן יילעך, למשל. אָבער דער "חושן משפט", צו וואָס טויג ער אים ? וועלכע מאַנצבל, למשל, וועלן עס קומען צון אַזאַ מענטשעלע אויף אַ דין־תורה ? וואָס פאַר אַ סוחר, למשל, וועט אַזוינס נעמען, אָנשטאָט דעם מאַציעווער רב, אָדער אַפילו אונדזערן, פאַר אַ בורר ? אַז ס׳האָט נישט קיין אויסזען און האָט נישט קיין שטעל ! נו, ווער, למשל ?

— איכל דיר זאָגן ווער, ל מ ש ל. — דינט אים אָפּ גומטוטיק איציק דער דולער פאַר זיין דערמאָנענען פריִער זיין "דולן קאָפּ". — אַ גאַנצער מזומן : שימקע שטאָט־לץ, הערצעלע דער שטאָט־משוגענער און אונדזער לוהיסקער וועלט־חכם — פינטשע בת־שבעס.

ס׳איז ייִדעלעס גליק, וואָס ער זיצט זיך ווייט אָפּגעזונדערט פון זיי, ביים שטענדער לעבן אָרון־קודש, און הערט נישט די לצנות־שמועסן. ער איז פאַרטאָן אין זיין לערנען. סע הערט זיי יאָ, די לצנותן, יעקב יצחק שמש, וואָס שלייכט איבערן בית־מדרש מיט פיבערנדיקע אויגן פון

שיכרות. ער איז בייז אויף זיי, אויף די יונגען, וואָס בטלענען אַוועק די צייט אין לשון־הרע און רכילות. אָבער ער וועט זיך ערשט נישט בייזערן אויף זיי, כדי נישט צו שטערן יידעלען. ער האַלט זיך נאָענט צו אים, צו וואַכן איבער אים, קיינער זאָל זיך נישט דערוועגן צוצוגיין צו אים אים שטערן אינעם לערנען... אַפילו ער אַליין וועט איצטער נישט בעטן ביי יידעלען אַ פינפערל אויף אַ קעלישאַקל, כאָטש סע נאָגט אים אַזוי שטאַרק אונטערן האַרצלעפּעלע... ווען ער וועט זיך אויפהייבן גיין אַהיים, יידעלע... פאַרפאַלן: מע מוז אַ מאָל אונטערפאַסטן...

סע קאָן אויך זייער זיין, אַז ווען יידעלע וואָלט אַפילו יאָ הערן זייערע לצנותן איבער אים, וואָלט ער זיך אויך דערפון צום האַרצן נישט גענומען. אדרבה, ער וואָלט געטראַכט: „אַשרי האיש" — אַז ווייל איז צו מיר, ווייל — „ובמושב לצים לא ישב" — אין דער זיצונג פון די שפּעטער בין איך נישט געזעסן"... ער וואָלט ביי זיך שטאָלץ געווען: מאַלע, וואָס זיי באַלעבעטשען דאָרט! ז י י רעדן דען? די ק נ א ה רעדט פון זיי אַרויס... זאָלן ז י י רעדן, און א י ך 'על מיר טאָן מיינס!

*

אין בטלה שלעפּט זיך די צייט. אָבער ווען מע לערנט, בפרט נאָך מיט התמדה — נישט נאָר זי שלעפּט זיך נישט, זי לויפט, זי פליט. אָט איז זי אַריבערגעפלויגן. און פונקט צום טערמין, וואָס ער האָט אויסגעשטעלט דעם שווער, איז ער גרייט צום גרויסן פאַרהער אויף צו באַקומען סמיכות אויף רבנות. געלויבט דער אייבערשטער.

— נו, — טוט אים מוצאי־יום־טוב, אום זונטיק, דער שווער אַ טאַפּ דעם דופק, — ביסטו גרייט, איידעם מיינער, צו פאָרן קיין מאַציעוו? ווערסט נישט פאַרשעמען דעם שווער ביים „משמרת שלום"?

— חס־וחלילה! — שמייכלט דער איידעם שטאָלץ־צופרידן. — כ'בין שוין באַצייטנס זייער היימיש מיט אים, מיטן „משמרת שלום". כ'קאָן שוין דעם גאַנצן „משמרת שלום" אויף אויסנווייניק...

— אַזוי?! — ווערט דעם שווערס פּנים אַ מאַסקע פון פרייד. — ביס־טו דאָך גאָרנישט קיין שוטה, יידעלע מיינס... מיר איז דאָס אַפילו נישט איינגעפאַלן.

דאָס מאָל איז דער "ייִדעלע מיינס" אַרויסגעקומען פון שווערס מויל מיט אַ טאָן פון מילדקייט, ממש ווי ביי דער שוויגער, און דער איידעם יזאָרט מיט אַ גוט געפיל צום שווער, וואָס ער וועט ווייטער זאָגן.

— הער זשע, — זאָגט ער, — אם ירצה השם, מאָרגן פאָר איך מיט מאָטישלען קיין לודמיר און פון דאָרט מיט דער באַן דורך קאָוולע קיין מאַציעוו. דינסטיק, "כי טוב", וועל איך, אם ירצה השם, זיין ביים רב. וועל זיך מיט אים דורכשמועסן ווי לאַנג דו וועסט דאַרפן זיין ביי אים. און וועגן דיינע קעסט ביי אים. דערלייגן צו מיר איז ער דאָך אַוודאי נישט מחויב. נו, און אויף דאָנערשטיק מוז איך דאָך זיין צוריק דאָ צו דער שחיטה לכבוד שבת... סיי ווי, דו האָסט נאָך אַן איבעריקע וואָך זיך צוצוגרייטן, איבערצוחזרן...

— אַוודאי, אַוודאי, — האַלט אונטער דער איידעם צופרידן, — "אינו דומה שונה פרקו מאה פעמים לשונה פרקו מאה ואחד,* — זאָגט די גמרא אין חגיגה.

— בטל זשע טאַקע נישט אַוועק די צייט אומזיסט. — —

און ווען ער קומט דאָנערשטיק צוריק, דער שווער, זאָגט ער אים גלייך ביים "שלום עליכם":

— אַלץ איז אָפּגערעדט און אָפּגעמאַכט. דער "משמרת שלום" האָט געזאָגט, דו זאָלסט קומען צון אים דינסטיק, אם ירצה השם. וועסט זיך פאַרזאָמען ביי אים אַ וואָך צייט און אַרויספאָרן דינסטיק. ווי די גמרא זאָגט: "לעולם יכנס אדם בכי טוב ויצא בכי טוב".** און לאָמיר האָפן, אַז דער אייבערשטער וועט דיך נישט פאַרלאָזן.

—"כרחם אָב על בנים" *** — ער וועט נישט פאַרלאָזן! — טוט דער איידעם אַ זאָג זיכער, שטאָלץ און צעשמייכלט פון גרויס הנאה.

ראשית, ער צווייפלט נישט, אַז ער וועט זיך אומקערן צוריק פון דער נסיעה שוין אַ געקריינטער... מילא, ס'איז ביי אים נישט מקויים

---

* ס'איז נישט גלייך דער וואָס לערנט זיין קאַפּיטל הונדערט מאָל צו דעם וואָס לערנט זיין קאַפּיטל הונדערט און איין מאָל.

** תמיד זאָל דער מענטש קומען בכי־טוב און אַרויסגיין בכי־טוב (געמיינט — דינסטיק).

*** ווי אַ טאַטע דערבאַרעמט זיך איף די קינדער.

געוואָרן דער קלוגער פּסוק: ״אשת חיל עטרת בעלה״ — אַן אשת־חיל איז די קרוין פונעם מאַן... אויף ״זיינער״ קאָן מען אפשר זאָגן: זי איז אַ קרוין פון דערנער... מאַ... וועט ע ר א י ר אָנטאָן אַ קרויז, אַ לייטישע קרוין — מאַכן זי פּאַר אַ רביצן... און, שנית, היינטיקן פרייטיק־צו־נאַכטס וועט זי אפשר, אם ירצה השם, נישט אַוועקשטעלן פריידעלעס וויגעלע לעם איר בעט... זאָגט דאָך די גמרא: ״אשה משתוקקת לבעלה בשעה שהוא יוצא לדרך״ — די אשה לעכצט צו איר מאַן ווען ער לאָזט זיך אַרויס אין וועג אַריין... זי לעכצט...

— נו, מירן זעען. — כאַפּט זיך אים נישט ווילנדיק אַרויס שטיל פון מויל וועגן דעם שנית; וועגן דעם ראשית איז ער זיכער.

אָט דער ״מירן זעען״ שימערט ערגעץ אין דעם פאַרבאָרגעניש פון זיין געמיט, ווי אַ שטערנדל אין אַ לבנה־נאַכט. ביז פרייטיק־צו־נאַכטס. בעת מע האַלט שוין אין דער סעודהביים פלוימען־צימעס, טוט קיילע חיה אַ זאָג עפּעס דער שוויגער אויפן אויער. זי שטעלט זיך אויף און גייט אַוועק צו זיי אין אַלקער. שטעלט זיך אויף אויך די שוויגער און גייט אין קיך אַריין. זי קומט צוריק מיט צוויי טיפּע שאָלן צימעס און שטעלט אַנידער פאַרן מאַן און פאַרן איידעם.

— באַלד, מאירל, — באַרויִקט זי דאָס אייניקל, זעענדיק ווי זיינע אייגעלעך מאָנען ביי איר דעם צימעס, — באַלד דערלאַנג איך אַריין אויך פאַר דיר און פאַר מיר.

— און וואָס איז מיט קיילע חיהן? — טוט איר אַ פרעג דער שווער, — וואָס עפּעס פלוצעם?

— ס׳איז נישט פלוצעם. — ענטפערט די שוויגער. — נאָך ביי טאָג האָט זי זיך געקלאָגט, אַז זי פילט זיך נישט מיט אַלעמען. דער קאָפּ האָט איר ווי געטאָן. נאָר איבערצוטראַכטן איז נישטאָ וואָס: ס׳איז ביי איר... פאַרשטייסט דאָך... כאָטש אַ פּאָר טאָג פאַר דער צייט. הלוואַי זי זאָל מאָרגן כאָטש קאָנען גיין אין שיל אַריין צום דאַווענען.

— מילא. — איז דער שווער נישט שטאַרק באַזאָרגט דערפון. — ס׳וועט אין דער עזרת־נשים זיין אַ ווייבערישער מנין אָן איר אויך.

ער, דער איידעם, מאַכט זיך עס נישט הערנדיק. ער וויל עס נישט

גורס זיין... זי זאָגט דאָך אַליין, די שוויגער, אַז ס'איז נאָך פּ אַ ר דער צייט. נו, מירן זעען... "אשה משתוקקת"..

אומרויִק אָפּגעבעטשט, גייט ער באַלד אַריין אין אַלקער מיט מאירלען. קיילע חיה ליגט שוין ביי זיך אין בעט מיטן פּנים צו דער וואַנט. פּריידעלעס בעטל — האַרט דאַלעבן. זיין בעט שטייט נישט־אויס־געבעט. ער דאַרף עס אַליין טאָן. אויף דער קישן ליגן אירע שליסעלעך...

## לא

דעם קומענדיקן דינסטיק איז דער מאַציעווער רב מקבל־פּנים דעם לוהיסקער שוחטס איידעם בסבר פּנים יפות, מיט הרחבהדיק אויס־געשטרעקטער האַנט:

— שלום־עליכם, רב ייִדל!

ייִדעלע דערפילט ווי זיין קליינע, שוואַכע האַנט פאַרלירט זיך אינעם דרוק פון דעם רבס גרויסער און פעסטער. דעם רבס גרויסער "ייִדל", נאָך מיטן חשובן טיטול "רב" דערצו, רופט אַרויס אַ וואַרעמען שטראָם איי־בער זיין גאַנצן גוף. זיין פּנים גיסט זיך אָן מיט רויטקייט ביז צום האַלדז אונטערן בערדל. אויפן הויכן שטערן אונטערן היטל גייען אים אַרויס שווייסטראָפּנס.

— עליכם שלום, בעל־"משמרת שלום". — זאָגט ער קוים אַרויס, ווי ער האָט זיך עס פון פריִער אויסגעשטעלט, און קוקט דערשטוינט אויפן רבס הדרת פּנים.

ער איז הויך, ברייטפּלייציק, דיק און בייכיק. דערמאָנט אַ ביסל אינעם שווער. אָבער זיינע אויגן לייכטן מיט קלוגשאַפט און פריינדלעכקייט. זיין סיוולעכע באָרד שימערט מיט זיידענער צאַרטקייט.

ייִדעלע דערפילט זיך — קליין־קליין. פאַר די אויגן טוט אים אַ שווינדל אַ פּסוק נאָך פון טרייטל מלמדס חדר: "ונהי בעינינו כחגבים" — און מיר זענען געווען ווי היישעריקן אין אונדזערע אויגן... ס'לויפט אים דורך אין קאָפּ אַ דערשראָקענע מחשבה: פון אַ היישעריק איז מען גערן וואָס גיכער פּטור צו ווערן...

אָבער דער רב ציט ווייטער גאָר צוגעלאָזן (באַגלייט פון ייִדעלעס אַ מחשבה: אויף מיין שווער געזאָגט געוואָרן...), מיט אַ נחת־רוחדיק פּנים:

— מ׳האָט מיר געשריבן פון טריסק: אַ געוועזענער עילוי... יאָ, אייער שווער האָט מיר דערציילט אַ פּליאה־זאַך: איר געדענקט מיין "משמרת שלום" אויף אויסנווייניק... האָט ער נישט אַ ביסל, ווי רבה בר בר חנא? *...

ייִדעלע דערפילט אין דער פראַגע אַן אַטאַקע נישט אַזוי קעגן שווער, ווי קעגן זיך. טוט ער זיך אָן אַ כוח אַ זאָג צו טאָן:

— זאָגט דאָך די גמרא: "מלתא דעבידא לאגלויי לא משקר" **...

— אמת, אמת, אַזוי זאָגט די גמרא.. המם, אין וועלכער מסכתא, לאָמיר זיך דערמאָנען, געפינט זיך דער מאמר?

איילט זיך ייִדעלע אים אויסצוכאַפּן:

— אין יבמות, דף צדיק גימל, עמוד בית, און דף קטו, עמוד אלף, און דף קטז, עמוד בית.

— יאָ־אָ־אָ... — זאַמלט דער רב צונויף זיין זיידענע באָרד אין דער האַנטפלאַך און ציט אַראָפּ די האַנט, ביז די באָרד ווערט באַפרייט. — געדענקט איר טאַקע, הייסט עס, מיין „משמרת שלום" אויף אויסנווייניק. זייער שיין. גאָר שיין... אייער שווער איז ביים רבינס עמוד און ביים „טיש" פון די שענסטע בעלי־נגינה. וויל איך האָפן, אַז ווי דער שווער איז אַ שיינער זינגער, אַזוי וועל איך אויך אין זיין איידעם געפינען אַ שיינעם זאָגער.

אַזוי ווי אויף צו להכעיס, רוקט זיך אים איצטער נישט אונטער, דעם איידעם, קיין שום פּאַרטיקער מאַמר־חז"ל. נאָר גראָד — צוויי פּראָסטע שפּריכווערטער, געהערטע, פאָרנדיק פון לוהיסק קיין לוד־מיר, פון מאָטישל דעם האָרבאַטש: "איטלעכער איידעם איז אַ שטיק שווער" (..."און איך, — האָט ער אַליין צוגעלייגט אין געדאַנק — בין אַ שטיקעלע") און: "אַן איידעם איז ווי אַ טשאָלנט". און ער כאַפּט זיך שיר

* אַ באַרימטער בעל־גוזמא.

** מע זאָגט נישט קיין ליגן וואָס קאָן אויפגעדעקט ווערן.

נישט אַרויס מיט זיי פאַרן רב. ווערט ער צעמישט און שטייט ווידער מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, ווי אַ פאַרשעמט ייִנגל פאַרן רבין אין חדר.

דער רב זעט זיין פאַרלוירנקייט. וווּנדערט זיך: פון וואַנען נעמט זיך עס? און שטאַרקט אים:

— פילט אייך, ר׳ ייִדל, דאָ ביי מיר אין שטוב, ווי ביים שווער אין דער היים. איך וועל דאָך פון אייך געניסן מער, ווי איר פון מיר... וואָס קוקט איר מיך אָן אַזוי פאַרוווּנדערט? נישט אַזוי צוליבן: ״הרבה למדתי... ומתלמידי יותר מכולן״,* ווי פון דעם וואָס סע ווערט ערגעץ געזאָגט: ״כל המאָרח תלמיד חכם בתוך ביתו ומהנהו מנכסיו — מעלה עליו הכתוב כאילו הקריב תמידין״ **... איין קלייניקייט!

קנייטשט ייִדעלע דעם שטערן. ער וויל זיך עפּעס דערמאָנען, און דערמאָנט זיך נישט. זאָגט ער מיט פאַרלוירנקייט פון אַ חדר־ייִנגל און מיט צער:

— דעם ערשטן מאַמר געדענק איך פון דער מסכתא תענית, דף ז׳ן, עמוד אַלף, אָבער דעם צווייטן דערמאָן איך זיך עפּעס נישט פון דער גמרא...

— אמת, אמת, — שמייכלט דער רב, — ווייל ס׳איז גאָר אַ מדרש...

— וואַרטס, וואַרטס... — טוט ייִדעלע אַ שטרעק די האַנט אין דער לופט און, ווי געכאַפּט אין האַנטהויפּן אַ פייגעלע, — איך האָב עס! ס׳איז דאָ אויך אין דער גמרא. אין סנהדרין, דף קוף־יוד. נאָר בקיצו־רער און אַ ביסעלע אַנדערש: ״כל המהנה תלמיד חכם מנכסיו, מעלה עליו הכתוב כאילו מידבק בשכינה״.***

— נו, זעט איר שוין. — קוקט דער רב אויף אים מיט צעגלאַנצטע אויגן און צעקוואָלן פּנים, — איז אָט שטייען דאָ צו אייער רשות מיינע פיר ווענט מיט שאַפעס און פּאָליצעס ספרים. געלויבט דער אייבערשטער.

---

* אַ סך האָב איך געלערנט... און פון מיינע תלמידים מער ווי פון אַלע.

** ווער ס׳איז מכניס אורח אַ תלמיד־חכם ביי זיך אין שטוב און איז אים מהנה פון זיין פאַרמעגן — ווערט עס אים פאַררעכנט ווי ער וואָלט מקריב זיין אַ קרבן־תמיד.

*** ווער ס׳איז מהנה אַ תלמיד־חכם פון זיין פאַרמעגן — ווערט עס אים פאַררעכנט ווי ער וואָלט זיך באַהעפט מיט דער שכינה.

"וכשאפנה",* וועלן מיר, אם ירצה השם, אַ שמועס טאָן אין לערנען בהרחבה און גרינטלעך.

און ער לאָזט אים איבער אַליין צו שווימען איבערן ים פון די ספרים. ייִדעלע דערפילט זיך ווי ער וואָלט אַיינער אַליין געשווומען איבער דער ברייט פונעם בוג אין לוהיסק... זיין האַרץ איז אָנגעשראָקן, און דורך די פינגער לויפט אים דורך אַ קאָרטש... צי וועט ער זיך דער־שלאָגן צום צווייטן ברעג?

אַ ביסל שפּעטער, ווען ער איז שוין אַ געקומענער צו זיך, עפנט זיך די טיר, דורך וועלכער דער רב איז אַרויסגעגאַנגען. ער טוט אַ ווענד אַהין דעם קאָפּ. איר האַלבע רעם איז אויסגעפילט מיט אַ הויכער, דיקער ייִדענע. איר פּנים — ווייס־ראָז. סע שימערן אַרויס דערפון בלויע, גוטע, אומעטיקלעכע אויגן. איר קאָפּ — אין אַ בלויער קאָפּקע, אַרומגעזוימט מיט שוואַרצן האָפּט. איר טונקל קלייד, פון אונטער דער גאָמבע ביז איבער די קנעכל, איז אַרומגעבונדן אין דער דיקער טאַליע מיט אַ ווייסן שערץ, אַן אַרומגעזוימטן מיט שוואַרצע שליאַרעס.

...די רביצן, — שטויסט ער זיך אָן, — טאַקע ווי פונעם רבס אַן אַרויסגעשניטענער ריפּ.

— גוט מאָרגן, לוהיסקער שוחטס איידעם. — זאָגט זי מילד און ווי זי וואָלט אים באַגאָסן מיט דער בלויער אומעטיקייט פון אירע אויגן. — דער רב איז שטאַרק פאַרנומען מיט די שאלות און דין־תורות, היגע און פון דער פרעמד, און מיט שטאָטישע געשעפטן. דעריבער וועט איך אויסקומען די גאַנצע וואָך צו עסן איינער אַליין. טאַקע דאָ אין דעם חדר. איר זענט שוין אַן אָפּגעדאַוונטער?... יאָ?... וועט דאָ באַלד מיין רחל גרייטן פאַר אייך צום טיש דעם איבערבייס. קומט מיט מיר אין קיך אַריין זיך וואַשן צו "נטילת ידים".

זי דרייט זיך אויס, און ער גייט איר נאָך, זיך פרעגנדיק: ווער איז "מיין רחל"? אַ טאָכטער? אַ שנור? צי גאָר אַ דינסטמיידל?

אין קיך,ביים פּריפּיטשאָק, קעגן דער שיין פון פייער, שטייט פאַר־

---

* און ווען כ׳וועל האָבן פרייע צייט.

פאַרעט אַ קליין, דאַר ווייבעלע... מע זעט, אַז ס'איז אַ דינסט. האָט זי עס געמיינט זי? די רביצן וויזט אים אָן אויף אַ טיר:

— זי גייט אַרויס אין שטאָל אַריין, אין רעכטן ווינקל, דאָרט שטייט „אַ שאַפע אויף הכנות"... און אָט דאָ אויף דער פליישבאַנק שטייט אַן עמער מיט אַ קוואָרט, זיך צו וואַשן, אַרויסקומענדיק פון דאָרט צוריק. און אָט דאָ הענגט אַ האַנטעך. און... קרעמפּירט זיך נישט. פילט זיך ווי ביי זיך אין דער היים.

זי גייט אַרויס, און ער פאָלגט וואָס זי האָט געהייסן.

אַריינגעקומען נאָך די נקיות צוריק אין „זיין" חדר, דערזעט ער פאַרבייגיין צו דער טיר אַ יונג ווייבל, וואָס טוט אים אַ נעם דורך מיט אַן אָפּגעכאַפּטן בליק.. דאָס איז זי — איר טאָכטער, רחל. ווען זי וואָלט זיין אַזוי דיק, ווי די רביצן, וואָלט זי אויסגעזען ווי דער רביצנס אַ צווילינג־שוועסטער.

אויף אַ האַלבן טיש, געדעקט מיט אַ סערוועט, שטייט שוין גרייט דער איבערבייס. צום עסן און טרינקען. אַפילו אַ האַלבע גלאָז וואַסער — מים־אַחרונים אויף געווים.

ער נעמט עסן. נאָר ס'עסט זיך נישט.ס'איז אים שווער אויפן געמיט. כאָטש וואָס? סיי דער רב, סיי די רביצן זעען אויס צו זיין צוגעלאָזענע מענטשן. אַפילו — זייער טאָכטער, וואָס האָט אַזוי שנעל־געכאַפּט אויף אים אַ קוק געטאָן. נאָר... ווי פרעמד און עלנט ער איז דאָ צווישן די שטומע ווענט מיט די ספרים, אויסגעדרייטע צו אים מיט די רוקנס... זיי זענען פאַרזונקען אין זייערע אייגענע מחשבות און שיקלאָ־וטריאס... נישטאָ פריידעלע... נישטאָ די גוטע שוויגער... אַפילו נישט מאירל...

אָפּגעגעסן, לאָזנדיק היפשע שיריים, אָפּגעבענטשט און זיך אויס־געגענעצט, הייבט ער זיך אויף, נעמט אַראָפּ פון אַ פּאָליצע אַ „יורה דעה", זעצט זיך ביי דער נישט־געדעקטער העלפט טיש און עפנט אים אויף. נעמט אַריין דאָס צעגענעצט־אויפגעריסענע מויל אין דער האַנט־פלאַך, ווי אין אַ צוואַנג, און דערשטיקט אַ גענעץ. מיט דער האַנט אויפן מויל צווינגט ער זיך צו לערנען. ניגונט שטיל און אומעטיק. אָבער דער מוח באַנעמט נישט דעם געמורמל פון די ליפּן. מיט אַ מאָל טוט אים אַ שפּאַר ביים האַרצן. אַ פייכע וואַרעמקייט טוט זיך פון דאָרט

אַ צעפּלייץ איבער אַלע אברים, אַ זעץ ווי פֿאַרע אין די אויגן אַריין, און סע נעמט פֿון זיי טריפֿן... ער לערנט העשענדיק...

אומגעריכט דערהערט ער שטילע טריט. משמעות — זייער טאָכ־טער. רחל. ער לאָזט טיפֿער אַראָפּ דעם קאָפּ. ער וואָלט אים ממש פֿאַר־גראָבן אין די בלעטער פֿונעם ספר, ווי אין אַ קישן. זי נעמט אַראָפּ פֿון דער צווייטער העלפֿט טיש און גייט אַרויס, ווי געאײַלט זיך.

...פֿאַר וואָס אײַלט זי זיך אַזוי? המם, אַ רבס אַ טאָכטער, ווייסט זי אויף געוויס, אַז אַן אשה טאָר נישט בלייבן אַליין מיט אַ מאַנצפּאַרשוין — "יִחוד."*

ער קוקט איר נאָך זײַטיק מיט די פֿאַרגאָסענע אויגן אויף יענער זײַט פֿון דער פֿאַרמאַכטער טיר הינטער איר. אָבער אין עטלעכע מינוט אַרום קומט זי ווידער. לענט־צו הינטער זיך די טיר, לאָזנדיק אַ שמאָלע שפּאַרונע. טוט אַ קוק אויף זײַן פּנים פֿון ווײַטן מיט די בלויע אומעטיקע אויגן און זאָגט שטיל און מילד:

— זײַט מוחל, וואָס... איך שטער אפשר?... איך שטויס זיך אָן: סע בענקט זיך אײַך אַהיים...

ער איז מבולבל פֿונעם יחוד... און פֿון איר האַרציקייט. שטאַמלט פֿאַרשעמט און שטיל, ווי ער וואָלט איר פֿאַרטרויט אַ סוד:

— איך האָב דאָרט, אין דער היים מײַן איך... אַ מיידעלע... פֿריי־דעלע... און אַ יִינגעלע... מאירל...

דערויף טוט איר אַראָפּגעלאָזט פּנים אַזוי קלוג אַ בלאַסן שמייכל:

— און די קינדער האָבן אַ מאַמע. אַוודאי בענקט זיך שטאַרק נאָך... קינדער. אָבער פֿאַר אַ טאַטן פֿון צוויי קינדער, אָן עַין־הרע, פּאַסט עס שוין נישט. און... איר זענט דאָך נישט, חלילה, צווישן פֿרעמדע. דאַרף מען זיך פֿילן ווי צווישן היימישע.

— אַ דאַנק. — פֿאַלן אים די צוויי ווערטער אַראָפּ פֿון די ליפּן, ווי נישט די ליפּן און נישט די ווערטער זאָלן זײַן זײַנע. ער וואָלט זיך עס נישט געריכט אויף זיך. און ער דערוועגט זיך נאָך אויף אַ פֿרעג צו טאָן ("עבירה גוררת עבירה" **), — און איר?... זענט שוין אַ מאַמע?

---

* פֿרעמדע מאַן און פֿרוי אין אַ חדר זאַלבעצווייט.

** איין עבירה ציט מיט די צווייטע.

— אַ מאַמע, אַ דאַנק דעם אייבערשטן. — צעשפּילט זיך אויף איר פּנים ליכט און שאָטן. — זיסעלע הייסט מיין טעכטערל. נאָר... קיין טאַטן האָט זי שוין נישט, נעבעך, זיסעלע... אַ ביטער יתומהלע.

איבער איר פּנים צעלויפט זיך אַ צוקעניש. זי דרייט זיך אויס און גייט אַרויס, ווי אַ געשטאַלט פון שוואַרצער כמאַרע.

...גייט זיך אויסוויינען. — גייט אויף אין אים אַ מחשבה, באַגלייט מיט אַ רחמנות־געפיל. — אַ יונגע אַלמנה, נעבעך... אַזאַ... זיסעלע...

אָט די מחשבה און דער געפיל צעגייען זיך באַלד אין אַ צווייטער מחשבה און צווייטן געפיל פון קנאה צו איר פאַרשטאָרבענעם אומבאַקאַנטן מאַן: אַז גוט און וויל איז אים געווען... מיט אַזאַ — אַפילו בלויז צו זיין אונטער איין דאַך... איז שוין אַ ברכה פון אויבן...

ער דערפילט ווי דאָס האַרץ ווערט אים מיט אַ מאָל גרינגער... זי האָט, ווי יעקב אָבינו פונעם ברונעם, אַראָפּגענומען דעם שטיין פון מיין האַרצן. כ׳בין דאָך מיט איר אונטער איין דאַך... אַזאַ ווי רחל. ער טוט זיך אַ וויש די אויגן. אומזיסט — זיי זענען שוין טרוקן און ליכטיק. נעמט לערנען מיט חשק, און ווייסט שוין יאָ וואָס ער לערנט... מע דאַרף לערנען, מע מוז לערנען — איר טאַטע, דער „משמרת שלום״ וועט אומזיסט קיין היתר־הוראה נישט געבן.. און זי, רחל, ווי רחל רבי עקיבאס... וויל ער זאָל לערנען...

דער רב איז טאַקע אַ שטאַרק פאַרנומענער. ווי די רביצן האָט אים געזאָגט. אויף צום אָנבייסן גרייט פאַר אים דאָ רחל צום טיש. די דינסט העלפט איר אַריינדערלאַנגען די געקעכצן. ערשט שפּעט נאָכן אָנבייסן קומט דער רב אַריין אַהער מעיין צו זיין אין אַ ספר. פאַרבייגייענדיק טוט ער אים אַ פאַרהער, עפּעס דאָ, און עפּעס דאָרט. האָרכט אויס זיינע תשובות און בלייבט, קענטיק, צופרידן. אָבער קיין תוכיק פאַרהערן איז עס נישט.

פאַרנאַכט־צו ברענגען אַריין די דינסט מיט רחלען אַ שמאָל אייזערן בעטל מיט אַ סיניעק און בעטגעוואַנט. די דינסט מאַכט גרייט דאָס געלעגער. דערנאָך ברענגט זי אַריין אַ טאַבורעטקע און שטעלט ביי דער טיר. רחל קומט הינטער, שטעלט אַנידער אויף דער טאַבורעטקע אַ קופּערנע קוואָרט מיט וואַסער און דאַלעבן — אַ מידניצע... אויף נעגל־וואַסער אָפּצוגיסן, הייסט עס. זי נעמט אַראָפּ פון איר אַקסל אַ סער־

וועטשאַנע האַנטעך און הענגט אים אויף אויף אַ צוויאַק ביי דער זייט טיר. ער רייסט נישט איבער ביי דעם אַלץ דאָס לערנען. כאַפּט אָבער אַלע ווייל אַ קוק אַהער וואָס דאָ ווערט געטאָן פון זיין כבוד וועגן. ווי די שוויגער וואָלט זיך דאָ געפּאָרעט אַרום אים...

בעת ער דאַוונט ביחידות מנחה און גייט אויס שמונה־עשרה, ברענגט די דינסט אַריין אַן אָנגעצונדענעם אַכטער נאַפטלאָמפּ און שטעלט אים אויפן טיש. אין אַ שעה אַרום גרייט רחל צום טיש, און די דינסט שטעלט אַנידער פּאַר אים די וועטשערע: קאַשע מיט יויך און פלייש מיט ביב־לעך. אָפּגעגעסן מיט אַפּעטיט און אָפּגעבענטשט, אָנגעלענט אויף די האַנטפלאַכן מיט פאַרמאַכטע אויגן, הערט ער ווי רחל... יאָ, ס'איז רחל, און נישט די דינסט... קומט אַריין, רוימט אָפּ פון טיש, לאָזט זיך צו דער טיר. סאַמע ביי דער שוועל דאָרט טוט זי אַ זאָג, ווי צו זיך אַליין: „אַ גוטע נאַכט". ערשט איצטער הייבט ער אויף דעם קאָפּ, גלאָצט צו דער פאַרמאַכ־טער טיר און שעפּטשעט אויך, ווי צו זיך אַליין: „אַ גוטע נאַכט".

אויף אַן ענלעכן אופן גייען אַריבער אויך דער מיטוואָך און דער דאָנערשטיק. זיי לויפן שנעל אַריבער, ווייל ער לערנט מיט התמדה — דעם ערשטן האַלבן טאָג "חושן משפט", און דעם צווייטן "יורה דעה". נאָך מיט אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין נאָך דער וועטשערע און רחלס; "אַ גוטע נאַכט", ווי צו זיך אַליין, און זיין: "אַ גוטע נאַכט", ווי צו זיך אַליין.

די בענקשאַפט אַהיים, צו פריידעלען, צו דער שוויגער און מאַירלען, האָט זיך ערגעץ ווי פאַרהוילן פון אים, כדי אים נישט צו שטערן אינעם לערנען. בלויז ווען ס'מאַכט זיך, ער דערהערט פון אַ צווייט חדר דאָס געוויין פון אַ קינד — זיסעלע רחלס וויינט עס אַוודאי, דאָס יתומהלע — טוט אַ טונק־אַרויס פאַר זיינע אויגן די היים און ס'ווערט אים באַנג אויפן געמיט: אויב פריידעלע וויינט עס נישט דאָרטן... ער וואַרט איבער אָנגע־שטרענגט, ביז זיסעלעס געוויין נעמט זיך איבער... אַוודאי האָט זיסעלע אַ האַרציקערע מאַמע, איידער פריידעלע... קיין שום דמיון נישט!... אָבער זיסעלע איז נעבעך אַ יתומהלע נאָכן טאַטן... און פריידעלע — אין אַ קנאַפּער וואָך אַרום וועט זי האָבן דעם טאַטן צוריק... און ווי נאָר זיסעלעס געוויין איז ווי אויסגערונען, אַריינגעזאַפּט זיך אין דער שטילקייט אַריין, טו ער זיך ווידער אַ נעם מיט שטאַרקערן חשק צום לערנען.

# לב

פרייטיק בייטאָג. דער רב בכבודו ובעצמו שלאָגט איבער ייִדעלען דאָס לערנען. געעפנט די טיר, טוט ער אַ זאָג צו אים, שטייענדיק פאַר דער שוועל:

— רב ייִדל, איך גיי אין מרחץ לכבוד שבת. אפשר וואָלט איר מיך באַגלייטן אַהין מיט אייער וועש?

— באַגלייטן איך, רב? — איז ייִדעלע אויפגערעגט צוליבן כבוד וואָס ווערט אים צוגעטיילט, פאַרמאַכט דאָס ספר און קווייִנקלט זיך, — באַגלייטן — אַדרבה ואַדרבה. זאָגט דאָך רבי יחנן: "גדול שימושה של תורה יותר מלימודה".* נאָר מיט מיין וועש וועל איך גיין אַהין, ווען דער רב וועט שוין זיין פון דאָרטן צוריק.

— "מאַי טעמא"**?

— ווייל כ׳פאַרשטיי, — שמייכלט ייִדעלע קוים־קוים, דרך־ארצדיק, — דער רב פרוווט מיך. ס׳איז פון מיר נישט פאַרהוילן דער מאמר חז״ל אין פסחים, דף נון אַלף, עמוד אַלף: "תלמיד לא ירחץ את רבו, ואם צריך לו, מותר".***

— ובכן, — שמייכלט דער רב צו אים צוריק שוין גאָר ברייטער, — דאַרפט איר מיר נישט באַגלייטן אויך. דאָס איז נישט בבחינה "צריך לו". ס׳איז כאַרעווער איר זאָלט פאַר דער צייט לערנען. דערפון וועל איך האָבן מער נחת־רוח. צוזאַמען וועלן מיר שוין גיין אין בית־מדרש צו קבלת־שבת.

ווען ייִדעלע קערט זיך אום אין אַ שעה צוויי אַרום אייליק פון מרחץ, טוט זיך אייליק איבער שבתדיק און קומט אַריין אין דער פאָדער־

---

* דאָס משמש זיין די תורה איז ווערט מער ווי דאָס לערנען זי.

** וואָס איז דער מאָטיוו?

*** אַ תלמיד זאָל זיך נישט באָדן צוזאַמען מיטן רבין, נאָר אויב ער דאַרף אים האָבן, מעג מען.

שטער שטוב, טרעפט ער שוין די רביצן און די טאָכטער ביים ליכט־צינדן. בײדע — אין העלער קלײדונג. קיין זכר פון שוואַרץ. ס׳גייט אויף פון זיי אַ גייסטיקע זויבערקייט. ווי ס׳וואָלט פון זיי אַראָפּשיינען דער גלאַנץ פון דער מלכה־שבת. ווען זיי טוען אָפּ די הענט פון די אויגן, איז ווי אַ לויטערער הימל וואָלט אויפגעבלויט. קעגן דער שיין פון די ליכט און זייערע אויגן זעט אויס דעם אַריינגעקומענעם רבס הדרת־פּנים הדרת־קודשדיק.

אויפן וועג צום בית־מדרש געבן אים אָפּ, ייִדעלעך, אומבאַקאַנטע ייִדן ״שלום־עליכם״, לכבוד זיין מכניס־אורח... אויף געוויס ווייסט שוין גאַנץ מאַציעוו ווער און וואָס ער איז און וואָס ער טוט דאָ. אַנדערע רופן אים אַפילו אָן היימישלעך ביים נאָמען: ״שלום־עליכם, רב ייִדל״. אין בית־מדרש האַלט אים דער רב לעבן זיך, ווי ער וואָלט זיין זיין איידעם... אפשר זיצט ער טאַקע אויפן איידעמס ״שטאָט״... מאָרגן וועט אים דאָ זעען פון דער ווייבערשול אַראָפּ רחל... ער זעט, ייִדעלע: אַ סך אויגן קוקן אויף אים מיט דרך־ארץ — כאָטש נישט דעם רבס איידעם, אָבער זיינער אַן אורח. ער האָט ערשט שטאַרק הנאה פון זיך אַליין, ייִדעלע. דאַוונט ער זייער פרום און זיס. שפּירט זיין נשמה־יתרהדיקייט ממש אָנצוטאַפּן... ״וימש אור״ *. בעתן גאַנצן דאַווענען האָט ער אין זינען די תפילה, ער זאָל, חלילה, נישט געשטרויכלט ווערן אויפן גרויסן פאַרהער... ״ניין, — ווערט ער זיכער ביי זיך, דערזעענדיק פאַר די אויגן ״פּורח באַוויר״ ** דעם פּסוק פון תהלים: ׳שמע אַדוני תחינתי׳ — גאָט האָט געהערט מיין געבעט, ׳אַדוני תפילתי יקח׳ — גאָט נעמט אָן מיין תפילה, — ניין, כ׳וועל נישט נכשל ווערן...״

שפּעטער, בעת דער סעודה, פילט ער זיך... בעסער ווי אין דער היים. כאָטש פריידעלע, די שוויגער און מאירל זענען דאָ נישטאָ... ער דער־זעט זיי אין דער מחשבה אויף אַ רגע, און זיי פאַרשווינדן. דאָס עסן דער־לאַנגט אַריין די דינסט. אויך זי זעט ערשט אויס אַ פאַרביטענע. זי שטעלט אַנידער די געריכטן אויפן ראַנד טיש פאַר דער רביצן, און רחל, איבער־

* אָנצוטאַפּן דאָס ליכט.

** פליִען אין דער לופטן.

גענבנדיק דאָס קינד דער מאַמען, צעשטעלט זיי פּאָר יעדן איינעם לויטן סדר: פאַר דעם רב, פאַר אים, פאַר דער רביצן און צו לעצט פאַר זיך. בעת־מעשה זיצט זיסעלע שטיל ביי דער רביצן אויפן שויס... ס׳איז גאָר־נישט קענטיק אויפן קינד איר יתומישקייט. פונקט ווי אויף איר מאַמען איז איצטער נישטאָ קיין סימן פון אַלמנהשקייט... עלעהיי איר מאַן איז געפאָרן ערגעץ וועגן מסחר און האָט נישט באַוויזן זיך אומצוקערן אויף שבת.. און גאָט האָט זיי צוגעשיקט, שטאָט אים, אַן אָנגעלייגטן אורח אויף שבת.

זיסעלע דערמאָנט אים כסדר פריידעלען. ווייל־נוויז דאַכט זיך אים, אַז גאָר פריידעלע זיצט עס ביי דער רביצן, אָדער רחלען אויפן שויס... די רביצן — אויסטערליש! — הייסט ווי זיין גוטע שוויגער, נאָר איבערגע־דרייט: נישט גיטל לאה, נאָר לאה גיטל... דערפאַר אָבער איז פונעם נאָמען רחל צום נאָמען קיילע חיה, אַפילו קיילע חיהנו, ״כרחוק מזרח ממערב״... *
נאַרישקייטן! טרייבט ער די־אָ מחשבות פון זיך. ווייל גראָד ערשט האַלט אים דער רב אין אמתן פאַרהערן. פאַרהערט אים צווישן די פיש און אַ קעלי־שאָקל בראָנפן; צווישן דעם בראָנפן און דעם ״כל מקדש״, אָפּהאַלטנדיק דאָס דערלאַנגען די יויך מיט די לאָקשן; צווישן דער יויך מיט לאָקשן און ווייטערע זמירות. וואָס ווייטער, אַלץ שטאַרקער פילט זיך ייִדעלע ביי זיך. דער רב זשאַלעוועט אים נישט קיין „מקצת שבחו בפניו״... ** וואָס זשע פאַר אַ שבחים וועט ער אים שוין צוטיילן ״שלא בפניו״ !... ***

זיסעלע־פריידעלע דרימלט איין ביי דער מאַמען אויפן שויס. רחל טראָגט זי אַריין אין אַ צווייטן צימער און קומט באַלד צוריק שוין אָן איר. אין דעם מאָמענט, ווען זי זעצט זיך אויף איר אָרט, באַגעגענען זיך זיינע אויגן מיט אירע. ער קוקט אין זיי ווי אין אַ לויטערן בלויען הימל. אין איין אויגנבליק דערשפּירט ער: פונעם הימל האָט אַ שפּריץ געטאָן אַ ברויזעלע פינקעלע, אַ ברי געטאָן זיין בליק און אַריין אין זיין געמיט... ער ווערט

---

* ווי ווייט פון מזרח צו מערב.

** אַ ביסל לויב אין די אויגן.

*** הינטער די אויגן.

גאַר מבולבל, ווייל באותו־רגע ווענדט זיך דער רב צון אים מיט אַ שאלה. ער איז זי נישט תופס.

— וואָס ? וואָס, רב ? זייט מוחל. — שטאַמלט ער דערשראָקן און פאַר־שעמט. — כ׳האָב זיך גראָד פאַרטראַכט וועגן עפּעס־וואָס. נישט גוט דער־הערט.

דער רב חזרט איבער די שאלה. פאַרקוועטשנדיק די אויגן, קנייטשנדיק דעם שטערן, נעמט זי דער פאַרהערטער אויף און גיט אויף איר אַן ענטפער.

די רביצן מיט דער טאָכטער שמועסן בעת־מעשה צווישן זיך זייער שטיל, נישט צו שטערן. זיי פאָלגן נאָך דעם פאַרהער מיטן געהער, און מיט די אויגן — דעם פאַרהערער און פאַרהערטן.

— נשתומם צו ווערן ! — קוועלט דעם רבס פּנים צו די נשים, בעת זיינע ווערטער זענען געוואָנדן צום פאַרהערטן. — ווי די דפין פון מיין ״משמרת שלום״ וואָלטן אייך געשטאַנען ממש פאַר די אויגן. איר דאַרפט נישט מער ווי פון זיי אַראָפּצולייענען. אַזאַ זכרון ! פלאים ! הממ...

און שוין מיט אַן אומעטיקן טאָן לאָזט ער אויס :

— אונדזער פּנחסל, עליו השלום, האָט אַזאַ זכרון נישט פאַרמאָגט.

שטויסט זיך יידעלע אָן : דאָס מיינט ער אַוודאי דעם געשטאָרבענעם איידעם זיינעם ; רחלס מאַן. נישט ווילנדיק טוט זיין בליק זיך אַ ווענד צו רחלס פּנים. אין אירע אויגן שטייט אַ פייכטער גלאַנץ קעגן דער שיין פון די ליכט. זי טוט שנעל אַ לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ.

אַזוי גייט דער פאַרהער ווייטער ביזן בענטשן. דערנאָך — אַ שטיק אין דער שבתדיקער נאַכט אַריין, ווען זיי זיצן שוין ביים אָפּגעראַמטן טיש. ביז די ליכט נעמען צאַנקען אין די לייכטער־רערלעך. אומממשותדיקע פליגל פון שאָטן און ליכט פלאַטערן איבער זייערע קעפּ. די רערלעך לאָזן אַרויס דינע רויכעלעך מיט טשאַדיקן ריח פון פאַרברענטן חלב.

אַ זאַטער פון דער געשמאַקער סעודה און דעם רבס שבחים, אויסגע־מאַטערט פונעם לאַנגן פאַרהער, גייט יידעלע אַריין צו זיך אין חדר. גענעצנ־דיק לייענט ער קריאת־שמע און טראַכט : די באַנקע פונעם לאָמפּ איז נאָך העכער אַ העלפט פול מיט נאַפט. ס׳וועט קלעקן אַוודאי ביז דער שבת־גוי וועט קומען גאַנץ פרי אים פאַרלעשן. וועל איך אויפשטיין באַגינען מיט אַ לויטערן קאָפּ און זיך זעצן לערנען.

ער טוט זיך אויס, לייגט זיך אין בעט, דרייט זיך אויס מיטן פּנים צו דער וואַנט, די שיין זאָל אים נישט שטערן איינצושלאָפן, און חזרט איבער מיט עקשנות אין זינען:

״אויפשטיין באַגינען לערנען... אויפשטיין באַגינען... אויפשטיין... באַ... גינען...״

ער פאַרזינקט אין אַ געדיכטן וואַרעמען נעפּל פון שלאָף.

## לג

— — — ער איז אין לוהיסק. שלאָפט ביי זיך אין אַלקער. ביי זיך אין בעט. לעבן אים — מאירל ?... זע נאָר, ס׳איז דאָך גאָר קיילע חיהניו !... הייתכן ? זי ביי אים ? אַ ״תובעת בפה״ * איז זי געוואָרן ?... נאָר פאַר־פאַלן ! ס׳איז אַ בפירושער פאַרזאָג אין דער תורה : ״ועונתה לא יגרע״ — און איר ווייבערעכט זאָל ער נישט מינערן. ער איז מחוייב צו טאָן איר באַגער... בגנבה, דורך אַ שפּעלטיקל אין די אויגן, טוט ער איר אַ פאַרקוק אין פּנים... אירע אויגן זענען פאַרמאַכט. גראָד ווי ס׳איז געבאָטן אַ צניעות־דיקער אשה. נישט, חלילה, ווי אַ ״תובעת בפה״... „אָבער, — טוט ער זיך אַ דערמאָן, און ס׳באַפאַלט אים אַ שרעק, — זי האָט דאָך פאַרן לייגן זיך שלאָפן געלייגט די שליסעלעך אויף מיין קישן !״... — וואָס האָסטו געטאָן, שפלה ? טמאה ! — טוט ער אַ געשריי אין צאָרן. — דאָס איז דאָך אַן אומווערדיקייט ! און סע שטייט דאָך : „איטלעכער וואָס וועט טאָן פון אַלע די דאָזיקע אומווערדיקייטן — די נפשות וואָס טוען עס, זאָלן פאַרשניטן ווערן פון צווישן זייער פאָלק״... טוען זיך אַ באַוועג אירע ליפּן, ווי אים צו ענטפערן, און ס׳טוען זיך אַ צעפראַל אירע אויגן... ער דערזעט אין זיי -- וווּנדער איבער וווּנדער ! — אַ לויטערבלויען הימל. און שטערן פינקלען אין אים... סע נעמט אים דורך אַ הייסע פרייד. אָבער באַלד טוען אים אַנגסטן אַ שלאָג אַרויס אויפן גאַנצן גוף און... וויי־וויי ! ס׳איז דאָך נישט זי !... ס׳איז דאָך רחל !... דעם רבס טאָכטער איז דאָך אַן אשת־איש !...

---

* מאָנט מיטן מויל.

דערויף שטייט דאָך: ״מות ימות״ — ער זאָל געטייט ווערן... באַלד וועט קומען די שטראָף פון הימל... און טאַקע: ס׳טוט אַ דונער און אַ בליץ...

פון דעם דונער כאַפּט ער זיך אויף. די שיין פונעם לאָמפּ מאַכט אים פינטלען די אויגן... אַ ?... דאָס קלאַפּט עס דער שמש ביי אַ שכן אין אַ לאָדן און זינגט אויס מתיקותדיק: ״ישראל עם קדושים, שטייט אויף לעבודת הבורא״.

ער טוט זיך אַ רייס אַראָפּ פונעם בעטל און גיסט זיך אָפּ נעגל־וואַסער. זיין געלויבטער זכרון ברענגט אים אַרויף דעם חלום אויף דאָס ניי. אַ שווערע, שוואַרצע כמאַרע לאָזט זיך אַראָפּ אויף זיין געמיט: זאָל זיין, אַז נישט מער ווי אַ חלום, אָבער די גמרא זאָגט דאָך: ״אין לך לאָדם בחלום אלא מהרהורי לבו״ — אַ מענטש זעט אין חלום נאָר דאָס וועגן וואָס ער האָט געטראַכט... טאַטע־פאָטער, האָב איך, חלילה, געהאַט אַזאַ הרהור־עבירה? און ״הרהור עבירה, — זאָגט די גמרא, — קשה מעבירה״ — איז האַרבער פון דער עבירה... איז עס געשען ווען דער פונק פון רחלס אויגן האָבן ביים טיש אַ ברי געטאָן מיין בליק?... דער פונק האָט זיך צע־בלאָזן און צעפלאַקערט אין אַ פלאַם... און איך בין אָנגעברייט ״ליתן את הדין״ *?...

ער ווישט זיך און ווישט זיך די הענט, כאָטש זיי זענען שוין אין גאַנצן טרוקן. ווי נישט די נעגל־וואַסער מיינט ער אָפּצווווישן, נאָר דעם באַגאַנ־גענעם חטא אין חלום. פּלוצעם טוט אים עפּעס אַ בליץ אויף אין זכרון. ער טוט אַ לויף צו, ווי ער שטייט און גייט אינעם איינעם העמד, צו דער שאַפע, וווּ סע שטייט דאָס זשיטאָמירער ש״ס. בלייבט שטיין. לויפט איבער מיטן בליק איבער די רוקנס פון די מסכתות מיט די גאָלד־געליישטע נעמען. קנייטשט דעם שטערן און שעפּטשעט: „אין וואָסער מסכתא? אַ?... צי האָב איך נישט פאַר מיין חטא דעם זיכרון פאַרלאָרן?... וויי! כ׳בין דאָך נאָך אין מיטן דעם פאַרהער... אַ? אין ברכות?... יאָ, טאַקע אין ברכות!

ער נעמט אַרויס די גמרא. עפנט זי אויפן טיש. בייגט זיך איבער איר. נעמט מישן די דפין מיט ציטעריקן געמיט און ציטעריקע פינגער. בלייבט

---

* געמיינט: באַשטראָפט ווערן.

שטיין אויפֿן דף נון זייִן, עמוד אַלף. לויפֿט־נאָך מיט זוכנדיקן בליק די זוכנדיקע פֿינגערשפּיצן איבער די שורות ביז —

— אָט דאָ אי׳דעס! — טוט ער אַ זאָג מיט פֿרייד. — ״הבא על אשת־איש בחלום מובטח לו שהוא בן עולם הבא״ — ווער סע ביישלאָפֿט אַן אשת־איש אין חלום, איז אים פֿאַרזיכערט אַז ער איז אַ בן־עולם־הבא... המם, און וואָס ווייטער? ״הני מילי דלא ידע לה ולא הרהר בה מאורתא״ — ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן, ווען ער האָט זי נישט געקענט און נישט מהרהר געווען וועגן איר פֿון פֿאַר נאַכט.

ער גלייכט זיך אויס און רעדט צו די רוקנס פֿון די ספֿרים:

— צי דען שיקט זיך צו זאָגן, אַז צוליב דעם קליינעם שמועס איין מאָל בסך־הכל צווישן איר און מיר, זאָל עס שוין הייסן, אַז איך קען זי? בתמיה!...* און קיין הרהור־עבירה האָב איך אַוודאי נישט געהאַט... המם, און וואָס מאַכט דערויף רש״י?

ער בייגט זיך ווידער איבער דער גמרא. זוכט אויף און ברומלט מיט אַ ניגון:

— ״ונוטל חלקו וחלק חברו בגן־עדן דדמי לאשת־איש״ — און ער נעמט זיין חלק און זיין חברס חלק אין גן־עדן, וואָס איז געגליכן צו אַן אשת־איש״... אַ? וואָס הייסט עס? מיט וואָס איז דאָס אַן אשת־איש געגליכן צום גן־עדן? המם... דערמיט וואָס אָדם מיט חוהן האָבן נישט געטאָרט אין אים אַריינקומען צוריק... ביים טויער זענען געשטאַנען די כרובים מיט דער פֿלאַמיקער שווערד וואָס דרייט זיך... אַזוי האַרב איז אויך דער ענין־אשת־איש... אָבער אין חלום זענען אַוודאי אָדם און חוה נישט איין מאָל, מחמת גרויס בענקשאַפֿט, אַריינגעקומען אין גן־עדן...

ער גלייכט זיך אויס און אָטעמט אָפּ טיף. אַ שמייכל גייט אויף אויף זיין פּנים און פֿאַרשווינדט, גייט אויף און פֿאַרשווינדט, לויטן גאַנג פֿון זיינע רעיונות:

...סאַראַ בשורה־טובה רחל האָט מיר געבראַכט!... ״ואם תאמר...** אַ?... וואָס איז דער שכל דערפֿון?... אָבער — וואָס טויג מיר דאָ דאָס

---

* ווי שיקט זיך עס?

** און אפשר וועסטו זאָגן.

פּשטלען זיך? ס׳איז אַ בפירושע גמרא: ״מובטח לו״... איז אַ דאַנק דעם וואָס האָט די וועלט באַשאַפן מיט מידת־הרחמים... און אַ יישר־כוח, להבדיל אלף הבדלות, רחלען... פאַר וואָס זי האָט זיך צו מיר באַוויזן, ווי... ווי די מאַמע רחל אין רמה, און... אַ?... דאָ איז דאָך די מעשה אַנדערש — די רחל איז דאָך אַן אַלמנה... צי איז זי גאָר בבחינת אשת־איש?... נאָר ״אפכא מסתברא״... * גאָר פאַרקערט... אַדרבה... מה־דאָך...

מיט אַ שמייכל פאַרמאַכט ער די גמרא. שטעלט זי אַריין צוריק אויף איר אָרט און נעמט אַרויס פון אַ העכערער פּאָליצע אַ תנ״ך. עפנט אים דאָ אויפן ראַנד פון דער פּאָליצע און מישט די בלעטלעך — זוכט עפּעס מיט די אויגן. הייבט אויף פון ווייל צו ווייל דעם קאָפּ, מיט אַ פאַרשטאַרטן בליק, קנייטשט דעם שטערן און זוכט אין זיכרון דאָס נייטיקע אָרט... אין תנ״ך איז ער נישט אַזוי בקי, ווי אין דער גמרא... נאָר אין תנ״ך וועט דאָך אים דער רב נישט פאַרהערן... אָט, האָט ער עס: ״על זאת הקיצותי ואראה, ושנתי ערבה לי״ — דערויף האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און מיך אומגעקוקט, און מיין שלאָף איז מיר זיס געווען, — אָנגעמאָסטן אויף מיר מיט מיין חלום...

ערשט טוט ער זיך אָן, וואַשט זיך דאָס פּנים און זעצט זיך צום ״חושן משפּט״, וואָס ליגט דאָ אויפן טיש נאָך פון נעכטן. ער לערנט מיט פאַר־שטאַרקטן חשק. אַן אינעווייניקסטע וואַרעמע פרייד שפּילט לייכט אויף זיין פּנים.

•

אין דער פרי, נאָכן לערנען און אָפּדאַווענען פון פאָרנט, ווערט ער גערופן דורך דער דינסט אין שטוב אַריין. אַריינגעקומען מיט אַן אויפגעצ־לייגטן ״גוט שבת!״, טרעפט ער אַלע דריי שוין זיצן ביים טיש. פאַר זיי, און אויך פאַר אים, כאָטש זיין אָרט איז נאָך ליידיק — גלעזער קאַווע מיט צוגעברוינטער מילך פונעם פּיעקעלאָק. אין מיטן טיש — אַ צוקער־

* פונקט קאַפּויער.

פּושקע מיט צוקער. דער ריח פֿון דער קאַווע מיטן ריח פֿון דער צוגע־ברווינטער מילך טוען אָנגענעם אַ קיצל אין דער נאָז.

ער זעצט זיך אויף זיין אָרט און ס׳קלעקט ביי אים איצטער מוט אָנצוהייבן מיט אַ מאַמר־חז״ל דער ערשטער און פֿאַרטייטשן אים, כדי די נשים זאָלן פֿאַרשטיין:

— ווי זאָגט די גמרא: „מפני מה תבשיל של שבת ריחו נודף״ — פֿאַר וואָס גיט דאָס שבתדיקע געקעכץ אַרויס פֿון זיך אַ געשמאַקן ריח? ״תבלין אחד יש לנו, ושבת שמו, שאָנו מטילים לתוכו וריחו נודף״ — מיר פֿאַר־מאָגן אַ געווירץ אַזאַ, וואָס זיין נאָמען איז שבת, וואָס מיר טוען אַריין אין אים, גיט ער אַרויס פֿון זיך אַ געשמאַקן ריח.

— אַ? ווו געפֿינט ער זיך ערגעץ, דער דאָזיקער מאַמר? — טוט דער רב אַ פֿרעג ווי זיך אַליין.

— סע געפֿינט זיך אין דער מסכתא שבת טאַקע — ענטפֿערט דער אורח.. — דף קוף יוד טית, עמוד אַלף.

— בדיוק! — טוט זיך דער רב אַ גלעט אַראָפּ נחת־רוחדיק די באָרד. — איר, רב ייִדל, מעגט אויף זיך זאָגן, צוליב אייער זכרון: ״שיוויתי תורת אַדושם לנגדי תמיד״ *. און דאָס בינדט זיך מיטן מאמר־חז״ל: ״ראה מעשה ונזכר הלכה״ — אַז מע זעט די זאַך מיט די אויגן, דערמאָנט מען זיך אַלע אירע פּרטים און דיקדוקים...

— יאָ. — שמייכלט צון אים צוריק דער אורח. — דאָס איז געזאָגט אין סנהדרין, פּא, עמוד אַלף.

— רב, — דערמאָנט די רביצן. — די קאַווע קילט זיך אויס. ווועט זי נישט האָבן ד ע ם טעם.

— יאָ. — איז מסכים דער רב און נעמט די גלאָז קאַווע צום מויל.

ייִדעלע זופּט די קאַווע און זעט ווי דער רב און די רביצן טרינקען און קוקן אויף אים צופֿרידן. ער פֿירט איבער דעם בליק אויף רחלען. איר גלאָז שטייט נאָך, און אירע אויגן רוען אומעטיקלעך אויף איר ראַנד... צי וואָלט איר גאָר געקאָנט איינפֿאַלן זיין ביינאַכטיקער חלום? און...

---

* איך שטעל מיר גאָטס תורה תמיד פֿאַר די אויגן.

נאָר באַלד רייסט אים דער רב אָוועק פון די דאָזיקע מחשבות, אַריינ־ציִענדיק אים אין ווייטערן פאַרהער.

און אַזוי גייט שוין אָן דער פאַרהער שפּעטער ביים טיש צווישן די מאַכלים און די זמירות און צווישן איין סעודה און דער צווייטער. אַזש ביז נאָך דער מלווה־מלכה. ער פילט זיך שוין דאָ איצטער, יידעלע, ווי אויף קעסט ביי גוטע שווער־און־שוויגער... אַך, ווען ער וואָלט געוועזן אַ ה ע ר אַריינפאַלן פאַר אָן איידעם... וואָלט אים שוין פאַרזיכערט געוועזן סיי עולם־הזה, סיי עולם־הבא...

— יאָ, — ציט אונטער דער רב מיט באַגייסטערונג דעם סך־הכל, — כ'וואָלט זיך עס קיין מאָל נישט פאַרגעשטעלט, אַז מיין ״משמרת שלום״ זאָל אַ מאָל ווערן אין מויל פון אַ יונגנמאַן, אַן עילוי, אַ תורה־שבעל־פּה.

אָבער דער מאָרגנדיקער און איבערמאָרגנדיקער טאָג גייען שוין ווידער אויפן זעלבן אופן ווי די טעג פון פאַר שבת. מיט איין אונטערשייד: רחל באַווייזט זיך שוין נישט מער אין זיין חדר. אַלץ ווערט געטאָן פאַר אים און אַרום אים בלויז דורך דער דינסט. דאָס פאַרשאַפט אים גרויס שברת־לב: פאַר וואָס אַזוי?... און אַזוי ווי זיין התמדה איז שוין איצט, נאָכן גרויסן פאַרהער, אַ שוואַכערע, און ער איז פרייער אין צייט, שטייט צו צו אים אָט דער „פאַר וואָס אַזוי?״, ווי אַ זלידנע פליג: איך האָב זיך, חלילה, מיט עפּעס פאַרזינדיקט קעגן איר?... בין איך דען צו א י ר געקומען צו חלום?.. זי איז דאָך צו מיר געקומען... ניין, אויך זי צו מיר איז נישט געקומען... דער חלום איז מיר פון הימל געשיקט געוואָרן, ווי אַ גוטע בשורה... ס'איז אַ כשרער חלום, אַ גוטער חלום... זי איז די בין פון דער השגחה, צו ברענ־גען מיר ״נופת צופים״.*

פלוצעם טוט עס אַ בליץ אויף אין זיין מוח: נישט אַנדערש, אַז דער זעלבער חלום, נאָר אַ פאַרקערטער, האָט אויך איר זיך געחלומט... אין איר גרויסער צניעות שעמט זי זיך פאַר מיר דאָס פּנים צו ווייזן... און זי ווייסט דאָך נישט וואָס די גמרא זאָגט וועגן דעם חלום... ווען איך וואָלט קאָנען עס איר דערציילן... איי, טאָמער האָט זי איר טאַטנס קאָפּ אויף זיך און טוט מיך אַ פרעג: ״וואָס איז דער שכל דערפון?״... וואָלט איך איר

---

* אויסדערוויילטער האָניק.

ענטפערן מיטן ווערטל: „וואָס טויג דער שכל, אַז נאַרישקייט גילט״... ניין, אַזוי טאָר מען נישט זאָגן! נאָר — אַז די גמרא זאָגט, איז דאָס נאָך למעלה פון אונדזער שכל... אַז די גמרא זאָגט, ווער וועט זיך עס איינשפּאַרן זי איבערצושפּאַרן...

בלויז איין מאָל, אַ צווייט מאָל, בעת די דינסט עפנט די טיר צו אים, באַמערקט ער רחלען, פאַרבייגייענדיק אין שטוב. זי איז ווידער, ווי פאַריקע וואָך, אין שוואַרצן. אַ שוואַרצער אומעט ליגט איר אויפן פּנים. איז איר, חלילה, ווידער עפּעס געשען?

מאָנטיק אין אָוונט, ערב זיין אַהיים פאָרן מאָרגן אין דער פרי. ער עסט די לעצטע וועטשערע מיטן רב צוזאַמען. די נשים זענען דערביי נישטאָ. דער רב טוט אים אַ פרעג מיט אַ שמייכל, נישט אויף ערנסט:

— רב ייִדל, זאַלבעוויפל זיצן מיר דאָ ערשט?

ייִדעלע קוקט אים אָן פאַרווונדערט, מעשה־תם: עפּעס ווי דער רב וואָלט אים, נאָך די אַלע שבחים וואָס ער האָט אים צוגעטיילט, האַלטן פאַר אַ מין גולם. וואָס? ער קאָן קיין צוויי נישט ציילן. אָבער דעם רבס אויגן, כאָטש שמייכלענדיקע, מאָנען פאָרט ביי אים אַ תשובה. נעמט ער זוכן ביי זיך אין זכרון, ווי מע זוכט אַ פאַרלוירענע זאַך. און מיט אַ מאָל שיינט־אויף אויך אויף זיין פּנים אַ שמייכל: ער האָט געפונען די אַבידה! ער ענטפערט:

— מאַציעוועור רב, מיר זיצן דאָ זאַלבעדריט...

אין דעם רבס אויגן בליצן־אויף פריידפינקעלעך:

— „העיני האַנשים תנקר״ *?... ווו האָט איר דאָ אַ דריטן?

— נישט קיין דריטן, נייערט אַ דריטע, — פינקלען־אויף אויך זיינע אויגן, — די שכינה: „שנים שיושבים ויש ביניהם דברי תורה, שכינה שרויה ביניהם״ **... אוי־וי!...

— וואָס זשע האָט זיך אייך פּלוצעם אַרויסגעריסן אַ זיפץ פון דער טיפעניש? — באַטראַכט אים דער רב, פאַרוווּנדערט, מיט מילדע פרעגנ־דיקע אויגן.

---

* ווילסטו די דאָזיקע מענטשן די אויגן פאַרשטעכן?

** צוויי וואָס זיצן און שמוסן דברי־תורה, געפינט זיך די שכינה צווישן זיי.

פאַרשווייגן די שאַלה קאָן מען נישט. ס׳איז נישט קיין דרך־ארץ. פאַרפאַלן. כאָטש ס׳איז זייער שווער אַזאַ זאַך מגלה צו זיין. ענפטערט ער שטיל, נאָר שאַרף פאַררויטלט:

— כ׳האָב זיך אין עפּעס דערמאָנט, רב... אויך ביי אַ פאָרפאַלק זאָגט דאָך די גמרא, אַז זיי זענען נישט זאַלבעצווייט, נאָר זאַלבעדריי.

— למשל?

— זאָגט דאָך די גמרא אין סוטה, דף יוד זיָן, עמוד בית: ״איש ואשה, זכו — שכינה ביניהם, לא זכו — אש אוכלתן״...* אַז אַ פּייער פאַרצערט, זיפצט מען...

— זאָגט דאָך אויך די גמרא, — טוט אים דער רב זייער איידל אַ טאַפּ דעם דופק, — ״אשה רעה מצווה לגרשה״...** מע דאַרף פון איר אַנט־לויפן ווי פון פייער און זוכן אַן אשה כשרה, וואָס טוט דעם רצון פון איר מאַן, ווי סע זאָגט דער רמ״א אין אבן העזר סימן סמך טית...

— מיט אייער רשות, רב, מיין איך צו זאָגן: ״במה דברים אמו־רים״***, אַז ס׳זענען נאָך נישטאָ קיין קינדער... ״שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך״**** שיקט זיך נאָר ביי פייגל...

— אַדרבה, — זאָגט דער רב מיט אַ טאָן פון מיטלייד אין קול, — אַז מ׳איז אַ טאַטע פון קינדער, טאָר מען ערשט נישט זיפצן. ווייסט איר דאָך וואָס די גמרא זאָגט: ״אנחה שוברת חצי גופו של אדם״*****, און מע דאַרף האָבן רחמים אויף די קינדער.

און דער שמועס גייט אַריבער אויף אַנדערע ענינים. ביזן סוף פון דער וועטשערע.

גלייך דערנאָך זעצט זיך דער רב אַוועק שרייבן זיין סמיכות אויף רבנות. און מאָרגן אין דער פרי פאַרפאָרט פאַרן רבס הויז פערד־און־וואָגן

---

* מאַן־און־ווייב, אויב זיי האָבן זוכה געווען, איז די שכינה צווישן זיי; אויב זיי האָבן נישט זוכה געווען, פאַרצערט זיי אַ פייער.

** אַ בייז ווייב איז אַ מצווה צו גטן.

*** ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן.

**** אַוועקלאָזן זאָלסטו אַוועקלאָזן די מוטער, און די קינדער זאָלסטו נעמען צו זיך.

***** אַ זיפץ צעברעכט אַ האַלבן גוף פונעם מענטשן.

אים אָפּצופּירן צו דער באַן, וואָס גייט קיין קאָוולע. דער באַלעגאָלע קומט אַריין צו נעמען דעם ״רבס פּאַרשוין״. ער טוט אַ נעם זיין רענצל און יאָגט אים אַליין אונטער אַרויסצוגיין אויפצוזיצן ״אויפן לייטישסטן אָרט״:

— איך האָב נאָך אויפן וועג עטלעכע פּאַרשוינען צו פאַרכאַפּן. דעם רבס גאַסט קומט די ״בכורה״. נישט אַזוי, רביצן?

די רביצן געזעגנט אים אין שטוב מיט אַ גוט פּנים, מוטערלעך, און מיט אַ סך ווינטשעוואַניעס, וואָס אפשר נאָר ייִדעלעס גוטער זכרון וועט זיי אין זיך פאַרהאַלטן.

ער קוקט זיך אַרום, ווי ער וואָלט עפּעס וואָס פאַרגעסן. אָבער ער האָט גראָד גאָרנישט פאַרגעסן. דאָס געזוכטע קומט אַליין אַריין: רחל מיט זיסעלען אויף די הענט. אין גאַנצן אין שוואַרצן, מיט אַן אומעטיק פּנים, טוט זי אַ זאָג בלויז צוויי ווערטער: ״פאָרט געזונט״ און פאַרשווינדט גלייך.

דערפאַר דער רב באַגלייט אים ממש ביז צו דער פור. דריקט און שאָקלט שטאַרק זיין האַנט, אים געזעגענענדיק מיט דער ברכה:

— דער היתר־הוראה זאָל ביי אייך נישט בטלענען אָן שום נוצן צו ברענגען. בקיצור — ער זאָל זיין פאַר אייך, רב ייִדל ״די פּאַפּירענע בריק״ פון משיחס צייטן. איר זאָלט מיט איר אַריבערגיין בשלום און אַרויפּ־שטייגן אויף אַ כסא־הרבנות, ווי סע שטייט אייך אָן. און פאַרגעסט נישט, למען־השם, צו גריסן פון מיר דעם שווער. ער איז אַ וואַזשנע מנגן.

ייִדעלע זיצט אויף, נאָכקוקנדיק ווי דער רב איילט זיך צוריק אין שטוב אַריין. דאָ דערזעט ער אין אַ שויב פון אַ פאָדערשט פענצטער דאָס אַלמנהשע פּנים...

דער באַלעגאָלע טוט אַ פּאָך מיט דער בייטש. די פור טוט זיך אַ קייקל אָפּ. ייִדעלע דערפילט ווי עפּעס ווערט אים אויסגעהוילט פון דער זייט... אַ ריפּ ווערט אים אויסגעשניטן... חוה איז פאַרשוווּנדן... ניין... נישט קיילע חיה... רחל... רחל...

## לד

די שמחה מיט ייִדעלען, ווען ער קומט צוריק פון מאַציעוו מיטן ״משמרת שלום״ס סמיכות אויף רבנות, איז זייער גרויס. דער שוויגערס

טונקל און גוט פּנים שיינט שטיל אַרויס פון אונטערן דעכעלע פון איר ווייסן קאַפּטיכל מיט לייטזעליק ליכט און גליק. זי רופט אים נאָך, אמת, יִדעלע, אָבער אַז סע קומט פון איר מויל, איז נישט נאָר סע אַרט נישט, נאָר פאַרקערט, נאָר אַדרבה ס׳איז איינגענומען, ווייל ס׳איז דורכגעזאַפּט מיט ליבשאַפט, ווי ס׳איז געווען ביי טאַטע־מאַמע, עליהם השלום. דער שווער רופט אים שוין יִדל, און דאָס בייזקייט פון זיינע בולטע אויגן יוי ס׳וואָלט זיין אויסגעוועפּט. ווי ער וואָלט קעגן אים חוזר־בתשובה געווען. איין מאָל, ווען ער דערהערט, דער שווער, דער טאָכטער רופן אים יִדעלע, טוט ער איר שטרענג אַ דערמאָן:

— קיילע־חיהניו, פאַרגעס נישט, אַז דיין יִדל איז שוין נישט מער קיין יִדעלע, נאָר אַ גאַנצער ייִד. אַ רב!

— כ׳מיין דען, חלילה, עפּעס שלעכטס? — דערזעט ער אויפגיין אַ שמייכל אויף קיילע חיהס פּנים.

אָבער איר שמייכל לאָזט אים גלייכגילטיק. ער ווייסט אַליין נישט פאַר וואָס. זי האָט זיך דאָך אַ סך געענדערט צום בעסערן. זי שטערט אים נישט מער צו פאַרנעמען זיך אַ סך צייט מיט פריידעלען און פרייטיק ביי טאָג צו פאַרהערן מאירלען די סדרה פון דער וואָך און אַפילו שפּילן אין אַ "ציגנוואָלף".

פרייטיק־צו־נאַכטס, ווען ער גייט אַריין, נאָך דער סעודה מיטן שווערס אויפגערוימטע זמירות, אין זייער אַלקער זיך לייגן שלאָפן, דערזעט ער איבערראַשט אַ נייס: פריידעלעס בעטל שטייט שוין נישט פאַר איר בעט, נייערט ווייטלעך, לעם אַ וואַנט!... די פלאַמיקע שווערד, וואָס דרייט זיך, היט שוין נישט דעם טויער פון גן־עדן, פון וועלכן ער איז פאַר צוויי וואָכן פאַרטריבן געוואָרן... אָבער עפּעס רופט עס נישט אַרויס ביי אים אין געמיט קיין פרייד. איר פּנים זעט אים אויס מכוערתדיק און זויערלעך און דערמאָנט אים אין אַ זעלטענעם נישט געראָטענעם טשאָלנט.

...וואָס איז דאָ געשען מיט מיר? — פרעגט ער זיך אַליין און מאַכט זיך קלאָר, — דאָס איז אַ פּועל־יוצא פונעם פאַראַכטאַגיקן חלום... רחלס בשורה וועגן מיין עולם־הבא האָט אין מיר אויסגעלאָשן די תאווה צו עולם־הזה... יאָ, אָבער וואָס איז געשען מיט איר? זי איז גאָר אַ "משתוקקת

לבעלה״,* נישט ווען ער פאָרט אַוועק, נייערט ווען ער קומט? בתמיה!**

ער שלאָפט איין אַ רויִקער. און דאָס וועקט פאַרווּנדערונג אין קיילע חיהן, וואָס גראָד איר שטערט דער ווייבערישער אומרו דעם שלאָף ביז באַגינען.

אין דער פרי פאַרזיצט זיך דער שווער לענגער ביי דעם קאַווע־טרינקען. ער איילט זיך נישט, קענטיק מיט אַ כוונה, צו גיין אין בית־מדרש אַריין דאַווענען. שפּעטער, אין בית־מדרש, פאַר קריאַת־התורה, זעט ייִדעלע: דער שווער רוימט איין עפּעס סראַליק חיה לאהקעס דעם נייעם גבאי, אין אויער אונטערן פאַרהויבענעם טלית. און אַלץ ווערט אים קלאָר, ווען ער דערהערט בעתן לייענען דעם בעל־קוראס פייערלעך קול פון דער בימה אַרונטער:

— יעמוד הרב רב יהודה אַריה ברב מאיר — שלישי!

זיין האַרץ גייט אויף, ווי אויף הייוון. מיט פריידיקער האַפּערדיקייט און אויף אַ קול מאַכט ער די ברכות. און אַראָפּגייענדיק פון דער בימה טראַכט ער: דעם שישי האָב איך נישט באַקומען צוליבן מרא־דאַתרא. אָבער... ס׳וועט קומען מיין צייט...

מרדכי שוחט האָט די עטלעכע טעג אויסבאַהאַלטן פאַרן שטעטל זיין גרויסן סוד, כדי היינט עס איבערצוראַשן דאָ אין בית־מדרש פאַר דעם אָפענעם ספר־תורה.

נאָכן דאַווענען דריקן דעם שווער און אים די הענט דער גבאי און חשובע באַלעבאַטים:

— מזל־טוב אייך, רב מרדכי! מזל טוב , רב ייִדל!

—— זאָל דיר, ייִדל, דער אייבערשטער צושיקן אין גיכן אַ כסא־רבנות.

— נו, רב מרדכי, האָט אונדזער לוהיסק דערלעבט אין אייך אַ נחת.

אַפילו יאָנטל גרשון שניטקרעמערס שטעקט אים אַריין אַ האַנט, ווען ער גייט נאָך דעם שווער, אַרויסצוגיין פון בית־מדרש:

— מזל־טוב דיר! ביסט אַ לייט געוואָרן...

---

* לעכצט צום מאַן.

** ווי שיקט זיך עס?

און רוימט אים איין אויפן אויער אַ שאַלה מיט אַ שמייכעלע:

— און ווי וועסטו זיך אַן עצה געבן מיט אַ „שאַלת נשים״* ? דו ביסט יאָך נאָך אַלץ אַזאַביישן?

אָבער ער טרעט גלייך אָפּ פון אים, דערזעענדיק אין אַ זייט הינטער יִדעלען, ווי אַ שאָטן, יעקב יצחק שמש, וואָס בריט אים מיט די שיכורע אויגן... ערשט איצט באַמערקט אים, יעקב יצחקן, אויך יִדעלע און טוט אַ טראַכט: וואָס פאַרלאַנגט ער? קוקט אפשר אויס, דער שווער זאָל אים פאַרבעטן אויף רב חידקאָס סעודה מיט אַ גלעזל ספּירט?... ווען סע ווענדט זיך אין מיר, וואָלט איך אים אַפילו צו זיך אין אַלקער אַריין פאַרבעטן. אָבער דער שווער... איכל אים פאַרגעלטן, יעקב יצחקן, מאָרגן, אם ירצה השם.

ביי דער אַרויסגאַנג־טיר פון פאָליש שטעקט אים אַריין דאָס קליינע אָבער פעסטע הענטל מאָטישל באַנטשע באַלעגאָלעס, דאָס הענטל, וואָס איז משמעות פעסט געוואָרן פונעם שלעפּן די משאות:

— רב יִדל... מזל־טוב אייך... מיר האָבן דאָך צוזאַמען געלערנט ביי טרייטל מלמד... אַז א י ך געדענק עס, געדענקט א י ר דאָך אַוודאי... בין א י ך אַוועק צו די פערד, און א י ר צו די גמרות... אַ שאָד וואָס טרייטל מלמד, עליו השלום, לעבט שוין נישט: פון אייך כאָטש וואָלט ער געשעפּט אַ סך נחת...

— יִדל, — טוט דער שוחט בייז אַ קוק אַראָפּ אויף מאָטישלען, — ער וויל אַ רב לערנען הלכות פערד־און־וואָגן?

— מזל־טוב אייך, רב מרדכי! — טוט מאָטישל אַ זאָג צו אים, — אַן פערד־און־וואָגן און אַפילו אָן דער בייטש, נישט אום שבת גערעדט, וואָס איז טאַקע ווערט אייער באַלעגאָלע מאָטישל?... אָט ווערט ער שוין איינגעזונקען, און ער איז שוין דאָ מער נישטאָ. אַ גוטן שבת אייך.

זיך דערנעענטערנדיק שוין צו דער היים, בעת דער שווער איז פאַר־שמועסט מיטן געלן קצב, דערמאָנט זיך יִדל: דער רב האָט די גאַנצע צייט פון מיר אַוועקגעקוקט... געערעכט: פאַר וואָס האָט אים דער שווער בנוגע דעם היתר־הוראה אויסגעמיטן? וואָס? זיינער אַ היתר־הוראה איז

---

* אַ שאַלה וועגן ווייבערישער ריינקייט.

ווערט מינער איידער דעם "משמרת שלום"ס? דער רב טראַכט אָוודאי אַזוי: "דער "משמרת שלום" וואָלט נאָך נישט געגאַנגען גערן מיט מיר זיך פאַרהערן... וואָס פאַר אַ חידושים זענען עס דאָרט פאַראַנען אין זיין ספר? ער טוט דאָרט אויף עפּעס אייגנס? ער טייטש נאָר אויס דעם "פרי מגדים", ווי אַ מלמד, — אַ וואַזשנע אויפטו! נישט מער, איך בין נישט קיין טריסקער חסיד... מאַ. די וועלט ווייסט, ווער און וואָס ס'איז דער "משמרת שלום", און ווער און וואָס איז דער לוהיסקער רב, וואָס איילט זיך נישט מיטן דרוקן זיינע חידושי־תורה... מיט שאַלות ווענדן זיך רבנים, גדולי־תורה, ברוך השם, קיין לוהיסק, און נישט קיין מאַציעוו... מיט וועמען שרייבט זיך איבער אין דברי־תורה דער דווינסקער גאון, דער "אור שמח"?..."

...ער איז גערעכט, דער רב! — איז ייִדעלע ממשיך אין געדאַנק. — נאָר האָב איך דען געקאָנט זיך דערין אַריינמישן און זאָגן דעם שווער אַ דעה?... ס'וואָלט אפשר זיין אַ יושר, אַז מאָרגן־איבערמאָרגן זאָל איך אַריינגיין צון אים, צום רב, און עס אים מסביר זיין, אַפילו מחילה בעטן?... נאָר טאָמער דערגייט עס שפּעטער צום שווער... איכל האָבן צרות, און די שוויגער וועט האָבן קלעמעניש... ניין, "שב ואַל תעשה עדיף"*. און אפשר... אפשר האָט זיך עס מיר נאָר אויסגעדאַכט, אַז ער האָט אַוועק־געקוקט פון מיר... ער טראַכט גאָרנישט וועגן מאַציעווער רב און זיך, ווי איך מיין. ער איז דאָך אַזאַן עניו...

צו רב חידקאס סעודה און דערנאָך צום קישקע־קוגל איז אים דער שווער מכבד מיט נאָך אַ גלעזעלע און נאָך אַ גלעזעלע י"ש. און די זמירות זיינע, דעם שווערס, מיט וואָס פאַר אַ התלהבות און באַטעמטקייט זיי זענען היינט געזונגען געוואָרן! דאָס אַלץ איז צוליבן היתר־הוראה... פונעם בראָנפן דרייט זיך אים אַ ביסל דער קאָפּ, ייִדעלען... דאָס רעדל האָט זיך אָ דריי געטאָן לטובה... "גלגל הוא שחוזר בעולם" — ווי אַ רעדל דרייט זיך עס אויף דער וועלט...

*

---

* זיצן און נישט טאָן איז בעסער.

קײלע חיהן, װען זי ליגט שױן בײ נאַכט אין בעט, אַ באַפרײטע פון דער פאָרענינע אין שטוב און אַרום די קינדער, װערט אין גרױס פאַר־װוּנדערונג קלאָר: זע נאָר, יִידעלע איז דאָך, זינט ער האָט זיך אומגע־קערט פון מאַציעװו מיטן היתר־הוראה, װי אַן אַנדער מענטש געװאָרן! ער לאָזט זי אין גאַנצן צו רו. אַ פרײטיק־צו־נאַכטס נאָך אַ פרײטיק־צו־נאַכטס. זי דאַרף אים שױן מער נישט צװואַרפן די שליסעלעך אין אירע טמא טעג. װי זי װאָלט זײן פאַר אים אומרײן כסדר. שױן, אױס ממשלה איבער אים. דאָס טוט איר אַ שטאָך ביז אין דער זיבעטער ריפּ... װאָס? ער װאַרט אפשר, זי זאָל װערן דער מאַנצפאַרשױן, און ער זאָל איר צו־װאַרפן די שליסעלעך? אַז נישט דערלעבן װעט אַזעלכעס אַפילו איר מינדסטער שונא!

קעגנגעזעצטע געפילן קומען אױף אין איר ליבּ און געמיט צו א־ר מאַן: איר בלוט־און־פלײש מאָנט זײן מאַנצבלשע נאָענטקײט, כאָטש װאָס פאַר אַ מאַנצבל אומשטײנס געזאָגט איז ער. װי לאַנג איז דאָ, אַז זי האָט אים געטריבן פון זיך? װי מיט אַ שטעקן — אַ הונט... אין איר װײ־בערישן שטאָלצן און באַלײדיקטן געמיט װאַקסט־אָן האַס... נו, סע װעט זיך נאָך איבערדרײען.

פון אײן זײט שטעלט זי אים אונטער אַ פּיסל, ער זאָל געשטרויכלט װערן: היט װײניקער, װי ביז הײנט, איר צניעות. בײ נאַכט, בײם בעט פאַרן שלאָפן גײן, טוט זי זיך אױס קעגן אים און װאַרפט צו אים בגנבה פאָרשערישע בליקן. אָבער — ער האַלט פאַרמאַכט די אױגן און לײענט פרום די קריאת־שמע. אָדער שטעלט זיך גאָר צו איר מיט דער פלײצע, כלומרשט ער קוקט אױף מאירלען... װאָס איז די סיבה ד ע ר פ ו ן? איז ער אַזױ פאַרטאָן אינעם לערנען, גרײטנדיק זיך צו באַקומען נאָכן היתר־הוראה אױך אַ כסא־רבנות?... איז די גאַנצע יענע היץ זײנע אַריבער, להבדיל, צום לערנען די תורה? ער האָט ז י פאַרטױשט, להבדיל, אױף דער שכינה?... די שכינה האָט ליב אירע װײוללערנערס תמיד און שטענ־דיק, און װאַרפט זײ קײן מאָל נישט צו קײן שליסעלעך... פוּ!... װאָס פאַר אַ נאַרישע מחשבות מיר קריכן אין קאָפּ אַרײן...

און מיט די דאָזיקע נאַרישע מחשבות הײבט זי אָן אײנצודרימלען: אפשר... אפשר...

און פון דער צווייטער זייט — אַזוי ווי דער "אפשר" פאַרווירקלעכט זיך נישט — דערגייט זי אים דעם גאַנצן טאָג די יאָרן. אַז וואָס ער זאָל נישט טאָן, געפינט עס נישט קיין לייטזעליקייט אין אירע בייזע אויגן. שפּילט ער זיך מיט פריידעלען — טויג נישט:

— זע נאָר דעם שטאָך אַרבעט, וואָס דאָס רבל האָט זיך אויסגעזוכט! דאָס קינד לאָז איבער פאַר מיין מאַמען, און דו גיי אין בית־מדרש אַריין לערנען. קיינעם ביסטו דאָ נישט נייטיק.

שפּילט ער זיך נישט מיט פריידעלען:

— ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, און ווו איז דאָס געזען געוואָרן, די גאָרע וועלט אויסצושפּאַנען, אַז אַ טאַטע (אַ טאַטע איז עס?!) זאָל רק אין זינען האָבן דאָס אייגענע נפשל און נישט צוגיין צום קינד, עס צו פאַרשפּילן אַ ביסל?!

גרייט ער זיך צו גיין אין בית־מדרש אַריין:

— וואָס? ער קלייבט זיך שוין אַוועקצוזעצן דעם גאַנצן טאָג איבער דער גמרא? וואָס פאַר אַ נחת מ'עט זיך שוין פון זיין מעלה־גרהן דער־לעבן! זיין שטעטל באַוועט זיך ערשט אויף די פּאָלעסיער בלאָטעס. און אַז סע וועט זיך שוין, מיטן אייבערשטנס הילף, אויפבאַוועגן, וועט עס אויף זיכער אַ צווייטער ביי מיין שלימזל אויסכאַפּן... בלייב דאָ שטעקן אויפן אָרט. כ'דאַרף דיך האָבן אין שטוב. זאָלסט מיר דאָס וואַסער פונעם לויג אויסגיסן.

נעמט ער פריידעלען אויף די הענט:

— ווי האָט עס אַ מענטש, אויב ער איז נאָר נישט קיין ליימענער גולם, אַזעלכע געליימטע הענט?! — טוט זי אַ קוויטש, ווי אַ האָן, בעת איר טאַטע צופּט אים די פעדערלעך פון העלדזל פאַר דער שחיטה. — האָסט דאָך מיר שיר נישט דאָס קינד פון די הענט אַרויסגעלאָזט, רוצח איינער.

איר גרויליקער קוויטש און די בלויזע אויגנבליקלעכע פאָרשטעלונג ווי פריידעלע טוט זיך אים אַ גליטש אַרויס פון די הענט מאַכן ייִדעלען אויפציטערן דאָס האַרץ, ווי אַ שאַרפער, טיפער שניט אין אַ פינגער, און ווייס זיין פּנים, ווי קאַלך. נאָר טאַקע אין אויגנבליק ווידערשפּעניקט אין קאָפּ די מחשבה: פריידעלע שמייכלט דאָך צו מיר!... זי האָט עס, די שפלה־

שבשפלה, פון איר בייזן האַרץ און פוסטן קאָפּ אויסגעטראַכט... אַ בלוט־בלבול... אוי, רבונו של עולם, "שפוך חמתך על הגויים!" — גיט אויס דיין גרימצאָרן אויף די פעלקער... ווען אַלע ווייבער וואָלטן זיין אַזעלכע מרשעתן, וואָלט דאָך די וועלט חרוב געוואָרן...

נאָר אָט דער "שפוך חמתך" רופט אַרויס אין זיין פאָרשטעלונג די פּסחדיקע סדרים ביי זיך אין דער היים, ביי טאַטע־מאַמע, מיט דער גוטער, האַרציקער מאַמע פריידע; די סדרים דאָ, ביי שווער־און־שוויגער, מיט דער גוטער, האַרציקער שוויגער גיטל לאה, — און ס׳גייען אויף אין זיין טיפעניש נאָך צוויי ווייבער־געשטאַלטן: איינע — אין וויטע ווייטן, אין ווייסן, די מאַמע רחל אין ארץ־ישראל, און אַ צווייטע — אין דער נאָענטער ווייט, אין שוואַרצן, רחל די אַלמנה אין מאַציעוו... ס׳ווערט אים מיט אַ מאָל לייכטער און ליכטיק אויפן געמיט. ער שעפּטשעט שטיל: "לא אַלמן ישראל" — נישט פאַראַלמנהט איז ישראל, אויב ס׳זענען דאָ אַזעלכע אַלמנות, וואָס ברענגען בשורות־טובות אין חלום...

ער הערט שוין נישט אַפילו ווי די "קליפּה" שיט נאָך אַלץ פריסעק אויף זיין קאָפּ:

— וואָס פּרעפּלט ער דאָרט, ווי דער קשאָנדז אין קאָשציאָל?... אַלע וויסטע חלומות אויף מיינע שונאימס קעפּ!

•

— — — וואָס איז געשען?! — איז קיילע חיה דערשטוינט אין חלום. — נאָר וואָס זענען דאָך דאָ געזעסן לעבן מיר, פון איין זייט — מאירל און פריידעלע, און פון דער צווייטער — פּערעלע מיט אירע קינדער: צביהלע, מירעלע און איר מיידעלע אָן אַ נאָמען נאָך, וואָס ביי איר אין אויסגעקיילעכטן בייכל... ווו זענען זיי עס אַלע נעלם געוואָרן?... און מיין בויך איז איינגעפאַלן... וואָס קומט מיר אַרויס פון דער פרישער לופט אויפן לודמירער וועג?... די זון פאַרברענט די בלעטער פונעם בוים איבער מיר... אויף אַש... פאַלט דער הייסער פריסעק אויף מיין קאָפּ, ווי גרויער שניי... מיינע רויטע האָר ווערן גרוי, ווי ביי מיין אַלטער מאַמען... ליג איך דאָ, ביים שמוקלערס טייך... ניין, נישט צו "תשליך" —

זיך טובל צו זיין פון זיינעטוועגן אין דער קאַלטער וואַסער... אַז כ׳בין דאָ אַליין. ווער וועט מיר העלפן זיך אויפהייבן? דער שלימזל מיינער?... כ׳וויל אַריינגיין אין וואַסער... די זון בריט אַזוי די הויט פון אַלע מיינע גלידער... זי שעמט זיך גאָרנישט, די זון, צו קוקן אויף הוילנאַקעטקייט... זי איז אַליין דאָך אַ נקבה, די זון... אָך, ווי זי ברענט! אַזש דאָס בלוט זידט אין מיר... זע נאָר! דו ביסט גאָר דאָ, ייִדעלע!?... האָסט זיך אונטערגע־גנבעט... וואָס זשע שטייסטו, ווי אַ ציג צום אויסמעלקן?... זעסט נישט ווי דאָס בלוט שפּריצט אַרויס פון מיין הויט? אין דינע רעגן־שפּריצלעך... אַ? דו כאַכעסט גאָר?... נאַדיר אַ געלענדערל... וואָס מעקעסטו, ווי אַ ציג מיט אַ בערדל... איך וואָלט עס דיר אויסגעצופּט אַ הערל נאָך אַ הערל... ס׳גאַנצע בלוט וועט פון מיר אַרויס — וואָס וועט בלייבן פאַר דיר?... אַ שמאַטע פון הויט... אַ זעקל פון הויט מיט הוילע ביינער... וואָס זאָגסטו? דו דאַרפסט בענטשן חנוכה־ליכטלעך?... סע פאַלט שוין טאַקע דער ערש־טער שניי... וואָס טוסטו? וואָס באַשיטסטו מיך מיט קאַלטן שניי? זעסט נישט ווי ער צעגייט אויף מיין לייב אין רויטע שווייסטראָפּנס?... וואָס בלאָזטו אויף מיר, דו אינדיק איינער? כ׳בין דען הייסע טיי מיט מילך אין אַ שאָל אויף אָפּצוקילן?... פון דיין בלאָזן ווערט מיין בלוט נאָך זודיקער... דיין אָטעם בריט. שמאַרצט מיין הויט...

— רוצח איינער!

איר אייגענער אויפגעשריי וועקט זי אויף. זי קוקט זיך אַרום אין דעם טונקל און קומט צום זינען. זי ליגט ביי זיך אין בעט. יאָ, ס׳איז פּרייטיק־צו־נאַכטס. אויפן טישל ברענט אַריינגעדרייט טיף דער לאָמפּ. אָפּגערוקט פון אים, האַרט ביים פענצטער, שטייט דאָס אויסגעברענטע חנוכה־לעמפּל... אַהאַ! ס׳איז דאָך היינט געווען דאָס זעקסטע ליכטל. צו קבלת־שבת, זי האָט פאַרמאַכט די לאָדנס, איז געפאַלן אַ שניי. דער טאַטע מיט ייִדעלען זענען געקומען פון בית־מדרש מיט ווייסע היטלען... ס׳איז איצט אַזוי שטיל פון יענער זייט לאָדנס. קאָן זיין דער שניי שיט נאָך אַלץ. און דאָ, אונטער דער איבערבעט, איז דאָס לייב אַזוי הייס. די גאַנצע הויט איז אין שווייס...

זי האָרכט זיך איין אין דער אינעווייניקסטער שטילקייט. פאַרנעמט דאָס זייגן פונעם קנויט אין לאָמפּ... ייִדעלעס אָטעמען אין קעגנאיבערדיקן בעט... יאָ, און מאירלס... און פון דאָרט, ביי דער וואַנט אין בעטעלע —

פריידעלעס.. און איבער אַלץ — דאָס שאַרפע גרילן פון אַ גריל אין קיך... ס׳איז הייס און דושנע. נישט אומזיסט כאַפּט זי זיך אויף שוין צום דריטן מאָל. ס׳איז שוין אַוודאי נאָענט צו באַגינען...

זי רוקט אַראָפּ פון זיך די איבערבעט, ביז דער העלפט. צעשפּיליעט דאָס נאַכטהעמד. דערזעט די ווייכע הויכקייטן פון איר ווייס לייב. און ס׳וועקט זיך אין איר אַ גלוסטונג צו זיך אַליין. ״מיין לייב, — טראַכט זי, — איז נאָך פריש... פאַרוועלקט איז נאָר די הויט פון מיין פנים... ע ר זעט נאָר מיין פנים... ווען ער וואָלט ד אָ ס געזען מיט די רויזעלעך... נאָר ער פּאָפּט...״.

זי זעצט זיך אויף, נישט וויסנדיק צו וואָס. אירע פיס קריכן אַרויס, ווי פון זיך אַליין, פון אונטער דער איבערבעט אויף דער קילער פּאָדלאָגע. זי שטעלט זיך אויף, און די פיס טוען באַרוועסערהייט אַ שפּאַן־צו צום מאַנס בעט. זי טוט אַ צי די יאַרמלקע פון זיין קאָפּ און אַ לויף גלייך צוריק, ווי זיך דערשראָקן פאַר דעם וואָס זי האָט געטאָן. אין בעט שוין דערהערט זי ווי ער האָט זיך דאָרט, ווי אָפּזיפּצנדיק, איבערגעדרייט. הייבט זי אָן שטיל־שטיל, קיין קינד נישט אויפצוּוועקן, צו אויען מיט קורצע הפסקות:

— אוי... אוי... אוי...

— וואָס איז דיר, קיילע חיה? — שעפּטשעט ער אַריבער, נאָך מיט פאַרמאַכטע אויגן, צו איר געלעגער.

— אוי... אוי... אוי...

— קיילע חיה, סע טוט דיר עפּעס וויי? — עפנט ער די אויגן.

— כ׳האָ׳ מורא... כ׳האָ׳ מורא... אַ מויז סקראָבעט אונטער מיין בעט... אוי... אוי... אוי...

זי זעט ווי ער זעצט זיך אויף און בלייבט זיצן. ווי טראַכטנדיק וואָס צו טאָן. מעלה־גרהט זי ווייטער דעם: אוי... אוי... אוי...

— ששש... — שטילט ער זי איין. — כ׳על זיך זעצן אויף דער שטול לעבן דיר... ששוין.

ער זיצט. האָרכט זיך איין צום אונטערן בעט. וויל אויפכאַפּן דאָס סקראָבען פון דער מויז. ניין, ער האָרכט נישט גאָרנישט... זי האָט זיך אָפּנים גלאַט פאַר עפּעס דערשראָקן. ער טוט אַ קוק אַראָפּ צו איר. זי ליגט צוגערוקט האַרט צו דער וואַנט. דער קאָפּ אויף דער קישן — מיטן

פּנים אַרויף. די אויגן —— פאַרמאַכט... צניעותדיק... נאָר דער האַלדז — נאַקעט... אוי!... דאָס העמד — צעכראַסטעט... ווי ביי הערצעלע דעם שטאָט־משוגענעם, און... סע קוקן אַרויס...

זיין בליק ווערט ווי פאַרחלשט. זיין נאָך פאַרשלאָפן פּנים — רויט פאַר בושה... "שדים נכונו... ואת ערום ועריה",* — טוט זיך אים אַ מיש אונטער דער יאַרמלקע, — "אור וחושך משמשין בערבוביה" **... דאָס לייב איז "אור", און די פאַרמאַכטע אויגן — "חושך"... ניין, אפכא מסתברא, פאַרקערט: די פאַרמאַכטע אויגן מחמת צניעות, זענען "אור", און דאָס זינדיקע לייב — "חושך"... "וימש חושך" ***...

מיט אַ מאָל טוט עס אים אַ טראָג אונטער פון דער שטול: „ואכסה ערותך" — און איך וועל צודעקן דיין נאַקעטקייט. ער טוט אַ כאַפּ די איבערבעט און אַ דעק צו די "דבר־ערוה" **** און...

ווי איז דאָס געשען?... ער ליגט שוין אין בעט מיט פאַרקוועטשטע אויגן און הייסן סאַפּענדיקן אָטעם.

קיילע חיהס פאַרוועלקט פּנים פרישט אָפּ אַ שמייכל: סע יאָגט פון אים אַ היץ, ווי היינט פון אונדזער אויוון לכבוד דעם געבעק און דעם טשאָלנט — — — —

*

אין דער פרי, ווען ייִדעלע קומט אַרויס פונעם אַלקער, אין די שטיוול און אינעם מאַנטל, טוט אים דער שווער אַ פרעג אַ דערשטוינטער:

— וואָס עפּעס פאַרן קאַווע־טרינקען? עפּעס זעסטו מיר אויס, רחמנא־ליצלן, ווי אַן אָבל!

— מרדכי, — טוט אים אַ זאָג שטיל, אָבער מיט אַ שטראָפלעכן טאָן,

* די בריסט זענען געפורעמט... און דו ביסט נאַקעט און הויל.

** ליכט און פינצטערניש צונויפגעמישט.

*** מע קאָן אָנטאַפּן די פינצטערניש.

**** אַ שענדלעכע זאַך.

דאָס ווייב, צוקומענדיק צום טיש מיט צוויי גלעזער קאַווע, — "אל תפתח פה לשטן"...* וואָס עפּעס אַזעלכע רייד?

פאַררעדט ער זיך גלייך, דער שווער:

— גייסט דאָך, ייִדל, אָנעם טלית, איז וווּהין זשע גייסטו עס?

— מיר איז איינגעפאַלן, — ענטפערט אים דער איידעם צעמישט, קוקנדיק צו דער שוויגער מיט בעטנדיקע אויגן, זי זאָל זיך ווייטער איינשטעלן פאַר אים, — מ'עט מיר אפשר אויפרופן צו דער תורה, וויל איך גייך זיך טובל זיין אין מקווה.

— אַ־אָ, פון דער הוילער הויט ביסטו אונדז אַ חסיד געוואָרן! — זאָגט דער שווער שוין מילדער. — אָבער אין דרויסן איז דאָך שוין ווינטער... אַ שניי...

— לאָז אים צו רו, מרדכי. — קומט אים טאַקע די שוויגער צו הילף. — זאָל ער גיין. קיין פראָסט איז אין דרויסן נישטאָ. דער שניי איז נישט קיין טיפער. און די מקווה איז נאָך אויף געוויס נישט אויסגעקילט פון נעכטן. נאָר זאָם זיך נישט, ייִדעלע. און טרינק אויס די קאַווע, איידער דו גייסט.

ייִדעלע דערהערט ווי אין אַלקער דאָרט האָט זיך שוין קיילע חיה אַ רודער געטאָן. טרינקט ער אויס, שטייענדיק, די קאַווע און טוט שנעל אַ גיי אַרויס אין דרויסן. ער שפּאַנט מיט גיכע טריט, פאַרגעסנדיק אַז ס'איז דאָך שבת, ווי ער וואָלט אַנטלאָפן.

אָפּגעגאַן אַ שטיקל וועג, נעמט ער גיין פּאַמעלעכער. קוקט זיך אַרום. דאָס שטעטל רוט אין אַ שטילן, ווייסן שבת אונטער אַ נידעריקן כמאַרע־דיקן הימל... אַ טרויעריקער הימל. ווי פאַראָבלט. דער שניי ליגט ווי לייוונט אויף תכריכים... און ווּ איז דער מת? איך פיל אים, כאָטש כ'זע אים נישט... ער איז אין מיר אינעווייניק, דער בר־מינן. נעכטן ביי נאַכט איז אין מיר געשטאָרבן... רחל... גיי איך אין מקווה מטהר זיין דעם מת...

## לה

אַז גיטל לאה דער שוחטקע ווערט קלאָר: קיילע חיהניו איז, געלויבט

---

* עפן נישט דאָס מויל פונעם שטן.

דער אייבערשטער, נאָך אַ מאָל פאַרגאַן אין טראָגן און גרייט זיך צו מאַכן זי פאַר אַ באָבע, צו אירע זעקס און פערציק יאָר, שוין צום דריטן מאָל, — פאַרטראַכט זי זיך שטאַרק וועגן די פריִערדיקע צוויי, דעם נייניעריקן מאירלען און דער זעקסיעריקער פריידעלע: מאירל שלאָפט נאָך אַלץ מיטן טאַטן, און פריידעלע אין שוין קליין געוואָרענעם בעטעלע, — שיקט זיך עס אַזוי?

זי טראַכט וועגן דעם עטלעכע טעג און דערטראַכט זיך צון אַ פּלאַן מיט אַ טאָלק. מרדכי זאָל זיך נאָר גוט צוהערן צו דעם פּלאַן, און ער זאָל געפינען חן אין זיינע אויגן. ווי תמיד. דינסטיק — דינסטיק איז אַ גוטער טאָג, וועט זי עס פאַר אים, אם ירצה השם, אויסלייגן.

ביי נאַכט, מאָנטיק אויף דינסטיק, נאָך דער וועטשערע, ווען הינטער ייִדעלען פאַרמאַכט זיך די טיר אין אַלקער אַריין, בלייבט זי זיצן ביים טיש, צו דער זייט פונעם מאַן, ביז ער וועט אויסלאָזן דאָס בענטשן. כלומרשט, זי טשאַמקעט נאָך אַ לעצטן ביסן.

מרדכי בענטשט מיט הנאה. ער ניגונט אונטער זיסלעך און איילט זיך נישט. טאַקע צוליב דעם וואָס גיטל לאה לאָזט זיך נאָך דאָ וווילגייִן, סע זאָל איר וויל באַקומען. און אָט לאָזט ער אויס פרום און מיט אַ דבקות־דיקן שאָקלען מיטן קאָפּ:

„נער הייתי גם זקנתי ולא ראיתי צדיק נעזב, וזרעו מבקש לחם. אַדוני עוז לעמו יתן, אַדוני יברך את עמו בשלום“.*

— בשלום. — זאָגט אים נאָך גיטל לאה און וויל נאָך עפּעס זאָגן, אָבער מרדכי כאַפּט איר אויס:

— ביסטו, הייסט עס, גיטל לאה, נישט סתם אַזוי געבליבן זיצן. האָסט זיך נאָר געמאַכט עסנדיק, ווי אברהם אָבינוס דריי מלאכים.

— הער, מרדכי, סע טאָר שוין לענגער אַזוי נישט זיין, — דערזאָגט זי גאַנץ ווייך, וואָס זי האָט פריִער געוואָלט זאָגן.

— וואָס טאָר עס אַזוי נישט זיין? — איז מרדכי האַלב־פאַרחידושט,

---

* כ׳בין יונג געווען און בין אַלט געוואָרן און נישט געזען אַ צדיק פאַרלאָזן און זיין זאָמען בעטלען ברויט. גאָט זאָל געבן שטאַרקייט, גאָט זאָל בענטשן זיין פאָלק מיט פרידן.

האַלב ווי איבערגעשראָקן. — אַזש דו האָסט נישט געקאָנט מיט דעם צו־וואַרטן אין שלאָף־חדר.

— איך האָב היינט גענומען פריידעלען צו זיך אין בעט אַריין, — שטעלט זי אָן אויף זיין פּנים די שטילע, גוטע אויגן פאַרשעריש, צי האָט ער נישט דערויף תּרעומות, — האָב איך מורא זי נישט אויפצוּוועקן מיט אונדזערע רייד. און וואָס סע טאָר אַזוי נישט זיין? איך מיין, אַז דאָס יונגע פּאָרפאָלק זאָל נאָך אַלץ שלאָפן מיט די קינדער צוזאַמען.

— וואָרן וואָס איז געשען, חלילה? — בייגט ער זיך צו צו איר, דערנעענטערנדיק דעם אויער צו איר טשיפּעק.

— דאַנקען גאָט. ס'איז גאָרנישט נישט געשען, חלילה. ערשטנס, די קינדער ווערן דאָך עלטער, און... ס'איז אַ בזיון פאַר גאָט און אַ חרפּה פאַר לייט. גאָט זעט, און לייט דערשמעקן. סע מאַכט זיך, אַ קינד כאַפּט זיך פּלוּצעם אויף... און אפשר טאַקע נישט פּלוצעם... אין מיטן דער נאַכט און דערשפּירט — דער טאַטע איז נישטאָ אין בעט. באַפאַלט דעם אַ פּחד; וווּ איז ער?... און... ס'איז איבעריק וועגן דעם צו רעדן — פאַרשטייסט דאָך עס אַליין. און חוץ דעם...

— וואָס נאָך חוץ דעם?

— זיי וויסן, אונדזער קיילע חיהניו איז, געלויבט דער אייבערשטער, פאַרגאַן אין טראָגן. וועט צוקומען אַ דריטס. גאָט זאָל העלפן, בשלום... זי איז נישט אין גאַנצן בקו הבריאות.

— איז וואָס זשע, גיטל לאה, קאָן איך דערצו העלפן? המם, איך ווייס? מע קאָן אפשר אַריינשטעלן אַ בעט אַהער פון מאירלס וועגן. ווי מיינסט דו, גיטל לאה?

— אַ? ווי איך מיין? איך טראַכט — זיי מיר מוחל, מרדכי — אַז דו האָסט זיך נישט גוט דערטראַכט. אַהער אין שטוב אַריינשטעלן אַ בעט? מענטשן, קצבים, צי ווייבער מיט עופות, קומען דאָ אַריין און גייען אַרויס, ס'איז דאָך ווי אַ קהלשע שטוב, — איז נישט שיין. און אַז אַ קינד פאַרגלוסט זיך אַ מאָל פאַרליגן זיך לענגער אַ ביסל אין בעט פון פוילקייט וועגן? 'עסטו עס אַרויסטרייבן? און אַז פריידעלע זאָל שלאָפן מיט מיר, ווי היינט? איך וואָלט דערויף מסכים געווען, נאָר בתנאַי — זי זאָל שוין פון היינט אָן שלאָפן מיט מיר כּסדר... זע איך דאָך אויף דיין

פּנים, אַז דו האָסט וועגן דעם אַן אַנדער דעה. שלעפּן ווידער אַ קינד אַ מאָל אַהער, אַ מאָל אַהין, טאָר מען אויך נישט. ס׳קינד וועט שוין אין קיין אָרט קיין מנוחהדיקן שלאָף נישט האָבן. און פריידעלעס בעטעלע איז דאָך שוין פאַר איר אַ סדום־בעטעלע. פאַר וועלכע זינד? מיר זאָל זיין פאַר איר ליכטיק פּנימל.

— נו, איז אויב מאירל זאָל שלאָפן דאָ, זאָל זי שלאָפן מיטן טאַטן.

— ניין, ניין, מרדכי. זי איז שוין אויך, אָן עין־הרע, אַ מיידעלע פון זעקס יאָר. קינדער זענען טשעקאַווע. מיידעלעך נאָך מער ווי ייִנגע־לעך. קינדער זעען און שטויסן זיך אָן מער וויפל מיר, די גרויסע, מיינען...

— קלוגע רייד רעדסטו, גיטל לאה, כאַכיימע מיינע, איז אַדרבה, זיי זשע אויך קלוג און גיב מיר אַן עצה. און אפשר האָסטו שוין גאָר, ווי דיין שטייגער איז, באַצייטנס עפּעס צוגעטראַכט? זאָג. און ווי אין פּסוק שטייט: ״עד חצי המלכות״...*. ביי דיר אין ״צאינה־ראינה״ שטייט דאָך עס אויך.

ער צעלאַכט זיך מילד און קוקט איר אין פּנים אַריין מיט אַזעלכע מילדע אויגן, וואָס אַזעלכע האָט נאָך זיין איידעם אויף זיך נישט געזען, און רעדט ווייטער מיט אַ צעשמייכלט פּנים:

— אַ גאַנץ יאָר, חוץ פּסח צום סדר, ביסטו טאַקע נישט קיין מלכה, נו, בין איך דאָך אויך נישט קיין מלך, נאָר אַ שוחט אין לוהיסק. און חוץ דעם — ביי מיר ביסטו אַ מלכה אַ גאַנץ יאָר. איז לאָמיר הערן.

— הער זשע טאַקע, מרדכי, — טוט זי אַ פּסקן אָפּ, — דו דאַרפסט צובאַוען אַן אַלקער.

— צובאָוען!? — דערשרעקט ער זיך. — וואָס רעדסטו? דערצו דאַרף מען דאָך האָבן אַ מטמון מיט געלט!

— שרעק זיך נישט. איך מיין, אַז פון דער קאַמער, פון דער סוכה מיין איך, קאָן מען מאַכן אַן אַלקער פאַר די קינדער. שטוקאַטורעווען די ווענט, לייגן די אַנדערע העלפט סטעליע, און אָט האָבן מיר פאַרטיק אַן אַלקער פאַר די קינדער, זאָלן געזונט זיין.

---

* ביז אַ האַלבער מלוכה.

— און סוכות, אם ירצה השם, וואָס ט׳מען טאָן?

— סוכות? דאָס אייגענע וואָס די שכנים־ייִדן טוען — צונויפ־קלאַפּן אַ סוכה פון ברעטער אויפן גאָרטן. איך ווייס?... אפשר וועט מען קאָנען דאָס נייע שטיקל סטעליע לייגן אַזוי, סע זאָל זיך אויך קאָנען עפענען און פאַרמאַכן, ווי דער דאַכפּליגל איבער דעם.

— המם... — ווערט זיין פּנים ערנסט, אָבער זיין בליק ווענדט זיך נישט אַוועק פון איר חנעוודיק פּנים און קלוגע אויגן. — דאָס איז אַן איינפאַל. נאָר דאָס וועט אויך אַריינציִען אין היפּשע הוצאות. ס׳עט אויס־קומען זיך צו פאַרשולדיקן, גיטל לאה.

— דערויף, מרדכי, האָבן מיר דאָך, ייִדן, אַ גאָט אין הימל. מיר דאַרפן האָבן אין אים בטחון. איך דאַרף עס דיר זאָגן? אפשר וועט ער אויך העלפן, און ייִדעלע וועט סוף־כל־סוף קריגן אַ כסא־רבנות. דער רבי האָט דאָך דיר מבטיח געווען. ׳עט מען דעמלט קאָנען זייער אַלקער און דעם נייעם אַלקער פאַרדינגען און זיך אויסצאָלן פון די חובות... איז וואָס טראַכסטו, מרדכי, וועגן דעם פּלאַן?

— ס׳אַ קלוגער פּלאַן. דיין משפחה ציט אַוודאי איר יִחוס פון שלמה המלך. איז ווי איך האָב דיר שוין געזאָגט: ״עד חצי המלכות...״. מאָרגן אין דער פרי, אם ירצה השם, וועל איך נאָכן דאַווענען אַריינגיין אין באַל־מעלאָכישן שטיבל און איבערשמועסן מיט ייִדל סטאָליער, וויפל דאָס דאַרף אונדז קאָסטן אַרום־און־אַרום, אַהולאָם. און אויב נאָר ס׳איז בגדר פון אונדזער מעגלעכקייט, וועט עס געמאַכט ווערן אָן שום שהיות. נו... גייען מיר שלאָפן.

— ווייסט וואָס, מרדכי, איך וויל דיך ערשטן בעטן? — שטעלט זי זיך אויף און קוקט אַראָפּ צון אים מיט צופרידנקייט אין בליק. — איך גיי שטילינקע אַריין אַהין און לייג זיך אין בעט, און דו לייען אָפּ קריאת־שמע דאָ — זאָלסט דאָס קינד דאָרט נישט צעוועקן. יאָ, און זאָלסט זיך אויך איינהאַלטן ווען דו וועסט שוין אַריינקומען, נישט צו גענעצן אויפן קול אײדערן איינשלאָפן, ווי דיין שטייגער איז.

— מילא, — שמייכלט ער אַרויף צו איר, — אַז דו האָסט ביי מיר דאָס גרויסע געווינס געפּועלט, וועט שוין ביי אונדז דער שידוך צוליב די קלייניקייטן אַוודאי נישט אָפּגיין. איכל זיך שוין דאָ אויסגענעצן.

זי שלייכט אַוועק, און ער טוט אַ פאַרמאַך די אויגן. לייגט אַרויף אויף זיי די רעכטע האַנטפלאַך און צעשאָקלט זיך דריבנע:

"רבונו של עולם, הריני מוחל לכל מי שהכעיס והקניט אותי... * — — —

אין שעהן שפּעטער, צו דער דריטער אַשמורה, קומט פאָר אין אַלקער פון דעם יונגן פאָרפאָלק עפּעס אומדערוואַרטס און אַכזריותדיק־פאַר־ביטערטס:

דער זיבן־און־צוואָנציק־יעריקער יונגערמאַן, געררייצט און פאַרפירט דערפון, וואָס פריידעלעס בעטעלע שטייט אַ ליידיקס, בלייבט שטיין לעם ווייבס בעט, כאָטש ס'איז אַ מיטנוואָכעדיקע נאַכט. ער קוקט אין דער טונקלעניש אויפן ווייבס שלאָפנדיק פנים מיט אַ וואַרעם געפיל פון דאַנקבאַרקייט און ליבשאַפט. מיט אַ פריידיק־הייסן לעכצן מקיים צו זיין דעם פסוק: "ודבק באשתו והיו לבשר אחד" — און באַהעפט זיך צו זיין ווייב, און זיי ווערן איין לייב. ער שטרעקט אויס די האַנט אויפצו־הייבן די קאָלדרע ביי איר האַלדז. אין דעם אויגנבליק טוט זי זיך אַ וואַראָשע, ווי זיך אָפּגעטרייסלט פון עפּעס, אַ דריי זיך צו אים מיטן רוקן און אַ וואָרטשע בייז, כאָטש שטיל, אין דער וואַנט אַריין:

— אַז סע ווערט דעם גאָרנישט נמאס צו קריכן, דעם וואָרעם. שוין אין מיטן דער וואָך אויך? אַז ווערעם זאָלן פרעסן דעם מאַרך פון זיין געביין!

ייִדעלע נעמט אויף איר בייז געשעפּטש ווי אַ צישען פון אַ שלאַנג. ער ווערט פריטשמעליעט און פאַרגליווערט אויפן אָרט. וויל און — קאָן זיך נישט אַוועקרייסן. פון זיינע ליפּן, הייס־טרוקענע, טוט זיך אַ שייל אַראָפּ, ווי אַ שאָלעכץ, מיט אַ בעטלערישן טאָן:

— קיילע חיהניו...

דערויף צישען זיך ווידער ווערטער צו דער וואַנט:

— איך בין פאַרגאַן אין טראָגן... און דער וואָרעם קריכט ווידער...

---

* רבונו־של־עולם, איך בין מוחל איטלעכן, ווער ס'האָט מיך אויפגערעגט און דער־צערנט.

פון זיין בעט דערהערט זיך ווי מאירל דרייט זיך אומרויִק איבער, אַרויסלאָזנדיק פאַרשלאָפענע, אומרויִקע און אומקלאָרע ווערטער.

ווערט זי אויך פאַרשטומט און פאַרגליווערט. זי האָרכט ווי... "דער וואָרעם קריכט צוריק צו זיין געלעגער".

## לו

יִדעלען ווערט גאָרנישט לייכטער אויפן געמיט דערפון וואָס ס'איז צוגעקומען נאָך אַן אַלקער, וואָס מאירל און פריידעלע שלאָפן דאָרט, און פאַר אים איז געבליבן דאָס גאַנצע בעט. ער וואָלט זיך גערן בייטן מיט די געלעגערס מיט איינעם פון די קינדער. און גאָר גוט וואָלט זיין, ווען ער וואָלט שלאָפן אינעם נייעם אַלקער מיט פריידעלען. אַז קיילע חיה ליגט אין בעט אים קעגן איבער, קאָן ער דאָך אויף קיין איין רגע נישט פאַרגעסן, ווען נאָר ער איז וואַך, אַז ער, וואָס גייט אָ טאַטע ווערן צום דריטן מאָל, איז נישט מער ווי אַ קריכעדיקער וואָרעם, וואָס זי טרעט אים מיט די פיס... כאָטש, צוריק גערעדט, וואָס איז דאָ אַזוי שרעקלעך אַ וואָרעם? זאָגט דאָך דער נביא: "תולעת יעקב" — וואָרעם יעקב. נאָר גאָר אַנדערש איז, פאַרשטייט זיך, ווען סע זאָגט עס אַ נביא און פירט נאָך אויס דערצו: "אַני עזרתיך נאום יהוה" — איך העלף דיך זאָגט גאָט... און אים זאָגט דאָך עס אַ מרשעת... אוי... און קיין הילף פון גאָט זאָגט אים קיינער נישט צו... ווי גערן ער וואָלט זיך ביי נאַכט געביטן מיט מאירלען מיט די ער־טער! אַז אָנשטאָט דער מרשעת זאָל קעגן איבער אים ליגן פריידעלע, די מאַמע פריידע די צדיקת...

טיילווייז ווערט זיין דאָזיקער פאַרלאַנג דערפילט. איין מאָל, פאַר נאַכט, דער שווער איז אַוועקגעגאַנגען מיט מאירלען אין בית־מדרש צו מנחה־מעריב, קיילע חיה איז נאָך נישט צוריק געקומען מיט פריידעלען פון איר ווינטער־שפּאַציר, קומט אַריין אין אַלקער די שוויגער און זאָגט צו אים שטיל, אים אָנקוקנדיק מיט אירע גרויסע, גוטע אויגן, כאָטש מיט אַ פאַר־שעמטן שאַרפן בליק:

— ייִדעלע, ביסט אַליין? ווייסט וואָס מיר איז איינגעפאַלן? ווייסט דאָך, דער פעלדשער הייסט קיילע חיהניון, צוליב איר איצטיקן צושטאַנד, געניסן אַ סך פרישע לופט. זי פילט זיך נישט וואַזשנע. איז זי היינט אין דער פרי געווען ביי אים מיט אַ וויזיט, האָט ער איר געזאָגט: "דער בעסטער רעצעפּט פאַר דיר איז —— פרישע לופט און עסן מיט אַפּעטיט". און ער האָט צוגעלייגט: "און גאָר גוט וואָלט זיין, אַז ביז די צייט וועט קומען, זאָלסטו, ס'הייסט קיילע חיהניו — שלאָפן אַליין אין אַלקער. און ביי נאַכט זאָל זיין אָפן די פאָרטעטשקע".

— וואָס זשע? — כאַפּט זיך דערין אָן דער אײדעם. — כ'קאָן זיך טוישן מיט מאירלען מיט די ערטער.

— אַן אויפטו וואָס דאָס וואָלט געווען. — ווענדט זי מיטן ווייכן טאָן אָפּ דעם געדאַנק. — מאירל איז שוין אויך, געלויבט דער אייבערשטער, אַ מענטש.

— וואָס זשע קאָן איך עפּעס אַנדערש טאָן, שוויגער? גיין צו טאַטע־מאַמע?

— דער וואָס לעבט אייביק זאָל דיך אָפּהיטן פון געשטרויכלט ווערן דורך דער צונג! — דערשרעקט זי זיך, שטאַרקט זיך איבער און גיט צו מיט אַן אומעטיקן טאָן, — הלוואי וואָלטן זיי נאָר געלעבט!

און אין אַ ווייל אַרום, שוין מיט אַ לייכטן, מילדן שמייכל אויפן פּנים:

— אָט וואָס, מיין קינד. מירןביידע עפּעס טאָן, ווי נאָר דו וועסט מסכים זיין.

אַ מטושטשער הרהור־עבירה טוט אַ לויף דורך, ווי אַ גרוי מייזל, אונטערן אײדעמס שאַרבן. דורך דער מטושטשקייט טוט אַ בליץ דורך אַ מאַמר־חז"ל: "הוי זהיר באשתך מחתנה הראשון"*... ער טוט זיך אַ צינד אָן און לאָזט אַראָפּ די אויגן צו דער שוויגערס שטובשיך. מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ פאַרנעמט זיין געהער וואָס די שוויגער רעדט ווייטער:

— די קינדערס אַלקער איז גענוג גרויס אַפילו פאַר דריי בעטן. קום, אַזוי ווי קיינער איז ערשט נישטאָ אין שטוב, לאָמיר אַריינשטעלן אַהין אויך דיין בעט. דו וועסט שלאָפן צוזאַמען מיט די קינדער. ביסטו מסכים?

---

* זיי געוואָרנט מיט דיין ווייב בנוגע איר ערשטן אײדעם.

דער אײדעם אָטעמט טיף און שווער אָפּ:

— פֿאַר וואָס נישט, שוויגער?

געזאָגט און געטאָן.

— ראשית, ייִדעלע, טראָגן מיר אַריבער אַהינצו דײַן בעטגעוואַנט.

ערשט, אַז אױך זײַן בעט שטײט שױן דאָרט, טוט דער אײדעם, אַ פֿאַרשוויצטער פֿון דער נישט־צוגעוווינטער אַרבעט און פֿון דעם הרהור־עבֿירה, אַ זאָג שטיל צו זיך אַלײן:

— װער איך, הײסט עס, אַ פֿאָלנער פּרוש...

אָבער די שוויגער דערהערט עס. זי דערשפּירט אין זײַן טאָן סײַ קרענ־קונג, סײַ צופֿרידנקײט. דאָס ערשטע איז איר פֿאַרשטענדלעך, דאָס צווײטע פּרוּווט זי זיך אָנשטויסן... נאָר איבערצופֿרעגן איז גלײַכער נישט. און זי רופֿט זיך אָפּ:

— ביז דער אײבערשטער וועט אונדז העלפֿן, קײלע חיהניו וועט איבערקומען בשלום. זי וועט קומען צו די כּוחות... און איר געמיט וועט זיך באַרויִקן.

זי נעמט פֿאַרבעטן זײַן בעט.

— נו, וואָס שטײסטו נאָך דאָ, ייִדעלע? — הײבט זי אַרויף צו אים דאָס שטילע פּנים מיט די גוטע אױגן. — וואַרטסט אױף עפּעס נאָך פֿון מיר?

ער ווערט צעמישט און װײסט נישט וואָס איר צו ענטפֿערן. ער ווייסט אַלײן נישט אױף וואָס ער וואַרט. טאַקע, אױף וואָס וואַרט ער? און ענט־פֿערט איר מיט אַ פֿראַגע:

— אױף וואָס האָב איך דען צו וואַרטן?

— אָט! — ראַטעוועט זי אים נישט־ווילנדיק אַרויס פֿון זײַן פֿאַר־לעגנהײט. — די קו מרוקעט שױן דאָרט אין שטאַל, מאָנט אַ „פֿילע". קײלע חיהניו וועט אַוודאי באַלד אַרײַנקומען. קאָנסט שױן גײן דאַוונען מנחה־מעריבֿ.

ער גײט אַרויס נאָך איר אין שטוב אַרײַן און פֿון שטוב אין דרויסן. גײט אַ פֿאַרטראַכטער אין דער פֿראַגע: „צי האָב איך באמת געהאַט אַ הרהור־עבֿירה? און... „הרהור־עבֿירה קשה מעבֿירה"*...

---

* אַ הרהור־עבֿירה איז האַרבער פֿון דער עבֿירה.

צוגעקומען נישט ווייט שוין פונעם בית־המדרש, טוט אים אַ שלאָג אין די אויגן, פון די שויבן פון דער ווייבערשיל, דער אָפּשיין פון דער ווינטערדיקער שקיעה. און פאַר די אויגן נעמט אים שווינדלען אַ פסוק פון חומש ויקרא: „ואיש אשר יקח את אשה ואת אמה זמה הוא, באש ישרפו אותו ואתהן". בלייבט ער שטיין און פאַרטייטשט זיך עס: און אַז אַ מאַן וועט נעמען אַ פרוי מיט איר מוטער, איז דאָס שענדלעכקייט. אין פייער זאָל מען זיי פאַרברענען... און אונטער דעם פסוק שנירלט זיך אַ שורהלע רש"י: „ויש מרבותינו שאומרים אין כאַן אלא חמותו" — און אַ טייל פון אונדזערע רבותים זאָגן, אַז דאָ רעדט זיך בלויז וועגן זיין שוויגער"...

— אין אַלץ, אין אַלץ איז זי שולדיק, די טאָכטער אירע. — ברומט ער בייז, נאָר שטיל, אַז די ווערטער דערגייען קוים צו זיין אייגענעם געהער, און נעמט ווידער גיין.

אין דעם מאָמענט דערטראָגן זיך פון הינטער אים ווייבערישע יללות. בלייבט ער שטיין און ווענדט זיך מיטן פנים אַהינצו. צוויי יִדענעס, אין טונקעלע, צעכראַסטעטע לאַנגע שאַלן, די קעפּ אין די האַנטפלאַכן, שפּרייזן אַהער מיט גיכע טריט. זייערע יללות צעגיסן זיך אין דער פאַרנאַכטיקער שטילקייט. ציִען זיך פאַרויס צו דער צעעפנטער טיר פונעם פּאָליש. הינטער זיי איילט־נאָך אַ וויינענדיק מיידעלע, אַ שמאָלס און דאַרס, אין דער וווקס פון זיין מאירלען. ער דערקאָנט זיי, די ווייבער: לויכע די סופר־טע, יאָנטלס שוויגער, און פעלטע לאה, יאָנטלס מאַמע; דאָס מיידעלע מוז אַוודאי זיין יאָנטלס עלטסטע קינד, צביהלע. זיי שפּרייזן אים פאַרביי, באַגיסן מיט זייער יאָמער און פאַרשווינדן אין דעם שוואַרצעניש פון פּאָליש. באַלד דערטראָגן זיך די יללות העכערע, האַרצרייסנדיקערע פון דער מזרח־דיקער זייט פון בית־מדרש... האָבן דאָרט מסתם אויפגעריסן דעם אָרון־קודש און אַריינגעפאַלן אין אים מיט די באַשאַלטע קעפּ צו די ספרי־תורות.

— וואָס איז געשען? — טוט ער אַ פרעג ביי מאָטישל באַנטשע באַלע־גאָלעס, וואָס יאָגט זיך גראָד אָן הינטער אים.

בלייבט ער שטיין, מאָטישל, מיט אַ פאַרזאָרגט פנים, און ווי אַ שווערע משא וואָלט אים געלעגן אויפן הערביקל:

— אוי, נישט קיין פריילעכס, רב יידל. לוי סופרס טאָכטער, עליו

השלום, פערעלע, איז, פאַר קיין שום ייִדישער טאָכטער געדאַכט, איינ־געפאַלן ביים גיין צום קינד. ס׳בלוט פון די לונגען האָט זיך איר דורכן מויל אויסגעגאָסן. זי איז פאַרביי... המם, מע שמועסט אין מאַרק: יאַנטל האָט זי צו פיל געפּייניקט מיט זיין מאַנצפערשווינישקייט. אַזאַן אײדעלע, און שוין — דריי קינדער... כ׳געדענק נאָך דעם פלוס, דעם פּרעסער פון חדר. אַ זאַ איז נישט פאַר אַ זאַ... ס׳איז, ווי זאָל איך אייך זאָגן? ווי אַ פּויע־רישער אָגער מיט אַן אײדעלער פּריצישער קאָבילקע...

— מאַ, — פאַרקרימט זיך ייִדעלעס פּנים צוליב מאָטישלס ניבול־פּה,

— מע דאַרף אַריינגיין דאַווענען. סע ווערט שפּעט.

— פאַר מיר אויך. — טוט מאָטישל אַ זאָג, און ביידע לאָזן זיך שנעל צום בית־מדרש.

אַריינגעקומען, בעת דער יאָמער פון די ייִדענעס ביים אויפגעררי־סענעם אָרון־קודש מאַכט פול דעם בית־מדרש, דאַכט זיך ייִדעלען, אַז מאָטישל טראַכט ביי אים אין די געהירן: ״פאַר דעם־אַ פּויערישן אָגער, פאַר יאַנטלען, וואָלט אייער קאָבילע, קיילע חיה, נישט פאַרשלאָסן מיט די שליסעלעך דעם שטאַל...״. ער פאַרשעמט זיך הייס פאַר זיך אַליין. טוט אַ גיי צו צום כיור, וואַשט זיך די הענט און ווישט זיי אָפּ מיטן פּייכטן־פעטן האַנטעך. טוט אַ פאַרקוועטש די אויגן. דעקט זיי איבער מיט דער רעכטער האַנטפלאַך, פאַרשטעלנדיק דאָס פּנים. נעמט זיך שאָקלען, ווי אויסצוטרייסלען פון קאָפּ מאָטישלס ניבול־פּה, וואָס איז צו אים ״צוגע־שטאַנען ווי צואה״. ער זאָגט מיט האַרץ און מיט אַ געפיל פון תשובה־טאָן:

— ״אַשרי יושבי ביתך...״.

# לז

״גלגל הוא שחוזר בעולם״,* — מחשבהט־מעלה־גרהט ייִדעלע, — מיין רעדל האָט זיך אויף צוריק איבערגעדרייט. דער שווער רופט מיך ווידער ייִדעלע, און זיינע אויגן זענען ווידער פאַררויטלט קעגן מיר מיט

** סע דרייט זיך אַ רעדל אויף דער וועלט

בייזקייט. און פון מיין "פלג־גוף" * (קרי — לייען: פלאַג), פון קיילע חיהן, איז דאָך שוין אָפּגערעדט... אַזאַ מיוחסת! עפּעס אַ קלייניקייט: "כריסה בין שיניה"... ** נאָר אויך גאַנץ לוהיסק וויל מיך נישט אַרויסלאָזן פון די קינדערישע מייטקעלעך. רק — יידעלע און ייִדעלע. סע יידלט שוין און פידלט שוין אין קאָפּ. כאָטש נעם גיי איבער די גאַסן און געסלעך און שריי: "אֲני שלמה!"... וואָס פאַר אַ ייִדעלע בין איך איך? הרב יהודה אַריה בין איך, ווי מע רופט מיך אויף צו דער תורה! ביי מיר אין שופלאַד ליגט צונויפגעלייגט אין צווייען מיין סמיכות אויף רבנות פונעם "משמרת שלום"... איר וואָלט מעגן לייענען וואָס דאָרט איז וועגן מיר געשריבן. נאָר מילא. ווי זאָגט די גמרא: "אין נביא בעירו", ביי זיך אין שטאָט איז מען נישט קיין נביא. אַפילו קיין רב אויך נישט. אָבער ז י... ווי פאַרשטייט זי נישט אַפילו מיט איר ווייבערישן קורצן שכל, אַז זי טאָר מיך נישט רופן יידעלע? און וואָס איז דאָ פאַראַן צו רעדן — קיין נאַר איז זי דאָך נישט. נאָר, צוריק גערעדט, זי איז דאָך נישט מחוייב צו זיין קלוגער פון איר טאַטן... אַך, ווי ס׳איז שווער צו לעבן ביי אַ שווער אויף קעסט!... ס׳איז טאַקע ווי די גמרא זאָגט: "כל המצפה על שולחן אַחרים חייו אינם חיים" — ווער סע קוקט אויס אויף אַ טיש פון פרעמדע, איז זיין לעבן קיין לעבן נישט... און נאָך זאָגט דאָרט די גמרא, אויפן זעלבן דף: "כל המצפה על שולחן אַחרים עולם חשך בעדו" — ווער סע קוקט אויס אויף אַ טיש פון פרעמדע, איז אים די וועלט פאַרפינצטערט... המם, אַ שווער איז אַן "אחר"... *** ווען נישט די שוויגער זאָל לעבן, וואָלט איך זיי דען אויסגעהאַלטן, די קעסט? זי איז שטיל ווי אַ טויב... ווי נוחס טויב, וואָס האָט געטראָגן אַ גרין בלעטעלע אין מויל מיט דער בשורה, אַז ס׳איז שוין נאָכן מבול... ס׳איז גאָרנישט משיג צו זיין, ווי אַזוי פון איר טראַכט איז אַרויסגעקומען אַזאַ טאָכטער, אַזאַ חיה?... ביי איר איז זי נאָך אַלץ: חיהניו... פאַר איר, פאַר דער חיה־רעהניו, בין איך נישט קיין רב, נייערט אַ יידעלע... אַ וואָרעם, אַ "תולעת יעקב"..."

---

* האַלבער גוף.

** דער בויך איז איר צווישן די ציין — מעוברת.

*** אַן אַנדערער. געמיינט דעם תנא אלישע בן אבויה, וועלכער איז אַרויס לתרבות־רעה.

דאָ גייט פּלוצעם אויף אַ גלאַנץ אין זיינע אויגן און אַ שמייכעלע אויפן פּנים, און ער נעמט שעפּטשען אויף אַ קול:

— יאָ... ס'איז אַן איינפאַל. „בעיר" איז דאָך אויך די טייטש — אַ בהמה. ווי אין בראשית שטייט: „טענו את בעירכם" — לאָדט אָן אייערע בהמות. היוצא מזה, קאָן מען זייער שיין טייטשן: „אין נביא בעירו" — ביי דער אייגענער בהמה איז מען נישט קיין נביא... נו, און דעסטגלייכן קיין רב אויך נישט... כע־כע־כע...

און ער מחשבהט ווייטער מיט פרייד און נצחון:

„כ'על עס איר אַ מאָל אויסטייטשן, דער בהמה מיינער... המם, ווען זי וועט שוין זיין אַ רביצן אין אַ שטאָט... אין מ י י ן שטאָט...".

נאָר דערמאָנט זיך גלייך, אַז דערווייל איז ער נאָך אין א י ר שטאָט, זיפצט ער אָפּ: „אָך!" און מחשבהט ווייטער:

„ווען די טאָכטער וואָלט זיין אין איר מאַמען געראָטן, נישט אין איר טאַטן, וואָלט דאָך מיין לעבן נישט געפינצטערט, נייערט געליכטיקט. אַז וואָס איך זאָל נישט טאָן, טויג עס נישט ביי איר... „זכה — עזרתו, לא זכה — כנגדו"... * זאָל עס הייסן: איך אַליין בין שולדיק, נישט זי? כ'האָב זיך נישט פאַרדינט, איז זי מיר תמיד אַ „כנגדו"?...".

דער דאָזיקער, פאַר אים נישט גינציקער, מאַמר־חז"ל שטעלט זיך אים תמיד פאַר די אויגן אום פרייטיק־צו־נאַכטס, ווען ער זינגט־נאָך דעם שווער דעם „אשת־חיל", און ער טוט אַ טראַכט: „ע ר האָט זוכה געווען (גיי פאַרשטיי — מיט וואָס?), האָט ער וואָס צו זינגען... אָט זיצט זי, די שוויגער, שבתדיק־שיינענדיק, און ס'רוט אויף איר פּנים די שכינה... אָבער א י ך (מיט וואָס, רבונו־של־עולם, האָב איך זיך פאַרזינדיקט?) — וואָס זינג א י ך?".

איין מאָל פאַלט אים איין דערביי אַ געדאַנק, וואָס מאַכט אים שמייכלען אין זיך אַריין:

„ווען מע נעמט און מע טוט איר אָן, קיילע חיהן, אַ סאָלדאַטסקע שינעל, וואָלט זי געקאָנט גיין אין חיל אַריין... אַן אמתע אשת־חיל...

---

* אויב ער האָט זוכה געווען, איז זי אים אַ העלפערין, האָט ער נישט זוכה געווען, איז זי אים אַ קעגנערין.

אַ דראַגונער, נאָר אויף אַ פערד אַרויפצוזעצן... איך, דאָס קליינגעוויק־סיקע ייִדעלע, האָב נישט געטויגט פאַר פאָניען. אָבער איר וואָלט מען גלייך אָפּגעפּסקנט: "גאָדיען!"...* המם, סאַראַ שטותים איך טראַכט! כדי צו הערן "גאָדיען!", אָדער "ניע גאָדיען!", דאַרף מען דאָך שטיין פאַר דער קאָמיסיע פונעם פּריזיוו, ווי אָדם און חוה, איידער זיי האָבן געגעסן פונעם עץ־הדעת... און די קאָמיסיע באַשטייט דאָך פון גאָלע זכרים...".

אַ פאַרשעמטער פון דער ווייבערישער נאַקעטקייט וואָס ער דערזעט אין דמיון, צעשמייכלט ער זיך פון זיך אַרויס, אַליין נישט וויסנדיק דערפון. אָבער קיילע חיה דערזעט דעם דאָזיקן "ווערעמדיקן שמייכל" זיך אויסמישן מיט דער שיין פון די שבת־ליכט.

— אין מיטן דערינען האָט זיך עס צעשמוכעט, דאָס קליינע... — דערהערט ער קיילע חיהס איינגעהאַלטן קול. כלומרשט וועגן פריידעלען זאָגט זי עס. אָבער פון דער בייזקייט פונעם טאָן פאַרשטייט ער זייער גוט "ועמען דער פסוק מיינט"... ווען שווער־און־שוויגער וואָלטן דאָ ערשט נישט זיין, וואָלט זי אים געמאַכט אַ שוואַרץ־שבת. גלייך זי לייענט אַראָפּ פון זיין פּנים זיינע מחשבות.

זינגט ער ווייטער דעם "אשת חיל", און פאַר זיינע אויגן שווימען פאַרביי פסוקים און שטיקלעך פסוקים, וואָס דער מחבר פונעם "אשת חיל" האָט געזאָגט וועגן די ווייבער, און פאַרטייטשט זיי זיך אין געדאַנק: "אשר היא מצודים, וחרמים לבה, אסורים ידיה" — וואָס איר האַרץ איז פאַסטקעס און נעצן, אירע הענט זענען בינדשטריק; "אָדם אחד מאלף מצאתי ואשה בכל אלה לא מצאתי" — איין מאַן צווישן טויזנט האָב איך געפונען, אָבער אַ פרוי צווישן די אַלע האָב איך נישט געפונען; "טוב לשבת על פנת גג, מאשת מדינים ובית חבר" — בעסער וווינען אויף אַ ווינקל דאַך, איידער אין איין הויז מיט אַ ווייב אַ קריגערין; "טוב שבת בארץ מדבר מאשת מדינים וכעס" — בעסער צו וווינען אין אַ מדבר־לאַנד, איידער מיט אַ ווייב אַ קריגערין אין ערגערניש; "דלף טורד ביום סגריר ואשת מדינים נשתוה" — אַ נודנע טריפעניש אין אַ רעגנדיקן טאָג און אַ ווייב אַ קריגערין זענען גלייך...

* "גאָדיען" — טויגלעך; "ניע גאָדיען" — אומטויגלעך.

און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער, פאַרבראַקט און אויסגעמישט מיט מאַמרי חז״ל.

— נו, קידוש! — טוט אים דער שווער אַוועק אַרויס פון די מחשבות, און די מחשבות צערינען און ווערן פאַרהוילן ערגעץ ווייט אונטערן שאַרבן.

— אַ מענטשעלע טראַכט אַזוי פיל, — זאָגט קיילע חיה, די אויגן אַנגעשטעלט אויף מאירלען, כלומרשט זי זאָגט עס וועגן אים, — און דערטראַכט זיך צו גאָרנישט מיט נישט...

אָבער ייִדעלע ווייסט: ״במי הכתוב מדבר״... *

## לח

וואָס ווייטער אַ וואָך, אַלץ מערער ווערט ייִדעלעס געמיט אָנגעזאַפּט מיט ביטערניש. זי זעצט זיך אָפּ אויפן דנאָ פון זיין געמיט, ווי גרויע, שווערע הייוון, וואָס גרייט זיך פאַרשטיינערט צו ווערן. ער שפירט — ער מוז די ביטערניש אויסלאָזן צו עמעצן, אַזיסט וועט זי אים פאַר־סמען דאָס בלוט און אַריינפירן, חלילה, אין אַ מחלה. ער וועט פרי פון דער וועלט גיין, ווי דער טאַטע זיינער, עליו השלום. נאָר צו וועמען לאָזט מען זי אויס, די ביטערניש?

דאָ אין שטוב וואָלט ער זי אויסגעלאָזט צו מאירלען. ער טראָגט טאַקע זיין טאַטנס נאָמען, אָבער חוץ דעם — גאָרנישט. כלפּי חוץ וואַקסט ער אַלץ ענלעכער צום זיידן פון דער מאַמעס צד, איידער צום זיידן פונעם טאַטנס צד, אים צו לענגערע יאָר. און זיין קאָפּ האָר פלאַמט רויט, ווי ביי זיין מאַמען, איידער מע האָט זיי איר פאַר דער חופה אָפּגעע־שוירן... פון דרויסן האָט מען איר דעם צאָפּ, דעם שלאַנג, אָפּגעהאַקט און פאַרטיליקט, אָבער אינעווייניק איז איר, משמעות, אַ צווייטער פאַר־בליבן... וואָלט ער כאָטש געהאַט, מאירל, אונטער די האָר, אין קאָפּ אויך דער מאַמעס שכל. איז גראָד זיין קעפּל צום לערנען אַ פלאַטשיקס.

---

* וועגן וועמען דער פסוק רעדט.

קיין למדן־מופלג וועט שוין פון אים נישט אויסוואַקסן. דערצו נאָך האַלט ער אין איין טשעפּען זיך צו פריידעלען, דערגיין איר די יאָרן. פריידעלע טרעט אים אָפּ. פאַרשווייגט אים מערסטן טייל. אָבער סוף־כל־סוף דער־פירט ער זי אַ מאָל, זי זאָל צון אים אַ געשריי טאָן:

— אָפּגעקאָכטער ראַק!

דעמלט שטעלט ער אָן קעגן איר, מאירל, דעם רויטן קאָפּ. נישט ווי אַ ראַק, נייערט ווי אַ צעווילדעוועטער בוהיי. איז גרייט זי דורס צו זיין. אוי, וואָלט ער אים דעמלט, מאירלען, מקיים־פּסק געווען! שוין פאַר דער מאַמען אויך... האָט ער דאָך אָבער מורא פאַר זיין זיידן. און דער עיקר — פאַר זיין מאַמען. באַזונדערס אין איר איצטיקן מעמד... און ווי קאָן ער פאַרשאַפן עגמת־נפש דער גוטער שוויגער? זי האָט דאָך ליב אַפילו די קאַץ אין קיך. אַפילו דעם "רויטן ראַק", וואָס טשעפּעט זיך כסדר צו פריידעלען, איר "נשמה מיינע". ווי זי טוליעט עס זי תמיד צום האַרצן!

זאָל ער אויסלאָזן זיין ביטער האַרץ צו די בית־מדרש־לערנער? דאָס שטייט אים נאָך נישט אָן! ז י י זענען — ייִנגלעך, און ע ר!... אַפילו מיט יאָנטל גרשון שניטקרעמערס, וואָס איז שוין אַליין אַ שניטקרעמער, לוי סופרס איידעם, עליו השלום, פּאַסט אים נאָך נישט צו שטעלן זיך אויף איין ברעטל און זיך מיט אים פאַרהערן. ער בלאָזט זיך, יאָנטל, ווי אַן אינדיק, אָבער איז נישט מער ווי אַן "עורב". קראַקעט, קראַקעט וועגן אים, "דעם נישט דערגאַנגענעם עילוי און נישט דערפאָרענעם רבל" אָבער, ער, דער רב, איז דאָך נישט קיין "זרזיר".*

ביז די צייט רוקט אים אונטער אַ הזדמנות אויסצולאָזן זיין גאָרע ביטער־ניש פאַרריסן און פאַרביסן אויף אַ למדן־מופלג און עלטערן פון זיך — אויף ידידיה קלעוואַנער, אָדער ידידיה מלמד. ידידיה איז אין שטעטל דער גרעסטער גמרא־מלמד און גרעסטער איפּכא־מסתבראניק. לעצטנס האָט ער איינגעלייגט וועלטן מע זאָל נישט מאַכן קיין "אל מלא רחמים" אין בית־מדרש דעם דאָקטאָר הערצל, כאָטש ס'איז דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז

---

* "לא לחנם הלך זרזיר אצל עורב, אלא מפני שהוא מינו" — נישט אומזיסט איז דער שפּאַק געגאַנגען צו דער קראָ, נאָר ווייל ער איז פון איר זגאַל.

אין לודמיר האָט מען עס יאָ געטאָן. פאַרגעלייגט עס האָט יאַנטל גריבייר שניטקרעמערס, וועלכער האָט טאַקע די דאָזיקע ידיעה געבראַכט פון לודמיר צוזאַמען מיט זיין שניט־סחורה. ער האָט עס געטאָן גלאַט־אַזוי זיך: יאָ־יאָ, נישט־נישט. אָבער ס'האָבן זיין פאַרלייג אונטערגעהאַלטן ווי "געכאַפּטע", שוין אַ ביסל לשמה, הערשל ברכה יאָסל משהס און איציק דער דולער. נאָר אַז ידידיה מלמד האָט זיך, לויט זיין שטייגער, אַ שטעל געטאָן:

— יידן, ניין! ס'איז אַ חילול־השם! איכל נישט דערלאָזן דערצו, מעג זיך אַ וועלט איבערקערן! —

איז שוין דערפון געוואָרן אַ פריילעכע העצע פאַר אַלע. אַלע האָבן זיך גענומען אים איבערשפּאַרן, מיט אים איינטענהן. ביז ידידיה האָט באַקומען אַ כריפּקע. ער זידט שוין אין גאַנצן, דאָס פּנים פלאַמט, די אויגן שיטן פונקען, און ער שרייט הייזעריק:

— אַז ס'איז גאָרנישטאָ וואָס צו גיין צום רב מיט אַ שאלה וועגן דעם. איך פּסקן אַליין! ע ר, דער הערצל־שמערצל, דער דאָקטער־יאָקטער אייערער, איז דאָך געווען אַ כופר אין ביאת־המשיח! נאָך ערגער — האָט געוואָלט מע זאָל אים אַליין, דעם כופר, אָננעמען פאַר משיחן! אַ משיח שקר איז ער געווען, אַ שבתיל! אַ משיח וואָס קומט נישט אויף קיין אייזל, ווי די גמרא זאָגט: "משיח על חמרא אָתי", נייערט מיט דער אייזנבאַן...

און אויסגעפּירט האָט, פאַרשטענדלעך, ביי אַ גרויס געלעכטער אַרום און אַרום, ידידיה מלמד — "משיחס לייבגוואַרדייעץ", ווי ס'האָט אים נאָך דעם געשעניש באַטיטלט שימענקע שטאָט־לץ.

דאָס הזדמנות פאַר יידעלען איז געווען די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה.

ידידיה מלמד איז אויך דער גרעסטער פּאָליטיקער אין לוהיסק. דער שאַרפסטער אויסטייטשער פון די וועלטנייעסן, וואָס דערגרייכן אַהער פון דער קרייזשטאָט לודמיר דורך די קרעמער און באַלעגאָלעס, זעלטן אויך — דורך אַ צופעליק געבראַכט שטיקל צייטונג, אַ פאַרעל־טערטס און צעקנייטשס.

ווי נאָר אין שטעטל ברעכט אויס דער יאָמער פון מאַמעס און ווייבער, וואָס זייערע זין און מאַנען געפינען זיך אין מיליטער, אָדער ווערן

גערופן אין זאַפּאַס, און איינע אַ ווייבל, וואָס וועט בלייבן איינע אַליין, "ווי אויפן וואַסער, מיט דריי ווערעם", רייסט זיך אַריין, ווי געטראָגן פון אַ שטורעם, אין בית־מדרש אַריין, מיט יללות, און רייסט אויף דעם אָרון־קודש: "הייליקע תורות, ראַטעוועט אַרויס מיין מאַן פון דער גזירה־שער שרפה!" — פּסקנט ידידיה, שטייענדיק אין טלית־און־תפילין, מיט אַ טאָן פון אַ נוקם־ונוטר:

— ער וועט מיטן אייבערשטנס הילף קריגן המנס מפלה, דער צאַר, דער צורר־היהודים! אַלע "הנותן־תשועות" וועלן אים נישט העלפן. וויי־ניק ייִדיש בלוט האָט ער פאַרגאָסן? איר וועט זען, ייִדן, דער קליינער יאַפּאָנטשיק וועט ביי דעם חזיר אַלע שטשיטינעס ביז איינעם אַרויסרייסן און דערנאָך אים קיילן... הערט וואָס סע זאָגט אייך ידידיה מלמד: ע ר איז טאַקע אַ גלית, אָבער דער קליינער יאַפּאָנטשיק וועט, מיט גאָטס הילף, זיין אַ דוידל... און מיר וועלן זאָגן פאַר אים תהילים.

איבערצושפּאַרן ידידיה מלמד שיקט זיך נישט צו זאָגן. דערצו דאַרף מען האָבן אַ קאַלטע לעבער פון אַ פעלד־גזלן און געדולד פון אַ פרומער ייִדענע ביים אויסקלייבן ווערעמדיקן אַרבעס. ידידיה בלייבט קיין מאָל נישט אונטערשטעליק און גיט זיך קיין מאָל קיינעם נישט אונטער. מיט גוטן, אָדער מיט בייזן, מערסטן טייל מיט בייזן, פּועלט ער אויס ביים קעגנער, אַז גערעכט איז ע ר. און אַז אַ קעגנער גיט זיך פאַרט נישט אונטער, פאַלט ער אַריין אין צאָרן, לאַכט אים אויס, מאַכט פון אים "חוכא ואטלולא",* מאַכט אים "כעפרא דערעא" **.

אין דעם איצטיקן פאַל פון דער מלחמה האָט בכלל קיינער קיין חשק נישט אים איבערצושפּאַרן. זיין פּסק פאַלט צוזאַמען מיט אַלעמענס ווילן: מע זאָל שוין טאַקע מער פונעם "באַטיושקאַ־צאַר" פון קיין צער נישט וויסן. הלוואַי טאַקע פון ידידיהס מויל אין גאָטס אויערן. נישט מער, אַ מאָל פאַרוויילט זיך אַ בית־מדרש־ייִנגל אַ ביסל פריילעך מאַכן אין בית־מדרש נאָכן דאַווענען, גייט צו צו ידידיה מלמד צו פאַרפירן אַ שמועס וועגן דער מלחמה און טוט אַ פרעג מיט אַ תמעוואַטע פּנים:

---

* חוזק און שפּאָט.

** צו שטויב און בלאָטע.

— איז ווי מיינט איר, רב ידידיה: מיט וועמעס מפלה וועט זיך ענדיקן די מלחמה?

— ווי איך מיין, פרעגסטו? מיט המנס.

ער עפנט אויף פּאָר יענעמס אויגן די האַנטפלאַך:

— נאַ דיר. דאָ־אָ איז עס אָנגעשריבן. לייען איבער: "דאָס ר ש ע ו ת קריגט די אמתע מפלה במהרה בימינו, אָמן!"

— און אפשר פאָרט נישט אַזוי גיך, רב ידידיה? — טוט זיך יענער אַ דינג מיט אַ ווייכן טאָן.

— דו, זע איך, האָסט צייט. — הייבט שוין אָן אין ידידיהן אויפצור־זידן. — דו זשאַלעוועסט אים, דעם רשע־מרושע?

באַלד נעמט זיך זאַמלען אַרום זיי אַ רעדל דאַוונער, און אַ רעדל אַרום דעם רעדל. מע שמייכלט זיך איבער און מ'איז אין דערוואַרטונג: אָט באַלד וועט ווערן פריילעך. דאָ דער, דאָ יענער וואַרפט צו אַ וואָרט, ווי אַ שפּענדל צום פייער אויפן פּריפּעטשאָק. און סע דויערט נישט לאַנג: ס'איז ש ו י ן פריילעך. ידידיה איז שוין אַרויס פון די כלים און זידלט די „מלכות הרשעה" * צוזאַמען מיט אָט דעם שוטה, וואָס שטעלט זיך פאַר איר איין, כאָטש ער פאַרשטייט אין "תכסיסי מלחמה" ** ווייניקער פון אַ תרנגול ערב יום־הדין אינעם "בני־אָדם".

אין די אויגן פון די אַרומשטייענדיקע צינדן זיך פלעמלעך פון אומ־שולדיקער העצעריי בלויז צוליב שפּאַס און פאַרוויילונג. ס'מישן זיך שמייכעלעך מיט געלעכטערלעך. ביז דער איבערשפּאַרער טוט זיך אַ צי אַרויס פונעם רעדל מיט אַן אויסגעשאָסן געלעכטער, וואָס די שפּיל איז אים געראָטן... ערשט זאָל אַ צווייטער פאַרנעמען זיין אָרט. און ידידיה שרייט צו אים אַריבער דעם גאַנצן געזעמל, כאָטש ער זעט אים שוין נישט:

— דווקא דיר אויף צו פּיקעניש 'עט געווינען די מלחמה, און טאַקע גאָר אין גיכן, דער קליינער און דאַרער יאַפּאַנטשיק! מעגסט שוין באַ־צייטנס זאָגן אַ רבנן־קדיש נאָך דיין קאַצאַפּ מיט דער באָרד.

---

* דאָס מלכות פון רשעות.

** סטראַטעגיע.

אָט צו דעם יאַפּאָנטשיק, וועלכער ווינט אַוודאי ערגעץ נאָענט צום טייך סמבטיון, וואָס קיינער האָט נאָך זיין פּרצוף־פּנים פאַר די אויגן נישט געזען, און ידידיה מלמד שטעלט זיך איין פאַר אים שטאָל־און־אייזן, נעמט זיך יידעלע מרדכי שוחטס אויסצולאָזן זיין גאַרע ביטערניש, מיט וועלכער ער קומט פון שטוב. ער טשאַטעוועט אויף ידידיה מלמד, און ווי נאָר סע זאַמלט זיך אַרום אים אַ געזעמל, און דער שווער איז אין בית־מדרש נישטאָ, איז ער באַלד דאָ אינעווייניק, און די מלחמה צווישן דעם „רוס" מיטן „יאַפּאָנטשיק" טוט זיך אַ צעפּלאַקער צו דער גרויסער פרייד פון אַלע אַרום.

— לעבעדיק! לעבעדיקער! — גיט מען זיי צו פונעם עולם „כעך".

— דווקא! — שפּרינגט יידעלע אונטער צו ידידיהן מיט אַן אייזער־נעם באַוויַז, גאַרנישט אָפּצופרעגן. — דווקא וועט דער רוס האָבן דעם ניצחון! סע שטייט דאָך בפירוש: „כל המיצר לישראל נעשה ראש"...* נו, ווער טוט אָן ייִדן מער צרות? דער יאַפּאָנטשיק, צי דער רוס? „שמע־מינה"** 'עט נעבעך האָבן די מפּלה דער יאַפּאָנטשיק! דער רוס וועט ווערן דער „ראָש", און דער יאַפּאָנטשיק דער „זנב"***. כע־כע־כע...

— אָווא! אָווא! — לאַכט ידידיה שפּאָטיש דורך ברענענדיקן צאָרן. — סאַראַ גרויס חריפות דער קליינער תלמיד־חכם האָט דאָ באַוויזן. „נעשה ראָש"... אַוודאי ווערט ער אַ ראָש, דער רשע — אין אָנ־הייב. אויף אַ שטיקל צייט. אָבער לסוף ווערט ער, אַזוי ווי יידעלע דעם שוחטס, אַ „זנב"! המן „יוכיח"!**** מ'האָט אים אפשר נישט זייער שיין אויפגעהאַנגען, דעם צורר־היהודים אויף דער תליה מיט די בנים? אַזוי, יידעלע, וועט אויך אין דער איצטיקער מלחמה ווערן פון דיין „ראָש" אַ „זנב", ויזתא איינער!

דאָס געזעמל אַרום קייכט. אָבער יידעלע ברענט, ווי אַ קינדל, און גיט זיך נישט אונטער:

---

* ווער סע פאַרשאַפט ליידן דעם ייִדישן פאָלק, ווערט גרויס.

** איז דערפון געדרונגען.

*** דער עק.

**** באַווייזט עס.

— ס׳איז דאָך ווי אַ מלחמה צווישן אַ געזונטן קאָטער מיט אַ שוואַכינק מייזעלע... על־פּי דרך הטבע...

— דרך־הטבע, דרך־השמייווע... פילאָסאָפיע... — הרגעט אים ידידיה אַוועק מיט ביטול...

די מלחמה פּאַרציט זיך גאַנץ לאַנג. ס׳איז אַ מלחמה צווישן צוויי תלמידי־חכמים עקשנים, וואָס איינער שטויסט דעם אַנדערן מיט פּסוקים פון תנ״ך און מימרות פון דער גמרא, מיט פּשטלעך און פּלפּולים, מיט אָפּשניצלעך און בויך־סברות, און ס׳דאַכט זיך: דאָ מלחמהווען שונאים, וואָס איינער איז קאַפּאַבל דעם צווייטן צו פאַרברענען מיטן אָטעם פון זיין מויל. ייִדעלע איז איינגעהאַלטענער בלויז אין זידלען זיך... ער איז דען אַ מאַרק־ייִדענע, אַ סעדעכע?

די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה, דאָ אין בית־מדרש איצטער, דויערט אַזוי לאַנג, ביז די צוקוקער און צוהערער האָבן עס שוין איבערגענוג. צעגייט מען זיך ביסלעכווייז. פּלוצעם דערזעען זיך די קריגער שטיין זאַלבעצווייט אין אַ ליידיקן חלל. טוען זיי מיט שנאה־בליקן אַ קוק איינער אויפן אַנדערן און בלייבן שטיין ווי אָפּגעשמיסענע. די מלחמה־לוסט טוט ביי זיי מיט אַ מאָל אַ זינק אַראָפּ, און דער צאָרן אין זיי לעשט זיך אויס.

— מאָ. — דרייט זיך ידידיה מלמד אַוועק און לאָזט זיך צום אַרויסגאַנג, זיכער, אַז ער האָט אָפּגעהאַלטן דעם נצחון.

— מע. — טוט אויך אַ מאַך ייִדעלע דעם שוחטס און צעשמייכלט זיך אויך. ער איז זיכער, אַז ער האָט דעם שונא באַזיגט, ווי דער רוס וועט, אם ירצה השם, באַזיגן דעם יאַפּאַנטשיק. ס׳איז אים ערשט לייכטער אויפן געמיט, אַפילו דערמאָנענדיק זיך, אַז ער דאַרף גיין אַהיים צו קיילע חיהן. ער וואַרט איבער עטלעכע מינוט און לאָזט זיך אויך צום אַרויסגאַנג.

אַ מאָל טרעפט — עמעץ פונעם געזעמל אַרום זיי, צי צוליב רחמנות אויף זיי ביידע, צי צוליב שטאַרקער טרייבן שפּאַס, טוט אַ שטעק אַריין דעם קאָפּ אין מיטן רעדל אַרום זיי און אַ פרעג:

— רב ידידיה, איר לאָזט אַזוי לאַנג וואַרטן אויף זיך אייערע תלמידים? זיי וועלן זיך נאָך פונעם חדר צעלויפן.

— יאָ, — טוט ער זיך אַ כאַפּ, — מע מוז גיין... ער וועט שוין אַריינכאַפּן די מפּלה אָן מיר.

און אַרויס עטלעכע טריט פֿונעם געזעמל, בלייבט ער שטיין, דרייט אויס דעם קאָפּ צו ייִדעלען און לאָזט אויס מיט אַ צעלאַכט פּנים:

— זעסטו, ייִדעלע, איצט, אַז דו בלייבסט אויפֿן שלאַכטפֿעלד אַליין, קאָנסטו אָפּהאַלטן דעם ניצחון, ביז... ביז איכל צוריק קומען, אם ירצה השם, מאָרגן, איבערמאָרגן, און אפֿשר נאָך היינט צו מנחה־ומעריב.

דאָס געזעמל, פֿריילעך צעלאַכט, קוקט אים נאָך, ביז די טיר פֿאַר־מאַכט זיך הינטער אים.

—"וחמת המלך שככה" *. — טוט עמעץ אַ זאָג מיטן ניגון פֿון דער מגילה.

און ייִדעלע, נישט האָבנדיק שוין קעגן זיך דעם "יאַפּאָנטשיק", שטייט ווי אַן אָפּגעשמיסן ייִנגל, אַז ס'איז אַ רחמנות צו קוקן אויף אים, אויף דעם „רוס". דאָס געזעמל גייט זיך פֿאַנאַנדער.

איין מאָל געשעט נאָך עפּעס שענערס:

דורך דער ענגשאַפֿט פֿונעם געדיכטן רעדל אין אַ רעדל, וואָס רינגלען אַרום די צוויי אַנשי־מלחמה, ידידיה מלמד און ייִדעלע דעם שוחטס, שטופּט זיך דורך, ווי אַ קאָטערל, אַ חדר־ייִנגל מיט צעפּלאָשעטע רויטע פּאותלעך. ער טוט אַ נעם אָן ייִדעלען פֿאַר אַן עלנבויגן און אַ שטאַרקן צי צו זיך. ייִדעלע טוט אַ דריי אויס דעם קאָפּ זייער בייז, פֿאַר וואָס מע שטערט אים אין סאַמע מיטן ברען פֿון דער מלחמה. ער דערזעט דער־שטוינט זיין מאירלען.

— מאירל ?... וואָס אי' ?

מאירל שטעלט אָן אויף זיין פּנים קיילע חיהס געלגאָלדענע אויגן:

— דער זיידע האָט מיך געשיקט רופֿן דיך אַהיים. זאָלסט שוין קומען. די מאַמע האָט געוווּנען אַ...

— געוווּנען ? ! — רייסט אים דער טאַטע איבער אַ מבולבלער, ווי אַ מענטש פֿון שלאָף אַרויסגעריסן. — וואָס געוווּנען ? ווען געוווּנען ? זי האָט דען געשפּילט אויף אַ לאָטעריע־צעטל ? אָדער אויף אַ וויגרישנעם בילעט ?

---

* און דער גרימצאָרן פֿונעם מלך האָט זיך איינגעשטילט.

דאָס געזעמל האָרכט אָנגעשטרענגט. אויך מאירל איז שוין צעטומלט פונעם טאַטנס נישט פאַרשטיין און פון זיינע מאָדנע ווערטער „אַ לאָטעריע־צעטל", אַ „וויגרישנעם בילעט"...

העלפט זיי בײדן אַרויס, מאירלען מיט זיין טאַטן, דווקא ידידיה מלמד, מיט שפּאַט, רעדנדיק צום געזעמל:

— וואָס פאַרשטייט ער דאָ נישט, „דער רוס", דער פאַרשטאָפּטער קאָפּ? זיין פלוניתטע האָט געוווּנען, וואָס יעדע אשת־חיל געווינט נאָך ניין חדשים. מזל־טוב „דעם רוס"? דאָס ווייב האָט געוווּנען, אָבער ער וועט פאַרשפּילן...

— אַ־אַ־אַ?! — קוקט אים ייִדעלע אָן מיט אַ האַלב אָפן מויל און ברייט צעפּנטע אויגן, אומבאַהאָלפן, טאַקע ווי אַ פאַרשפּילטער, און ס'זעט אויס: ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן.

— ייִדעלע, — רופט זיך אָן צו אים מיט אַ געלעכטער הערשל ברכה יאָסל משהס, — האָסט נישט וואָס צו טראַכטן. די „בובע"* האָט דאָך שוין אַלץ אָפּגעטאָן. אַז דאָס ווייב נעמט אויס אַ קאָן, דאַרף דער מאַן לויפן הענדעם־פּענדעם אַהיים אָפּצונעמען דאָס גרויסע געווינס. דאָ, אויפן שלאַכטפעלד, האָסטו שוין נישט מער וואָס צו טאָן: רב ידידיה האָט דאָך דיר שוין אָפּגעגעבן דעם מזל־טוב. מזל־טוב דיר פון אונדז אַלע.

דאָס געזעמל שיסט אויס אַ געלעכטער מיט „מזל־טובן". ייִדעלע טוט זיך אַ ריס פון אָרט צו דער טיר. מאירל וויל זיך לאָזן לויפן נאָך אים. אָבער הערשל פאַרכאַפּט אים ביי דער האַנט:

— בשורה־ברענגער, מבשר־טוב, וואָס האָט דיין מאַמע געוווּנען: אַ רוס, צי אַ יאַפּאַנטשיק?

מאירל קוקט אויף אים מיט נישט־פאַרשטייענדיקע אויגן, רייסט זיך פון זיין האַנט און ענטפערט מבולבל:

— אַ יאַפּאַנטשיק.

— איר זעט, — לאַכט הערשל צעהיצט, אָפּלאָזנדיק מאירלען, — זיין ווייב האָט געוווּנען, אָבער ער, ייִדעלע, האָט פאַרשפּילט נעבעך: דאָס

---

* באָבע — הייבין.

ווייב האָט אים אַריינגעבראַכט דעם שונא, דעם יאַפּאָנטשיק, אין שטוב אַריין. דער אמתער מזל־טוב קומט גאָר אייך, רב ידידיה.

דאָס געזעמל שיסט ווידער אויס מיט אַ בשותפותדיק געלעכטער און צעשיט זיך פריילעך.

ידידיה מלמד בלייבט שטיין איינער אַליין — אַ צעשיינטער און צע־קוועלטער זיגער. ווי סע וואָלט שוין זיין אַ סוף צו דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה מיט ז י י ן יאַפּאָנישן נצחון. ער פרייט זיך אין זיך אַריין: "שישו, בני מעי, שישו!" *. ער לאַכט אין זיך אַריין, איבערחזרנדיק אין געדאַנק הערשלס חכמה: "דאָס ווייב האָט אים אַריינגעבראַכט דעם שונא, דעם יאַפּאָנטשיק, אין שטוב אַריין"...

✶

די מלחמה איז שוין געענדיקט מיט דער גאָרער מפּלה פון רוסלאַנד. ס'איז ייִדעלען שטאַרק ווייטיקלעך ז י י ן פאַרשפּילטע מלחמה מיט ידידיה מלמד. ידידיה רייצט זיך מיט אים ביי יעדער הזדמנות און שפּעט פון אים אָפּ. נאָר נאָך ווייטיקלעכער איז אים, וואָס ער האָט שוין מער נישט צו וועמען אויסצולאָזן זיין ביטערניש, די "מים המאָררים" **, מיט וועלכער סע טרינקען אים אָן טאָגטעגלעך די פּלוניתטע מיטן שווער.

פאַר איר בעט שאָקלט זיך היינט פאַר אים אַ נייע גרענעץ — דאָס ענגוויגעלע פון זייער צווייט ייִנגעלע, וועלוועלע — אַ נאָמען נאָכן שווערס פאָטער, עליו־השלום... ער האָט עס נישט באַזונדערס ליב דאָס... "יאַפּאָנטשיקל", וואָס ער מוז עס אַזוי אָפּט, אויף קיילע חיהס באַפעל, „באָמ־בלען" מיטן וויגעלע. נסים, די גוטע שוויגער און פריידעלע לייזן אים אויס פון צייט צו צייט פון דער דאָזיקער עבודת־פּרך אין דעם גלות מצריים...

---

* פריי זיך, מיין אינגעווייד, פריי זיך.

** דאָס וואַסער וואָס מאַכט פאַרשאָלטן.

# לפּ

ייִדעלע דעם שוחטס האָט היינט יאָרצייט נאָך זיין טאַטן. איז שפּלדיק זיין געמיט, און שפּלדיק זענען זיינע רעיונות. טראַכט ער:

...סע שלעפּן זיך טעג, וואָכן און חדשים אין ערגערנישן און ביטער־נישן. זיי געווינען ביסלעכווייז צו דעם מענטשן צו אַלץ. זיין געמיט פּאַסט זיך צו צום שווערסטן יאָך. ער ווערט לייכטער, דער יאָך, און דערטרעג־לעכער. דער מענטש מאַכט שלום מיט די צרות, און די צרות, ווי זיי וואָלטן מאַכן שלום מיט אים. דאָס איז עס דאָס לעבן, איבער וועלכן דער מענטש ציטערט אַזוי, טאָמער ווערט ער עס אָן. אויסטערליש! מיט אַ מאָל דערזעסטו: די צייט, וואָס האָט זיך אַזוי פּאַמעלעך געשלעפּט, ווי אַ מיד פויעריש פערדל אויף אַ זאַמדיקן וועג, איז גאָר ווי אַ פויגל אַוועקגע־פלויגן... אָט איז שוין מאירל אַ ייִנגל פון אַ יאָר עלף, אָן עין־הרע. מאַ... פון אים האָב איך גאָר קיין נחת נישט. זיין רויט קעפּל האָט מיר אָבער גלייך געלאָזט צו הערן, אַז נישט אין זיין זיידן פון טאַטנס צד וועט ער געראָטן זיין, נייערט אין זיידן פון דער מאַמעס צד. יאָ, ער האָט אַ גאַנץ פלאַטשיק קעפּל, מאירל — נישט קיין גרינגע תפיסה און נישט קיין פעסטן זכרון; נישט דאָס ערשטע פון דער מאַמען, און נישט דאָס צווייטע פונעם טאַטן. צו קיין גדולות וועט ער נישט דערלאַנגען. העכסטנס — צו ווערן אַ שוחט, וואָס איז מיר, דעם טאַטן זיינעם, אַזוי "למורת־רוח" *. איידער צו גיין אין חדר, איז ער גערנער צו שטיין אין שטאַל און זיך צוקוקן ווי דער זיידע מיטן בייזן פּנים און גזלנישע אויגן פליקט די פּע־דערלעך פון די העלדזלעך פון די עופות און טוט אַ פידל מיטן חלפל: כיק!... נו, און אַז איך האָב עס אים איין מאָל געפּרוּווט פּאַרווערן:

— גענוג, מאירל, צו קוקן אויף צער־בעלי־חיים... גיי שוין אין חדר. —

האָט זיך פאַר אים גלייך איינגעשטעלט דער זיידע צווישן דעם שעכטן איין עוף און אַ צווייטן:

---

* ווידערווילִיק.

— נישקשה, נישקשה, זאָל ער שטיין נאָך אַ ביסל. וואָס איז? ער קוקט, חלילה, ווי דער קאַלבאַסניק קיילט אַ חזיר? ער האָט אַ ייִדישע הנאה, מאירל, צוצוקוקן ווי דער זיידע איז מקיים אַ מצווה און גרייט צו כשר פליש פאַר ייִדנס וועגן. שטיי, שטיי, מאירל. איכל דיר דערפאַר שבת צו די זמירות אויסלערנען אַ נייעם ניגון, וואָס כ'האָב געבראַכט פון טריסק...

...איז וואָס האָב איך געקאָנט מער טאָן, — טראַכט ייִדעלע ווייטער, — ווי אָפּזיפּצן שטיל, דער שוער זאָל נישט דערהערן, און די שוחטישע יוכע אין אים זאָל נישט אויפקאָכן?

— אוווּף! — זיפּצט ער אויך איצטער אָפּ, און פאַר די אויגן טוט אים אַ שווינדל דער מאַמר־חז״ל: ״אַנחה שוברת חצי גופו של אדם״ *, וועלכן דער ״משמרת שלום״ האָט אים אַנומלט איבערגעחזרט.

...יאָ, וואָס עלטער ער ווערט, מאירל, אַלץ שטאַרקער קלעפּט ער צום זיידן. דער שוער גזלט צו ביי מיר דעם ״ראשית־אוני״ ** מיינעם. ער האָט אים ביי מיר צוגעגזלט נאָך ווען ער איז געלעגן, מאירל, אין זיין מאַמעס טראַכט... און פריידעלע, מיין מאַמע פריידע, איז שוין אַלט אַכט יאָר. פון איר האָב איך אַ ביסל נחת. איר ציט עס מער צו מיר און צו דער באָבע גיטל לאה, איידער צו דער מאַמען און דעם זיידן. הממם... אָבער זי איז דאָך נישט מער ווי אַ נקבה. וואָס פאַר אַ גרויסער נחת קאָן מען אין איר דערלעבן, אַז זי וועט אויסוואַקסן?... און וועלוועלע איז שוין אַלט דריי יאָר. כאָטש קיין רויטהאָריקער איז ער נישט, אָבער שוין זיין נאָמען אַליין נאָכן שווערס טאַטן איז פאַר מיר גענוג... פון אַ וועלוועלע זאָל נאָר נישט אויסוואַקסן קיין גרויסער וואָלף, וואָס פאַרציקט... און נאָך אים גייט טאַקע אַ שעפּסעלע — רחלע — אַ נאָמען נאָך דער שוויגערס מאַמע, עליה השלום. הממ... און אפשר גאָר, בסוד, נאָך איינער אַ רחל, וואָס לעבט נאָך ביי מיר אין האַרצן, מיין בשורה־ברענגערין... רחלע זאָל מיר נאָר אין איר באָבע גיטל לאה געראָטן זיין. זי האָט דער באָבעס גרויסע, ברוינע און שטילע אויגן. גייט שוין, ברוך השם, פלאַפּלט שוין: טאַטע, מאַמע, באָבע, זיידע... נאָר וואָס איז אַרום און אַרום דער תכלית? ווי לאַנג 'על איך זיין

* אַ זיפץ צעברעכט דעם מענטשן אַ העלפט פון זיין גוף.

** מיין ערשטע מאַנצבל־קראַפט.

אַ „סמוך על שולחן חותנו״ * און לעבן אין קיילע חיהס זכות? זי זאָל הערשעווען איבער מיר, ווי דער סטראַזשניק אין מאַרק אין אַ מאַרקטאָג איבער אַ ליאַדע פויער?... אַז איך נייטיק זיך אַ מאָל אין עטלעכע קאָפּעקעס — אַ נדבה צו געבן אין בית־מדרש, צי דעם אַלטן יעקב יצחק שמש אויף אַ טרונק בראָנפן, מוז איך דאָך דאָס פּנים זיך שוואַרצן און בעטן ביי דער שוויגער. אמת, זי טראָגט זיי מיר תמיד צו בסבר־פּנים־יפות; אַ מאָל — נאָך איידער איך בעט ביי איר, נאָר אַז דער שוחט און דעם שוחטס טאָכטער זאָלן עס נישט זען. זי איז אַ ״משכלת אל דל״ **. זי האָט דאָך מיר אַפילו געגעבן געלט צו קויפן אויפן יאַריד דעם בלאַנש פּאַר פריידעלען...

...שוין פיר יאָר זינט איך האָב באַקומען דאָס סמיכות אויף רבנות, און — גאָרנישט. ווי ס׳וואָלט זיין נישט מער ווי אַ שמה. דאָס אויך נישט, נייערט ווי אַ פּראָסטער פאַרשריבענער בויגן פּאַפּיר... די פּאַפּירענע בריק וואַרט, נאָר משיח קומט נישט. דאָס אייזעלע, וואָס דאַרף אים ברענגען צו פירן, איז איינגעעקשנט, ווייל אַלץ נישט קלוגער ווערן. זיץ איך און וואַרט, ווי אַ „שומרת יבם״... *** אוי, און דער שוווער איז ש ו ו ע ר. ווערט נישט אויף אַ לויט גרינגער. פאַרקערט — אַלץ שווערער. און ז י איז שוין אָן ״אשת מכאובות״ און אַ ״ידועה־חולי״ ****. שוין אַ געפלאַצטע כלי, אָדער... שוין גאָר קיין כלי נישט. אַ כלי וואָס איז אַרויס מכלל תשמיש. אָבער — שטראָף מיר נישט, איבערשטער, פאַר דער מחשבה — די ״קיילע״ איז שוין טאַקע נישטאָ, אָבער די חיה איז פאַרבליבן״ — —

נאָך יידעלעס שפּעטן אָפּדאַווענען שחרית, שלייכט צו צו אים, דעם בעל־היאָרצייט, יעקב יצחק שמש און בעט ביי אים אויף אַ גלעזעלע ספּיריטעס ״פאַרן נפטרס עלית־נשמה וועגן״. גיט ער אים אַ גאַנצע זילבערנע גריוונינע.

---

* אויף קעסט ביים שווער.

** פאַרשטייט, פילט מיט דעם אָרעמאַן.

*** אַ פרוי וואָס וואַרט אויף חליצה.

**** אַ פרוי מיט ווייטיקן און קרענקלעכע.

— יאָ, — ברומט יעקב יצחק, באַצייטנס שוין נישט ניכטער, שאָק־לענדיק צופרידן מיטן קאָפּ און רייבנדיק דאָס צענערל צווישן די שפּיץ פינגער, — דיין טאַטע מאיר, עליו השלום, האָט זיך עס פאַרדינט ביי דיר, דו זאָלסט טאָן די מצווה פון זיינעטוועגן... ווי שטייט עס דאָרט, ייִדעלע, אין דער גמרא בבא קמא ?... "לקראת צמא" היי... היי... הייס...

— „לקראת צמא התיו מים", — העלפט אים אַרויס דער בעל־היאַר־צייט און פאַרטייטשט אים: אַנטקעגן דעם דאָרשטיקן ברענגט וואַסער... נאָר דאָס שטייט נישט אין דער גמרא, נייערט אין פסוק.

— אין דער גמרא, צי אין פסוק — אַלץ איינס הייסט עס! — פסקנט יעקב יצחק, — אַ קלוגער מענטש געווען דיין טאַטע און אַן ערלעכער ייִד... און איצט קאָן איך שוין גיין הייסט עס... פאַר זיין עלית־נשמה און פאַר דיר — לחיים...

גענומען דעם טלית־זאַק אונטערן אָרעם, לאָזט זיך ייִדעלע גיין אַהיים איבערצובייסן. אָבער, פאַרזונקען אין מחשבות וועגן דעם וואָס דער שיכּור האָט אים געזאָגט אויף זיין טאַטן, דערזעט ער זיך גאָר גיין צום לודמירער וועג. דערמאָנט עס אים דעם מאַמר־חז"ל, פאַרטייטשט אויף ייִדיש: "די פיס פונעם מענטשן טראָגן פאַר אים אַחריות, דאָרט ווו ער איז נייטיק, אַהין פירן זיי אים"... לאָזט ער זיך ווייטער פירן, און זיי פאַרפירן אים אַזש צום הייליקן אָרט.

מע זעט דאָ נישט איצטער קיין לעבעדיק נפש. אויסער וואָס אַ וואָראָנע פליט פאַרביי איבערן קאָפּ מיט אַ קראַקען און פאַרשווינדט. ער דערגענ־טערט זיך צום טויער און גייט אַריין... דער ייִדישער בית־עלמין איז נישט ווי, להבדיל, די פּראַוואָסלאַוונע "מאָהילקעס" און נישט ווי דער קאַטוילישער "צמענטאַזש": יענע זענען געדיכט באַזעצט מיטביימער, און דאָ און דאָרט — מיט בלומען, און דער, להבדיל, האָט בלויז איין ווילדן באַרנבוים אין אַ ווינקל פלויט. בלויז דאָס גראָז דאָ איז הויך אויפגעפּוישט ווי אַ גרינע פינע; פאַר די ייִדישע מתים האָט דער פריץ צוגעטיילט אַ נידעריקן, פייכטן באָדן... אַ גרויגרינע זשאַבע טוט אַ שפּרונג אַרויס פון גראָז פאַר זיינע טריט. ער טוט זיך דערשראָקן אַ וואָרף אויף צוריק... און זי איז שוין צוריק אינעם גראָז פאַרהוילן. די מצבות, אין דער פולער שיין פון דער זון, אויסגעשטעלט אין ענגע שורות,

גרויען אין די אויגן. אין זיין געמיט נעמט געדיכטער גרויען זיין עצבות. ער דערזעט אין געדעכעניש דעם טאַטנס לוויה. טרעט ער באַהיטעוודיק אויף די שמאָלע פּאַסיקלעך גראָז צווישן די ציונס און מצבות, און זיינע אויגן זוכן דעם טאַטנס מצבה... וויפל קברים ס׳האָבן זיך דאָ געמערט פון דעמאָלט אָן... די מענטשן אין שטעטל זענען שיטערלעך, און דאָ — געדיכט... אָט איז זי די מצבה. די פאַרב פון אירע אותיות האָט אָפּגעבליאַקעוועט... אַרום איז אַזוי שטיל־שטיל. אַ שטילקייט וואָס מע קאָן זי, דאַכט זיך, אָנטאַפּן... שיקט זיך עס אַזוי צו זאָגן? יאָ, סע שיקט זיך. שטייט דאָך: "קול דממה דקה" — אַ קול פון אַ דינער שטילקייט, — הייסט, אַז די שטילקייט האָט אַ קול, אַ גראָבס און אַ דינס, שיקט זיך אויך צו זאָגן, "וימש דממה"... *

ער לייגט אַנידער דעם טלית־זאַק אויפן טאַטנס ציון... מען קאָן די שטילקייט אָנטאַפּן, ווי דעם ציון, ווי די מצבה. נאָר זי, די שטילקייט, איז ווייך, און זיי — האַרט. ער באַטאַפּט די מצבה מיט די פינגערשפּיצן — האַרט און שאַרסטקע... אַ?... און פאַרט איז זי ווייך... דעם טאַטנס מצבה... דאָ ליגט דעם טאַטנס געביין...

ער שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויפן רונדן קאָפּ פון דער מצבה. זי שווייגט, די פאַרשטיינערטע שטילקייט. אויך אין זיינע געהירן איז אַ שטילשווייגן פון מחשבות. אויך דאָס דאָזיקע שטילשווייגן האָט אַ ממשות, אָנצוטאַפּן. מטושטשע מחשבות, אָבער זיי מחשבהן אַראָפּ פאַרן טאַטן דאָס גאַרע ביטערניש פונעם האַרצן. און אָט — איין מחשבה טיילט זיך אַרויס בולט און רעדעוודיק פונעם גאַרן שטילשווייגנדיקן טראַכטעניש: טאַטע, איך האָב אויפגעשטעלט דיין נאָמען. אָבער — נישט מער. מאירל איז נישט אין דיר געראָטן. ער האָט אַ רויטן פלאַם אויפן קאָפּ. ווי דיין שנורס צאָפּ מיידלוויז. געדענקסט דאָך...

ער טוט זיך אַ כאַפּ, פאַרשעמט, פאַר דער מצבה: „סאַראַ שטותים איך טראַכט!" און נעמט שעפּטשען אַ קאַפּיטל תהילים לויטן זכרון, בעת די שורות ציִען זיך, ווי דינע שנירעלעך, פאַר זיינע צוגעמאַכטע אויגן. אַזוי — אַ קאַפּיטל נאָך אַ קאַפּיטל.

אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון דער מצבה, נעמט ער דעם טלית־זאַק פון דעם ציון, זוכט אויף אין דער נאָענט דער מאַמעס מצבה און גייט צו צו

* מע קאָן אָנטאַפּן די שטילקייט.

איר. ווידער לייגט ער אַנידער דעם טלית־זאַק אויפֿן ציון און שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף דעם ראַנד פֿון דער מצבֿה. אין די געהירן רייכערט זיך ווידער אָן אַ מטושטש טראַכטעניש, וואָס דערגייט נישט צום באַוווסטזיין. ״דאָ ליגט דער מאַמעס געביין״ — שלאָגט זיך אַרויס קלאָרער אַ געדאַנק. ס׳פֿאַרקלעמט אים דאָס האַרץ. אַ טרער וואַרעמט זיין וויִע. לייכט אויף אַ צווייטער קלאָרער געדאַנק: מאַמע פֿריידע. פֿריידעלע איז אין דיר געראָטן. דו... זי איז מיר אַ טרייסט. כאָטש זי איז נישט מער ווי אַ נקבֿהלע. און אפשר וועט אויך רחלע אין דיר געראָטן זיין... רחלע...

ער שעפּטשעט ווידער קאַפּיטלעך תהלים לויטן זכרון. ס׳ווערט אים גרינג דאָס האַרץ. ווי נישט אַ טרער האָט אים פֿון אַ ברעם אַראָפּגעטריפּט, נאָר אַ שטיין פֿון האַרצן זיך אַראָפּגעקייקלט.

ער גלייכט זיך אויס, נעמט דעם טלית־זאַק אונטערן אָרעם, טוט אַ קוק אויפֿן לויטערן, העל־בלויען הימל, אויסמיידנדיק די זון, און לאָזט זיך באַהיטעוודיק צום אַרויסגאַנג. ער דערהערט פֿון צווישן די מצבֿות אַ שטיל וויבעריש געוויין. בלייבט ער שטיין און דרייט אויס אַהין דעם קאָפּ... צוויי מענטשן דאָרט. איינער, אַ מאַנצפּאַרשוין, שטייט. אַ צווייטע, אַן אשה, הויערט. זייערע פּנימער זעט ער נישט. און פֿאָרט... אַ ?... יאָ, ס׳איז יאַנטל גרשון שניטקרעמערס... אויף וועמעס קבֿר איז ער דאָס געקומען? זיין טאַטע־מאַמע לעבן דאָך? און ווער איז די אשה? יִחוד אויף אַ בית־עולם? זאָל עס זיין די מאַמע זיינע? ניין, די זעט אויס לויטן גוף נאָך יונג. איז עס אַוודאי זיין שוועסטער. זי חברט זיך מיט קיילע חיהן, זינט איר שוועגערין, לוי סופֿרס טאָכטער, איז מיט פֿיר יאָר צוריק געשטאָרבן... אָ! דאָס זענען זיי אַוודאי טאַקע אויף איר קבֿר. אָבער... זי איז דאָך גע־שטאָרבן אָנהייב ווינטער, וואָס זשע זענען זיי פּלוצעם געקומען היינט אויף איר קבֿר?... פֿאַר וואָס האָט ער נישט חתונה אַ צווייט מאָל, יאַנטל? אַן אַלמן מיט צוויי קינדער? אָט אַפֿנים, ער קאָן די ערשטע נישט פֿאַר־געסן. אַ צדיקת געווען, זאָגט מען, ווי איר טאַטע עליו השלום... אויף אַזאַ וויב איז מקנא צו זיין אַפֿילו ווען זי ליגט שוין אין קבֿר...

— שטותים טראַכט איך! — טוט ער זיך ווידער אַ זידל און לאָזט זיך גיין מיט שנעלערע טריט — דאָס פֿאַרלייכטערטע האַרץ מאָנט שוין דעם איבערבייס.

אויפן שאָסיי, אין שטעטל שוין, פאַרהאַלט אים אומגעריכט זעליק שדכן:

— אַזוי שפּעט פון דאַווענען, רב ייִדל?

— איר ווייסט דאָך, איך האָב היינט יאָרצייט נאָכן טאַטן, עליו השלום, האָב איך זיך פאַרשפּעטיקט. — ענטפערט ער אים און טוט אַ פרעג, געחנ־פעט פון זעליקס דרך־ארצדיקן „רב ייִדל", — און וואָס הערט זיך עפּעס ביי אייך, רב זעליק?

— געלויבט דער אייבערשטער. מען עלטערט זיך און מע ווייסט זיך אויס אין דרויסן, ווי איר זעט. — טוט ער אַ וויש מיט די פינגער איבער זיין גרוי־ווערנדיק שיטער בערדל. — פון דעסטוועגן האָב איך היינטיקע וואָך געכאַפּט אַ לייטישן העכט... איר ווייסט דאָך, איך בין אַ ייִד אַן עם־הארץ, פון דעסטוועגן פיר איך אויס, מיט גאָטס הילף, אַ גאָר געהויבענעם שידוך. און איר, רב ייִדל, וועט, אם ירצה השם, זיין אַ שטיק מחותן אויף דער חתונה.

— איך? — חידושט זיך ייִדעלע — למשל?

ענטפערט אים זעליק אַרומגייענדיק:

— איר האָט דאָך אייער סמיכות אויף רב ביי ייִדן מקבל געווען פון מאַציעווער רב, דעם „שמערשאָלעם"? אַיאָ?

— איז מה ענין שמיטה אצל הר סיני?" * — צעשמייכלט זיך ייִדעלע מיט גלאַנץ אין די פאַרחידושטע אויגן, — וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס צו אייער גאָר געהויבענעם שידוך?

— סע האָט שוין. — קומט אַרויף אַן אָפּשיין פון זיין שמייכל אויף זעליקס פּנים, כאָטש זיינע אויגן בלייבן שטאַר. — ס'איז אַ שידוך מיטן מאַציעווער רבס טאָכטער.

אַ געדיכטער אומעט טוט זיך אַ רוק אָן, ווי אַ שאָטן, אויף ייִדעלעס צע־שמייכלט פּנים און געמיט, און איבערראַשונג קוקט אים אַרויס פון די אויגן. נאָר ער שטאַרקט זיך, עס צו פאַרהוילן מיט אַ שפּאַסיקער פראַגע:

— ווי האָט איר עס, רב זעליק, אָנגעשפּאַרט אַזש קיין מאַציעוו? איר

---

* וואָס פאַר אַ שייכות האָט איין ענין צום צווייטן?

חייבט שוין גאָר אָן צו כאַפּן העכט אין אַ שטעטל, ווו ס'איז, דאַכט זיך מיר, גאָר קיין טייך נישטאָ? אויף דער יבשה?

— די מעשה דערפון איז אַזוי. — בלייבט זעליק ערנסט און נעמט אויסברייען. — אונדזער רב, רב ירמיה, האָט זיך צונויפגעטראָפן אין קאָוולע מיטן מאַציעווער רב אויף אַ בוררות. האָט זיך ביי אַ גלעזל אַקעוויט מיט צובייסעכץ דער מאַציעווער רב פאַר אים מתנצל געווען באַאַנשער זיין טאָכטער, שוין עטלעכע יאָר אַן אַלמנה, מיט איר יתומהלע, אַ מיידעלע פון אַ יאָר זעקס, זיצן אויף זיין קאָפּ. ווי זי וואָלט זיין אַן עגונה, חלילה. ער, דער רב, הייסט עס, האָט נישט קיין צווייטן נדן איר צו געבן. און זי, זיין בת־יחידה, איז אַ גרויסע אויסקלייבערקע. כאָטש ברענגט איר אַראָפּ יוסף הצדיק פון מצרים פאַר אַ מאַן... נו, איך דאַוון דאָך מיטן רבס מנין, בין ביי אים ווי אַ חסיד ביי אַ רבין, איז אים איינגעפאַלן, דעם רב, מיר עס צו דערציילן און: "זעליק, אפשר וואָלסטו ביי אונדז אין לוהיסק אויפגעזוכט עפּעס אַזעלכעס?". האָב איך זיך עטלעכע טעג באַראָטן מיט זיך אַליין און מיט מיין איידעם... אַנגעשטעלט סיטקעס דאָ און דאָרט... אַ? דאַכט זיך, איך האָב געפּאַקט אַ העכט! בין איך אַוועק צום יונגערמאַנס טאַטן און אים פאָרגעלייגט די זאַך. יענער האָט זיך גלייך אָנגעכאַפּט, ווי אַ פלאָטיטשקע אויפן האָטשיק, און מיר געזאָגט: אַזוי און אַזוי... בין איך אַוועק צו אונדזער רב און אים אַרויפגעלייגט דעם העכט אויפן טיש... נישט מער, זאָג איך, דער חתן איז דאָך אַ קנאַפּער בן־תורה... האָט מיר דער רב דערויף געענטפערט...

ער בלייבט שטיין און פאַרהייבט די אויגן צום הימל, ווי דעם רבס ענטפער וואָלט אים פון קאָפּ אַהין אַרויסגעפלויגן, און איז באַלד ממשיך:

— איר ווייסט דאָך, איך בין אַ ייִד אַן עם־הארץ, קאָן איך נישט נאָכזאָגן זיינע ווערטער „טאָטש איוו טאָטש".* נאָר געהייסן האָט עס, אַז אַן עושר דאַרף מען אָפּגעבן כבוד...

— „רבי עקיבא מכבד עשירים",** — קומט אים ייִדעלע צו הילף.

— אמת, אמת! — דערפרייט זיך זעליק ווי מיט אַ מציאה. — "טאָטש

* פינקטלעך.

** רב עקיבא טיילט צו כבוד רייכע לייט.

איוו טאַטש", די אָ ווערטער האָט ער מיר געזאָגט און פאַרטייטשט. און ער האָט גלייך געגומען, רב ירמיה, און אָנגעשריבן צום מאַציעווער רב אַ בריוו מיט אַלע פּרטים, ווי איך האָב אים געזאָגט. און דער מאַציעווער רב, דער "שמערשאָלעם", האָט, פאַרשטייט זיך, גלייך צוריק געענטפערט. זענען מיר, אונדזער רב און איך, הייסט עס, די שדכנים. אַזאַ כבוד האָב איך נאָך קיין מאָל נישט געהאַט. בקיצור — דער שידוך איז, ברוך השם, צו שטאַנד געקומען. וואָרן פאַר וואָס נישט? אַז חוץ דער שניטקראָם, וואָס דער מחותן איז זיך מתחייב צו עפענען פאַרן זון אין מאַציעוו, איז ער אויך מסכים, אַז דעם זונס צוויי קינדער פונעם ערשטן ווייב זאָלן פאַרבלייבן אויף שטענדיק ביי זיידע־באָבע, איז דאָך דער יונגערמאַן גלייך ווי ער וואָלט נאָך זיין אַ בחור.

— יאָנטל, גרשון שניטקרעמערס!? — טוט זיך יִדעלע אַ כאַפּ, ווי אַן אָפּגעבריטער, אַ טראָג אַריבער דעם טלית־זאַק פון איין אונטערן־אָרעם צום צווייטן, דערפילנדיק אַ קלעמעניש אין האַרצן. — וואָס? דער „משמרת שלום" וועט ד ע ם עם־הארץ מאַכן פאַר זיין יורש־עצר איבער הונדערט און צוואַנציק?

און, נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, טוט ער זיך שנעל אַ לאָז אַוועק, פאַרגעסנדיק אַפילו אַ גוטן טאָג צו זאָגן.

זעליק שדכן קוקט אים נאָך מיט אַ פאַרוווּנדערט פּנים און שטאַרע אויגן און טראַכט:

...ווי אַן אָפּגעקאָכטער ראַק איז ער געוואָרן אויפן פּנים... אַוודאי וואָלט עס דעם מאַציעווער רב בעסער און שענער אָנגעשטאַנען צו באַקומען פאַר אַן איידעם טאָקע אים, רב יִדלען. אָבער אויף צוויי ווייבער האָט דאָך דער רבנו גרשון אַ חרם אויסגערופן...

*

אין שטוב, שוין אַן אָפּגעקילטער און בלאַסער, באַגעגנט יִדעלען די שוויגער מיט דער זעלבער פראַגע, וואָס פריִער זעליק אין גאַס:

— אַזוי שפּעט פונעם דאַווענען, יִדעלע? גיי וואַש זיך צום איבער־בייס. ער וואַרט שוין אויף דיר לאַנג און קאָן זיך נישט דערוואַרטן. דיר חלשט שוין אַוודאי דאָס האַרץ. ביסט אַזוי בלאַס אויפן פּנים.

— ניין, שוויגער, — לייגט ער אַוועק דעם טלית־זאַק. — מיר גלוסט

זיך דווקא נישט עסן. עפּעס בין איך נישט מיט אַלעמען. כ׳על אַריינגיין אין אַלקער פון די קינדער זיך צושפּאַרן אַ ביסל. און וועקט מיך נישט, איך בעט אייך, אַפילו צום אָנבייסן.

די שוויגער קוקט אים אָן מיט גוטע, באַזאָרגטע, פאָרשערישע אויגן. ווען ער שטייט שוין אויף דער שוועל פון אַלקער, טוט ער זיך פּלוצעם אַ פרעג:

— און רחל וואָס מאַכט ?...

— רחלע ?... מיין מאַמע רחל ? אַ געזונט אין איר קעפּעלע. האַלט אין איין מאָנען: ״טאַטע... טאַטע...״ ווי ס׳הערצעלע וואָלט איר געזאָגט, אַז דער טאַטע איז עפּעס נישט מיט אַלעמען... איך גיי, איך גיי צו דיר, רחלע.

## מ

ביים שוחט אין שטוב איז איצטער, פאַר מיטאָגצייט, שטיל און שאַ. ווי שבת ביי טאָג נאָך דער סעודה. כאָטש ס׳איז היינט גאָר דינסטיק. דער שוחט, וואָס איז אויך דער איינציקער מוהל אין שטעטל, איז אויף אַ ברית און וועט פאַרן אָנבייסן נישט קומען. די שוחטקע זיצט אין קיך אויף דער פליישבאַנק לעם אַ מולטער פעדערן און שלייסט זיי אין אַ גרויסער זיפּ אַריין אויף דער פּאָדלאָגע. פון צייט צו צייט כאַפּט זי אַ קוק צו די שטערצלעך איבער די טעפּלעך אויפן פריפּעטשאָק, אין וועלכע סע קאָכט זיך דער אָנבייסן. דאָס האָלץ האָט זיך שוין איבערגעברענט, און איבער די גליִענדיקע קוילן נעמט זיך איבערציִען דינער גרויליכער אַש. די טאָכטער איז אַוועקגעגאַנגען צו איר חברטע, בליומקע גרשון שניטקרעמערס, ווי אָפּטער לעצטנס, זינט זי האָט אָנטוויינט רחלען פון דער ברוסט. ״גיי, גיי, — האָט איר די מאַמע אונטערגעטריבן. — איכל זיך שוין דאָ אַליין מיט אַלץ אַן עצה געבן. פריידעלע וועט פאַרוויגן דאָס קינד. אַז סע וועט דאַרפן דאָס פלעשל מיט דער סיסקע, וועל איך עס שוין אָנקאָרמענען״. דער איידעם לערנט אין בית־מדרש. די אייניקלעך, מאירל און וועלווועלע, זענען יעדער אין זיין חדר. און פריידעלע זיצט אין טאַטע־מאַמעס אַלקער, פאַרוויגט רחלען און ניגונט שטיל אונטער: ״אונטער רחלעס וויגעלע שטייט

אַ קלאָרווייס ציגעלע... טאַטע־מאַמע וועלן זוכה זיין רחלען צו דער חופּה פירן...".

אין דער שטובשטילקייט דרינגט אַריין דער יאַרידרויש פונעם מאַרקפּלאַץ, כאָטש נישט נאָר די דרויסנטיר איז פאַרמאַכט אויפן קייטל, נאָר אַלע פענצטער אויך. סע זאָל, חלילה, קיין ציגיינער אַהער נישט אָנטראָגן. ציגיינער כאַפּן זיך אַריין אין הייזער גנבענען. נאָך ערגער — מע זאָגט, זיי כאַפּן אויף ייִדישע קינדער, "מאַכן זיי ווייך" די ביינער און מאַכן פאַר קאָמעדיאַנטן. אָפּן איז נאָר דאָס קיכפּענצטער, וואָס גייט אַרויס אין אַרומגעצוימטן גאָרטן אַריין. דער יאַריד איז היינט אַ קליינער, ווייל די שטעטלשע מעשטשאַנעס און די פּויערים פון די דערפער זענען פאַרפאָרעט מיטן אַראָפּנעמען די תבואה פון די פעלדער. סיי די באָבע אין קיך, סיי דאָס אייניקל אין אַלקער הערן זיך איין צום יאַרידישן, גויִישן גערויש מיט אומרו. ווען פונעם גערויש אַרויס שניידט זיך אַריין אַהער אַ הייס, ווילד הירזשען פון אַן אָגער, אָדער אַ זעגנדיקער, קוויטשענדיקער גרילץ פון אַ חזיר, טוען זיי ביידע, די באָבע אין קיך, און דאָס אייניקל אין אַלקער, אַ דריבנע ציטערל.

אַך, ווען דאָס קינד וואָלט שוין פעסט איינגעשלאָפן, וואָלט זי, פריי־דעלע, זיך אַריינגעשאַרט צו דער באָבען. מיט דער באָבען דאָרט וואָלט היימלעכער זיין איידער דאָ מיטן שלאָפנדיקן קינד. זי וואָלט געהאָלפן דער באָבען שלייסן די פעדערן. און אפשר וואָלט די באָבע דערציילט עפּעס אַ מעשה. אָבער רחלע דרימלט דערווייל אומרויִק. אפשר וועקט און שרעקט אויך איר דער רויש פונעם יאַריד און לאָזט איר נישט פעסט שלאָפן. ווי נאָר פריידעלע הערט אויף זי צו וויגן און אונטערברומען דאָס לידעלע, טוט זי זיך אַ וואָראָשע, רחלע. טוט זיך אַ צאַפּל פריידעלעס הערצל: אָט־אָט וועט דאָס קינד אַרויס מיט אַ יאָמער. זיצט זי, פריידעלע, און מאַטערט זיך, און מאַטערט זיך ביי דער גרינגער מלאָכה מיט אַ טונקל געפיל פון פאַריבל אויפן שוועסטערל, פאַר וואָס סע שלאָפט נישט איין.

ענדלעך זאָגן אויס רחלעס פון שלאָף פאַרגליווערט, גלאַטיק פּנימל מיט די פאַרמאַכטע אייגעלעך אין שאָטן און רעגלמעסיק שטיל אָטעמען: כ׳שלאָף שוין אין דער אמתן. לאָזט פריידעלע ביסלעכווייז נאָך דאָס וויגן

און אונטערניגונען, ביז זי שטעלט זיי אָפּ אין גאַנצן. דאָס קינד רוט אומבאַוועגלעך. שטעלט זי זיך אויף, פריידעלע, וואַרט איבער אַ רגע מיט פאַרהאַלטענעם אָטעם און שאַרט זיך אַוועק, ווי אַ גנב, אויף די פינגערשפּיצן, מיטן פּנים געוואָנדן זייטיק אויף צוריק, ביז זי טרעט אַריבער די שוועל אין דער פאָדערשטער שטוב אַריין. האָרכט זיך איין נאָך אַ סעקונדע צום אַלקער... שאַ־שטיל. אָטעמט זי פריי אָפּ און לאָזט זיך צו דער באָבען. נאָר פאַרבייגייענדיק דעם קינדער־אַלקער, דערהערט זי פון דאָרטן, פון יענער זייט פענצטער, אַ קוואָקען פון הינער. ווערט זי פאַרטשעקאַוועט, גייט אַהין אַ קוק טאָן און זעט:

קעגן איבערן פענצטער שטייט אַ לייטערוואָגן אָנגעפּילט מיט היי. צום וואָגן איז צוגעשפּאַנט אַ מאָגער, ווייסגרוילעך פערדל מיט ברוינע פלעקעלעך און שפּריצלעך, ווי מע וואָלט עס אָפּגעמאַליעוועט. דער קאָפּ הענגט דעם אַראָפּ, ווי סע וואָלט דרימלען. אינעם היי זיצן עטלעכע הינער, מסתם געבונדענע, און קוואָטשקען. צווישן זיי — אַ היפּשער האָן מיט העלע, פאַרביק־גלאַנציקע פעדערן, מיט אַ פאַרריסענעם פאַררונדיקטן עק, מיט אַ רויט־גליִענדיקן קאַם אויפן קעפּל, און גלאַנציק־גליִענדיקע אייגעלעך. ער רייסט זיך אַלץ אויפצוהייבן פון אָרט, קאָן נישט און זעצט זיך אָפּ צוריק. פּלוצעם טוט ער אַ צי אַרויף דעם האַלדז, און פון זיין קעל טוט זיך אַ ריס אַ נישט־פאַרענדיקטער קריי. די הינער צעקוואָטשקען זיך שטאַרקער, ווי מיט אַ וויינענדיקן טאָן... זיי האָבן אויף אים רחמנות, אויפן האָן. ס'איז אַ רחמנות אויף זיי אַליין אויכעט. אַז זיי זענען געבונדן!

פון פאָרנט וואָגן ליגט אַ קול שטרוי, איבערגעדעקט מיט אַ גראָבער גרויער רעדנע — די סידעניע. פון איין זייט אירער שטייט אַ פּויערל מיט אַ קייענדיק פּנים אַהער צום פענצטער. אָבער ער קוקט נישט צו איר. די האָר פון זיין גאָלן קאָפּ און דעם בערדל זענען ווי צעקאָשמעט שטרוי. פון זיין רויטברוינעם פּנים קוקן אַרויס גלאַנציקע קליינע אייגעלעך, ווי ביי דעם האָן. נאָר זיי זענען גרינע, ווי סע וואָלט געברענט אין זיי בראָנפן... איין מאָל, שבת, איז די פלאַש צימוקים־ווייַן אַרויסגעפאַלן פון טאַטנס האַנט... אוי, ווי דער זיידע האָט זיך געבייזערט!... און ווי די מאַמע האָט פאַרשנורעוועט די ליפּן, וואָס האָבן געצוקט פון

כעס... סאַ רחמנות געוועזן אויפֿן טאַטן. האָט דעמאָלט דער זיידע געמאַכט הבדלה אויפֿן בראָנפֿן. אויסגעגאָסן דעם רעשט פֿון אים אויפֿן טיש און מיטן צינגעלע פֿון דער הבדלה אים אָנגעצונדן. האָט עס געברענט מיט אַזאַ־אָ בלויגרינלעכן קאָליר... ער איז אָנגעטאָן, דאָס פֿויערל, בלויז אין אַ גרוילעך העמד, פֿאַרשטעקט אין לייוונטענע הויזן, וואָס אַ שטיקל פֿון זיי זעט זיך איבערן לייטער פֿונעם וואָגן. קעגן איבער אים, מיטן רוקן צום פֿענצטער, שטייט אַ פֿויערטע, נאָך אַ מאָל אַזוי דיק ווי ער. איר קאָפּ — אַרומגעשלייערט מיט אַ גרינער פֿאַטשיילע אין רויטע און געלע קווייטעלעך, ווי אַ שטיקעלע לאָנקע. זי איז אין אַ שוואַרצער קוצע־פּיקע און באַרכענער רויטער האַלקע מיט שמאָלע שוואַרצע פּאַסן אין דער לענג, ווי געווירעט, ביז צו די קנעכל. די פֿיס — באָרועסע, ברוין און ברודיק־שוואַרץ.

...זיי זענען אַוודאי אַ מאַנערו מיט אַ ווייבערו.

דער מאַנערו האַלט אין דער האַנט אַ פֿיידע ברויט, וואָס פֿון אינעווייניק קוקט אַרויס געלע הירזש. אַלע ווײַלע טוט ער פֿון איר אַ בייס אָפּ אַ שטיק. אָט שטרעקט ער אויס די האַנט צום ווייבערו. זי דערלאַנגט אים פֿון אַ שוואַרץ טעפּל, וואָס שטייט אויף דער סידעניע לעם אַ ליגנדיקער ליידיקער פֿלאַש בראָנפֿן. וואָס איז עס עפּעס? עפּעס אַזאַ גרויסער רויטער שפּין. אַזעלכן האָט זי נאָך זינט זי לעבט פֿאַר די אויגן נישט אָנגעקוקט! אַזש אַ פּחד באַפֿאַלט זי. דאָס פֿויערל רייסט אַרויס פֿון אים אַ פֿיסל און נעמט עס סמאָקען... נאָך דעם — אַ צווייטס... ס׳פֿאַרגייט אַן איבלעניש אין הערצל. פֿון נישט־גוטקייט ווערט איר טונקל פֿאַר די אויגן. ס׳הייבן זיך אָן דרייען טונקל־קאָלירטע רייפֿן אַרום קאָפּ... אָט־אָט טוט זי אַ פֿאַל! זי טוט זיך אַ כאַפּ אָן פֿאַר דער פֿענצטער־שוועל מיט אַ פֿאַרדומפּן־הייזעריקלעכן געשריי פֿון פּחד:

— אוי־אוי! באָבע! באָ־אָ־אָ...

די באָבע, וואָס האָט פֿריִער געהערט אין דער שטילקייט ווי זי איז אַהער אַריינגעגאַנגען, טוט אַ לויף אַריין, טראַגנדיק די צעציטערטע נשמה אין די הענט. טוט אַ כאַפּ דאָס אייניקל פֿאַר די אַקסעלעך און אַ דריק עס צום האַרצן:

— מיר זאָל זיין פֿאַר דיין ליכטיק לעבן, פֿרייד מיינע!

זי פירט זי צו צו איר געלעגער, לייגט אַנידער און קוקט איר מיט שרעק און ליבשאַפט אין פּנימל:

— וואָס איז דיר, חלילה־וחס, געשען, פריידעלע? ווי ס׳גאַנצע בלוט איז דיר פון פּנימל אַנטלאָפן. האָסט, חלילה, געחלשט?

— באָבע... — עפנט דאָס אייניקל די אויגן און טייטלט מיטן בליק צום פענצטער. — ס׳איז מיר טאַקע נישטגוט געוואָרן... פון יענער זייט שטייט אַ גוי... סמאָקעט אַ גרויסן רויטן שפּין... אַזאַ גרוי־וי־סן...

— דער קייל־רחום־וחנון זאָל זיין מיט דיר, טייער קינד! — איז די באָבע מבולבל־דערשראָקן, — וואָס פאַר אַ משונהדיקע רייד רעדט עס אַרויס פונעם קינד?... אַן עין־הרע אפשר... פו, פו, פו!...

— באָבע... קוק אַרויס אין געסעלע. ׳עסטו אויכעט זען... אַ גוי פונעם יאַריד שטייט ביי אַ וואָגן און סמאָקעט די פיסעלעך פון אַ רויטן שפּין... ניין, באָבע... קוק נישט! סע קאָן נאָך אויכעט דיר נישטגוט ווערן.

— וויי, וואָס פונעם קינד רעדט אַרויס! — שעפּטשען דער באָבעס צוקנדיקע ליפּן, בעת זי טוט אַ פאַרברעך די הענט.

זי טוט אַ לויף צום פענצטער און אַ קוק אַרויס. דאָס אייניקל זעט ווי אַ שטילער שמייכל נעמט שוועבן איבער דער באָבעס פּנים און גלעט עס אויס.

— זעסט שוין, באָבע, אַז כהאָ׳ דיר געזאָגט אמת, — זאָגט פריי־דעלע און זעצט זיך אויף. — שוין. מיר אי׳ שוין גאָרנישט.

גייט די באָבע צוריק צו איר און נעמט זי אַראָפּ פון געלעגער:

— קום, פריידעלע, גאָלד מיינער. איכל דיר שוין זאָגן אין קיך. — און פירט זי אַריין. — זעץ זיך אָט דאָ אויף דער באַנק. באַלד ׳על איך דיר זאָגן. כ׳מוז פריִער כאַפּן אַ קוק צו די טעפּלעך.

נאָכן אָפּדעקן פון זיי די שטערצלעך, געכאַפּט אַ קוק אין איינעם, געטאָן אַ מיש מיטן קאָכלעפל אין צווייטן, זעצט זי זיך אויף דער באַנק צווישן דער מולטער פעדערן און דעם אייניקל. נעמט רויִק שלייסן און רעדן:

— ס׳איז אַזוי די מעשה, פריידעלע. אין געסעלע דאָרט האָבן מיר נישט קיין רויטן, גרויסן שפּין געזען. אַזעלכע שפּינען זענען גאָרנישט בנמצא, די גאַנצע וועלט אויסצופאָרן. אַפילו די שפּינען, וואָס האָבן

מיט זייער שפייעכץ דעם בית־המקדש פאַרברענט, זענען נישט געווען אַזעלכע ריזן... יאַ־יאַ, די טמא שפינען האָבן געמאַכט אין אים די שרפה, אינעם הייליקן בית־המקדש. ס׳האָט גאָרנישט געקאָנט העלפן דאָס וואָס די שוואַלבן האָבן אין די שנאָבעלעך געבראַכט צו טראָגן וואַסער־טראָפּנס פונעם אוקינוס דאָס פייער איינצולעשן... אוקינוס דאָס איז דער גרעסטער ים אויף דער וועלט... כאָטש די פליגעלעך האָבן זיי שוין ווי געטאָן פונעם פליִען אַהין און צוריק, און אַלע זייערע אברימלעך, האָבן זיי נישט אויפגעהערט, די הייליקע שוואַלבן, צו טאָן די גרויסע מצווה. די פעדערלעך האָבן זיך ביי זיי אָנגעצונדן פון דער היץ, אָבער דאָס האָט זיי נישט אָפּגעהאַלטן, די צדיקים... פון דעם בית־המקדש־פייער איז ביי זיי אַ זכר פאַרבליבן ביז אויף היינטיקן טאָג — אַ רויטער פלעק אויפן העלדזעלע...

די באָבע דרייט אַוועק די אויגן פון די פעדערן און טוט אַ קוק אויפן איינגעהאָרכטן איניקל. פריידעלעס בעקלעך זענען היציק־פאַר־רויטלט. די ליפּלעך — צעעפנט, די אויגן — אָנגעשטעלט אויף איר מיט דאָרשט צו דעם וואָס זי וועט ווייטער דערציילן. נעמט זי ווידער שלייסן און רעדן:

— דערפאַר, פריידעניו, אַז מע געפינט אַ מאָל אַ דערטרונקענעם שפּין, אַפילו אין אַ גאַנצער פאַס וואַסער, טאָר מען דאָס וואַסער אין מויל נישט נעמען. עלהיי מע געפינט אום פסח אַ קרישקעלע חמץ אין דער פאַס וואַסער. דאָס וואַסער איז טמא און אָסור, ווי סם. און אַז מע דערזעט אַ שפּין קריכן, איז אַ מצווה אים צו צעטרעטן. זייער פּאָוויטיניע מעג מען צערייסן. כאָטש מע זאָגט, אַז זי איז אַ רפואה צו פאַרהאַמעווען בלוט...

— און די שפינען וויסן דערפון?

— זיי וויסן, באַהאַלטן זיי זיך אויס דערפאַר אין פינצטערע ווינקעלעך הינטער דער פאַרשטויבטער פּאָוויטיניע.

— און די שוואַלבן?

— די שוואַלבן בויען זייערע נעסטן קעגן דער שיין פון דער זון און פאַר מענטשן אין די אויגן. זיי האָבן ליב צו בויען זייערע גרויע שטיבעלעך, ווי יאַרמעלקעלעך, פון שטרויעלעך געמישט מיט בלאָטע.

בעטן זיי אויס פאַר זייערע פּיסקליאַטקעלעך מיט פּוכעלעך, סע זאָל זיי וואַרעם זיין, אונטער די סטריכעס פון ייִדישע הייזער. נאָך ליבערשטער — אונטער די דעכער פון בתי־מדרשים און שילן. פון דאָרטן זינגען זיי שירה צום באַשעפער אין הימל. לויבן דעם אייבערשטן און זענען מתפּלל ער זאָל צוריק אויפבויען זיין הייליק הויז. מיט זייער געזאַנג טרייסטן זיי די ייִדן אויפן חורבן בית־המקדש. חלילה, צו צעשטערן אַ שוואַלבננעסט!

— און יענע וואָך, — זאָגט פריידעלע שטיל מיט אַ טאָן פון אומעט און פאַרדראָס, — האָט זיך מאירל באַרימט פאַר מיר און וועלוועלען, אַז ער האָט מיט אונדזערער אַ טיטשקע פון די ביבלעך אין גאָרטן אַראָפּ־געקלאַפּט אַ נעסט פון שוועלבעלעך פון איבערן גזימס פון דער ווייבער־שיל. די שוועלבעלעך זענען זיך דערשראָקן צעפלויגן אַזש אין אַלע פיר עקן וועלט. טאַקע אין די עקן — דערפאַר האָט ער אַפילו קיין איין שוועל־בעלע נישט געפּאַקט. די נעסט איז געלעגן פאַר דער טיר צעבראָכן אויף צוויי העלפטן און שטיקעלעך פאַרהאַרטעוועטע בלאָטע. לעבן זיי — אַן אויסגעגאָסן אייעלע מיט צוויי האַלבע שאָלעכצלעך — ראַבע מיט פּיטשעניונקע ווייסע פּינטעלעך. וואָס האָט ער שוין געהאַט אַהיים צו ברענגען?

— וואָס דו רעדסט! — טוט די באָבע אַ קוק צו איר מיט אַ פאַר־שנדיקן בליק: צי מיינט זי דאָס, פריידעלע, אים צו פאַרמסרן, מע זאָל אים באַשטראָפן?... אָבער פריידעלעס אָנבליק איז תמימותדיק און ערלעך. קיין שום בייזקייט איז אין אירע אייגעלעך נישט פאַראַן. בלויז — באַצערטקייט. רעדט זי ווייטער, די באָבע, — אויב ער האָט אייך אַן אמת דערציילט, מאירל, איז ער באַגאַן אַ גאַר גרויסן חטא. וועט נעבעך שווער אָפּקומען פאַר דער נעווייריע אויף יענער וועלט. אַ קלייניקייט עפּעס! — אָפּצוטאָן אַזאַ רציחה איבער גאָטס אומשולדיקע באַשעפע־נישלעך.

זי זעט ווי די באַצערטקייט אין פריידעלעס אייגעלעך פאַרגרעסערט זיך... אַוודאי צוליב רחמנות אויפן ברודערל, וואָס וועט נעבעך אָפּקומען אויף יענער וועלט. ציט זי ווייטער:

— אָבער איך מיין, פריידעלע, אַז ער האָט עס גאָרנישט געטאָן.

ער האָט זיך בלויז געגרייסט פאַר איך. ער איז אַ באַרימער, מאירל. דאָס איז אמת. נו, און באַרימען זיך איז שוין קיין זאַ גרויסע נע־ווירע. פון דעסטוועגן וועל איך עס אים אויסרעדן. זאָל ער זיך מער נישט באַרימען. און דערצו נאָך מיט אַזאַ שרעקלעכער נעווירע. וואָרן...

— באָבע, — רייסט איר פריידעלע איבער די רייד, — אָבער זאָלסט אים נישט זאָגן, אַז איך האָב עס דיר דערציילט. ער טשעפּעט זיך אַזוי אויך צו מיר. ער ׳עט זיך נאָך שלאָגן דערפאַר.

און פלוצעם דערמאָנט זי זיך צו פרעגן:

— איז וואָס זשע איז עס געווען דאָס וואָס דער גוי האָט געסמאָקעט? דאָס־אָ ווי אַ רויטער שפּין?

— וואָס דאָס איז געווען? גאָטס אַ באַשעפעניש איז עס געווען. אַ ראַק. אַ ראַק, אַז מע קאָכט אים אָפּ, ווערט ער רויט, ווי אַ... ווי אַ...

— ווי די האָר אויף מאירלס קאָפּ! — צעלאַכט זיך פריידעלע אויף אַ קול און פרעגט ווידער, — און ראַקעס מעג מען עסן?

— אַן עשו מעג, אַ יעקב טאָר נישט. אַפילו פיש איז דאָ אַזעלכע וואָס אַ ייִד טאָר נישט עסן. ווייל... ער איז אַ ייִד. — ווישט זי זיך אָפּ אַ האַנט אין אַ האַנט פון די פעדערלעך און שטעלט זיך אויף. — באַלד דאַרפן די קינדער קומען פון חדר. דאַרף מען באַצייטנס אַלץ גרייט מאַכן צום אָנבייסן. און דו גיי דערווייל, כאַפּ אַ קוק צום קינד. טאָמער כאַפּט זיך עס אויף און דערזעט, ס׳איז אַליין אין אַלקער, קאָן זיך עס נאָך, חלילה־וחס, דערשרעקן. דער אייבערשטער זאָל עס באַשיצן און באַשערעמען. גיי, גיי, פריידעניו קרוין.

פריידעלע שטעלט זיך אויף נישט־גערן. ס׳איז איר אַ שאָד דער באָבעס רייד. האָט אויך נישט קיין חשק צו גיין צום שלאָפנדיקן שוועסטערל, כאָטש זי האָט עס ליב, ווען ס׳איז וואַך, און שפּילט זיך מיט דעם: טאָמער כאַפּט זיך עס אויף מיט געוויין. די מאַמע איז נאָך אַלץ נישטאָ, וועט זי ווידער דאַרפן וויגן עס און וויגן... פאַרפאַלן. זי גייט. נאָר פאַרבייגייענדיק די טיר פונעם קינדער־אַלקער, כאַפּט איר אָן אַ טשעקאַוועקייט נאָך אַ מאָל אַ קוק טאָן אין געסעלע אַריין: וואָס טוט דאָרט ערשט דאָס פויערל? סמאָקעט ער נאָך אַלץ אַ רויטן ראַק? גייט זי צו צום פענצטער און זעט: לעבן אים ביים וואָגן שטייט מאָטישעכע, די וואָס פאַרקויפט קאָטשענעס

אין מאַרק, און די מאַמע זאָגט, אַז די קאַטשענעס פון אונדזער גאָרטן זענען געשמאַקערע. אויף דער סידעניע שטייט ערשט, אָנשטאָט דעם שוואַרצן טעפּל מיט די ראַקעס, אַ טיפּער, האַרטער קאָשיק, געפלאָכטן פון ריטער — מסתמא אירער. זי באַטאַפּט אַ געבונדענע הון, וואָס רייסט זיך מיט געשריי־געקריי פון אירע הענט. זי בלאָזט דער הון, דאָרט ווו ס׳אי׳ נישט׳יין צו קוקן, אין פוך אַריין. אַ בלאָז, זיך איינגעקוקט, אַ קוק געטאָן צום פויערל און אים עפּעס געזאָגט. אַ בלאָז, זיך איינגעקוקט, אַ קוק געטאָן צו דער פויערטע און איר עפּעס געזאָגט. זי מאַכט מיטן מויל און שאָקלט מיטן קאָפּ. זיי מאַכן מיט די מיילער און שאָקלען מיט די קעפּ. ווי זיי וואָלטן זיך, זיי מיט מאָטישעכץ, און מאָטישעכע מיט זיי, געשפּאַרט עפּעס וועגן דער הון. זיי דינגען זיך אַוודאי. און די הון טוט אַלע מאָל ווי אַ קרעכץ. זייערע רייד דערהערט זי נישט, דעם קרעכץ פון דער הון — יאָ... זי וויל נישט, די הון, אַריינפּאַלן צו מאָטישעכען אין קאָשיק. פון איר קאָשיק וועט זי אָנקומען צון אַ באַלעבאָסטע און פון דער באַלעבאָסטע — צו אונדז אין שטאָל אונטערן זיידנס חלף... ס׳אַ רחמנות זייער...

— אוי! — טוט זיך איר פּלוצעם אַ ריס פון קעל אַן איינגעהאַלטענער קוויטש.

זי טוט אַ דריי אויף הינטער זיך דאָס קעפּל מיט אַ צעקרימט פּנים, מיט צער אין די אויגן. איר אַנטקעגן לאַכט מאירלס צעהיצט פּנים מיט אויגנגלאַנץ פון בייזער פרייד. דאָס האָט ע ר איר אַ ריס געטאָן פאַר דער אין צעפּל פאַרפלאָכטענער סאַמעטענער בלויער ליענטע. זי שטעקט ביי אים אין האַנט.

— רויטער ראַק! — טוט זי אַ רוף מיט וויינענדיקן צאָרן, אין דער־וואַרטונג די באָבע זאָל אַריינקומען.

אָבער אין דער רגע בלייבט גאָר שטיין דער טאַטע אין דער טיר. ער צעבייזערט זיך אויף מאירלען מיט געשריי:

— נישט קיין רויטער ראַק ביסטו, תנא־באַרטיק! נייערט אַ רויטער עשו גלייך פונעם מאַנאַפּאָל! וואָס ווילטסו שטענדיק האָבן, דו עשו איינער, פונעם קינד?!

מאירלען טוט אַ פּאַל אָרויס די ליענטע פון דער האַנט. דער טאַטע טוט זיך אַ לאָז צון אים. ווי אים מקיים־פּסק צו זיין מיט אַ מתנת־יד.

אפשר וואָלט דאָס אויך געשען. אָבער פון הינטערן טאָטן דערהערט זיך דער באָבעס קול:

— אוי, קינדערלעך... מאירל, גיי אַריין אין קיך. איך דאַרף דיך דאָרט עפּעס האָבן.

ער גייט אַרויס, און נאָך אים פריידעלע. זי בלייבט אַליין מיטן אײדעם און טוט אים אַ פרעג:

— ווי מיינסטו, ייִדעלע, וועט פאַר דעם דיין טאַטע מאיר, עליו־השלום, נישט האָבן אויף דיר קיין תרעומות?... אַ?

נאָר אָנשטאָט צו וואַרטן אויף זיין תשובה, טוט זי אַ דריי אויס דעם קאָפּ מיט אַ זיך־איינהאָרכנדיקן אויער אין שטוב אַריין און לאָזט אויס:

— דער שווער איז שוין דאָרט אַריינגעקומען פונעם ברית...

זי שלייכט אייליק אַרויס. דער אײדעם קוקט איר נאָך. שטאָט זיין צאָרן אויף מאירלען, וואָס שטילט זיך איין, טוט אים אַ בלאָז אַריין אַ פחד אין די ביינער: נאָכן ברית, איז ער מסתמא אונטערן גלעזל, דער שווער...

## מא

דאָנערשטיק. נאָכן אָנבייסן. מרדכי שוחט גייט אַוועק, אין דער באַגלייטונג פון דעם געלן קצב, מיט די חלפים אין די שיידלעך אין דער אונטערגעגאַרטלטער פּאַזוכע, אין בוינע אַריין צו דער שחיטה לכבוד שבת; קיילע חיה מיט פריידעלען און רחלען — צו בליומקע גרשון שניט־קרעמערס: פון דאָרט וועלן זיי אפשר גיין אויפן לודמירער וועג צו זיצן אונטער דיביימער אויף דער פרישער לופט; מאירל און וועלוועלע — יעדער צוריק אין זיין חדר אַריין, מאירל — צו משה יאָסל איטעס, און וועלוועלע — צו מאיר לייבן מיטן געברעכעניש. בלייבן נאָר איבער די שוויגער מיטן אײדעם. די שוויגער, ביים וואַשן דאָס געפעס און אַנדערע שטובאַרבעטן — אין קיך, און דער אײדעם — אין שטוב.

ס'איז שטיל און שאַ, האָט ייִדעלע נישט קיין חשק צו גיין אין בית־מדרש אַריין. בעסער וועט ער בלייבן אין שטוב, ווו ער וועט קאָנען לערנען וואָס אים גלוסט זיך. ער גייט אַריין אין אַלקער פון די קינדער און זעצט זיך ביים טיש איבערן ספר ״איוב״ מיטן מלבי״ם.

פאַרטיפט אין דעם פּירוש, פילט ער נישט ווי די צייט רינט אויס אין דער אַרומיקער שטילקייט. אָבער איינגעמידט, פונעם אָנגעשטרענגטן באַנעמען וואָס ער לערנט און זיצן אויף איין אָרט, ווערט ער. שטעלט ער זיך אויף, נעמט דעם ספר אין האַנט, גייט מיט דעם צו צום פענצטער, וווּ סע שטייט אַ טאַבורעטקע, שטעלט אַרויף אויף איר דעם לינקן פוס, לייגט דעם ספר אויף די קני און פאַרטיפט זיך ווידער אינעם מלבי"ם. ווען דער פוס ווערט פאַרמאַטערט, טוישט ער אים מעכאַניש אויפן צווייטן. אַזוי שוין עטלעכע מאָל. נאָר אָט הייבט ער אויף דעם קאָפּ פונעם ספר, כאַפּט אַ קוק אין דרויסן, אין געסעלע, און דאָס לערנען רייסט זיך איבער. ער זעט: אַ פאַרריסן־שטאָלצער האָן, מיט אַ קאָלירט־גלאַנציקן עק, מיט אַ גליִען־דיקן קאַם, טוט זיך ווילד, ווי אַ שטיק פלאַם, אַ ריס נאָכיאָגן אַ הון... בליצט אויף אין זיין קאָפּ אַ משונהדיקע מחשבה: "ער ברענט מקיים צו זיין די ערשטע מצווה פון דער תורה, דער גבר... און זי, די גברת, ווי אַן אישה צנועה, אין אָנהייב אַנטלויפט זי, צו אַנטרינען, אָבער איז זיך באַלד פרום מכניע... און אָט טרייסלט ער זיך אָפּ, גייט זיך אַוועק פון איר, ווי גאָרנישט... איז וווּ איז דאָס די "בינה", וואָס דער אייבערשטער האָט אים צוגעטיילט, "להבחין בין יום ובין לילה" — אונטערצושיידן צווישן טאָג און נאַכט?... ס'איז דאָך איצטער טאָג... נמצא, אַז די גברת, וואָס האָט אַרויסגעוויזן "סירוב" *, האָט מער "בינה", איידער דער גבר... אַך, יאָ!... ס'איז דאָך אַ גמרא: "מלמד" — קומט עס מיר צו לערנען, "שנתן הקדוש ברוך הוא" — אַז דער אייבערשטער האָט געגעבן "בינה יתירה באשה יותר מבאיש" — מער פאַרשטאַנד דער אשה, איידער דעם מאַנצפּאַרשוין...

און אָט זענען זיי שוין ביידע, דאָס פּאָרפאָלק אויף אַ הרף־עין, אַרויס פונעם געסעלע. אַ צווייטע סצענע ציט צו זיין אויפמערקזאַמקייט:

אַ קאַץ מאַכט קליינע, לויערנדיקע טריטעלעך, טוט זיך אַ זעץ אַראָפּ און אַ ציִ אויס אויף דער ערד, בלייבט ליגן ווי פאַרגליווערט, פאַרטייעט, צו כאַפּן אָן דאָרט דאָס פייגעלע, וואָס פּיקט, פּיקט...

צעגייט זיך איבער ייִדעלעס האַרץ אַ וואַרעמקייט פון רחמנות דערויף. די קאַץ טוט אַ שפרונג...

---

* אָפּזאָג, נישט־הסכמה.

— אוי! — טוט ער אַ זיפץ.

ניין. ס'איז פאַרשווונדן... ווי סע וואָלט דאָ גאָרנישט געווען. ווי "לא היה ולא נברא"...* אַזוי זאָגט די גמרא וועגן איובן און לאָזט אויס: "אלא משל היה"... אויב איז אַ משל קעגן יעדן יידן; אַ גרויסער ייִד האָט גרויסע צרות, אַ קליינער ייִד — קליינע צרות. יעדער ייִד לויט זיין מדרגה ווערט געפּרוווט מיט יסורים. פאַר וואָס האָב איך אַזעלכע גרויסע צרות? וואָס? אַזאַ צדיק בין איך עס?...

— איידעם מיינער, — טוט אים פון הינטער דער פּלייצע אַ רייס פון די מחשבות דעם שווערס אָנגעדרודלט קול, ווי פון אַן "אוב"** ווי פון אונטער דער ערד אויפגעקומען, — וואָס אַ שטייגער ווילסטו דאָ דערטאַפּן אינעם דאָזיקן ספר?

ער דרייט שווער אויס דעם קאָפּ און שטעלט אָן אויפן שווערס האַרב פּנים צעעפנטע אויגן,פאַרנעפּלטע נאָך פון מטושטש געוואָרענע מחשבות. ס'דויערט אַ ווייל ביז ער באַנעמט די פראַגע, וואָס איז אים אַזוי בייז געשטעלט געוואָרן. ער ענטפערט מבולבל, מיט אַ שעמעוודיק, פאַרשולדיקט שמייכעלע:

— דעם תכלית פון דער וועלט...

— דעם תכלית פון דער וועלט? — חזרט איבער דער שווער מיט שפּאָטלעכן קול און שמייכל און גלינצנדיקער בייזקייט אין די אויגן. — אַזוי? נו? און דיין אייגענעם תכלית האָסטו שוין באַקלערט?

שטעלט דער איידעם אַראָפּ דעם פוס אויף דער פּאָדלאָגע, פאַרמאַכט דעם ספר און לייגט אים אַנידער אויפן טיש. נעמט זיך אָן מיט כוח פון די שעהען תורה־לערנען און פרעגט צוריק:

— מאַי קאָ משמע לן, וואָס לאָזט מיר דערמיט דער שווער צו הערן?

— אָט, ייִדעלע, וואָס דער שווער לאָזט דיר דערמיט צו הערן: דו ביסט שוין, אָן עין־הרע, אַ ייִד פון עטלעכע און דרייסיק יאָר. האָסט אַ ווייב, זאָל לעבן און געזונט זיין, מיט פיר קינדערלעך, זאָלן לעבן און געזונט זיין. און אויף דיין בכור, אויף מאירלען, ועסטו שוין אין אַ יאָר

---

* האָט גאָר נישט עקזיסטירט.

** אַ גייסט.

אַרום מאַכן דעם "ברוך שפטרני", געלויבט דער אייבערשטער. און זיצסט נאָך אַלץ ביים שווער אויף קעסט, ווי אַ קוואָקע אויף אייער! המם... מיין פרנסה פון דער שחיטה, דאַרפסטו וויסן זיין, אויב דו פאַרשטייסט עס נישט אַליין, וואַקסט נישט צוזאַמען מיט די הצטרכותן. קיילע חיה שלאָגט זיך אַרויס פון די כוחות אַרום די קינדער און ביים צוהעלפן דער אַלטער מאַמען אינעם באַלעבאַטישקייט. זי קרענקט אונטער, קיילע חיהניו, און נייטיקט זיך אין פילנעס. "לא על הלחם לבדו..."* נישט פון דער פרישער לופט אַליין, וואָס זי קריגט אין פעלד אומזיסט, קאָן זי געזונט זיין.

..."אַסיאַ דמגן מגן שויה" **. — לויפט דורך אין ייִדעלעס מחשבה, טוט אַ זאָג הסכמהדיק: "יאַ"... און הערט דעם שווער ווייטער ציִען:

— מע טאָר איר קראַנקהייט נישט פאַרלאָזן אין דער לאַנגער באַנק אַריין... סע זאָל זיך ביי איר, חלילה, נישט איבערחזרן דער זעלבער אומגליק, וואָס ביי לוי סופרס טאָכטער, איר צו לענגערע יאָר... איך פאַרמאָג נישט גרשון שניטקרעמערס ברייטע און לאַנגע קעשענעס. איז פון וואַנען זאָל איך נעמען? ביסטו זיך נישט משער, בעל־תכלית איינער, אַז ס'איז שוין די העכסטע צייט, זאָלסט אַ טראַכט טאָן וועגן דיין אייגענעם תכלית? אַ?

דער איידעם טוט אַ דריי אָוועק דעם קאָפּ, אַ קוק דורכן פענצטער אין דרויסן, ווי זוכנדיק דאָרט אַן ענטפער אויפן שווערס האַרבן "אַ?". דערזעט ער: דער מעשענער צלם־שפּיץ פונעם פּראַוואָסלאַוונעם קלויסטער שימערט שוין דאָרט קעגן דער זיך אַראָפּנייגנדיקער זון צו מערב... יעדע רגע קאָן קומען די טשערעדע פון דער פאַשע און מיט איר קיילע חיה מיט פריידעלען און רחלען און — צווישן צוויי פייערן וועט ער זיך בראָטן. ער ווערט בלאַס. נאָר באַלד טוט אים אַ שלאָג אין פּנים אַריין אַ כוואַליע בלוט, הייס פון צאָרן:

— המם... — טוט ער אַ ברום, אויסדרייענדיק דאָס צעהיצטע פּנים

* נישט פון ברויט אַליין... לעבט דער מענטש.

** אַן אומזיסטער דאָקטער איז גאָרנישט ווערט.

צום שווער, — איר האָט מיר טאַקע, שווער, געשטעלט אַ האַרבע קשיה... המם... אָבער דער תירוץ איז בתכלית הפשטות: פון מיין זייט איז נישט קיין שום מניעה...

— אַדרבה, אַדרבה! — ציט אים דער שווער פאַר דער צונג, וואָס טריקנט אים אין מויל.

— אַדרבה, זאָגט איר? איך זאָג אויך: אַדרבה... דער "יורה דעה" מיטן "חושן משפט" ליגן ביי מיר אין שיידל "כמונח בקופסא".* און מיין סמיכות אויף רבנות פונעם "משמרת שלום" — ביי מיר אין אַלקער אין שופלאָד צוזאַמען מיט מיין ווייסן ביליעט... דער ווייסער ביליעט זאָגט: "ניע גאָדיען", און... כע־כע־כע... מיין סמיכות זאָגט: "גאָדיען!"... א'ז אַדרבה, גיט מיר, שווער, די כסא־רבנות, וואָס איר האָט צוגעזאָגט מיין טאַטן, עליו־השלום, און וואָס דער רבי האָט אייך צוגעזאָגט. מיין היתר־הוראה וואַרט שוין פיר יאָר. וויפל טאַקע איז דער שיעור צו וואַרטן? איר זענט דער "תובע",** און איך, — דער "נתבע"***? פונקט קאַפּויער: איך בין דער "תובע", און איר — דער "נתבע".

דעם איידעמס צאָרן און אומגעריכטע חוצפה רופט אַרויס ביים שווער גרימצאָרן, און ער טראַכט: "הער נאָר, הער! בלעמס אייזלטע האָט דאָך באַקומען לשון! ער האָט נאָך די חוצפה צו מאָנען ביי מיר!" זיינע אויגן ווערן אַרויסגעשטאַרצטער, די אָדערלעך אין זייערע ווייסלען רויטער. ווי ווען ער הייבט אויף דעם חלף איבערן האַלדז פון אַ גסה. ווייל ער ווייסט, אַז גיטל לאה איז ערשט נישטאָ אין קיך, געגאַנגען אַ פנים אין מאַרק אַריין איינקויפן, העכערט ער זיין שטים:

— אמת. דער רבי האָט צוגעזאָגט. אָבער — וואָס? ווי נאָר סע וועט זיך אָפּליידיקן אַ כסא־רבנות אין זיינער אַ שטאָט, ביסטו בר־מצרא. איז עס הייליק! "בכל יום אַחכה לו".**** אָבער אַ פרייע כסא־רבנות ליגט נישט אין קיין "קופסא" און נישט אין קיין שופלאָד, מע זאָל זי אַרויס־

---

* ווי ס'וואָלט ליגן אין אַ קעסטעלע.

** מאָנער.

*** געמאָנטער.

**** כ'וואַרט אויף אים יעדן טאָג.

נעמען פון דיינעטוועגן און דיך אויפרופן: ״יעמוד, הרב ר׳ ייִדל, זייט אַזוי גוט און זעצט זיך, רב ייִדל!״. דערויף דאַרף פריִער, גאָט באַהיט, שטאַרבן ערגעץ אַ רב. המם... וואָס וואָלסטו געוואָלט? דער רבי זאָל פון דיינעטוועגן אויפבויען אַ שפּאָגלנייַ שטעטל, באַזעצן עס מיט טריסקער חסידים און דאָרט אָוועקשטעלן פאַר דיר אַ כסא־רבנות: ״זייט זיך מכבד, רב ייִדעלע״? לעת־עתה איז אַ כסא־רבנות פון דיינעטוועגן אַ ״דבר שלא בא לעולם״*. דאַרפסטו פאַר זיך עפּעס צוטראַכטן מיטן אייגענעם קאָפּ... שלאָג מיר נישט איבער די רייד. דערווייל בין איך — שווער און שוחט, און דו ביסט איידעם און נאָך נישט רב. דרך־ארץ!... מיט עטלעכע יאָר צוריק, נאָכן באַקומען דעם היתר־הוראה, ביסטו דאָך געווען אַ גאַנצער מיידעם און ״יאַטעבעדאַם״ צו פירן די מלחמה מיט ידידיה מלמד. ער דער ״יאַפּאָנ־טשיק״, דו — דער ״רוס״. כ׳געדענק זייער גוט וואָס מע פלעגט מיר דערטראָגן וועגן דיר. ווי דו פלעגסט אים שרעקן מיט דעם גענעראַל קראָפּאָטקינס חוצפהדיקן פסוק: ״מיט די היטלען וועלן מיר זיי פאַר־וואַרפן!״... המם, לאָז רעדן... אמת, דו האָסט נעבעך די מלחמה פאַרשפּילט. ביסט אַנטלאָפן פון פאָרטאַרטור, במחילה, מיט אַראָפּגעלאָזטע מכנסיים, און ידידיה מלמד האָט געהאַט אין וואָס צו שמייסן... אָבער געפירט האָסטו זי, די מלחמה, ביד־רמה. ווי אַן אמתער גיבור־מלחמה... איז — נו! איז לאָמיר זעען, דו זאָלסט אויך אין שלום־צייט אויפטאָן עפּעס אַ בריהשקייט. נישט פאַרן רוס, נאָר פאַר זיך אַליין און ווייב־און־קינדער.

דער איידעם קוקט ערשט דורכן שווער אויף דער טיר מיט אַ תפילה אין האַרצן, די שוויגער אין קיך זאָל דערהערן וואָס דאָ טוט זיך און קומען אים ראַטעווען. ווי דאָ טוט זיך טאַקע די טיר אַן עפן. נאָר באַווייזן באַ־ווייזט זיך אין איר האַלבער רעם קיילע חיה... צי איז זי שוין נישט נאָך פריִער אַ ביסל געשטאַנען הינטער איר און אונטערגעהאָרכט דעם שווערס רייד?... דעם איידעם ווערט ענג אין דער שמאָלער ברוסט. זיין נאָז דערשפּירט שוין ווי סמאַלענעס... אָבער אָט אַ פּלא! זי קומט אים גאָר צו הילף. ווי דאָס מאָל וואָלט זי פאַרטרעטן די שוויגער:

— איז וואָס זשע ווילסטו, טאַטע, זאָל זיין קאָפּ אויסטראַכטן? פאַרן

---

* אַ זאַך וואָס עקזיסטירט נאָך נישט.

נדן־געלט, וואָס דו האָסט אים אַפילו נישט צוגעזאָגט, עפּעגען אַ מעלשענקל? ווערן אַ מעלשענקער, ווי דער טאַטע זיינער? און ווער, איך בעט דיך, וועט עס פירן, דאָס מעלשענקל? ער?... איך בין דאָך פּאַרנומען מיט די קינדער און מיט מיין געזונט, משטיינס געזאָגט. איך טראַכט שוין גראָד יאָ וועגן מיין תכלית, נאָר וואָס וועסטו דאָ אויסטראַכטן אַפילו מיטן קליגסטן קאָפּ?

אונטער אירע טענות זעצט זיך אָפּ דעם טאַטנס גרימצאָרן. ער נעמט רויִקער פאַנאַנדערקעמען מיט פאַנאַנדערגעשפרייטע צען פינגער די באָרד, ווי אַרויסקעמענדיק פון איר מחשבות:

— דו רעדסט, קיילע חיהניו, טאַקע ווי אַ כאַכיימע. איז דאָס דאָך די טענה מיינע: אַז איך זע אפילו נישט ער זאָל אַ טראַכט טאָן וועגן תכלית. המם... אַז ווי קאָן ער גאָר טראַכטן, ווען זיין קאָפּ שוועבט אין עולמות. ווי האָט ער עס מיר פריִער געזאָגט?... יאָ, ער טראַכט — מעגסט עס הערן! — וועגן דעם תכלית פון דער וועלט. דאָס זאָל ער איבערלאָזן פאַרן רבינס וועגן. אים, דעם מאַן דיינעם, איז וויניק וואָס דער רבונו־של־עולם ווייסט דעם תכלית פון דער וועלט! נישקשה, אַ יידעלע פון לוהיסק מעג זיך אויף אים זייער שיין פאַרלאָזן. אַמער וואָלט ער בעסער געזעסן און געלערנט וואָס ס׳איז נייטיק פאַר אַ רב...

— יידעלע, — טוט ער זיך אַ ווענד צוריק צו אים, — ביז דו וועסט קריגן די כסא־רבנות, קאָנען דיר נאָך דער "יורה דעה" מיטן "חושן משפט" אַרויספליִען פון דיין אייזערנער "קופּסא". ס׳איז דאָ אַ שר־של־שכחה אויף דער וועלט. מיטן סמיכות אויף רבנות אַליין קאָן מען נאָך קיין רב נישט זיין. אויף פּסקענען אַ יידענע אַ שאלה אויף אַ פּופּיקל לויטן ספר "איוב" מיטן מלבי"ם וואָלט אַפילו דער "משמרת שלום" קיין בריה נישט געווען. המם...

— און אפ...שר, — ווענדט ער זיך צוריק צו דער טאָכטער און קוקט אויף איר, ווי אויף אַ פאַרשוין, וואָס מע קאָן דערוואַרטן פון אים אַ קלוגע עצה, — אפשר, קיילע חיהניו, וואָלט גאָר אַ פּלאַן זיין, ער זאָל דערווייל אַ טראַכט טאָן וועגן אַ מלומדת אויפן קומענדיקן זמן? איך אַליין וואָלט זיך בין־הזמנים אַרומגעקוקט וועגן תלמידים.

— טאַטע, — דאַרף זי נישט לאַנג קלערן, — וועסט דאָך נישט גיין

אים מאַכן פאַר אַ דרדקי־מלמד און אָנטרייבן אַהער אין שטוב אַ טשערעדע קליינוואַרג. דיין איידעם — אַ דרדקי־מלמד, ווי מאיר לייב מיטן געברע־כעניש? אָדער ווי בערל מיט די לעקעלעך?! איך, קיילע חיה מרדכי שוחטס בת יחידה, די כאַכיימע, זאָל ווערן אַ דרדקי־מלמדקע? דאָס האַרץ זאָל מיר ברענען פון גריזאָטע, און דאָס פּנים גליִען פאַר בושה?! כ׳וואָלט זיך דאָך געשעמט אום שבת איבערצוטרעטן די שוועל פון דער ווייבערשיל. אַפילו צו בליומקען אין מיטן דער וואָך אַריינצוקומען.

— חס־וחלילה! — רייסט איבער דער טאַטע איר גיכן געשאָט רייד. — ווי קאָנסטו גאָר חושד זיין דעם טאַטן אין אַזאַ כעלעמער טיפּשות? איך בין דיר, חלילה, אַ שטיפטאַטע? און וואָס וואָלט די מאַמע געזאָגט?... כ׳האָב נאָך מיט איר וועגן דעם נישט גערעדט. איך האָב געמיינט, איך זאָל קריגן פאַר אים אַ פינף, "לכל היותר" * זעקס לייטישע תלמידים, וואָס ער זאָל זיי צוגרייטן צו הוראה... ווי אַ מין ראָש־ישיבה פון אַ קליינער ישיבה...

און צום איידעם:

— אַ? און וואָס זאָגסטו, ייִדעלע, אויף דעם רעיון מיינעם?

דער איידעם טוט אַ שטעל אָן די אויגן, נישט אויף אים, נייערט אויף איר. וויל אַראָפּלייענען פון איר פּנים, וואָס זי טראַכט וועגן דעם. זי באַוועגט מיטן קאָפּ אַהין און אַהער. נישט קוקנדיק אויף אים, נייערט אויפן טאַטן... ענטפערט ער, ציִענדיק די ווערטער פון האַלדז, ווי פאַר אַ שטריקל:

— וואָס... איך זאָג... שווער? איך זאָג... איך מיין... מיר האָבן שוין אין לוהיסק דריי גרויסע גמרא־מלמדים: איטשע חיים, וואָס לערנט מיט די תלמידים גמרא מיט תוספות; משה יאָסל איטעס, וואָס לערנט מיט זיי אַ שטיקל מהרש״א און מהר״ם שיף; נו, און ידידיה קלעוואַנער, דער "יאַפּאָנטשיק", וואָס לערנט אַפילו "חושן משפט" מיטן ט״ז און ש״ך, און גרייט צו אַ בר־מצווה צו האַלטן אַ דרשה פונעם "שאָגת אריה", אָדער פונעם "אורים ותומים"... זיי אַלע, שמועסט מען אין בית־מדרש, האָבן קוים פּרנסה. איז... מעג איך ווערן צו זיי אַ פערטער? די גמרא זאָגט,

* צום מיינסטן.

ווייסט דאָך דער שווער: „עני המהפך בחררה ובא אַחר ונטלו הימנו, נקרא רשע"... *

— טאַטע, — שלאָגט אים איבער דאָס ווייב, — וואָס ער זאָגט דיר דאָרט אויפן תרגום־לשון, פאַרשטיי איך נישט. אפשר איז ער יאָ גערעכט, אפשר נישט גערעכט. אָבער באַרעכן אַליין: אַז דו וועסט אים איינשאַפן תלמידים עלטערע יינגלעך, וועלן זיי דאָך אַוודאי נישט זיין קליינגעוויק־סיקער פון אים, דעם ראָש־ישיבה, משטיינס געזאָגט. אויב נישט העכער. איז וואָס פאַר אַ פּנים וועט ער האָבן אין זייערע אויגן? און וואָס פאַר אַ פּנים וועט אַזאַ ישיבה האָבן אין די אויגן פון דער וועלט? סע וועט דאָך אויס־זען ווי אַ פינף־זעקס ראָש־ישיבות מיט איין תלמיד. כאָטש נעם און באַגראָב זיך באַצייטנס לעבעדיקערהייט פאַר בזיון!

דעם מאַן דאַכט זיך: ער פּלאַצט באַלד פון איינגעהאַלטענעם צאָרן!... נאָר זי איז דאָך אַ קראַנקע, מע טאָר זי נישט אויפרעגן... אוי, ווען ער זעט שוין איר רוקן... אוי, פאַר וואָס באַווייזט זיך אַלץ נישט די שווי־גער? און זי, קיילע חיה, שטייט דווקא נאָך אַלץ. ווי זי וואָלט וואַרטן דער טאַטע אירער זאָל נאָך עפּעס אויסטראַכטן פון זיינעטוועגן. און דער שווער, ווי ער וואָלט עס געפילט, רופט זיך טאַקע אָפּ קווייקלענדיק:

— איז אפּ...שר, קיילע חיה?

— וואָס אפשר?

— אפשר וואָלט איך אים דערווייל געגומען לערנען שחיטה? אָנקומען אין אַ שטעטל פאַר אַ שוחט איז דאָך אַ סך גרינגער ווי אָנצוקומען פאַר אַ רב.

— הער, טאַטע, — טוט זי אַ מאַך אַוועק מיט דער האַנט, — וואָס ד ו וואָלסט אַ ל ץ נישט וועלן מאַכן פון דיין געראָטענעם איידעם! פון שניי גאָמעלקעס!... ס׳וואָלט שוין כ׳לעבן באמת צייט געווען זאָלסט אים קענען, דיין איידעמל. איך ווייס נישט וויפל ס׳וואָלט דאַרפן געדויערן ביי אים זיך אויסצולערנען אַ קאַץ דעם עק צו פאַרבינדן. ווילסטו אים אויסלערנען שחיטה?!

---

* אַן אָרעמאַן פאַרקעט זיך אַרום אַ שטיקל ברויט, און ס׳קומט אַן אַנדערער און נעמט עס צו, הייסט ער אַ רשע.

— קיילע חיה! — טוט ער איר אַ זאָג מיט אַ שטרענגן טאָן. — דו זאָלסט וועגן אים אַזוי נישט רעדן. אַפילו נישט פאַרן אייגענעם טאַטן!

— טאַטע, — גייט זי גלייך איבער אויף אַ נידעריקערער אָקטאַווע, — איך האָב דאָך נאָר וואָס געהערט ווי דו האָסט מיט אים גערעדט. און ס'איז דען ביי דיר דאָס ערשטע מאָל?

— איך מעג, איך בין זיין שווער און עלטער פון אים. דו טאָרסט נישט, ביסט זיין ווייב און מיט אַ יאָר ייִנגער פון אים. ווי צו רעדן צום מאַן גיי לערן זיך ביי דיין מאַמען. זי זאָל אונדז געזונט זיין. מער זאָלן מיינע אויערן אַזעלכע רייד נישט הערן. דו הערסט, קיילע חיה?

און געווענדט דאָס פּנים צוריק צום איידעם:

— איז וואָס זאָגסטו, ייִדעלע, אויף מיין פּלאַן, זאָלסט זיך דערווייל נעמען לערנען ביי מיר דאָס אומנות פון שחיטה? המם... איך מיין אַז דער מאמר חז"ל: "כל שאינו מלמד את בנו אומנות מלמדו לסטות" * איז חל אויך אויף אַ שווער מיט אַן איידעם.

ייִדעלע פילט — ער איז דורככויס אָנגעצונדן פון צאָרן. אָבער ווי וועט ער דאָ מיט אים אַרויס, אַז דיביידע שטייען קעגן אים, ווי... "לסטים",** ווי שוחטים? אַ צוק לויפט איבער ביי אים פון אַ ווינקל אויג איבער אַ באַק ביזן האַלדזקנאָפּ. ער נעמט זיך קראַצן אונטער זיין שוין היפּש בערדל, ווי פון דאָרט דאָס צוק־ווערעמל אַרויסצוקראַצן און... ער צעכעכעט זיך גאָר שטיל. זיין רויט פּנים גליט מיט פיבערדיקע אויגן. ער שמייכלט אַפילו מיט אַ שמייכל פאַר געוויין. און פון זיין צוקנדיקער ליפּ פאַלט אַראָפּ זיין ענטפער:

— איך?... איך, וואָס איך זאָג?... איך האָב אַזוי מורא פאַר אַ שניט אין אַ פינגער... ניין, איכל נישט קאָנען נאָכמאַכן דעם שווער... כע־כע־כע... מאַכן... כיק!...

—פו! — טוט דער שווער אַ שפּיי אויף טרוקן פאַר זיך און אַ מאַך אַוועק מיט דער האַנט מיט ביטול און כעס, — אָט האָסטו דיר אַ תשובה פון

---

* ווער ס'לערנט נישט זיין זון קיין מלאכה, לערנט אים רויבעריי.

** רויבער.

אַ בר־דעת... פון וואָס פאַר אַ גולמס ריפּ איז אַזעלכעס באַשאַפן געוואָרן ?... הער, ייִדעלע ! דו וועסט שוין ביי מיר מאַכן אַ „שהחיינו" אויף שחיטה.

דערויף צעציקלט זיך דער איידעם מיט אַ שטיל געלעכטערל, אַ דורכגעזאָפּטס מיט גאַווה פון נצחון און נקמה אין אַ קעגנער.

— וואָס איז פּלוצעם דאָס גרויסע געלענדער אויפן קליינעם ייִדעלע ? — צאָלט אים אָפּ דער שווער מיט רויטע אויגן און בייז־פאַרכמאַרעט פּנים.

— המם... — פאַרגעסט זיך ייִדעלע אַז קיילע חיה שטייט דאָ דערביי, און זאָגט חוצפּהדיק, וויסנדיק, אַז ערשט האָט ע ר די אייבערהאַנט, — זאָל מיר דער שווער מוחל זיין. אָדער דער שווער האָט זיך ביי זיין ערשטער שחיטה נוהג געווען שלא־כדין, אָדער דעם שווערס זיכרון איז שוין שטאַרק אָפּגעשוואַכט... ס'איז דאָך אַ בפירושער דין אין רמ"א, יורה דעה, סימן כח : "מי ששחט פעם ראשונה מברך שהחיינו על הכיסוי, אבל לא על השחיטה, שמזיק לבריה" — ביי דער ערשטער שחיטה מאַכט מען אַ שהחיינו אויף דער "כסוי" *, אָבער נישט אויף דער שחיטה, וואָס שעדיקט אַ באַשעפעניש.

— ביסטו דאָך לויט דיין כוונה, — טוט זיך אַ צעלאָז אויף אים דער שווער, — אַ "מבייש פני חברו ברבים" ! **

— ראשית, — זאָגט דער איידעם מיט שפּאָט און קנייטשט דעם שטערן, — זענען מיר נישט קיין רבים, נאָר בסכהכול אַ מזומן... אַפילו נישט קיין מזומן, ווייל איין פאַרשוין פון די דריי איז אַ נקבה... און שנית, וואָס שטייט דאָרט וויטער ?... דאָרט ווו סע שטייט "המבייש", שטייט נישט „ברבים", סע שטייט : "כל המבייש את פני חברו, סופו להתבייש" *** און דאָרט ווו סע שטייט "ברבים", שטייט "המלבין" : "המלבין פני חברו ברבים אין לו חלק לעולם הבא", אָדער : "יורד לגיהנום ואינו עולה", אָדער "כאילו שופך דמים"... ****

---

* דאָס צודעקן דאָס שחיטה־בלוט מיט אַש.

** ווער ס'פאַרשעמט זיין חבר פאַר מענטשן.

*** ווער סע פאַרשעמט זיין חבר, וועט אַליין פאַרשעמט ווערן.

**** ווער סע פאַרשעמט זיין חבר פאַר מענטשן האָט נישט קיין חלק אויף יענער וועלט, אָדער : נידערט אַראָפּ אין גיהנום און קומט נישט אַרויף, אָדער : ווי ער וואָלט בלוט פאַרגאָסן.

— אַז ווי קאָן זיך האַלטן ביי דיר "תורה", — צעשרייט זיך דער שווער, אין זיין אומבאַהאָלפנקייט, נישט צו דער זאַך, — אַז קיין "קמח" * איז ביי דיר נישטאָ... ווען נישט די קעסט וואָס דער שווער גיט ?!

קיילע חיה טוט אַ מאַך דריי שפּאַן צום מאַן מיט דער כוונה, אים צו באַצאָלן פאַרן טאַטנס געלעסטערטן כבוד מיט אַ שאַרפן זאָג אַריין. אָבער אין דעם מאָמענט בלייבט שטיין אויף איר אָרט אין דער רעם פון דער טיר די שוויגער מיט אַ פולן געפּלאָכטענעם קאָשיק און זאָגט שטיל:

— מרדכי, וואָס ליגט דיר עפּעס אַזאַ ירגזון אויפן פּנים ?... שוין צייט צו גיין דאַוונען מנחה.

*

נאָך דער שווייגנדיקער וועטשערע, צו וועלכער ייִדעלע איז פון בית־מדרש נישט געקומען, צעגייט מען זיך פון טיש, אויך אַזוי שווייגנדיק, שלאָפן: מאירל, פריידעלע און וועלוועלע — צו זיך אין אַלקער, אויס־הערנדיק דעם זיידנס באַפעל: "נאָר, קינדער, עס זאָל זיין דאָרט ביי אייך שטיל און שאַ"; קיילע חיה — צו זיך אין אַלקער, וווּ רחלע שלאָפט שוין; די שוחטקע, נאָכן צודעקן דעם איידעמס עסן מיט איבערגעקערטע טע־לערס, סע זאָל נישט פאַרכלאַנעט ווערן — אין שלאָף־חדר; און שפּעטער אַ ביסל, נאָך איר — דער שוחט, האַלטנדיק אין מיטן דער קריאת־שמע און פאַרלעשנדיק דעם לאָמפּ.

שוין זיצנדיק אין שלאָף־חדר אויפן ראַנד פון זיין בעט, אין דער טונקלקייט פונעם אַריינגעדרייטן לאָמפּ, לאָזט ער אויס די קריאת־שמע: „בידך אַפקיד רוחי, בעת אישן ואָעירא, ועם רוחי גויתי, י״י לי ולא איראָ" ** און טוט דעם ערשטן געגעץ.

— נו, מרדכי, — דערהערט ער גיטל לאַהס קול פונעם בעט קעגן איבער, — איצטער קאָן איך דיך רויִק אויסהערן.

---

* ברויט.

** אין דיין האַנט גיב איך איבער מיין גייסט, בעת איך שלאָף און וואַך אויף, און מיט מיין גייסט — מיין גוף, דערפאַר שרעק איך זיך נישט.

ער שטעלט זיך אויף, גייט צו צו איר בעט און זעצט זיך אויפן ראַנד. אַ ווייל שווייגן זיי ביידע. ער דרייט אויס צו איר דעם קאָפּ, קוקט אויף איר פּנים, פון וועלכן עס שימערן אַרויס אירע שטילע, ברוינע אויגן, און זאָגט פאַרשולדיקט און איבערבעטנדיק:

— אַוודאי, גיטל לאה, האָב איך נישט גוט געטאָן, וואָס כ'האָב עס אים געזאָגט מיט רוגזא. ס'איז ביי מיר געווען אַ שעה פון רוגזא נאָכן אומ־קערן זיך פון דער בוינע. כ'האָב דאָרט, נאָכן בודק זיין אַ רינד, געפּסקנט: טרייף... ווייסטו דאָך ווי די קאַצעליינִיקעס זענען אין אַזאַ מצב... אַפילו דער געלער קצב... אַז סע רירט זיי אָן די קעשענע, איז אַקוראַט ווי זי וואָלט זיין זייער האַרץ... גלייך ווי איך זאָל קאָנען זאָגן כשר אויף דעם וואָס דער "שולחן ערוך" זאָגט טרייף. המם... כ'האָב בכלל נישט גוט געטאָן, וואָס כ'האָב נישט, איידער כ'האָב גערעדט מיט אים וועגן דעם ענין, פריִער זיך מיישב געווען מיט דיר. די זאַך איז מיר איינגעפאַלן פלוצעם... נו, איז דאָך שוין פאַרפאַלן. וועסטו עס מיר מוחל זיין, גיטל לאה.

— פריִער, מרדכי, פועל עס ביים אייבערשטן. מיט מיר וועסטו שטענדיק אויסקומען.

לייגט ער אויס פאַר איר די שווערע לאַגע, אין וועלכער זיי געפינען זיך. אמת, פון די חובות האָבן זיי זיך, אַ דאַנק דעם אייבערשטן, שוין אויסגעבאָדן. אָבער ווי לאַנג וועלן זיי אין שטאַנד זיין אויסצוהאַלטן אַזאַ הויזגעזינד, אָן עין־הרע? שיר אַ מנין. כאָטש צום בענטשן איז נאָך קיין מזומן נישטאָ. און קיילע חיהניו איז דאָך ערשט אַ ווייבל נישט מער ווי פון איין און דרייסיק יאָר. זי קאָן נאָך, און גאָט זאָל איר טאָקע העלפן, נאָך נישט איין קינד ברענגען אויף דער וועלט... און זי איז דאָך אַזאָן אָפּ־געשוואַכטע פון די פריִערדיקע געבורטן. הלוואי מע זאָל צו קיין דאָק־טוירים און רעצעפּטן נישט דאַרפן אָנקומען... איז ווו איז דער תכלית? ווער ווייסט ווען דער רבי וועט קאָנען מקיים זיין זיין הייליקן צוזאָג. קיין כסא־רבנות קאָן מען דאָך נישט באַשטעלן ביים ערשטן בעסטן סטאָליער. אַז אַ שטעטל פאַרגרעסערט זיך, נעמט עס פון דעסטוועגן נישט אויף נאָך אַ צווייטן רב. זעסטו, אַ צווייטן שוחט — יאָ.. אַ שוחטות קאָן זיך פאַר אים גיכער מאַכן. איז ווייל איך, ער זאָל בכל־אופן זיין גרייט דערצו.

— נו, — פירט ער אונטער דעם סכהכול, — בין איך אומגערעכט, גיטל לאה?

— חלילה, מרדכי. דאָס זאָג איך נישט. נאָר צווינגען אים טאָר מען נישט. ער האָט אַ ווייך האַרץ, דער איידעם אונדזערער. אַנומלטן האָט זיך פריידעלע אַ פינגערל איינגעשניטן, וואָלסטו געמעגט זען ווי ווייס ער איז געוואָרן. ווי קאַלעך. ער קאָן נישט צוזען קיין בלוט. נ אָ ר מיט ווייכן, מרדכי, נ אָ ר מיט ווייכן.

— וואָס הייסט ביי דיר מיט ווייכן, גיטל לאה? איך דאַרף אים, ווי אַ באַלעגאָלע אַ פערדל, להבדיל, איינקאָשקען? און ד אָ ס וועט האַרטער מאַכן זיין ווייך האַרץ?

— מיט ווייכן, מרדכי, הייסט — אַז נישט דו זאָלסט די זאַך ביי אים אויספירן, נאָר קיילע היהניו. וואָס אַ ווייב קאָן אויפטאָן מיט גוטן, וועט עס קיין שווער קיין מאָל נישט פועלן מיט בייזן.

— און וואָס ווייטער?

— און ווייטער לאָז עס איבער פאַר מיר. איכל זיך שוין מיט קיילע היהניון אַדורכשמועסן. וואָס אַן אמת... זי איז אויך נישט צו אים ווי ס׳קער צו זיין. ווי איך באַגער עס... הונדערט מאָל פאַרקוק איך, און בלויז איין מאָל זאָג איך. זי מיינט — איך ווייס נישט. פאַר אַ מאַמעס אויגן און אויערן זענען נישטאָ קיין ווענט. אָבער זי׳ז דאָך אַ כאַכיימע — זי׳ט מיך אויסהאָרכן, פאַרשטיין און פאָלגן.

— נו, גוט, גיטל לאה. — שאָקלט ער צו מיטן קאָפּ און נעמט נישט אַוועק דעם אַרויסגעשטאַרצטן בליק פונעם שימער פון אירע אויגן. — אויך איכל דיך פאָלגן. ווי תמיד...

ער טוט זיך אַ בייג איין צו איר פּנים און אַ קוש אין מויל.

— אוי, מרדכי, — טוט זי אַ קוימקוימיקן שמייכל, — דו פירסט זיך נאָך אַלץ אויף מיט מיר, ווי אַ יונגערמאַנטשיק, וואָס סע נעמט אים ערשט שפּראָצן דאָס בערדל. פאַרגעסט גאָר אַז איך בין שוין גאָרנישט קיין יונג ווייבל. אַ באָבע פון פיר איייניקלעך... אַ גוטע נאַכט דיר און גיי שלאָפן.

— אויך דיר אַ גוטע נאַכט, גיטל לאהניו. — שטעלט ער זיך אויף און לאָזט אויס, שוין צוקומענדיק צו זיין בעט. — פאַר מיר עלטערסטו זיך דען?

קוים פאַרמאַכט די אויגן, דערהערט ער: גיטל לאהניו שלייכט אין

די טוכענע שטעקשיך צו דער טיר. עפנט ער די אויגן, דערזעט ער זי אינעם לאַנגן העמד, ווי אַ ווייסן שאָטן, און פרעגט מיט אומרו:

— וואָס איז געשען? וווהין גייסטו עס איצטער, גיטל לאהניו?

— שששלאָף, שששלאָף. — באַרויִקט זי אים מיט געשעפטש. — אויף אַ רגע צו קיילע חיהניו, איר אָנזאָגן: לעמאַנעשעם, זי זאָל ערשט צו אים קיין טענות־ומענות נישט האָבן פאַרן נישט קומען צו דער וועטשערע. און וועגן אַלץ וועל איך שוין מיט איר רעדן, אם־ירצה־השם, מאָרגן...

## מב

יידעלעס וועטשערע בלייבט דאָס מאָל שטיין אַ נישט־אָנגערירטע. ער פּראַוועט אַ "משמור" * אין בית־מדרש. לערנט, געגעצט, דרימלט איין, דרימלט איין און לערנט ווידער. אַזוי ביז באַגינען, ווען ס'באַווייזט זיך דער ערשטער דאַוונער, דער געלער קצב, וואָס האָט די גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט צוליב דער טרייף געוואָרענער רינד. לאָזט ער זיך דעמלט אַהיים, שלייכט זיך שטיל אַריין אין אַלקער, טוט זיך אויס און לייגט זיך שלאָפן.

ווען ער כאַפּט זיך אויף, איז ער שוין דאָ איינער אַליין. קיילע חיהס געלעגער און רחלעס וויגעלע זענען שוין פאַרבעט. דער איבערבייס — פרישע פּלעצלעך מיט פּוטער, מיט פרישע גרינע טשיפּיריעס און אַ גלאָז טיי מיט מילך — שטייט דאָ אויפן טישל. אַזעלכעס — צום ערשטן מאָל! דאָס האָט עס אַוודאי די שוויגער אָנידערגעשטעלט. כאָטש קיילע חיה האָט זיכער געוואָרטשעט דערויף. ער וואַשט זיך, דאַוונט, עסט אָפּ און גייט צוריק אַוועק אין בית־מדרש.

צום אָנבייסן קומט ער אומיסטן שפּעט. אַריינגעקומען אין אַלקער, טרעפט ער אים שטיין אויפן טישל, דעם אָנבייסן — הייסע בולקע נאָר וואָס פונעם אויוון אַרויס, געהאַקטע לעבערלעך מיט פעטע גריוון מיט ציבעלע און געשמאַקן ראָסלפלייש... ווידער אויף געוויס די שוויגער...

---

* לערנט די גאַנצע נאַכט.

הונדערט און צוואַנציק יאָר זאָל זי לעבן. און ווער האָט דאָ אויפן בעט אַנידערגעלייגט דאָס פרישע וועש אויף שבת? ס'איז אַפילו נישט קיין ספק־ספיקא — אויך די שוויגער. אָפּגעגעסן, גייט ער דערמיט אַוועק צום טייך און זאַמט זיך דאָרט זייער לאַנג. אַזש קיילע חיה ווערט שוין אין שטוב אומרויִק:

— מילא, אַז מע ווערט פאַרפאַלן אין בית־מדרש, פאַרשטיי איך. אָבער — אין טייך?...

געקומען צוריק פון טייך, טוט זיך ייִדעלע אָן פאַרפרי שבתדיק און גייט אַוועק אין בית־מדרש, כדי נישט צו גיין מיטן שווער אין איינעם. צוריק פונעם דאַווענען גייט ער אַ ביסל אָפּגעשטאַנען פונעם שווער, ווי זיין שאָטן, פירנדיק די קינדער, מאירלען און וועלוועלען, פון ביידע זייטן. ער קומט אַריין הינטערן שווער אין שטוב מיט אַ שטילן „גוט־שבת", ווי צו דער פריש־געוואַשענער, זויבערער פאָדלאָגע. אָבער שבת איז — שבת פירט ער זיך אויף ווי אַלע שבת, נאָר שטיל, שווייגנדיק. רעדט נישט צו קיינעם, און קיינער רעדט נישט צון אים. ער פילט אויף זיך אָפּט די פאַרשנדיקע בליקן פון די עלטערע קינדער. אויך זיי זיצן היינט רויִקער ווי אַלע מאָל. דאָס עסן גייט אים נישט איין, און ער לאָזט איבער שיריים, צו דער זאָרג פון דער שוויגער. ווען נישט צוליב איר, וואָלט ער זיך צום עסן כמעט ווי נישט צוגערירט. אַפילו קיין גלעזעלע בראָנפן נאָך די פיש נעמט ער נישט. אָבער.... שבת איז דאָך שבת.

זונטיק פירט ער זיך ווידער אויף ווי דעם פאַריקן פרייטיק. און אַזוי טאָג נאָך טאָג. ער איז זיך שטאַרק מצער וואָס ער זעט כמעט נישט די קינדער. בלויז ביי נאַכט, ווען ער קומט שפּעט פון בית־מדרש, שאַרט ער זיך שטיל אַריין צו זיי אין אַלקער, קוקט פאַרזאָרגט און באַצערט אויף זייערע שלאָפנדיקע פנימלעך און בלייבט שטיין לענגער אַ ביסל לעבן פריידעלען... צי פילט די מאַמע זיינע דאָרט אין קבר, אָדער איר טייערע נשמה אין הימל, זיינע געברענטע צרות?... נישט אומזיסט זאָגט די גמרא: „כל המצפה על שולחן אַחרים, חייו אינם חיים... כל המצפה על

שולחן אחרים, עולם חשך בעדו"...* דאָס מיינט טאַקע זיצן ביי אַ שווער אַ שׂ ו ח ט אויף קעסט...

אַזוי — ביזן צווייטן פּרייטיק. היינט איז אים באַזונדער שווער אויפן האַרצן: שוין דער צווייטער פרייטיק ווי ער שפּילט נישט מיט פריידעלען אין בלאַנש, פאַרהערט נישט מאירלען און וועלווען, און שפּילט נישט מיט מאירלען אין "ציגנוואָלף"... פאַרפאַלן.

נאָכן דאַווענען, בעתן ברומען שטיל דעם "אשת חיל", פאַרגנבעט זיך זיין בליק פון זיך אַליין צו קיילע חיהס פּנים און פאַרטשעפּעט זיך מיט אירן... זי קוקט אויף אים, און נישט נאָר — נישט בייז, נאָר, דאַכט זיך, אַפילו מילד. כאַפּט ער, ווי אַן אָפּגעבריטער, דעם בליק צוריק. זיינע אויערן הערן שוין נישט וואָס זיין מויל ברומט, נייערט ער טראַכט: ווי שיין זי איז, קיילע חיה, אין דער שבתדיקער הלבשה מיטן זיידענעם האַניק־קאָלירענעם טיכל אויפן קאָפּ! המם... זי קוקט אויף אים אַזוי־אָ, און ער — דער שוטה! — באַהאַלט זיך אַלץ אויס פאַר איר... אפשר שפּעטער אַ רעד טאָן מיט איר אַ פּאָר ווערטער וועגן די קינדער?... ניין, דאָס וועט אים דאָס האַרץ נישט דערלאָזן. זאָל ז י אָנהייבן.

אָבער אומגעריכט פאַר זיך אַליין הייבט אָן ע ר. זיין שלאָף נאָך דער סעודה איז אַן אומרויִקער, אַ שווערער. ענדלעך כאַפּט ער זיך אויף און עפנט די אויגן. סע שטייט פאַר זיי אַ וואַנט פון פינצטערניש: דער אַריינגעדרייטער לאָמפּ אויפן טיש איז עפּעס היינט, גאַרנישט ווי דער שטייגער, אויסגעגאַנגען. מ'האָט אַפּנים דאָס מאָל ווייניק נאַפט אַריינגעטאָן אין דער ביינקע... פאַר וואָס? ער האָרכט זיך איין אין דער חושכדיקער שטילקייט. ס'הערט זיך בלויז דאָס שאַרפע גרילן פון אַ גריל. אויב נישט אַזש פונעם פריפּעטשאָק אין קיך... דאַכט זיך — קיילע חיה האָט זיך אויף איר געלעגער געטאָן אַ וואָראָשע... און ער דערזעט זי אין זיין פאַרשטעלונג, ווי ער האָט זי היינט געזען בעתן זאָגן "אשת חיל"... זי קוקט אויף אים מיט אַ מילדן בליק... יאָ, אויך זי שלאָפט אומרויִק...

מיט אַ מאָל טוט עפּעס ווי אַ שימער אַ שוואַרצקייט אין דער געדיכ־

---

* וועער סע קוקט אויס אויף פרעמדע קעסט, איז זיין לעבן קיין לעבן נישט... וועער סע קוקט אויס אויף פרעמדע קעסט, איז דאָס לעבן פאַר אים פינצטער.

טער פינצטערניש, און פאַר די אויגן טוט אים אַ שווינדל אַ שורהלע גמרא: "חייב אָדם לפקוד את אשתו"...* ער איז מחויב — משמע, אַפילו ווען ער אַליין האָט קיין חשק נישט... אמת, דאָס איז גערעדט ווען דער מאַן קלייבט זיך אין וועג אַריין, און ער קלייבט זיך דאָך נישט צו פאָרן ערגעץ.

ער הייבט זיך אויף שטיל־שטיל פון בעט אַרויס, קיילע חיה זאָל עס נישט דערשפּירן, און בלייבט אַ ווייל שטיין. און כאָטש ער גייט אָפּצאָלן אַ "חוב", וואָס די רבנן זענען אים מחייב מדאורייתא, שלייכט ער זיך ווי אַ גנב, אויסמיידנדיק דאָס וויגעלע מיט רחלען, צו קיילע חיהס צוקאָפּנס. זיינע אויגן גראָבן זיך אין דער פינצטערניש: צי מאַכט זי אָפּווערנדיק מיט דער האַנט?... פירט ער זיין האַנט איבער איר קישן ביים ראַנד פון בעט אַראָפּצו... ס'איז דאָ פּלאַץ פאַר אים... נעמט אים קלאַפּן דאָס האַרץ, און ער לייגט זיך אַנידער. נעמט ער פאַרהייבן די קאָלדרע — זי איז פאַרנומען אונטער איר גוף... ווי אַ פאַנצער. ווען ער פּרוּווט אים ציטעריק, פון פחד און גלוסטונג, אַרויסציִען, דעם פאַנצער, דערהערט ער קיילע חיהניוס הייס אָטעמען, און פון אָטעמען אַרויס — ווערטער, ווי פון וואַרעמער לופט:

— ניין, ניין... אַז דו ס'נישט פאָלגן מיין טאַטן... 'על איך נישט פאָלגן דיר.

— קיילע חיה... הער... פאָלג מיך.

זי דרייט זיך אויס אונטערן פאַנצער צו דער וואַנט:

— ניין! ווען דו 'סט פריִער פאָלגן...

טוט ער אַ פאַרבייס די אונטערשטע ליפּ, אַ רייס אַראָפּ זיך פונעם בעט, פאַרשעמט פאַר זיך אַליין, און וואָרטשעט פאַרביטערט אין דער פינצטער־ניש אַריין:

— "מו...ר...ר...דת...ת...ת". **, — און דערטראַכט: ווען כ'וואָלט זיין אויף אייגענע קעסט, וואָלט זי אַזוי נישט געוועזן — —

די גאַנצע קומענדיקע וואָך פירט זיך יידעלע אויף עקשנותדיק, ווי

---

* אַ מאַן איז מחוייב צו באַזוכן זיין ווייב.

** ווידערשפּעניקערין סעקסועל.

פריִער. ער איז פאַרנומען מיט דער סוגיה "המורדת בבעלה" אין דער גמרא און פוסקים. יאָ, על־פּי־דין קאָן ער זי צווינגען צו נעמען אַ גט אָן כתובה, אָבער... וואָס וועט ער אָנהייבן צו טאָן דערנאָך? נישטאָ טאַטע־מאַמע. כאָטש גיי אין הקדש אַריין. און וואָס וועט זיין מיט די קינדער? מיט רחלען? פאַרפאַלן!... און אפשר, אַ?... דאַרף איך טאָן ווי רבי עקיבא? פאַר יעדער כוואַליע האָט ער איינגעבויגן דעם קאָפּ... און אפשר... אפשר איז זי גאָר קיין "מורדת" נישט, קיילע חיה? זי שטעלט דאָך אים בלויז אַ תנאי: ער זאָל אויפהערן זיין אַ "מורד" אין איר טאַטן. אַדרבה — ס'איז פון איר זייט גאָר אַן ענין פון "כיבוד אָב". איי, ער קאָן עס נישט טאָן, דאָס וואָס דער שווער פאַרלאַנגט פון אים, זיך לערנען שחיטה, דאָס פאַרשטייט זי נישט. דאָס פילט זי נישט. ווי קאָן זי דאָס פילן, אַז איר טאַטע איז אַ שוחט? זי וואָלט אַליין געקאָנט זיין אַ שוחט. מאירל, וואָס איז שוין דעם שווערס אַן איניקל, "יוכיח" *... איז וואָס זשע טוט מען? אַ?...

ער קאָן זיך נישט באַשליסן אויף גאָרנישט, און באַשליסט זיך נישט. נאָר דאָנערשטיק, צו דער צייט פון אָנבייסן, פירן אים די פיס אַהיים, נישט אָנפרעגנדיק ביי זיין קאָפּ. ער פרוווט זיך נישט זיי אַקעגן צו שטעלן. צו דער שטומער פאַרווונדערונג פון די שטוביקע עסט ער היינט צוזאַמען מיט אַלע. מע רעדט שטיל וועגן שטעטלשע ענינים. ער שווייגט. אָפּגעגעסן, טוט ער אַ טראַכט: מע דאַרף גיין אין בית־מדרש אַריין. אָבער די פיס פירן אים נענטער — אין אַלקער פון די קינדער. מיט אַ ספרל אין האַנט שפּאַרט ער זיך צו אויף מאירלס בעט. ער וועט דאָ וואַרטן... אויף וואָס? אפשר וועט פריידעלע אַריינקומען, וועט ער שפּילן מיט איר אין בלאַנש. שוין אַזוי לאַנג מיט איר נישט געשפּילט! אָבער פריידעלע איז, דאַכט זיך, גלייך נאָכן עסן אַוועקגעגאַנגען צו אַ חברטע, אפשר צו צביהלען, דעם סופרס איניקל. איינדרימלען איבער דעם ספרל קאָן ער דאָס מאָל אויך נישט. אפשר דערפאַר וואָס ער האָט נישט פאַרמאַכט די טיר אַהער... פאַר וואָס טאַקע האָט ער זי נישט פאַרמאַכט? איצטער פוילט ער זיך אַראָפּצוגיין פונעם געלעגער... אָט גייט דער שווער פאַרביי מיטן עופות־חלפּל אין קיך אַריין. הייסט עס...

---

* באַווייזט עס.

לאָזט אים מיט אַ מאָל נאָך די פּוילקייט, און ער גייט אַראָפּ פאַרמאַכן די טיר. נאָר אָנשטאָט דאָס צו טאָן, פירן אים די פיס דורך דער קיך אין שטעלכל אַריין. דאָ וואַרטן שוין עטלעכע ווייבער מיט עופות, און דער שוועך מאַכט הכנות. דערזען אים, מאַכט זיך דער שוועך נישט זעענדיק אים. אַ שמייכל טוט אַ פינקל אין זיינע אויגן, און ער טוט אַ ברום שטיל, דער איידעם זאָל נישט דערהערן:

— געפּגרט אַ בער אין וואַלד!

דער איידעם צווינגט זיך צו קוקן אויפן שוועך. זיין פּנים, דעם שוועכס, ווערט פרומבייזער, ווען ער מאַכט די ברכה. טוט אַ פאַרשטעק דאָס חלפל צווישן די ציין, אַ פאַרדריי דאָס קעפל פון דער הון. די הון טוט אַ שאַרפן קרעכץ. פליק־פליק די פוכפעדערלעך פונעם העלדזל. אַ נעם דאָס חלפל פון צווישן די ציין און... כיק. כיק... אַ שפריץ בלוט. אַ וואָרף די הון איז אַ זייט... די הון צאַפּלט, צאַפּלט... אַ צעשפּרייט די פליגל... און אים, ייִדעלען, טוט זיך אַ לאָז אַראָפּ אַ רויטער פּרוכת איבער די אויגן, ווי אַ שקיעה־כמאַרע... סע שפּריצט פון איר אַ רעגן אויף זיין פּנים — — —

די אויגן צעעפענען זיך ברייט, פאַרחידושט, אָנצוקוקן דעם רעגן. ער ליגט אין אַלקער אויף מאירלס בעט, ווו ער איז פריִער געלעגן. צוקאָפּנס שטייט די שוויגער און פאָכט איבער אים מיטן שוועכס רויטער פאַטשיילע... ווי יוסף הצדיקס כתונת־פּסים... אין דער זייט, קעגן אים שטייט קיילע חיה מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און צענומנעע פינגער. פון זייערע שפּיצן טריפן וואַסער־טראָפּנס...

— האָסט געחלשט, ייִדעלע, — איז אים קיילע חיה מודיע, גלייך ער וואָלט זי גאָר געפרעגט וואָס מיט אים איז געשען.

— אַ דאַנק דעם וואָס לעבט אייביק. — רעדט די שוויגער איבער אים, ווייטער פאָכענדיק מיט דער פאַטשיילע איבער זיין פייכט פּנים. — אַז אַ מענטש האָט אַזאַ איידל און ווייך האַרץ...

— אַז מען האָט אַ ווייב, — שלאָגט איר איבער קיילע חיה, רעדנדיק, צי צו אים, צי צו איר, מיט אַ טאָן פון פאַרענטפערן זיך, — און, אָן עין־הרע, פיר ליכטיקע קינדער, מוז מען דאָס האַרץ האַרטער מאַכן. צו אַלץ זיך צוגעוווינען... מיין טאַטע, זאָל אונדז לעבן און געזונט זיין, איז דען, חלילה, אַ פעלד־גזלן? ס'איז דאָך אַ ייִדישע זאַך...

אירע רייד ווידער שלאָגט איבער דער אַריינקומענדיקער שוועער מיטן פאַרבלוטיקטן חלפל אין האַנט און בלוטיקע אויגן אין פּנים, נאָר די שטים איז איבערבעטנדיק:

— נו, איידעם מיינער, "כל התחלות קשות".* פון היינט אָן און ווייטער וועט עס דיר שוין גרינגער זיין. ביסלעכווייז. ביסלעכווייז וועסטו זיין ביי מיר די רעכטע האַנט... גיטל לאה, קיילע חיה, איר הערט גאָרנישט ווי רחלע רייסט זיך דאָרט אין אַלקער?

— אוי־ווי איז מיר נישט! —טוט זיך קיילע חיה אַ לאָז אַהין.

אויך דער שווער לאָזט זיך באַדאַכט אַרויסגיין. ביי דער טיר דרייט ער אויס דעם קאָפּ און זעט: גיטל לאה האָט זיך פון אָרט נישט גערירט. פּאָכעט נאָך אַלץ איבערן איידעמס פּנים מיט זיין רויטער פאַטשיילע... ער איז אים מקנא, דעם איידעם: ווי ע ר וואָלט זיין ביי איר כיישעוועער פון מיר. ווי ער וואָלט זיין אונדזערער אַ בן־יחיד, צו וואָס מיר האָבן נישט זוכה געווען.

— גיטל לאה, — טוט ער אַ זאָג מיט אַ רוגזלעכן טאָן, — כ׳דאַרף באַלד האָבן די פאַטשיילע.

אונטערן מילדן פּאָכען פון דער פאַטשיילע מאַכט ייִדעלע צו די אויגן... אוי, ווען זי וואָלט נישט זיין אַזוי רויט, ווי בלוט... פון דעסטוועגן איז עס אַזוי גוט... ווי די מאַמע פריידע וואָלט דאָ געשטאַנען איבער מיר... המם... מוז איך, הייסט עס, צוליב דער מאַמען... צוליב פריידעלען... צוליב דער שוויגער זיין... זיין אַ שוחט... אַ שו־ו־ו...

און ער דרימלט איין. ער פילט נישט ווי די שוויגער באַרירט זיין שטערן מיט די ליפּן, און אַוודאי הערט ער נישט ווי זי שעפּטשעט, אַרויס־שלייכנדיק שטיל:

— דער אייבערשטער זאָל זיין מיט דיר, בן־יחיד מיינער.

*

אויף מאָרגן כאַפּט זיך ייִדעלע אויף פון שלאָף ביי זיך אין בעט אַ פאַרשפּעטיקטער. ער פילט עס, כאָטש די לאָדנס זענען נאָך צו. דער

* אַלע אָנהייבן זענען שווער.

טאָג האָט זיך שוין אַהער אַריינגעזייעט דורך זייערע שפּאַרונעס, און אַ שטויבנזיילעכל שפּילט אין דער שטומער טונקלקייט און שטילקייט. קיילע חיהס בעט קעגן איבער איז שוין פאַרבעט, רחלעס וויגעלע — אויפ־געראַמט, און זי אַליין מיטן קינד זענען נישטאָ. מע האָט אים, הייסט עס, אומיסטן געלאָזן זיך פאַרשלאָפן, כדי ער זאָל זיך וואָס בעסער אויסרוען נאָכן נעכטיקן חלשות... מע זאָרגט פאַר אים. סע שטייט אים אין געהער וואָס קיילע חיה האָט נעכטן גערעדט, ווען ער האָט זיך פון חלשות אויפ־געכאַפּט: „...מוז מען דאָס האַרץ האַרטער מאַכן און זיך צו אַלץ צוגעַ־ווינען”, און וואָס דער שווער האָט געזאָגט: „ביסלעכווייז... ביסלעכווייז...”, און ווי די האַרציקע שוויגער האָט מילד געפּאָכעט אויף זיין פּנים מיט דער רויטער פאַטשיילע... פאַרפאַלן! קיין צוריקוועגס איז נישטאָ. ער האָט דאָך שוין געמאַכט די התחלה און ״כיוון שהתחיל אומרים לו: גמור!״.* ער האָט פאַרשפּילט ביי זיי, ווי מיט עטלעכע יאָר צוריק ביי ידידיה מלמד... מאַ, געדעכט זענען ז י י דאָך. ווי האָט זי געזאָגט, קיילע חיה? „ס׳איז דאָך אַ יידישע זאַך...” — די שחיטה הייסט עס. און אַ טאַטע פון פיר קינדער דאַרף דאָך טאַקע זאָרגן וועגן אַ תכלית. מע מוז ווערן אַן אַכזר צו בעלי־חיים צוליב רחמים אויף די קינדער. יאָ, סע שטייט אים פאַר ערשט אַ צווייטע מלחמה, אַ שווערערע: די מלחמה מיט דער אייגענער מענטשלעכער שוואַכקייט. מיט דער אייגענער ווייכהאַרציקייט. מער טאָר איך נישט חלשן...

ער טוט זיך אָן און גיסט זיך אָפּ נעגל־וואַסער. סע עפענען זיך די לאָדנס. ער דאַוונט שוין דאָ אָפּ, גייט אַריין אין שטוב און עסט דעם צוגע־גרייטן איבערבייס אויפן טיש. ערשט גייט ער אַריין אין שטאַל צוצוקוקן ווי דער שווער קוילעט די עופות לכבוד שבת... נו, ס׳איז אים היינט שוין טאַקע לייכטער. דאָס האַרץ פאַרקלעמט זיך טאַקע, קלאַפּט שטאַרקער, אַ נישטגוטקייט צעגייט זיך פון דעם אינגעווייד אַרויף צום האַלדז, אַ רויטע טונקלקייט לאָזט זיך אַראָפּ פאַר די אויגן. אָבער ער איז זיך גובר... ער בלייבט שטיין אויף די שוואַכע פיס... ער חלשט נישט...

— ני. זעסמיו שויז, — טוט אַ זאָג דער שווער, נישט אויסדרייענדיק

---

** אַז ער האָט שוין אָנגעהויבן, זאָגט מען: פאַרענדיק.

צו אים דעם קאָפּ, בעת ער גייט אים נאָך פון הינטן, פון שטאָל אין שטוב אַריין, — קאָן זיין, אַז אַ מצווה. וואָס שווערער זי קומט אָן, אַלץ אָנגעלייגטער איז זי ביים רבונו־של־עולם.

— נישט — סע קאָן זיין, נאָר — סע איז אַזוי. — רופט זיך אָפּ דער איידעם צום שווערס ברייטער פּלייצע: "לפום צערא אגרא" — לויטן צער קריגט מען באַצאָלט.

נאָכן אָנבייסן, אַ זאַטער פון די געהאַקטע לעבערלעך מיט ציבעלע אויף הינערשמאַלץ און דעם ראָסלפלייש מיט פעטע אויגן, אויסגעטונקענע מיט דער ווייכער חלה, גייט ער אַריין אין קינדער־אַלקער. ער וועט נעמען אַ ספר אין האַנט, דערין מעיין צו זיין, זיך צושפּאַרן אויף אַ געלעגער און מסתמא כאַפּן אַ דרימל. אָבער נאָך איידער ער טוט עס, קומט אַריין מאירל מיט אַ גמרא אונטערן אָרעם און זאָגט אַזוי נעבעכדיק:

— טאַטע, די מאַמע האָט געזאָגט, זאָלסט מיך פאַרהערן די גמרא.

— אַדרבה! — איז ער שטאַרק צופרידן און זעצט זיך גלייך צום טיש.

— זייער פיין, מאירל. מיש אויף דעם שיעור פון דער היינטיקער וואָך.

אויסגעהאָרכט אים און אויסגעפּרווט "צי די אויערן הערן וואָס דאָס מויל רעדט", מאַכט ער זיך נאָך אַ מאָל קלאָר, וואָס ער ווייסט שוין פון לאַנג: אַ פּלאַטשיק מוחל... און אפשר אויך — אַ פּלאַטשיק הערצל. דעריבער האָט ער ליב, מאירל, צו שטיין און צוזוקוקן מיט שטאַרקער הנאה ווי דער זיידע שעכט, ביז די באָבע רופט אים נישט אַוועק. איין מאָל האָט ער זיך אַפילו געבעטן: "זיידע, נעם מיך מיט אין דער בוינע אַריין"... ער, מאירל, האָט קיין איין מאָל נישט געחלשט. ער איז נישט געראָטן, נישט אין דיין טאַטן און נישט אין מיין טאַטן, עליו השלום. אַזוי וועט ער אויך מיר שטיין אַקעגן, ווען כ'וועל שעכטן... ווי אַ הינטל וועל איך אים פאַרטרייבן!...

ווי ער זיצט אַזוי אין די מחשבות, קומט אַריין פריידעלע מיטן פודעלע בלאַנש:

— טאַטע, די באָבע האָט מיך געשיקט פרעגן: אפשר ווילסטו שפּילן מיט מיר?

— אַך, הונדערט און צוואַנציק יאָר זאָל זי אונדז לעבן, די באָבע גיטל לאה! זעץ זיך, פריידעלע, צום טיש, צעמיש די ביינדלעך, נעם זיך

זעקס און מיר זעקס און גיי דו אַרויס "פּערווי",* מאַמעלע לעבן.

ער שפּילט מיט איר אַזוי לאַנג, ביז סע ווערט איר שוין דערעסן, און זי טוט אַ זאָג שולדיק:

— טאַטע, איך וויל שוין גיין שפּילן מיט די חברטאָרינס.

— נו, מילא, גיי. און אויב דו זעסט דאָרט מאירלען, זאָג אים: אויב ער וויל, זאָל ער אַריינקומען שפּילן אין אַ "ציגנוואָלף".

אָבער מאירל קומט נישט אַריין. טוט ער אַ קוק אַרויס דורכן פענצטער אין דרויסן. די זון אויפן הימל הייבט שוין אָן נידערן צו דער מערב־זייט. גייט ער אַריין צו זיך אין אַלקער און — זע־נאָר! אויפן בעט ליגט שוין צוגעגרייט דאָס שבתדיקע וועש. שטויסט ער זיך אָן עפּעס, נעמט עס אונטערן אָרעם און לאָזט זיך גיין באָדן אין טייך.

דאַוויענען גייט ער היינט האַנט ביי האַנט מיטן שווער. דער שווער מיט מאירלען, און ער מיט וועלוועלען. צו דער סעודה, ווען ער מאַכט קידוש נאָכן שווער, און מאירל דערלאַנגט זיין בעכער דער מאַמען, דאַכט זיך אים, אַז קיילע חיה האָט היינט לענגער פאַרהאַלטן די ליפּן אויפן ראַנד פונעם בעכער... נאָך די פיש, איידער ער באַוויזט אָנצוגיסן זיך אַליין אַ גלעזעלע בראָנפן, גיסט אים דער שווער אָן כמעט אַ פולן בעכער און טוט אַ זאָג:

— נאָ, זיי טועם, יידל, ביזן דנאָ. באַווייז, אַז כאָטש אַ טאַטע פון פיר קינדער, ביסטו נאָך נישט קיין שוואַכע ייִדענע.

זיי טרינקען אויס, און דער שווער גיט צו מיט אַ ליכטיק פּנים:

— וועסט, אם ירצה השם, זיין ביי מיר אַזאַ שוחט, אַז שוחטים וועלן מיר מקנא זיין אויף אַזאַ תלמיד. ווייל... ווייל דו האָסט, אַ דאַנק דעם אייבערשטן, אַזאַ רבין... כע־כע־כע...

נאָך דעם קומט אַ פייערלעכער "כל מקדש" און זמירות, און לאָקשן־מיט־גילדענער יויך און פליש. אַלץ — אין אָנזעעוודיקע פּאַרציעס. און די שוויגער טרייבט אים שטיל אונטער:

— יידעלע, נאָר לאָז מיר נישט קיין שיריים. ביסט טאַקע אַ רב, אָבער נישט קיין רבי.

---

* די ערשטע.

— זעסטו, — האַלט איר אונטער דער מאַן, — אַ שוחט וועסטו זיין, אפשר מיט דער צייט, אַז ס'עט זיין דעם אייבערשטנס רצון — אויך אַן אמתער רב. אָבער קיין רבי וועסטו דאָך קיין מאָל נישט ווערן, און חסידים וועלן דיינע שיריים נישט כאַפּן. סיידן דאָס אייגענע ווייב...

— פאַרן ווייב קאָן דער מאַן זיין "לחם־קלוקל" * ווי דער מן אין דער מדבר, — טוט עס אַ בליץ אַרויס פון איידעמס מויל.

און זע־נאָר! דעם פלוימען־און־ראָזשענקע־צימעס שטעלט דאָס מאָל אַוועק פאַר אים דווקא קיילע חיה אַליין.

אַוועגעשלייכט נאָכן בענטשן פונעם טיש, איבערגעזעטיקט און שווער, און אויך לייכט פאַרטשאַדעט פונעם בראָנפן, לייגט ער זיך גלייך אין בעט אַריין. ווען האָט זי עס באַוויזן אויסצובעטן? טאַקע אַן אשת־חיל. און גלייך מיט די לעצטע ווערטער פון דער אָפּגעכאַפּטער קריאת־שמע: „...לי ולא איראַ־אַ־אַ..." פאַלט ער אַריין אין שלאָף — —

נאָך דער דריטער אַשמורה ווערט אים אין דער פינצטערניש פון אַלקער קלאָר, צו זיין קוועלנדיקער פרייד און אינעווייניקסטן שטאָלץ: האָב איך דאָך ריכטיק פאַרשטאַנען די זאַך: זי איז דאָך טאַקע נישט קיין "מורדת", חלילה, מיין קיילע חיהניו... אַ כשרע ייִדישע טאָכטער, וואָס טוט דעם רצון פון איר מאַן..

* נישטיקע שפייז.

# דריטער טייל

## מג

פאַר פרי טרייבן היינט די פאַסטעכער די טשערעדע צוריק פון פאַשע־פעלד. די שטייענדיקע דושנע לופט פאַר דער גאַנצער נאָכמיטאָגצייט, און אַ קליין, לופטיק, זילבערגרוילעך וואָלקנדל, וואָס פלעקט זיך איבערן מערבדיקן הימלראַנד, בעת די זון נייגט זיך אויף אַראָפּצולאָזן, זאָגן זיי אָן: סע קלייבט זיך אויף אַ שטורעם.

ווען די טשערעדע קומט נעענטער צום שטעטל, דערזעען זיי פּלוצעם אויפן מערב־ראַנד, ווי פון יענער זייט וועלט זיך אַרויפגעהויבן, אַ טונקל־בלויע, ווייכע כמאַרעוואַנט. ווי נאָר די זון לאָזט זיך אַראָפּ, ווי זיך צו באַהאַלטן הינטער איר, ווערט פון איר אַ טייך געדיכט בלוט. דער טייך צעגיסט זיך אַלץ מערער אַרויפצו צום פאַרנאַכטיקן הימל. פון ערגעץ, טאַקע, דאַכט זיך, פון דאָרטן, טוט עס אַ טראַג אָן אַ ווינט. ער הייבט אויף דעם שטויב פון אונטער די טלאָען פון דער טשערעדע איבער אירע באַהערנערטע קעפּ און טראָגט אים אַוועק אין שטעטל אַריין.

דער טייך בלוט אויפן מערב איז שוין אויסגערונען. די טשערעדע קומט אַריין אין שטעטל מיט אימהדיקע מרוקערייען, ווי מיטברענגענ־דיק אויף די הערנער דעם ווינט מיט פריצייטיקער פאַרנאַכט־טונקלקייט. דער ווינט נעמט קרייזלען דעם גרויען שטויב אויפן שאָסיי, מאַרקפּלאַץ און די גאַסן. אַפילו אין די געסעלעך צווישן איין הויז און אַ צווייטן. ערטער־ווייז שטעלט ער אויף, דער ווינט, דעם געקרייזלטן שטויב אין געשטאַלט פון איבערגעקערטע לייקעס, וואָס דרייען זיך אויפן אָרט, ווי ריזיקע חנוכה־דריידלעך. ווייבער פאַרמאַכן אין גרויס איילעניש די פענצטער און קוקן אַרויס מיט צעשראָקענע אויגן דורך די שויבן אויף די שטויב־לייקעס.

לויבע די סופרטע, וואָס פאַרנעמט זיך אין גרשון שניטקרעמערס שטוב מיט אירע אייניקלעך, פּלאָפּלט אין אימה שטיל, די קינדער זאָלן, חלילה, נישט דערהערן:

— אַלטע שדים מיט יונגע מכשפות טאַנצן איצט אַ שדים־טאַנץ איבער לוהיסקער גאַסן...

דער גאַנצער איינגעשרומפּענער חלל אונטערן שוואַרץ־פּאַרוואָלקנטן הימל האָט אַ גרויען קאָליר. דורך דעם שטויב און די שטויבלייקעס איילן זיך ייִדן פּריצייטיק צו מנחה־מעריב אין בית־מדרש אַריין, איידער ס׳וועט אַ כליאַפּע טאָן יענער רעגן. די קי ווערן שנעל אַריינגעלאָזן אין די שטאַלן. די קליינטן ווערן אייליק פאַרשלאָסן: וואָסער משוגענעם קונה וועט עס איצטער אַהער אָנטראָגן?

און אָט טוט אַ שפּריץ אַ שיטער נאָר שאַרף רעגנדל — טראָפּן־שפּיצלעך, ווי נאָדלשפּיצן. זיי זאָגן אָן דעם גרויסן פּלייץ. ווייבער אין די שטאַלן, איינגעהאָרכטע אינעם דרויסן, מעלקן די קי, וואָס מאָלן מיט די ציינער די פּילעס פון פאַרפאַרעטער סיטשקע געמישט מיט מאַקוך און סאַפּען שווער. מיט אַ מאָל דערהערט זיך דאָס דריבנע קלעפּלען פון רעגן־פינגער איבערן שינדלענעם דאַך. באַלד טוט דורך די שפּאַרונעס צווישן די ברעטער אַ בלענד דאָס רויטלעכע ליכט פון אַ בליץ. נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. פון הימלדיקע ווייט־ווייטע ערגעצן דערטראָגן זיך קראַכענ־דיקע, צעשאָטענע, זיך קייקלענדיקע, אימהדיקע געהילכן פון דונערן, ווי וועגט פון שטיינערנע טעמפּלען וואָלטן זיך דאָרט צעפאַלן און אויסגעשאָטן אויף דער ערד אַראָפּ. איבער די פעלן פון די קי לויפט דורך אַ דריבנע צוק, אַזש די פינגער וואָס ציִען די מילך פון די דיקעס דערשפּירן עס. דאָס האַרץ פון דער מעלקערין טוט זיך אַ צאַפּל אין שרעק: די מילך אינעם הייטער זאָל נישט פאַרגליווערט ווערן, און פון די ליפּן טוען אַ פאַל אַראָפּ צוויי ווערטער:

— דערבאַרעמדיקער איינער!

אין בית־מדרש, נאָכן אָפּדאַווענען מעריב, כאַפּט מען אַ בליק דורך די נאַסשוואַרצע שויבן צום דרויסן. נאָר זען זעט מען נאָר דאָס אייגענע פּנים צווישן די אָפּגעשפּיגלטע צעשוווּמענע פייערלעך פון די בית־מדרש־לאָמפּן. אָבער דער אויער דערשפּירט, אַז דער פּלייץ איז שוואַכער געוואָרן. טוען זיך פריִער געציילטע, איינציקווייז, דערנאָך, אויף זיי קוקנדיק, דער גאַנצער עולם, אַ לאָז אַרויס אין פּאָליש און פון פּאָליש אין דרויסן. דאָ טוט איטלעכער אַ פאַרהייב דעם קאָפּ, אַ בליק צום געדיכט פאַרכמאַרעטן הימל און נעמט ״שטעלן פּיס״, כדי אַהיים צו קומען, איידער סע וועט ווידער אַ פּלייץ טאָן. אַזאַ הימל זאָגט אָן אַ רעגן מיט הפסקות ביזן גרויען טאָג אַריין.

פּאַר פּרי עסט מען אָפּ די וועטשערע ביי פּאַרמאַכטע לאָדנס, און מע גייט אין די בעטן אַריין. אין אַ רעגן שלאָפט זיך געשמאַקער. דאָס ליכט פון די לאָמפּן אין די הייזער, וואָס שפּאַרט אַרויס דורך די שפּאַרונעס פון די לאָדנס און מאַכט גלאַנצן די נעץ אין דרויסן, לעשט זיך שנעל אויס. דאָס גאַנצע שטעטל, די הייזער, די קלייטן, די שטאַלן, פאַרוויגט פון דעם געשעפּטש פון רעגן און רינענדיקע וואַסערלעך, זינקט אין פינצטערניש, אויסגעבעט מיט שטילקייט. אַפילו די יאַטקעהינט לאָזן זיך נישט הערן מיט קיין ביל — באַהאַלטן זיך אויס אונטער בריקלעך און אין אָפענע פירהייזלעך, ווו נאָר סע לאָזט זיך.

איין פאַרשוינדל בלויז, אַ מאָגערס, אַ קליינס, אַ רוחני, וואַכט ערשט אין דרויסן — דער קלייטן־וועכטער, שמחהלע זאַלמעסאַניע. אמת, ווען מע וואָלט ערשט באַלויכטן זיין געשטאַלט מיט אַ לאַמטערן, וואָלט ער אויסגעזען גאָרנישט אַזוי דאַר. אַפילו — דיקלעך. ער איז באַפּעלצט מיט אַן אַלטער בורקע, וואָס גרייכט אים איבער די שטיוול ביז די אָפּצאַסן. דין איז ער נאָר אויף דעם אָרט, ווו די בורקע איז אַרומגעבונדן מיט אַ דיקן שטריק. ער זיצט אונטערן דאַכאָפּקאָפּ פון גרשון שניטקרעמערס קלייט אויף אַ קעסטל, מיט דער פּלייצע אָנגעשפּאַרט אויף דער דעמבענער, געקאָווער טיר. אין דער פאַזוכע — אַ קאַלעקאָטקע. פון צייט צו צייט גיט ער מיט איר צו וויסן דעם לוהיסקער שלאָפנדיקן עולם, אַז ער, דער וועכטער, שמחהלע זאַלמעסאַניע, שלאָפט נישט, האַלט אָפן די אויגן אין דער פינטערניש אַריין. קיין שאָטן וועט זיך פאַרביי אים נישט דורכגנ־בענען. ער וואַכט אין דער נאַכט, ווי זיין האַרץ הינטער דער שווערער בורקע. לעבן אים שטייט אָנגעשפּאַרט אין דער טיר זיין דיקער סענקעוואַטער באַרנשטאָק — זיין געווער, וואָס ער טראָגט נאָר מלחמה־צייט, ס'הייסט ביי נאַכט. מיט אים וועט ער, ווי אַ לייב, באַשיצן דאָס פאַרמעגן פון זיינע באַלעבאַטים, די קרעמער, די רייכע ווי די אָרעמע, מיט מסירת־נפש, נאָך מער ווי סע וואָלט זיין זיין אייגנס. ער באַטראַכט דאָס דאָזיקע טועכץ זיינס, נישט נאָר ווי אַ מיטל פאַר פּרנסה אויף ד ע ר וועלט, נאָר אויך פאַר אַ מצווה, וואָס וועט אים איינשאַפן אויך אַ חלק אויף יענער וועלט. און ער גרייסט זיך דערמיט.

נישט תמיד זיצט ער, זאַלמעסאַניע, ווי היינט, דווקא לעבן גרשון שניטקרעמערס קלייט. פאַר וואָס דען זאָל ער עס אַזוי טאָן ? אַלע קרעמער

צאָלן דאָס זעלבע וואָכנגעלט פאַר דער שמירה, דער אָרעמער ווי דער רייכער... כאָטש דאָס איז נישט קיין יושר זייער. פאַר מער פּאַרמעגן וואָלט מען דאַרפן צאָלן מערער פאַר דער שמירה. עלהיי פּריצענט: פאַר מער געלט צאָלט מען מער פּריצענט. אמת, די רייכע קרעמער טענהן, אַז ביי זיי איז שטאַרק די טיר, און פעסט — די שלעסער. זיי וואָלטן קאָנען אין גאַנצן זיך באַגיין אָן אַ וועכטער. איינגעשטעלט זיינען דווקא די אָרעמע קרעמלעך. טאָקע צוליב זיי צאָלן זיי פאַר דער שמירה... מילא, טענהן זיי. די שטאַרקסטע טיר און דער פעסטסטער שלאָס זענען טויטע וועכטער. אַ זעג זעגט איבער אַפילו דעמבנהאָלץ און אַ שטאָלן־זעגעלע — אייזן... ניין, ס'אי' נישט קיין יושר. נאָר גיי זוך יושר אין לוהיסק, ווו דער אייבערשטער אַליין האָט איינגעטיילט די פּאַרמעגנס נישט על־פּי יושר: איינעם — אַ גאַנצע בייכיקע פּאָס מיט כל־דאָס־גוטס. ווי טאָקע גרשון שניטקרעמער. און דעם צווייטן — אַ קליין טעפּעלע מיט אַ סך קדחת, וואָס וועט אים סטאַיען אויפן גאַנצן לעבן. אָט ווי אים אַליין, זאַלמעסאַניען. איינעם איז ער, דער וואָס זיצט אויף דער אייבערשטער באַנק אין הימל, מזכה מיט אַ טרעלבויך, און דעם צווייטן — מיט אַ דאַר־און־קוואַר מעגעלע. ווי ער וואָלט גאָר פון זיינע קינדער־מייטקעלעך נישט אויסגעוואָקסן...

פאַר וואָס זשע טאַקע זיצט ער היינט ביי נאַכט דווקא דאָ און וועט דאָ זיצן אויך מאָרגן ביי נאַכט? דאָס איז אַ סוד־זאַך צווישן גרשון שניטקרעמער און אים, שמחהלע זאַלמעסאַניע: נעכטן, אין בית־מדרש נאָך מעריב, האָט אים גרשון אָפּגערופן אויף אַ זייט אין אַ ווינקל פּאָליש און איינגערוימט אין אויער אַריין:

— הערַ, שמחהלע, מאָרגן פאַר איך מיט די בני-בית קיין מאַציעוו אויף מיין זונס חתונה. צוויי נעכט וועל איך נישט זיין הי. וויל איך, אַז די צוויי נעכט זאָלסטו גאָר שטאַרק צוהיטן מיין קלייט. כ'וועל לאָזן שטיין ביי דער טיר אַ קעסטל, זאָלסט האָבן אויף וואָס די נאַכט איבערצוזיצן. אַז כ'וועל קומען, מערצעשעם, צוריק און טרעפן די קלייט ווי כ'האָב זי געלאָזן, וועסטו באַקומען פון מיר אַ נאַגראַדע פינף און צוואַנציק קאָפּעקעס מיט אַ גלעזל בראָנפן, און פון מיין פעלטע לאהן — האָניק־לייקעך פון דער חתונה צום פאַרבייסן... האָסט מיך פאַרשטאַנען, שמחהלע? יאָ?... שאָקל נישט בלויז מיטן קאָפּ, נאָר זאָג עס מיר אויף דיין ייִדיש וואָרט... נו, איז גוט, נאָ, דאָ

האָסטו, חוץ די צוגעזאָגטע פינף און צוואָנציק קאָפּעקעס, נאָך אַ גאַנצן קופּערנעם צענער פּאָרויס.

היט ער איצטער, שמחהלע, און וועט מיט גאָטס הילף און, להבדיל, מיט דער הילף פון זיין קאַלעקאָטקע און דעם סענקעוואַטן באַרנשטאָק, דערהיטן גרשון שניטקרעמערס פאַרמעגן און זיינע אייגענע פינף און צוואָנציק קאָפּעקעס מיטן לייקעך־און־בראָנפן.

# מד

פאַר חצות. אויך דאָס בוינעגעסל, ווי דאָס גאַנצע שטעטל, איז פאַרזונקען אין פינצטערניש. אין רויש פון רעגן, טיפן שלאָף און שטומקייט. אין איין שטיבל בלויז איז מען דווקא גאָר וואַכעדיק. אין אַ קיך, וואָס איר איינציק פענצטער גייט אַרויס צו דער הינטערשטער וואַנט פון וואָלף שניידערס שטאַל. דאָס פענצטער האָט נישט קיין לאָדנס. די שיין פונעם הענגענדיקן נאַפטלאָמפּ דאָ איבערן טיש, וואָס פאַלט אויף דער דאָזיקער וואַנט, בלייבט אָבער אין גאַנצן פאַרבאָרגן פאַרן פינצטערן רעגנדיקן דרויסן, ווייל אויך פאַרשטעלט פוןביידע זייטן: פון רעכטס — פון אייגענעם שטאַל, און פון לינקס — פון דער בלינדער וואַנט פון יאָנטעוו באַגרעבערס הייזל. ס׳איז אַ שמאָל פאַרמאַכט געסעלע, געדיכט און ווילד פאַרוואָקסן מיט ווילדגראָז, קראָפּעווע און קוסטעס באָדיעקעס. קיינער קאָן נישט אַריינקומען דערין. סיידן אַ מאָל, אין חודש מערץ, שפּרינגט־נאָך אַהין אַ קאָטער אַ קאַץ, וואָס וויל אַנטרינען פאַר זיין קאָכיקער תאווה. איז פאַר וועמען זענען דאָ נייטיק די לאָדנס, אָדער גלאָט דאָס פענצטער צו פאַרהענגען? די רייד ווידער וועלן דאָך פון דאַנען דורך די ווענט צו קיינעמס אויערן נישט דורכקריכן.

מע פּראָוועט דאָ איצט אַ פאַרשפּעטיקטע וועטשערע. אַ מיטנוואָכעדיקע וועטשערע פון שוואַרץ ברויט מיט הערינג און קאַרטאָפּליעס אין די מונדירן. נאָר פאָרט איז דאָס נישט קיין געוויינלעכע וואָכעדיקע וועטשערע, ווייל אויפן טיש שטייען צוויי האַלבע שטאָפן בראָנפן און גלעזער.

אויבן אָן, אויף אַ היפשן טאַבורעט, זיצט אַהרונקע באַלעגאָלע, אָדער ווי מע רופט אים הינטער די אויגן: אַהרונקע גנב, צי אַהרונקע דער רבי. לויטן אויסזען איז ער נישט קיין באַלעגאָלע און אַוודאי נישט קיין גנב.

אַ ייִדל פון מיטעלע יאָרן, מיט העלע גרויע אויגן, וואָס פאַרבאָרגן, דאַכט זיך, גאָרנישט. אַ מיטלוווקסיק, מאָגער פאַרשוינדל, מיט אַ פאַרזאָרגט, לענגלעך פּנים, באַוואָקסן מיט קליינע זאַמדקאָלירענע, שיטערלעכע פּאות און אויך אַ מאָגער פאַרשפּיצט בערדל. פּאַסטן פּאַסט אים גיכער דער דריטער צונאָמען — דער רבי, ווייל ס׳איז אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד, און ס׳וויסן עס אין לוהיסק קינדער אין די וויגן, אַז אַהרונקע באַלעגאָלע איז דער רבי פון דער היגער חברה גנבים. דער דאָזיקער טעם פאַר וואָס מע רופט אים רבי, איז בלויז — נגלה. ס׳איז אויך דאָ אַ צווייטער טעם, וואָס איז — ניסתר: ווי אויסטערליש דאָס זאָל נישט זיין — ער כאַפּט זייער שטאַרק, שוין גאָר שטאַרק, דעם אָנבליק פון טריסקער רבין! ווי ער וואָלט זיין זיינער אַ ברודער. ס׳פעלט אים נאָר דער לויטערער, ראָזלעכער קאָליר פונעם רבינס פּנים און דער גלאַנץ פון רבינס אויגן. נו, און דעם רבינס שטריימל און מלבושים, וואָס פּעכלען תמיד. ס׳איז ווי די ענלעכקייט פון חול־המועד צו יום־טוב. אין שטעטל איז באַוווּסט, אַז מרדכי שוחט, דער טריסקער חסיד, וועט קיין מאָל נישט פאָרן מיט אַהרונקע באַלעגאָלעס פערד־און־וואָגן, ווייל אהרונקעס גנבהש פּנים איז אַ חילול־הקודש. כאָטש וואָס איז אהרונקע דעריין שולדיק?... שימענקע שטאָט־לץ וויצלט זיך מיכּוח דעם אויפן חשבון פונעם רבין מיטן חסיד צוזאַמען: איז וואָס וואָלט ער וועלן, דער חסיד, אַז אַהרונקע באַלעגאָלע זאָל זיך אונטער־סמאַליען באָרד־און־פּאות? אָדער זאָל אַ גאַנץ יאָר פאַרשטעלן זיין רביִיש פּנים מיט אַ פּורים־מאַסקע? אַהרונקע איז, חלילה, נישט קיין רויבער און טראָגט נישט קיין מאַסקע, אַפילו ווען ער ״פּראַוועט חצות״ אין אַ פרעמדער שטוב. ער איז נישט מער ווי אַן ערלעכער גנב, וואָס גנבעט מיט אַן אָפן פּנים אין דער פינצטער. גנבה איז זיין כשרע פּרנסה. פון באַלע־גאָלעריי איז קיין פּרנסה נישטאָ. און בכלל וואָס איז ער שולדיק, אַהרונקע? משמעות, אַז אויך זיין טאַטע איז געווען אַ פרומער גנב, ער זאָל זיך דאָרט אין קבר נישט איבערדרייען, און האָט צוגעגנבעט ביי דער אַלטער רביצן עפּעס פון איר זונס ״קלויסטער־פּנים״...* ווי אַזוי, פרעגט איר? אויף קיין גנבהשער מעשה פרעגט מען קיין קשיות נישט...

אַהרונקען צו דער רעכטער האַנט זיצט אויף אַ באַנק לענגויס דעם

---

* וואָרטשפּיל: פון ״קלסתר־פּנים״ — אָנבליק.

טיש זיין ווייב, אַהרונקעכע אַהרונקעס, ווי מען רופט זי אין שטעטל, אָדער אַהרונקעכע, ווי סע רופט זי איר אייגענער מאַן. זי סאָפּעט שווער צוליב איר שווערן, צעיוירענעם גוף, וואָס האָט זיך שוין היפּש אָנגעגעסן און „טוט אויס די מונדירן" פון די קאַטראַפּליעס פאַרן מאַנס וועגן. זי פּילנעוועט אים אונטער, איר ערלעכן פּרנסה־געבער, וואָס "כאָטש געב אים אַ קרענקעלע, נעמט ער נישט קיין לייב אויף זיך".

לעבן איר — זייער טאָכטער, דוואָשע, וואָס טוט איצטער דאָס אייגענע וואָס די מאַמע פאַר איר מאַנס וועגן, שמוליקל דעם באַשלעגער, איר ערלעכן פּרנסה־געבער.

שמוליקל איז מיט צוויי קעפּ נידעריקער פון זיין דוואָשען. דערפאַר אָבער — היפּש דיקלעך, ווי אַ פּעסעלע, כאָטש זייער רירעווודיק בעת קריכן אויפן לייטער און שפּאַנען איבער דעכער. ער האָט פּולבלעכע אויסגעקיילעכיקטע ראָזעווע בעקלעך מיט אַ שיטערלעכן באָרד־שפּראָץ — אַ קינדיש פּנים, אַפילו מיט אַ חן־גריבלדיק שמייכעלע, וואָס בעת זיין נחתדיק רעדן גייט עס איבער אין אַ דינשפּיציק געלעכטערל: "כי־כי־כי...". זיינע גרויסע טונקלברוינע אויגן זענען אים תמיד פאַרזשמורעט, צוליב וואָס זיי זעען אויס קליינע און שימערן אַרויס פון אונטער די ווימפּערן ווי געפּרעגלטע קאַרשעלעך. וואָס איז דאָ אַ סך צו ברייען — אַ זיס מענטשעלע. פאַר וואָס זאָל אים דוואָשע נישט ליב האָבן ?... איי, ער דערגרייכט נישט צו איר קאָפּ, דערגרייכט ער אָבער אַפילו צום הויכן בית־מדרש־דאַך, ווען מע דאַרף אים אַ מאָל פאַריכטן... זי מעג זיך פאַרגינען צו זיין פון אים צופרידן, כאָטש זיינע אָפענע פאַרדינסטן זענען קאַרגלעכע: זעלטן באַנייט ווער אין שטעטל זיין שטוב מיט אַ גאַנצן נייעם דאַך; רק מע לייגט ווייסע לאַטעס אויף די פאַרשוואַרצטע און פאַרגרינטע שימלדיקע דעכער, צוליב וואָס זי וואַרפט אים פאָר, בעת אַ זעלטן געקריג: "לאַטוטניק!". זי ווייסט, אַז די אייגענע מאַמע איז איר מקנא אויף איר פּעטלעכן קאַרדופל... ער איז דאָך זיס, ווי אַ פּורימדיק צוקער־געבעקס.

איצטער ביים טרינקען פון גלאָז דעם בראָנפן, פאַרמאַכט ער אין גאַנצן, שמוליקל, די פאַרזשמורעטע אויגן. אַראָפּגעלעקט די לעצטע פייכט־קייט פון דער צונג, לאָזט ער אַרויס אַזאַ דין און פאַרגעניגנדיק „אויעלע", ווי פריייטיק אין באָד אויף דער ערשטער באַנק אונטער דעם מחיהדיקן

גלעט פונעם ייִנגערן שוואָגעריקס, זייַנוועלעס, בריִענדיק בעזעמל. כדי צו לעשן דעם ברען פונעם בראָנפן אין די געדערעם, לייגט ער זיך אָן אַ פול מויל מיט ברויט און קאַרטאָפליעס, וואָס דוואָשע טראָגט אים איצט צו ממש צו די ליפן, ווי זי וואָלט קאָרמענען זייער פערט "ממזרוקל". ער מאָלט די שפייַז זשעדנע מיט די געזונטע, כאָטש דריבנע ווייסע צייַן. דוואָשע קוקט אויף זייַן "מויל־מלאָכה" און שעפּט פון אים נחת — דעם טאַטנס רעכטע האַנט ביי אַ רעכט שטיקל נאַכטאַרבעט. אויך דער שווער כאַפּט פון צייט צו צייט אַ קוק אויפן איידעמל און טראַכט מיט הנאה: נאָך אַזאַ אַכילה וועט ער אַרבעטן ווי ס׳קער צו זייַן.

אויף דער באַנק צו אהרונקעס לינקער האַנט זיצט זייַן בכור, אַווראַמ־טשיק, זייַן רעכטע האַנט אין באַלעגאַלעריי, ווען מע מאַכט דורך אַ שווערע יאַזדע. ער איז אַ קאָפּיע פונעם טאַטן אין זייַנע יונגע יאָרן. נאָר זייַנע אויגן זענען בלויע. לעבן אים — קאַלעניק, אַ נייַנצניעריקער שייגעץ, מיט אַ פלאַקסענער ווילדער טשופּרינע, מיט העלע חוצפּהדיקע אויגן, וועלכע האַלטן איצט אין איין קוקן, אָדער אין גלאָז, אָדער אין דוואָשעס גלאַנ־ציקן פּוכלע אויף איר אייבערשטער ליפּ ביז אַראָפּ אין איר צעשפּי־ליעטער פולער בלוזקע. ער איינער, אַן עשו צווישן ייִדן, זיצט דאָ מיטן הוילן קאָפּ. ווען אין איינעם אַן אויגנבליק שלאָגן זיך דוואָשעס אויגן אָן אין זייַן תאוותדיקן בליק, טוט זי אַ שמייכל און אַ מורמל צו דער קאַר־טאָפליע, פון וועלכער זי ציט אַראָפּ דעם מונדיר: "אַ קרענק דיר, עשו, פאַרן וועלן", וויסנדיק אַז קאַלעניק, וואָס פאַרשטייט ייִדיש, וועט אַפילו פון איר קללה זייַן צופרידן. שמוליקלס אויער כאַפּט עס אויף, באַנעמט דעם זין, שטעלט אָן אויף איר דעם בליק דורך די פאַרזשמורעטע ווימפּערן און שמייכלט צו איר: "וואָס וואָלסטו וועלן, דוואָשענקע, אַז עשו זאָל נישט ברענען צו אַ ביסעלע ווייבערשן ייִן־שׂרף? כי־כי־כי... אמת, קאַלעניק?"

— עמעסוועיאַצעוו. — שמייכלט קאַלעניק צו אים, ענטפערנדיק אויף זייַן גויִישן ייִדיש. — איך גוי גאָמער. אייסעוו די קאַפּאַרע...

אַלע צעלאַכן זיך, און ער טוט אַ גיס אַריין אין האַלדז דעם רעשט בראָנפן פון דער גלאָז.

לעבן קאַלעניקן איז קענטיק אַ ליידיק אָרט, וואָס וואַרט אויף נאָך עמעצן, אָדער דער עמעצער האָט עס שוין פאַרלאָזן.

דוואָשע דערלאַנגט אַריין ציקאָריע, פאַרווייסט מיט מילך, וואָס דאַרף זיין דער סוף פון דער סעודה. דער ראָש פון דער חברה קוקט פון זיין אויבנאָן ערנסט אויפן וואַנטזייגער מיט די קופּערנע וואָגעס קעגן איבער. דער זייגער טוט אַ כאָרכל און לאָזט הערן אַ קלונג, אַ כאָרכל און ווידער אַ קלונג...

— עלעף אַזייגער! — לאָזט אויס דער ראָש. — ער וואָלט שוין דאַרפן זיין צוריק.

און ווי דאָס וואָלט זיין אַ באַפעל, קומט אַריין זיינוועלע, דער מיזינעק. דער לאַקירעגער דאַשיק פון זיין היטל, אַראָפּגערוקט איבער די אויגן, גלאַנצט מיט פייכטקייט און רעגן־טראָפּנס קעגן דער שיין פון לאָמפּ. זיין פאַרוסינעץ מאַנטל איז נאַסשוואַרץ, און ס׳קאַפּעט פון זיין ראַנד אונטן אויף דער ערדענער פּאָדלאָגע. ער טוט אַ פאַרוואָרף דעם קאָפּ, ווי בעסער צו באַטראַכטן די חברה, און זיינע גרינע אויגן טוען אַ פינקל מיט שאַרפעלעך, ווי די אויגן פון אַ קאָטער פון אונטער אַ פינצטער בריקל. די מאַמע שאַרפט אַריין איר בליק אין זיין פנים און שאָקלט באַדויערנדיק־רחמנותדיק מיטן קאָפּ: „אַ קינד נאָך, און ס׳מוז גענעבעך לויפן דורך שטורעמס און רעגנס...״

— נו, מיזינעק, — באַפעלט דער טאַטע, — גיב לשון.

— דער רעגן גייט און גייט. כאָטש ניט שטאַרק. ער וועט מסתם ניט אויפהערן.

— דאָס דאָזיקע הער איך אַליין, פאַרשטיי איך, אַפילו זיצנדיק דאָ ביים טיש. — איז עס דער טאַטע מבטל און גיט צו שטאָלץ און צופרידן. — ווי איך וואָלט אים באַשטעלט, דעם ליאַפּ, לויט מיין פּלאַן. נו, און וואָס ווייטער?

— מע זעט נישט קיין זערנע שיין פון אַ פענצטער אַרויס אין ערגעץ נישט. נאָר פון בית־מדרש אַרויס האָב איך געזען. בין איך אַריין אינעווייניק. קיינער איז נישטאָ. אויפן עמוד ברענט אַ יאָרצייטליכט אין אַ גלאָז וואַסער מיט בוימל. די שיין טוקט זיך אַרויף און אַראָפּ... האָב איך אַ מאַך געטאָן דערויף: „אַ פּפוי!״...

— אוי־וויי איז מיר נישט! — כאַפּט זיך אַרויס פון אהרונקעכעס מויל. — אויף אַ יאָרצייטליכט?

— שטיל זאָל זיין! — טוט אַ וואָרטשע דער מאַן. — פּרנסה פאַר לעבעדיקע איז כאַרעווער... נו, און דאָרט צווישן די קלייטן?

— געדיכט חושך. אַ מענטשן פון דער נאָענט וואָלט מען דערזען ווי אַ פינצטערן שאָטן. נאָר אַ שאָטן פון אַ מענטשן — כאָטש נעם זיך די אויגן אַרויס. ס׳איז, טאַטע, פונקט ווי מע באַדאַרף. שמחהלען האָט שוין דערעסן צו קוואַטשען אין דער בלאָטע צווישן די קלייטן. זיצט ער אונטערן דאַכאָפּקאַפּ ביי אונדזער... כ׳מיין גרשונס קלייט. אַזוי ווי אויף צולאָכעס. פון צייט צו צייט גרעגערט ער מיט דער קאַלעקאַטקע... אַ ווייסטער פּורים אויף אים! נאָר אַפילו קיין הונט רופט זיך נישט אָפּ דערויף.

— אַ פינצטערער פּורים אויף אים! — רייסט זיך אַראָפּ פון דוואָשעס מויל, אַוועקרייסנדיק עס פון דער גלאָז ציקאָריע, בעת זי דערשפּירט אַ ברי פון קאַלעניקס בליק הינטער איר בלוזקע. זי ווייסט אַליין נישט וועמען זי שעלט, שמחהלען, צי קאַלעניקן, צי זיי ביידע.

— כי־כי־כי! — שפּיזלט זיך שמוליקלס געלעכטערל קעגן דעם ווייבס קללה. — אַ מצווה אויף אים! זאָל ער נישט גרעגערן. מע וואָלט אים באַדאַרפט מיט אַ המן־טאַש דאָס מויל פאַרשטאָפּן... כי־כי־כי...

— און דעם לייטער, — לאָזט זיינוועלע אויס זיין ראַפּאָרט, — האָב איך צוגעשטעלט צום דאַך הינטער דער קראָם, ביי דער קלאַדאָווקע, ווי דו האָסט געהייסן. אַפילו נישט אין אַזאַ פינצטערער נאַכט וואָלט מען אים קוים אָנגעזען. ער שטייט און וואַרט...

— ביסטו ווערט אַ לייטישן טרונק בראָנפן, תכשיט. — זאָגט דער טאַטע. — אַוואָמטשיק, נעם און גיס אים אָן. און דו, זיינוועלע, נעם און גיס אַריין און פאַרבייס. דערנאָך וועסטו פאַרטרינקן מיט דער הייסער ציקאָריע, וועט דיר וואַרעם ווערן אין די געדערעם.

— זאָל דיר זיין צום געזונט אין די ביינער. — לאָזט אויס די מאַמע, ווי נאָר זיינוועלע האָט שוין אויסגעקערט די האַלבע גלאָז בראָנפן אין גרגרת אַריין.

— נו, חברה! — שטעלט זיך אויף אַהרונקע, נאָכן אָפּמאָלן שטילער־הייט דאָס בענטשן. — איצט — צו דער אַרבעט! אַרבעט איז דאָ אַ סך, און הענט — בסכהכול — אַ מנין.

— מעג מען זיך שוין שטעלן דאַווענען חצות. — וואַרפט אַריין דאָס אײדעמל. — כי־כי־כי...

— איך חזר איבער דעם גאַנצן פּלאַן: — ציט ווייטער דער שווער, — שמוליקל און קאַלעניק, טוט אָן די רעגן־מאַנטלען. נעמט יעדער זיין געצייג. און דו, זיינוועלע, וועסט זיי נאָכטראָגן די זעק מיט די שטריקלעך אינעם ברעזענט. דוואָשע דערלאַנג זיינוועלען דעם רויעווייענירע*־לאַמטערן.

— דו, קאַלעניק, שטעלסט זיך דאָרט אין ווינקל צווישן דער קלייט און דער קלאַדאָווקע און נעמסט צו פון זיינוועלען די זעק מיטן לאַמטערן... און דו, זיינוועלע, גייסט שוין אַרויס באַצייטנס מיט דער מאַסקע און וועסט זיך דאָרט שטעלן קעגן שמחהלען אויף אַ גוט אָרט. ווי אַ קאָטער פאַר אַ מויזנלאָך. קיין אויג זאָלסטו פון אים נישט אַראָפּלאָזן.

— דו, אײדעמל, קריכסט דאָרט גלייך אַרויף צום דאַך און נעמסט פּאַמעלעך, שאַ־און־שטיל אַרויסציִען פון אים אַ שינדל נאָך אַ שינדל, ביז סע ווערט אַ לאָך — אַ פענצטער די גרייס. דעמלט מאַכסטו: "ססס...", און קאַלעניק קריכט אַרויף צו דיר מיט די זאַכן. קאַלעניק ציט אַרויף דעם לייטער אויפן בוידעם. ערשט נעמט איר קעגן דער שיין פון לאַמ־טערן אַרויסקראַצן דעם טינק איבער גרשונס קלייט. אַוועקגעראָמט, נעמסטו, קאַלעניק, פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, שטיל־שטיל בויערן די לעכער אין דער סטעליע. אויף אַ לענג און ברייט פון אַ פענצטער. פאַרטיק מיט די לעכער, נעמסטו מיטן זעגעלע דורכזעגן פון איין לאָך צו דער צווייטער. זעג מיט הפסקות און האָרך זיך איין צום דרויסן. אָבער — אַרבעט רויִק און זיכער. אַז די לאָך איז שוין פאַרטיק, לאָזט איר אַראָפּ דעם לייטער אין קלייט אַריין. לאָזט זיך אַראָפּ אויף אים מיט די זאַכן און נעמט איינפּאַקעווען די סחורה. אַלץ איינגעפּאַקעוועט, טאַסקעט איר אַרויף די פּעק אויפן בוידעם און ציט צוריק אַרויף דעם לייטער צו דער לאָך אין דאַך. הינטן וועט שוין וואַרטן אויף אייך אַווראָמטשיק.

— און דו, אַווראָמטשיק, נעם די זעקלעך מיט צווייטן לאַמטערן און קום מיט מיר אין בית־מדרש. דאָס אַרויסשלעפּן דעם באַרג שמות פון אונטערן בריקל פונעם אָרון־קודש וועט דויערן אַ סך ווייניקער ווי

* ער זעט און ווערט נישט געזען.

זייער אַרבעט דאָרט. די אָנגעשטאָפּטע זעק מיט די שמות וועלן מיר דורכן אָפֿענעם פֿענצטער אַרויפֿוואַרפֿן אויפֿן וואָגן און צופֿירן אַהיים. דאָ וועט איר שוין ביידע, די מאַמע און דוואָשע, אַרויסלייידיקן די שמות פֿון די זעק אין גרוב אַריין אין שטאַל, פֿאַרשיטן זיי און צוריק פֿאַרדעקן מיטן פֿערדמיסט. כשר־וישר... די הינער אויף די באַנטעס וועלן עס טאַקע צוקוקן, אָבער זיי וועלן נישט גיין צום רב עדות זאָגן.

— כי־כי־כי! — לאַכט שמוליקל שרעקעוודיק, האַלטנדיק וואָך די פֿאַרזשמורעטע אויגן אויפֿן שווער, און רעדט שטיל. — און ווען זיי וואָלטן יאָ עדות זאָגן, וואָלט דען דער רב פֿאַרשטאַנען זייער לשון? העכסטנס איז ער אפשר אַ מבין אויף דער רביצנס הינערשמאַלץ...

— און מיר ביידע, אַוורואָמטשיק, — האָרכט אים טאַקע נישט דער שווער, — פֿאָרן אַוועק אַהין, שטעלן זיך אָפּ אַקעגן איבער, פֿאַר נאַכציעס דירה, און וואַרטן, ביז זיי דאָרט אין קליט וועלן האָבן געספּראַוועט זיך מיט אַלץ. און איר, שמוליקל און קאַלעניק, אַז איר וועט שוין האָבן דאָס גאַנצע "עסק" ביי דער לאַך פֿון דאַך, טוסטו, שמוליקל, אַ „ססס...״ אַראָפּ, און אַוורואָמטשיק ענטפֿערט. שטעלט איר אַראָפּ דעם לייטער אין דרויסן אויף דר׳ערד, און אין צוויי רגעס זענען מיר דאָ מיטן וואָגן לעבן אייך. דו, שמוליקל, שטעלסט זיך אין מיטן לייטער, קאַלעניק דערלאַנגט דירֿ אַראָפּ אַ זאַק נאָך אַ זאַק, דו דערלאַנגסט אים אַראָפּ אַוורואָמטשיקן, אַוור־ראָמטשיק דערלאַנגט אים מיר, און איך פּאַק אים אין וואָגן אַריין.

— און דו, זיינוועלע, שטייסט דאָרט ווו די שטייסט די גאַנצע צייט אויף דער וואַך. לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פֿון זאַלמעסאַניען. און איצט האַלט קאָפּ צו דעם וואָס איך זאָג: קוים דרימלט ער, שווייגט ער, אָדער גרעגערט אַפֿילו מיט דער קאָלעקאָטקע גלאָט אין דער וועלט אַריין, איז מאַ־טאָוו. ביסטו שטיל, ווי אַ געפּגרטער קאָטער...

— פֿו! אויף מיינע שונאימס קעפּ! — צינדט זיך אָן זיינוועלעס מאַמע, נאָר אַהרונקע רעדט ווייטער:

— זאָל זי דאָרטן פּוקען, זיינוועלע, די מאַמע. דו הער וואָס א י ך רעד, — קוים אָבער ווערט ער אומרויִק, שמחהלע, כאַפּט זיך צום שטעקן, אָדער לייגט צו אַן אויער צו דער דעמבענער טיר, — טוסטו אַ שפּרונג פֿון אָרט, ווי אַ קאָטער אויף אַ מויז פֿון מויזנלאָך אַרויס, אַ רייס אַרויס דעם שטעקן פֿון זיין האַנט, און אַ וואָרטשע שטיל, נאָר בייז, מיט

רציחה: "איך ממית!... שווייג, זאַלמעסאַניע, אויב דו ווילסט נאָך אָנקוקן דיין ווייבס שפּיץ נאָז!". פאַר פּחד אַליין וועט ער זיך טאָן אַ זעץ אַראָפּ, ווי אַ הינדל פאַר אַ גאַלאַגאַנער האָן. און דו — אַ זעץ זיך אויפן קעסטל איבער אים מיטן שטאָק איבערן קאָפּ... זאַלמעסאַניע וועט שוין שטומען, ווי אַ פיש. סט'פאַרשטאַנען?

— טאַטע, — טוט זיינוועלע באַרימעריש אַ בליץ אויף די אַרומיקע מיט די גרינע אויגן פון אונטערן גלאַנציקן דאַשעק. — קאָנסט זיך פאַרלאָזן אויף דיין מיזינעק.

— אוי, טאַטע־פאָטער אין הימל! — פאַרגלאָצט די מאַמע די אויגן, באַוועגנדיק שטיל מיט די ליפּן. — זאָלסט מיר נאָר שטאַרקן די הענט, מיין מיזינעקס.

— מאַמע, — איז דער בכור אייפערזיכטיק. — הער אויף צו פּרעפּלען, ווי דער קשאָנדז אין קאָשציאָל.

— נו, ציט ווייטער דער טאַטע מיט געדולד, — און אַז דו וועסט דערהערן מיט דיינע געבויערטע אויערן, ווי מיר פאָרן שוין אָפּ, איז: אויב זאַלמעסאַניע זיצט זיך אַלץ רויִק, ווי קיין מאָל גאָרנישט, גייסטו זיך אין אַ פינף מינוט אַרום אַוועק צום בית־מדרש אונדז צוצוהעלפן ביים אָפּשטעקן דאָס ביסל האָרעוואַניע. אויב אָבער דו וועסט מוזן זיצן איבער אים, ווי אַ סטראַזשניק, מיטן שטעקן, ווי איך האָב דיך געלערנט, — זיץ און וואַרט, ביז אַווראָמטשיק וועט דיך אַ רוף טאָן. דאָס איז אַלץ, חברה.

— און איך דאָ, — דערמוטיקט זיי די מאַמע מיט אַ ביסל אַ געהע־כערט קול, — וועל זאָגן פאַר אייך אַ קאַפּיטל תהלים.

— פאַר איינוועגס, מאַמע, — טוט מיט חוזק אַ וואָרטשע אַווראָמ־טשיק, — האָב אין זינען אויך קאַלעניקן, לעמאַנעשעם. דו הערסט, קאַ־לעניק?

— כ'הער. פאַר דיין מאַמען אַ קאַפּאָרע מיין גאַלעך...

— די שוויגער קאָן דען זיך ראַטשקעווען איבערן סידור? — טוט זיך דאָס איידעמל גוטמוטיק אַ רייץ מיט דער שוויגער.

— נאַ דיר אַ מעשה! — פאַרלירט זי זיך נישט. איך קאָן אויף אויסנווייניק: "מאַטויווי", "אַשריי יוישוויי"... העלף זיי, טאַטע־פאָטער אין הימל, און שטאַרק זיי... "צדאָקע טאַציל מאמאָוועס", "מאַטויווי"...

— כי־כי־כי... — קווועלט דער אײדעם מיט זײַן שאַרף, נאַר קינדיש געלעכטערל, — דרייט, שוויגער, די לירע, ווי דער לירניק אויפן יאַריד.

— גענוג גערעדט ! טוט שטרענג אַ באַפעל דער ראָש. — דער זייגער שטייט נישט. צו דער עבודה, קינדער.

ער לאָזט זיי איינציקווייז פאַרבייגיין פאַר זיך, ווי אַ טשערעדע פאַר אַ פאַסטעך, און גייט נאָך זיי דער לעצטער זיכער און גדלותדיק ביי זיך אין האַרצן: "דאָס מאָל האָב איך צונויפגעשטעלט אַ פּלאַן, ווי אַ מיניסטער־קאָפּ...".

## מה

ווען וואָלפעכע האָט פאַר נאַכט געמאָלקן די קו, אַ בליץ האָט אַ בלענד געטאָן דורך אַלע ווענט־שפּאַרונעס, אַ דונער האָט אַ קראַך געטאָן, ווי גלייך איבערן דאַך, האָט זיך די שטומע צונג דערשראָקן נאָך שטאַרקער פון איר און אויסגעשלאָגן די גאַנצע אָנגעמאָלקענע מילך פונעם עמער. זי איז דעריבער, בסוד פונעם מאַן, שטאַרק באַצערט און אומרויִק, אַפילו נאָכן לייגן זיך שוין אין בעט אַריין. זי דרייט זיך אויפן געלעגער פון איין זייט אויף דער צווייטער און קאָן נישט איינשלאָפן. לסוף זעצט זי זיך אויף, כאַפּט אַרויף אויף זיך די האַלקע, אַ סוועטערל, טוט אָן די שיך־און־זאָקן און לאָזט זיך שטיל צו דער קאַמערטיר.

— וווּהין גייסטו דאָס איצטער, גאָלדע ? — פרעגט איר שלעפעריק דער אויפגעוועקטער מאַן.

— כ׳גיי אַ קוק טאָן צו אונדזער "צירלען" — פאָנפעט זי. — עפּעס איז זי מיר היינט פאַר נאַכט נישט אַזוי שטאַרק געפעלן. האָט געכלעפּ־טשעט די געשמאַקע פּילע אָן אַפּעטיט. איז נישט איינגעשטאַנען בעתן מעלקן. און דאָס געמעלק איז אויך געווען אַ קנאַפּערס ווי שטענדיק... אויב אַהרונקעכע, אָדער איר מויד, האָט איר קיין גוטאויג נישט אָפּגעגעבן. אַז די אויגן זאָלן איר נאָר אַרויס !

— וועמעס אויגן מיינסטו עס ?

— הער נאָר דעם פרעג זיינעם! אַוודאי נישט אונדזער "צירלס", נאָר אַהרונקעכעס, אָדער דער מוידס. זיי מעגן ביידע פּאָר איר די כּפּרה ווערן נאָך פּאַר יום־כּיפּור... כ׳גיי, וואָלף, בלויז אויף אַ מינוטיטשקע. נעם אַפילו נישט מיט דעם לאַמטערן. כ׳על זיך נאָר אַ רגע איינהאָרכן ווי זי סאַפּעט און קום גלייך צוריק.

נאָר ווי זי שטייט אַזוי אין שטאַל אין דער שאַרף־ריחדיקער לופט, איינגעהאָרכט אינעם רויש פון רעגן אין דרויסן און אין "צירלס" רויִקן סאַפּען דאָ אין דער נידער אין ווינקל, דערזעט זי: זע נאָר! דורך די שפּאַרונעס לייכט זיך דאָך דורך פון אַהרונקעס פענצטער. אַזוי שפּעט?! כדאַי אַ קוק צו טאָן. צוגעגאַן צו דער וואַנט, טוען אירע אויגן אַ זוך די ברייטסטע שפּאַרונע, און איינס שטעלט זי צו איר צו. אָוואַ! אויפן טיש דאָרט — פלעשער פון בראָנפן. דאָס גאַנצע גנבהשע געזינדל — אַרום טיש. אויך קאַלעניק, "דער יתום נעבעך", פעלט נישט צום רומל. נאָר דוואָשעס ממזרוקעס שלאָפן שוין. דוואָשע טראָגט אַריין פעקלעך זעק און... עפּעס אַזעלכע בלינדע לאַמטערנעס. זיינוועלע טוט אָן אַ מאַסקע... מע גרייט זיך אַפּנים אַרויסצוגיין. אַוודאי צו גנבהשע סליחות...

פון איר וואָלפן־צוגעזאָגטער "מינוטיטשקע" ווערן לאַנג־אויסגעצויגענע מינוטן, וואָס רודערן אויף וואָלפן אויפן געלעגער. ביז זי דערהערט, פון קאַמער שוין, וואָלפס וואַכיק, אומרויִק וואָרטשען:

— גאָלדע, ס׳איז, חלילה, עפּעס מיט אונדזער "צירלען"?

טוט זי אַ רייס אַוועק דאָס אויג פון דער שפּאַרונע, אַ לויף אין קאַמער אַריין מיט אַ "ששש" און אַ צי וואָלפן פאַרן העמדאַרבל אין שלאָפאַלקער אַריין.

— הער, וואָלף, — פאָנפעט זיך אים הייס אין פּנים אַריין. — אונדזער "צירל" סאַפּעט, געלויבט דער אייבערשטער, ווי ס׳קער צו זיין. אומזיסט זיך געשראָקן... וואָס כ׳האָ׳ זיך פאַרזאַמט? כ׳האָ׳ דורך אַ שפּאַרונע אַריינגעקוקט צו אַהרונקעכען אין ליכטיקן פענצטער. וואָס זאָל איך דיר זאָגן? ס׳טוט זיך דאָרטן. קאַלעניק, "דער יתום נעבעך", איז דאָרט אויך דאָ. פלעשער פון בראָנפן — אויפן טיש. זיינוועלע — אין אַ מאַסקע. און מע גרייט זיך אַרויסצוגיין. כ׳אָלט שווערן, וואָלף: דאָס גנבהשע געזינדל גרייט זיך היינט ביי נאַכט אומגליקלעך צו מאַכן, נעבעך, אַ ייִדן אין שטעטל...

ווייסט וואָס, וואָלף? איך כאַפּ זיך אַרויס אויף אַ מינוטיטשקע זיי נאָכצוקוקן.

— משוגע־מעטערעף מיינע שונאים! איצטער, אין דעם חשכות? אין דעם כליאַפּעניש?

— אַז משוגע־מעטערעף זאָלן שוין ווערן די שכנים־גנבים! כ׳בין עפּעס פון צוקער?... און האָדיע גערעדט, וואָלף! דו הערסט וואָס איך זאָג? — לאָזט זי אויס מיט אַ שטרענגען טאָן, ווי סטראַשענדיק אים מיט עפּעס, וואָס ער דאַרף זיך שוין אָנשטויסן.

— מילא. — גיט זיך איר וואָלף אונטער, און אויך מחמת נייגער. — נאַר טו אָן מיין באַרוועגעם פּאַלטן. ער לאָזט נישט דורך קיין וואַסער. און מיינע שטיוול טו אָן.

— גוט. דאָס פּאָלג איך דיר. און אָט האָב איך אויך די דיקע שאַל אַרויפגעכאַפּט איבערן קאָפּ.

— אוי, גאָלדע, גאָלדע, „צירל" מיינע, — קרעכצט ער איר נאָך, ווען זי איז שוין פון יענער זייט טיר. — אירע איינפאַלן!

און מחמת פאַרדרוס אויף זיך אַליין, פאַר וואָס ער האָט זי געלאָזט אַרויסגיין, טוט ער זיך האַסטיק אַ דריי אַוועק פון זיך מיטן פּנים צו דער וואַנט: „משוגע־מעטערעף מיינע שונאים... משוגע!". כ׳על שוין נישט אַנטשלאָפן ווערן ביז זי וועט צוריק קומען... „אויף אַ מינוטיטשקע„ האָט זי געזאָגט...

גאָלדע, זיך האַלטנדיק, ווי אַ שאָטן, ביי ווענט פון הייזער, באַמיִענדיק זיך אויסצובאַהאַלטן פאַרן רעגן, שפּירט נאָך, מיט אַן אָנגעשטרענגטן בליק פאַרשטאָכן אין דער פינצטערניש, צוויי צעפלאָסענע שאָטנס. די לעצטע פון שטוב דאָרט אַרויסגעגאַנגענע, ווייזט אויס. גייט זיי נאָך פון ווייטן, גייט נאָך און — ווי פאַרוווּנדערט זי ווערט: זיי גייען גאָר אַריין אין פּאָליש פון בית־מדרש! טאָקע ווי צו אמתע סליחות.

צעשפּילט זיך איר ווייבערישער נייגער נאָך שטאַרקער. זי גנבעט זיך אַרויף מיט די טרעפּ אויף דער ווייבערשיל. שטעלט זיך לעם אַ פענצטערל און שטעכט אַריין דעם בליק אין דער פינצטערניש אַראָפּ... יאָ. צוויי שאָטנס פּאָרען זיך דאָרט לעבן אָרון־קודש... גאָט אין הימל! זיי ווילן, חלילה, אַרויסגנבענען די רייניקייטן? דאַרף מען דאָך נעמען שרייען געוואַלד, ווי צו אַ שׂרפה... ניין. דאַכט זיך — זיי פּאָרען זיך גאָר אונטערן

אָרון־קודש. אַהאַ! עפּעס... נידעריק, נידעריק, אויף דער פּאָלאָגע בלאָנ־דזשעט אַרום ווי אַן אויג פון שיין... איז עס נישט פון יענעם בלינדן לאָמטערן? וואָס איז דאָרטן דאָ צו גנבענען? אַ? אפשר גאָר האָבן זיי דאָרט אַ באַהאַלטענע גנבה און נעמען זי איצט פון דאָרט אַרויס?... אַז די הענט זאָלן זיי נאָר אָפּדאָרן!...

זי איז אין גאַנצן ווי איין גרויסער אויער. ששש... עפּעס אַזאַ שאָרכן דאָרט. ווי פון פּאַפּיר. דער בראָך זאָל זיי וויסן, וואָס זיי לאַטכענען פון דאָרט אַרויס!... וואָלף קאָן שוין דאָרט צו שטאַרק איבערטראַכטן. מע דאַרף לויפן אַהיים. מאָרגן גאַנץ פרי...

*

אין דער פרי, ווען וואָלפעכע טרייבט צו מיט אַ ריטל אין האַנט "צירלען" צום מאַרקפּלאַץ, ווו סע זאַמלט זיך די טשערעדע, לאָזט זי זיך צוריקוועגס נישט אַהיים, נאָר צום רבס שטוב. נישט אומזיסט האָט זי אָנגעטאָן אַ ווייס טיכל אויפן קאָפּ און אַ טונקל קליידל אויף דער רויטער האַלקע. סע זאָל נאָר נישט זיין צו פרי, דער רב זאָל שוין זיין אויפגעשטאַנען... וואָס אי׳? ער דאַרף זיך שוין באַצייטנס זעצן צו דער אַרבעט, ווי וואָלף נעבעך? נאָר אַריינגעקומען, טרעפט זי שוין דווקא אַ געקומענעם פּאַר איר. שמחהלע זאַלמעסאַניע שטייט ביים טיש, געבויגן און דערשלאָגן, ביידע הענט אָנגעשפּאַרט אויף זיין גראָבן שטעקן. זי שטעלט זיך ביי דער וואַנט לעבן דער טיר און האָרכט זיך איין וואָס שמחהלע רעדט צום רבס יאַרמלקע מיט אַ כריפּלע־טרערנדיק קול:

— ווי דער רב זעט מיך אַ ייִדן. כ׳בין געזעסן, רב, אויפן קעסטל וואַך די גאַנצע נאַכט. ווי אַ הונט פאַר זיין בודע. איך. מיין קאַלאַקאָטקע. מיין שטעקן אין דער זייט. און דער רעגן. קיין לעבעדיק באַשעפעניש האָט מען נישט געזען און נישט געהערט. ערשט ווען די הענער האָבן זיך צע־קרייעט פון איין עק שטעטל ביז צום אַנדערן, האָב איך זיך אויפגעשטעלט און געלאָזט אַהיים. אַרויסגעקומען הינטער די קלייטן — וואָס דערזעען מיינע אויגן! אַ בראָך! אַ לאָך דאָרטן אין גרשון שניטקרעמערס דאַך! ווערט מיר אַ לאָך אין האַרצן: ווו האָט זיך דאָ פּלוצעם גענומען די לאָך? סיידן אַ דונער האָט אַהער אַריינגעטראָפן. ס׳האָבן נישט געפעלט קיין

דונערן אין דער פינצטערער נאַכט. ווי דער שומר־ישראל אין הימל וואָלט אויך מיט אַ קאַלעקאַטקע געקאַלעקאַטקעוועט און אָפּגעהיט די וועלט.

אויפן רבנס פּנים טוט אַ שוועב אַ שמייכעלע, און ער טוט שטיל־ווייך אַ זאָג צו שמחהלען:

— דאָס האָסטו שיין, און פיין, און גוט געזאָגט, שמחהלע. דעם שומר־ישראלס קאַלעקאַטקע, "שכוחו וגבורתו מלא עולם".* נו, רעד ווייטער, שמחהלע.

— לויף איך צו זיך אַהיים, — ציט ווייטער שמחהלע, — לאָז דאָרט איבער די קאַלעקאַטקע מיטן שטעקן, כאַפּ מיין לייטער און ברענג אים צו דער קלייט. צוגעשטעלט אים צום דאַך, קריך איך אַרויף אויפן בוידעם... אַ בראַך איבער אַ בראַך! אַ לאַך אויך אין דער סטעליע! די קני ציטערן מיר. כ׳קריך צו און קוק אַראָפּ — פינצטער ווערט מיר אין די אויגן! גרשון שניטקרעמערס קראָם שטייט אַ הויל־נאַקעטע, ווי די באָד אין אַ וואָכעדיקן טאָג, להבדיל. די ליידיקע פּאָליצעס — ווי די בענק אין באָד. האָב איך זיך אַהיים געשלעפּט, רב, און בין אַנידערגעפאַלן, ווי אַ הורג, אויף מיין שלאָפבאַנק. האָב איך שוין מער קיין אויג נישט צוגעמאַכט, זיך געמאַכט נאָר שלאָפנדיק פאַרן ווייב. און איצט בין איך געקומען צום רב פרעגן: וואָס זאָל איך טאָן? וואָס וועל איך, ווייי איז צו מיינע יאָר, ענטפערן גרשונען און זיין איידעם, הערשל גרשונס!

— וואָס וועסטו, שמחהלע, ענטפערן דעם שומר־ישראל, דעם שומר־חינם, פרעג, — טוט דער רב אַ קוק אויף אים שאַרף, — דאָס איז דער עיקר. דו ביסט דאָך אַ שומר־שכר.

שמחהלעס טרוקענע ליפּן צוקן עפּעס צו ענטפערן. נאָר דאָ טוט זיך אָן עפן די טיר, און ס׳פאַלט אַריין מיט אַ פאַרסאַפּעטן "גוט מאָרגן דעם רב!" דאָס שמשל שיקל יעקב יצחקס.

— און מיט וואָס פאַר אַ נייס ב י ס ט ו אַריין אַזוי פרי? — שטעלט אָן דער רב אויף אים פאַרוווּנדערטע אויגן.

— רב, — קוקט שרעק אַרויס פון שמשלס בליק, און זיין קול איז שלאַבעריק. — איך ווייס נישט ווי דאָס האָט געקאָנט געשען. נעכטן ביי

---

* וואָס זיין כוח און גבורה איז פול די וועלט.

נאַכט בין איך דער לעצטער אַרויסגעגאַנגען פון בית־מדרש. די טירן־פענצ־טער, און אויך די טירן פון פּאָליש, האָב איך אַליין צוגעמאַכט אויף די קליאַמקעס. אַפילו פון דער ווייבערשיל. ווי תמיד. אויפן עמוד איז גע־שטאַנען זעליק פישערס יאָרצייטליכט אין אַ גלאָז וואַסער מיט בוימל. ס'האָט נאָך אויפן אויג געזאָלט ברענען ביז נאָך חצות. און ווי איך קום ערשט אין בית־מדרש, דערזע איך: ס'איז נאָך פאַרבליבן אין איר בוימל, אין דער גלאָז, אָבער דאָס קנייטל איז פאַרלאָשן... שוואַרץ...

— אפשר דער ווינט? — וויל אים דער רב באַרויִקן. — ס'איז דאָך געווען אַ "ליל־שימורים" — אַ וואַכנאַכט פון ווינט־און־רעגן, אַז דער "מריה דעלמא כולו" * זאָל שומר ומציל זיין. אפשר דער ווינט דורכן קוימען פון דער הרובע?

— אָבער ווי קאָן עס געמאָלט זיין? — איז שוין שיקל רויִקער, זעענ־דיק, אַז דער רב האָט צו אים קיין טענות נישט. — אַז דאָס טירל פון דער הרובע איז פעסט פאַרדרייט?... פאַלט מיר איין, רב, אַז דאָ איז עפּעס אַן אומריינע זאַך...

— און דאָס יאָרצייטליכט, — שלאָגט אים איבער דער רב, — האָסטו כאָטש פאַרשטאַנען גלייך אָנצוצינדן?

— ווי דען אַנדערש, רב? מיין טאַטע, עליו השלום, האָט עס מיר אַזוי געלערנט.

— נו, איז רעכט, שיקל. המם, וואַרט דאָ צו אַ ביסל... דו הערסט, שמחהלע? אויך אין בית־מדרש האָט זיך היינטיקע נאַכט עפּעס געטאָן... נו, און די אשה וואָס טוט דאָ? אַזוי פרי מיט אַ שאלה?

— רבי, — נעמט וואָלפּעכע שטאַמלען פאָנפּענדיק, — כ'בין געקומען דערציילן... נעכטן שפּעט ביי נאַכט בין איך געגאַנגען אַהיים...

— אַן אישה טאָר נישט גיין אַליין ביי נאַכט. — שלאָגט איר דער רב איבער שטרענג. — נו, וואָס ווייטער?

— כ'גיי פאַרביי דאָס מקום־קדוש, זע איך — צוויי שאָטנס גנבענען זיך אַריין אין פּאָליש. פאַלט מיר איין: "וויי איז מיר! אפשר גייען זיי,

---

* האַר פון דער גאָרער וועלט.

חלילה, באַגנבעענען דאָס מקום־קדוש? מאַכן אַ געוואַלד האָב איך מורא. ווי האָט געזאָגט דער רב: אַ ייִדענע אַליין אין אַ פינצטערער נאַכט. נעם איך און כאַפּ זיך אַרויף אין איינע שרעק אויף דער ווייבערשיל. כ׳שטעל זיך לעבן פענצטערל און קוק אַראָפּ. אונטן איז פינצטער, ווי די נאַכט. נאָר... דאַכט זיך, ווי שאָטנס פאָרען זיך דאָרט לעבן אָרון־קודש. ביי דער פאָדלאָגע, אין דער זייט פון די טרעפּלעך. פון שרעק ווערט מיר אַזש טרוקן אין האַלדז. איצט, ווען כ׳וויל אַפילו, וואָלט איך נישט קאָנען קיין געשריי טאָן...

— בקיצור, בקיצור, אישה! — איז דער רב אומגעדולדיק צו אירע ״תשעה קבין...״ *.

לאָזט זי אויס דערשראָקן:

— בין איך אַזוי מיט דער שרעק און מיט גאָרנישט אַהיים געלאָפן. דער מאַן קאָן דאָך דאָרט איבערקלערן כ׳וויס־וואָס... האָט מיר אין שטוב מיין וואָלף געזאָגט: ״מעגסט זיין רויִק, גאָלדע. גאָט ווען שוין דאָרט זיין שטעטל אָן דיר באַשטיין״. נאָר אין דער פרי האָט ער דווקא אַליין אַ זאָג געטאָן: ״אפשר, גאָלדע, וועסטו נאָכן אַרויסטרייבן ״צירלען״...

— ווי האָט מען דאָס אַ יאַנדעס אַרויסצוטרייבן אַ ייִדיש קינד פון שטוב?! — טוט זיך דער רב אַ בייזער.

— ס׳איז נישט קיין ייִדיש קינד, חלילה, — פאַרענטפערט זיך וואָל־פעכע און זיפצט אָפּ, — מיר האָבן נישט קיין קינד. דאָס איז אונדזער שטומע צונג, די בהמה אונדזערע, אַזוי רופן מיר זי. האָט ער געזאָגט, מיין וואָלף: ״וועסטו נאָכן אַוועקטרייבן ״צירלען״ אַריינגיין צום רב דערציילן די גאַנצע מעשה״. בין איך געקומען.

— רעכט, זייער רעכט. — שאָקלט צו דער רב צופרידן מיט דער יאַרמלקע. — און ווער איז עס, שיקל, איר וואָלף?

— איר מאַן, — ענטפערט דאָס שמשל געענוי, — וואָלף שניידער. ״שיקסע־שניידער״ רופט מען אים.

— אָסור. — לערנט אים דער רב שטרענג. — אַ ייִדן טאָר מען

---

* ניין מאָס..., וואָס ווייבער האָבן לויטן תלמוד.

נישט רופן מיט קיין צונעמעניש. איר מאַן האָט גערעדט, ווי אַ ייִד דאַרף רעדן. מאַ, קאָן זי שוין גיין.

גייט וואָלפּעכע אַרויס, נאָר בלייבט פון דעסטוועגן הינטער דער טיר אונטערצוהערן. הערט זי ווי דער רב זאָגט:

— מיר דאַכט זיך, אַז דער אייבערשטער פירט אונדז אויפן דרך־הישר. הער, שמחהלע. דו וועסט גיין אין בית־מדרש אַריין און מיט מיין רשות זיך זעצן אויף מיין "שטאָט" לעבן אָרון־קודש. ווי דו ביסט ביי נאַכט געזעסן, להבדיל אלף אַלפי הבדלות, לעבן גרשונס קראָם. וועסט זיצן און וואַרטן און דערווייל זאָגן אַ "יום"־תהלים. און דו ,שיקל, וועסט מוחל זיין לויפן צו זעליק פישער און אים זאָגן אין מיין נאָמען, ער זאָל שוין גיין צום אוריאַדניק און אים פאַרבעטן אין בית־מדרש אַריין. גנבים האָבן זיך היינטיקע נאַכט געפּאַרעט דאָרט. און אַז ער וועט מיט אים קומען, זאָלסטו אָנווייזן לעבן אָרט וווּ שמחהלע זיצט אויפן טירל וואָס עפנט זיך צו די שמות... וואַרטס נאָר, וואַרטס אַ רגע...

ער נעמט שלייכן אַהין און צוריק איבערן חדר אין מחשבות:

...אין פלוג וואָלט מען איצט קאָנען פאַקן די גנבים און פאַרשוועכער פון הייליקייטן. המם. מע זאָל זיך מאַכן נישט וויסנדיק, נאָר לאָקערן אויף זיי אין בית־מדרש אין די נעכט. זיי וועלן דאָך אין איינער אַ נאַכט קומען אַרויסנעמען פון דאָרט וואָס זיי האָבן אַריינגעלייגט. המם, אָבער דאָס זענען דאָך זיכער מיינע לוהיסקער ייִדעלעך. נעמען זיי און איבערענטפערן אין "ידי עשו"? ווי האָט געזאָגט דער וואָלף שניידער צו זיין אישה? "גאָט וועט שוין זיין שטעטל אָן דיר באַשטיין". "מכל מלמדי השכלתי".* און זיי זענען דאָך שוין נעבעך באַצייטנס באַשטראָפט געוואָרן, די גנבים; זייער גנבהשע טרחא אין אַזאַ מבול־נאַכט איז דאָך שוין אַרויסגעוואָרפן. המם...

— יאָ, — מאַכט ער דעם אויספיר, — טוט שוין ביידע, ווי איך האָב אייך געהייסן.

וואָלפּעכע באַווייזט קוים אָפּצושפּרינגען פון דער טיר, ווען שיקל טוט זי אָן עפן.

---

* דאָ אין זין: פון יעדן דאַרף מען זיך לערנען.

אין אַ שעה אַרום שמועסט שוין דאָס גאַנצע שטעטל וועגן פּלאָימדיקע נייסן:

— היינט ביי נאַכט האָבן גנבים, מסתם אונדזערע אייגענע, דער „רבי" מיט זיינע „חסידים", אויסגעראַמט גרשון שניטקרעמערס קלייט, ווי פון חמץ ערב־פּסח.

— די גנבה האָט זיך ראַפּטעם אָפּגעפונען אין בית־מדרש.

— אונטער די טרעפּ פונעם אָרון־קודש, ווו ס'ליגן די שמות.

— דער רבונו־של־עולם האָט זיי גלייך אָפּגעצאָלט פאַר זיין פאַר־שוועכטן כבוד.

— אוי, ווען דער רבונו־של־עולם דערלאַנגט זיי אַזוי שטענדיק אויפן אָרט איבער די גנבהשע הענט!

— מ'האָט שוין געמאַכט אַן "אָביעסקע" * ביים "רבין" אין שטוב.

— צו וואָס? מע האָט דאָך שוין די גנבה אָפּגעפונען.

— ס'האָט עמעצער אונטערגעשיקט דעם אוריאַדניק, ער זאָל זוכן ביי אים די שמות.

— גאָספּאָדין אוריאַדניק, — האָט דער "רבי" אים געפרעגט מיט אַ שמייכעלע, — וואָס זוכט איר ביי מיר?

— "אַ טשאָרט טעביאַ זנאַיעט! שעימעס קאַקיִע טאָם! **

— שיימעס? — וווּנדערט זיך דער "רבי", — צו וואָס טויגן מיר שיימעס? איך און די קינדער מיינע האָבן דען נישט קיין סידורים זיך צו מאָדליען? וואָלטן זיי אַזוי געקאָנט עברי אין זיי. שיימעס גאָר! אַז גנבענען, איז שוין עפּעס טרייפערס. זאָל זיין הינערשע פעדערן פון דער שוחטקעס שטאָל...

— ניטשעוואָ ניע פּאָנימאַיו! — האָט אַ געשריי געטאָן דער אוריאַד־ניק. — פּערעסטאַן באַלאַגוריט! ***

— און מע האָט טאַקע קיין איין שמה, זאָלסט זאָגן אַפילו אויף אַ רפואה, נישט געפונען. אונדזער "מזומן", דער אוריאַדניק מיטן סטראַזש־

---

* רעוויזיע.

** דער טייוול ווייסט דיך, שמות אַזעלכע.

*** כ'פאַרשטיי נישט גאָרנישט, הער אויף באַלאַקען.

ניק מיט אונדזער "סאָטסקי"* זענען נעבעך אַוועקגעגאַנגען מיטן ליידיקן, ווי אָפּגעשמיסענע.

— נו, זעט איר שוין, גאָספּאָדין אוריאַדניק, — האָט אים דער "רבי" באַגלייט אין דרויסן אַרויס מיטן זעלבן שמייכעלע וואָס ער האָט אים באַגעגנט, — אַז איר האָט קיין מאָל נישט וואָס צו קומען צו מיר... ביי מיר בלייבט פון קיין גנבה אַפילו קיין שמה נישט איבער.

— ניע לאַי. פּאַשאָל וואָן!** — האָט דער אוריאַדניק אַ געשריי געטאָן אין דער לופט אַריין, אַ צעבייזערטער ווי אַ הונט.

— און די "רביצן", וואָס איז געשטאַנען אין דער טיר, האָט אים נאָכגעזאָגט אַ ייִדישע ברכה: אַז איידער דו וועסט נאָך אַ מאָל קומען אַהער, זאָלסטו איבער מיין שוועל אַ פוס צעברעכן, עשו! און אַלע מיינע בילערס זאָלן אַזוי ווי דו אַנטשטומט ווערן.

— נו, זעט איר: קיין איין שמה טאַקע נישט, אָבער די גבירישע סחורה האָט זיך אָפּגעפונען אין גאַנצן. — זאָגט רחמיאל טעסליער און טראַכט וויפל ער ווערט זיך הייסן באַצאָלן פאַר פאַרריכטן די לאָך אין סטעליע אין גרשונס קלייט.

— וואָס דען? די גבירים האָבן אַ טרייפענע הצלחה, און הייליקע שמות — אַפילו נישט קיין כשרע.

— דווקא אויף זיין אייגנס איז דער רבונו־של־עולם מוותר. איר זעט דאָך. — זאָגט דער געלער קצב צווישן קצבים ביי זיין יאַטקע.

דערהערט עס שימענקע שטאָט־לץ, פאַרבייגייענדיק, בלייבט ער שטיין אַ ווייל און וואַרפט אַריין אַ וואָרט:

— מילא, וואָס ער איז מוותר אויף זיין אייגנס, דאָס איז זיין זאַך. אָבער פאַר וואָס איז ער מוותר אויף די קבצנימס? ווו איז יושר? פאַר וואָס איז ער מוותר אויף הערצעלע דעם שטאָט־משוגענעמס קלאָרן פאַרשטאַנד?

— ער וועט טאַקע קומען פאַר דיר זיך פאַרענטפערן, לץ איינער! — מאַכט אים אַוועק דער פרומער קצב און ציט ווייטער, — אַז גרשון וועט

---

* ייִדישער פּאָליציי־געהילף.

** ביל נישט. אַוועק!

זיך אומקערן פון מאַציעוו פונעם זונס חתונה, וועט ער דערהערן, אַז מ'האָט דאָ אים אַליין "חתונה געמאַכט".

— נו, וועט מען אים ראשית אָפּגעבן אַ טאָפּעלן מזל־טוב. ער איז דאָך אַ גביר. און, אם ירצה השם, שבת וועט ער קריגן אַ פּעטע עליה. ווייל ביז היינט איז ער געווען בלויז אין די גבירישע פעדערן, און פון היינט אָן איז ער דאָך שוין אינעם טויבנפוך פונעם מאַציעווער רבס יִחוּס...

— אויך דער וואָס אין הימל וויל זיך איינקויפן אין יִחוּס... — לאָזט אויס שימענקע לץ און לאָזט זיך אַוועקגיין, זעענדיק ווי דער געלער קצב שאָקלט נאָך אויף אים מיטן קאָפּ.

— אַז ביי גרשונען אין שטוב איז פאַרבליבן בלויז די טאָכטער מיט די קינדער און דעם ברודערס יתומים, — ציט ווייטער אַ יונגער קצב דער פאָדעם פונעם שמועס, — איז ווער זשע וועט אַרויסנעמען די גנבה פון אונטערן אָרון־קודש ?

— ס'איז טאַקע אַ חילול־השם, זי זאָל ליגן דאָרטן, — וואָרטשעט דער געלער קצב, — אויבן — די "עשרת הדיברות" מיטן "לא תגנוב", און אונטן, ווי אויף צו להכעיס דעם רבונו־של־עולם — די גנבה...

— באין־ברירה, — רופט זיך אָן אַ צוגעקומענע ייִדענע נאָך פליש, — האָט דערווייל דער רב געשטעלט שומרים לעבן אָרון־קודש צו היטן: ביי טאָג — דאָס שמשל מיט שמחהלע זאַלמעסאַניע, און ביי נאַכט — זעליק שדכן מיט זיין איידעם, יואל לייבס. און מאָרגן־איבערמאָרגן קומען דאָך שוין די מחותנים.

## מו

אויפן דריטן טאָג ברענגט אַוראָמטשיק אַהרונקע באַלעבאָלעס צו פירן די מחותנים. שוין אין וועג דערהערן זיי פון אים די ביטערע און פריילעכע בשורה וועגן דעם אומגליק און גליק וואָס ס'האָט זיי געטראָפן. ווי זייער סחורה ווערט אָפּגעהיט אין בית־מדרש.

— אייער גליק און די גנבימס אומגליק, — לאָזט ער אויס, אַווראָמ־טשיק, געבנדיק מיט דער בייטש די פערד צו דערפילן זיין פאַרבאָרגן ביטערניש, — אַ בראָך זיי אין די ביינער אַריין!

אַ, ווי גרשון וואָלט ערשט אַ בעלן זיין, אַריינצוקוקן אַוראַמטשיקן, דעם "רבינס„ בכור, אין די אויגן אַריין! און דורך די אויגן — אין האַרצן. ווער מיינט ער דאָס מיטן "אַ בראָך זיי אין די ביינער אַריין!" ?...

אָנגעקומען אויפן שאָסיי קעגן איבער די קלייטן, שטעלט זיך דער וואָגן אָפּ. פעלטע לאה גייט אַראָפּ, צו גיין אַהיים צו די קינדער, און גרשון מיטן איידעם, הערשל ברכה יאָסל משהס, פאַרפאָרן גלייך צום בית־מדרש. זיי פאַלן באַלד אויפן זעלבן שכל וואָס די גנבים, אַרויסצונעמען די סחורה דורכן פענצטער, און גרשון הייסט אַוראַמטשיקן פאַרפאָרן הינטער דער מזרח־וואַנט. מיט דער הילף פון דעם שמשל און זאַלמעסאַ־ניען ווערט די סחורה אַרויסגענומען פון אונטערן בריקל, אַרויסדערלאַנגט דורכן פענצטער צו אַוראַמטשיקן. גרשון מיטן איידעם פּאַקן אין די זעק אויפן וואָגן. און גאָר שנעל פאָרט דער וואָגן אָפּ צוריק צו דער קלייט.

...מילא, — טראַכט אַוראַמטשיק די גאַנצע צייט פאַרביטערט, מיט פאַרקלעמטע ציין, — פאַר דער איצטיקער טרחא און פאָרן צוריק פירן וועט דער טרעלבויך באַצאָלן, אָבער ווער וועט באַצאָלן פאַר דער ביינאַכ־טיקער האָרעוואַניע און פאָרן אַהערבערענגען? אַ בראָך אים אין טרעלבויך אַריין! סיידן גאָט אַליין, ווי די פרומע מאַמע זאָגט...

מיט אַ שעה שפּעטער אַרבעט שוין רחמיאל טעסליער אויף דער סטעליע פון גרשונס קלייט און פאַרלאַטעט די לאָך. ער וועט שוין דאָ אויך צורעכט מאַכן דאָס שטיקל טיק, כאָטש די אַרבעט געהער גאָר צו אַ מוליער. שמוליקל באַשלעגער קומט צו גיין מיטן זעלבן לייטער, וואָס האָט אין יענער אומגליקלעכער נאַכט געדינט אים און קאַלעניקן. ער קריכט אַרויף אויף אים מיט אַ ברעמעניע נייע, ווייסע שינדלען, וואָס ער האָט מיט אַ וואָך צוריק "אָפּגעשפּאָרט" פון אַ פריצישן הויף אין אַ דאָרף. ער נעמט זיך ערנסט פאַרלאַטען דאָס שטיקל דאַך, וואָס ער אַליין האָט אויפ־געריסן אין דער פינצטער. נאָר היינט איילט ער זיך נישט און היט זיך נישט צו געבן אַ העכערן קלאַפּ. פאַרריכטנדיק, רייסט ער אַראָפּ נאָך אַ ביסל אַלטע שינדלען, כדי צו קאָנען פאַרלאַנגען פון גרשונען אַ הוספה. אויב תמיד בעתן באַשלאָגן ניגונט ער אונטער פריילעך אונטער דעם קליינעם דיקלעכן נעזל, טוט ער עס איצטער אומעטיקלעך: ווער זאָל זיך עס געוועון ריכטן אויף אַזאַ פּאַסקודנעם בראָך, אַז פאַר זיין גאַנצער מי

דעמלט ביי נאַכט וועט ער בלייבן בלויז ביי אָט דעם כשרן פאַרדינגסטל!... פאַר כשר פלייש אין יאַטקע באַצאָלט מען טייער, פאַר כשרע אַרבעט אויפן דאַך — ביליק. עך! נישטאָ קיין יושר, נישט נאָר אויפן דאַך — אַפילו נישט אין הימל. נישט נאָר ביי מענטשן — ביי גאָט אויך נישט. אַזוי באַצאָלט ער עס פאַר שווערער פראַצע? מאַ. מילא, גוט איז פון אַ חזיר אַ האָר...

דאָס מיינט ער, פאַרשטענדלעך, גרשון שניטקרעמער...

גרשון, כאַטש ער שטויסט זיך אָן, אַז שמוליקל, דעם "רבינס" איידעם, באַשלאָגט ערשט דאָס שטיקל דאַך, וואָס ער האָט אַליין אַרונטער־געריסן, איז אָבער נישט קיין נביא צו וויסן ווי שמוליקל באַטיטולט אים אין זיין בייזער מחשבה. נאָר שפּעטער, נאָכן באַצאָלן אַוואַנטשיקן, רחמיאל טעסליער און שמוליקלען, אין דער היים ביים אָנבייסן, טוט ער אַ זאָג צו פעלטע לאהן, ווי אָנגעבונדן צו שמוליקלס מחשבה:

— מע קאָן קיין חזיר נישט זיין. נאָך היינט שיק איך אַריין צום רב אַ האַלבן קאַרב. ער האָט זיך עס פאַרדינט. אַז ווער וואָלט זיך עס געריכט אויף דעם שלימזל...

— ווו תורה — דאָרט חכמה. — שלאָגט אים איבער ווילקענעוודיק פעלטע לאה. אָבער ער ציט ווייטער:

— און שבת, אם ירצה השם, צו קריאת־התורה, וועל איך מנדב זיין אַ שיינעם "בעבור שנדר"... וואַרט, וואַרט. און נאָכן דאַווענען וועל איך פאַרבעטן אויף קידוש — ווייסט וועמען? וואָלף שניידער מיט זיין וואָל־פעכען, שמחהלע זאַלמעסאַניע מיט זיין זאַלמעסאַניעכען און דאָס שמשל... בין איך נישט גערעכט אפשר, פעלטע לאה?

— גערעכט ביסטו, גרשון, נאָר... די וואָלפעכע...

— פאַרגעס זשע נישט, אַז צוליב וואָלפעכען דער עיקר זענען אַלע אונדזערע ציגן גאַנץ געבליבן...

דאָ הייבט אַרויף דעם קאָפּ דער איידעם איבער זיין טעלער, זיך אָפּצו־רופן מיט אַ וואָרט... אָבער זיין בליק טרעפט אָן אויפן ווייבס אויגן, אָנגע־שטעלטע אויף זיינע, און ער לייענט אין זיי: "מיש זיך נישט אַריין. נישט דיין קעשענע און נישט דיין עסק!". לאָזט ער צוריק אַראָפּ דעם קאָפּ, פאַרשטעקט דעם בליק אין טעלער און דערטראַכט: גבירישע פוסטע

פּאַמפּע. גאַנץ לוהיסק זאָל אים האָבן אויף דער צונג: סאַראַ עניו ער איז! ווי ברייטהאַרציק ער איז! סאַראַ יד־רחבה ער האָט!... — אָבער אויך שימענקע שטאָט־לץ וועט אים נעמען אויף דער צונג און אים אַרויס־שטעקן אַ לאַנגע צונג פון אַ לץ...

— מילא, טו ווי דו פאַרשטייסט. — זאָגט פּעלטע לאה.

שבת רופט מען אויף גרשונען מפטיר. ווען ס׳קומט צום "בעבור שנדר", און דער בעל־קורא שטעלט צו זיין אויער פון אונטערן טלית צו זיין מויל, טוט ער אים אַ רוים איין אויף אַ קול, דער גאַנצער בית־מדרש זאָל הערן און סע זאָל אַפילו דערגיין צו פּעלטע לאהן אין דער ווייבערשיל:

— חצי דאָלער!

שימקע שטאָט־לץ, ווען ס׳איז שטענדיק שווער איינצושטיין אויף איין אָרט, שטייט איצט גראָד פאַר מרדכי שוחטס שטענדער. דערהערט ווי דער שוחט טוט בייז אַ וואָרטשע:

— די אָנגעבלאָזענע גבירישע גאווה האָט אויסגעבלאָזן אַן אַמערי־קאַנישן חצי־פויגל...

איז שימקע שטאָט־לץ, ווי זיין שטייגער איז, נישט פויל, געפינט זיך באַלד לעם גרשונס שטענדער און זאָגט שטיל, תמעוואַטע צו גרשונען:

— איר ווייסט, רב גרשון, וואָס איך האָב געהערט עמעצן זאָגן וועגן אייך? כ׳וועל דעם זאָגער נישט פורש בשמו זיין, כדי נישט צו זיין קיין רכילות־טרייבער. "די אָנגעבלאָזענע גבירישע גאווה, — האָט ער געזאָגט, — האָט אויסגעבלאָזן אַן אַמעריקאַנישן חצי־פויגל... קומט אים דערפאַר מכבד צו זיין נישט נאָר מיט אַ מפטיר, נאָר אויך מיט בלאָזן שופר דעם גאַנצן חודש אלול... "ויקרא שמו בישראל" *: גרשון בלאָז...".

אין דעם טיף באַליידיקטן גרשונען צינדט זיך צאָרן, און ער טוט זיך אַ צינד אָן, ווי אַן אינדיק:

— אַזוי האָט ער געזאָגט, דער עמעצער? כ׳שטויס זיך, מיינסטו, נישט אָן ווער דאָס איז? ער איז עלול צו קוילענען נישט נאָר אַ גסה מיטן חלף, נאָר אויך אַ מענטשן מיט דער צונג... אָט וועל איך אים גלייך באַווייזן ווי גרשון וויטמאַן בלאָזט זיך!

* און זיין נאָמען זאָל גערופן ווערן צווישן יידן.

ער טוט אַ רוף צו זיך מיטן ווייזפינגער דאָס שמשל וואָס גייט פאַרביי:

— הער, שיקל. ביי "עלינו לשבח" זאָלסטו צוגיין צו וואָלף שניידער און אים זאָגן, אַז איך פאַרבעט אים מיט זיין יידענע צו מיר אויף קידוש. דאָס אייגענע — צו שמחהלע זאַלמעסאַניע. זאָלן זיי וואַרטן אויף מיר אין דרויסן פאַר די טרעפּ פון דער ווייבערשיל, צו גיין מיט מיר צוזאַמען. אויך דו, שיקל, וועסט מיטגיין מיט אונדז און... זאָלן שונאים זאָגן, אַז איך בלאָז זיך, און אַליין פּלאַצן...

אין אַ סעקונדע אַרום איז שימעק שוין ווידער לעבן שוחטס שטענדער:

— זעט נאָר, רב מרדכי, — זאָגט ער ווי גאָר אָן אַן אונטער־כוונה, — סאַראַ לייטישן גביר אונדזער לוהיסק פאַרמאָגט. מע מעג זיך מיט אים באמת איבערנעמען. נאָר וואָס האָט ער פאַרבעטן צו זיך אויף קידוש — נישט דעם רב, נישט דעם שוחט און... אַפילו נישט מיך, דעם שטאָט־לץ. נאָר וועמען יאָ? זאַלמעסאַניען מיט זיין פלוניתטע. מילא דאָס פאַרשטיי איך נאָך: ער שומרט אים זיין ביסל אָרעמקייט אין קלייט. און וואָלף "שיקסע"־שניידער מיט זיין פאָנפעוואַטער פראַנצויזקע. גיי טרעף — אין וועלכן זכות? אפשר, כדי ער זאָל שיקן צו אים אין קלייט אַריין זיינע דאָרפישע שיקסעס איינצוקויפן אויף די ספּודניצעס. יאָ — און דאָס קלענסטע טעפּעלע פון די כלי־קודש, דאָס שמשל.

אויסגעהאָרכט אים צופרידן אין האַרצן פון דעם לצנות, טוט מרדכי אַ זאָג, ווי צום שטענדער:

— איך קען אים נישט? דערמיט האָט ער זיך, דער גבירישער אינדיק, אָנגעבלאָזן אַ גאַנצן לונג־און־לעבער אויף זיין פאַרריסענער נאָז. נאָר אַז מע וועט אים בודק זיין, וועט מען מוזן פסקענען: "טרייף!".

ערשט איצט טוט זיך שימעקס תמעוואַטע פּנים אַ צעשטראַל מיט אַ צופרידענעם שמייכל, און ער גייט אָפּ מיט דער מחשבה: ווען ער דאַרף און וויל, דער חסיד, קאָן ער זיין אַ שטאָט־לץ נישט ערגער פון מיר.

*

גרשון וויטמאַן, דער חשובער שטאָט־באַלעבאָס, דעם מאַציעווער רבס פרישגעבאַקענער מחותן, פילט זיך איצט גאָר געהויבן. אַדרבה, זאָל איצטער עמעצער ״סמייען״ * צו זאָגן אויף אים אַז ער בלאָזט זיך. אַרום זיין שבתדיקן טיש זיצן איצט די פּראָסטע לייט פונעם בוינעגעסל און לאָזן זיך מכבד זיין און ווילגיין מיט זיין קידוש, וואָס פּעלטע לאה האָט, לויט זיין רצון, פאַרגרייט כיד־המלך: בראָנפן פאַר די מאַנסלייט און ווישניק פאַר די ווייבער, קיכלעך מיט איינגעמאַכטס, לייקעך און שטרודל און אַפילו געבלעטערטן פּעטן און זיסן קוגל מיט גענדזענע גריוון און ראָזשענקעס. און ער בכבודו־ובעצמו און זיין איידעם, לויט זיין באַפעל מיטן בליק, גיסן אָן פאַר די מאַנצלייט, און פּעלטע לאה און בליומקע — פאַר די ווייבער. מע טרינקט לחיים און מע פאַרבייסט אין איינעם, ווי גלייכע מיט גלייכע.

אין די שבתדיקע בגדים, דערוואָרעמטע פונעם טרינקען און עסן, און דעם צוגעטיילטן כבוד, האָבן זיי גאָר אַן אַנדער פּנים, די געמיינע לייט. פאַרב אין די באַקן און גלאַנץ אין די אויגן. שוין גאָרנישט ווי אַזעלכע פּראָסטע און געמיינע. אַפילו שמחהלע, וואָס איז זיך אַוודאי נישט געענוג אויסגעשלאָפן נאָך דער שבתדיקער נאַכט וואַרטעווען צווישן די קלייטן, איז ווי גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן. ווי פּראָסט ערלעך ער איז! ער חזרט כסדר איבער:

— כ׳פרעג זיך נאָר: מיט וואָס האָב איך זיך עס ביי רב גרשונען פאַרדינט? בין געזעסן, ווי אַ גולם, הינטער דער טיר פון פאָרנט, און די גנבים האָבן זיך דאָרט געטאָן זייערס פון הינטן. ווי ביי זייער אייגענעם טאַטן אין ווייַנגאָרטן. אַ מינדסטער שאָרך זאָל עס געווען צו מיר דער־גיין! דער רויש פונעם רעגן האָט מיר פאַרשטאָפּט די אויערן, ווי מיט וואַטע.

דאָ קאָן דער שרעקעוודיקער דרך־ארץ שוין נישט איינהאַלטן זאַל־מעסאַניעכען און, פאַרזשמורענדיק שטאַרקער די בלינדלעכע אויגן, טוט זי זיך אַ רוף אָן:

— אוי, רבונו־של־עולם! פּעלטע לאה קרוין! ווען איך וואָלט דאָרט

* זיך דערוועגן.

געזעסן לעבן אים, וואָלט איך אויף געוויס יאָ געוווּן דערהערט וואָס סע טוט זיך ביי רב גרשונען פון הינטן. פאַר מיינע אויערן וואָלטן זיי זיך נישט געוווּן אויסבאַהאַלטן, די גנבים, אַפילו ווען זיי וואָלטן באָרוועס געגאַנגען.

די באַלעבאַטים שמייכלען אונטער, און וואָלפעכע טראַכט: זי מיינט, גנבים זענען לשון־הרע... אין דער היים ׳על איך עס זאָגן וואָלפן.

און זאַלמעסאַניע טוט זיך אַ בייזער אויף זיין קליפּה:

— געגוג שוין געפּלאַפּלט, ייִדענע. פאַרגעס נישט פאַר וועמען דו רעדט עס... איז ווען נישט זי, וואָלפס ווייב... מיט וואָס האָב איך זיך עס פאַרדינט ביי רב גרשונען?

שלאָגט אים דער באַלעבאָס איבער און מאַכט אים לייכטער אויפן ערלעכן האַרצן:

— שמחהלע, איך האָב נישט קיין טענות צו דיר. האָסט געטאָן ווי איך האָב דיך געהייסן. און דער עיקר — צום גולם זענען געוואָרן די גנבים, נישט דו. און אויף ווייטער וועסטו שוין געדענקען, אַז מע דאַרף נישט היטן נאָר די טיר, און נישט נאָר פון פאָרנט, נאָר אויך דעם דאַך און אויך פון הינטן. לחיים, שמחהלע, זאָלסט מער קיין מאָל נישט געשטרויכלט ווערן.

— אָמן, אָמן, רב גרשון. — פּאָטאַקעוועט ער. — לחיים פאַר אייך, פאַר אייער ווייב, קינדער און אייניקלעך, און פאַר אייער קלייט.

דער בראָנפן מיט די געשמאַקע פאַרבייסעכצן מאַכן ווייך די צינגער נישט נאָר פון די ווייבער, נאָר אויך פון די געוויינלעך שווייגנדיקע מאַנצבל. דערציילט שמחהלע וועגן יענער שרעקלעכער נאַכט — אַזעלכע זאָל זיך שוין קיין מאָל נישט איבערחזרן! ווי פינצטער זי איז געווען, כאָטש בעם זיך די אויגן אַרויס! ווי דער רעגן האָט געליאַפּעט עמערווייז, אָן אָן אויפהער און אָן אַ סוף. מ׳האָט געקאָנט מיינען — אַ צווייטער מבול קומט אויף דער וועלט! און ער זיצט דאָ, היט נוח הצדיקס תיבה — רב גרשונס קלייט און רירט זיך אויף קיין טראָט נישט אַוועק. ער ׳עט זיך שרעקן פאַרן מבול און אַנטלויפן אַהיים צום ווייב? דערויף האָט מען אים געשטעלט פאַר אַ שומר? ניין! ער געדענקט נאָך וואָס ער האָט אין

חדר געלערנט, אַז דער אייבערשטער האָט געשווירן נישט צו ברענגען מער קיין מבול אויף דער וועלט...

— קיין מבול אויף דער וועלט טאַקע נישט, — שמייכלט דער באַלעבאָס צו שמחהלען ווילגענייגט, — אָבער אויף לוהיסק אַליין קאָן גריילעך געשען. ווייל סע פאַרדינט זיך: אַזאַ קליין שטעטל און זאָל פאַרמאָגן אַן אייגענע אַזאַ גרויסע באַנדע גנבים אַפילו מיט אַ "רבין". ער איז דאָך גרייט יעדע נאַכט אַ ייִדן אומגליקלעך צו מאַכן. ווער געדענקט נישט יענעם ערב־פּסח, ווען דער בוג איז אַריבער די ברעגעס, און דעם שמוקלערס טייך האָט זיך צעגאָסן אַזש העט אַריבער די אָרעמע הייזלעך. איז דעמלט נישט, ביי איינעם אַן אָרעמען מעשטשאַן, דערטרונקען געוואָרן אַ שראָלכל? אַפילו אונדזער רב האָט זיך דעמלט געשראָקן פאַר אַ מבול אין לוהיסק. האָט גערופן אין בית־מדרש אַריין דעם עולם צו זאָגן תהלים.

ער בלייבט שטיין אַ ווייל, פאַרכלינעט פון די אייגענע רייד. נוצט עס אויס דער אײדעם אַ פרעג צו טאָן, וואַרפנדיק אַ פאַרווונדערטן בליק אויף „דער־אָ פאָנפע".

— ווי זשע טאַקע האָט זיך עס אין אַזאַ מבולדיקער נאַכט געקאָנט געפונען אַ פרוי אין דרויסן און גיין פאַרביי דעם בית־מדרש, ווי אַ פרומע ייִדענע, גייענדיק צו סליחות?...

ראַטעוועט אים פונעם שווערס אַ בייזער גאָב דער תמיד שווייגנדיקער וואָלף, וואָס אַפילו זיינע אויגן גלאַנצן ערשט:

— כ'האָב איר טאַקע דעמלט געזאָגט, מיין ווייב. דו געדענקסט, גאָלדע? "משוגע מיינע שונאים? איצטער 'עסטו גיין? אין אַזאַ מבול?!".

— נישט אַ מבול האָסטו געזאָגט, וואָלף. אַנדערש. — פאַרריכט אים דאָס ווייב. — די מעשה איז אַזוי געווען...

און זי הייבט אָן אויסדערציילן־אויספאָנפען די מעשה, ווי אַ מעשה, אַזש פון יענעם פאַרנאַכט, ווען זייער "צירל" איז איר עפּעס נישט געפעלן געוואָרן. ביז — זי איז גאַנץ פרי, ביים אַרויסטרייבן זי צו דער טשערעדע געקומען צום רב. און דער רב זאָגט אים טאַקע, שיקלען, ער זאָל גיין צו זעליק שדכן רופן דעם אוריאַדניק...

דאָ שלאָגט איר איבער דער אײדעם:

— שווער, ס'איז מיר אַ גרויס חידוש, פאַר וואָס איר האָט פאַרגעסן

צו פאַרבעטן אויפֿן קידוש זעליק שדכן מיטן איידעם, יואל לייבס?

— דער שווער פאַרגעסט נישט! — טוט ער אים האַרב אַ פאַר אָפּ. — דער שווער ווייסט תמיד וואָס ער טוט און וואָס ער דאַרף נישט טאָן. פאַרגעסן האָסטו!

נישט באַמערקנדיק ווי זיין פון קינדער־אַלקער אַריינגעקומענע בליומ־קע ווינקט צו אים, ער זאָל זיך נישט דערוועגן מער צו דערצערענען דעם טאַטן, טוט ער ווידער אַ פרעג:

— וואָס, למשל, האָב איך פאַרגעסן, שווער?

— וואָס, למשל, האָסט פאַרגעסן, איידעם? — שפּאָט פון אים דער צעבייזערטער שווער. — האָסט, למשל, פאַרגעסן וואָס סע הייסט שעטנז...

— "מה ענין שמיטה אצל הר סיני"?* — פאַרשטייט נישט דער איידעם.

— נו, זעסטו שוין, פעלטע לאה, — ווענדט דער מאַן זיין צאָרנדיק פּנים אויפֿן איידעם צו איר, — נישט תמיד איז ווי דו האָסט אַנומלט געזאָגט, אַז "ווו תורה, דאָרט חכמה". גיי טייטש אים אויס, דעם חכם, איצט, פאַר אַלע אין די אויגן, וואָס איז וואָל און וואָס איז פלאַקס...

— טאַ־אַטע־ע... — טוט זיך בליומקעס קול אַ בעט ביי אים. — ס'איז שוין אפשר צייט מיר זאָלן זיך זעצן צו דער שבתדיקער סעודה? די קינדער זענען שוין אומרויִק...

— גערעכט, בליומקע, — לעשט זיך דער שווער. — און איצט, פעלטע לאה, גיב מיט די געסט אַהיים גוטע זאַכן פאַר די קינדערס וועגן.

דערמאָנט זיך, אַז וואָלף מיט וואָלפעכען האָבן נישט קיין קינדער און דאָס שמשל איז נאָך גאָר פאַר דער חתונה, לאָזט ער אויס:

— שמחהלען מיטן ווייב — פאַר די קינדער, וואָלפן מיטן ווייב — פאַר זיך אַליין, און שיקלען פאַר זיין כלה וועגן. זאָלן זיי זיך גיין אַהיים געזונטערהייט פראַווען די שבתדיקע סעודה מיט די זמירות איטלעכער ביי זיך... נו, אַ גוטן שבת אייך, געסט.

ער גייט אַריין צו די אייניקלעך אין אַלקער, האָפערדיק צוליב זיין

---

* אין זין: וואָס פאַר אַ שייכות האָט איינס צום צווייטן.

אַרויסגעוויזענער עניוות און ברייטער האַנט: דאָס שטעטל וועט האָבן וועגן דעם צו רעדן אַוודאי ביז איבער אַכט טאָג שבת. המם... און דעם שוחט וועט עס שטעכן אין דער זיבעטער ריפּ. זאָל ער זיך גרויסהאַלטן און טאַקע האַלטן מיט זיין עלוי. מיט מאיר מעלשענקערס ב כ ו ר. און ווי זאָגט אַ שפּריכוואָרט: „דו באָק, דו ביסט טאַקע הייליק, אָבער וואָס שטינקסטו אַזוי?"...

## מז

ס'ציִען זיך פּאַר יידעלע דעם שוחטס וואָכן און חדשים אויסטערלישע: פון איין זייט איז גוט, אַפילו זייער גוט; פון דער צווייטער — שלעכט, אַפילו זייער שלעכט.

פון דער שוויגער איז דאָך שוין אָפּגערעדט — זי איז נאָך בעסער פון תמיד, אויב סע שיקט זיך בעסער; דער שווער — ווי ער וואָלט זיך געענדערט "מלבר ומלגו",* לערנט אים דאָס אומנות מיט אַזאַ רויִקייט, מיט אַזאַ צוגעלאָזנקייט, אַז ער וואָלט זיך עס גאָר קיין מאָל נישט משער געווען וועגן אַ מענטשן, "וואָס קוילעט". דאָס בייזקייט פון זיינע אויגן האָט זיך גלייך ווי אָפּגעטאָן, קיין משהו איז נישט פאַרבליבן. און זי, קיילע חיה, יאָ, קיילע חיהניו — "מי פילל ומי מילל" — ווּעמען וואָלט עס גאָר אויף דער מחשבה אויפגיין? "המן־הסלע הזה נוציא לכם מים" — זאָלן מיר פון דעם דאָזיקן פעלדז אייך אַרויסציִען וואַסער? היינט שיקט זיך גאָרנישט צו זאָגן אויף איר די ווערטער פון דעם חכם מכל אָדם. המם...

אַנשטאָט דעם ספר "קהלת" נעמט ער היינט אָפּט אין האַנט דעם ספר "משלי". ער מישט אין אים אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל און לערנט. אָפּט שטעלט ער זיך אָפּ און לערנט מיט אַ ברומענדיקן שטילן ניגון:

"יהי מקורך ברוך" — זאָל זיין דיין קוואַל געבענטשט, "ושמח מאשת נעוריך" — און פריי זיך מיט דעם ווייב פון דיין יוגנט, "אילת אַהבים

---

* פון דרויסן און פון אינעווייניק.

ויעלת חן" — די ליבלעכע הינדין און די חנעוודיקע הירשין, "דדיה ירוך בכל עת" — אירע בריסט זאָלן דיך זעטן אין אַלע ציטן, "באהבתה תשגה תמיד" — צו איר ליבשאַפט זאָלסטו זיך איבערגעבן תמיד.

...פרעג, מיט וואָס האָב איך עס זיך ביים אייבערשטן פאַרדינט? זאָגט דאָך די גמרא: "אשה טובה מתנה טובה" — אַ גוט ווייב איז אַ גוטע מתנה, "בחיק ירא אלוקים תנתן" — אין שויס פון אַ גאָטספאָרכטיקן ווערט זי געגעבן. בין איך דען אַזאַ ירא־אלוקים? צייטנווייז באַפאַלן דאָך מיין נשמה ספקות, ווי ווערעם דאָס לייב פון אַ בר־מנן... יאָ, ס'איז גוט וואָס איך פאָלג זיי אין דעם ענין פון לערנען זיך שחיטה. ווי זאָגט די גמרא: „בינה יתרה נתן הקדוש ברוך הוא באשה יותר מבאיש" — דער הייליקער, געלויבט איז ער, האָט דער אשה געגעבן מער פאַרשטאַנד ווי דעם מאַנצבל.

היינט די קינדער — שוין אָפּגערעדט פון פריידעלען, אַפילו מאירל איז ווי מער לייט געוואָרן. איז דאָך גוט, זייער גוט. נאָר ווען וואָלט דאָס גערעדט געוואָרן? ווען דאָס ביסלעכווייזע צוגעוווינען זיך צו דער שחיטה וואָלט נישט אָנגעקומען מיט אַזאַ בעל־כרחך אויסבאַהאַלטענער פיין און מיט אַזאַ האַרצקלאַפּעניש.

שוין זעקס חדשים ווי דער שווער קנעלט מיט אים דאָס בלוטיקע אומנות בהדרגה, ווי אַ גוטער און געטרייער מלמד. ווען דעם ערשטן חודש פלעגט זיך טרעפן אַ מאָל ער זאָל אָן עוף נישט דערקוילען, פלעגט עס דעם שווער נישט אַרויספירן פון די כלים. פאַרקערט, ער פלעגט אים נאָך אַ מונטער טאָן:

— יונגער שוחט, נאָר נישט נעמען זיך צום האַרצן, כאָטש סע גייט אויס צו דער קעשענע. אַלצדינג מוז קאָסטן רבי־געלט. "שבע יפול צדיק וקם"*.

— אָבער איך, שווער, בין דאָך קיין צדיק נישט. היינט אַוודאי נישט...

מאַכט זיך דער שווער נישט דערהערנדיק דעם "היינט אַוודאי נישט":

— מאַלע וואָס דו זאָגסט! די גמרא זאָגט דאָך אַנדערש, און דאָס ווייסטו דאָך בעסער פון מיר, — טוט ער אים אַ חנפע, — „אין אָדם משים עצמו

* זיבן מאָל אַלט דער צדיק און שטעלט זיך אויף.

רשע",* קאָן ער זיך אויך נישט מאַכן פאַר נישט קיין צדיק. ווען עס מיט גאָטס הילף, גובר זיין. זעסט דאָך — פון טאָג צו טאָג, פון וואָך צו וואָך גייט עס דיר אַלץ גרינגער און בעסער.

היינט טרעפט זיך עס שוין טאַקע נישט מיט אים. אָבער — ווען ער טוט אַ פּליק ביי אַן עוף די פעדערלעך פון העלדזל און אַ פיר איבער דאָס חלפל, מאַכט זיך, ער דערשפּירט אין די שפּיץ פינגער דעם ציטער פון וואַרעמען לייב. אַן אייגענער ציטער טוט אַ ריזל דורך פון האַרצן ביזן שפּיץ קאָפּ און ביז די שפּיץ פינגער פון די פיס. ער דערשפּירט הינטער דער יאַרמלקע ווי ס׳גייען אים אַרויס אַנגסטן. אָבער די שרעק, די שרעק טאָמער דערקוילעט ער נישט, האָט ער שוין היינט נישט. אַפילו נישט ביי אַ דקה. אַפילו נישט ביי אַ גסה... יאָ, ער שרעקט זיך נאָר פאַר איין זאַך: סע זאָל אים אַ מאָל נישט אויסקומען צו שטיין פאַר אַ האַרבן נסיון, צו דאַרפן שעכטן אַ טויב, חלילה. ווי וואָלט זיך אים דערצו די האַנט גאָר אויפגעהויבן?! אַפילו ווען דער שווער וואָלט געשטאַנען קעגן אים פּנים־אל־פּנים מיט גזלנישע אויגן. אַפילו ווען קיילע חיה וואָלט דעמלסט געשטאַנען הינטערן שווערס פּלייצעס מיט אַ פּנים, ווי כמאַרע, און געבליצט אויף אים מיט די אויגן. אמת, אַ טויב שטרעקט אַליין אויס דאָס העלדזל צו דער שחיטה און צאַפּלט זיך נישט, ווי אַנדערע עופות. זאָגט דאָך אַזוי דער מדרש־שיר־השירים: „מה יונה זו פושטת צוואָרה לשחיטה ואינה מפרכסת כשאר עופות, כך ישראל נותנים נפשם על הקדוש ברוך הוא"...** ניין! טאַקע דערפאַר וואָלט ער עס נישט געקאָנט. ס׳וואָלט אים אויסגעקומען ווי ער גרייט זיך, חלילה, צו קוילענען אַ ייִדיש עופעלע... נו, אַ דאַנק דעם אייבערשטן, וואָס פאַר דער גאַנצער צייט וואָס ער איז אויף קעסט ביים שווער, האָט מען בלויז אַ צוויי־דריי מאָל געבראַכט אַ טויב צו דער שחיטה. אָפּצוקאָכן פון דעם אַ יאַיכל פאַר אַ קראַנקנס ווייגן. אָבער סע קומט אים אַ מאָל אויפן זינען, אַז דאָס קאָן זיך טרעפן. און, ווי ער שרעקט

---

* אַ מענטש קאָן נישט מאַכן זיך זעלבסט פאַר אַ רשע.

** אַזוי ווי די טויב שטרעקט אויס דאָס העלדזל צו דער שחיטה און צאַפּלט זיך נישט, ווי אַנדערע עופות, אַזוי זענען זיך די ייִדן מוסר־נפש פאַרן אייבערשטן, געלויבט זאָל ער זיין.

זיך דעמלט זייער! אַזוי גלייך ווי ער שרעקט זיך אָפּטערער און בעט גאָט אין האַרצן, דער שווער זאָל אים נישט מכבד זיין מיט דער מצוות־מילה...

די צייט גייט, און ער פירט שוין אויס די מלאָכה מיט אַ פעסטער האַנט און לייכטער האַרץ. ער איז שוין ענדלעך אַזוי צוגעוווינט, אַז ער הייבט שוין גאָר אָן צו שטאָלצירן דערמיט, וואָס ער האָט גובר געווען זיין שוואַכקייט. ער פאַרטרעט שוין אַפילו אַ מאָל דעם שווער אין בוינע. ער איז שוין אַ פאָלנער שוחט־ובודק. ווען סע מאַכט זיך אַ שאַלה בעת אַ בדיקה, ווענדט זיך אַ מאָל דער שווער צון אים, אַנשטאָט צו שיקן פרעגן דעם רב, און נעמט אָן זיין פּסק. ווייל דעם רב האַלט ער, דער שווער, פאַר אַ גרויסן מחמיר. אויב מיט אַ חודש־צוויי צוריק פלעגן נאָך די קצבים אַרויסוויִיזן אַ ווידערווילן צו זיין שחיטה און טייל מאָל אַפילו עס אַרויס־זאָגן אָפן, ווי ס'האָט זיך איין מאָל אויסגעדריקט פינטשע דער העקער־יונג, וואָס האָט נאָך גאָר קיין באָרד נישט: "איך האָב פיינט, אַז עמעצער זאָל זיך לערנען שערן אויף מיין באָרד!", האָט זיך עס איצטער אין גאַנצן געענדערט:

— יאָ, רב מרדכי, — זאָגט דער זעלבער פינטשע, — מיר פאַרלאָזן זיך אויף אייער אײדעם, ווי אויף איך אַליין. אייער אײדעם איז שוין נישט ווי מע זאָגט, אַ שטיק שווער, נאָר אַ גאַנצער. איר קאָנט זיך גאַנץ רויִק פאָרן אויף שבת קיין טריסק צום רבין ראָש־חודש־בענטשן.

...וואָלט דאָך שוין געווען גאָר גוט, — טראַכט ייִדעלע שוחט (יאָ, אַזוי רופט מען אים שוין אין שטעטל — נישט ייִדעלע דעם שוחטס, נאָר ייִדעלע שוחט), — האָט זיך אָבער דאָס פריִערדיקע בייז איבערגעדרייט אויף צוריק. צו אַלעם ערשטן גיט עס מיך צו פילן זי, קיילע חיה. וואָס מערער איך טויג פאַר אַ שוחט, אַלץ וויניקער טויג איך פאַר איר. און ווידער דאָס אייגענע: דאָ שטיי נישט, דאָ זיץ נישט און דאָ ליג נישט... ביז — ס'איז דאָך שוין דערגאַן דערצו, אַז זי הייבט ווידער אָן צו זיין אַ "מורדת". פאַר וואָס? ווייל איך בין שוין אַ פאָלנער שוחט? ווייל מיין האַרץ איז צוליב זייער רשעות פאַרהאַרטעוועט געוואָרן? געוואָרן שטיין? ווייל מיינע אויגן קוקן שוין אויף בלוט, ווי אויף רויטגעפאַרבטער

וואַסער? ווײ, ווײ! ווער ווייסט, צי כ'וואָלט שוין אַפילו אַ טויב, חלילה, נישט געקוילעט?

...און נישט נאָר זי — אויך דער שווער. ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעשמועסט, דער טאַטע מיט דער טאַכטערוניע, מיר יורד־לחיים זיין. אַלץ אָפּטערער ווערט דעם שווערס פּרצוף בייזער, און זיינע אויגן רויטער, אַנגעצונדענער. פּאַר וואָס? ווייל ער האָט מיר שוין נישט וואָס צו לערנען? זאָגט דאָך אָבער די גמרא: "בכל אדם מתקנא, חוץ מבנו ותלמידו" — אין יעדן איז זיך אַ מענטש מתקנא, חוץ אין זיין זון און זיין תלמיד. מילא, אַן אײדעם איז נישט קיין זון, אָבער זיינער אַ תלמיד אין דעם אומנות בין איך דאָך? נישט אַנדערש אין אַ תלמיד אַן אײדעם קאָן מען זיך יאָ מתקנא זיין... "אם כן למה זה אָנוכי" — איז וואָס זשע האָבן מיר געטויגט די וואָכן און חדשים פּיין, ראַנגלעניש, מאַטערנישן און יסורים? בייסן זיך די פינגער צווישן די שטומע פיר ווענט אין דער היים און אין בית־מדרש? די נעגל, וואָס האָבן געזוכט אַ פּגם אויף דער שאַרף פונעם חלף, און די פינגער, וואָס האָבן געקוילעט?...

ווען נאָר די גוטע שוויגער איז נישטאָ אין שטוב, טרייבט זי אים, דאָס ווייב, יאָגט אים און פּלאָגט אים. ס'טרעפט זיך שוין נישט לעצטנס אום פרייטיק־צו־נאַכטס, אין לאָמפּ זאָל זיין ווייניק נאַפט, און ער זאָל אויסגיין. פאַרקערט, זי האָט זיך געמאַכט גאָר אַ שפּאָגלנייעם מנהג: שבת־איין, שבת־אויס אים צוצוואַרפן די שליסל. אַקוראַט ווי אַן אשה וואָלט קאָנען האָבן דעם דרך־נשים אָן אַ הפסקה, רחמנא־ליצלן! ער קאָן דאָך נישט וויסן ווען דער "ודל"ב" * פון די שליסל איז אַן אמת, און ווען שקר־וכזב. ער טאָר דאָך נישט פּרוּוון אַפילו...

פריידעלע קומט שוין נישט צו אים שפּילן אין בלאַנטש. מאירל וויל נישט שפּילן אין "ציגנוואָלף". שוין אָפּגערעדט אַז פון לאָזן זיך פאַרהערן דעם שיעור פון דער וואָך דרייט ער זיך אַרויס מיט אַלערליי תירוצים. און די מאַמע העלפט אים צו צו דעם. נאָר מילא — ע ר, דעם זיידנס בן־יקיר, אָבער — פריידעלע, פריידעלע... ווי אויך די מאַמע פריידע, עליה השלום, וואָלט זיך פון אים דערווייטערט...

---

* ודי לחכימא ברמיזאָ — פאַר אַ קלוגן איז גענוג מיט אַ ווונק.

## מח

סוף חודש חשון. דאָס שטעטל זינקט אין בלאָטעס ביי טאָג און אין רעגנדיקער פינצטערניש ביי נאַכט. דאָנערשטיק פאָרט דער שווער אַוועק קיין טריסק צום רבין צום ראָש־חודש־בענטשן. די גאַנצע שחיטה בלייבט איבער אויף אים. אין די דאָזיקע צוויי טעג דערוועגט זיך נישט קיילע חיה אים מיט אַ קרום וואָרט צו פאַרטשעפּען. פון דעסטוועגן — זי זאָל אים געבן פרייטיק דאָס ריינע וועש צו גיין אין מרחץ אַריין, מוז ער זי צוויי מאָל דערמאָנען. וואָס באַטייט עס?

אין אָוונט, ווען ער קערט זיך אום מיט מאירלען און וועלוועלען פונעם דאַווענען, פאַרכאַפּט זיי אַ געדיכטער רעגן.

— לויפט אַהיים, קינדער. — טוט ער טאַטעש אַ באַפעל.

די קינדער, געכאַפּט זיך מיט פרייד פאַר די הענט, טראָגן זיך גלייך אָפּ. ער אָבער טאָר זיי נישט נאָכאײלן: ס׳איז דאָך שבת. „פּוסעים בו פסיעה קטנה".* פון דעסטוועגן גייט ער פאָרט שנעלער ווי געוויינלעך און, אַ פאַררעגנטער און פאַרסאַפּעטער, ברענגט ער אַריין אין שטוב דעם „גוט־שבת!". ער בלייבט שטיין מיט די פאַרבלאָטיקטע שטיוול אויפן אויסגעשפּרייטן זאַק פאַר דער טיר אין קווענקלעניש: ווי טרעט מען דאָ אַרויף אויף דער לכבוד שבת זויבערער פּאָדלאָגע? און חזרט איבער:

— גוט שבת.

— גוט שבת, גוט שבת! — ענטפערט אים די שוויגער שוין צום צווייטן מאָל, מיט אַ לייכטנדיק פנים פון אונטערן ווייסן זיידענעם קאָפּטיכל. — נעם, יידעלע, דאָ ווו דו שטייסט, צי אַראָפּ די שטיוול און שטעק אָן די פאַנטאָפל. אָט שטייען זיי דאָ לעבן דער וואַנט.

— און דו, פריידעלע, נעם צו ביים טאַטן דאָס פאַררעגנטע מאַנטל און דאָס היטל און טראָג אַריין אין קיך.

פריידעלע שטרעקט אויס צו אים די הענט מיט אַ לייכטנדיק פנימל און פריילעכע אויגן און זאָגט לאַכנדיק:

---

* מע מאַכט קליינע טריט אום שבת.

— דער טאַטע זעט ערשט אויס ווי דער נאַסער האָן, וואָס כ׳האָב היינט געזען דורכן פענצטער ביי אונדז אין געסעלע.

אַ טרוקענער שוין, אין די פּאַנטאָפל אויף די פיס, מיט דער יאַרמלקע אויפן קאָפּ, דערפילט ער זיך, קוקנדיק אויפן שבתדיקן טיש מיט די אַכט ברענענדיקע ליכט אין די לייכטער, אין אַ געהויבענעם מצב־רוח. ער טוט אַ זאָג, קוקנדיק מיט פריידיקער ליבשאַפט אויף פריידעלען, וואָס קומט צוריק פון קיך:

— צו די מלאַכי־השרת וואָס האָבן מיך באַגלייט פון בית־מדרש, איז דער רעגן אַוודאי נישט צוגעשטאַנען, ווי צו דיין האָן, פריידעלע.

— פאַר וואָס זשע האָבן זיי דיך נישט פאַרשטעלט, די מלאכים, מיט זייערע פליגל פאַרן רעגן, טאַטע? — טוט פריידעלע אַ פרעג, קלוגעטשקע־צעשמייכלט.

איר שמייכל צעפלאַטערט זיך אויפן פנים פון דער שוויגער און אַפילו אויף קיילע חיהס פנים. צעשמייכלט זיך אויך ער און טוט אַ זאָג מיט האַרציקייט צו פריידעלען:

— „ישימך אלוהים כשרה, רבקה, רחל ולאה״ — גאָט זאָל דיך מאכן, פריידעלע, ווי שרה, רבקה, רחל און לאה.

— אָמן! — שאָקלט פרום מיטן קאָפּ די באָבע.

ער הייבט אָן זאָגן שטיל אָבער פייערלעך: „שלום עליכם, מלאַכי השרת, מלאַכי עליון...״ *, פאַרשטעלנדיק זיך מיט דער האַנטפלאַך די אויגן, ווי ער וואָלט פאַרבלענדט זיין פון זייער ליכט. אויפגעעפנט זיי, גייט ער איבער צו זינגען שטיל דעם „אשת חיל״, נישט אַראָפּלאָזנדיק קיין אויג פון דער שיינענדיקער פריידעלען און כאַפּנדיק פון צייט צו צייט אַ בליק צום ווייב. און ס׳קומט אויף אין זיין קאָפּ אַ מחשבה: ווי די מעשה זאָל נישט זיין, האָט זי, קיילע חיה, די „אשת חיל״, אַ דריט־חלק שותפות אין איר, אין פריידעלען: „שלושה שותפין הן באדם...״ **.

ער מאַכט קידוש און מע נעמט פראַווען די סעודה. ערשט, אַז דער שווער איז נישטאָ, פילט ער זיך ביים טיש דער גאַנצער באַלעבאָס. נאָך

---

* מלאָכים וואָס באַדינען, מלאָכים פונעם אייבערשטן.

** דריי זענען שותפים אינעם מענטשן.

די פיש פֿאַרגינט ער זיך אָנצוגיסן אַ האַלבן קידוש־בעכער בראָנפֿן און מיט קליינע זופּעלעך אים אויסצולײדיקן. די זמירות זינגט ער שוין צוזאַמען מיט די קינדער בגילופֿנדיק. נאָך די זמירות, צווישן די לאָקשן־מיט־יויך און דעם פֿלייש, איז ער זיך ווידער מכבד מיט אַ האַלבן בעכער. קיילע חיה טוט מיט אַ בייזן בליק אַ שרפֿע זיין צעהיצט פּנים, נישט דערוועגנדיק זיך אים אַ וואָרט צו זאָגן צוליבן שבת און צוליב דער מאַמען. ער באַמערקט דאָס גאָר אין גאַנצן נישט.

נאָכן בענטשן טראָגט ער אַוועק דעם „בגילופֿין" אין זיך אינעווייניק אין אַלקער אַריין. דער לאָמפּ אויפֿן טיש איז ווי תמיד אַריינגעדרייט. ס'איז טונקל. אָבער די ביינקע זיינע איז פֿול מיט נאָפּט. די צוגעמאַכטע לאָדנס כאַפּן אַ קלעפּלדיקן ציטער פֿונעם ווינט אין דרויסן. רחלע ליגט אין וויגעלע אַ שלאָפֿנדיקע. קיילע חיה מאַכט אים דאָס געלעגער. ער נעמט לייענען קריאת־שמע. ווען ער נעמט זיך אויסטאָן, דערהערט ער פֿון הינטער דער פֿלייצע דעם באַקאַנטן קלונג פֿונעם בינטל שליסעלעך, געפֿאַלענע אויפֿן טיש... הייסט עס? ווידער! ווי פֿאַר צוויי וואָכן, ווי פֿאַר אַכט טאָגן. וואָס זשע איז דער פּירוש דערפֿון?...

אָבער ווי נאָר ער ליגט שוין אין בעט, נעמען די זאַטקייט פֿון דער סעודה און דער אויסגעטרונקענער בראָנפֿן איינשלעפֿערן זיינע מחשבות. די געפֿילן ווערן מטושטש. און קיילע חיה, ווי נאָר זיך געלייגט קעגן איבער צו זיך אין בעט, דערהערט שוין זיין שלאָפֿנדיק אָטעמען... „נו, טוט זי אַ טראַכט צופֿרידן, — איכל היינט האָבן אַ רויִקע נאַכט. אויף זיכער".

אָבער — אויפֿגעכאַפּט זיך פֿונעם ערשטן שלאָף, נאָך אין גאַנצן זיך נישט אויסגעטשוכעט, טוט יִדעלען אַ טראָג דער מאַנצבלשער אומרו. ער ווייסט גאָר אַליין נישט ווי אַזוי ער געפֿינט זיך שוין דאָ, צווישן רחלעס וויגעלע און קיילע חיהס בעט. ער בייגט זיך אַראָפּ צו איר שלאָף. ווי ער וואָלט לייענען אויף איר פּנים מיט די פֿאַרמאַכטע אויגן וואָס אייגנטלעך ער פֿאַרלאַנגט פֿון איר. פּלוצעם טוט זיך איר גוף אַ וואָרף און דריי איבער מיטן פֿאָרנט צו דער וואַנט. זי נעמט שעפּטשען אין דער וואַנט אַריין מיט הפסקות:

— זע, ער קריכט שוין ווידער... דער נאַסער וואָרעם... די שליסעלעך

האָבן אים גאָרנישט קלוגער געמאַכט... צי איז ער פונעם בראָנפן טויב געוואָרן ?... איך בין דאָך אָפּגעזונדערט !...

ווי אָפּגעגאָסן מיט אַ שעפּעלע אָקרעפּ אין מרחץ, טוט ער אַ שפּרונג אויף צוריק, אָנגעשלאָגן זיך אינעם וויגעלע. רחלע טוט אַ וויינעלע און בלייבט צוריק שטיל. ער איז שוין צוריק ביי זיך אויפן געלעגער אונטער דער קאָלדרע... נסים, וואָס דאָס קינד איז באַלד ווידער איינגעשלאָפן. המם, צי איז עס גאָר אין גאַנצן נישט מער ווי אַ וויסטער חלום ? וואָרן, באמת, זי האָט דאָך אים צוגעוואָרפן די שליסעלעך ! איז ווי זשע האָט ער זיך דערוועגט ?

ניין, ס'איז נישט קיין חלום : צו זיין געהער דערגרייכט איר ווייטער שעפּטשעניש אין דער וואַנט אַריין שוין אָן הפסקות :

— האָט מיר שיר דאָס קינד נישט צעוועקט. וואָס ? ער הערט שוין גאָרנישט דעם קלאַפּ פון די שליסעלעך, דער עוכר־ישראל ? סע ברענט אין אים עשוס תאווה. ווי אַ טויבער גוי אין קלויסטער. אפשר דאַרף מען ציִען פאַר אים די שטריק פונעם קלויסטערגלאָק, ער זאָל דערהערן ? איך וואָלט געוועזן געדאַרפט מאַכן אַ גוואַלד, אַז די מאַמע מיט די קינדער זאָלן זיך אַהער צוזאַמענלויפן. זאָל די שוויגער אָנקוקן איר "גאַניידעם" אין די גאַטיעס, און די קינדער — דעם באָרוועסן טאַטן, ווי אַ דאָרפישער פּאַסטעך.

איר שעפּטשעניש בייסט אים אין די געהירן, ווי קרעץ. ס'חזרט זיך איבער די מחשבה : "אפשר איז דאָס אַלץ בלויז אַ וויסטער חלום ?". ער טוט אַ כאַפּ זיך פאַר דער באָרד און אַ צופּ... אוי, סע טוט וויי. ניין, ס'איז אויף דער וואָר. צעברענט זיך אין אים אַ גרימצאָרן אין אַלע גלידער. ער אָטעמט הייס. סע ציטערן אים די ליפּן און די שפּיץ פינגער פון די הענט און די פיס. "געוואַ־אַ־לט !" — שרייט ער אָן אַ קול אין זיך. — זי קאָן דאָך מיט איר טרייפענעם אָטעם אַ מענטשן לעבעדיקערהייט פאַרברענען ! דאָס איז דאָך נישט קיין ייִדענע, נייערט אַ לילית, פאַרשטעלט פאַר אַ צדקת. כ'וואָלט זי איצט... מאַנס געוועזן, ווען... זי זאָל נישט זיין אָפּגעזונדערט. ניין, זיי מיר מוחל, רבונו־של־עולם, כ'וואָלט בלויז פאַר איר שאָטן אין דער וועלט אַריין אַנטלאָפן. ווּ טוט מען זיך אַהין, גאָט דערבאַרעמ־

דיקער? וואָלט כאָטש דאָס ליכט פונעם לאָמפּ אַזוי נישט געברענט אין די פאַרמאַכטע אויגן.

ער טוט אַ צי אַריבער די קאָלדרע איבער דער יאַרמלקע און קאַר־טשעט זיך איין אין דרייען — נישט צו הערן און נישט צו זעען... ער איז איצטער אַזוי קליין, ווי אַן „עובר שבמעי אמו",* ווי ער איז געווען ביי דער מאַמע פריידע אין בויך...

באַרויִקט ער זיך ביסלעכווייז און זינקט אַריין אַן אויסגעשעפּטער אין שלאָף. — — —

...אַהאַ! — רייצט ער זיך, לאַכנדיק הנאהדיק, מיט קיילע חיהן, אַ פאַרשטעלטע אין אַ טויב. — ביסט בעסער געוואָרן, טייבעלע. געקומען צו פליִען צו מיר. אַ "תובעת בפה" ** געוואָרן. גוט אַזוי! וואָס? דו ווילסט מיר דיין אומריין בלוט באַווייזן? עהע? ערשט 'על א י ך עס ד י ר באַ־ווייזן. גיב נאָר אַהער דאָס פאַרשטעלטע גאָלדענע העלדזעלע דיינס. איכל די פעדערלעך אויספליקן. לאָז. לאָז. וואָס? ס'טוט ווייעניו? איך פיל עס. איך פיל עס, ליליתל. אַ מצווה אויף דיר. אָט צי איך אַרויס דאָס חלפל פון אונטער דער קישן... זע נאָר, זע! נישטאָ גאָר אַפילו קיין פוכעלע אויף דיין העלדזל, קיילע חיהניו. ביסט נישט קיין חיהניו, נייערט אַ בהמה־גסהניו. דו שמעקסט מיטן ריח פון בוינע. גוט טאַקע וואָס דו ביסט פאַרקראָכן צו מיר אין דער בוינע. אָט האָב איך דיין טאַטנס גרויסן חלף... פאַרמאַך די אויגן. איך מאַך: כיק אַהין! כיק צוריק! אוי! ס'האָט מיר אַ שפּריץ געטאָן אין רעכטן אויג...

ס'טוען זיך אים אַן עפן די אויגן. רחלע איז שוין אין וויגעלע נישטאָ. אין חלל שטייט אַ טונקל טאָגליכט. דער לאָדן איז שוין אויפגעמאַכט. איבער די שויבן קריכט אַ רעגן, ווי נאַסע ווערעם. ס'קומט אַריין קיילע חיה. טוט אים בייז און שאַרף אַ קוק אין פּנים. גייט אויף אין אים דער חלום: ער שעכט זי. דאָס בלוט טוט אים אַ שפּריץ אין אויג... באַפאַלט אים אַן אימה. וואָס קוקט אַרויס פון זיין בליק צו איר.

— זע נאָר, — טוט זי אַ וואָרטשע מיט גיפט, — אַליין איז עס קליין,

* אַן עמבריאָן אין דער מוטערס אינגעווייד.

** וואָס מאָנט מיטן מויל.

ווי אַ מייזל, און צוויי דערשראָקענע ראַצן קוקן דעם אַרויס פון די אויגן! אוי, וווּ איז די קאַץ? קיצי, קיצי...

— פו, פו, פו! — שפייט ער אויס דריי מאָל טרוקן אויף זיין פריִער־דיקן ווילדן חלום און אירע איצטיקע רשעותדיקע רייד.

— אַז שפייען זאָלן שוין מיינע שונאים מיט דער גרינער גאַל. וואָסער מענטש שפייט עס אויף אַ שבתדיקער זויבערער פּאָדלאָגע? אַ מענטש לאָזט מענטשן ביי נאַכט נישט שלאָפן, און אַליין כאַליעט ער אין בעט און פּאָפּט ביזן ליכטיקן טאָג אַריין.

זי דרייט זיך אַוועק צום ווינקל אַלקער און עפנט דעם קופערט. נעמט אַרויס דעם שבתדיקן פאַרוק און די שבתדיקע מלבושים צו גרייטן זיך צום גיין אין שול אַריין. ער טוט זיך שנעל אָן, גיסט זיך אָפּ ביי דער טיר די נעגל און כאַפּט אָפּ בגנבה אַ בליק צום אָפענעם קופערט. סע שפּירט זיך פון אים פון ווייטן דער ריח פון מלבושים אין פאַרלעגענעם נאַפטאַלין. מיט אַ מאָל טוט אים עפּעס גאָלדיק אַ שימער אין די אויגן. פון עפּעס, וואָס זי האָט אַרויסגענומען און עס גלייך צוריק אַריינגעלייגט. עפּעס רויט־גאָלדיקס. ער כאַפּט זיך אַ דערשטוינטער: אפשר איר בתולהשער צאָפּ?! ווען זאָל עס איינפאַלן, אַז זי היט אים אָפּ, ווי... ווי דעם "יין־המשומר".

— נו, טוט זי אַ באַפעל, זיך ווענדנדיק צון אים מיט צאָרן, — זאָל עס שוין אַרויסקריכן פון דאַנען און לאָזן מיר זיך איבערטאָן!

— טאַטע, — קומט דערויף אַריין פריידעלע, — די באָבע רופט דיך טרינקען די שבתדיקע קאַווע. מאירל מיט וועלוועלען זענען שוין אַוועק דאַווענען.

ער גייט אַרויס נאָך איר אין שטוב אַריין. נעמט, שפּאַצירנדיק אַהין און צוריק, דאַווענען פון פאָרנט. די שוויגער, שוין שבתדיק אָנגעטאָן, שטעלט אַנידער פאַר אים אויפן טיש די קאַווע מיט אַ ברוינרויטלעך בלעמל הויט פון מילך איסגעבריטער אויפן פּיעקעלאָק..

— ייִדעלע, — איילט זי אים צו, — ס'איז דאָך היינט "שבת שמברכים".*

ער גייט צו צום טיש. נעמט פון דער גלעזערנער צוקער־פּושקע אַ

* שבת, ווען מע בענטשט ראש־חודש.

ציגעלע צוקער. מאַכט אַ ברכה, בייסט אָפּ דערפון און נעמט, שטייענדיק פאַרטראַכט, זופּן די הייסע קאַווע. ער קאָן נישט אָפּרייסן דעם בליק פונעם בלעמל רויטער מילכהויט, וואָס לאָזט זיך אַלץ נידעריקער אַראָפּ אין דער גלאָז... פאַר די אויגן שימערט אים קיילע חיהס מיידלשער צאָפּ... נאַ דיר גאָר! זי היט אים אָפּ ווי... ווי עפּעס אַן עבודה־זרה. המם. מיט אָט דעם אָ רויטן שלאַנג וועט זי אַ מאָל אַרומוויקלען מיין האַלדז אין שלאָף און מיך דערוואַרגן...

די דאָזיקע מחשבה שלאָגט אים איבער קיילע חיה. זי קומט אַרויס פון אַלקער אַ שוין אָנגעטאָנענע שבתדיק, מיט אַ שאַל איבערן פּאַרוק און די פּלייצעס פאַרן רעגן. געזען, אַז די מאַמע איז נאָך ביי זיך אין אַלקער, טוט זי שטיל אַ צישע:

— דאָס שוחטל וואַרט אַפּנים אויף כבוד. נישט אַנדערש — דאָס שמשל זאָל קומען אינעם רעגן אים פאַרבעטן צום ראָש־חודש־בענטשן. קוקט עס נאָר אָן... די קינדער זענען דאָך שוין מער לייט פון אים.

דאָ קומט אַריין די שוויגער, און די מאַמע מיט דער טאָכטער גייען אַרויס.

יידעלע טוט אַ לויף אַריין אין אַלקער. גייט צו צום טיש, בייגט זיך צו צום שפּיגל, קעגן וועלכן קיילע חיה האָט זיך נאָר וואָס אָנגעטאָן און אויסגעפּוצט, און באַטאַפּט זיין זילבער־גרינלעכן אויבערפלאַך מיט אַ פאַרשנדיקן בליק...

— ניין, — שעפּטשעט עס אַרויס פון אים אין שפּיגל אַריין, — ניין, ס'איז נישטאָ אויף דיר קיין מינדסטער פלעק. נישטאָ...

באַלד טוט ער אַ גיי אַריין צוריק אין שטוב. נעמט אַרויס פונעם שווערס ספרים־פּאָליטשקע דעם חומש "ויקרא", מישט אויף און נעמט זוכן מיט די אויגן און די פינגער אינעם רמב"ן אויף דער פּרשה "אחרי מות". זיי בלייבן שטיין:

— דאָס איז עס.

ער לייענט מיט די אויגן און פאַרטייטשט זיך עס ברומענדיק: "און דאָס איז פון די וווּנדער פונעם אייבערשטן אין דער יצירה, אַז אַן אָפּגעזונדערטע אין אָנהייב פון איר אָפּפלוס, אויב זי קוקט לענגער אַריין אין

שפּיגל זיך צו באַטראַכטן, באַווייזן זיך אינעם שפּיגל רויטע טראָפּנס, ווי בלוטסטראָפּנס...".

ער טוט אַ פאַרמאַך דעם חומש, אַ לייג אַוועק אים אויפן טיש, גייט אייליק אַריין אין אַלקער, איז ווידער בודק דעם שפּיגל און וואָרטשעט:

— נו, מוזן דאָך בלייבן פלעקן. און דאָ זע איך נישט קיין זכר דערפון. משמע — זי האָט מיך אָפּגענאַרט. ווי כסדר. משמע — זי איז אַ "מורדת". נו, מעג עס איר פאַרשוויגן ווערן?!

זידט אויף אין אים אַ גרימצאָרן, ווי נעכטן ביי נאַכט. ס'פאַלן אים אַראָפּ פון די ליפּן ווערטער, ווי בריִענדיקע פּעכטראָפּנס:

— שעכטן זי! שעכטן זי וואָלט מען געדאַרפט! שעכטן זי וואָלט איך געדאַרפט!

ער טוט זיך אַ ריס צום קופערט מיט ברענענדיקן ווילן אים צו עפענען. ווי קיילע חיה וואָלט אין אים געלעגן. און... און וואָס נאָך?...

נאָר דער קופערט איז פאַרשלאָסן. די שליסעלעך, די וואָס זי וואַרפט אים צו, זענען ביי איר.

ער כאַפּט זיך אין געדאַנק, וואָס ס'איז אים נאָר וואָס פון די ליפּן אַראָפּגעפאַלן: שעכטן... ווערט אים טונקל אין מוח און פינצטער פאַר די אויגן. ער שעפּטשעט שטיל:

— וויי־וויי! צום דיך פון גיהנום קאָן אַן אשה רעה דערפירן. ס'איז נישט נאָר "אַ מצווה זי צו גטן", ס'איז אַ חוב. מע טאָר גאָר מיט אַזעלכער אונטער איין דאַך נישט שלאָפן... אַז זי איז אַ ח י ה איז וואָס? זאָגט דאָך די גמרא: "אָסור להתייחד עם כל עריות שבתורה ואפילו עם בהמה".* בין איך דאָך אַ פאַרשאָלטענער פון דער תורה: "אָרור שוכב עם בהמה.**

— טאַטע, — וועקט אים אַרויס פון זיין צעמישעניש מאירל, אַ פאַר־סאָפּעטער, — די באָבע האָט מיר געשיקט דיך רופן, זאָלסט שוין קומען. מ'האָט זיך שוין געשטעלט אין בית־־מדרש דאַווענען.

---

* מע טאָר זיך נישט מתיחד זיין מיט אַלע עריות פון דער תורה, אַפילו נישט מיט אַ בהמה.

** פאַרשאָלטן זאָל זיין ווער סע ליגט מיט אַ בהמה.

# מט

שבת־צו־נאַכטס. נאָך מעריב אין בית־מדרש. יידעלע שוחט שיקט אָפּ די קינדער אַהיים, זאָגן דער באָבען אַ גוטע וואָך.

— און דער מאַמען נישט? — טוט אים חוצפּהדיק אַ פרעג מאירל.

— אַ פשיטא! — טוט ער אַ שטאַמל, רויט ווערנדיק. — נו, גיי שוין גיי.

אָבער אַליין איילט ער זיך נישט אַהיים, הבדלה צו מאַכן: זאָל זי דאָרטן אונטערוואַרטן, די שפלה. ווען נישט די שוויגער, וואָלט ער איצט דאָ, ער ווייסט אַליין נישט אויף ווי לאַנג, געבליבן. דאָס שמשל, שיקל יעקב יצחקס, פאַרלעשט שוין דעם לעצטן לאָמפּ און גייט אַוועק. ער, יידעלע, דער לעצטער, פאַרבלייבט אַליין. שטעלט זיך ביים עמוד, אַקעגן די צוויי יאָרצייטליכט, וואָס צאַפּלען זיך מיט די פלעמלעך צום „שיוויתי", מעיין צו זיין אין אַ ספר.

אין מיטן זיין אונטערברומען דערהערט ער זיך־דערנענטערנדיקע טריט. איז נאָך ווער דאָ פאַרבליבן? אַרויפגעהויבן דעם קאָפּ אין אַ זייט, דערזעט ער לעבן זיך וואָלף „שיקסע"־שניידער.

— אַ גוטע וואָך אייך, רב שוחט.

— אַ גוט יאָר, וואָלף. וואָס אי'?

— המם... המם... — האָט נישט וואָלף שניידער דאָס לשון גלייך אויפן אָרט. — איך קום צו אייך מיט אַ בקשה.

— ס'אי'?

ציט וואָלף אַרויס פון דעם שבתדיקן מאַנטלס בוזעם־קעשענע אַ צו־נויפגעלייגטן בריוו און האַלט אים אויסגעשטרעקט צו אים:

— המם.. מיר.. ס'הייסט מיין ווייב און איך, האָבן אים פּריטיק דערהאַלטן. המם, מיר זענען פּראָסטע לייט. קאָנען נישט לייענען קיין לשון־קודש. המם, זייט זשע איר אַזוי גוט... זייט מוחל, רב שוחט, לייענט אים איבער, דעם בריוו, און פאַרטייטשט מיר אים אויף פּראָסט יידיש, ווי מיר רעדן.

נעמט דער שוחט פון זיין האַנט דעם בריוו, כאַפּט אין אים אַן אייליקן בליק פון אויבן ביז אַראָפּ און זאָגט מיט אַ רחמנות־שמייכל:

— ס׳אי׳ דאָך נישט קיין לשון־קודש. ס׳איז טאַקע פּראָסט ייִדיש. סיי ווי... אונטערגעשריבן איז איינער עפּעס אַ לייב קאַפּעלזאָן.

— אַ־אַ־אַ! — דערמאָנט זיך וואָלף, און אַ בלאַסער שמייכל פון צופרידנקייט גייט אויף אויף זיין טונקל, מיד פּנים קעגן ציטעריקן ליכט־און־שאָטן פון די יאָרצייטליכט, ווי ווען מען דערמאָנט זיך אין אַ ליבן לאַנג־פאַרשטאָרבענעם. — ס׳איז פונעם "שרייבער". אונדזער אַמאָליקן קאַמי־נעק. המם, לייענט זשע טאַקע. לייענט, זייט מוחל.

נעמט זיך דער שוחט לייענען. וואָלף גאַפּיעט אויף אים מיט די שאָפּענע, פאַרשלאָפענע אויגן דורך דער צופרידנהייט פון זיין פּנים. האָרכט, נישט נאָר מיט די אויערן, נאָר מיט אַלע רמ״ח אברים.

"ליבע אַמאָליקע באַלעבאַטים מיינע, וואָלף און גאָלדע פּריסניק, איר זאָלט לעבן און געזונט זיין, שוין ניין יאָר זינט מיר האָבן זיך געזעגנט. ס׳איז מיר אָבער ביז היינט נישט אַרויס פון זכרון אייער ערלעך און פיין נוהג זיין זיך מיט מיר, אייער קוואַרטיראַנט. איך האָב אויך נישט פאַר־געסן אייער בקשה, בעתן געזעגענען זיך, איך זאָל אייך כאָטש איין איינציק מאָל אָנשרייבן וועגן זיך און מיין לעבן. איך האָב עס אייך צוגעזאָגט. איז אָט וויל איך, כאָטש מיט אַ גאָר גרויסער פאַרשפּעטיקונג — איר זאָלט עס מיר מוחל זיין — דערהאַלטן מיין צוזאָג. ווי פלעגט איר, באַלעבאָסטע, זאָגן: בעסער שפּעטער איידער קיין מאָל.

ווי איר קאָנט זען אויפן פּאָסטשטעמפּל אויפן קאָנווערט, איז אייך דער בריוו אַרויסגעשיקט געוואָרן פון דער גרויסער שטאָט קעשענעוו. איך האָב זיך לעצטנס אַריבערגעצויגן אַהער פון מיין געבוירן־שטאָט פּרילוקי מיט מיין צווייטער פרוי — מלכּה הייסט זי — און אונדזערע צוויי קינדערלעך, אַ ייִנגעלע פון זיבן יאָר, חיימל, און אַ מיידעלע פון פינף יאָר, דינהלע. צוויי פיינע, ווילע קינדער, וואָס פאַרשאַפן טאַטע־מאַמע פיל נחת. איר געדענקט אפשר, אַז ביי אייך אין לוהיסק האָט מען, צווישן אַנדערע רכילותן וועגן מיר, גערעדט, אַז איך בין אַ קעשענעווער. דאָס איז דעמלט נישט אמת געווען. ווייזט אויס, אַז ס׳איז ריכטיק דאָך ייִדישע שפּריכוואָרט: „אַ גאַנצער נאָר איז אַ האַלבער נביא", האָבן די לוהיסקער שוטים טאַקע געטראָפן אַ העלפט — היינט בין איך אַ קעשענעווער. כ׳בין געקומען אַהער מיטן היגן באַרימטן רב, רב יהודה לייב צירלסאָן, ביי

ווען איך בין נאָך אין פּרילוקי געווען סעקרעטאַר. און דאָס איז מיין פּרנסה, אויף וועלכער איך האָב זיך נישט וואָס צו באַקלאָגן. מיט שרייבן פּראָשעניעס פאַר פּויערים פאַרנעם איך זיך נישט מער פון זינט איך האָב אייך פאַרלאָזט.

טאַקע דאָס וואָס מיר איז היינט אויסגעקומען איבערצושרייבן מיין רבס אַ תורה־בריוו צו אייער רב אין לוהיסק, האָט גורם געווען איך זאָל זיך מיט בושה און פאַרדראָס אויף זיך אַליין דערמאָנען אין אייער לאַנגאָניקער ביטע און מיין צוזאָג. האָב איך שוין נישט אַוועקגעלייגט די פען פון האַנט, און אָט שרייב איך צו אייך.

דאָס איז אַלץ בקיצור וואָס איך האָב אייך צו זאָגן וועגן זיך. איך וויל נאָך צוגעבן, אַז כאָטש פון זינט אונדזער געזעגענען זיך איז שוין אַריבער אַזוי פיל צייט, און גאָר אַ סך וואַסערן זענען שוין אַוועקגעלאָפן אין אייער בוג, אין וועלכן איך האָב אַ מאָל שיר נישט פאַרענדיקט מיין לעבן, אַרויסראַטעווענדיק פון דערטרונקען ווערן מיין תלמיד, גרשון שניטקרע־מערס ייִנגל (איר דערמאָנט זיך עס אפשר ?), — פון דעסטוועגן געדענק איך אייך, ליבע פריינד, גוטע און ערלעכע לייט, רק צום גוטן. געדענק אייער ערלעך און געטריי צוזאַמענלעבן. אייער צוזאַמענלעבן איז פאַר אונדז, מיר מיט מיין פרוי, מיט וועלכער כ׳פלעג דאָס ערשטע יאָר נאָך אונדזער חתונה אַ סך רעדן וועגן אייך, געווען און איז ביז היינטיקן טאָג אַ מוסטער. איך האָב אַ מאָל מיין מלכהן געזאָגט, אַז צוליב דעם וואָס איר זענט נישט באַשענקט געוואָרן מיט קיין קינדער, איז גאָלדע פאַר וואָלפן נישט נאָר אַ ווייב, נאָר אויך אַ מאַמע, און וואָלף איז פאַר גאָלדען נישט נאָר אַ מאַן, נאָר אויך אַ טאַטע. און דאָס, ליבע פריינד, דאַרף זיין פאַר אייך און איז אַוודאי אַ טרייסט.

איך מיין, אַז קיינער אין לוהיסק, אויסער אייך, פאַרשטענדלעך, גע־דענקט שוין נישט לייב "שרייבער". אפשר געדענקט מיך נאָך אויך אייער רב, וויל גרויסע מענטשן פאַרגעדענקען אַ סך. ביי אייך אין לוהיסק ווייסט איר גאָרנישט וואָס איר פאַרמאָגט, ווי הויך צו שאַצן און אָפּגעבן כבוד אייער רב. ערשט פון מיין רב האָב איך זיך דערוווּסט, ווי גרויס ער איז אין תורה. אונדזער רב האַלט פון אים אַ וועלט און זאָגט,

אַז אויך די וועלט האַלט פון אים. ווייזט אויס אַז לוהיסק איז נעבעך נישט די וועלט.

איז מיר שוין טאַקע לוהיסק, אויסער אייך, אַרויס פון זינען. פון דעסטוועגן, ווען איר, באַלעבאָסטע, קומט אַ מאָל צום שוחט אַוועקלייגן אַן עוף און טרעפט דאָרט זיין טאָכטער, מיין אַמאָליקע שילערין, קיילע חיהניו, גיט איר איבער...״.

דאָ בלייבט דער שוחט שטיין מיט פאַרווונדערטע אויגן אויפן בריוו, פירט זיי איבער אויף וואָלפס אומרויִק געוואָרן פנים און רעדט ווי צו זיך אַליין:

— הער נאָר, הער. וואָס סע קאָן זיך פאַרלויפן! דעם ״שרייבער״ האָט זיך דאָך אַפילו נישט געקאָנט חלומען ווער סע וועט זיין דער ערשטער לייענער פון זיין בריוו. המם, יאָ... ער מוז אויף געוויס זיין נישט קיין ״גאַנצער נאַר״, איז ער נישט דערפאַר אַפילו קיין האַלבער נביא... באמת געזאָגט, איז פון זיין שרייבן, כאָטש נישט אויף לשון־קודש, ניכר, אַז ער איז.. אויב אַפילו נישט קיין תלמיד־חכם, לכל־הפחות אַ חכם. און די גמרא זאָגט דאָך: ״חכם עדיף מנביא״.*

— המם... — איז וואָלף האַלב דערשראָקן און פולשטענדיק צעטומלט, סיי פון דעם וואָס נישט אַלץ דאָס געהערטע פונעם בריוו איז אים קלאָר פאַרשטענדלעך און סיי, נאָך וויניקער, די רייד פונעם שוחט. — כ׳פאַר־שטיי גאָרנישט אייערע רייד, רב שוחט, ס׳יי נישט פאַר מיין שניידערשן קאָפּ אָנגעמאָסטן... המם, כ׳בעט אייך זייער, זייער... דערקאָנטשעט שוין דעם בריוו ביזן סוף.

— אַוודאי, אַוודאי. ווי די גמרא זאָגט: ״המתחיל במצווה אומרין לו: גמור״ — ווער סע הייבט אָן טאָן אַ מצווה, זאָגט מען אים: פאַרענדיק. לייען איך טאַקע ווייטער.

נאָר ער חזרט איבער פון פריִער אַ ביסל:

״פון דעסטוועגן, ווען איר, באַלעבאָסטע, קומט אַ מאָל צום שוחט אַוועקלייגן אַן עוף און טרעפט דאָרט זיין טאָכטער, מיין אַמאָליקע שילער־רין, קיילע חיהניו, גיט איר איבער אויפן אויער״.

---

* אַ חכם שטייט העכער פון אַ נביא.

ער בלייבט ווידער שטיין און וואַרטשעט:

— דו הערסט? "אויפן אויער"... ס'אַ סוד־זאַך... ס'אַ טרייפענער סוד: זי'ז דאָך אַן אשת־איש... יאָ...

"אויפן אויער אַ גרוס פון מיר. און איך בעט זי, זי זאָל איבערגעבן אַ גרוס איר חברטע, פּערעלע לוי סופרס, אויב... זי איז דאָך געווען קראַנק אויף די לונגען... קיילע חיהביון האָט מען ביי איך אין לוהיסק געקריינט מיטן נאָמען "כאַכיימע", און זי איז טאַקע געווען מיין קליגסטע שילערין".

ער בלייבט ווידער שטיין, און ס'פּאַלט אים אַראָפּ פון אונטער דער וואָנסע:

— יאָ, אַ „חכמה להרע" *.

ער וואַרפט צו וואָלפן אַ דערשראָקענעם בליק: טאָמער האָט ער פאַרשטאַנען די צוויי ווערטער. נאָר וואָלף. טאַקע נישט פאַרשטייענדיק זיי, זאָגט שוין גאָרנישט. בלויז זיינע שעפּסן־אויגן בעטן שטום: "נו, האָט רחמנות, דערלייענט שוין". לייענט ער, דער שוחט, ווייטער:

"יאָ, און איך, וואָלף, בעט איך, גיט איבער פון מיר אַ גרוס יעקב יצחק שמש, אויב דער ספּירט האָט נאָך נישט אויסגעברענט זיין אינגע־ווייד מיט אים אין גאַנצן. אַן אומגליקלעכער מענטש. איך שיק אייך אויך אַ "פּערעוואָד" ** אויף צוויי רובל פאַר זיינע קינדער וועגן, אויב זיי נייטיקן זיך. זיי זענען דאָך שוין איצט דערוואַקסענע. אויב זיי נייטיקן זיך נישט, צעטיילט זיי צווישן נויטבאַדערפטיקע לויט אייער פאַרשטאַנד.

"יאָ, אין דער רגע האָב איך זיך דערמאָנט אין נאָך איין לוהיסקער. איינער פון אייערע באַלעגאָלעס. זיין נאָמען געדענק איך נישט. אָבער כ'גיב אייך אָן אויף אים אַ גוטן סימן: ער טראָגט אויף די פּלייצעס זיין אומגליק — אַ הויקער. מיר איז באַשערט געווען, ער זאָל מיך מיט זיין פערד־און־וואָגן ברענגען קיין לוהיסק און אויך אַרויספירן. ביידע מאָל האָט ער דעם גאַנצן וועג געהאַלטן אין איין משמח זיין זיינע פּאַרשוינען. ווי ער וואָלט געווען באַשאַפן פון גאָלע פרייד און גאָר פאַרגעסן אין זיין אומגליק הינטער די פּלייצעס. און אַז עמעצער האָט עס אים געטאָן אַ

---

* אַ חכמה אויף שלעכטס צו טאָן.

** געלט־איבערווייז.

דערמאָן, האָט ער געענטפערט מיט אַ געלעכטערל: 'וואָס אַרט עס מיך וואָס הינטער מיינע פּלייצעס טוט זיך? עלהיי רכילות...'.

מיין מלכה וואָלט אייך געוויס אָנגעשריבן אייגנהענטיק אַ האַרציקן גרוס. אָבער איך שרייב דעם בריוו ביים רב אין שטוב. לאָז איך אייך פריינדלעך גריסן אין איר נאָמען.

דערמיט לאָז איך אויס מיין שרייבן און ווינטש אייך כל דאָס גוטס.

אייער אַמאָליקער קוואַרטיראַנט

און אויף שטענדיק פאַרבליבענער פריינד

לייב קאָפּעלזאָן".

— דאָס איז אַלץ. — זאָגט דער שוחט און קערט אים אום דעם בריוו.

— דער אייבערשטער זאָל אייך, שוחט, באַצאָלן פאַר דער מצווה און... איך און מיין גאָלדע, להבדיל, דאַנקען אייך. המם, אַ גוטע וואָך אייך. — זאָגט וואָלף, פאַרשטעקנדיק דעם בריוו אין דער בוזעם־קעשענע, און לאָזט זיך צום אַרויסגאַנג.

— וואָלף! — דערהערט ער הינטער זיך דעם שוחטס רוף און קערט זיך אום צו אים. — למען־השם... אייער ווייב דאַרף שוין נישט איבער־געבן דעם גרוס דעם שוחטס טאָכטער פון דעם... ווי הייסט ער? קאָפּ־מענטש... יאָ, יאָ, קאָפּלזאָן. איכל איר שוין אַליין דעם גרוס איבערגעבן. און פאַרגעסט נישט, וואָס דער קאָפּלזאָן האָט אייך געבעטן וועגן יעקב יצחק שמשס קינדער. איר וועט האָבן אין זיי אַן אמתע מצווה.

ווען וואָלף שניידער גייט שוין צום צווייטן מאָל אַוועק, רעדט ער צו זיך אַליין:

— קיין ווייב האָט ער טאַקע נישט געהאַט, יעקב יצחק עליו־השלום, אָבער צרות — ביז איבערן קאָפּ... משמע, אַ ווייב איז נאָך נישט די ערגסטע צרה... מאָ, מע באַדאַרף גיין אַהיים הבדלה מאַכן. די שוויגער וואַרט.

## ג

מאָנטיק גאַנץ פרי קומט מרדכי שוחט צו פאָרן פון טריסק. אין דער פאָדערשטער שטוב טרעפט ער גראָד דעם איידעם אַליין. דער איידעם

שטרעקט אים אויס אַ פֿאַרשלאָפֿענע האַנט אויף ״שלום־עליכם״. און ווייל ער איז אין אַ גוטן מצב־רוח, דער שווער, נאָכן אומקערן זיך פֿונעם רבין, און ס׳איז אים דאָרט צוגעטיילט געוואָרן כבוד, פֿאַרהאַלט ער לענגער אַ ביסל דעם איידעמס האַנט, אים עפּעס צו זאָגן. אָבער ער זאָגט עס נישט. עפּעס געפֿעלט אים נישט דעם איידעמס פּרצוף מיט די אַראָפּגעלאָזטע אויגן און צעקאָשמעטן בערדל.

— וואָס איז, מיין סגן־הכוהן? — טוט ער אַ פֿרעג פֿאַרזאָרגט־איבער־געשראָקן, נישט אָפּלאָזנדיק זיין האַנט. — איז דיר עפּעס געשען, חלילה, אין דער שחיטה?

— ווייס איך. גאָרנישט. — מאַכט אַוועק דער איידעם און דערוועגט זיך נישט מער צו האַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט.

— קוקסט מיך אָן אַזוי פֿאַרתמט. אָדער צעמישט... און דאָס פּנים דיינס — אַזוי ווי נאָך אַ שווערן תענית. די שוויגער הונגערט דיך אויס, חלילה?... אָט ווען כ׳וואָלט געוועזן דערמאָנען משיחן. — לאָזט ער ענדלעך אַרויס דעם איידעמס האַנט.

— ברוך הבא! — טרעט גיטל לאה אַריבער די שוועל אין שטוב אַריין מיט אַ גלאָז פֿאַרענדיקער מילך אין האַנט פֿאַרן איידעמס וועגן. — ביסט שוין דאָ, מרדכי? אַ גוטן מאָרגן דיר.

— אַ גוט מאָרגן, אַ גוט יאָר דיר, גיטל לאה! — צעשיינט זיך אַ ביסל זיין שטרענג פּנים, און האַלב אין ערנסט, האַלב אין שפּאַס, — זאָלסט מיר געזונט און שטאַרק זיין, פֿאַר וואָס האָט דיין איידעם באַקומען ביי דיר אַזאַ פּנים? אַז איך בין נישט אין דער היים, קריגט ער ביי דיר ערגערע קעסט? אַ? קעסט פֿון אַ בייזער שוויגער?

ווי אָפּצולייקענען זיין שפּאַסנדיקע השערה, שטעלט זי אַנידער די גלאָז מילך אויפֿן טיש מיט אַ שטילן שמייכל:

— נאַ, טרינק, יידעלע. און דיר, מרדכי, וועל איך באַלד אַריינדער־לאַנגען.

דעם שווערס בליק איז ווידער אָנגעשטעלט אויפֿן איידעמס פּנים:

— קוק אים נאָר אָן, וואָס פֿאַר אַן אויסזען. ער האָט דאָך באַקומען אַפֿילו אַן ערשטן ווייסן האָר אינעם בערדל. כ׳האָב געמיינט — חלילה, עפּעס מיט דער שחיטה...

— חלילה־וחס! — שאָקלט זיך אָפּ דערפֿון די שוויגער. — געלויבט דער אייבערשטער. נאָר איך האָב מורא, אויב ער איז נישט צוגעקילט, ייִדעלע. ער האָט זיך אַוודאי שטאַרק איינגעמידט פֿון דער שחיטה איינער אַליין. און פּרייטיק־צו־נאַכטס איז ער געלאָפֿן פֿון בית-מדרש אַהיים אין אַ גרויסן ליאַפּע. האָב איך אים נאָך שבת ביי דער סעודה געזאָגט: "דו מוזסט זיין צוגעקילט, ייִדעלע. ביסט עפּעס אַזוי בלאַס אויפֿן פּנים, און עסן עסטו ווי בלויז פֿון יוצא וועגן". דערפֿאַר האָב איך אים ביז היינט נישט געלאָזט פֿון שטוב אַרויסגיין. זאָל ער זיצן אין שטוב, ביז סע וועט אים איבערגיין... נו, ייִדעלע, נעם אַ ציגעלע צוקער אין מויל און טרינק די מילך, כל־זמן זי איז נאָך וואַרעם, און זאָל דיר זיין צון אַ רפֿואה שלמה. שפּעטער וועל איך דיר מאַכן אַ גאָגלמאָגל.

דער שווער נעמט אָן פֿון דעסטוועגן דעם ווייבס פּירוש מיט קווענקלעניש:

— און מיר איז איינגעפֿאַלן... נו, גוט. אַז איך בין שוין דאָ, וועט ער היינטיקע וואָך אין גאַנצן פֿריי זיין פֿון דער שחיטה.

ייִדעלע נעמט שוויגנדיק דאָס ציגעלע צוקער, מאַכט די ברכה, בייסט אָפּ און טראָגט צו די גלאָז מילך צו די ליפּן. שווער און שוויגער גייען אַרויס צו זיך אין חדר, לאָזנדיק אים אַליין. ער איז זייער צופֿרידן פֿון דער שוויגערס פּירוש, וואָס זי האָט נאָר וואָס איבערגעחזרט. ער זופּט אָן חשק די הייסע מילך און טראַכט: גראָד איז אים, דעם שווער, איינגעפֿאַלן דער אמתער פּירוש: ס'איז טאַקע געשען ביי מיר עפּעס אין דער שחיטה... אין חלום פּרייטיק־צו־נאַכטס.

הגם פֿון זינט דער שוויגערס רייד שבת ביי דער סעודה וועגן זיין צוקילונג, טשעפּעט זיך נישט מער צו אים קיילע חיה, קאָן ער פֿאָרט נישט פֿאַרגעסן דעם שרעקלעכן חלום און די ווערטער וואָס האָבן זיך אים בפּירוש אַראָפּגעטריפֿט פֿון די ליפּן: "שעכטן זי! שעכטן זי וואָלט מען געדאַרפֿט! שעכטן זי וואָלט איך געדאַרפֿט!". ער איז כסדר ווי אין פֿאַרבאָרגענער אימה פֿאַר זיך אַליין. ער שרעקט זיך פֿאַר די אייגענע "רגלוהי דבר אינש",* זיי זאָלן אים נישט צופֿירן צום חלף. שרעקט זיך פֿאַר די

* די פֿיס פֿונעם מענטשן... זענען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר אים.

אייגענע הענט, "ידים מלוכלכות בדם" *, זיי זאָלן נישט אַרויסציִען דעם חלף פונעם שוואַרצן שיידל און... וואָס "און"?

ער באַהאַלט אויס פּאַר אַלע אין שטוב די אויגן. ווי זיי וואָלטן זיין שייבעלעך פון גלאָז. מען קאָן נאָך דורך זיי זעען און לייענען די מחשבות, וואָס נעפּלען זיך אונטערן שאַרבן, די שפּירונגען, וואָס צייכענען זיך מטושטש אין שווערן געמיט. צום שטאַרקסטן היט ער די אויגן פּאַר פריידעלעס: ווען ער כאַפּט בגנבה אויף איר אַ קוק, צעוואַקסט זי זיך פלוצעם וווּנדערלעך, און ער דערזעט אין איר דאָס געשטאַלט פון זיין מאַמע פריידע... זי קוקט אויף אים שטום, נאָר מיט באַרעדעווּדיקן ווי און אימה: "ווי איז מיר, יידעלע, וואָס פּאַר אַ בייז פּאַרטראַכסטו דאָס קעגן דיין ווייב? אַז ווי־און־ווינד צו דער מאַמע דיינער. סע וועט דאָך מיין מאירן, דעם ליכטיקן טאַטן דיינעם, פון קבר אונטערטראָגן"... המם, ווי זאָגט רש"י אין פרשה וישב: "אלא שנראית לו דמות דיוקנו של אביו **.

ער קאָן קיינעם אין שטוב נישט פאַרטראָגן. סע טראָגט אים פון איין אָרט צום צווייטן. פון שטוב, ווי נאָר סע קומט אַריין דער שווער — צו זיך אין אַלקער אַריין; קומט אַריין אַהער קיילע חיה מיטן קינד, מיט רחלען — אין אַלקער פון די קינדער; קומט אַריין אַהער מאירל, אָדער וועלוועלע, אָדער אַפילו פריידעלע — צוריק אויף אַ צווייט אָרט. בלויז אויף איין אָרט וואָלט ער יאָ געקאָנט איינזיצן — אין קיך ביי דער שוויגער. אָבער ווי שיקט זיך עס, אַ מאַנצבל אַ בן־תורה זאָל זיצן אין קיך און דערצו נאָך מיט דער שוויגער?!...

דעם אָנבייסן איז ער געצווּנגען צו עסן מיט אַלע צוזאַמען. ס'איז דאָס אמתע אָפּקומעניש. דאָס עסן באַקומט אים נישט. שטעלט זיך אים אין גרגרת. ער איז פאַרזונקען אין זיך. ס'גייט אים נישט אַריין אין געהער וואָס דער שווער דערציילט, ווי ער האָט פאַרבראַכט דעם שבתביים רבין. אַפילו נישט דאָס, אַז ער האָט ביים געזעגענען דערמאָנט דעם רבין זיין צוזאָג, און דער רבי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ... ער שפּירט אָן אויפ־הער, יידעלע, זאָרגעווּדיקע, נייגעריקע און פאַרשנדיקע בליקן, ווי בינען,

---

* הענט איינגעריכטע אין בלוט.

** ס'האָט זיך אים באַוויזן (יוספן) דאָס געשטאַלט פון זיין טאַטן (יעקבן).

אַרום זיין שטערן. אוי! ווי ער וואָלט שוין וועלן וואָס גיכער פון זיי פּטור ווערן. און אַזוי וועט עס זיין אויך ביי דער וועטשערע?

טוט ער אַ בורטשע נאָכן אָפּבענטשן:

— דער קאָפּ טוט מיר אַ ביסל וויי. כ׳על גיין זיך לייגן אין בעט אַריין. כ׳על זיך שוין היינט באַגיין אָן דער וועטשערע. כ׳על זיך איבער־שלאָפן. ס׳אי גאָרנישט.

ער גייט אַריין צו זיך אין אַלקער און נעמט זיך אויסטאָן. די שוויגער גרייט אים שנעל צו דאָס געלעגער. ווען זי גייט אַרויס, פאַרגעסנדיק פעסט צו פאַרמאַכן די טיר, טוט זי אַ זאָג אין שטוב:

— איך האָב מורא, מרדכי, אַז ס׳איז אים — נ י ש ט ״גאָרנישט״... וואָס זאָגסטו, מרדכי?

— וואָס איך זאָג? איך זאָג: קיילע חיה, גיי שוין און רוף דעם פעלדשער.

הערנדיק די רייד, טוט ייִדעלע אַ טראַכט: איז ער דאָך נאָך נישט פון די ערגסטע, דער שווער. נאָר ז י...

ער לייגט זיך אין בעט און פאַרמאַכט די אויגן. טאָמער קומט ווער אַריין, זאָל מען זען, אַז ער שלאָפט און אים צו רו לאָזן. ער באַמיט זיך איינצושלאָפן, כדי ער אַליין זאָל זיך צו רו לאָזן. אָבער דער אומרו אין האַרץ און אין קאָפּ דערלאָזט נישט דערצו. ער ווייסט, אַז ס׳גרייט זיך אין אים אָפּצוטאָן עפּעס קיילע חיהן. אָפּצוטאָן אַ זאַך וואָס איז גרויליק. וואָס קאָן ער איר אָפּטאָן? דאָס קאָן ער נישט, מחמת אימה, דערטראַכטן ביזן סוף. דאָס וועט מאַכן אין שטוב אַ חורבן. אַן אמתן חורבן...

דערמאָנט אים דאָס וואָרט ״חורבן״ אַ גמרא וועגן חורבן־בית־המקדש. צוליב דעם צעמישעניש און דער מטושטשדיקייט פון די מחשבות אין קאָפּ, דערזעט ער נישט קלאָר די שורות דאָרטן. אָבער דער קווינטעסענץ איז: ס׳האָט געהאַלטן דערביי, אַז גאָט זאָל אין זיין גרימצאָרן פאַרלענדן, חלילה, דאָס פאָלק ישראל, האָט ער אים אויסגעגאָסן, דעם גרימצאָרן, אויף דעם געהילץ און געשטיין פונעם בית־המקדש...

טוט פּלוצעם אַ בליץ־אויף אַן אויסלייזנדיקער געדאַנק אין זיין שאַרבן: אויך איך דאַרף מיין גרימצאָרן אויסלאָזן צו עפּעס פון קיילע

חיהס זאַכן! צו וואָס אַשטייגער? ער וועט זיך שוין דערטראַכטן... סיי ווי...
און אַזוי, דערפילט זיך לייכטער פון די נאָגנדיקע מחשבות און גייסטיקע יסורים, ווען דער פאַרנאַכט קוקט שוין בלינדלעך אַריין דורכן פענצטער, און דער שווער, האָרכט ער, גייט שוין אַוועק דאַווענען מנחה־מעריב, פאַלט ער אַריין אין אַ דרימל, ערב־שלאָף.

אַ שאַרף פון שיין טוט אים אַ שנייד־אויף די פאַרמאַכטע אויגנלעפּלעך. ער עפנט זיי. דאָס האָט משמעות אָנגעצונדן דעם לאָמפּ אויפן טיש די שוויגער, וואָס גייט אַרויס. באַלד קומט אַריין דער פעלדשער מיט זיין גויִישן, כאָטש שטילן „דאָברי וועטשער". הינטער אים — קיילע חיה. זי שטעלט פאַר אים אַ שטול לעבן חולהס בעט. ער ציט אַראָפּ זיין פוטערן היטל און זוכט מיט די אויגן אַ פּאַסיק אָרט, ווו עס אַנידערצולייגן. נעמט עס קיילע חיה פון זיין האַנט און לייגט עס אַנידער אויף איר בעט. דאָס איז אים, ייִדעלען, עפּעס גאָר פריקרע. פאַר וואָס?...

דער חולה לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון דעם גאַסט. באַטראַכט אים ווי עפּעס אַ באַשעפעניש פון אַ פרעמדער, פיינטלעכער וועלט. עשוס אַן אור־אור־אייניקל. דאָס מאַנטל מיטן פוטערנעם קאָלנער טוט ער נישט אויס... ער וויל נישט מסתם, אַז קיילע חיה זאָל עס אים אַנידערלייגן אויפן בעט, ווי פריִער דאָס היטל. אַ פיינער גוי. אַן איידעלער מענטש. לחלוטין נישט געראָטן אין קיין עשו. ער שפּאַצירט איבערן אַלקער אַהין און צוריק. אַ הויכער, מאָגערער, מיט אַ בלאָס פּנים. בלאַסע, שיטערע האָר אויפן קאָפּ. אַ קליין בערדעלע, ווי אַ גרויסער קנאָפּ... "אַזוי ווי ביי מיין טאַטן, עליו השלום, להבדיל אלף הבדלות". ער ציט געלאַסן אַרויס פון קעשענע אַ גרויסע, העלברוינע קאַם, ווי דער קאָליר פון זיינע האָר, פאַרקעמט זיי אַרויף־צו. צוריק פאַרשטעקט די קאַם, זעצט ער זיך אויף דער שטול. פון דער זעלבער קעשענע נעמט ער אַרויס אַ "גראַדוסניק" און לייגט אים אונטער דער פאַכווע. נעמט אָן זיין האַנט מיט צוויי פינגער פאַרן דופק און קוקט בעת־מעשה פאַרטראַכט־איינגעהאָרכט מיט די גרויע אויגן, צי אויף אים, צי אויף דער וואַנט.

דעם פעלדשערס לאַנגע, זויבערע פינגער זענען קיל. די קילקייט באַרויִקט דעם חולהס געמיט. ס'לאָזן זיך פון אים פילן אומבאַקאַנטע,

פרעמדע ריחות... "ריח בני כריח השדה".* געזאָגט האָט עס יצחק יעקבן, מיינענדיק אַז ס'איז עשו... אויך די ריחות באַרויִקן דאָס געמיט. אַרויס־געצויגן דעם "גראַדוסניק" און געכאַפּט אויפן חולה אַן אַנגעשטרענגטן בליק, דעקט דער פעלדשער אָפּ זיין ברוסט און לייגט צו צו איר אַ קילן אויער... די זעלבע קילקייט וואָס אין זיינע פֿינגער... "אַן עשו מיט קאַלט בלוט... פּלאַים !...".

— איינהאַלטן דעם אָטעם. — באַפעלט ער.

באַלד באַפעלט ער אים זיך איבערדרייען מיטן פּנים אַראָפּ. פאַרהייבט אַרויף זיין העמד און קלאַפּט אים אויס מיט צוויי פינגער אויף צוויי קילע פינגער די פּלייצעס, לייגט צו דעם אויער און:

— נישט אָטעמען... שטאַרק אָטעמען... נישט אָטעמען...

דער חולה טוט וואָס ער ווערט באַפוילן און טראַכט: "ער טוט ערשט אַ שוחטישע זאַך — איז בודק מיינע לונגען... איך בין אין עשוס הענט, נאָר... דער עשו איז ווי גאָר קיין עשו נישט. טוט אַלץ אַזוי איידל און גע־לאַסן...".

— המם. — גלייכט זיך אויס דער פעלדשער, הוסטלט אונטער און פאַרטראַכט זיך.

"... וואָרן ווי קומט צו אַן אמתן עשו אַ הוסטל ? — איז דער חולה ממשיך אין געדאַנק. — נישט אומזיסט שמועסט מען, אַז ער איז אַ קראַנ־קער. קראַנק אויף אַ לונגענפעלער. ווען ער וואָלט נישט זיין קיין פעלדשער און אַליין זיך היילן, וואָלט ער שוין לאַנג אָנגעשפּאַרט איף די „מאָהיל־קעס"... עט ! דאָס זענען "דברים בעלמא" **, זאָגט דאָך די גמרא "אין חבוש מתיר עצמו מבית האסורים" ***. אויך אַ דאָקטאָר קאָן זיך אַליין נישט היילן, אַ כל־שכן — אַ פעלדשער...".

— המם, — חזרט איבער דער פעלדשער, פאַרענדיקט דעם "המם„ מיט אַ כריפּלע הוסטעלע און דרייט זיך אויס מיט דער שטול צום טיש, — וועט מען מען פאַרשרייבן אַ רעצעפּט.

---

* דער ריח פון מיין זון איז ווי דער ריח פון פעלד.

** גלאַט גערעדט אין דער וועלט אַריין.

*** אַ פאַרשפּאַרטער קאָן זיך אַליין נישט באַפרייען פון דער תפיסה.

קיילע חיה, וואָס דער חולה האָט זי ביז איצט כמעט ווי נישט באַ־מערקט, שטעלט אַנידער אויפן טיש פאַר אים טינט־און־פעדער. דער פעלדשער נעמט אַרויס פון בוזעם־קעשענע אַ קליין העפטל, רייסט דערפון אַרויס אַ בלעטל און שרייבט. ווען ער פאַרענדיקט, טוט אים קיילע חיה, מיט איידלקייט אין קול, אַ פרעג:

— גאָספּאָדין פעלדשער, איז וואָס איז אים, מיין מאַן? אַ פאַרקילונג?

"דו הערסט?! — ציגדט זיך אָן אין דעם מאַן אַ צאָרנדיקע מחשבה. — פאַרן גוי בין איך איר „אַ מאַן", דער „מורדת"! אָן עשו איז זי".

— געווען אַ פאַרקילונג, — ענטפערט דער פעלדשער געלאַסן און באַדאַכט. — נאָר אַ לייכטע. איז שנעל אַריבער. דער פּולס איז אַ גוטער. נישטאָ קיין געהעכערטע טעמפּעראַטור. אַלץ איז אין אָרדענונג. נאָר... המם, דאָס האַרץ איז דענערווירט. דער רעצעפּט איז צו באַרויִקן די נערוון. אַלע פיר שעה — אַן עסלעפל. דער קראַנקער דאַרף האָבן רו. דער עיקר — רו. זאָל מען אים לאָזן אַליין. אויב דאָס קינד אין וויגל איז אַ שרייענדיקס — אַרויסשטעלן דאָס וויגל.

ער שטעלט זיך אויף, טוט אַ נעם זיין פוטערן היטל פון בעט, איידער קיילע חיה באַוויזט עס, בלאָזט עפּעס אָפּ דערפון ("קיילע חיהס אָפּגע־זונדערטקייט?..."), טוט עס אָן און לאָזט זיך גיין צו דער טיר:

— דאָ סווידאַניאַ *.

קיילע חיה וואַרפט אים אַריין, ווי בגנבה, אַ זילבערנע מטבע אין קעשענע, און באַגלייט אים אַרויס. ייִדעלע הערט ווי די דרויסנטיר פאַר־מאַכט זיך דאָרט, און קיילע חיה טוט אַ זאָג:

— מאַמע, ער האָט געזאָגט: ער איז נישט קראַנק. נאָר די נערוון עפּעס. קיינער זאָל דעם חולה נישט דערקוטשען. נעם אַרויס פון אַלקער דעם קינדס וויגעלע. און איך לויף אין אַפּטייק אַריין. די לאָדנס ביי מיר 'על איך שוין אַליין פאַרמאַכן. איכל זיך דאָרט פאַרהאַלטן ביז די רפואה וועט פאַרטיק ווערן.

---

* אויף ווידערזען.

— אַ "מורדת", — טראַכט ער, הערנדיק ווי זי פֿאַרמאַכט די לאָדן, — און פֿון דעסטוועגן... ס'איז דאָך אַ "ורמיגהו" *.

באַלד קומען אַריין, שטיל, ווי אויף די פֿינגערשפּיצן, די שוויגער, און הינטער איר דער שווער.

"מנוח עם הארץ היה שהלך אחרי אשתו" **, — דערזעט דער חולה הינטער אים דעם מאַמר־חז"ל און טוט אַ טראַכט: "האָט ער זיך עס צוליב מיר אַזוי געאײַלט צו קומען פֿון מנחה־מעריב, אָדער צוליב איר ?...".

די שוויגער שטעלט צו אַ שטול לעבן וויגל. דער שווער שטעלט זיך אויף דער שטול און נעמט אַראָפּ דאָס אײַזערנע רינגל פֿון די שטריק פֿונעם האָק אינעם באַלקן. שטיל־שטיל גייען זיי אַרויס מיטן וויגל און פֿאַרמאַכן הינטער זיך די טיר. ברייטער געעפֿנט די אויגן, דערזעט דער חולה אויפֿן ווייבס בעט, וווּ פֿריִער איז געלעגן דעם פֿעלדשערס פּוטערנע היטל, אירע שליסעלעך... אָ, די שליסעלעך! מע וואָלט זיי באַדאַרפֿט פֿאַר־וואַרפֿן... צי וועט ער דערמיט נישט עובר זײַן אויף "בל תשחית" *** ? המם...

— האַ ?! — טוט ער זיך אַ כאַפּ, ווי געפֿאַקט אַ מציאה, אַ כאַפּ אַראָפּ זיך פֿון געלעגער, אַ נעם די שליסעלעך פֿון קיילע חיהס בעט, אַ לויף מיט זיי צום קופֿערט און, אויסדרייענדיק אַלע ווײַל דעם קאָפּ מיט אַן אײַנגעהאָרכטן אויער צו דער טיר, — שליסט אים אויף מיט ציטעריקע פֿינגער און בלאַס־דערשראָקן פּנים. אויפֿגעעפֿנט די דעק, נעמט ער נער־וועז, באַהיטעוודיק־שרעקעוודיק, זוכן אין אים צווישן דער הלבשה מיט די אויגן און די פֿינגער.

— אָט! — דערזעט ער דאָס געזוכטע, — אַ שטיק ווייך גאָלד... עבודה־זרה... כשוף... "מרבה נשים — מרבה כשפים"... **** פֿאַרטיליקן דאַרף מען עס!

ער טוט אַ כאַפּ מיט אַ בינטל פֿינגער דעם ווייבס בתולהשן רויטן צאָפּ

---

* אַ ווידעראַנאַנד.

** מנוח איז געווען אַן עם־הארץ, ווײַל ער איז געגאַנגען הינטער זײַן ווײַב.

*** זאָלסט נישט פֿאַרדאַרבן.

**** ווער ס'מערט ווײַבער, מערט כשפים.

און אַ וואָרף אים, ווי אַ טמא זאַך, אויף זיין געלעגער. לאָזט שנעל אַראָפּ צוריק די דעק, פאַרשליסט, לייגט די שליסעלעך אויפן פריִערדיקן אָרט. דרייט אַריין טיף דעם לאָמפּ, לייגט זיך צוריק אין בעט אַריין, אַרונטער־כאַפּנדיק דעם צאָפּ אונטער דער קאָלדרע.

אין אַ ווייל אַרום האָרכט ער זיך איין אין שטוב אַריין. שטיל, שאַ. אין דער שטילקייט פאַרנעמט ער בלויז ווי זיין האַרץ קלאַפּט, „ווי מיט אַ האַמער". שפּירט ווי אין די שלייפן שלאָגט אַן אָדער. לעבן זיין בויך דער רויטער צאָפּ — אַ גליִענדיקער שלאַנג... עבודה־זרה... כשפים... ווי זאָגט די גמרא: "בנות ישראל פרוצות בכשפים"...* ס'איז אַ מצווה אים צו פאַרטיליקן.

אָפּגעאָטעמט און זיך באַרויִקט אַ ביסל, נעמט ער טראַכטן: וווּ זשע ראַמט מען אים אויף דערווייל? קיינער זאָל זיך אויף אים, חלילה, נישט אָנשלאָגן. טאָמער כאַפּט זי זיך, אַז ער איז נישטאָ אין קופערט און נעמט אים זוכן...

ער קוקט זיך אַרום מיט אַ בלאָנדזשענדיקן בליק איבערן צימער. דער בליק פאַלט אַריין אין אַ פאַלד פון זיין טלית־זאַק, וואָס הענגט אָט דאָ דאַלעבן אויף אַ טשוואָק, אויפן ביישטידל פונעם פענצטער. טוט ער זיך אַ הייב אויף, אַ נעם אים אַראָפּ, שנורעוועט אים אויף, פאַרשטעקט אין אים דעם צאָפּ, פאַרשנורעוועט און הענגט אים אויף צוריק. זיין פּנים צעשמייכלט זיך בלאָס פון דער מחשבה: "אין אַ מקום־קדוש ווער קומט עס זוכן אַ גנבה?... המם, אַזוי האָט אויך געטראַכט דער "רבי" פון די גנבים, אַהרונקע באַלעגאָלע..."

געלייגט זיך צוריק אין בעט, מאָסטעט ער זיך איין מיט אַ געפיל פון אָפּגעהאַלטענעם נצחון און טרייסטנדיקער באַפרידיקונג: נקמה אין דער "מורדת". און אין דאָזיקן צושטאַנד זיינעם נידערט ביסלעכווייז אַראָפּ אויף אים אַ דרימל און פאַרוועבט אים אין לייכטן שלאָף.

— יִידעלע... יִידעלע... — וועקט אים, דאַכט זיך, דער שוויגערס שטיל און מילד קול, און ער איז שוין אויף. — קיילע חיהניו איז שוין דאָ צוריק פון אַפּטייק. נאַ, נעם איין די רפואה.

---

* יִידישע טעכטער זענען אויסגעלאַסן אין כשפים.

היבט ער אויף אַ ביסל דעם קאָפּ, נאָר מיט פאַרמאַכטע אויגן, נעמט איין די רפואה און לייגט אים אַזוי צוריק אַנידער אויף דעם קישן: די שווערער טאָר אים נישט אַריינקוקן דורך די אויגן אין קאָפּ. זי קאָן נאָך דערזעען...

— זאָל דיר זיין, ייִדעלע, צון אַ רפואה־שלמה. אָמן! — הערט ער איר קול, נעמט ווידער דרימלען און שלאָפט פעסט איין.

— ייִדעלע, — וועקט אים אַ זויערלעכע שטים. — דו שלאָפסט נישט, דאַכט זיך. כ׳האָב געהערט ווי דו האָסט זיך איבערגעדרייט. די פיר שעה זענען שוין אַריבער. דאַרפסטו איינגעמען די רפואה.

סע רייסט אים אַרויס פון דעם שלאָף. ער עפנט מיד די אויגן. איבער אים שטייט אין דער טונקלעניש ז י, הויך און דאַר, אינעם איינעם העמד, וואָס רינט פון איר אַראָפּ — אַ ווייס געשפּענסט. ער דערזעט דעם עסלעפל אין איר אויסגעשטרעקטער האַנט.

— נאַ, נעם איין. — טראָגט זי צו דעם לעפל צו זיין ליגנדיקן קאָפּ און גיסט אים אַריין די רפואה אין מויל.

ער שלינגט זי אַראָפּ און האָרכט ווי זי שעפּטשעט אָפּגייענדיק:

— זאָל עס אים זיין צו רפואה. זאָל ער שלאָפן געזונט. ער איז דאָך אַ טאַטע פון פיר קינדער.

ער דרימלט איין אין מטושטש צווייפלעניש: האָט זי טאַקע אַזוי געזאָגט, די ״מורדת״? — ״זאָל עס אים זיין צו רפואה, זאָל ער שלאָפן געזונט״? צי ס׳האָט זיך מיר בלויז אויסגעדאַכט?... און דער רויטער שלאַנג אין מיין טלית־זאַק, ווי דער נחש־הקדמון אין גן־עדן... איז אויך געווען... בלויז אַ... חלום?... און... און...

## נא

מיטוואָך אין דער פרי עפנט אויף ייִדעלע די אויגן און דערפילט גלייך: ער איז אויסגערוט, און זיין געמיט — לויטער. אין אַלקער איז קיינער נישטאָ. די לאָדנס — שוין אָפן, און דורכן פענצטער קוקט אַריין אַ לויטערער גאָלדיקער פרימאָרגן, אַ זעלטנקייט אין חודש מר־

חשון. ממש ווי לכבוד זיין געזונט ווערן. אויפן טיש שטייט דאָס פלעשל מיטן געלבלעכן רעצעפּט, מיט שיריים דערין פון דער רפואה... דאָס ׳עט מען שוין מעגן אויסגיסן — די השתנה. צי האָט אים טאַקע די דאָזיקע רפואה געניעזן געמאַכט? זיין בליק שלאָגט זיך אָן אויפן הענגענדיקן טלית־זאַק, און ס׳פּאַלט אים איין: פון דאַנען גאָר איז געקומען מיין רפואה... גלייכצייטיק לויפט דורך אַן אומרו זיין האַרץ: היינט מוז שוין אַ סוף נעמען צו דער „רפואה" אין אים. כ׳זאָל קאָנען זאָגן — „ברוך שפּטרני".*

דער אומרו הייבט אים אַרויס פון געלעגער. ער טוט זיך אָן שנעל, גיסט אָפּ נעגל־וואַסער און וואַשט זיך פּאַר איין וועגס דאָס פּנים. האָרכט זיך איין אין שטוב אַריין — שאַ־שטיל. דער שווער איז נאָך מן־הסתם ביים דאַווענען. פון קיך הערט זיך רחלעס געוויין, — זענען די ווייבער פּאַרטאָן... ניין, ער וועט נישט וואַרטן איצט, ביז די שוויגער וועט אים אַריינדערלאַנגען די הייסע גלאָז מילך. ער כאַפּט אַרויף אויף זיך דעם מאַנטל, אַ כאַפּ דעם טלית־זאַק אונטערן אָרעם, און גנבעט זיך אַרויס פון שטוב... מע וועט פאַרשטיין: ער פילט זיך שוין אין גאַנצן געזונט, איז ער אַוועק דאַווענען.

אָבער זיין געדאַנק און באַגער פירן זיינע פיס ערגעץ אַנדערש. ער לאָזט זיך מיט די גוייִשע הינטערגעסלעך הינטער דער שטאָט, צום שמוק־לערס טייך. אַהין, וווהין מע גייט צו "תשליך"... המם, אויך ער גייט ערשט צו "תשליך" — צום צווייטן מאָל. היינט וועט ער נישט די ברעקלעך — זיינע עבירות — אויסליידיקן פון די קעשענעס אין וואַסער אַריין, נייערט "איר עבודה־זרה", איר כשוף, פון טלית־זאַק. ער זאָל נאָר קיינעם דאָרט נישט טרעפן. קיינער זאָל אים נישט שטערן.

אין אַ פּופּצן מינט אַרום טוט אים פון ווייטן אַ גלאַנץ די אייבערפלאַך פון טייך. אַ דאַנק דעם אייבערשטן! — מע זעט דאָרט נישט קיין לעבעדיקן נפש. ער נעמט גיין שנעלער און קומט צו. זיין בליק טוט אַ ווירע דעם טייך לענגויס. זיין אויבערפלאַך איז גלאַט, ווי אַ זילבערנע פּלאַטע. אַ מינדסטער ווינטלבלאָז באַוועגט אים נישט. סע שפּירט זיך נאָר אַ שטייענדיקע קיל־קייט פון אים, כאָטש די זון ליגט אויף אים אויסגעגאָסן. ס׳אַ קאַלטע זון.

* געלויבט דער אייבערשטער וואָס האָט מיך באַפּרייט.

דאָס וואַסער איז לויטער־דורכזיכטיק. פונעם גרונט זעען זיך העלע פלעקן דאָ און דאָרט. אָט זילבערט זיך פאַרביי דאָרט אַ פישל... סע וואָרט אויף די ברעקלעך פון "תשליך"? אָט קומט אָן צו שווימען, ביים סאַמע ברעג, אַז איבערגעקערטער, ברוינשוואַרצער זשוק — אַ טויטער. נישט ער שווימט — דער שטראָם פירט אים פאַרביייי גאַנץ שנעל. כאָטש דאָס וואַסער זעט אויס אַזוי אומבאַוועגלעך־רויִק... דאָס וואַסער — אַזוי ווי זיין געמיט: אויבערפלעכלעך איז עס איינגעשטילט, אָבער אינעווייניק — צערודערט. צוליב זיין געפינען זיך דאָ און צוליב דעם וואָס ער דאַרף טאָן. פאַר וואָס זשע האָט ער זיך פאַרדמיונט און טוט עס נישט?

ער שנירט־אויף דעם טלית־זאַק, זיך אַרומקוקנדיק הינטער זיך און פאַר זיך, אויף דעם אַנטקעגנאיבערדיקן ברעג טייך, שטעקט אַריין די האַנט אין טלית־זאַק, דערטאַפּט דעם צאָפּ, פאַרקוועטשט אים אין זשמע־ניע, ווי ער וואָלט דערוואַרגן אַ שלאַנג, טוט אים אַ צי אַרויס און אַ וואָרף פאַר זיך... אַ רויט פייערל איבערן וואַסער. ס׳באַוועגט זיך, ציט זיך אויס און ציט זיך אַוועק ווייטער. ווייטער. וויגט זיך. און — אַ טוק זיך אונטער. ווי די זון אַ מאָל אין מערב־זייט. נישטאָ...

...ס׳טראָגט אים צו אַלדי שוואַרצע יאָר, — טראַכט ייִדעלע. — קיין ציציליוּקע. נאָר ער וועט שוין אַהין נישט אָנקומען. ווען ער׳ט שווימען פאַרביי דעם "זאַמעק", וועלן אים אויפכאַפּן די דאָרטיקע נישט־גוטע און לצים...

— או־ו־וף! — אָטעמט ער אָפּ הייס אין דער קילקייט פאַר זיך. זיין האַרץ קלאַפּט ווי נאָך אַ שווערער אַרבעט. אָבער ס׳גייט אויף אין זיין געמיט אַ פרייד. ווי אַ שווערע לאַסט וואָלט זיך פון האַרץ אַראָפּגע־לאָזן. ער פאַרשנירט צוריק דעם טלית־זאַק, און פון די ליפּן שיילן זיך אים אַראָפּ צוויי ווערטער, וואָס גייענדיק אַהער האָט ער זיי בלויז געטראַכט:

— „ברוך שפטרני!".

אַ שמייכעלע שוועבט־אָן אויף זיין פּנים. אַ שמייכעלע פון באַפרייונג און נצחון. איבער זיך אַליין, אָדער איבער קיילע חיהן? און מיטן שמיי־כעלע לאָזט ער זיך גיין צוריק. ער וועט אין בית־מדרש שנעל אָפּדאַוונען. ס׳נאָגט אים שוין אונטערן האַרצלעפּעלע — ער האָט דאָך נאָך היינט גאָרנישט אין מויל געהאַט. די שוויגער... ניין, בייזערן זיך אויף אים וועט זי נישט. ס׳איז נישט איר טבע. אָבער אויסרעדן אים — יאָ. און זי, קיילע

חיה? מילא. איצט וויסט ער דאָך שוין, אַז זי איז גאָרנישט אַזוי שלעכט. ווי האָט זי געזאָגט אײַערנעכטן ביי נאַכט? "זאָל ער שלאָפן געזונט". קיין יוולדע חלומות און וויסטע חלומות וועגן איר וועט ער שוין מער אויף געוויס נישט האָבן. ער האָט דאָך שוין אויסגעלאָזן זיין גרימצאָרן, אָנ־שטאָט צו חוהן — צו דעם שלאַנג. אַך, ווען זי זאָל עס וויסן!

און אַזוי, אין זיין מחשבות־פאַרזינקעניש, שלאָגט ער זיך פלוצעם אָן אין אַ ווייכער וואַנט. און די וואַנט טוט אַ זאָג מיט אַ מענטשלעך קול:

— זע־נאָר, זע! יידעלע!

אויפגעהויבן דעם קאָפּ, דערזעט ער: גרשון שניטקרעמערס איידעם שטייט קעגן אים מיט אַ צעלאַכט־שפּאָטיש פּנים און רעדט ווייטער:

— פון וואַנען האָסטו זיך אַהער דערנומען אין מיטשקעדרינגען? און מיטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם? ביסט געגאַנגען זוכן אַ מנין אין דער גוייִשער גאַס? אַבי אין שטעטל האָט מען געשמועסט, אַז דו ליגסט חולה, „לא עליך"*... פון וואַנען גייסטו עס טאַקע, יידעלע?

אָבער יידעלע איז ערשט אין אַ גאָר גוטן און געהויבענעם מצב־רוח. ער נעמט זיך נישט צום האַרצן הערשלס אָפּלאַכנדיקן טאָן. אדרבה, צע־שמייכלט זיך און ענטפערט אים שפּאַסיק אויף זיין מעלה־גרהדיקער שאלה: „נו, באמת, פון וואַנען גייסטו עס ערשט, יידעלע?":

— פון וואַנען איך גיי, פרעגסטו? פונעם הר־המוריה.

— אַהאָ, יידעלע! ווי ווייט אַ גרויסער חכם קאָן עס אָנשפּאָרן? וואָס זשע האָסטו דאָרט געטאָן, אַזאַ קליין יידעלע, אויף אַזאַ הויכן באַרג?

— וואָס כ'האָ' דאָרט געטאָן? מעגסט זיך עס שוין, תלמיד־חכם אײנער, אַליין אָנשטויסן: דאָס אייגענע וואָס אַברהם־אָבינו.

— אַ געלעכטער אויף אַ זייט, — זאָגט הערשל שוין נישט שפּאָטיש, נאָר פאַרדריסלעך, — איך דערקאָן דאָך דיך נישט. ביסט דאָרט, זע איך, געוואָרן קלוגעטשקע און פריילעך, ווי דיין שווער נאָך אַ גלעזל בראָנפן. וואָס האָסטו דאָרט אויפגעבראַכט אויף דער עקידה?

— וואָס כ'האָ' דאָרט אויפגעבראַכט, פרעגסטו? המם... אָנשטאָט אַ בת־יחידה — אַ ווידער...

---

* נישט אויף דיר געזאָגט געוואָרן.

װעפּט זיך אויס ביי הערשלען אויף דער פּאַרדרוס, און ער שפּאַסט שוין אויף גוטמוטיק:

— דו רעדסט היינט מיט משלים, אַז ס'איז צו קיין טאָלק נישט צו דערגיין. האָסט דאָרט, זאָגסטו געקוילעט אַ באָק. זאָג זשע מיר: אַ באָק איז אַ גסה, צי אַ דקה? און די שחיטה איז דיר געראָטן?...

— נאָך װי געראָטן! — קװעלט ייִדעלע. — שוין איין מאָל אַ גע־ראָטעניש!

קװעלט אים אַנטקעגן הערשל:

— אַבי אין שטעטל האָט מען גערעדט: ביסט קראַנק געװאָרן, װייל יענע װאָך האָסטו געקוילעט אַ גאַנער, איז ער נאָך דיין געראָטענער שחיטה אַװעק שפּאַצירן איבער דער גאַס. װאָס מענטשן קאָנען אַלץ אויס־טראַכטן! המם... אפשר ביסטו אויך איצטער אַװעק שפּאַצירן צום טייך, נאָך דעם װי דיין שװער, אָדער גאָר דיין פלוניתטע האָט דיך געקוילעט און נישט דערקוילעט? אַ?...

לאַכט אים ייִדעלע אין פּנים אַריין, דרױסנדיק — מיט קװעלנדיקער פרייד, און אינעװייניק — מיט יאַשטשערקעס:

— און ער שפּאַצירט נאָך אַלץ, דער גאַנער. װייל, פאַרשטייסטו מיך, הערשל, ער איז איינער פון יענע געענדז, װאָס רבה בר בר חנא האָט באַ־געגנט אויף זיינע נסיעות. געדענקסט נאָך װאָס משה יאָסל איטעס האָט מיט אונדז געלערנט?

הערשל טוט אַ מאַך אַװעק מיט דער האַנט. ס'הייסט: איך װעל זיך היינט מיט דיר צו גאָרנישט נישט דעררעדן. און אין בשותפותדיקן גע־לעכטער צעגייען זיי זיך. יעדער אין זיין װעג.

## נב

מיטװאָך ביי טאָג, נאָכן נאָכמיטאָג־דרימל, װען מרדכי שוחט פּרוּװט אויס קעגן פענצטער די חלפים צו דער שחיטה, מאָרגן אין בוינע און איבערמאָרגן פון עופות אין שטאַל, טוט זיך האַסטיק אַ שטעל אַריין דער "ראָזנאָסטשיק"* מיט דער האַרטער לעדערנער "סומקע"** פון חזיר־

---

* בריװטרעגער.

** אַ ראַנציק.

פעל, אַ לייג אַנידער אויפן טיש אַ צונויפגעלייגט פּאַפּירל און אַ מעלדע פּייערלעך:

— דעפּעשאַ, „גאָספּאָדין" * שאָיכעט־ווערגנער! — און בלייבט שטיין, ווי צו וואַרטן מע זאָל זי אים פאַרלייענען.

— קיילע חיה! — טוט דער שוחט אַ רוף אין אַלקער אַריין, אַ פאַר־ווונדערטער: פון וועמען און פון וואַנען פלוצעם אַ דעפּעש?

קומט פון דאָרט אַרויס קיילע חיה מיט אַ פאַרחידושט־פרעגנדיק פּנים און שטרעקט אויס די האַנט צו נעמען די טעלעגראַמע. אָבער דער בריוטרעגער דערלאַנגט איר אַ צווייט פּאַפּירל מיט אַ טוש־בלייפעדער:

— "פּאָזשאַלוסטאַ, גאָספּאָזשאַ גראַגערעט, פּאָדפּישיטעס **.

זי שרייבט שנעל אונטער און שטרעקט אויס צום צווייטן מאָל די האַנט צו דער טעלעגראַמע. נאָר דאָ שלאָגט איר איבער צום צווייטן מאָל דעם בריוטרעגערס אַ פינקלדיקער בליק. זי טוט אים אַ קוק אין פּנים. ער גלעט מיט אַ שפּיצל פינגער אַ שפּיצל פון זיין וואָנצע, און זיינע אויגן מאָנען עפּעס ביי איר.

— אַך! — טוט זי זיך אַ כאַפּ. — "סעיטשאַס" ***.

זי טוט אַ גיי אין אַלקער אַריין און אַ קום צוריק, די האַנט אויסגע־שטרעקט מיט אַ מטבע אין די פינגער און דערלאַנגט זי אים. ער נעמט זי, טוט אַ זאָג, ווי דאַנקענדיק פאַר איר: „דעפּעשאַ ז' טורייסקאַ", און אַ גיי אַרויס.

— פון טריסק, האָט ער געזאָגט?! — טוט זיך ערשט דער שוחט דעם אמתן כאַפּ אַ צערודערטער און אַ לייג אַוועק דעם חלף. — שנעלער, קיילע חיה!

לייענט זי פאַר די טעלעגראַמע, ווי זי וואָלט זיין געשריבן אויף ייִדיש: "ראַבין באַפעלט. שוחט קומען אויף שבת. "ניעפּרעמענע" ****.

דערווייל שטייען שוין דאָ אין צערודערטער דערוואַרטונג אויך די

---

* אַ טעלעגראַמע, הער.

** ביטע, שרייבט זיך אונטער, מאַדאַם.

*** באַלד.

**** אומבאַדינגט.

שוחטקע פון קיך און דער איידעם פון די קינדערס אַלקער. דעם שוחטס אויגן קריכן אים אַרויס פון אומרו בולטער:

— וואָס האָט, חלילה, דאָרט פּאַסירט?

— מרדכי, — רופט זיך אָן, שטיל און איינהאַלטנדיק דעם אומרו, די שוחטקע, — פאַר וואָס עפּעס גלייך אויסלייגן צום שלעכטן? אפשר, פאַרקערט, עפּעס אַ שמחה דאָרטן?

איז דער איידעם מצרף צו דער שוויגערס גוטער השערה עטלעכע ווערטער, ווי גערעדט צו זיך אַליין:

— מיר האָבן דאָך היינטיקן שבת גלאָט אַ שבת־שמברכין.

— דאָס ווייסט דער טאַטע אַליין נישט? — טוט קיילע חיה שטיל, נאָר בייז אַ וואָרטשע, באַגלייט מיט אַ בייזן בליק אויף אים.

— ער איז אפשר גערעכט, יידל. — ווערט דער שוחט צוליבן ווייב רוּיִקער — שבת־שמברכין, און ס׳איז גראָד נישטאָ ווער סע זאָל זיך שטעלן צום עמוד ראָש־חודש בענטשן. סע טרעפט... סיי ווי, יידל, פאָרן מוז איך. הער זשע, די חלפים זענען שוין אַלע אויסגעפּרוּווט און כשר. די גאַנצע שחיטה גייט ערשט איבער אין דיינע הענט, און... דער אייבערשטער זאָל פירן מיט זיי.

— מיטן אייבערשטנס הילף וועט ביי אים אַלץ גיין כשורה. — שטאַרקט די שוויגער דעם איידעמס הענט. — און דו, מרדכי, זאָלסט דאָרט מצליח זיין פאַרן רבינס עמוד און אונדז אויך אין זינען האָבן אין דיינע תפילות.

— אָמן! — זאָגט איר נאָך דער מאַן מיט ליבשאַפט.

דער איידעם ווערט באַהערשט פון צוויי געפילן: פון שטאָלצקייט — ווידער בלייבט ער דער איינציקער שוחט אין שטעטל און דער איינציקער קידוש־מאַכער אין שטוב; און פון פאַרבאָרגענעם פחד — סע זאָל ביי אים, חלילה, נישט אַרויסקומען קאַפּויער ווי די שוויגער האָט געזאָגט. און דעמלט... דעמלט וועט אים קיילע חיה מאַכן שוואַרץ־שבת אין אַלקער און הבדלה אויף אַ וויסטער וואָך. כאָטש זינט איר רויטער צאָפּ, די כשפים, זענען אַוועק מיטן וואַסער צו אַל די רוחות, איז זי אַ ביסל געזעצטער געוואָרן. אַ ביסל — אָבער נישט אין גאַנצן. און אַז זיינע הענט זאָלן נישט געשטרויכלט ווערן ביי דער שחיטה, געווענדט זיך דאָך קודם אין איר אַליין:

זי זאָל אים נאָר אין די עטלעכע טעג פון זיין שעת־הדחק נישט אָנטאָן קיין צרות מיטן מויל, נישט אויפקאָכן אים דאָס בלוט, נישט אַרויסברענגען פון די כלים.

ווייזט זיך אַרויס, אַז קיילע חיה פאַרשטייט עס אויך. ווי זי וואָלט אַ שלאָס אָנגעהאָנגען אויף איר מויל די טעג. הלוואי פון היינט אָן אויף ווייטער שוין אויך אייביק. וואָס ס'איז אַרויס מיטוואָך פון דער שוויגערס גוטן, פרומען מויל, איז אַריין אין גאָטס אויערן — סיי די שחיטה אין בוינע דאָנערשטיק, סיי די שחיטה אין שטאָל פרייטיק גייט אים דורך אָן אַ שום מכשול.

איז דעריבער פאַר דער שוויגער און דעם ווייב קיין חידוש נישט וואָס פרייטיק־צו־נאַכטס זינגט אויף זייער איינציקער מאַנצפאַרשוין דעם „אשת חיל" אויף אַ העכערער אָקטאַווע, גאָר פריידיקער און באַטעמטער. אויך אַזוי מאַכט ער דעם קידוש און זינגט מיט די קינדער די זמירות. פאַרגינט זיך נאָך די פיש איבערצוחזרן דאָס גלעזעלע בראָנפן. ווי ער וואָלט וועלן אין אַלץ פאַרטרעטן דעם שווער. און זאָל זי זעען און הערן, קיילע חיה, די אשת־חיל זיינע!

קיילע חיה לייענט אַראָפּ פון זיין פּנים זיינע געפילן, פאַרשטייט פון זיינע באַוועגונגען זיינע נאַרישע מיינערייען: ער רעדט זיך שוין אַוודאי איין פייגעלעך אין בוזעם... זאָל ער! — לאַכט זי פון אים אין האַרצן. אָבער איר פּנים איז שבת־מנוחהדיק און ערנסט. כאָטש נישט אַזוי פייער־לעך ווי איר מאַמעס. אַז דער מאַן כאַפּט בגנבה אַ קוק אויף איר און טרעפט אָן אויף אירן אַ בליק, זעט ער זי נאָר פון דרויסן, הגם אים דאַכט זיך, אַז אויך פון אינעווייניק. מאַכט ער זיך אַ געוויסן חשבון וועגן „בינו לבינה" * און ס'באַקומט זיך אַ גוטער סך־הכל.

דערפאַר, נאָך דער סעודה, ווען ער קומט אַריין אין אַלקער, וווּנדערט ער זיך פאַר וואָס רחלעס וויגעלע הענגט, ווי אַלע מאָל פאַרן ווייבס בעט. אָבער גלייך זיך געכאַפּט, אַז אַ הענגענדיק וויגל קאָן מען דאָך נישט אַזוי לייכט איבערהענגען אויף אַ צווייט אָרט, טוט ער אַ בליק צו זיין קישן אויפן געלעגער מיט אַ פרעגנדיקן בליק: ?... זיי ליגן, די שליסעלעך! די שערי־

---

* צווישן אים און איר.

רחמים זענען געשלאָסן. ס׳וועדט אים מיט אַ מאָל קאַלעמוטנע אויפן האַרצן, וואָס איז ביז איצט אַזוי פול געווען מיט פרייד. ווי אָפּגעזעצטע, געדיכטע הייוון וואָלט זיך אויפגעהויבן פונעם האַרצנס דנאָ, אַזש ביז דעם ווייסן שוים פון פרייד. ער לייענט איבער די שליסעלעך דעם מאַמר־חז״ל: ״שלא יהיו תלמידי חכמים מצויים אצל נשיהם כתרנגולים״ *... מילא גיט ער זיך אונטער און מאַכט עס צו רעכט: „ווי זאָגט די גמרא אין סנהדרין: ״אבר קטן יש באָדם, משביעו — רעב, מרעיבו — שבע״.** סע זענען שוין ביי אים אויך נישט די אַמאָליקע צייטן. אַפילו אַ קאַלעכאויוון קילט זיך אָפּ מיט דער צייט. און אפשר... האָט ער אַ טעות געהאַט אינעם חשבון, וואָס ער האָט פריִער געמאַכט ביים טיש. די לעצטע דריי טעג איז זי דאָך פאָרט געווען אַ פאַרביטענע. זי זאָל זיך נאָר נישט אויף צוריק איבערבייטן. זאָל דער סמבטיון רוען — מער פאַרלאַנגט ער שוין נישט פון אים...

ס׳גייען טאַקע אַריבער בשלום אויך דער שבת און אַפילו דער זונטיק מיטן מאָנטיק — דער סמבטיון רוט. ער פילט זיך שוין ווי אַ ״מושל בכיפה״.*** הלוואי וואָלט דער שווער זיך פאַרהאַלטן ביים רבין כאָטש נאָך היינטיקע וואָך ביז איבער שבת.

זאָל אים איינפאַלן, אַז גראָד דעם שווערס צוריקקומען וועט אים מאַכן נאָך פאַר אַ גרעסערן ״מושל בכיפה״!

דינסטיק גאַנץ פרי, ווען מרדכי שוחט קומט אַריין אין שטוב און שטעלט אַוועק דאָס רענצל ביי דער וואַנט, קומט אים דער ערשטער אַנטקעגן מיט אַ צופרידן אויסגעשטרעקטער האַנט דער איידעם:

— שלום עליכם, שווער.

— עליכם שלום, איידעם. — טוט אים דער שווער אַ פאַרקוועטש די קליינע האַנט ביז ווייטיק, טרייסלט זי, נישט אַרויסלאָזנדיק, און ס׳דויערט אַ לענגערע ווייל, ביז ער טוט אַ זאָג יום־טובדיק:

---

* תלמידי־חכמים זאָלן נישט צו אָפט זיין לעבן זייערע ווייבער, ווי די הענער.

** אַ קליינער אבר איז פאַראַן ביים מענטשן, מאַכט ער אים זאַט — איז ער הונגעריק, הונגערט ער אים אויס — איז ער זאַט.

*** הערשער איבער אַלע.

— מזל טוב דיר, רב ייִדל, סעקוליער רב!

— אוי, מאַמעניו מיינע! — דערהערט זיך אַ פרייד־אויסגעשריי פון אַלקער, און קיילע חיה טוט אַ קום אַריין נאָך אין דער נאַכטקופקע און דער לאַנגער האַלקע. — וואָס׳טו, טאַטע, געזאָגט?

— האָסט נישט דערהערט, קיילע חיהניו? — ענטפערט ער איר מיט אַ צעשיינט פנים און לייכטנדיקע אויגן, — צי דו ווילסט עס הערן נאָך אַ מאָל? נו, נו, וועל איך עס איבערחזרן אויף אַ הויך קול, אַז אויך די מאַמע אין קיך, אויב זי איז דאָרטן, זאָל דערהערן: מזל־טוב דיר, טאָכטער מיינע, סעקוליער רביצן!

דאָ לויפט טאַקע אַריין די שוחטקע, גאָר נישט לויט איר שטייגער, און מיט אַ קול אַ ביסל אַ העכערס ווי תמיד:

— מזל־טוב דיר, מיין מאַן. מזל־טוב דיר, מיין איידעם און...

טוט זי אַ פאַל צו מיט טרערן פון פרייד צו דער טאָכטער:

— מזל־טוב דיר, טאָכטערוניע, סעקוליער רביצן. זאָלסט אונדז נאָר ווערן געזונט און שטאַרק, און זיין אַ געזונטע מאַמע צו די קינדער. די שמחה זאָל אונדז, חס־וחלילה, קיין מאָל נישט פאַרשטערט ווערן...

— מזל־טוב דיר, מאַמע־לעבן. — וויינט דער טאָכטערס קאָפּ פון פרייד, געמישט מיט דער מאַמעס זאָרג פאַר איר שוואַכן געזונט, אויף דער מאַמעס שוואַכן אַקסל, — זאָלסט מאַריך־ימים זיין און דערלעבן אַ סך נחת אויך אין די אייניקלעך.

און די אייניקלעך: דער צוועלפיעריקער מאירל, די נייניעריקע פריי־דעלע און דער זעקסיעריקער וועלוועלע שטייען שוין אויך דאָ אין שטוב פון דער ווייטנס און קוקן צו מיט אויפגערודערטע געמיטער און פאַר־וווּנדערטע אויגן וואָס דאָ טוט זיך אַלץ.

— זעט נאָר! — טוט דער זיידע אַ נעם דאָס רענצל אויפן טיש אַרויף. — כ׳האָב דאָך גאָר פאַרגעסן! כ׳האָב דאָך וואָזשנע מתנות פון אייערט וועגן.

די אייניקלעך טוען זיך אַ לאָז צום טיש. דער זיידע עפנט דאָס רענצל מיט אַ צעשיינט פנים און גלאַנצנדיקע אויגן און האָקט אָפּ ביי די קינדער די פליגעלעך:

— ניין,קליינוואַרג, נישט פאַר אייך זענען דאָס מאָל די מתנות. דווקא —

פאַרן גרויסוואַרג. אי ר וועט זיך היינט באַניגענען מיטן מזל־טוב אַליין... אָט דאָס, אַ טערקישע שאַל, האָט דיר, גיטל לאה, געשיקט די אַלטע רביצין. דיר צוגעווינטשעוועט, זאָלסט אין איר דערלעבן צו דער חופה צו פירן קיילע חיהניוס מיזינקע, אָדער מיזינעק, וואָס דער אייבערשטער וועט איר געבן. נאַ, נעם זי דיר געזונטערהייט און טראָג זי דיר געזונט און אין גאַלע נחת, גיטל לאה.

און אַז גיטל לאה נעמט זי פון זיין האַנט, בעת אירע ברוינע פייכטע אויגן שימערן צו אים מיט האַרציקייט, נעמט ער אַרויס פון רענצל אַ קיילעכיקע טאָוולענע פודלע:

— און דאָס האָט דעם רבינס עלטסטע שנור, מלכהלע, געשיקט אַ מתנה דיר, קיילע חיהניו — אַ שיינעם פּאַרוק. נאַ דיר אים און זאָלסט אין אים נושא־חן זיין אין די אויגן פון די סעקוליער באַלעבאָסטעס און באַלעבאַטים, און דער עיקר — אייביק אין די אויגן פון דיין רב...

— נו, און "אחרון, אחרון" *... דאָס האָט דיר, איידעם מיינער, געשיקט דעם רבינס עלטסטער זון, רב משהלע — אַ שטריימל מיט שפּיצן. נעם אים, און דער אייבערשטער זאָל העלפן זאָלסט אין אים גיין "מעלה־מעלה" ** — פונעם שטעטל אין אַ שטאָט, פון אַ שטאָט אין אַ כרך.

— שווער, — לאָזט אים דער איידעם הענגען די האַנט מיטן שטריימל, און זיין פּנים איז צעטומלט פון גליק, — רב וועל איך ווערן, ערשט ווען איך וועל באַקומען דעם כונסעס,*** אונטערגעחתמעט פון די סעקוליער טובי־העיר. וואָס יאָ איך בין ש וי ן — אויב ביז היינט בין איך געווען בלויז אַ ייִדעלע ביי דעם ערב־רב, בין איך איצט — ערב־רב.

— אַ שיינער זאָג! אַ שיינער זאָג! די סעקוליער באַלעבאַטים וואָלטן עס געדאַרפט הערן! — חנפעט דער שווער דער שוחט דעם איידעם דעם רב.

דער איידעם נעמט דעם שטריימל מיט דער רעכטער האַנט, לייגט אים אַרויף, ווי אַ שלח־מנות־טעצל, אויף דער לינקער האַנטפלאַך און

* געמיינט: דער סאַמע לעצטער איז דער באַליבסטער.

** העכער־העכער.

*** קאָנסעס — כתב־רבנות.

טראָגט אים אַזוי צום אַלקער. זעקס פּאָר אויגן אין צעשמייכלטע פּנימער קוקן אים נאָך מיט דרך־ארץ.

וועלוועלע טוט זיך אַ לאָז נאָך אים אין אַלקער אַריין. אָנווייזנדיק אויפן שטריימל, וואָס ליגט שוין אויפן טאַטנס קישן, פרעגט ער אים:

— טאַטע, וואָס איז עס?

— האָסט נישט געהערט, וועלוועלע, ווי דער זיידע האָט געזאָגט: „אַ שטריימל מיט שפּיצן”?

— כ׳האָ׳ געהערט. אָבער... וואָס איז אַ שטריימל מיט שפּיצן?

אַ קרוין אַזאַ, וועלוועלע. — ענטפערט אים דער טאַטע מיט שטאָל־צער פרייד.

— אַ קרוין פון אַ קייסער?

— נישט פון קיין גויִשן קייסער. אַ קייסער טראָגט אַ גאָלדענע קרוין. נאָר אַ קרוין פון אַ ייִדישן רב.

— און ווו איז דער רב?

— אוי, נאַרעלע, אָט דאָ איז ער דאָך. — טייטלט דער טאַטע מיט די פינגער זיך אויפן האַרצן און צעלאַכט זיך מיט אַ קוועלנדיק פּנים. — איך, דער טאַטע דיינער. דיין טאַטע, וועלוועלע, ווערט אַ רב.

צעלאַכט זיך אויך, קוועלנדיק, וועלוועלע. אוןביידע דערהערן דורך דער אָפענער טיר, ווי אויך אין שטוב האָבן זיך אַלע צעלאַכט. לויפט וועלוועלע צוריק אין שטוב אַריין מיט אַ פרייד, ווי צו באַווייזן דאָרט אַ געפונענע מציאה. כאַפּט אים די באָבע, בייגט זיך אַראָפּ צו אים, טוליעט אים צו זיך און קושט:

— דער באָבען זאָל זיין פּאַר דיינע ביינדעלעך, וועלוועלע. אַז דו וועסט באַגערן אין גאָטס תורה, וועסטו אויך ווערן אַ רב, ווי דיין טאַטע, און אויף דיין קעפּעלע וועט מען אָנטאָן אַ קריינדעלע — אַ שטריימעלע.

— קיילע חיהניו, — גייט מרדכי שוחט איבער אויף ערנסט, ווען זי נעמט זיין רענצל פון טיש אָוועקצוטראָגן עס, — אַז ער וועט אָנמעסטן ”די קרוין”, ווי ער זאָגט, דיין ”ערב־רב”, און זי וועט אים נישט זיין אין גאַנצן צו דער מאָס, זאָלסטו פאַררופן אַהער פראַיִם קערזשנער, ער זאָל זי אים צו רעכט מאַכן.

— אין ד י זאַכן, טאַטע, — גייט זי אויך איבער אין ערנסט, — מעגסטו

זיך אין גאַנצן פאַרלאָזן אויף דיין טאָכטער. נאָך איידער האָסט עס מיר געזאָגט, האָב איך שוין געטראַכט וועגן דעם. און נישט נאָר וועגן דעם. איכל אַריינטראָגן אויך זיינע שטיוול, להבדיל, צו פישל שוסטער, ער זאָל זיי צופאַרריכטן און צוגעבן זיי גאַנץ הויכע אָפּצאַסן... און אויב מיין פאַרוק וועט זיין נישט אַקוראַט צו דער מאָס, וועל איך זיך אַריבערכאַפּן קיין לודמיר צו אַ פאַרוק־מאַכערקע. יאָ, און ווען וועלן מיר דאַרפן אַרויספאָרן אַהין, קיין סעקוליע?

— שוין דעם קומענדיקן מאָנטיק אין דער פרי, כדי דאָרט צו זיין, אם ירצה־השם, דינסטיק. אַזוי איז אָפּגעמאַכט געוואָרן ביים רבין מיט די סעקוליער באַלעבאַטים־חסידים.

— אוי! — טוט זיך קיילע חיה אַ כאַפּ. — דאַרף מען דאָך שוין נעמען זיך גרייטן. גיי איך שוין טאַקע אָנמעסטן: אים — דעם שטריימל, און זיך — דעם פאַרוק. פריידעלע, נאַ, נעם טראָג אַוועק דעם זיידנס רענצל און שטעל עס אונטער זיין בעט.

באַלד דערהערט זיך פון אַלקער איר שטים:

— נאַ דיר. זיי מוחל, ייִדל, און מעסט אים אָן.

## נג

פרייטיק ביי טאָג צעקלינגען זיך איבערן שטעטל צוויי נייעסן:

גלייך נאָך שבת פאָרט אַרויס ייִדעלע שוחט קיין סעקוליע צו ווערן דאָרט רב; יאָנטל גרשון שניטקרעמערס איז געקומען אויף שבת צו געסט צו טאַטע־מאַמע. נישט אַליין — מיטן ווייב און אירס אַ מיידעלע פון ערשטן מאַן. וועלן זיינע היגע קינדער, די יתומים, זיך באַקענען צום ערשטן מאָל מיט זייער שטיפמאַמען.

— זי איז דאָך אַ רבס אַ טאָכטער. — רופט זיך אָפּ אַ ייִדענע ביים איינקויפן ביי זעליק פישער די פיש אויף שבת.

— נו, זעסטו, — איז עס מבטל אַ צווייטע קונהטע, — אַ רבס אַ טאָכטער, נישט אַ רבס אַ טאָכטער. ס'איז אַן אַלטער כלל: אַ שטיפ־מאַמע איז אַ שטאָכמאַמע.

האַלט איר אונטער אַ דריטע:

— זאָגט מען דאָך טאַקע: אין גן־עדן איז נאָך נישטאָ קיין שטול פאַר אַ גוטער שטיפמוטער, וואָרן...

— אָבער וואָס איז דאָ פאַראַנען לאַנג צו ברייען, — פאַלט איר אַריין אַ פערטע אין די רייד, — אַנישט איז דעם מאַציעווער רבס טאָכטער געקומען אַהער זיך באַזעצן און ווערן אַ מאַמע פאַרן מאַנס יתומים? זי׳ט זיך אָנגעאָסטיען אַ וואָך צייט ביי שווער־און־שוויגער און אַהיים פאָרן צוריק צו טאַטע־מאַמע. וואָרן...

זי טוט מיט אַ מאָל אַ האַק אָפּ, כאָטש קיינער האָט איר נישט איבערשלאָגן. קוקט מען זיך אַרום און מע דערזעט: סע שטייט דאָך דאָ הינטער זיי לויכע די סופּרטע, די באָבע פון די יתומים. ווער ווייסט, פון ווי לאַנג זי שטייט שוין דאָ?

— אַ מאַמע איז ליבער צו האָבן וואָס נעענטער, — רופט זיך אָפּ לויכע, — און אַ שטיפמאַמע איז גלייכער צו האָבן וואָס ווייטער. פרעגט, צו וואָס האָט ער זי אַהער געבראַכט, זאָל זיין אַז אַפילו נאָר אויף עטלעכע טעג? מיין פערעלע, עליה השלום, די מאַמע פון די יתומים, ליגט אין פינצטערן קבר, האָט ער זיי געבראַכט אַ לעבעדיקע שטיפמאַמע. מע שמועסט: ער שפּיגלט זיך אין איר. וועלן פערעלעס יתומים, די אייניקלעך מיינע, קוקן אינעם לעבעדיקן שפּיגל און זעען אין אים זייער טויטע מאַמע, עליה השלום.

זי פאַרקרעקעט זיך אַ ווייל, ווי זי וואָלט אַראָפּגעשלונגען אַ טרוקענע טרער און רעדט ווייטער:

— און גיין צו די מחותנים זאָגן זיי: „ליב אייך מיט די געסט״, קאָן איך אַוודאי נישט. כאָטש מיין נשמה גייט אויס נאָך די קינדער, נעבעך. האָבן זיי דערווייל מיך אויך נישט, די יתומים... אוי, זיי מיר מוחל, רבונו־של־עולם, מיינע זינדיקע רייד. אַזוי פיל יאָרן בין איך געווען לוי סופרס ווייב, עליו־השלום, און זיך נישט אויסגעלערנט ביי אים צו שווייגן. לוי, — פאַרגלאָצט זי די אויגן צום הימל, — דיין זכות זאָל אויף מיר מגין זיין. ווער ווייסט דען, אַזוי ווי איך, סאַראַ צדיק דו ביסט געווען.

און שוין — מער וועט זי פון מויל שוין קיין איין וואָרט נישט אַפּערברענגען.

אין טייל שטיבער פון קרובים און פריינד גרייט מען זיך צו שיקן שבת צו דער סעודה צו גרשון שניטקרעמער כיבוד לכבוד די געסט: ביר, אָדער אַ געבלעטערטן קוגל. ס׳גרייט זיך דערצו אויך קיילע חיה דעם שוחטס, נישט געקוקט דערויף וואָס דער קאָפּ איז איר אַזוי פאַרדרייט מיט די צוגרייטונגען צו דער נסיעה. דעם מאַנס שטריימל איז שוין טאַקע צו דער מאָס, און דעסטגלייכן — איר פאַרוק, אויך זיינע שטיוול זענען שוין פאַרריכט און אָפּגעשוואַרצט אויף גלאַנץ. די הויכע אָפּצאַסן מאַכן אים היפּש העכער — ס׳איז געווען אַ גאָלדענער איינפאַל, טאַקע ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ רביצן! — אָבער אַרבעט איז נאָך דאָ איבערן קאָפּ. איז אָט אַזאַ פאַרדרייעניש! — ווו איז עס אַהינגעקומען, צון אַלדי שוואַרצע יאָר, איר צאָפּ פון קופערט? זי האָט אַלץ געטראַכט: זי וועט מאַכן פון אים אַ גאָלדענעם פאַרוק. נו, איז ער ווי אין וואַסער אַריין... (דער מאַן הערט עס און לאַכט אין זיך אַריין: אַהאַ!...) אָבער צוגרייטן אַ לייטישן קוגל מיט געפּילטע קישקע מוז מען. איז זי דאָך געווען פּערעלעס נאָענטסטע חבר־טאָרן, אַזש ביז דער מלאך־המות האָט פאַרשניטן איר יונג לעבן נעבעך. דאָס זענען אירע יתומימס געסט. און נאָך איר טויט, ביז היינט צו טאָג, איז זי דאָך איר שוועגערינס, בליומקעס, נאָענטסטע חברטאָרן. ווי זשע קאָן זי מאַכן זיך נישט וויסנדיק קלאָמפּערשט? אָבער... צווישן פּערעלעס טאַטן און איר טאַטן שטייט דאָך פון שטענדיק אָן אַ מחיצה. און זינט דער טאַטע האָט זיך אָפּגעזאָגט מיט אים זיך משדך צו זיין — ממש אַ וואַנט. אויב אַפילו נישט פון פיינטשאַפט, איז פון אומפריינדשאַפט. וואָס זשע טוט מען?

רעדט זי פריִער איבער וועגן דעם מיט דער מאַמען. נו, די מאַמע איז, פאַרשטייט זיך, תיכף מסכים, נאָר:

— פון דעסטוועגן רעד אויך פריִער איבער מיטן טאַטן, קיילע חיהניו.

— אַוודאי, אַוודאי. — איז אויך דער טאַטע מסכים נאָך אַ פאַר־קלערטן אַ וויש טאָן זיך מיט דער האַנטפלאַך איבערן פּנים ביז אַראָפּ דער ברעג באָרד. — מע דאַרף שיקן סיי אין נאָמען פון מיר מיט דער מאַמען און סיי אין נאָמען פון דיין מאַן מיט דיר. מיר שיקן דאָס, צווישן זיך גערעדט, נישט צו גרשון שניטקרעמער מיט זיין ווייב און זייער זון מיטן ווייב, נאָר... פאַרשטייסט? צום מאַציעווער רבס, דעם „משמרת

שלום״ס, טאָכטער. האָט דאָך איר טאַטע געגעבן דיין מאַן דאָס סמיכות אויף רבנות. און מיט זיין סמיכות גייט ער ערשט אַרויף אויפן סעקוליער כסא־רבנות. און, ווער ווייסט, אפשר וועט אים נאָך אויסקומען מיט דער צייט אַרויפצוגיין אויף נאָך אַ העכערע...

— טאַטע, — דערלויבט זי זיך היינטיקס מאָל, ווי אַן ערב־רביצן, צו זאָגן דעם טאַטן אַ שבת אין די אויגן, — ביסט אַ ייִד אַ חכם.

— הערסט אַ מעשה, — צעשמעלצט זיך זיין פּנים און זיין קול פון הנאה, — ווען דיין טאַטע זאָל נישט זיין קיין חכם, איז ווי זשע וואָלסטו געוועזן אַ כאַכיימע, רביצן ?

אַז מרדכי שוחט איז אַ חכם, באַשליסט אויך זיין איידעם מאָרגן אין בית־מדרש צו קריאת־התורה. דעם גאַסט, דעם גבירס בן־יחיד און מאַציעווער רבס איידעם, איז מען מכבד מיט ״שלישי״, און אים, דעם ערב־רב, רופט מען אויף מיט דער גאָרער פּאָמפּע „שישי״, משמעות מיטן מרא־דאַתראָס הסכמה.

...ער איז אַ חכם, מיין שווער. — טוט דער ערב־רב אַ טראַכט. — דאָס האָט ער עס אויף געוויס אויסגעפּועלט ביים גבאי, און דער גבאי ביי דעם רב. וואָרן מע וואָלט דאָך דעם גאַסט געקאָנט מכבד זיין מיט „מפטיר״, מיך אויפרופן ״שלישי״ און דעם רב צוטיילן ״שישי״, ווי סע קומט אים על־פּי־דין.

פּרוּווט ער נאָכן דאַווענען אַ זאָג טאָן צום שווער :

— איך האָב בדעה צוצוגיין צו אונדזער רב, אים ״גוט־שבת״ ביטן. ווי האַלט איר, שווער ?

— אַוודאי, אַוודאי. — איז דער שווער גלייך מסכים. — אַפילו ווען דו פרעגסט מיך נישט... וואָלסט אַפילו דאַרפן איצט אַ רעד טאָן מיט אים אין דברי־תורה. ער איז טאַקע נישט קיין טריסקער חסיד, נאָר איינס מיטן דריטן איז נישט קיין מחותן. ער איז אַליין אַ צדיק און אַן עניו. אָט ביסטו דאָך אויך נישט קיין חסיד, כאָטש ביסט מיין איידעם. גיי צו. איכל דאָ וואַרטן אויף דיר. זאָלסט זיך נישט קרעמפּירן.

גייט ער טאַקע גלייך צו :

— גוט שבת, רב ירמיה, מרא דאַתראָ.

— גוט שבת, גוט שבת, סעקוליער רב. — שאָקלט אים צו דער רב

בסבר פנים יפות. — מע שמועסט — איר געזעגנט אונדז שוין גאָר אין גיכן.

— אם ירצה השם, מאָנטיק אין דער פרי וועל איך אַריינקומען צו אייך, רב, איר זאָלט מיך געזעגענען. נאָר דערווייל... דערווייל וואָלט איך אייך בעטן, מרא דאַתרא, איר זאָלט מיר העלפן מתקן זיין "במה שפגמתי" * אין אייער כבוד־התורה.

— אין מיין כבוד־התורה ? — ווערט דעם רבס פנים ערנסט־פאַר־חידושט. — "במאי עסקינן" **

— המם, המם... אַוודאי איז געווען מיין חוב צו קומען צו אייך בעטן אַ היתר־הוראה.

— צו וואָס ? — פרעגט ער בתמימות. — איר האָט דאָך אים פונעם "משמרת שלום" ?

— כ׳האָב עס געמיינט מיטן דגש אויף א י י ך... איך מיין, אַז דער "עניי עירך קודמין" *** מיינט לאַו־דווקא "עניים בקמח",**** נאָר אפשר גאָר בעיקר „עניים בתורה" ***** א י ך וואָלט פון מלכתחילה באַדאַרפט קומען פריִער צו אייך, ווי צו דעם מרא־דאתרא.

— איר האָט עס פיין געזאָגט, סעקוליער רב, כאָטש איר זענט, חלילה, נישט קיין "עני בתורה". אָבער איר דאַרפט זיך צוליב דעם קיין עגמת־נפש נישט פאַרשאַפן. כ׳האָ׳ נישט צוליב דעם, חלילה קיין שום "טינא בלבֿ ******.

— אָבער... אָבער... — שטאַמלט דער ערב־רב. מיין עגמת־נפש וועט זיך נישט אויסוועפן, ער וועט זיין אַ „חוזר וניער" *******, כל זמן איר וועט מיר נישט העלפן פאַרריכטן דעם "מה שפגמתי".

— דהיינו ?

---

* דערין, וואָס כ׳האָב פוגם געווען.

** וועגן וואָס איז די רייד.

*** די אָרעמע לייט פון דיין שטאָט זענען קודמער.

**** אָרעם אין ברויט.

***** אָרעם אין תורה.

****** אַ פאַרדרוס אין האַרצן.

******* וועקט זיך אויף ס׳נײַ.

— איך וויל אייך בעטן, רב, איר... איר זאָלט מיך פאַרהערן, און אויב איך בין עס ווערט, מיר געבן אַ היתר־הוראה.

— מאַ, "רצונו של אדם זהו כבודו" * בין איך גרייט. איר קאָנט שוין היינט אין אָוונט, נאָך הבדלה, אַריינקומען צו מיר שמועסן אין דברי־תורה. און אויך זונטיק. נייערט... קיין צווייטן היתר־הוראה וועל איך נישט אויסשטעלן, רק לייגן מיין חתימה אונטערן מאַציעוווער רבס.

— רב, צי דען קומט נישט א י י ך דער אויבנאָן?

— און אַפילו ווען סע וואָלט געווען, לאָמיר זיך משלען, אַזוי? צי געדענקט איר נִישט א בפירושע גמרא וועגן דעם?

אַ בפירושע גמרא? — שטעקט דער ערב־רב אַריין אַ פינגער צווישן די ליפּן, פאַרקניטשט דעם שטערן און נישטערט ביי זיך אין זכרון. — צי מיינט נישט דער רב די גמרא אין "תענית", דף כא, עמוד בית: "לא מקומו של אדם מכבודו, אלא אָדם מכבד את מקומו"? **

— אָט־אָט. — שמייכלט דער רב. איז וואַרט איך היינט אויף אייך. אַ גוטן שבת.

— אַ יישר־כוח אייך, רב ירמיה, און אַ גוטן שבת.

*

אין דער זעלבער צייט קומט פאַר אַ צווייט באַגעגעניש אויף דער ווייבערשיל. צו דער שוחטקע מיט דער טאָכטער קומען צו צוויי ווייבלעך. איינע אַ צעשמייכלטע — בליומקע גרשון שניטקרעמערס, און די צווייטע מיט אַן ערנסט פּנים און שטילע בלויע אויגן.

— גוט שבת. — זאָגט בליומקע, אָנווייזנדיק אויף דער צווייטער, בעת יענע טוט אַ שאָקל צו מיטן קאָפּ און באַוועגט מיט די ליפּן דעם "גוט־שבת", — מיין שוועגערין רחל, מיין יאַנטלס ווייב.

— גוט שבת דיר און גוט שבת דעם מאַציעוווער רבס טאָכטער. — זאָגט די שוחטקע מיט אַ מילד־צופרידן פּנים. — און ליב דיר, בליומקע, מיט די געסט.

---

* דער ווונטש פונעם מענטשן דאָס איז זיין כבוד.

** נישט דאָס אָרט באַשיינט דעם מענטשן, נייערט דער מענטש באַשיינט זיין אָרט.

— גוט שבת אייך ביידע. — שמייכלט אויך קיילע חיה. — שטעלט אייך פֿאַר, אַז מיר האָבן שוין אַפּילו צוגעגרייט אַ קוגל מיט ביר צו שיקן אייך לכבוד די געסט. מיר זענען דאָך מיטן ליבן גאַסט עפּעס שטיקלעך מחותנים: אַ דאַנק אייער פֿאָטער, רחל... אייער נאָמען קומט מיר גראָד אויס פֿונעם מויל נישט אַרויסצולאָזן, ווייל איך מיט מיין מאַן האָבן אַן אייגן קליין רחלע... יאָ, אַדאַנק אייער פֿאָטער ווערט דאָך מיין מאַן רב אין סעקוליע די קומענדיקע וואָך.

— אַ דאַנק מיין פֿאָטער? — שמייכלט דעם רבס טאָכטער בלאָס. — פֿאַר אַלעמען אַדאַנק אייער מאַן אַליין. איך געדענק, ווען ער איז געווען ביים טאָטן צו נעמען ביי אים דאָס סמיכות אויף רבנות, האָט ער אויף אַ רגע נישט פֿאַרמאַכט דאָס ספר.

— גוט, זאָל זיין אַזוי, — גיט איר די ערב־רביצן נאָך מיט שטאָלץ, — איז פֿריִער מיין מאַן און דערנאָך אייער פֿאָטער, זאָל לעבן. וואָרן מיין מאַן מיט זיין תורה אַליין, אָן אייער פֿאָטערס היתר־הוראה, וואָלט אַפּילו אויף קיין איין שטאָפּל פֿון אַ כסא־רבנות נישט אַרויפֿגעגאַנגען.

— וואָלט אייער מאַן באַקומען דעם היתר־הוראה פֿון אַ צווייטן גרויסן רב. אייער אייגענער רב, זאָגט מיין טאַטע, איז אַ גדול בישראל.

— וואָלט איך דעמלט דאַנקען אונדזער רב. אָבער... נישט יעדער רב איז דאָך דער "משמרת שלום".

— וועלן מיר אייך אַוודאי זען היינט ביי טאָג ביי אונדז, אייער מאַמע און אייך. — פֿירט דעם מאַציעווער רבס טאָכטער אַריבער דעם שמועס אויף אַן אַנדער ליניע.

— בלי נדר — זאָגט די שוחטקע. — נאָר לאָמיר נישט פֿאַרגעסן, קינדער, אַז מע טאָר נישט לאַנג לאָזן וואַרטן אויף זיך די מאַנצבל מיטן קידוש און רב חידקאס סעודה.

— אַ גוטן שבת.

— אַ גוטן שבת.

*

נאָך מעריב, ווען איבערן בית־מדרש־חלל צעשיטן זיך די ווינטשע־וואַניעס: "גוט וואָך. אַ גוטע וואָך", טוט דער שוחט אַ זוך מיט די בולטע

אויגן צווישן דעם עולם. דערזען מאָטישל באַלעגאָלע, דערנענטערט ער זיך צו אים און טוט אים אַ רוף. טוט זיך מאָטישל אַ לאָז צו אים מיט גיכע טריט:

— אַ גוטע וואָך אייך, רב מרדכי. אַז איר רופט מיך אויף דער פולער וואָך, איז עס פאַר מיר אַ סימן־טוב.

— כן יהי רצון, מאָטישל. איך וויל ביי דיר באַשטעלן אויף מאָנטיק גאַנץ פרי, אם ירצה השם, אַ פולע יאַזדע קיין סעקוליע. פאַרשטייסט?

— ס'איז פאַר מיר געגוג, אַז איך שטויס זיך אָן, רב מרדכי, — ענטפערט ער פריילעך און שטעלט זיך איין צו מאַכן אַ שפּאַס אַפילו. — איך זאָל נאָר די נאָז נישט צעשלאָגן... אָפּצופירן אַהין דעם פריש געבאַקענעם רב מיט דער פרישגעבאַקענער רביצן מיט די קינדער. אָ, דאָס איז פאַר מיר אַזאַ יאַזדע, וואָס נישט נאָר אַ פאַרדינסט, נאָר אויך אַ מצווה און אַ כבוד. שטיי איך, רב מרדכי, ווי גרויס איך בין, אין אייער רשות... וויפל דאָס וועט באַטרעפן? אַז ס'איז פאַר מיר אי אַ מצווה, אי אַ כבוד, וועל איך זיך נישט אויסביטן און זיך נישט דינגען. מיר וועלן וועגן דעם אַפילו צו אייער אייגענעם רב נישט דאַרפן גיין. איר וועט מיר באַצאָלן נאָך עפּעס דערונטער.

— האָבן מיר, מאָטישל, הייסט עס, אָפּגערעדט? איז אַ גוטע וואָך.

— אָפּגערעדט. און, אימערצעשעם, מאָרגן אין אָוונט איז מאָטישל דאָ ביי אייך אין שטוב צו באַטראַכטן דעם באַגאַזש. אַ גוטע וואָך, רב מרדכין, און אַ וואָך פון פרנסה מאָטישל באַלעגאָלע.

אויף מאָרגן איז ער דאָ. באַטראַכט דעם באַגאַזש: אַ קופערט, אַ צו־נויפגעבונדענער פּאַק בעטגעוואַנט, צוויי רענצלעך און צוויי קאָשיקעס מיט עסנוואַרג.

— נו, און פאַרשוינען וויפל? — קוקט ער זיך אַרום, אָפּצוציילן זיי מיטן בליק.

— מיין איידעם, — ענטפערט דער שוחט, — איך אַליין און מיין טאָכטער מיט די קינדער.

— הייסט עס, — פאַרסכהכלט מאָטישל, — אַזוי גרויס ווי זעקס פאַרשוין.

— ניין. זיבן. — פאַרריכט אים דער שוחט, — פיר קינדער זענען דאָ.

— איך זע. מאָטישל האָט, ברוך־השם, אויגן. נאָר דאָס קליינע רעכנט זיך נישט — ס'איז נאָך אַ ליאַלקע, נישט קיין פּאַרשוין. יאָ. הייסט עס: דריי לייטישע סידעניעס דאַרף מען מאַכן. אַזוי האָב איך טאַקע שוין באַצייטנס אין דער היים אויסגעמיאַרקירט. און אויסזעצן וואָלט איך אייך, רב מרדכי, אָט אַזוי, אויב איר וועט צופרידן זיין: פון אויבן אָן פון פאָרנט, אויף דער ערשטער סידעניע, וועט זיצן דער נייער רב און פּאָריטש אים — דער באַלעגאָלע... זיי זענען דאָך אַ מאָל, אין חדר ביי טרייטל מלמד עליו השלום, נישט איין מאָל געזעסן אויף איין באַנק... נישט מער, ייִדעלע מאיר מעלשענקערס, דער היינטיקער רב, פלעגט לערנען, און מאָטישל באָנטשע באַלעגאָלעס פלעגט זיך אַרויסגנבענען און אַנטלויפן פון חדר. נו, איז ער געוואָרן נישט קיין רב, נאָר אַ באַלעגאָלע... אויף דער מיטלסטער סידעניע וועלן זיצן די צוויי ייִנגלעך מיטן מיידעלע אין מיטן. און סאַמע אויבן אָן פון הינטן, אויף דער דריטער סידעניע — איר, רב מרדכי, מיט אייער טאָכטער דער רביצן, מיט דער ליאַלקע אין מיטן, ווען די רביצן וועט זי נישט האַלטן אויף די קניִעס... וואָס? דער באַגאַזש? דערויף וועל איך דאָך נעמען מיין לענגסטן וואָגן. דער קופערט וועט זיך געפינען הינטן און שטיין אַזוי, אַז איר מיט אייער טאָכטער זאָלן קאָנען אָנלענען אויף אים די פּלייצעס... ניין, חס־וחלילה, ער וועט נישט טרייסלען. ער וועט זיין, צוזאַמען מיטן פּאַק בעטגעוואַנט אויף אים, אַזוי צוגעקרעמפּעוועט צום וואָגן, ווי אַ טייל פון אים. די רענצלעך ווידער וועלן זיך געפונען אונטער דער ערשטער סידעניע, אַז מע וועט זיי אַפילו נישט אַרויסזען. נו, און די קאָשיקעס — וווּ מע וועט זיי אַנידערשטעלן, וועלן זיי שטיין. זענט איר צופרידן פון מיין פלאַן, רב מרדכי?... יאָ?... נו, בין איך נישט ווערט אַ "מענדאַל" פאַרן אויפשטעלן אַזאַ העסעבעט אין מיטן דער וואָכן? אַ "מענדאַל" פון אַ פוילער קאַרטאָפליע?

— קריוודע זיך נישט, מאָטישל, — לאַכט דער שוחט, — אַפילו פון אַ געבראָטענער.

און ווייל זיין פלאַן איז אַזוי ווױלגעפעלן אין שוחטס אויגן, פּאַלט ער אַריין, מאָטישל, אין אַ גאָר געהויבענעם אומער, ווי ער איז עס נישט זעלטן, און פאַרענדיקט מיט אַ שפּאַס:

— מילא, ביי אונדז אין לוהיסק קאָנען קינד־און־קייט רב מרדכי

שוחט און זיין טאָכטער קיילע חיה. וועל איך קאָנען זיצן רויִק אויף דער קעלניע און לערנען די סדרה בלק מיט מיינע סוסים, די פערדישע קעפּ. אָבער אַז מירן מיט גאָטס הילף אָנקומען בשלום קיין סעקיליע, וועל איך מוזן, ווי יענער כעלעמער רב, אַראָפּשרייען פונעם וואָגן: „ס'איז דער לוהיסקער שוחט מיט זיין טאָכטער, די נייע סעקיליער רביצן!" בקיצור — דער גרויסער רב מרדכי מעג זיך אויפן קליינעם מאָטישלען פאַרלאָזן, ווי, להבדיל, אויף זיין רבין. אַ גוטע נאַכט, ביז מאָרגן אין דער פרי מערטשעשעם.

אַפילו קיילע חיהס פּנים, וואָס איז נאָך אַלץ פאַרזויערט צוליבן נישט אָפּגעזוכטן צאָפּ, ווי אין וואַסער אַריין, צעשמייכלט זיך זיס פון זיינע רייד און טוט אַ זאָג:

— מיר האָבן מיט אים אַ פריילעכן וועג, מיט מאָטישלען. נישט אַנדערש, אַז ער טראָגט מיט זיך תמיד מיט די פרייד אין זיין אומעטיקן הויקער.

אויף מאָרגן אין דער פרי לאָזט זיך הערן פאַרן שוחטס שטוב אַ פריילעך קלינגען. מע טוט אַ קוק אַרויס דורכן פענצטער — מאָטישל באַלעגאָלע איז דאָ שטיין געבליבן האַרט פאַר דער טיר, טאַקע מיט אַזאַ לאַנגן וואָגן, אויסגעבעט מיט אַ סך היי, געשפּאַנט צו צוויי פערד, די העלדזער באַהאָנגען מיט קרענצלעך גלעקעלעך.

— אַ גוט מאָרגן אייך! — קומט ער אַריין, דאַכט זיך, מיט דער נעכטיקער, גאָר נישט געמינערטער, פרייד. — די גלעקעלעך האָב איך נעכטן ערשט איינגעהאַנדלט ספּעציעל פאַר דער היינטיקער יאַזדע, מע זאָל פאָרן ווי מיטן חתן אויף אַ חתונה. לוהיסק איז זיך משדך מיט סיקי־ליע. זאָל הערן גאַנץ לוהיסק, אַז מאָטישל באַלעגאָלע פירט אָפּ אַ לוהיסקער געבוירענעם און תושב קיין סעקיליע פאַר אַ רב, און זאָל דערהערן גאַנץ סעקיליע, אַז פון לוהיסק איז צו זיי אָנגעקומען זייער באַשערטער רב!... נו, ווּ איז דער באַגאַזש?

מאירל און פריידעלע, געדענקענדיק וואָס די מאַמע האָט נעכטן גע־זאָגט וועגן דער פרייד אין מאָטישלס „אומעטיקן הויקער", לאָזן פון אים נישט אַראָפּ, פונעם הויקער, ווּ ער קערט זיך און ווענדט זיך, די נייגעריקע אויגן. זיי שטוינען: אַזאַ קליין בערגעלע אויף אַ מענטשנס פּלייצע, וואָס

זעט אויס אַזוי אומעטיק, זאָל האַלטן אין זיך אַזוי פיל פרייד, סיי נעכטן, סיי היינט. און ווי די מאַמע האָט געזאָגט, תמיד ?!

אין משך פון אַ האַלבער שעה ברענגט מאָטישל אַלץ אין אָרדענונג אויפן וואָגן. אַלע גייען אַרויס אין דרויסן. גיטל לאה קושט די אייניקלעך, צעקושט זיך מיט דער טאָכטער, ווינטשעוועט אָן דעם איידעם, ער זאָל געפינען חן אין די אויגן פון דעם אייבערשטן און מענטשן, און שאָקלט צו מיטן קאָפּ צום מאַן. מע זעצט זיך אויס אויף די סידעניעס, אַזוי ווי מאָטישל האָט עס אויסגעפלאַנירט.

אַרום דעם וואָגן שטייט שוין אַ רעדל קצבים מיטן געלן קצב בראָש, שכנים און צופעליקע פאַרבייגייער. זיי געזעגענען זיך און ווינטשעווען אָן. און — דער וואָגן טוט זיך אַ רעדער־אַוועק פונעם אָרט. די גלעקעלעך צעקלינגען זיך פריילעך צו דער פריילעכקייט פון מאָטישל באַלעגאָלע. דאָס רעדל מענטשן צעגייט זיך.

— און אייך, גיטל לאה, — טוט אַ זאָג צו איר אַ שכנה מיטפילנדיק, דערזעענדיק אירע אַ ברעם אַ ציטער טאָן אונטער אָן אַנגעלאָפענער טרער, — האָט מען איבערגעלאָזט נעבעך אַליין.

— פאַר וואָס ״נעבעך״ ? — ענטפערט איר די שוחטקע און קוקט אויף איר מיט די פייכטע אויגן. — און פאַר וואָס ״אַליין״ ? זיי האָבן מיך איבערגעלאָזט מיט אונדזער גרויסן שומר־ישראל און, להבדיל, מיט מיין גרויסער פרייד. איך האָב זיך אַוודאי אויף איר נישט פאַרדינט. מיין גרויסע פרייד — אין זכות פון מיין איידעם, וואָס הערט נישט אויף צו לערנען זיין תורה.

## נד

אַז ס׳גייען אַוועק לאַנגע חדשים, און ס׳הערן זיך נישט מער קיין גנבות, נישט קיין גרויסע און אַפילו נישט קיין קליינע, נישט הי אין לוהיסק און נישט אין דער סביבה, וווּנדערט זיך דאָס שטעטל:

— וואָס עפּעס איז אונדזער גנבים־געזינדל אַזוי שטיל געוואָרן ?

— דער עיקר, וואָס שווייגט אַזוי לאַנג דער ״רבי״ זייערער ? —

פרעגט שמעון פיניע קאַפּטשעקס, שטייענדיק אין מיטן אַ רעדל קרע־מערס אויפן ליידיקן מאַרקפּלאַץ, און זיינע העלע אויגן לייכטן זיך מיטן רמז: ווי נאָר איר וועט די שאלה שטעלן מיר צוריק, וועל איך שוין וויסן ווי אייך דאָס רעטעניש צו באַשיידן.

נאָר דאָ קומט אומגעריכט צו צו אים פּנים־אל־פּנים שימענקע שטאַט־לק, און ס'באַקומט זיך, אַז די פראַגע איז טאַקע געוואָנדן צו אים. נוצט ער גלייך אויס, שימענקע, דאָס הזדמנות זיך צו צעלאָזן מיט אַ גאַנצער מעשה, וואָס האָט גאָרנישט קיין שייכות צו דער געשטעלטער פראַגע:

— אָט וועל איך אייך בעסער דערציילן אַ מעשה וועגן אַן אַמתן רבין, נישט פון גנבים, נאָר פון חסידים.

ער בלייבט שטיין פאַרשוויגן אַ ווייל און באַטראַכט מיט אַן ערנסט פּנים און פאַרשנדיקן בליק דאָס רעדל אין גאַנצן און יעדן באַזונדער, כדי זיי אָנצוצינדן און מכין זיין אים צו האָרכן מיט געשפּאַנטקייט.

— נו! — טוט ביי אים אַ מאַן מיט אַ ברוגזלעכן וואָרטשע שמעון פיניע קאַפּטשעקס, אומצופרידן, וואָס ער האָט ביי אים איבערגעכאַפּט די גאַנצע איינגעהאָרכטקייט פונעם רעדל. — צי נישט פאַר די עצמות און דערלאַנג שוין די הייסע לאָקשן צום טיש.

— יאָ, יאָ־אָ־אָ, שמעון, — איילט זיך נישט דער לק, — דו האַלט זיך דערווייל רויק אויפן וואַסער מיטן כוח פון דיין טאַטנס קאַפּטשעקעס,* און איך וועל דערלאַנגען די הייסע לאָקשן. זיי וועלן אַפילו אַ ברי טאָן אונ־טערן גומען. די מעשה איז אַזעלכע: ביי איינעם אַ ליטוואַק, פאַרשטייט זיך דאָך — אַ פאַרברענטער מתנגד, איז, פאַר קיין שום ייִדן געדאַכט, איינגעפאַלן אַ קינד. סע האָט גרויסע היץ און רעדט פון וועג. האָט די מאַמע, דווקא אַ ייִדענע אַ חסידיתטע, גענומען זיך בעטן ביים מאַן: „אַברהם, ביסט דאָך אַ טאַטע, „כרחם אָב על בנים״ **, לויף צום רבין, ער זאָל אונדז ראַטעווען דאָס קינד, ״דעם בן־יחיד אונדזערן״. איז געגעדט צון אים און גערעדט צו דער וואַנט — אַלץ איינס — ״פאַר מיר, זאָגט ער קורץ און שאַרף, איז געגנוג דער דאָקטער״. אַזוי איין טאָג, אַ צווייטן.

---

* אויסגעטריקנטער פענבער, וואָס האַלט אויף אויפן וואַסער ביים לערנען זיך שווימען

** ווי אַ טאַטע דערבאַרעמט זיך אויף די קינדער.

אויפֿן דריטן טאָג טוט דער דאָקטער אַ מאַך אַוועק אויפֿן חולה מיט דער האַנט און אַ ווייַזט מיט אַ פֿינגער אַרויף צום הימל. ער וויל שוין אַפֿילו נישט נעמען פֿאַרן וויזיט. דאַרף מען דען האָבן צו לעמעשקע ציין? איז דאָך שוין קלאָר, ביי וואָס סע האַלט... נעמט די מאַמע זיך שלאָגן קאָפּ אין וואַנט און רעדט אין אים אַריין: ״לויף כאָטש איצטער, אַברהם, צום צדיק... גזלן איינער!... ביסט דאָך אַ טאַטע... ווינד־און־ווי איז צו דער מאַמען... לויף! אַנישט וועל איך דיך פֿאַרשעלטן... סע זאָל דיך אויסקאַ־רענייען!...״.

ער בלייבט ווידער שטיין אַ ווייל אָפּוואַרטנדיק. טוט זיך דערווייל אַ באַוויַיז מיט זיין ווײַללערנערישקייט גרשון שניטקרעמערס איידעם:

— און די גמרא זאָגט אויף אַן אָרט: ״רחמנא ליצלך — דער אייבער־שטער זאָל דיך אויסהיטן, ממידי דקשה ממותא — פֿון אַ זאַך וואָס איז ערגער פֿונעם טויט, — אשה רעה״ — אַ בייז ווייב.

— ששש! — שטילן אים איין עטלעכע מיילער פֿאַר אַ מאָל, און איינער זאָגט אויף אַ קול: — שלאָג אים נישט איבער.

איז שימענקע ממשיך מיטן ערנסטן פּנים, גלייך מ׳האָט אים גאָרנישט איבערגעשלאָגן:

— זעט ער דאָך, דער פֿאַרברענטער מתנגד, אַז אַ טאָפּעלער בראָך הענגט איבער זיין קאָפּ: דאָס קינד גייט אויס, און די פּלוניתטע — אָדער זי וועט אַליין פֿון זינען אַראָפּ, אָדער זי וועט אים פֿון זינען אַראָפּ־פֿירן. נעמט ער און פֿאָרט צום רבין. אָבער אַ ליטוואַק אַ מתנגד בלייבט תמיד וואָס ער איז — אַ צלם־קאָפּ. געקומען צו פֿאָרן און אַרייַנגעקומען צום רבין אין חדר, נעמט ער רעדן אָפּענע דיבורים: ״רבי לעבן, פֿונעם אמת קאָן איך נישט אַוועקגיין — איך אַליין בין נישט קיין חסיד. דווקא אַ גרויסער מתנגד. געקומען אַהער בין איך בלויז צוליב מיין ״עזר כנגדו״.* זי איז אַ פֿאַרברענטע חסידיתטע. זי ברענט מיר די טריט. אונדזער בן־יחיד, יצחק בן שרה, ראַנגלט זיך מיטן טויט. דער דאָקטער האָט אים שוין אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. אויב דער רבי קאָן טאָקע העלפֿן, זאָל

---

* דאָס ווייב.

דער רבי באַווייזן אַ מופת: מאַכן אונדזער קינד פון טויט לעבעדיק, ווי אלישע הנביא, און מיך, דעם מתנגד — פאַר אַ חסיד".

— נו, נו! — טרייבט מען אים אונטער אומגעדולדיק, ווען ער בלייבט ווידער שטיין אַ וויַיל.

— איילט זיך נישט, רבותי. דער רבי איילט זיך אויך נישט. ער פאַרגלאָצט די אויגן, גלעט זיך אָפּ די לאַנגע באָרד, וואָס איז אַ משל צום לאַנגן גלות, און רופט זיך אָפּ: "כדי דיר צו געבן אַ קלאָרע תשובה, קלאָר ווי קוואַלוואַסער, מוז איך פריִער גיין אין מקווה". און ער שטעלט זיך אויף, און דער גבאי פירט אים אָפּ אין מקווה אַריין. צוריק געקומען, דאָס וואַסער קאַפּעט אים נאָך אַראָפּ פון די באָרד־און־פאות, בלייבט ער שטיין, שאָקלט זיך מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי צו שמונה־עשרה, און שעפּטשעט מיט אַ תשעה־באָבדיק קול: "מתנגד, פאָר אַהיים. איך קאָן פאַר דעם חולה גאָרנישט פועל זיין. דעם גזר־דין איז שוין נישט אָפּצו־רופן...". פאָרט ער גלייך אַהיים, דער אומגליקלעכער טאַטע, אַ פאַר־חושכטער און פאַרביטערטער און ווייסט, אַז אין די שבעה־טעג וועט אים די פלוניתטע אַ לעבעדיקן אויפעסן: "ווען ער וואָלט אָבער געווען גלייך לויפן צום צדיק...".

— איז וואָס איז דאָ דער שפּיץ פון דער מעשה? — איז גרשון שניט־קרעמערס איידעם אַנטוישט, און אין זיין טאָן קלינגט ביטול.

— אַ האַלבע מעשה, חכם איינער, האָט קיין שפּיץ נישט. — ענט־פערט אים שימענקע קאַלטבלוטיק. — ווי איבעראַשט ווערט ער, דער מתנגד דער טאַטע, ווען ער קומט אַריין צו זיך אין שטוב! אַנשטאָט מיט געקלאָג און געיאָמער, קומט אים די פלוניתטע אַקעגן מיט אַ צעשיינט פנים פון גליק און אָפּגעהאַלטענעם נצחון: "נו, אַברהם, טייערער מאַן מיינער, ווער איז געווען גערעכט? די קרענק איז דאָך פון אונדזער יצחקלען, ווי מיט דער האַנט אַוועקגענומען געוואָרן. דעם צדיקס הייליקע האַנט. אונדזער יצחקל איז אַראָפּ פון דער עקידה. דער צדיק איז געווען דער גוטער גאָטס שליח. ער האָט געזאָגט צום מלאך־המות וואָס איז שוין געשטאַנען צוקאָפּנס: "קוילע נישט!". דערהערט די דאָזיקע רייד פון שרהן, טוט זיך אַברהם אַ לאָז... איר מיינט — צום געזונט געוואָרענעם קינד? ניין, צו דער דרויסנטיר: "איך פאָר שוין צוריק צום רבין!".

„געלויבט דער וואָס לעבט אייביק! — טוט די ייִדענע אַ פּליעסקע מיט די הענט. — צוויי נפשות האָט ער מיר דאָך געראַטעוועט דער צדיק — דאָס קינד און דעם מאַן!...". געקומען צום צדיק און זיך נאָך אַ מאָל געשטעלט פאַר זיין הייליק פּנים, טוט דער "געראַטעוועטער" אַן ענטפער אויפן רבינס שאלה: "נו, וואָס וויל איצטער זאָגן דער מתנגד?" — "הייליקער צדיק, כך הווה, ווי דער רבי האָט מיר נביאות געזאָגט. נאָר נאָך איין בקשה האָב איך, דער פּרישׂגעבאַקענער חסיד, צום רבין — זאָל מיר דער הייליקער רבי מגלה זיין, וואָס מע האָט פאַר אים מגלה געווען אין דער מקווה?". פאַרמאַכט דער רבי די אויגן, צעשאָקלט זיך און ענטפערט שטיל: "אין דער כשרער מקווה האָב איך דערזען אויפן הייליקן וואַסער, וואָס קוועלט אַן פון מרים הנביאהס ברונעם, דריי גרויסע אותיות פון פייער: בית, יוד, פּיי, וואָס דאָס איז דער נוטריקון פון די ווערטער: בגדו — זיין בגד, יהיה — וועט זיין, פּרוע — צעריסן... קריעה...". "הערט זשע, הייליקער צדיק, — טוט זיך דער ליטוואַק אַ צעשריי מיט אַ צעצאָרנט פּנים, — דער נוטריקון איז געווען נישט וועגן מיין קינד און מיר, נייערט וועגן דעם רבין אַליין, און באַטייט האָט ער אַנדערע ווערטער: ברעשיש — דו בילסט, יאַק פּיעס — ווי אַ הונט!...

דער עולם שיסט אויס מיט אַ כאָריש, הילכיק געלעכטער. אַנדערע כאַפּן זיך אָן פאַר די בייייכער אין ספּאַזם פון געלעכטער. אָבער שימענקע אַליין — ער זאָל דאָס אַ מינדסטן שמייכל טאָן. ער וואַרט — ער האָט נאָך עפּעס וואָס צו זאָגן.

רופט זיך אָפּ צו אים גרשון שניטקערעמערס איידעם, אַן איבערגעבעטער און צופרידענער שוין:

— ביסט אַ מאָלאָדיעץ, שימענקע לץ! ס'איז אַ מעשה שוין מיט איין מאָל אַ שפּיץ. די מעשה וואָלסטו באַדאַרפט אום פּורים אַוועקטראָגן שלח־מנות צום טריסקער חסיד, צו מרדכי שוחט... נו, און וואָס האָסטו צו זאָגן וועגן אונדזער לוהיסקער "רבין"? עפּעס איז ער דאָך ווי געלייכמט געוואָרן, אַז מע הערט נישט פון אים קיין דעך.

— דער רוח־הקוילעטש האָט זיך אַפּנים פון אים אָפּגעטאָן. — ענטפערט שימענקע. — נאָר ווי די מעשה זאָל נישט זיין — אין לוהיסק, אַז מע גנבעט נישט, רעדט מע וועגן גנבות. ווי חסידים, ווען זיי טרינקען

נישט, רעדן זיי וועגן ספּירטעס, רעד זשע טאַקע, גביריש קעסטקינד, ווייטער. און איכל זיך בעסער לאָזן אין בית־מדרש אַריין צו די באַנק־קוועטשער מיטן רעטעניש: וואָס מאַכט — בית, יוד, פּיי?

נאָר אין גאַנג פאַרהאַלט ער זיך פאַר גרשון שניטקרעמערס קלייט. פעלטע לאה זיצט דאָ אויף אַ שטול פאַר דער טיר. לעבן איר שטייט גרשון און, אַ ביסל אָפּגערוקט פון זיי — זעליק פישער, וואָס חוץ פישער איז ער היינט גבאי פון דער חברא־קדישא, און זיין פרומער איידעם יואל לייבס.

— אונדזערע גנבים זענען שטיל געוואָרן, — זאָגט גרשון מיט נחת־רוח, — ווי מייז אין אַ שטוב, וואָס מע האָט אין איר אַריינגעבראַכט אַן אויסגעהונגערטן קאָטער.

— ער קאָן דען פאַרגעסן, גרשון, — מאַכט שימענקע שטאָט־לץ, — אַז די לעצטע גנבה אין שטעטל איז גראָד געווען פון זיין קלייט, אַ גנבה וואָס האָט די גנבים פאַרשאַפט נאָר האַרץ־פּערעניש. קוועלט ער דערפון אין דרויסן אַרויס און אין זיך אַריין. אויך אַ גביר פרייט זיך, ווען ער פאַרלירט און געפינט.

האַלט אונטער זיין משל, גרשונס, מיט די מייז פעלטע לאה אין אַן אַנדער נוסח:

— ווי מייז, וואָס מ׳האָט אוועקגעלייגט שפּייז מיט סם־המות פאַר זייערע לעכער, האָבן זיך אָנגעפרעסן איין מאָל צו דער זעט און קראַפּירט אין זייערע נאָרעס.

פאַרגלאָצט דער גבאי פון דער חברה־קדישא די פישענע אויגן און זאָגט מיט זיין הייזעריקלעך־פאַרלייגט קול:

— פון זינט דאָס גנבים־געזינדל האָט זיך אָנגעהויבן מיטן אייבערשטן אַליין, אַרויסגעגנבעט די הייליקע שמהס פון אונטערן אָרון־קודש, ווערט זיי אַוודאי אָפּגענומען הענט־און־פיס, ווי נאָר זיי טוען אַ טראַכט אַרויס־צולאָזן זיך אין דער נאַכט־פינצטערניש אויף זייער גנבהשן פישפּאַנג.

ווערט זיין איידעם, לויט זיין טבע, רויט אויפן גאַנצן פּנים, און ער איז מוסיף צום שווערס רייד:

— ס׳איז דאָך שוין געווען נישט אויסצוהאַלטן פון זיי. פאַר אַ היימישן גנב קאָן מען זיך דען אויסהיטן? קומט טאַקע אַ דאַנק און אַ לויב דעם

איבערשטן, וואָס קרעמערס קאָנען שוין איינליגן רויִק אין די לאַנגע, פינצטערע אָסיענגעכט. און נישט נאָר די קרעמער — אַלע באַלעבאַטים אין שטעטל און אַפילו...

— דערפאַר אָבער, — שלאָגט אים איבער שימענקע שטאָט־לץ, — האָט אין גאַנצן פאַרשפּילט אונדזער פריילעכער זאַלמעסאַניע. ביי אים פלעגט דאָך זיין אַ גאַנץ יאָר פורים. מיט זיין קאָלעקאָטקע פלעגט ער נאַכט־איין, נאַכט־אויס פאַרגרעגערן אַלע המנס פון דער גאַנצער וועלט. נישט אומזיסט הייסט ער שמחהלע — אַ פריידעלע און אַ גדולהלע אויף זיין טאַטע־מאַמע אין קבר אויפן אַלטן בית־עולם. היינט האָט ער נעבעך נישט אויף וועמען צו גרעגערן. שלאָפט ער איבער די נעכט צווישן די קלייטן, מער ווי ער וואַכט. אַזוי לאַנג וועט ער שלאָפן און כראָפּען, ביז... ביז מע וועט אים אונטער דער נאָז אויסליידיקן אַ קלייט, ווי ביי אייך, פעלטע לאה, נישט היינט געדאַכט און נישט פאַר קיין ייִדן געדאַכט. נישט אַלע פורים געשעט דאָך אַ נס, ווי ביי אייך, רב גרשון...

— בייס זיך שוין אָפּ דיין לאַנגע צונג, שימענקע לץ. — טוט אַ וואָרטשע דער גבאי פון דער חברה קדישא. — ׳טאַפּאָנעם, דו הערסט נישט אויף זי צו שאַרפן דאָרט אויפן ״זאָמעק״...

— נו, און וויפל וועט איר פאָדערן ביי שימנקע שטאָט־לץ קבורה־געלט פאַר זיין צונג ? — טוט אים שימנקע אַ פרעג זייער ערנסט. — זאָל זי שוין פאַרבלייבן ביי מיר אין מויל פאַר אומזיסט אַ לעבעדיקע. אַ טויטע וועט מען זי ברענגען צו אייך שוין צוזאַמען מיט איר באַלעבאָס.

— זע, שימענקע, — טוט זיך גרשון אַ וויצל, — כ׳האָב דאָך גאָרנישט געוווסט, אַז דו ביסט אַ שטיקל באַלעבאָס. כ׳וואָלט דיך געוועזן פאַרבעטן זיך זעצן.

— וואָלט דאָך אייער פעלטע לאה געוועזן געדאַרפט מוחל זיין זיך אויפהייבן פון דער שטול.

— און זיך זעצן אויף דער ערד וואָלט דיר נישט אָנגעשטאַנען ?

— אויף דער ערד, רב גרשון, זיצט מען שבעה. און דערווייל איז נאָך ביי אונדז דער שטאָט־גביר נישט געשטאָרבן... — ענטפערט שימענקע מיט אַ קאַלטע לעבער, נישט טוענדיק קיין צוק מיט קיין ברעם. ער דרייט זיך אויס און לאָזט זיך גיין ווייטער.

## נח

ס׳גייען ווידער אַריבער לאַנגע חדשים, און שימענקע שטאָט־לצס ביז נביאות ווערט נישט מקויים. מע הערט נישט קיין דעך פון די גנבים. הייבט מען שוין גאָר אָן צו פאַרגעסן אַז לוהיסק האָט דאָך געהאַט אַ שם אויף דער וועלט מיט איר גנבים־באַנדע, נישט ווייניקער ווי, להבדיל, טריסק מיט אירע חסידים. מע געדענקט שוין באַלד נישט, אַז אַ לוהיסקער ייִד אין דער פרעמד פלעגט זיך שעמען צו ענטפערן אויף דער פראַגע: "פון וואַנען איז אַ ייִד?", אַקוראַט ווי אַ כעלעמער. ווער וואָלט געקאָנט זאָגן וואָס ס׳איז מער בזיון, צי צו זיין אַ כעלעמער נאַר, צי צו זיין אַ לוהיסקער גנב?

— דער טריסקער רבי, — פראַוועט ערנסט און שטיל שימענקע שטאָט־לץ אין אַ רעדל אויפן סאַמע שאָסיי, אַרומקוקנדיק זיך, צי ס׳קומט נישט אונטער אַהער קיין "גאַנאַווסקי אויער פון דער גאַנאַווסקער משפח־טע", — ער איז געווען, איז און וועט זיין רבי, ביז הונדערט און צוואַנציק. מרדכי שוחט וועט עס אייך הייליק באַשטעטיקן, און אפשר אויך זיין איידעמל דער סעקיליער רב. אָבער אונדזער היימיש־געבאַקענער "רבי", דער לוהיסקער אַהרון כוהן־גדול, — סע ברענט שוין מער נישט אויף אים דאָס היטל... משמעות, ער איז געוואָרן אַ חוזר־בתשובה נאָך זיין לעצטער שלימזלדיקער גנבה פון גרשון שניטקרעמערס שניט און דעם רבונו־של־עולמס שמהס. די צייט האָט געלערנט מיט אים דעם פסוק פון דער פרשה בלק: "ניע גנבאַי, ניע פאַסטאַי". זאָל אים דער אייבערשטער העלפן, אַז זיין קריכן איצטער צום הימל זאָל אים אָנקומען נישט שווערער ווי אַ מאָל דאָס קריכן אויף אַ פרעמדן בוידעם. איר ווייסט? איך וואָלט אים משנה־השם זיין: נישט — "רבי", נאָר — "צדיק".

— ער וועט ווערן אַ צדיק, ווען דו, שימענקע, וועסט ווערן אויס שטאָט־לץ. — טוט אים אַ זאָג אַריין מיט שטאָלץ־אויפגעלויכטענע אויגן שמעון פיניע קאַפּטשעקס.

— ס׳איז שוין טאַקע אויך די זעכסטע צייט, קאַפּטשעק, — פּאָרט ער אים אָפּ גלייך אויפן אָרט, — זאָלסט אַרויסלאָזן פון זיך דעם דעך און

מער זיך נישט בלאָזן. ביסט נישט מער ווי אַ קאַפּטשעק, נישט — קיין לופּטבאַלאָן. נאָר דאָס וועט געשעען, ווען... מיין ווייב וועט ווערן אַ קראַ־סאַוויצע.

ווער זאָל זיך עס אָנשטויסן, אַז אין אָט די אַלע ערנסטע, פרומע און לצנותדיקע רייד וועגן דעם "רבין" שטעקט אַ יאָדער ווירקלעכקייט. וויסן וועגן דעם ווייסן נאָר אַהרונקע און אַהרונקעכע אַליין.

דעמלט, ווען דער אוריאַדניק האָט געמאַכט ביי זיי די "אָביעסקע", האָט זיך טאַקע אַהרונקע געהאַלטן שטאַרק, חוצפּהדיק, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ "רבי"ן. אָבער גלייך נאָכן אוריאַדניקס אַוועקגיין, ווי אַן אָפּגעשמיסענער און פון באָד אַרויסגעוואָרפן, האָט ער דערפילט, אַהרונקע, — טשודנע! — אַז ביי אים אין געמיט איז פאַרבליבן עפּעס... עפּעס ווי אַ גרידקעלע אייז, ווי אַ האָגעלע. דאַכט זיך, נישט מער ווי אַ האָגעלע, אָבער — וואָס צעגייט נישט. אַדרבה, וואָס ווייטער אין דער צייט, וואַקסט עס, ווערט גרעסער, און ס'יאָגט דערפון אַ קעלטעלע איבער אַלע אברים. צייטנווייז דערפילט ער עס אין די האָר אויפן שפּיץ קאָפּ און אין די נעגלשפּיצן פון די פיס. וואָס איז דאָס אַזוינס? ס'איז דען ביי אים די איינציקע נישט־איינגעגע־בענע גנבה? טאַקע נישט די ערשטע... אָבער, — טראַכט ער, — ס'קאָן זיין, אַז די לעצטע. אַז דאָס "שטיקל האַנט־מלאָכה" איז געווען אַזוי ביטרע אויסגעפּלאָנעוועט און ווי ס'דאַרף־צו־זיין אויסגעפירט, דער ביסן האָט שוין געשטעקט אין מויל — נעם צעקייע און שלינג אַראָפּ, און דאָ טוט מען אים דיר ממש פון צווישן די ציין אַ רייס אַרויס, — איז... איז לעצט נישט גוט! איז עס המנס מפּלה. כאַטש נעם און הענג זיך אויף!

ס'קאָן זייער ווויל זיין, אַז אהרונקע וואָלט פון דעסטוועגן מיט דער צייט אויך איבער אָט דער מפּלה זיך געשטאַרקט און ווידער זיך גענומען פאַר דער "אַרבעט". ער האַלט פון דעם כלל: "די צייט איז דער בעסטער דאָקטער", אַפילו פאַר אַזאַ קרענק ווי אַ דורכפאַל אין אַ גנבה. "אָבער — לאָזט אים נישט צו קיין רו דער געדאַנק, — צי קאָן זיך אַ באַלעגאָלע טרייסטן, בעת די נבלה פון זיין געפאַלן פערד ליגט אים פאַר די אויגן?..."

— פו! — טוט ער אַ שפּיי אינעם פאַרנעפּלטן פּרצוף דער אייגענער מחשבה. — דאָ איז דאָך אַ רייד נישט וועגן אַ נבלה פון אַ פערד, נאָר — להבדיל אלף אַלפי הבדלות! — וועגן די הייליקע שמהס, וואָס ליגן

באַגראָבן אין שטאַל הינטערן פערדמיסט... שוין אין גאַנצן ניליע אַוודאי. וועט דער ייִדישער גאָט דאָס אים מוחל זיין? ער וואָלט אפשר דאַרפן איבעררעדן מכּוח דעם מיט יאָטעוו באַגרעבער? פאַר וואָס זאָל אַזאַ לאַנגאָ־ניקער שכן נישט טאָן קיין טובה? זאָל מען אין דרייען, ער, זיינוועלע און יאָנטעוו, אַוועקשאַרן דאָס פערדמיסט, אויסגראָבן די ערד צוזאַמען מיטן הייליקן פוילעכץ, אין זעק אַוועקפירן עס אויפן הייליקן אָרט און דאָרט עס מקבר זיין. נאָר צי מעג ער ריזיקירן? צי וועט זיך יאָנטעוו נישט דערשרעקן און לויפן אָפּטראָגן די מעשה צום רב? פאַר דער־אָ מעשה קאָן אים נאָך דער רב אַריינלייגן אין חרם מיטן גאַנצן הויזגעזינד! אָן דעם חרם איז ער דען שוין ווייניק געשטראָפט? די פּרנסה משטיינס געזאָגט פונעם באַלעגאָלעריי איז געהרגעט. דאָס דאָברע־מזל שטייט אין ביי מאָטישל באַנטשעס אינעם הויקער. דערצו נאָך פילט ער אין זיך, אַז עפּעס אַ מחלה טאָטשעט זיין לייב און געביין. ער זאָל כאָטש האָבן דערמיט אָפּגעקומען.

וויזט זיך אַרויס — ניין. ער איז טאַקע דערמיט נאָך נישט אָפּגעקו־מען. אַ וואָך פאַר פּורים, ווען זיינוועלע פירט מיטן שליטן די זעק "שמירה" איבערן זיך שמעלצנדיקן אייז פון טייך צו דער וואָסערמיל, טוט זיך איינס פון די פערד אַ גליטש אויס און צעברעכט אַ פוס. נישט מער און נישט ווייניקער! די "שמירה" איז קיין שמירה נישט געווען. און שוין — דער פוס ווערט געשוואָלן, גייט אויף ווי אַ באַרג. אין אַ וואָך אַרום, נאָכן גאַנצן ראַטונעק וואָס מע גיט דעם פערד, ווי, להבדיל, אַ מענטשן, ציט עס אויס אַלע פיר קאָפּיטעס. ווען זיינוועלע פירט אַרויס אויפן וואָגן מיטן איינציקן פערד די נבלה, צו באַגראָבן זי ערגעץ אויפן פעלד, באַקלאָגט זי אַהרונקעכע, ווי מע באַקלאָגט, חלילה, אַ לייבלעכן בר־מנן אויף דער מיטה:

— פּרנסה־געבער מיינער, ווער וועט פאַרנעמען דיין אָרט? ביסט דאָך געווען מיין מאַנס רעכטע האַנט. אַ בראָך איז נעבעך צו אונדזערע יאָרן... אַז וויסט־און־ווייי איז אונדז...

פון היינט אָן מוז מען ציִען די נעבעכדיקע חיונה פון דעם איינעם פערד, וואָס אַהרונקעכע רופט עס נישט אַנדערש ווי "דער בן־יחיד אונ־דזערער". סיידן — באַגיין כאָטש נאָך אַין גנבה, אַין איינציק מאָל בלויז,

אויף צוצוקויפן אַ צווייט פערד. אַהרונקעכע גיט וועגן דעם אָנצוהערן. אָבער אַהרונקע שפּירט: ווי נאָר ער הייבט אָן צוטראַכטן עפּעס אַ פּלאַן צו פּראָוועון אַ "שטיקל חצות", לויפט דורך דורך זיין שאַרבן אַ פּרעס־טעלע, און די געהירן נעמען גליווערן... וואָס? ער וועט זיך אויף ס'ניי אָנהייבן מיט גאָט? האָט ער אים דען נישט יענץ פערד אַוועקגעלייגט פאַר דעם פאַקאָסט מיט די שמהס? גענוג! ער 'עט נישט שטעלן אין ריזיקע דאָס צווייטע פערד.

— וואָס? — טוט ער זיך אַ בייזער אויף זיין איינטענהדיקער ייִדע־נע. — ווילסט איינשטעלן דיין "בן־יחיד"?

— האָסטו מיר אַריינגעהאַקט אַ דעמבענעם קלין אין דער קעל. — טוט זי דערויף אַ זאָג און ווערט פאַרשטומט. אָבער נישט אויף שטענדיק.

איין מאָל, אין מיטן דער נאַכט, טרעט צו צו זיין אויער אַ שטיל געוויינעלע, וואָס ריזלט פון איר בעט קעגן איבער צו זיינעם און ברענגט אַרויס דורכגענעצטע ווערטער:

— מיין מאַן, וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין? באַטראַכט נאָר דעם סכהכול וואָס פון אונדז איז געוואָרן: אַווראָמטשיק מיטן ווייב האָבן זיך אַרויסגעקליבן אין דאָרף אַריין צו שווער־און־שוויגער; דוואָשע מיטן מאַן און די קינדער בידעווען אין לודמיר; ביי אונדז איז פאַרבליבן איין זיינוועלע, און ער מוז נעבעך טאָג־וועכאַכט אויסלייזן דעם טאַטן — באַלע־גאָלעווען, — דאָס איז דער תכלית פון דיין גאַנצן לעבן?

ער מאַכט זיך נישט־הערנדיק. פּרוווט אַפילו טאָן אַ כראָפּעלע. אָבער זי טוט זיך אירס ווייטער:

— זיינוועלע איז דאָך שוין אַ פאַרזעסענער בחור, נאָכן פּריזיוו מיט אַ פינצטער־געמאַכט אויג. אַז פינצטער איז דער מאַמען. אַ פינצטערע נאַכט האָט זיך באַזעצט אין דער מאַמעס געמיט. אויב ס'וועט ווייטער אַזוי גיין, אַהרונקע, קאָן קומען אויף אים, אויף זיינוועלען, אַן אויסרייסעניש פון דער היים אַרויס. איך האָב מורא עס אויף די ליפּן צו ברענגען. ער קאָן זיך נאָך, גאָט באַהיט, צונויפפּניוכען אין אַ דאָרף מיט אַ שיקסע און מיט איר כאַסליערע האָבן. פו! פו־פו! אַז דאָ, אין דער היים, קלעקט דאָך אַפילו נישט אויף דער דייזשע ברויט פון די פאַרדינסטן פונעם "בן־יחיד אונדזערן". און אַוודאי נישט אויף אייל דאָס ברויט צו באַשמעלצן. און

נישט אויף קאַרטאָפּליעס מיט די מונדירן מיט אַ שטיקעלע הערינג ווי געשמילץ. מיר זענען שוין איצט נישט מער ווי זאַלבעפערט מיטן „בן־יחיד אונדזערן״, זאָלן מיר, די בייזע שעה זאָל נישט קומען, פאַרבלייבן זאַלבעדריט, אָן זייגוועלען? דו מוזט באַציִען קאָפּ, אַהרונקע, און גאָט...

— הער נאָר! — קאָן ער שוין מער נישט איבערטראָגן, — לאָז צו רו גאָט און הער אויף צו ציִען מיר דעם קליי פון די ביינער. איך מאַך זיך דען אַליין נישט דעם חשבון? אָבער קוים הייב איך אָן טראַכטן וועגן עפּעס אַ שטיקל ״אַרבעט״, אַזוי דערפיל איך באַלד: די שפּיץ פינגער הייבן מיר אָן צו גליווערן. ווי שפּאַרעז וואָלט מיר אין זיי פאַרגאַנגען. כאָטש ס׳איז שוין נאָכן ווינטער. וואָס ווי׳סטו? כ׳זאָל, חלילה, אַן אומגליק ברענגען אויף אונדז אַלע? אַז כ׳על פוילן אין אָסטראָג מיט קאַלעניקן, ׳עסטו האָבן מער פּרנסה? גאָט קאָן מען נישט באַגנבענען. און זייגוועלע טאָר אונדז נישט פאַרלאָזן און וועט עס נישט טאָן. ער איז אַ געטריי קינד. וואָלט ער אַזוי אַן ערלעך קינד געווען, נישט קיין גנב. ער וועט מיך נישט לאָזן אַליין אונטערצוגיין... אויב דער קאָפּ דינט מיר נאָך אַ ביסל, וועלן מיר שוין די כוחות לאַנג נישט דינען אויף צו מאַכן אַ שווערערע יאַזדע. צי ס׳איז נאָר די עלטער, צי ס׳איז עפּעס אַ מחלה אין מיר? אין מיינע געבליטן טוען זיך נישט־גוטע זאַכן... הער אויף מיט דיין יאָמערן! ווען דערמיט גאָרנישט העלפן. ווען דו וואָלסט זיין אַן ערלעכע ייִדענע, וואָלסטו פאַר מיר בעסער גאָט געבעטן... הער אויף צו פלאַנכענען, באַפעל איך דיר! גאָט בעטן דאַרפסטו פאַר מיר.

— אוי־וויי איז נישט צו מיר. ווי קאָן איך גאָר עפענען מיין אומריין מויל פאַר דעם וואָס איז פון אויבן, אַז איך קאָן אַפילו נישט קיין איינציק וואָרט אין סידור? אַדרבה, אַהרונקע, גיב מיר אַן עצה. זאָגסט דאָך, אַז דער קאָפּ דינט דיר נאָך לייסאַטע. — לאָזט זי אויס מיט אַ לעצט וויינעלע און האַקט אָפּ.

— אַוודאי דינט מיר נאָך מיין קאָפּ. און מיין עצה איז: דאַרפסט נישט רעדן צון אים אויף סידור־לשון פון סידור אַרויס. רעד צון אים אויף פּראָסט ייִדיש פון אויסנווייניק. גאָט פאַרשטייט אַלע לשונות. אַפילו גוייִש. זאָל ער ייִדיש נישט פאַרשטיין?

— גוט, גוט, כ׳על שוין רעדן צון אים. אים בעטן פאַר דיר. —

דרייט זי שווער איבער איר שווערן גוף מיטן פּנים צו דער וואַנט, מיטן געדאַנק איינצושלעפערן די צרות.

*

אהרונקעכע, כאָטש זי ספּקט נישט, אַז דער מאַן איז גערעכט — גאָט פאַרשטייט ייִדיש, שטעלט אָבער ווייניק אויס אויף איר דאָזיקער הילף. פאַרשטיין פאַרשטייט ער טאַקע, גאָט אין הימל, נאָר צי וועט ער זיך גאָר צוהערן צו די ייִדישע רייד פון איר זינדיק מויל? מאַכט זי אָפּ ביי זיך: זי וועט צוהעלפן דעם מאַן אין דער פּרנסה. די צווייטע וואָך, דינסטיק, אינעם יאַריד־טאָג, גייט זי גאַנץ פרי אַרויס מיטן שאָסיי הינטערן שטעטל, מיט אַ גרויסן קאָשיק, עפּעס איינצוהאַנדלען פאַרן געלט פון איר קניפּל, וואָס זי האָט יאָרן לאַנג אָפּגעשפּאָרט פון דער קישקע. זי פאַרכאַפּט אַ פויערטע, אַ צווייטע און אַ דריטע, נאָך פּאַר זייער אַריינגיין אין שטעטל, און קויפט ביי זיי אַן עוף, אַ צענטליק אייער, אַ טרוקן קעזל, אויף אַריינצוטראָגן צום פאַרקויפן אין באַלעבאַטישע הייזער. נישט מער, שפּעטער ווערט איר קלאָר, אַז דאָס דינגען זיך און קויפן ביי די גויעס קומט אָן אַ סך גרינגער ווי דאָס פאַרקויפן די באַלעבאָסטעס און פאַרדינען קאַרגע עטלעכע גראָשן. זיי באַוויליקן קוים איר צו ענטפערן אויפן "גוטמאָרגן" און — זיי ניטיקן זיך נישט אין די זאַכן. ס׳האָט שוין עמעץ, טאַקע נאָר־וואָס פריִער אַ ביסל, אַריינגעבראַכט. ווער סע קומט פריִער, דער כאַפּט אַריין די בכורה. און די באַלעבאָסטע וואָס קויפט שוין יאָ, איז עס ערשט נאָך דעם ווי זי לאָזט אַראָפּ פון דער פרייז ביז לעצט. דערצו האַלט נאָך יענע אין איין קוקן איר אויף די פינגער, בעתן אָפּציילן די אייער, און זיך אַרומקוקן אַרום אין שטוב, ווי זי וואָלט געקאָנט דאָרט אַראָפּלקחנען אַפילו פון דער ווייטנס...

דעם צווייטן דינסטיק, אַרויסגייענדיק פון אַ באַלעבאַטישער שטוב, דערהערט זי דורך דער אַ ביסל אָפן־געלאָזענער טיר, ווי די באַלעבאָסטע, וואָס האָט ביי איר אַפילו נישט געקויפט גאָרנישט, טוט אַ זאָג דאָרט צו עמעצן:

— גיין געטראָוועו די הענט פון אַ "רביצן", וואָס גיסט נישט אָפּ קיין נעגלוואַסער...

— אַז אָפּשוווענקן זאָל מען דיר שוין מיט טהרה־וואַסער דיין אָפּגעפּרעסענעם הינטער־חלק! — טוט זי אַ געשריי אַריין אין דער אָפּגעלענטער טיר און רייסט זיך אַוועק פונעם אָרט מיט אַ צעצאַרנט פּנים און הייסן גוף, ווי אַ פלאַם אין ווינט.

— פאַרדינען אַ גראָשן ערלעך איז קריעת־ים־סוף. — רעדט זיך אַהרונקעכע אַראָפּ „פון געשוואָלענעם האַרצן" פאַר אירע שכנות, זאַלמעסאַניעכע און יאַנטעוועכע די באַגרעבערקע, זיי אַנטרעפנדיק אין געסעלע. — נאָר פאַרפאַלן. כ׳האָ׳ דען אַ ברירה? כ׳מוז דאָך כאָטש מיט עפּעס וואָס צוהעלפן דעם קראַנקן מאַן און אונדזער פאַרהאָרעוועט קינד, וואָס שלאָגט זיך אַרויס פון די כוחות מיטן איינציקן פערדל. די פאַרדריפּעטע באַלעבאָסטעס שפּייען מיר אין פּנים, און איך מוז עס אָפּווישן און זאָגן: סע גייט אַ רעגן און...

— רעד נישט אַזוי, אַהרונקעכע קרוין. — שלאָגט איר איבער יאַנטעוועכע די באַגרעבערקע און קוקט איר אין פּנים אַריין מיט די פינצטערע אויגן. — דו ווייסט, ווער סע זאָגט אַזוי? מיין מאַמע, עליה השלום, פלעגט אָפט איבערחזרן: "אַז מע שפּייט דער הור אין פּנים, זאָגט זי, אַז סע רעגנט"...

— מאַלע, וואָס דיין מאַמע פלעגט דאָרט באַלעבעטשען, די עובר־בטלניצע! — איז עס אַהרונקעכע מבטל מיט צאָרן. — אָט גיי, יאַנטעוועכע, און טו אַ שפּיי אומיסטן אונדזער פאָנפעוואַטע שכנה אין איר פראַנצעוואַטער פּרצופקע, וועסטו הערן, צי זי וועט דיר אַזוי זאָגן, צי אַ כמאַל טאָן אין פּרצוף אַריין און אויסשלאָגן דיינע לעצטע פוילע ציין, זאָלסט שוין מער נישט ליידן פון קיין ציינווייטיק?

— אַנדערע שמועסן גאָר, — וויל זי זאַלמעסאַניעכע פאַררעדן די ציין, פאַרלויפן אַ געקריג צווישן זיי, און אירע פאַרזשמורעטע וויִעס גראָבלען זייערע פנימער, — אַז מע האָט אויף איר, אויף וואָלפּעכען, אַ שקר־בילבול געמאַכט. אַ סימן — גרשון שניטקרעמער, אַ ייִד אַ גביר און אַ רבס אַ מחותן, האָט וואָלפן מיט איר פאַרבעטן אויף קידוש דעמלט, ווען זיין גנבה האָט זיך אָפּגעפונען אין בית־מדרש. איך האָב דאָך מיט מיינע אייגענע אויגן געזען — איך מיט מיין זאַלמעסאַניען זענען מיר דאָך אויך געווען פאַרבעטן — ווי פעלטע לאה האָט איר צוגעלייגט אויפן טעלער נאָך אַ

שטיקל קוגל און נאָך אַ שטיקל העלדזל, ווי זי וואָלט זיין אַ באַלעבאַטיש, כשר ווייבל.

— אַלע מיינע צרות, און אַלע מיינע שלעק, און אַלע מיינע פּלאָגן זאָלן אויסגיין צו איר פראַנצעוואַטן קעפּל! — לאָזט שוין אַהרונקעכע אויס איר גאָרן צאָרן און גאָרע פאַרביטערניש צו וואָלפעכען. — כיי וואָלט איר דעמלט דאָס פעטע העלדזל שטעקן געבליבן אין איר אויסגעשטאָפּטן העלדזל, דער הור!

זי בלייבט שווייגן אַ ווייל, לאָזט אויסברענען אין זיך דעם צאָרן אָן ווערטער און לאָזט אויס שוין אויף אַ נידעריקער אָקטאַווע:

— און דו, זאַלמעסאַניעכע, ביסט פון דעמלט אָן געוואָרן איר מליץ־פישערקע, ווייל איר האָט בשותפות געפרעסן פון איין פאַרדאָסטן באַלע־באַטישן זשלויב.

זי דרייט זיך אַוועק און לאָזט די שכנות אַליין.

— דו זעסט, יאַנטעוועכע, — ווישט זיך די זאַלמעסאַניעכע אָפּ די בלוילעכע ליפּן מיט אַ שפּיץ פון קאָפּטיכל, — פון יענער גנבה אָן האָט דאָ ביי זיי אָנגעהויבן דאָס שטיקל ברויט פאַלן מיט דער פוטער אַראָפּ. און היינט איז עס שוין אין גאַנצן פּיסנע. המם, נאָר ס'איי' גלייכער האַלטן די צונג הינטער די ציין, ווי הינטער אַ שאַסטאַקאַל. זי קאָן דאָך מיט איר טרייפענער צונג, פלאָם־פייער, אַ מענטשן פאַרברענען. ווייניקער רעדן און מער זיך אָנשטויסן.

— אמת, אמת, — איז, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, מסכים די באַגרע־בערקע, — דעם מענטשנס מויל דאַרף זיין אַ פאַרמאַכטער קבר. באַגראָבן, פאַרשאָטן, צוגעקלאָפּט און צוגעגלעט מיטן ראָדניק * און שוין. ש־ש־ש. פון קבר קומט קיינער נישט און גאָרנישט נישט אַרויס. סיידן... מיין יאַנטעוו לערנט מיר, אַז סע וועט זיין אַ מאָל תחיית־המתים. אַלע בר־מננס וועלן זיך אויסטשוכען פון טויטן שלאָף, לעבעדיק ווערן און אַרויסקריכן פון די קברים. און נאָך לערנט מיך מיין יאַנטעוו: צוויי אמתן זענען דאָ — איין אמת, אַז איטלעכער מענטש מוז שטאַרבן, און דער צווייטער אמת, אַז דער טויט לעבט אייביק. נאָר די מענטשן, ברייעט ער, פאַרגעסן אין זיי, אין די

---

* גראָבאייזן.

אמתן, ווייל זיי ליגן באַגראָבן אין דער ערד. אָבער זיי ליגן דאָרט לעבע־דיקע. ז׳וועלן נישט דאַרפן אויפשטיין תחיית־המתים. בלויז אָפּשיטן פון זיך די ערד. אַפילו נישט — די ווערעם, ווייל צום אמת שטייען קיין ווערעם נישט צו. אַזוי זאָגט ער, מיין יאָנטעוו. נאָר דאָס איז נישט פאַר מיין ווייבערשן קאָפּ. ״הער שוין אויף מיט די דאַזיקע אימהדיקע, אויס־טערלישע רייד״, — בעט איך זיך ביי אים, ווי ביי אַ גזלן, — וואָרן אַז דו רעדסטס וועגן דעם טויט און די מתים, גייט מיר דורך אַ גרוילעניש דורכן געביין, ווי דורך אַ רעשעטע...״.

## נו

— טאַטע, — טוט זיינוועלע, בעת די מאַמע שטייט דערביי, איין מאָל אַ זאָג און שאַרף אַ קוק אויף אים מיטן לינקן זעענדיקן אויג, וואָס דער לאַקירענער דאַשעק פאַרשטעלט עס ווייניקער, — איך מיט דער מאַמען האָבן מיר אָפּגעמאַכט: דו פאָרסט מיט מיר קיין לודמיר צום דאָקטער ראַבטשעווסקי. אונדזער פעלדשער נעמט נאָר צו אומזיסט די עטלעכע גראָשן. און העלפן קאָן ער, ווי אַ טויטן ביינקעס. ער זאָגט דאָך אַליין, ער ווייסט נישט וואָס דיר איז. ער זעט נישט אין דיר דאָס כאַלאָס. איז ער דאָך אַ בלינד פערד. גיי מאַך אַ יאַזדע מיט אַ פערד, וואָס איז בלינד אויףביידע קוקערס! אַז ער ווייסט נישט, וואָס זשע קאָן ער דיר העלפן? דער דאָקטאָר ראַבטשעווסקי, זאָגט מען, העלפט איטלעכן. וועט ער דיר אויך העלפן.

— אוי־וי! — זיפצט אָפּ דער קראַנקער טאַטע. — העלפן קאָן מיר נאָר ד ע ר, וואָס איז מיר מיט דעם כאַלאָס און מיט די ווייטיקן אין אַלע אברים, ווי אין אַ שטאַל, אַריין.

— אַהרונקע לעבן, שפּאַר זיך נישט איין, — בעט זיך ביי אים מיט ווייכקייט דאָס ווייב. — אַפילו דער טריסקער רבי, זאָגט מען, היילט זיך ביים דאָקטער ראַבטשעווסקי. פריִער גאָט, דערנאָך דער דאָקטער, ווי מע זאָגט. האָסט דאָך אַנומלטן אַליין דערציילט, אַז דער רבי איז קראַנק אויף

"פּאָדגאַרע",* אַזאַ מין קרענק, וואָס קיינער אין לוהיסק האָט גאָר פון איר נישט געהערט. סיידן אפשר — דער פעלדשער אַליין. אפשר איז אויך ביי דיר עפּעס אַזאַ מין "פּאָדגאַרע". דער דאָקטער ראַבטשעווסקי, דעם רבינס דאָקטער, וועט דיר אויסטאַפּן אַלע אברים, וועט ער דערטאַפּן די מחלה, פאַר קיין ייִדן געדאַכט, און דיר ברענגען מיט גאָטס הילף די רפואה.

— נו, גוט שוין, גוט. אַז איר ביידע האָט אָפּגעמאַכט, גאָרנישט אָנ־פּרעגנדיק ביי מיר... — גיט זיך דער קראַנקער אונטער מחמת שוואַכקייט, אַ צערייצטער פון די ווייטיקן, וואָס "בויערן אים, ווי מיט עקבויערס". — איכל פאָרן מיט דיר, זייַנוועלע. מילא. און בעט גוט אויס פאַר מיר אַ ווייכע סידעניע.

— דו דאַרפסט עס מיר ערשט זאָגן, טאַטע ? — וואָרטשעט זייַנוועלע מיט מילדן פירהאַלט, — מיין אייגענער קאָפּ שטייט מיר דען פון הינטן ? סע וואָלט ביי מיר קיין איין פאַרשוין אַזאַ סידעניע נישט געהאַט, אַפילו ער זאָל זיין דער קייסער אַליין ! לויף איך שוין, אַלץ צוגרייטן.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז אַלץ גרייט געמאַכט. אַהרונקעכע פירט אַרויס דעם קראַנקן מאַן אונטער דער האַנט מיט אַ צעקרימט, פאַרוויינט פּנים און געזעגנט אים :

— זאָל דיר, מאַן מיינער, דער דאָקטער ראַבטשעווסקי זיין אַ גוטער שליח פונעם דערבאַרעמדיקן הימל... גיב אַ קוש די מזוזה... מיטן מויל, מיטן מויל...

— טוט ער, נאָכן אַ קוש טאָן די פינגער, מיט וועלכע ער האָט אַ וויש געטאָן די מזוזה, נאָך אַ מאָל אַ קוש די מזוזה אַליין. קריכט אַרויף, מיט דער הילף פונעם ווייב און דעם מיזינעק, אויפן וואָגן און זעצט זיך איין אין דער געטריי־אויסגעבעטער סידעניע.

דאַלעבן שטייען ביידע עלטערע שכנות.

— פריִער גאָט, דערנאָך ראַבטשעווסקי, — מרושעט זאַלמעסאַניעכע מיט די אויגן, ווי זי וואָלט צווינקען צו איינעם פון זיי ביידע, פריִער צו

---

* פּאָדאַגרע.

גאָט און דערנאָך צו ראַבטשעווסקין, — און מיר זאָלן דיך ווידער האָבן, אַהרונקע, פאַר אַ געזונטן שכן. אָ־אָ־אָ־מן!

— פאַר, אַהרונקע, און קום מיטן אייבערשטנס הילף מיט אמתע רפואות פונעם דאָקטער, — קוקט אויף אים פינצטער, ווי פון אַ קבר אַרויס, יאָנטעוועכע די באַגרעבערקע, — ווייטער צו זיין אַ געזונטער מאַן צום ווייב און אַ פרנסה־געבער פאַר די קינדער.

דער חולה שאָקלט־צו צו זייערע ברכות מיטן קאָפּ, יאושדיק, ווי פון יוצא־וועגן. דערזעען אין איינער אַ שויב וואָלפן מיט וואָלפעכען קאָפּ־צו־קאָפּ, מיט פאַרזאָרגטע פנימער, טוט ער אַ טראַכט: ז י י זענען ערלע־כע לייט... אָן צוויִיאַצטווע... ווען ז י י וואָלטן בעטן פאַר מיר גאָט...

דער ריר פון דעם וואָגן פון אָרט רייסט איבער זיינע מחשבות. און דאָרט לאָזט וואָלפעכע אַ טרער און פאָנפעט דעם מאַן אין אויער אַריין:

— אַ גנב איז אויך אַ גאָטס באַשעפעניש. איך בין אַפילו א י ר נישט קיין שונא. זאָל גאָט העלפן אַלע ייִדן. זיי זאָלן האָבן פרנסה און נישט דאַרפן אָנקומען צו גנבה. וואָרן וואָס? אַחוץ די זינד, אַזאַ גרינגע פרנסה איז עס? ס'איז טאָקע נאָר פאַר אַ קאַלעניקן, אַ כפּרה זאָל ער זיין פאַר אַהרונקען.

— ביסט גערעכט, גאָלדע. — איז דער מאַן גלייך מסכים מיט איר. — ס'איז אַ מלאכה וואָס מע נעמט זיך ביי איר אַרויס די אויגן אין דער פינצטערניש, און דאָס האַרץ אינעם גוף קלאַפּט פאַר שרעק, ווי מיין קאַליעקע ניימאַשין... מען דאַרף אים שוין טאָקע אַ ביסל אָנשמירן.

אויף מאָרגן איז דער חולה דאָ צוריק. אָן זיינוועלען און נישט אויפן אייגענעם וואָגן, נאָר אויף מאָטישלס. מיט דער משא, וואָס זיינוועלע האָט פון דאָרט צו ברענגען, וואָלט עס געמוזט געדויערן לענגער, און די נסיעה אַליין וואָלט געווען אַ שווערערע.

— מאָטישל האָט עס דאָרט אויף שרה ליבעס אַכסניה אַליין פאַרגע־לייגט. — דערציילט דער חולה דעם ווייב מיט אַ טאָן פון חידוש און גע־רירטקייט און מיט דאַנקבאַרקייט צו זיין בעל־טובה. — "וואָס אי' שייך, האָט ער געזאָגט, מאָטישל באַנטשעס, און אַז ייִדן זענען קאָנקורענטן, איז מען שוין דערפאַר, חלילה, קיין ייִדן נישט? פאַרט זענען מיר דאָך פון איין בראַנזשע". וועגן מיין פינצטערער בראַנזשע האָט ער זיך געמאַכט

קילעיאַדע און װײַטער גערעדט: „קאָסטן װעט עס דיר, אַהרונקע, אַ גראָשן נישט טײַערער װי אויף דײַן אײגענעם װאָגן. און אַן אָרט באַקומסטו — װי דעם שוחטס אײדעמס כסא־רבנות אין סעקיליע. אויפן װאָגן ׳על איך דיך ניאַנטשען, גלײב מיר, װי אַ ייִד איך בין, נישט ערגער פון דײַן מיזינעק. װאָס הײַנט דיך, קאָן מאָרגן מירטשעשעם, טרעפן — מיך. אַ ייִד איז נישט מער װי אַ מענטש, און קײנער איז קעגן אַ כאַלאַס נישט פאַרסטראַכירט״. אַזױ האָט ער גערעדט, מאָטישל, מיט האַרץ. האָב איך אים נישט געקאָנט אָפּזאָגן. זײַנװעלע װעט זיך דאָרט איבער די זאַמדן שלעפן אַװדאי נאָך אַ פּאָר שײנע שעה.

— נו, און דער עיקר, מײַן קראַנקער מאַן, — שלאָגט אים דאָס װײַב איבער אומגעדולדיק, — װאָס האָט דער ד אָ ק ט ע ר גערעדט? לויט דו רעדסט ערשט אַזױ פֿיל, קומט אויס, אַז דו פילסט זיך ש ױ ן בעסער. אַ?

— אױ־װײ! — זיפֿצט ער אָפּ שװער. — אױף אַלע ייִדישע שונאים אַזאַ בעסערקײט... ער האָט פאַרשריבן רעצעפּטן און געזאָגט: "דײַנע װײטיקן װעלן פון זײ שװאַכער װערן". ס׳איז, פאַרשטײ איך, מיט מײַן קרענק אַ לאַנגע מעשה. הלװאי, כ׳זאָל נישט דאַרפן זיך שלעפּן צו אים נאָך אַ מאָל. און װוּ נעמט מען כוחות אויף דעם פאָרעניש?

— די רפואות האָט דיר פאַרשריבן ראַבטשעװסקי דער גוי, און די כוחות װעט דיר געבן דער ייִדישער אײבערשטער אַלײן. — שטאַרקט אים דאָס װײַב מיט דער פרומקײט, צו װעלכער ער האָט נישט קײן צוטרױ. — אַז מאָטישל באַנטשעס, דײַן שטענדיקער שונא, האָט דיר געהאָלפן — זאָל עס אים באַצאָלט װערן אויף יענער װעלט — װעט דיר דער גוטער ייִדישער גאָט אַװדאי העלפן.

אין דער זעלבער צײַט, װי זײ שמועסן דאָ, װערט מען אין שטעטל געװאָרע פון מאָטישל באַנטשעס, אַז דער „רבי״ לײַדט, נישט דאָ געדאַכט, נישט פאַר קײן ייִדן געדאַכט, אויף אַ "גאַיעץ". װאָס איז דאָס פאַר אַ מין מחלה — אַ "גאַיעץ"? געפינט זיך אין שטעטל נאָר אײן מענטש, דאָס איז זעליק פישער, װאָס װײסט אַקוראַט סאַראַ מין מחלה דאָס איז, און אויף זעליקן מעג מען זיך פאַרלאָזן.

— ס׳איז פאַראַנען אַזאַ מין פיש, — דערקלערט ער די פישקויפער־רינס, בעתן אָפּװעגן זײ די פיש, — װאָס אין זײַנע געדערעם האָדעװעט

זיך אַזאַ מין וואָרעם — אַ ״גאַיעץ״. אויף דעם פיש אַליין האָט ער קיין בייזע שליטה נישט. אָבער פאַר אַ מענטשן איז ער אַ סכנה. מאַכט זיך, אַז בעתן מאַכן דעם פיש, דער עיקרשט אום פרייטיק, פאַרזעט אים די פאַר־שמייעטע באַלעבאָסטע, און ער פאַרבלייבט אינעווייניק. דער זאָט אין דער פאַן נעמט אים נישט, און ער בלייבט לעבעדיק. דערנאָך, בעת דער סעודה, ווען ער קומט אַריין צום מענטשן אין די געדערעם, ווערט דער מענטש קראַנק אויף אַ ״גאַיעץ״. דער ״גאַיעץ״ פרעסט זיין לייב פון אינעווייניק, און דער חולה גייט אין פון טאָג צו טאָג.

— אַזוי? — באַקומט אַ באַלעבאָסטע אַן איבערגעשראָקן פנים, — איז דאָך מיט אים גאָרנישט פריילעך, מיטן ״רבין״... דער אייבערשטער זאָל אויסהיטן אַלע ייִדן דערפון.

— נישקשה, — טרייסט איר זעליק פישער מיט זיין הייזעריקלעכער שטימע און באַטראַכט זי מיט די שטייענדיקע פישענע אויגן, — אַז דער אייבערשטער וועט נאָר וועלן, וועט אים ראַבטשעווסקי געזונט מאַכן. אויף ראַבטשעווסקין מעגט איר זיך פאַרלאָזן. ער וועט שוין אויסגעפינען דעם ״גאַיעץ״ ביים חולה אין די געדערעם און אים פון דאָרט אַרויסציִען, ווי אויף אַ האָטשיק.

אַוועקגענומען די אויגן פון דער, זעט אויס, געטרייסטער ייִדענע, דערזעט ער פאַר זיך דעם נאָר־וואָס זיך דאָ אָפּגעשטעלטן שימענקע שטאָט־לעך, און טוט אים אַ פרעג מיט חידוש, כאָטש נישט אויף זיין פנים און נישט אין זיין טאָן איז עס נישט קאָנטיק:

— איך זאָל אייך אָפּוועגן אַ פישל?

— ניין, — ענטפערט שימענקע, — איכל גיין ריזיקירן מיט מיין לעבן? איר קאָנט מיר דען ערב זיין, אַז ס'איי נישטאָ דערין קיין ״גאַ־יעץ״? דער ״גאַיעץ״ זעט מיר אויס צו זיין אַ גנב... נישט אומזיסט איז ער פאַרקראָכן צון אַ ״רבין״. ער קאָן זיך נאָך אויך אַריינגנבענען צו מיר אין די געדערעם. און אייער ראַבטשעווסקי — וועלכער מענטש האָט עס אַ גלעזערנעם בויך, ער זאָל אים קענען אַריינקוקן אין די געדערעם און דערזעען דעם ״גאַיעץ״?

אָבער זעליק ווערט נישט נתפעל פון דער דאָזיקער גאָרנישט לצנותדי־קער האַרבער קשיה און ענטפערט אים מיט נישט ווייניקער ערנסט:

— סע קאָן זײַן, אַז דער אײבערשטער האָט ראַבטשעווסקין אַרײַנגע־שטעלט אין די אויגן אַזעלכע שפּאַקטיוון, וואָס קאָנען דורכקוקן אַפילו דורך אַ געמויערטער פּייערוואַנט.

*

פֿאַר נאַכט שלעפּט זיך זײַנוועלע אַהרונקעס אַרײַן מיטן אײנציקן אויסגעמאַטערטן פערד צווישן די קלייטן, גייענדיק בײַ דער זײַט פונעם שווערן, מיט משא באַלאָדענעם, וואָגן: זעק זאַלץ, פעסלעך הערינג, פּע־סער נאַפט און דעסטגלייכן. זײַן פּנים איז ערנסט, באַזאָרגט, רויט און פאַרשוויצט. זײַן גלאַנציקער לאַקירענער דאַשעק — פאַררוקט אַריבער דער צעפּאַטלטער טשאַפּרינע. צי ער געדענקט גאָרנישט, אָדער ס׳אַרט אים נישט איצטער וואָס זײַן ״ווייסער ביליעט״, דאָס פאַרבעלמעטע אויג, איז אָפּגעדעקט־נאַקעט פאַר לייטן: ער האָט ערשט אַלץ אין דרערד!

נישט אַרויסברענגענדיק קיין וואָרט פאַר קיינעם פון די קרעמער, וואָס פאַר זיי האָט ער געבראַכט די סחורה, טראָגט ער זי אַראָפּ פונעם וואָגן מיט דער אומגעבעטענער הילף פון די קרעמער. אויך זיי פאַרטשעפּען אים נישט מיט קיין וואָרט: מע זעט דאָך, אַז זײַן טאַטנס ״גאַיעץ״ האָט בײַ דעם יונג אָפּגענומען דאָס לשון; די שטענדיקע חוצפה אין זײַן לעבע־דיק אויג איז אויסגעלאָשן, און אַ כמאַרע ליגט אים אויפן פּנים.

אָפּגעלײדיקט דעם וואָגן און נישט פאַרלאַנגענדיק אַפילו דאָס באַלע־גאָלע־געלט, טראָגט ער זיך באַלד אָפּ, שטייענדיקערהייט אויף אים, ווי ס׳וואָלט אים קאַרג זײַן די צײַט זיך אַנידערצוזעצן, צום בוינעגעסל, אַהיים. דערהערט זײַן אָנקומען, לויפט אַרויס די מאַמע, עפנט פאַר אים דעם שטאַלטויער, און ער פאָרט אַרײַן אין שטאַל.

— נו? — טוט די מאַמע אַ מאָן בײַ אים שוין דאָ אויפן אָרט, בײַם אויסשפּאַנען דאָס פערד.

טוט ער אַ שטעל־אָן אויף איר פּנים דאָס זעענדיקע אויג, אַן אויס־געלאָשנס פון אומעט, און זאָגט שטיל־שטיל, ווי אין מורא, טאָמער איז דער טאַטע דאָ ערגעץ אין דער נאָענט און קאָן אים דערהערן:

— דער טאַטע איז נעבעך... נאָר אָן געפּישטשערייען, מאַמע. דער

דאָקטער האָט אים פֿאַרשריבן רעצעפּטן איינצונעמען. די רעצעפּטן האָט ער געזאָגט, זענען צו פֿאַרגרינגערן די ווייטיקן. מע דאַרף אים געבן, דעם טאַטן, גוט צו עסן און טרינקען. אַ יאַיכל פֿון עוף, אַ ביסעלע וויין צום שטאַרקן און...

— וויין? אַ יאַיכל?! — צוועגנגלט זי מיט די פֿינגער די מאַטשיקע, אַראָפּגעלאָזטע באַקן, — ווי אַזוי וועלן מיר אַזעלכעס דאַקאַזשען?

— סיידן מיט לאַנגע־פֿינגער־מלאָכה... — בלייבט דעם זונס אויג שטיין אין אירע אויגן, ווי אַ פֿאַרגליווערטע פֿראַגע.

— אָן דעם טאַטנס וויסן, — טוט זיך אַ ריס פֿון איר קעל באַפּעלע־ריש, ווי זי וואָלט ערשט פֿאַרטרעטן דעם מאַן, — זאָלסטו זיך נישט דער־וועגן! דו הערסט, זיינוועלע? דער אייבערשטער זאָל דיך אויסהיטן דערפֿון. דער טאַטע זאָגט: צוליב ד ע ם איז אויף אים די תוכחה געקומען. דערפֿאַר באָדט ער זיך, נעבעך, אין „קראַטקיוויק״.

— נו, צינדט זיך אין זונס אויג אַ גרין פֿינקעלע, — וועסטו אַליין, מאַמע, מלאָכענען מיט די פֿינגער. אפשר... מיט אַ נקבה וועט דער אייבער־שטער נישט וועלן האָבן צו טאָן.

— זון מיינער, — באַקומט די מאַמע פּלאַמיקע פֿאַרב אין די באַקן, — אײדער סע עפֿנט זיך דיר דאָס פּיסעניו פֿאַר אַזעלכע לייזיקע רייד, בייס זיך פֿריִער אָפּ דאָס טרייפֿענע לעקערל דיינס! ווילסט, דער אייבערשטער זאָל דיר אַריינשיקן דערין אַ פּוילעניש, ווי אין אונדזער פֿאָנפֿעוואַטער שכנהס נעזל? גיב אַ קוק אויפֿן טאַטן, וואָס פֿאַר אַ פּנים ער האָט. ער האָלט אין איין טענהן, אַז די געדערעם פֿוילן אים שוין באַצייטנס, און די ווערעם פֿרעסן זיי, נאָך איידער דער קבֿר האָט אים איינגעשלונגען. דיינע רייד וועגן דער מאַמען זענען דאָך שוין גאַרנישט ווי פֿון קיין אָרנטלעכן גנבֿ. נאָר ווי פֿון אַ גזלן! געדענק! דיין טאַטע איז, חלילה, קיין רויבער נישט געווען און...

— מאַמע! לייג אין דיין קאָשיק אייער.

— כיי וואָלסטו, ווי אַ ״ווילעוואָק״,* אויסגערונען פֿון דער מאַמעס בויך.

---

* אַן איי, וואָס אַ הון פֿאַרלירט, נאָך איידער ס׳האָט באַקומען די האַרטע שאָל.

— האָרך שוין בעסער וואָס רב טשעוווסקי האָט געזאָגט: אַ ביסעלע וויין צו שטאַרקן אים, ביז... ביז... וואָס ׳עליך דיר אַ סך ברייען? נישט קיין דאָקטער און נישט קיין טאָטער קאָן שוין דעם טאַטן נישט העלפן. „נאָך אַ מאָל אים ברענגען צו מיר", האָט ער געזאָגט, „איז איבעריק".

— סיידן דער איבערשטער אין הימל. — פאַרהייבט זי די אויגן צו די שטאַל־בעלקעס, און פון איר קעל גאָרגלט זיך אַרויס אַ פייכט גע־כליפעריי.

— ששש... דער טאַטע זאָל דאָרט נישט דערהערן. און... דו הערסט, מאַמע? דעם טאַטן אַליין האָט ער נישט אַזוי שרעקלעך איבערגעשראָקן. דער טאַטע טאָר נישט וויסן דערפון. „מע דאַרף אים אָפּנאַרן, דעם קראַנקן", — האָט ער מיר געזאָגט, רב טשעוווסקי. נישט אומזיסט רופט מען אים „רב" — ער איז אַ טאָווער* גוי. ער האָט דאָך אַפילו קיין געלט פאַרן וויזיט נישט געוואָלט נעמען. ער האָט טאַקע נישט גענומען. „פאַר דעם געלט", האָט ער געזאָגט, „קויף אין אַפּטייק אַ פלעשל וויין פאַרן קראַנקן טאַטנס וועגן"... ביי אַזאַ לייטישן גוי, ווען אַפילו גאָלד מיט ברי־ליאַנטן וואָלטן געלעגן ביי אים אויבן־אויף, וואָלט איך נישט אויסגע־שטרעקט דערצו די פינגער... אַזאַ גזלן בין איך, מאַמע.

זיין דאָזיקער לעצטער זאָג פאַרטרייבט אויף אַ ווייל די דערשלאָגנ־קייט פון איר פּנים, און זי טוט אַ שמייכל מיט מאַמעשער מילדקייט:

— וואָס דו ביסט נישט, מיזינעק מיינער, אָבער אַ ייִד ביסטו. אַ ייִדישער גזלן. מיר זאָל זיין פאַר דיין קאָפּ. כ׳זאָל נאָך אין דיר נחת דער־לעבן — אַ ייִדישע טאָכטער פאַר אַ שנור און איינינקלעך פון אייך כשרע.

## נז

די מעשה פון פּנחס שמוקלערס אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל וואָלט מיט דער צייט שוין אפשר פאַרגעסן געוואָרן מיט אים אין איינעם. סוף־כל־סוף איז ער דאָך געווען נישט מער ווי אַ באַלמעלאָכע, אַ שמוקלער,

* פון העברעישן „טוב" — אַ גוטער.

און בלויז אויף דער העלפט, לויטן ייִחוס פון דער מאַמעס צד, פון באַלע־באַטישן גראַד. נישט מער — ווי דער גבאי פון באַלמעלאַכישן שטיבל, וואָס זיין למדנות איז באַשטאַנען אין דורכקריכן אַ שטיקל מדרש, משטיינס געזאָגט. וואָלט אים אויך נישט געראַטעוועט פון פאַרגעסונג זיין לעצטער ייִחוס : דער ערשטער לוהיסקער וואָס איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל.

זיין נאָמען מיט זיינע מעשים וואָלטן זיך איינגעהיט אין לוהיסק אויף לאַנג סיידן אינעם געדעכעניש פון די דאַוועגער איגעם באַלמעלאַכישן שטיבל. דאָ האָט ער דאָך געגבאַיוועט, ווי אַ שטאָט־באַלעבאָס. אָבער אויך זיי זענען נישט אַלע מיט אים שוה־בשוה צו פאַרגעדענקען אים רק צום גוטן. רעדן אויף אים גוטס וויל מען נישט, און רעדן אויף אים שלעכטס אין גאָס טאָר מען נישט — ער איז דאָך פאָרט אַן אייגענער.

— הער מיך אויס, זאַלמעסאַניע, — חקירהט יאָנטעוו באַגרעבער ביי זיך אין שטיבל, שבת נאָך דער סעודה, ווען ס׳גייט צווישן זיי אַ רייד וועגן פנחס גבאי, און ער דערמאָנט זיך אין דער קריוודע, וואָס פנחס פלעגט אים תמיד קריוודען : פאַר אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר אים מכבד זיין מיט אויפרופן צו דער תורה בסכהכול צוויי מאָל — איין מאָל אום שמחת־תורה "מעקאָלאַנאַרים" * און נאָך איין מאָל צו דער פולער שיסל "טוי־כעכע",** — הער מיט קאָפּ. פון וואַנען קאָן מע זיין אַזוי פּעוונע־שעבעפעוונע, אַז פנחסעס פאָרן אינעם הייליקן לאַנד איז געווען "לעשעמ־שאָמאַיע" ? *** צו ראַטעווען זיין נשמה אין הימל ? אפשר גאָר האָט ער עס געטאָן פאַרן גוף ? כדי די ארץ־ישראל־ערד זאָל אים ראַטעווען פון די ווערעם ? און איך, יאָנטעוו באַגרעבער, זאָג דיר, אַז אַזוי איז עס טאַקע : פאַר זיין ביסל פאַרשטונקען פלייש האָט ער געזאָרגט, אונדזערע לוהיסקער ווערעם זאָלן אים נישט אויפפרעסן טויטערהייט. ביי אונדז טרעפט דאָך אַ מאָל, סע זאָל אַפילו גיין אַ רעגן מיט ווערעם. געדענקסט אַנומלט ?...

— יאָנטעוו, — איז יאָנטעוועכע אויף אים דערצאָרנט, פאַר וואָס ער האָט די העזה, אָט די בית־עלמין־קראָ, אַזוי צו קראַקען וועגן רב פנחסן,

---

* „עם כל הנערים״.

** ״תוכחה״.

*** ״לשם שמים״.

דעם ירושלימער צדיק, און „האַקט איר אונטער די פליגל", דער קרא, — דאָס ווּעסטו איינרעדן טאַקע נאָר אים, זאַלמעסאָסניען... דער יאָק שאָקלט דיר און שאָקלט דיר צו מיטן קאָפּ... דו זעסט נישט? פריִער האָט ער געגע־נעצט, און איצט דרימלט ער שוין פון דיינע רייד. און דו מיינסט — דאָס גיט ער דיר אָפּ געוועכט... מיר ווּעסטו נישט דעם קאָפּ פאַרדרייען. איך קאָן דאָך דיר פון זינגט אונדזער שטיין אונטער דער חופּה, ווי אַ בייזן שילינגער. דו קאָנסט נישט מוחל זיין רב פּנחסן, דעם צדיק, הלמאַי ער האָט דיר אַוועקגעפירט פון אונטער דער גאָז אַזאַ חשובן בר־מנן... איבער הונדערט און צוואָנציק...

— ס'באַלעבעטשעסטו דאָס, באַגרעבערקע מיינע? — איז יאָנטעוו קאָלט, ווי אַ בר־מנן, און קוקט אַריין אין דער פינצטערניש פון אירע אויגן, ווי אין אַ קבר, — וואָסער בר־מנן האָט ער מיר אַוועקגעפירט? נישטאָ ווער ס'אָל לאַכן.

— טאַקע זיך אַליין האָט ער דאָך אַוועקגעפירט, — רעדט זי סטער־דיש, — נישט אַריינצופאַלן טויטערהייט אין דיינע קאָלטע, גזלנישע, טמא לאַפּעס. מיינסט איך ווייס נישט? ביסט אַ שונא אויפן לעבן די אַלע ייִדן, די טויטע און די לעבעדיקע, וואָס דו באַגראָבסט נישט.

— יאָנטעוועכע, — "גראָבט ער פאַר איר אַ קבר אָט דאָ גלייך אויפן אָרט", — כ'בין דיר מבטיח, דיך וועל איך ליב האָבן נאָך דיין טויט, אַפילו ווען פרעמדע הענט וועלן דיך באַגראָבן און פאַרשיטן.

— אַז נישט דערלעבן ווּעסטו עס כל־זמן איך לעב, דו קאָלטער גזלן איינער! — טוט זי אַ קוויטש, וואָס רייסט אויף זאַלמעסאַניען פונעם שלאָף.

— זאַלמעסאַניעכע! — טוט זיך זאַלמעסאַניע אַ כאַפּ טאַפּן מיט דער האַנט די פאַזוכע, — ווּו איז די קאַלעקאָטקע? אַ גנב! אַ גנב! אַ רוא־אַ־אַך!...

— כאַפּ אים, דעם רוח! — צעלאַכט זיך די באַגרעבערקע מיט אַ קוויטשיק, צעשאָטן געלעכטערל. — ער זיצט דאָך דיר אַנטקעגן, יאָנטעוו־אין־דער־וואָכן. אַ גנב? ערגער פון אַ גנב! אַ גזלן! ער קוקט דאָך אויס דיין טויט אויך. כאַפּ אים און באַגראָב אים דו פריִערט...

— טאַקע, טאַקע, — זאָגט זאַלמעסאַניע, וואָס האָט זיך דערווייל

אויסגעטשוכעט און באַנומען אירע רייד, — זי איז געדרעכט, דיין יאַנטע־וועכע... ווייסט וואָס שימענקע שטאָט־לץ האָט היינט געזאָגט וועגן דיר ביי אונדז אין שטיבל, נאָכן דאַווענען? דו ביסט פונקט אַרויסגעגאַן...

— וואָס ט׳ער געזאָגט?

— ער האָט געזאָגט: ״מ׳האָט אונדזער באַגרעבער אַ נאָמען געגעבן יום־טוב, ווייל״... ווייל... וואַרט אַ רגעלע, ׳על איך זיך דערמאָנען... יאָ... ער האָט געזאָגט: ״ווייל ווען ביי אַנדערע איז טראָווריק, טויט, איז ביי אים פריילעכיק און לעבעדיק״״... וואַרט, וואָס נאָך? יאָ: ״צדקה תציל ממות״* — ס׳אי׳ קיין קאַטאָוועס... ס׳אי׳ זיין מחיה, יום־טובס... עלהיי די ווערעמס...״.

— נו, גיי שוין, זאַלמעסאַניע. — שטעלט זיך יאַנטעוו אויף פון אָרט. — הערסט נישט ווי דיין קליפּה רופט דיך שוין פון דיין שטיבל? און אַז דער מלאך המוות רופט, מוז מען גיין... נו, און איך וועל שוין אויך גיין, זיך צושפּאַרן אַ ביסל אויפן געלעגער. ס׳איז דאָך שבת ביי יידן... אַז ס׳איז נישטאָ דאָ פאַר וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן.

— ער וואָלט כאַרעווער געגאַנגען אין שטיבל אַריין אַ קאַפּיטל תהלים זאָגן. — וואָרטשעט יאַנטעוועכע, נאָכגייענדיק זאַלמעסאַניען, כדי דאָרט מיט זאַלמעסאַניעכען אַ וואָרט צו פאַרבייטן. — ער איז זיך דען נישט די נאַכט אויף אַלע פיר זייטן אויסגעפּאָפּן? גלייכט זיך צו זאַלמע־סאַניען! זאַלמעסאַניע איז די גאַנצע וואָך הונגעריק אויף אַ שטיקל שלאָף...

און הינטער דער נאָך זיך פאַרמאַכטער טיר לאָזט זי אויס שוין פאַר זיך אַליין:

— מילא... דער צדיק רב פנחס זאָגט שוין דאָרט אַוודאי תהלים ביים כותל־מערבי אויך פאַר אַלע רשעים.

אָבער אַז דאָס גאַנצע שטעטל זאָל נישט פאַרגעסן פנחס שמוקלער, דערלאָזט נישט, גאָר אָן אַ כוונה דערצו, זיין טאָכטער, די לעבעדיקע עגונה, וואָס איר מאַן, שעפּטל, נישט ער נעמט זי אַרויס צו זיך און נישט ער קומט צו פאָרן צוריק. מע מורמלט אַפילו, אַז ער איז דאָרט עובר אויפן חרם דרבנו גרשון. יעדן דאָנערשטיק, וואָס פאַר אַ פּאַגאָדע ס׳זאָל נישט

---

* צדקה ראַטעוועט פון טויט.

זיין, לאָזט זי זיך אַרויס, די ״אַמעריקאַנקע״, איבערן מאַרק און גאַסן און געסלעך מיט אַ האַנט־פּאַטשיילע און אַ גרויסן קאָשעק, צונויפּצוזאַמלען געלט און עסנוואַרג. אויף מאָרגן צעטיילט זי דאָס צונויפגעזאַמלטע צווישן די אָרעמע לייט אין שטעטל און פאַרגעסט אויך נישט אין אַן אָרעמאַן אַן אורח. מע שמועסט: אויב סע פעלט איר אַ מאָל אויס, זעלדע חיהן פּנחס שמוקלערס, פאַר אַ פרישגעבאַקענעם, צוגעקומענעם אָרעמאַן, דערלייגט זי פון איר אייגענער קעשענע, פון די אייגענע דאָלאַרן. ער הערט זיי נישט אויף צו שיקן, איר פאַפּירענער מאַן... פאָרט אַ ייִדיש האַרץ.

— סע וואָלט ערלעכער און ייִדישער געוועזן פון אים, — רופט זיך אָפּ שבת אין באַלמעלאָכישן שטיבל פישל שוסטער, — ער זאָל איר שטאָט די אַלע פאַפּירלעך, שיקן דאָס איינע ״שטיקל פאַרמעט״ און זי באַפרייען פון זיין יאַרמאָ.

— נישקשה, — האַלט אים אונטער פראָיִם קערזשנער, — אונדזער פּנחסס טאָכטער וואָלט, חלילה, נישט פאַרזיצן און וואָלט געקריגן אַן אָרנטלעכן טאַטן פאַר אירע לעבעדיקע יתומים.

— דער רב אַליין... — באַקומט פלוצעם לשון אַפילו וואָלף דער ״שיקסע״־שניידער, דער שטענדיקער שוויגער, — דער רב אַליין וואָלט זיך דערין אַריינגעלייגט... המם, און אויסגעזוכט פאַר איר אַ מאַן, המם, וואָס זאָל זיין אָנגעמאָסטן פאַר רב פּנחסן.

קוקנדיק אויף וואָלפן, ווי די צונג דרייט זיך ביי אים שווערלעך, ווי אַ נישט־געשמירט רעדל אין דער ניימאַשין, ווערט מאָטיש ״מיט די יאַגע־דע־ליפּן״ דווקא האָפערדיק בנוגע דער עגונה די ״אַמעריקאַנקע״:

— און איך זאָג אייך, ״עמך שער־און־אייזן״, קאָם נאָר שיקט ער די טאָלערס, שעפּטל זאַגאַטאָוטשיק, וועט נאָך דער טאַטע צוריק נעמען די מאַמען. אַן אַמעריקאַניעץ וואַרפט נישט זיינע שווער פאַרהאָרעוועטע טאָלערס אויפן מיסט. לייב ״שרייבער״ געדענקט איר? אָט פרעגט טאַקע ביי וואָלפן, צי האָט ער זיך נישט אומגעקערט צו זיין עגונה? אַ ייִדיש האַרץ איז נישט פון שטיין.

ביי וואָלפן טוט אַ דריגע דער האַלדזקנאָפּ. ער וויל גראָד קלאָר מאַכן פאַר די לייט, אַז ס׳איז נישט אַזוי. לייב ״שרייבער״ האָט נישט צוריק גענומען זיין עגונה, נאָר געגט. נאָר אויף וויי̇טערע רייד קלעקט אים שוין

נישט קיין מוט. ווערט זיין פּנים רויט, ווי ער וואָלט זיך וואַרגן מיטן האַלדזקנאָפּ, און דאָס מויל בלייבט פּאַרהאַקט, ווי אויף אַ שלאָס.

— מאַ, — טוט מאָטיש, נישט דערוואַרט זיך אויף זיין באַשטעטיקונג, אַ גלאַנץ אויף אים מיט די בלויע אויגן, שמייכלענדיקע מיט ביטול־שפּאָט, — אין דיין ציפּקע, וואָלף, האָט זיך אויסגעלאָזט די פּאָדעם. וואָלסט באַדאַרפט מיטנעמען מיט זיך אין בוזעם־קעשענע דיין גאָלדען... נאָר...

ער דרייט זיך אויס מיט אַ זאָג מאָטישל באַלעגאָלע אין אויער אַריין:

— גאָר סע וואָלט געווען געפּאַנפּעט...

ווי אָט דער שמועס אונטן אין שטיבל וואָלט דערגרייכט אַרויף אין דער ווייבערשיל, ווערט אויך דאָרטן שפּעטער געשמועסט וועגן חיה זעלדען פּנחס שמוקלערס:

— וואָס איז דאָ אַ סך צו ברייען, — לאָזט אויס בליומקע גרשון שניטקרעמערס, — זי האָט אַ גילדערן האַרץ, חיה זעלדע, נישט קיין פּאַפּירנס פון דאָלאַרן.

— אמת, — באַשטעטיקט זעליק פישערס טאָכטער, — מיין מאַן זאָגט: אָפּגעקומענע באַלעבאַטישע מענטשן וואַרפט זי אונטער איר גאָב אַזוי, אַז יענע זאָלן עס נישט דערזעען — מתּן־בסתר. און אַז מיין יואל זאָגט, מעגט איר זיך אויף אים פאַרלאָזן. ער האָט אַליין געהאָט אַ מאָל מיט איר אַזאַ טרעפעניש אין אַן אָפּגעקומענער באַלעבאַטישער שטוב. זיי האָבן זיך בײדע ווי דערשראָקן, זיך אָנגעקוקט און צעגאַנגען, נישט פאַר־בייטנדיק קיין וואָרט צווישן זיך... ווען ער האָט עס מיר דערציילט, איז ער רויט געוואָרן, ווי פאַר בושה.

— ווער ווייסט... — לאָזט אויס לויבע די סופרטע איר שמועס מיט גיטל לאה דער שוחטקע, ווען זיי גייען אַראָפּ פון דער ווייבערשיל, — ווער ווייסט אין וועמעס זכות משיח וועט פריִער קומען — צי אין זכות פון איר טאַטן אין הייליקן לאַנד, וואָס אין דעם זכות טאַקע איז ער דאָרט אַליין מאַריך־ימים... די ארץ־ישראלדיקע הייליקע ערד איילט זיך נישט אַריינ־צונעמען אין זיך קיין יונגע ייִדן... צי אין זכות פון איר צדקה דאָ הי, אינעם לאַנד פון "שקץ תשקצנו"?... מע שמועסט, גיטל לאה קרויך, ווען זי קומט אַ מאָל צום רבֿ מיט אַ שאלה אויף אַן עוף, אָדער אויף אַ טעפּל, טיילט ער איר צו כּבֿוד. "זיצט, — זאָגט ער, — גבאיטע פון מתּן־בסתר,

די טאָכטער פון ערשטן לוהיסקער ייִדן אין אונדזער הייליקן לאַנד"...
פון וואַנען דער רב ווייסט וועגן דעם מתן־בסתר? איר האָט דאָך געהערט, וואָס זעליק פישערס טאָכטער האָט דערציילט. מיין מאַן, עליו השלום, רב לוי, האָט מיר אַ מאָל געזאָגט: די שוואַלבן אונטער דער סטריכע פונעם בית־מדרש צוויטשערן סודות, און פון די וואָס לערנען גאָטס תורה יומם־ ולילה איז דאָס לשון פון עופות נישט פאַרהוילן, ווי ס׳איז נישט געווען פאַרהוילן פון שלמה המלך.

זי׳ נאָכגייענדיק און אונטערהאָרכנדיק לויכעס פרומע רייד, קומט אויף אין אַהרונקעכען אַ מחשבה: אַז מע קאָן נישט אויסשטרעקן די האַנט צו גנבענען, מוז מען אַראָפּציִען דאָס היטל, אָדער דאָס קאָפּטיכל איבער די אויגן און אויסשטרעקן די האַנט צו בעטלען. אָבער איך טאָר נישט גיין איבער די הייזער צוליב זיינוועלען, סע זאָל אים נישט שאַטן צו קיין שידוך. ער וואָלט מיר די פיס אונטערגעהאַקט. ביידע זאַכן — גאָט באַהיט! נאָר צו זעלדע חיהן נאָך "מאַטעבעסייסער" ׳על איך גיין. יאָ. נאָך היינט, נאָך הבדלה. איכל איר זאָגן, ווי סע זאָגט איר דער רב: "גוט וואָך, אייך, גבאיטע פון "מאַטעבעסייסער", און אַ געשריי טאָן: "ראַטעווע מיין קראַנקן מאַן!". כ׳על אויסשפּרייטן פאַר אירע אויגן מיין גאָר פינצטער מזל און אויסגיסן דערויף דאָס בלוט פון האַרצן מיט אַ לוזשע הייסע טרערן.

די דאָזיקע מחשבות מעלה־גרהט זי אין קאָפּ דעם גאַנצן טאָג. ווען זיינוועלע קומט אין אָוונט פון באַלמעלאָכעשן שטיבל מיט אַן אומעטיקן וואָרטש: "גוט וואָך". ענטפערט זי אים, אַרויסדרייענדיק דעם לאָמפּ:

— אַ גוטע וואָך, זיינוועלע. אַ גוטע וואָך און אַ לעבעדיקע וואָך זאָל אונדז גאָט באַשערן. אַ רפואה שלמה פאַרן טאַטן. זיינוועלע, כ׳גיי אַרויס אַ ביסל אין דרויסן, נישט אויף לאַנג, זאָלסט דאָ נישט לאָזן דעם טאַטן אַליין.

— גיי. — שיילט זיך אים אָפּ פון מויל דאָס איינציקע וואָרט, און ער גייט און זעצט זיך אויפן טאַטנס בעט ביים צופוסן־ברעטל.

ווען זי קומט אין אַ האַלבער שעה אַרום צוריק פון חיה זעלדען דורך דער הינטערשטער טיר אין קיך אַריין, שלאָגט זי זיך דאָ אָן אויף אים אומגעריכט. ער שטייט מיט דער קוואָרט וואַסער ביים מויל. זיך צוריק צו כאַפּן איז שוין שפּעט. שטעלט זי שווייגנדיק אַנידער דאָס מיטגעבראַכטע

קאַשיקל אויפן טאַפּטשאַן. זיינוועלע שטעלט אַוועק די קוואַרט אויפן ברעג טאַפּטשאַן און בייגט זיך איין צום קאַשיקל. זיין אויג נעמט גלייך אויף וואָס דערין געפינט זיך. אַ גאַנצער אוצר: אַ מאַלאַדעשקע, אַ צענט־ליק אייער, עפּעס פּעטס איינגעהילט אין פּאַפּיר... אַ שטיקל פּוטער מסתם, עטלעכע צעשאָטענע ליכט און... זע נאָר, זע — אַ פלעשל וויין!

— דאָס אַלץ אַזוי גיך, ווי מע דאַוונט פון פאַרנט? — פּאַלט זיין פאַר־וווּנדערטער בליק פונעם זעענדיקן אויג, ווי אַ פונק, אויף דער מאַמעס פּנים מיט די אַראָפּגעלאָזטע אויגן. — ביסטו דאָך עפּעס איין בריהטע אין דער וועלט! המם, דו מיינסט, מאַמע, אַז וואָס פאַר דיר איז אַ מצווה פאַר מיר אַ "נעווײַרע"? אָט וועל איך אויך זיך טאָן אַ כאַפּ אַרויס אין דרויסן, נישט אויף לאַנג...

— זיינוועלע! — טוט זי אים אַ כאַפּ אָן פאַר אָן אַרבל, אים צו פאַרהאַלטן, און קומט קוים צו זיך פון צעמישונג. — כ'שווער דיר ביים געזונט פונעם טאַטן, אַז כ'האָב דערצו קיין מינדסטן פינגער נישט צוגע־לייגט. כ'האָב עס נאָר וואָס געטראָפן שטיין אַזוי אין דער זייט ביי דער טיר. איך ווייס אַליין נישט אַ...

— וואָס? מלאָכים האָבן עס דיר אפשר געבראַכט צו טראָגן? אָדער שדים האָבן דיר אַ ממזר אונטערגעוואָרפן? — צאַרנט ער, אַז ס'דאַכט זיך — די בעלמע אויפן טויטן אויג גליט.

— כ'האָב דאָך דיר געשווירן ביים טאַטנס געזונט. — נעמט זי אים איין. — ס'אי', נישט, חלילה־וחס, קיין ממזר. כ'האָב היינט געהערט אין דער ווייבערשיל שמועסן, אַז עפּעס אַ יידענע אַ צדיקת, אין שוואַרצע קליידער מיט אַ שוואַרץ קאַפּטיכל, גייט אַרום אַ נישט־געזעענע איבערן שטעטל, גאַס־איין, גאַס־אויס, און טיילט פאַנאַנדער צדקה. "מאַטעבעסיי־סער" רופט מען עס. דער רב רופט עס אַזוי...

— אַזוי? "מאַטעבעסייסער"? ווי הערצעלע דער שטאָט־משוגענער איז אַ קייסער! — לאָזט שוין נאָך אין זיינוועלען דער צאָרן: "זי האָט דאָך געשווירן ביים טאַטנס געזונט", און ער צעלאַכט זיך דריבנע, — מע זעט זי נישט, און מע ווייסט, אַז זי גייט אין גאַנצן אין שוואַרצן, אַפילו מיט אַ שוואַרצן טשיפּעק... נו, גוט. גיי איך איצטער נישט אין ערגעץ... נאָר אויב איכל אַ מאָל האָבן דאָס גוטע מזל זי צו באַגעגענען אין אַ פינצ־

טערער נאַכט, וועל איך שוין ביי איר אויסטאַפּן דעם גאַנצן "מאַטעבעסיי־סער". אַז אַ נקבה גיט, פאַר וואָס זאָל דער מאַנצבל נישט נעמען?

— אוי, זונעניו. — ברעגגט זי אַרויף אַ געצוווּנגענעם שמייכל אויפן פאַרביטערטן פּנים. — כ׳וואָלט אַפילו געלאַכט פון דיינע פּאַסקודנע רייד. נאָר סע פאַרגייט מיר איצטער נישט צום לאַכן, נאָר צום וויינען. זאָלסט זיך נאָר דאָס אומריינע לעקערל אָפּבייסן, זונעניו, איידער...

דאָ דערהערט זיך פון שטוב דעם חולהס אַ קרעכצגעשריי. זיי טוען ביידע אַ לויף אַהין.

## נח

אין איינעם אַ דינסטיק פאַר נאַכט, אין די עשרת־ימי־תשובה, ווען די טעג זענען שרעקעוודיקע און אַנטלויפן פרי פאַר דער נאַכט, פאַלן אַריין אין בית־מדרש, צווישן מנחה־מעריב, דריי ייִדענעס מיט אַ שרייענדיקן געיאָמער. אין לאַנגע, טונקעלע שאַלן ביז איבער די קניִעס, פון פאָרנט אַראָפּגעלאָזט, פאַרשטעלנדיק די פּנימער, גייען זיי, איינע הינטער דער אַנדערער, מיט שנעלע טריט, ווי פאַרבייגעשווּמען די מאַנצבל. די מאַנצבל טרעטן זיי אָפּ דעם וועג, ווי געמאַכט פאַר זיי אַ וואַרע.

די דריי ייִדענעס טוען זיך אַ לאָז אַרויף מיט די טרעפּלעך צום אָרון־קודש. דאָ בלייבן זיי שטיין אין אַ גלייכער שורה. מיט אַ האַסטיקן שלעפּ ווערט דער פּרוכת פאַרצויגן אויף רעכטס, די טירלעך פונעם אַנטבלויזטן אָרון־קודש — צעעפנט, און דריי פאַרהילטע קעפּ טוען אַ פאַל צו צו זיין ראַנד. פון די קעפּ רינט יאָמער, צעגיסט זיך אין אָרון מיט די אַנטפּלעקטע ספרי־תורות און רינט אין אים אַרויף און אַרויס. איינע פון די דריי, די מיטלסטע, טענהט זיך אויס מיטן רבונו־של־עולם, ווי מיט אַן אייגענעם טאַטן. אָבער אירע רייד ווערן אַוועקגעשווענקט מטושטש צוליבן געוויין פון די צוויי ביי אירע זייטן. פון די איינציקע ווערטער, וואָס ראַטעווען זיך פון דעסטוועגן אין די אויערן פון דעם שטום געוואָרענעם און גאַפנדיקן עולם ווערט קלאָר:

אַהרונקע באַלעגאָלע, דער "רבי", איז פאַרביי. נוטה למות.

און מע שטויסט זיך אָן — די ייִדענעס זענען: די מיטלסטע — זיין פּלוניתטע, די "רביצן", און ביי אירע זייטן — זייערע שכנות, יאַנטעוועכע די באַגרעבערקע און זאַלמעסאַניעכע.

ווען די ייִדענעס נעמען אַרויס די קעפּ פונעם אָרון־קודש, און שיקל שמש טוט אַ פאַרמאַך זיינע טירלעך און אַ פאַרצי צוריק דעם פּרוכת, טוט די מיטלסטע, וואָס גייט אַראָפּ פון די טרעפּלעך די ערשטע, זיך אַ פאַרקערעווע און אַ גיי, און בלייבט שטיין מיט אַ פריש־באַנייטן יאָמער פאַרן רבס שטענדער:

— הייליקער רבי, מיין איינגעפאַלענער מאַן בעט זיך און בעט זיך די גאַנצע צייט, ער וויל זען דעם רב... רבי... מאָרגן קאָן שוין זיין שפּעט... זאָל דער רבי מוחל זיין... זאָל דער רבי אַזוי גוט זיין... קומען צו מיין מאַן...

— ווער איז זי, די ייִדענע? — פרעגט דער רב מיט אַ באַצערט פּנים ביי זעליק פישער, וואָס שטייט דאָ נאָענט לעבן אים, ווי געוויינלעך.

— אַהרונקע באַלעגאָלעס אישה. — ענטפערט ער, און צוגעבויגן זיך צום ראַנד פונעם רבס קאַפּעליאַש איבער זיין אויער, לאָזט ער אויס שטיל־סודותדיק, — דער "רבי" פון די גנבים.

— זאָג איר: זאָל זי גיין אַהיים. גלייך נאָך מעריב קום איך. דו וועסט מיך פירן אַהין. המם, און זאָל מען טאַקע שוין זיך שטעלן דאַווענען מעריב.

*

דאָס ווינעגעסל איז טונקל באַלויכטן פון בלויז דער קאַרגער שיין פון אַהרונקע באַלעגאָלעס אַן איינציק פענצטער. אין די שכנישע שטיבער זענען די לאָדנס פאַר פרי פאַרמאַכט געוואָרן, ווי אויסצובאַהאַלטן זיך פון דעם דערוואַרטן מלאך־המות. אָבער אין דער טונקלעניש פונעם געסל איז דווקא אַ געשטיי און שטיל געדעריי פון ווייבער און קינדער. אַלעמענס אויגן זענען געווענדן צום פענצטער, פון הינטער וועלכן סע רינט אַהער געוויין.

— דער רב גייט!

— און דער גבאי פון דער חברה־קדישא! — לויפט דורך, ווי אַ

שאָרך, די פֿאַרזאַמלטע, און ס׳ווערט געמאַכט אַ וואָרע פֿאַר אים מיט זעליק פישער.

שטום טרעטן זיי אַריבער די שוועל. דער ״גוטנאַוונט״ בלייבט שטעקן הינטער די ליפּן. אונטער דער כמעט פֿינצטערער סטעליע הענגט די טונ־קעלע שיין פֿון אַ שוואַך אַרויסגעדרייטן לאָמפּ. אין אַ ווינקל שטוב שטייט אַ הילצערן, נישט־געפֿאַרבט בעט, פֿאַרשוואַרצט פֿון אַלטקייט, מיט קויטיק בעטגעוואַנט דערויף. פֿון דער קויִטיקער קישן בלאַסט דאָס פּנים פֿונעם שכיב־מרע.

— זאָלן די נשים אַרויסגיין! — טוט הייזעריקלעך אַ באַפֿעל זעליק פישער מיטן כּוח פֿונעם רבֿ און זיין אייגענעם ווי דער גבאי פֿון דער חבֿרה־קדישא, און אַ ווייז באַפֿעלעריש מיט די גלעזערנע אויגן אויף קאַלעניקן, וואָס שטייט, ווי אַ שאָטן, אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן אין אַ וואַנט, צו וועלכער די שיין דערגרייכט נישט, — און דער באָרוועסער שגץ מיטן באָרוועסן קאָפּ אויך!

אַהרונקעקעכע מיט דער טאָכטער, וואָס איז היינט געקומען מיטן מאַן פֿון לודמיר, און יאַנטעוועכע מיט זאַלמעסאַניעכען שלייכן אַרויס. הינטער זיי — קאַלעניק, וואָס האָט דאָך פֿאַרשטאַנען דעם ייִדישן באַפֿעל וועגן אים, מיט בײדע האַנטפּלאַכן אויפֿן קאָפּ, ווי אַן אַרעסטירטער; ער איז דאָך טאַקע ערשט נישט לאַנג צוריקגעקומען פֿון דער תּפֿיסה אין לודמיר.

פֿון די דריי שטייענדיקע מאַנצבל דאָ אַרום טיש: אַוראָמטשיק דער בכור, וואָס איז דאָ פֿון דאָרף נאָך פֿון נעכטן, שמיליק דער איידעם און זיינוועלע דער מיזינעק, — טוט זיינוועלע אַ נעם אַ שטול פֿון טיש, אַ שטעל אַנידער, אָן אַ וואָרט צו זאָגן, לעבן חולהס בעט און קערט זיך אום צוריק.

— רבֿ, זעצט זיך זייט מוחל . — פֿאַרבעט אים, שטאָט זיינוועלען, וואָס האָט נישט געסמייעט, דער גבאי פֿון דער חבֿרה־קדישא מיטן טאָן פֿון אַ צייטווייליקן באַלעבאָס דאָ. און אַליין שטעלט ער זיך ביים בעט צופֿוסנס און שפּאַרט זיך אָן איינגעבויגן מיט אַן עלנבויגן אויפֿן בעט־ווענטל.

זעצט ער זיך, דער רבֿ, און טוט זיך אַ שאָקל צום שכיב־מרעס פֿאַרמאַכטע אויגן:

— גוט נאַוונט, רב אַהרון.

די דריי ביים טיש, שטייענדיקע און שווייגנדיקע, קוקן זיך איבער מיט איינגעהאַלטענער שטוינונג: ר ב אַהרון רופט ער אים?!

דעם שכיב־מרעס פּנים — מאָגער, קנאָכיק, בלאָס־געל, ווי ווייס־לעכער וואַקס אויף יום־כּיפּור־ליכט. די שיטערע האָר אַרום דער שוואַר־צער, אָפּגעשאָסענער און פאַרפּוכטער יאַרמלקע מיט די האָר פונעם צע־קאָשמעטן בערדל־און־פּאות — ווי דאָס געשפּרייטע היי אויף דער פּאָד־לאָגע אין בית־מדרש אום יום־כּיפּור. פאַמעלעך עפענען זיך זיינע ווִיעס, ווי פון זיך אַליין. די אויגן, אויסגעלאָשענע, ווי פון אַש, בלאָנדזשען אום אַ ווייל. אַ שוואַך־שוואַך פינקעלע טוט זיך אַ צינד אין זייער בליק. זיינע טרוקענע, געשרומפּענע ליפּן, ווי שאָלעכצן, נעמען זיך באַוועגן שוואַך און ברענגען נישט אַרויס קיין שאָרך אַפילו.

— האָסט געשיקט מיך רופן, רב אַהרון, — בייגט זיך דער רב צו אים נעענטער, און זיינע ווערטער זענען דורכגעזאָפּט מיט עגמת־נפש, — זענען מיר געקומען. איז וואָס ווילסטו אונדז זאָגן?... „אַדוני יסעדך על ערש דוי״ — דער אייבערשטער זאָל דיך אונטערלענען אויפן קראַנקנ־בעט...

דעם שכיב־מרעס טרוקענע ליפּן באַוועגן זיך ווידער. זיי צעעפענען זיך, און פון זיין מויל קומט אַרויס אַן אָטעם־אַרויסלאָז און אַ געשעפּטש פון ווערטער מיט הפסקות:

— רבי... רבי... שוין... צווייַ... יאָר... אַהרונקע... גנב... ווייטיקן... יסורים... שרעק... לעכע... גיהנום... פאַרדינט... כשר... פאַרדינט...

די ווִיעס לאָזן זיך אים צוריק אַראָפּ אויף די אויגן. די ליפּן פאַרמאַכן זיך, צוקן.

— דער פאָטער אין הימל איז מוחל. — טרייסט אים מילד דער רב. — ער פאַרגיט די וואָס האָבן חרטה אויף זייערע זינד און טוען תשובה. דו האָסט דאָך ערשט, ווי כ׳פאַרשטיי פון דיינע ווערטער, חרטה און טוסט תשובה אין האַרצן... דו הערסט, רב אַהרון? די הייליקע ספרים זאָגן: „יסורין ממרקין...״ — יסורים רייניקן דעם מענטשנס זינד. דער אייבער־שטער שטראָפט אויף ד ע ר וועלט, כדי מע זאָל קומען ריין אויף י ע נ ע ר וועלט...

דעם שכיב־מרעס ליפּן באַוועגן זיך ווידער, ווי זיי וואָלטן זייגן דעם רבס רייד.

— וואָס נאָך ווילסטו זאָגן ? — וויל דער רב ביי אים אַרויסציִען נאָך עטלעכע ווערטער און פאַרגלאָצט די אויגן צו דער פינצטערער סטעליע, ווי אין תפילה, — טאַטע־פאָטער, "חזקהו ואמצהו" — שטאַרק אים און פעסטיק אים. גיב אים כוח צו עפענען און אָפּן האַלטן די אויגן, צו באַוועגן מיט די ליפּן און אַרויסברענגען אויף זיי זיין מחשבה.

און, ווי די תפילה איז, צו דער שטוינונג פון דעם גבאי פון דער חברה־קדישא, גלייך אָנגענומען, עפנט ווידער דער שכיב־מרע די אויגן, באַוועגט שטאַרקער מיט די ליפּן, און ס'קומט פון זיי אַ געשאָרך פון ווערטער :

— שמהס... שמהס... רבי... רבי...

דער גבאי טוט שטיל און שנעל אַ גיי אַריבער פון דעם צופוסנס צום צוקאָפּנס און בייגט אַריבער דעם קאָפּ זייטיק מיט אַן איינגעהאָרכטן אויער צום שכיב־מרעס קאָפּ.

— וו אָ ס שמהס ? — שעפּטשעט דער רב מיט היציקן אָטעם. — וואָסערע שמהס, רב אַהרון ? טו זיך אָן אַ כוח...

— בית־מדרש... אָרון־קודש... געגנבעט... אין... ששש... זזז...

דער גבאי זאָגט אים נאָך וואָרט נאָך וואָרט אויף אַ קול :

— בית־מדרש... אָרון־קודש... געגנבעט... אין... ששש... זזז...

דאָ מאַכט דער שכיב־מרע אַן אָנשטרענג. זיין געשעפּטש העכערט זיך, ווערט קלאָנגיקער, באַפּעלערישער :

— זיינ...וול !

די זין מיטן אײדעם, די גאַנצע צייט שטייענדיקע, שווייגנדיקע, די אויגן אויסגעגאָסלאָפּעט צום רבס פּלייצע, די אויערן אָנגעשטעלט אויפ־צוכאַפּן עפּעס, — טוען זיך אַ לאָז אויף די פינגערשפּיצן צום בעט.

— וואָס אי׳, טאַטע ? — טוט זיינוועלע טיפער אַ צי אַראָפּ דעם לאַקירענעם דאַשעק, בייגט אַראָפּ צו אים דעם קאָפּ און קוקט אים פון אונטערן שאָטן פון דאַשעק אין די אויגן אַריין מיט אימה אין זעענדיקן אויג.

— האָרך... — שעפּטשעט דער טאַטע, און דער גבאי חזרט איבער

אויף אַ קול, — האַרך... צוואה... זאָלסט... ווייזן... ווייזן... דעם רב... אין שטאָל... די שמהס... שמהס... באַג... ראָבן... כ׳ששש... טאַאַ...

— כ׳שטאַרב. — חזרט איבער דער גבאי.

— רחמנא־ליצלן! — טוט דער רב ווי אַ שפרונג אונטער פון דער שטול. — וואָס מיינע אויערן האָבן פאַרנומען! וואָס מיין שכל האָט באַנומען! די הייליקע שמהס — אין שטאָל!

— כ׳על ווייזן, טאַטע. — טוען די דריי ווערטער אַ כאַרכל אַרויס מיט אַ כליפּ פונעם זונס טרוקענעם האַלדז, און ער פאַרקערעוועט דאָס פּנים צום שטייענדיקן רב:

— רבי, כ׳על ווייזן דעם רבין דאָס אָרט. וועל העלפן אויסגראָבן. ווי איך בין אַ... אַ געמלעטער... בעטס גאָט, רבי, פאַר מיין טאַטנס נשמה... פאַר אונדזערע אַלע נשמות דאָ...

דער רב קוקט מיט אַ צערודערט־פאַרשנדיקן בליק אין זיינוועלעס אויגן אין שאָטן פונעם דאַשעק. ווישט זיך איבער מיט דער רעכטער האַנטפלאַך זיין זיך־קנייטשנדיקן שטערן אונטערן ראַנד פון קאַפּעליאַש. דערנאָך טוט ער זיך אַ וויש אַראָפּ איבער די אויגן, קוקט פאַר זיך און רעדט, ווי צו זיינוועלען, גלאַט אין דער וועלט אַריין:

— די גמרא זאָגט: ״יש קונה עולמו בשעה אחת״ — סע טרעפט, איינער קויפט זיך איין עולם־הבא אין איין ווייל... ע ר האָט זיך איינגעקויפט... א י ך, איך ווייס?...

ער טוט זיך אַ בייג אַראָפּ, און מיטן קאָפּ צום שכיב־מרעס פּנים:

— רב אַהרון, איך אירץ אייך. איר קאָנט איינשלאָפן במנוחה. די הייליקע גמרא איז אייך מבטיח עולם־הבא... אויך — אייער זיינוולען... און אַלע אייערע, אויב זיי וועלן פון היינט אָן גיין אויפן דרך־הישר, וואָס איר האָט זיי אָקערשט אָנגעוויזן... די שמהס וועט געטאָן ווערן זייער הייליקע רעכט.

דעם שכיב־מרעס אויגן זענען צו אים אָפן, פאַרגליווערט. ווי גלאָז. אויף זיין שטערן לאָזט זיך אַראָפּ אַ שאָטן און פאַרהילט דאָס גאַנצע פּנים. אויף זיינע שלייפן גייען אויף אַנגסט־טראָפּנס, ווי טוי. די בלאָסקייט פון פּנים ווערט בלאַסער, און די געלקייט — געלער. וואַקס־געלקייט. פון

זיין האַלדז לאָזט זיך אַרויס אַ כאָרכלדיק פּייפן און חזרט זיך איבער. אין די ליפּן־ווינקלען בלעזלט זיך סמאַהע.

— רב, — גלייכט זיך אויס מיט אים דער גבאי און זאָגט שטיל, — ס׳הייבט זיך אָן די גסיסה.

אין דעם מאָמענט עפנט זיך די טיר, און ס׳קומט אַריין שיקל שמש.

— זעליק, — זאָגט דער רב שטיל־שטיל צום גבאי, — דו, ווי דער גבאי פון דער חברה־קדישא, בלייבסט דאָ. וועסט זיי לערנען ווי זיך נוהג צו זיין. מיך וועט שיקל אָפּפירן אַהיים. מע דאַרף מעיין זיין אין ספרים וועגן דעם ענין שמהס. סע שטייט דיר פּאַר אַ סך הייליקע מי היינטיקע נאַכט. אַז וועסט שוין קאָנען פון דאַנען אַוועקגיין, קום גלייך צו מיר. אויב וועסט זיך לאַנג פאַרזאַמען, וועל איך שיקן צו דיר שיקלען, דיר צו זאָגן מכוח די שמהס, וואָס דו האָסט צו טאָן.

זיינע שטילע רייד מישן זיך אויס מיטן געכאָרכל פונעם גוסס.

דער רב גייט אַרויס מיטן שמשל הינטער זיך. הינטער זיי ברעכט אויס אַ ווייבעריש געוויין און יאָמער. ס׳דאַכט זיך: די סטעליע ווערט דאָרט אויפגעריסן פון די יללות. זיי גיסן זיך אַריין אין דער פינצטערער נאַכט.

## נט

עלף אַ זייגער אין דער פרי זעט דאָס שטעטל אויס ווי ס׳וואָלט זיין היינט שבת. די געסלעך און גאַסן — ליידיק, די קלייטן און יאַטקעס — געשלאָסן. ס׳הערט זיך נישט דער שטענדיקער, כסדר זיך איבערחזרנדי־קער הילכקלאַנג פון האַמער אויף קאָוואַדלע פון די קוזניעס אין עק שטעטל מיט זיין ווידער־הילכקלאַנג פונעם האַריזאָנט הינטערן טייך אין צוויטן עק שטעטל. אַפילו קיין הינטיש בילן הערט זיך נישט, כאָטש ס׳איז דאָ אַ בר־מנן אין שטעטל. ווי די הינט וואָלטן אָנגעניוכעט, אַז הינטשלעגער זענען געקומען, און זיי באַהאַלטן זיך אויס ערגעץ אין די אַרומיקע דערפער.

— ווי מען וואָלט נעכטן ביי נאַכט געלערנט מיט זיי, מיט די לוהיסקער כלבים, דעם פּסוק: ״ולכל בני ישראל לא יחרץ־כלב לשונו״ —

אָבער קעגן אַלע קינדער פון ישראל וועט אַ הונט נישט שאַרפן זיין צונג. — זאָגט שמעלקע, דער איינציקער נ״ך־מלמד אין שטעטל, צו זיינע תלמידים, בעת ער פאַרלאָזט צוזאַמען מיט זיי דעם חדר.

בלויז פון צייט צו צייט פליט פאַרביי אַ וואָראָנע פון די ביימער אַרום דעם מאָנאַסטיר צום קאַטוילישן צווינטער און שניידט דורך די ליכטיקע שטילקייט מיט אַ שוואַרצן דרייגאָרנדיקן: ״קראַ! קראַ! קראַ!״.

דאָס גאַנצע שטעטל געפינט זיך ערשט דאָ, אויפן רחבותדיקן פּלאַץ פאַרן בית־מדרש. מאַנצבל און ווייבער, אַלט און יונג, קינד און קייט. און צווישן דעם עולם — די מלמדים מיט זייערע חדרים. די דרדקי־מלמדים: מאיר לייב מיטן געברעכעניש און דער תלמוד־תורה מלמד; די מיטלסטע מלמדים: שמעלקע און איטשע חיים, און די סאַמע גרעסטע: משה יאָסל איטשעס און ידידיה קלעוואַנער. מע שמועסט צווישן זיך. ווי קאָן מען עס איצטער נישט שמועסן? אָבער איינגעהאַלטן־שטיל. נאָר ווייל דער עולם איז אַזאַ גרויסער, באַקומט זיך אַ גערויש. אַ גערויש, וואָס איז פון דעסט־וועגן שטילקייט. אַ שטילקייט, וואָס טוליעט זיך אין אימה אין זיך אַריין. די אויגן, סיי פון די שמועסנדיקע און סיי פון די שווייגנדיקע, זענען גע־וואָנדן צו די הילצערנע צוויי פליגל פון דער ברייטער, אויפגעפּראַלטער טיר אין דעם פינצטערן פּאָליש אַריין.

פון דאָרט דאַרף עס אַרויסקומען דאָס, וואָס אַזעלכעס האָט נאָך קיינער זינט ער לעבט נישט געזען.

מיט אַ מאָל טוט פון בית־מדרש אַ שאַל אַרויס אַ קול־שופר. דער גערויש ווערט אַנטשטומט. ס׳פאַרשפּאַרט ביים עולם דעם אָטעם. פון דער פינצטערניש פונעם פּאָליש באַווייזן זיך דער רב און דער גבאי פון דער חברה־קדישא. אויף זייערע אַקסלען — די פאָדערשטע דרענגלעכקן פון אַ שפּאָגלנייער מיטה. זי איז איבערגעדעקט מיט אַ טונקעלן, פאַרגעלטן טלית. אירע הינטערשטע דרענגלעכקן ליגן אויף די אַקסלען פון מרדכי שוחט און גרשון שניטקרעמער — די צוויי תמיד־צעקריגטע ייִדן, וואָס טאָקע נאָר אַ מיטה קאָן זיי צוזאַמענהאַלטן אַקסל צו אַקסל. אַלע דאָ ווייסן שוין וואָס פאַר אַן אויסטערלישער בר־מנן סע רוט אויף דער מיטה אונטערן טלית: דריי שמאָלע, מיט ערד אָנגעשטאָפּטע, זעקלעך. נעכטן ביי נאַכט, נאָך חצות, האָבן דער גבאי פון דער חברה־קדישא, מיט זיין

פרומען אײדעם, יואל לייבס, מיט יאַנטעוו באַגרעבער און נאָך צוויי חברה־קדישא־לייט אויסגעגראָבן די ערד ביי אַהרונקע באַלעגאָלע אין שטאַל — וויי־וויי! די ערד מיטן פוילעכץ פון די שמהס, אַרויסגעגנבעטע אַנומלט פון אונטערן אָרון־קודש. די נושאים בלייבן שטיין אויפן בריקל פאַרן פּאָליש.

די אָנגעשפּאַנטע, אימהדיקע שטילקייט טוט מיט אַ מאָל אַ ברעך אויס מיט אַ ווייבערישן, האַרצרייסנדיקן יאָמער. ווי אַלע מאַמעס דאָ וואָלטן זיין איין גרויסע מאַמע, און אויף דער מיטה וואָלט מען אַרויס־געטראָגן איר בין־יחיד, וואָס איז פּלוצעם אונטער דער חופּה געשטאָרבן.

דער רב טוט אַ בליק צום חברה־קדישא־גבאי, און יענער פאַרשטייט דעם רמז, הייבט אויף די פרייע האַנט און לאָזט אַרויס פון מויל אַ:

— ששש!

דער "ששש!", וואָס שוועבט אַריבער פון צונג צו צונג פאַרביי די ליפּן איבערן גאַנצן פּלאַץ, ווי שאָרך פון ווינט דורך ביימערבלעטער, און דער צייכן פון דער אויפגעהויבענער האַנט שטילן איין דעם יאָמער. דער רב פאַרמאַכט די אויגן, שאָקלט אַ וויַל מיטן קאַפּעליאָש און נעמט זאָגן אַ הספּד מיט דערשלאָגן געמיט און טרערנדיק קול:

— — די הייליקע שמהס זענען געלעסטערט געוואָרן. מבוזה און טמאר ערד. אונטער פערדיש קויט. געטרעטן פון פערדישע פּידקאָוועס. אויב אונדזער קהילה־קדושה איז צוליב דעם נישט חרוב־ונחרב געוואָרן, רחמנא־ליצלן, איז עס נאָר וויַל אונדזער פאָטער אין הימל איז אַ קייל־רחום־וחנון. ער האָט זיך אויף אונדז דערבאַרעמט "כרחם אב על בנים".*

— — די הייליקע שמהס האָבן זיך געוויקט אין טומאה. אָבער אויך אין דער טומאה זענען זיי פאַרבליבן הייליק. וואָרן וועגן דער שכינה אַליין ווערט דאָך געזאָגט: "השוכן אתם בטומאתם" — וואָס רוט אין מיטן פון זייער אומריינקייט. די ייִדן, אַפילו ווען זיי זענען, חלילה, טמא פון זינד, רוט די שכינה צווישן זיי. די הייליקע אותיות פון די שמהס האָבן זיך אָפּגעריסן פונעם פּאַפּיר און אַרומגעשוועבט דאָ, דאָ איבערן מקום־קדוש, דעם מקדש־מעט. ווי ס'האָט געזאָגט איינער פון די הרוגי־מלכות, רבי

---

* ווי אַ טאַטע דערבאַרעמט זיך אויף די קינדער.

חנינא בן תרדיון, וועגן דער ספר־תורה, וואָס די רשעים האָבן דערמיט אַרומגעוויקלט זיין הייליקן גוף און אונטערגעצונדן. ער האָט געזאָגט: "גווילים נשרפים ואותיות פורחות" — די פּאַרמעטן ווערן פאַרברענט, און די אותיות שוועבן אַרום... — —

זיינע רייד, באַגלייטע מיט כליפּערייען און איינגעהאַלטענעם געי־יאָמער, ווערן איבערגעריסן פון אַן אָנשווימענדיקן געיאָמער פון אַ זייט ערגעץ. אַלע פּנימער טוען זיך אַהין אַ ווענד. פון אַ געסל אַרויס באַווייזן זיך פיר אירע, וואָס טראָגן אַ מאָגערע און לייכטע מיטה מיט אַ בר־מנן. מע ווייסט: דער בר־מנן איז אַהרונקע באַלעגאָלע, וואָס איז פאַר טאָג, נאָך אַ שווערער גסיסה, אויסגעגאַנגען. אַט דערקענט מען שוין די נושאים: פון פאָרנט — דעם בר־מננס בנים, אַוראָמטשיק און זיינוועלע, וואָס טראָגט איצט אַ היטל נישט מיט קיין לאַקירענעם דאַשעק, און פון הינטן — זיין איידעם, שמיליק באַשלעגער, און זייער שכן, וואָלף "שיקסע"־שניידער. הינטער זיי גייט נאָך אַ געזעמל קלאָגנדיקע ווייבער: די אַלמנה און זייער טאָכטער, יאַנטעוועכע די באַגרעבערקע, זאַלמעסאַניעכע און וואָל־פעכע די... (איצטער טאָר מען אַפילו אין דער מחשבה די ווערטער נישט אָפּערברענגען). און הינטער זיי, איינע אַליין, ווי אַ הויכער שוואַרצער שאָטן — די "אַמעריקאַנקע", די טאָכטער פון פּנחס ארץ־ישראלניק, חיה זעלדע. די וואָס גייט יעדן דאָנערשטיק איבער די הייזער זאַמלען פאַר אָרעמע לייט און אַז עס פעלט איר צו, דערלייגט זי פון אייגענעם קניפּל... וואָס פאַר אַ מחותנתטע איז זי דאָ אויף דער "חתונה"? זי איז דאָך זייערע — נישט קיין קרובה און נישט קיין שכנה אַפילו? איר וואָלט דאָך גיכער געפּאַסט שטיין פאַריטש דעם רב... און ווער גייט עס דאָרט פון וויטן הינטער איר? עפּעס אַ נישט־קענטלעכער פאַרשוין... ווי נישט קיין היגער גאָר... אַהאַ — קאָלעניק!... אַז דאָס ערשטע מאָל זעט מען אים זומער מיט אַ היטל אויפן קאָפּ... אַפילו אַ גוי, להבדיל...

אויפן מרוק און באַפּעלערישן ווונק פונעם חברה־קדישא־גבאי בלייבן די נושאים שטיין מיט דער מיטה אין אַ זייט, און אַ "ששש!" מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט שטילן איין דאָס געזעמל באַגלייטנדיקע יאָמערנ־דיקע ווייבער.

דער רב לאָזט אויס דעם הספד אויף די שמהס און גייט איבער מספּיד

צו זיין דעם צוגעבראַכטן בר־מנן — רב אַהרונען, וואָס איז די דאָזיקע מאוימדיקע זינד, רחמנא ליצלן, באַגאַנגען.

— די גמרא זאָגט: "מקום שבעלי־תשובה עומדין שם" — אויפן אָרט ווו בעלי־תשובה שטייען דאָרט, "צדיקים אינן עומדין שם" — שטייען דאָרט נישט קיין צדיקים. רב אַהרון האָט אין די לעצטע רגעס פון זיין זינדיק לעבן חרטה געהאַט און תשובה געטאָן. און דערמיט האָט ער זיך איינגעשאַפן זיין גרויסן חלק עולם־הבא. און דערפאַר איז ער ערשט זוכה, זיין מיטה זאָל געטראָגן ווערן הינטער דער הייליקער מיטה מיט די שמות, האָבן מיט זיי אַ בשותפותדיקע לוויה. מיר זענען ערשט מלווה, נישט נאָר אַ הייליקייט, נאָר אויך דאָס געביין פון אַ בעל־תשובה.

— — אַנומלט איז צו מיר געקומען אונדזער שוחט, רב מרדכי, זיך אויסטענהן מיט מיר. — „רב, — האָט ער אָנגעהויבן, — זאָל דער רב נישט האָבן אויף מיר פאַריבל. איך האָב נאָר וואָס געהערט מיין איידעם לערנען אין דער גמרא: ,כל מקום שיש חילול־השם' — ווו נאָר ס'איז פאַראַן חילול־השם ,אין חולקים כבוד לרב' — טיילט מען נישט צו קיין כבוד דעם רב"". און וואָס איז געווען זיין טענה? "סטייטש און סטייטש, — האָט ער געטענהט, — ווי דערלאָזט עס דער מרא־דאַתרא, אַז לייט פון זיין עדה זאָלן רופן אַהרונקע באַלעגאָלע "רבי"? ! אַפילו אַ באַלעגאָלע איז ער דאָך נאָר בגלוי, און ס'ווייסט די גאַנצע עדה, אַז בסתר פאַרנעמט ער זיך מיט גאָר אַן אַנדער מלאכת־יד... איז דאָך עס אַ זילזול־צדיקים און חילול־שם־תלמידי־חכמים? !". אַזוי האָט ער צו מיר האַרב געטענהט. אין פלוג, האָב איך זיך געטראַכט, איז ער דאָך כולו־גערעכט. פון דעסטוועגן האָב איך אים געפּרווט מדחה זיין בקש*: "די גמרא דערציילט, אַז דער תנא רבי שמעון בן לקיש איז אין זיינע יונגע יאָרן געווען אַ לסטים, אַ רויבער הייסט עס". האָט ער זיך נישט געלאָזט, רב מרדכי, און מיך געפרעגט אַ האַרבע קשיה: "אָבער רבי שמעון בן לקיש האָט מען גערופן רבי, נישט דעמלט ווען ער איז נאָך געווען אַ לסטים, נאָר שפּעטער, ווען ער איז שוין געגאַנגען אויפן דרך־הישר פון יראת־שמים און תורה, ווען ער איז שוין געווען אַ תנא. אָבער "בנידון דידן"** רופט מען אים דאָך

* מיט גאָרנישט.

** אין אונדזער ענין.

אַזוי, ווען ער איז דאָס וואָס ער איז? און ער קלייבט זיך נישט, דאַכט זיך, דער דאַזיקער באַלעגאָלטשיק ביי טאָג און לקחנער ביי נאַכט, ווי להבדיל, ריש־לקיש דער לסטים, אַרויפצופאָרן אויפן דרך־הישר?". נו, וואָס פאַר אַ תירוץ האָב איך אים דערויף געקאָנט ענטפערן? כ׳האָב צענומען די הענט און אָפּגעזיפצט. אויף אויסצורופן דערויף אַן איסור בפרהסיה און מקום־קדוש, ווי רב מרדכי האָט עס פאַרלאַנגט, האָב איך נישט געפונען קיין אַסמכתא, נישט אין דער גמרא און נישט אין די פוסקים. אָבער איצט האָב איך, אַ לויב דעם אייבערשטן, אַ תשובה דערויף: אָט אַפּנים, אַז די השגחה אַליין האָט אויף דעם דאָזיקן צונאָמען געגעבן איר הסכמה — זאָל ער גערופן ווערן רבי על־שם סופו*. היינט איז ער — רב אַהרון דער בעל־תשובה. און ס׳איז פאַר אונדז אַ גרויסער זכות צו טראָגן אים אויף אונדזערע נידעריקע אַקסלען צום עולם־האמת. דערפאַר טאַקע איז אונדזער שטעטל נישט חרוב־ונחרב געוואָרן דעמלט צוליב דעם חטא פון די שמהס, ווייל די השגחה־העליונה האָט געוואָרט אויף רב אַהרונס תשובה, וואָס וועט זיכער קומען. ווי די גמרא זאָגט אויף אַ צווייט אָרט: „תשובת המוחלטין" — דאָס תשובה־טאָן פון רשעים גמורים, „מעכבת הפורענות" — פאַרהאַלט די שטראָף. דאָס דאָזיקע איז חל אויך אויף צוריק. דערפאַר זאָגן מיר אין „מזמור שיר ליום השבת": "מה גדלו מעשיך אַדוני" — ווי גרויס זענען דיינע מעשים, גאָט! "מאד עמקו מחשבותיך" — טיף ביז גאָר זענען דיינע טראַכטונגען — —

אויסגעלאָזט דעם הספד, ווערט געמאַכט אַן "אל מלא רחמים". ער ווערט באַלד פאַרפלייצט פון אַ געיאָמער, וואָס ברעכט אויס, דאַכט זיך, שוין אויף נישט זיך איינצושטילן.

די נושאים מיט די מיטות רירן פונעם אָרט, אַ מיטה הינטער אַ מיטה. דער עולם טוט זיך אַ לאָז נאָך זיי. פון הינטער דער צווייטער מיטה לאָזט זיך הערן אַן אומעטיק־פייערלעך געזאַנג פון אַ קינדער־געזעמל. דאָס געזאַנג מישט זיך אויס מיטן געיאָמער, מאַכט אים איידע־לער און וואָס ווייטער אַלץ שטילערער. דאָס זינגען עס דעם "יושב בסתר עליון" בערל מלמד "מיט די לעקעלעך", דער תלמוד־תורה־מלמד, מיט

---

* צוליב זיין סוף.

זיינע תלמידים. זיי גייען אים נאָך, ווי אַ טשערעדעלע שעפּסעלעך זייער פּאַסטעך. אַז ער דרייט אויס דעם קאָפּ און טוט מיט אים אַ שאָקל צו די קינדער, אונטערצוגעבן זיי חשק, צעטרייסלען זיך זיינע געקרייזלטע זיל־בערנע פּאות, און זיין ייִנגסטן תלמידל, הערשעלע מאָטישל באַלעגאָלעס, מיט די גרויסע, בלויע פאַרחלומטע אויגן, דאַכט זיך, אַז ער הערט ווי דעם רבינס לעקעלעך־גלעקעלעך קלינגען...

צווישן דעם געדיכטן באַגלייטנדיקן עולם שמייעט אַרום אייליק־רירעוודיק, גאָרנישט לויט זיינע יאָרן שוין, יאַנטעוו באַגרעבער. ער פּאַכעט מיט זיין בלעכענער פּושקע אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט, עפּעס ווי מיט אַ פּייערלעכער פריילעכקייט. אויך די פּושקע לאָזט הערן פון זיך אַרויס עפּעס ווי אַ פריילעך קלאַפּן פון קופּערנע מטבעות אינעם בלעך, ווי צו פאַרטומלען זיין אומעטיק־זינגעוודיקן אויסגעשריי מיט הפסקות:

— צדקה תציל ממות!... צדקה תציל ממות!... צדקה תציל ממות!...

*

דער בית־מדרש־פּלאַץ איז שוין אָפּגעליידיקט און זעט אויס נאָך רחבותדיקער. איינער אַליין שטייט דאָ שימענקע שטאָט־לץ... פאַר וואָס איז ער נישט נאָכגעגאַנגען דער לוויה? אַפילו קאַלעניק איז דאָך נאָכגע־גאַנגען!... דאָס מאָל קומען נישט אויף קיין לצנותדיקע מחשבות אין זיין קאָפּ. ער איז ערשט ערנסט, נישט נאָר לפנים, ווי געוויינלעך, נאָר אין דער טיף פון זיין געמיט. ער הערט אַליין נישט וואָס ער רעדט צו זיך אַליין:

— זע, אַז אַ מענטשן איז באַשערט, מעג ער זיין אַ גאַנץ לעבן אַ „רבי" פון אַ גנבים־באַנדע, באַגראָבן שמהס ביי זיך אין שטאַל, און פון דעסט־וועגן — שטאַרבן ווי אַ צדיק, האָבן אַ שענערע לוויה פון אַ רבין... המם, און וואָס וועט דיר באַשערט זיין, שימענקע שטאָט־לץ?...

ער קוקט זיך אַרום אין דער ליכטיקער ליידיקייט. האָרכט זיך איין אין דער שטילקייט אַרום. ווי ער וואָלט זוכן אומגעזועענע צוהערער צו זיינע שטילע רייד. אין דער אמתן זוכט ער גאָר אין אייגענעם שאַרבן

עפּעס אַ מחשבה. אין אייגענעם געמיט — עפּעס אַ געפיל. און אָט געפינט ער זיי. ברענגט זיי אַרויס אין הפסקות מיט ווערטער־געשעפּטש:

— כ'דאַרף ערשט גיין נאָך אַן אייגענער לוויה... ס'ליגט אין מיר, ווי אויף אַ מיטה, אַ בר־מנן — דער לץ... ווער ווייסט?... אפשר האָט אויך ער, דער לץ, אַ זכות אין הימל... המם, פאַרן דערפרייען מיט זיין לצנות... אַ סך געשלאָגענע הערצער פון לוהיסקער יידן... יאָ, איך דאַרף שוין גיין נאָך זיין לוויה... ווער וועט אים מאַכן דעם "אל מלא רחמים"? טאַקע איך אַליין?...

דאָ דערזעט ער: פון אונטער די גאָרנטרעפּ פון דער ווייבערשיל קומט אַרויס הערצעלע דער שטאָט־משוגענער. אין די אָפּגעריסענע־אָפּגעשליסענע בגדים, מיטן אַנטבלויזטן צעשויבערטן קאָפּהאָר און אַנטבלויזטער ווילדבאַוואָקסענער ברוסט, שלייכט ער באָרוועס, אַ שטאָלץ־אויפגעשטרעקטער, מלכותדיק, איבער דעם בית־מדרש־פּלאַץ. זיינע אויגן זענען אַראָפּגעלאָזט, און דער בליק זוכט פאַר זיך אין דער נידער. ווי נאָר דער בליק דערטאַפּט אַ שטיינדל, טוט ער זיך האַסטיק אַ בייג־אַראָפּ אין דער העלפט, אַ הייב עס אויף און אַ וואָרף עס אָפּ אין דער זייט... אויף צוריקוועגס וועט ער דאָס זעלבע שטיינדל ווידער טאָן אַ כאַפּ און אַ וואָרף עס אָפּ אין דער זייט. און אַזוי ווידער און אָבער. זיינע דיקע, ווי געשוואָלענע, צונויפגעפּרעסטע לעפּצן לאָזן נישט אַרויס קיין מינדסטן קלאַנג.

ווען הערצעלע גלייכט זיך אויס נאָענט מיט אים, טוט ער אים אַ רוף:

— הערצעלע!

— וואָ'סי? — בלייבט הערצעלע שטיין, נישט ווענדנדיק צון אים דאָס פּנים, ווי געפרעגט אין דער וועלט אַריין.

צווישן דעם שטאָט־לץ און דעם שטאָט־משוגענעם פאַרבינדט זיך אַ שמועס. שימענקע רעדט צון אים, און ער — צו דער וועלט:

— זאָג מיר, הערצעלע, וואָס טוסטו דאָס?

— פאַרשטייסט נישט אַליין? כ'ראָם אָפּ די שטרויכלונגען פונעם וועג.

— פאַר וועמען, הערצעלע, ראַמסטו אָפּ די שטרויכלונגען פונעם וועג?

— פאַרשטייסט נישט אַליין? פאַר משיחס אייזעלע...

— אַזעלכע קליינע שטיינדלעך קאָנען זיין שטרויכלען?

— "אַל תסתכל" — קוק נישט וואָס זיי זענען קליין. סע ווייזט זיך נאָר אויס אַזוי.

— און אין דער אמתן, הערצעלע?

— אין דער אמתן? פאַרשטייסט נישט אַליין? איטלעך שטיינדל איז אַ פאַרשטיינערטע גרויסע "נעווייִרע"...

— איז ווען זשע, הערצעלע, וועט עס קומען, דאָס אייזעלע משיחס?

— ווען סע וועט קומען? פאַרשטייסט נישט אַליין? ווען אַלע שטיינדלעך וועלן זיין אָפּגעראַמט פונעם וועג.

— ווען וועלן אַלע שטיינדלעך זיין אָפּגעראַמט?

— ווען אָפּגעראַמט? פאַרשטייסט נישט אַליין? ווען אַלע לוהיסקער ייִדן וועלן ווערן הערצעלעך. טאָן וואָס הערצעלע טוט.

— און וואָס ווערסטו דעמלט ווערן, הערצעלע?

— וואָס איכל ווערן? פאַרשטייסט נישט אַליין? איכל ווערן דער מלך־המשיח.

ער טוט זיך נאָך שטאָלצער, נאָך מלכותדיקער אַ שטרעק אַרויף. לאָזט זיך ווייטער שלייכן זיין וועג. די אויגן אַראָפּגעלאָזט, דער בליק פאַרויס, לוגנדיק נאָך אַ שטיינדל אויף דער ערד.

שימענקע קוקט נאָך זיינע באָרוועסע, געל־שוואַרצע פּיאַטעס און שעפּטשעט ווידער צו זיך אַליין:

— אין זיינע משוגענע רייד איז דאָ עפּעס אַ קלאָרער יאָדער... אויב אַהרונקע האָט געקאָנט ווערן אַ בעל־תשובה, קאָן הערצעלע דער שטאָט־משוגענער ווערן משיח... און איך?... איך ווער, דאַכט זיך, אַ הערצעלע דער שטאָט־משוגענער...

ווען הערצעלעס באָרוועסע פּיאַטעס פאַרשווינדן פון זיין בליק, לאָזט ער זיך, די אויגן אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, מיט קליינע, פאַרטראַכטע, שבתדיקע טריט פאָרויס. דערזען אַ שטיינדל, טוט ער זיך אַ בייג אַראָפּ, אַ כאַפּ עס און וואַרף עס אָפּ אין אַ זייט און אַ זאָג זייער ערנסט:

— שימענקע שטאָט־לץ, פול מיט שטרויכלען איז דער וועג... פונעם מענטשן... פון משיחס אייזעלע... המם...

קיינער זעט נישט, קיינער הערט נישט, ווי דער שטאָט־לץ צעלאַכט זיך פון זיינע אייגענע רייד.

# ביכער פונעם מחבר נאָכן עולה זיין קיין ישראל

„מיין האַרץ־רייזע", לידער, פאַרלאַג י. ל. פרץ, ת"א, 1960.
„שפּאַרונעס אין האַרצן", לידער, פאַרלאַג טור אריה, ת"א, 1962.
„פון מיין אייגענעם פעלדז", לידער, באַלאַדן, משלים און עפּיגראַמען, אַרויס־
געגעבן פון ל. אָליצקי־קאָמיטעט, ת"א, 1964.
„לידער צו אַ ברודער" פון ברוך, ל. און מ. אָליצקי, פאַרלאַג „נחמני", 1964.
„וואָר און ווערן", לידער, פאַרלאַג „המנורה", ת"א, 1967.
„ישיבה־לייט", ראָמאַן, פאַרלאַג י. ל. פרץ, ת"א, 1968.
„אויף די ראַנדן פון תנ"ך", לידער און משלים, פאַרלאַג „אשל", 1969.
„צום זון אין צה"ל, לידער, פאַרלאַג „שקדיה", ת"א, 1969.
„אין שיין און שאָטן פון אייגענעם בוים", פאַרלאַג „שקדיה", ת"א, 1970.
„לבן בצה"ל", שירים ופואמות, ספרית הפועלים, ת"א, 1971.
„דודיה נפח" (בתרגום מיידיש), הוצאת „עם עובד", ת"א, 1968.

## איבערזעצונגען

„מיינע הונדערט קינדער", פון ל. קיכלער, פאַרלאַג „המנורה", ת"א, 1962.
„זכרונות פון אַ מאַראַן", פון ש. שאַפּיראָ, פאַרלאַג צ"פ פון פוילישע יידן
אין בוענאָס־איירעס, 1963.
„דער טייך גייט", דערציילונגען פון חיים הזז, פאַרלאַג „דער קוואַל", ניו־
יאָרק, 1964.
„פערזענלעכקייטן און פאָלק", פון ז. סאָקאָלאָוו, הספריה הציונית, ירושלים,
תשכ"ו.